The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, P...

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Sunday, May 2nd 1920 Vol. 2, No 57 זונטאג, מאי 2, 1920

רויטע ארמיי פארנעהמט באקו; פאליאקען נאהנט צו קיעוו

לאנדאן, מאי, 1 — לויט א דעפעשע פון ווארשא, האבען די פוילישע טרופען געהאט א גרויסען זיעג. די פוילישע ארמיי איז שוין ווייניגער פון 50 מייל פון קיעוו, ווארשא, זאגט די דעפעשע, פייערט דעם גרויסען זיעג.

אויף דעם צפון פראנט, האט די פוילישע ארמיי דערגרייכט דעם פונקט, וואו דער דניעפער און פריפעט גיסען זיך צוזאמען, און אויפ'ן דרום פראנט האבען די פאליאקען און די אוקראינער פארנומען ליטין און מאהילעוו.

ס'ווערט אפיציעל געמעלדעט, דאס דעם 28טען אפריל האבען די באלשעוויקעס פארנומען באקו, אויפ'ן מערב ברעג פון קאספישען ים, (באקו איז א וויכטיגער צענטער פון אויל פעלדער).

די יו. אר. וויל פסל'ענען וואהלען איבער קאוענס פלאן

אסיסטענט מענעדזשער פון דער די יו אר קא. מר. עלסווארט בוירדיק האט פרייטאג דערלאנגט אין סירקואיט קאורט א „ביטע" דאס דער געריכט זאל בטל מאכען די וואהלען פון לעצטען 5־טען אפריל ווען די היגע בירגער האבען גוט געהייסען קאוענס פלאן, ווייל זיי זענען ניט געווען געזעצליך אויסגעפיהרט.

לויט מר. בוירדיק, זענען דא צווישען די 139.361 אפגעגעבענע שטימען 90 פראצענט „אונגעזעצליכע" און די אנדערע 10 פראצענט ווייזען אז פאר קאוענס פלאן זענען דא ווייניגער פון די נויטיגע 60 פראצענט.

דער הויפט ארגומענט פון מר. בוירדיק'ען צו פסל'ענען די וואהלען איז, וואס די שטימען זענען ניט געווען געהיים, ווייל דאס פאפיער אויף וועלכען מען האט געשטימט, איז געווען אזוי דין דאס די אינספעקטארס האבען געקענט זעהן פאר וואס דער וועהלער האט געשטימט, אויסער דעם זאגט דער די יו אר פארטרעטער אז דער „באלאט" איז געווען געדרוקט ניט ווי געהעריג, ווייל די אינספעקטארס האבען שטענדיג געקענט וויסען ווי אזוי מ'האט געשטימט.

מר. בוירדיק האט צוגעשטעלט 14 אפידייוויטס וועלכע באשטעטיגען זיינע ארגומענטען.

געשלעג צווישען פאליציי און 1טער מאי-דעמאנסטראנטען אין פאריז

פאריז, מאי 1. — אין צוזאמענשטויסען, וואס זענען פארגעקומען צווישען פאליציי און דעמאנסטראנטען לכבוד דעם ערשטען מאי, זיינען צוויי פערזאן דערהרג'עט געווארען און מעהר פון 50 ...זיינען פארוואונדעט געווארען.

א צוזאמענשטויס איז פארגעקומען צווישען דער רעפובליקאנער גווארדיע, פאליציי און 2.000 דעמאנסטראנטען ארום 3 א זייגער אויף דעם בילוואר סט. ...באסטען. די אורזאך פון דיעזען צוזאמענשטויס איז געווען, וואס דער עולם האט גענומען אויספייפען די סטודענטען וועלכע האבען זיך פרייוויליג אונטערגענומען צו זיין סטרייק־ברעכער מיט דעם וואס זיי האבען אנגעטריבען אוטאָ־באסען. פאליציי און סאלדאטען זיינען אנגעקומען און מ'ט פלויזע שווערדען גענומען צוטרייבען דעם עולם און דערביי פיעל פון די דעמאנסטראנטען פארוואונדעט.

ארום 5.30 איז דער גאנצער פארקער אין גאנצען אפגעשטעלט געווארען.

דער מאי־סטרייק אויף די אייזענבאהנען איבער גאנץ פראנקרייך איז געווען א פאלשטענדיגער.

שטילע מאי-פייערונג איבער'ן גאנצען לאנד

ניו־יארק, מאי 1. — איבער פערציג טויזענד בא'לע האבען היינט מארשירט איבער דער 5טער עוועניו אין א „לאיאלטי" פאראד אויף צו יהבעים די מעאר היילען, ארציבישאף הייעס און ליוטענאנט דזשענעראל בולארד, האבען באאבאכטעט דעם פאראד.

די פאליציי האט צוטריבען א סאציאליסטישען מיטינג פון עטליכע הונדערט אין ראנדשעם סקוועיר. קיינע ערעס זיינען ניט געהאלטען געווארען. עס זיינען אויך קיינע פאראדען ניט פארגעקומען.

סאלעמענס אגענטען זאגען, אז זיי זיינען געווען די אינ'ציאטארס פון דער קאמוניסט'שער פארטיי, זיינען ארעסטירט געווארען אין סקרענטאן, פא.

סטרייקס געריפען אין דער מיטעל וועסט

שיקאגא, מאי 1 — דער ערשטער מאיטאג אין שיקאגא איז ארום אין אפגעגאנגען שטיל, טראץ דער שרעק פון דעפארטמענט אף דזשאסטיס אגענטען, וועלכע האבען נביאות געזאגט א רעוואלוציע.

אין פילע שטעדט זיינען געריפען געווארען סטרייקס, אבער אלעס איז צוגעגאנגען שטיל און רוהיג.

די מאי פייערונג אין דעטראיט

מערקווירדיג רוהיג איז צוגעגאנגען די מאי־פייערונג אין דעטראיט.

אין דער פריה האבען זיך טויזענדער סאציאליסטען צוזאמענגעקליבען אין דער „האוז אף דהי מאסעס", גרעשוואלד אין סט. אובין עוועניו, פון וואנען עס האט זיך אנגעפאנגען א שטילער פאראד צו'ם מאס־מיטינג אין סאשעל טורנער האל, ארענא גארדענס. ארום צוויי טויזענד מענשען האבען אנטייל גענומען אין פאראד. וועלכער בוים מאס־מיטינג אין ארענא גארדענס זיינען אנוועזענד געווען ארום 5 טויזענד מענשען.

דער מיטינג איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער קאמוניסטישער ארבייטער פארטיי. עס האבען גערעדט פאלגענדע רעדנער: אלבערט ע. רעגער, רעגינ'ס ע. באטט, ה. ביערענקאמפ, און אנדערע.

גרויס באגייסטערונג האט ארויסגערופען מר. באטט. ער האט געגעבען א קורצען איבערבליק איבער דעם געשיכט'ליכען קאמפף צווישען שקלאפען און פארשקלאפער, אנפאנגענדיג פון דעם שקלאפען אויפשטאנד אין אלטען רוים אונטער דער פיהרערשאפט פון ספארטא, ביז דער רוסישער רעוואלוציע.

צווישען אנדערעס האט מר. באטט געזאגט:

„דעטראיט האט א נאמען אלס די מאסקווע פון אמעריקא. עס קען זיין, אז עס איז אזוי. און מיר ווילען אויך לאזען וויסען אונזערע שונאים, אז אזוי וועט דעטראיט אויך זיין אין דער צוקונפט."

עס איז געמאכט געווארען א געלט־זאמלונג פאר קאמוניסטישער טעטיגקייט, הויפטזעכליך פאר דער באפרייאונג פון די פאליטישע ארעסט'רטע און כמעט יעדער איינער אין האל האט זיך וואדים אפגערופען און ביישטייער'ט צו דער זאמלונג. עס ווערט גערעכענט אז דיזאמלונג האט איינגעבראכט עטליכע טויזענד דאלאר.

די דעטראיטער סאציאל־דעמאקראטען האבען געפייערט זייער יום־טוב מיט א ...

פאליציי ארעסטירט 62 פארדעכטיגע רויטע לעצטען פרייטאג

איום שרעק, אז דעם ערשטען מאי וועלען פארקומען אומרוהען, האט די היגע פאליציי לעצטען פרייטאג ארעסטירט 62 פערזאן, איבער וועלכע זי האט געהאט א פארדאכט, אז זיי זיינען געפעהרליכע רויטע.

צווישען די ארעסטירטע געפינען זיך צוויי, ביי וועלכע די פאליציי האט געפונען געפעהרליכע „ליטעראטור". איינער פון זיי, 42 יאהר אלט פון 150 מילעט סט'ס, איז ארעסטירט געווארען, ווייל ער האט צוטה'ילט ציקולארען, וועלכע זיינען לויט דער מיינונג פון דער פאליציי געוואלד'ג אויפרייצענד. ער איז אנגעקלאגט געווארען אין „קרימינעלען סינדיקאליזם".

אויף אזא עהנליכער קלאגע איז ארעסטירט געווארען וויליאם ריקעטס, 28 יאהר אלט פון 225 גרעשאם עוו.

מאי סטרייק פון מיינערס אין נאווא סקאשיא, קענעדע

טאראנטא, מאי 1. — צוועלף טויזענד מיינערס זיינען היינט ארויס אין סטרייק אין סידני, נאווא סקאשיא דיסטריקט, אלס פראטעסט געגען דער פארארדנונג פון די ווינ'פעגער ארבייטער פיהרער.

עס ווערט אויך באריכטעט א דזשענעראל סטרייק פון בילדערס אין אטאווא.

יוסטיץ אגענטען האבען אנגעווענדט צארישע מעטאדען, זאגט פאסט'ס פארטיידיגער

וואשינגטאן, מאי 1 — נעכטען איז פארגעזעצט געווארען די אויספארשונג וועגען מר. פאסטס אדמיניסטראציע אין דער אנגעלעגענהייט פון דעפארטירען פרעמדע ראדיקאלען. דיעזע אדמיניסטראציע איז אי אטאקירט געווארען אי פארטיידיגט געווארען.

מר. דזשעקסאן ה. ראלסטאן פארטיידיגער פון מר. פאסט, האט ערקלערט אז די איינציגע שולד פון דעם אסיסטענט ארבייטס סעקרעטער איז, וואס ער „האט אנגעווענדט הומאניטעט און זיך געהאלטען ביי דעם פרינציפ, דאס נאר אין אייסער געוועהנליכע פאלען מעג א מענש אפגעריסען ווערען פון זיין פאמיליע און ארויסגעשיקט ווערען פונ'ם לאנד. מר. ראלסטאן האט דאן אטאקירט דעם יוסטיץ דעפארטמענט באהויפטענדיג, דאס זיינע אגענטען האבען אנגעווענדעט געגען ראדיקאלען אזעלכע מעטאדען וואס זענען אפילו ניט ערלויבט געווען אין רוסלאנד אונטער צארישען רעזשים.

קאנגרעסמאן דזשאנסאן פארזיצענדער פון דער קאמיטע האט ערקלערט, דאס עס זענען דא באווייזע אז די רעגירונגס פארזוכען צו פארניכטען „די גרעסטע קאנספיראציע אין דער געשיכטע פון דער נאציע" זיינען געווארען צונישט דורך דעם ארבייטס דעפארטמענט — איבערהויפט דורך מר. פאסט'ען ווען ער האט באפרייט דעם גרעסטען טייל פון די 500 ארעסטירטע קאמוניסטען.

היגער סטרייק-פיהרער קעהרט זיך אום צו דער ארבייט

ב. ב. דושיין, פארזיצענדער פון דער יארדמעסטערס דיוויזיע פון די יארדמען אסאסיאיישאן, האט זיך נעכטען אומגעקעהרט צו דער ארבייט ביי דער מישיגען סענטראל. ארום 25 סטרייקער האבען נאכגעפאלגט קיש'ינ'ען. צו דער מישיגען סענטראל זענען צוריק געקומען איינם פארלויף פון סטרייק ארום 45 ארבייטער, וועלכע האבען מיט איניגע וואכען צוריק פארלאזט זייערע פלעצער.

די באאמטע פון די איבריגע אייזענבאהנען גיבען איבער, דאס זייערע לאגע האט זיך ניט געב'טען.

די היגע עדיסאן קא. האט געלאזט וויסען, דאס פון נעכטען, דעם ערשטען מאי אן ווערט אויפגענומען דעם פארבאט פון באנוצען זיך מיט עלעקטריציטעט, און די פאבריקען וועלען קענען ארבייטען, ווי פריהער, איידער דער סטרייק איז ערקלעהרט געווארען.

מר. מארשאל, וויס פרעזידענט פון דער עדיסאן קא. האט ערקלעהרט, אז ניט קוקענדיג, דער קוילען־זאפאס פון דער קא. איז זעהר א קליינער, נעהמט דעם קא. דאך אראפ דעם עלעקטריציטעט פארבאט, ווייל די מאנופעקטשורערס און דיארבייטער האבען פיעל געליטען פאר די לעצטע צוויי וואכען.

סטרייק ניט געבראכען, ערקלעהרען סטרייקער

די היגע סטרייקער זאגען, דאס דושיי'ן'ס אומקעהרען זיך צו דער ארבייט מיינט ניט, אז דער סטרייק איז געבראכען אין דעטראיט. זיי וועלען היינט־מארגען פארשלאגען א צווייטען פארזיצענדער פון די יארדמעסטערס אויף זיין פלאץ.

א באאמטער פון דער נ'יער יוניאן האט ערקלעהרט פאלגענדעס וועגען דושיינ'ען:

איך בין אינפארמ'רט געווארען, אז דושיין איז אוועק צוריק ארבייטען, ווייל ער גלויבט, אז די רייזוער ליבאר באארד אין וואשינגטאן איז געצוואונגען דורך'ן געזעץ ניט צו פארהאנדלען מיט אונז, סיידען מיר זאלען זיך אומקעהרען צו דער ארבייט. אנדערע פארטייטשען דעם געזעץ אזוי, דאס ס'איז גאר ניט נויט'ג, דאס מיר זאלען זיין באשעפטיגט ביי דער ארבייט. מיר זענען מיט דער מיינונג, אז די באארד מעג און דארף מ'ט אונז פארהאנדלען".

איינגע פון די סטרייקער זוכען אנדע...

באנדיטען נעהמען צו 50 דאלאר, אנטלויפען אויף א מאטארסיקעל

נאכדעם ווי צוויי באנדיטען האבען בארויבט טיליע זשאראז 50 דאלאר אין איהר גראסערי סטאר, 923 טראמבלי עוו. דיזען פרייטאג, אום 8 אוהר אבענד האבען זיי אנטלאפען אויף א מאטארסייקל.

וויליאם ריקא, 415 מנקעט סטריט, האט איבערגעשראקען דריי באנדיטען, וועלכע האבען געמאכט א האלד אפ אויף איהם און זיך גענומען נאך זיי נאכיאגען ביז זי האבען אויגעשאסען אויף איהם, נור דאן האט ער אויפגעהערט זיי נאכצויאגען.

אין גיכען וועלען מיר אנפאנגען צו דרוקען א נייעם ראמאן.

וואטשט דעם „וועג"

עס וועט אייך פאראינטערעסירען פון אנפאנג אן.

ערמארדעט 5 פון זיינע 20 ווייבער

לאס אנדזשעלעס. קאל. מאי 1 — טשארלס ניומאן הארווי, האט נעכטען זיך מודה געווען. דאס ער האט פאראורזאכט דעם טויט פון 5 פון זיינע 20 ווייבער. ער האט ערקלעהרט דאס ער וועט זיך ערקלעהרען שולדיג. אין ערשטען גראד מארד. דער דיסטריקט אטוירני האט געזאגט, אז ער וועט פארלאנגען פון געריכט, דאס הארווי זאל פאר' משפט ווערען אויף לעבענסלענגליכע געפענגניס, אנשטאט טויט שטראף.

הארווי, דער מארדער „בלויע־באָרד־מערדער" ליגט איצט אין קאונטי האספיטאל. מיט א שוואכער שטימע האט ער זיך מודה געווען, דאס ער האט פאר די לעצטע 17 יאהר 20 מאל חתונה געהאט, און אז 5 פון זיינע פרויען זענען געשטארבען א דאנק איהם. 3 האט ער געטויטעט מיט זיינע הענט, די איבריגע צוויי זענען דערטרונקען געווארען, ווען זיי זענען געפאהרען מיט איהם אויף א שיפעל און ער האט זיך ניט געגעבען די קלענסטע מיה זיי צו ראטעווען.

די קערצערס פון די דריי פרויען וואס ער האט דערהרג'עט, שלאגענדיג זיי מיט א האמער איבער'ן קאפ, האט ער פארברענט.

הארווי, ווי ער דערצעהלט איצט, וויים ער ניט די אורזאך פון זיין מערדערישער ארבייט, ער זאגט נאר, דאס ער האט ניט געקענט זיך קאנטראלירען, ווייל איהם פלעגט באהערשען א בלוט־דארשטיגקייט. ס'פלעגט איהם, זאגט ער, אין דיעזע צייטען, אנכאפען א שטארקער באגעהר צו מארדען און זיינע פרויען איז איהם געווען גרינגער צו טויטען, ווי אנדערע פערזאנען.

הארווי פלעגט לעבען אונטער פארשיעדענע נעמען, ער איז אום געווען איבער גאנץ אמעריקא און קענעדע.

אנגעקלאגט איז ער געווארן אויף דעם חשד אז ער האט פאראורזאכט דעם טויט פון זיין פרוי בעטי פרייער, לעבען אלימפיע, וואשינגטאן, און זעענענדיג אונטער איינדרוק אז אין שטאט וואשינגטאן עקזיסטירט טויט שטראף. איז ער מרוצה געווארען צו מאגען זיין שרעקליגען „ודוי" אויב דער פראקוראטאר וועט איינווילליגען אויף לעבענסלענגליכע געפענגניש. אבער אזוי ווי ער ווערט אין קאליפארניע שטאט איצט געמשפט פארן הרג'ענען זיין פרוי ניגא, ליע דולאני, וועט ער צוגעמשפט ווערען צו טויט־שטראף, אויב דער ריכטער וועט ניט אננעהמען די רעקאמענדאציע פון פראסעקוטאר צו באשטראפען איהם מיט לעבענסלענגליכע געפענגניש.

הארווי האט געמאכט איינינע פארזוכען צו באגעהן זעלבסטמארד, זינט ער איז ארעסטירט. איצט ליגט ער צוגעשמידט צום בעט.

ער אי איצט זעהר נערוועז און האלט אין איין קרעכצען און שעפטשען: „איך מוז זיין משוגע" „איך מוז זיין משוגע".

ווען א קארעספאנדענט האט איהם דערצעהלט אז אין וואשינגטאן שטאט עקזיסטירט ניט קיין טויט שטראף, איז הארווי געווארען זעהר אומעטיג, איינגעגראבען דעם קאפ אין קישען און שרעקליך געזיפצט.

דער „וועג" רופט אן ארץ ישראל קאנפערענץ

היינטיגען דאנערסטאג אוונד, 6טער מאי ל"ג בעומר" וועט אין אפיס פון „וועג" אפגעהאלטען ווערען א קאנפערענץ צו באשטימען א טאג און דעם כאראקטער פון דער פייערונג ווי אזוי די גאנצע אידישע דעטראיט זאל עפענטליך דעמאנסטרירען איהר פרייד מיט דער גאולה פון אונזער לאנד.

בריעף זיינען ארויסגעשיקט געווארען צו פארטרעטער פון נאציאנאלער ארגאניזאציעס, און דער „וועג" האפט צו פאר־איינינגען אלע דעטראיטער אידען אז זיי זאלען אויף א גוט ארגאניזירטען אופן אין גיכען ארויסקומען מיט אלע קינדער פון די שוהלען און ת"ת, מיט זייערע פרויען און אלטע לייט און פייערען די גאולה. עס וועט גריי'ט דאס לאנד פאר'ן פאלק, און מיר ווילען צוגרייטען דאס פאלק פאר'ן לאנד.

די קאנפערענץ וועט דאנאך באקאנט מאכען א פארט'גען פלאן פון דער פייערונג.

...עט סיבירער רעגירונג גיט זיך אונטער

טאקיא, מאי 1 — דאס קריעגס מיניסטעריום מעלדעט, דאס דער פארשטעהענדער רוסיש־יאפאנעזישער אפמאך וועט נאכגעבען אלע פארדערונגען.

—::—

די אידען אין סלאוואקיען

אין סלאוואקיען ווערט די אידישע שפאר לעצטענס שטארק פארפאלגט. אויסלענדישע העבראישע און אידישע צייטונגען וואס ווערען ארויסגעשיקט צו די סלאוואקישע צייטונגען קומען נישט אן. די רעדאקציע פונ'ם "פראזשער טאגעבלאט" האט צוריקגעקראגען א נומער פון זיין צייטונג מיט אן אפיציעלער ערקלעהרונג "צייטונגען אין זשארגאן ווערען נישט אריינגעלאזען".

אין לימעריק

טיפערערי, אפריל 28 — 100 פערזאן האבען אטאקירט די באליאנדער פאליציי באראקען, אין לימעריק, און דערנאך ווי די פאליציי האט זיך אונטערגעגעבען האבען זיי פארכאפט געוועהר, אמוניציע און בייסיקלעס. זיי האבען דערנאך אונטערגעצונדען די באראקען.

די אטאקע האט געדויערט דריי שטונדען און באמבעס זענען געווארפען געווארען פון די אטאקירענדע אויף די פאליצי' באראקען.

פנחס יאסינאווסקי אין דעטראיט

דער בארימטער לידישער טענאר ה. פנחס יארינאווסקי וועט אויפטרעטען פרייטאג אוונט 4טען יוני אין מקלים־טער האל, אין א פראגראם פון אידישע פאלקס לידער.

יאסינאווסקי איז א געענדיגטער פון געטראגראדער קאנסערוואטאריע, באזיצט זעהר א זיסע טענאר שטימע און האט היינטיס יאהר זיך ערווארבען א גרויסען נאמען מיט זיינע רעקארדס ביי דער וויקטאר קא. וואס רעכענט זיך פאר דער בעסטער אין דער וועלט.

אין דעטראיט וועט יאסינאווסקי געבען בלויז איין אוונט פרייטאג דעם 4טען יוני.

פאלגענדע געלדער זיינען אריינגעבראכט געווארען אין אפיס פון פנקס רעליעף 490 הייסטינג סט.

דאנייששאנס

מר. גינזבורג 122 טהיאדאר סט. $10.00
י. ר. מארואל.
213 וואודוואורד עוו. $2.00
בעם וואונטנער.
2186 דזשאזעף קאמפאו. $3.00
געזאמעלט אויף א פארטי,
914 אקלאנד — $21.15
פון נארד וועסטערן תלמוד תורה — $10.00
אויף תנאים ביי מיסס קודינסקי און מר. פאלאק, 322 הענדרי סט. — $20.00
דעטראיטער אינוועסטמענט אסס'ן אלס מיטגליעד ביישטייערט — $25.00
געזאמעלט דורך אסתר עלקונין, 256 קענילווארט — $70.00

CLASSIFIED

א סטרענדזשער פון ניו יארק האט איבערגעלאזען א סעטשעל מיט א קליין פעקעל אין א אידישע גראָ־סערי, געדענקט ניט די סטריט און דעם נאמען פון דעם גראָסערי קי־פער. ביטע צו מעלדען צו מר, ניומען 557¼ האווארד.

קאַנפעקשאָנערי און אייז קרים סטאָר און איין 6 רום הויז אין פוילישען געגענד לעבען סקוהלס, שעהנער סטאק און פיקטשורס, זי־כער א לעבען צו מאכען, מוז פאר־קויפט ווערען מיט'ן בילדינג, 4500 דאלאר איינצאהלען, נאכפרע־גען אין אָפיס פון „וועג" באקס 60,

פארלאנגט א גוטער סיילסמאן צו טרייבען א מאשין פאר א קרי־מערי סטאָר, סעלערי און קאמישאָן, פרעגען: איסטערן דיירי קאמפ. 381 ווינדער סטריט,

פארלאַנגט סיילסלידים פאר א שוה סטאָר, סטעדי פאזישאָן, גוט באצאהלט, קיינע אָנענדען אויסער שבת. פרעגט נאָך: 558 גרעשיאט,

קענדי און סטיישאָנערי סטאָר צו פארקויפען. היילט זיך אונטער פאר דעם זומער סיזאן, פרעגען: מר, אללען, 31 לינן סט, (אוקלאנד)

צו פארענטען א רום צו א קאפעל מיט איינגענעם בעדרום סעט. נאכפרעגען גאלדסטיין, 2028 ראָ־סעל, לעבען האלבּרום,

א פאפ שאפ צו פארקויפען, זעהר גוט געהענדע ביזנעס. מוז פארלאָזען צוליעב קראנקהייט. $8.000 קען דאס הענדלען. פרעגען אין „וועג" באקס 34.

צו פארענטען א סטאָר. קארנער ווילים און הייסטינגס, א גוטער לאָקיישאָן פאר ביזנעס. פרעגען ביי מר. ב. ראָזענבערג, 150 פרעדעריק.

צו פארקויפען א לאנטש טראָק צו־זאמען מיט א גוטען איינגעטרייטען סטענד, איינקאם ביז $75 א טאג אור־זאכע א פרוי אליין און קען ניטאטענ־דען פרעגען; 186 בענטאן סט.

גראָסערי און קרימערי צו פארקוי־פען אין איין ביזע לאָקיישאָן, אידישע און קריסטליכע טרייד. טהוט גאר קעש ביזנעס. אורזאכע פארלאָזט דעטראָיט. נאכפרעגען ביי ה. מאָרדיס, 195 דעלמאר עוו. ניער וועסטמינסטער.

צו פארקויפען א גראָסערי, איינגאמע פון $600 ביז $700 א וואך. אין א גוטען געגענד. פרעגען: 346 הענדרי, אפארטמענט 7, מר. דאפ־פאָפאָרט.

א בעל קוראָה פארלאנגט אין קאנ־גרעגיישאָן בני יעקב; 152 איללינאָיז סט. פרעגען אין קאנגרעגיישאָן.

Real Estate

מיר האָבען א סך סינגעל הייזער אין אוקלאנד סעקשאָן און הארפער סעקשאָן, ארום דעם נייבארהוד. $2.000 און $3.000 איינצאהלען. לייכטע טערמס,, קומט אין 186 נארפיעלד, 10 אזייגער אין דער פריה.

צו פארקיפען א 4 פאמיליע הויז אויף נארפיעלד עוו. נעבען ענט־ווין, $3.000 איינצאהלען. קומט היינט פריה, נאך 10 אזייגער אין 186 נארפיעלד.

צו פארקויפען א 5 אפארטמענט אויף קארנער טשאהן־אר. און הערמאן עוו., צו 6 מאדערנע רומס. קען געקויפט ווערען מיט $6.000 איינצאהלען, גוטע טערמס. קומט היינט פריה, 10 אזייגער אין 186 נארפיעלד, נעבען ענטווין.

4 **פאמיליע** אויף נארפיעלד מיט 3 טוזענד קעש. קעניגער 186 קענפיעלד איסט.

8 **און 10 רום הייזער** מיט 2 און 3 טויזענד דאלאר קעש. פרעגען: עקניגער 186.

Real Estate

א 12 פאמיליע אפארטמענט צו פארקויפען, סאליד בריק, אין 370 אלעקזאנדרין איסט. איין בלאק פון הייסטינגס. דריי יאָהר געבילט. $44.000 פרייז, $7.000 איינצאהלען, מאנאטליכע פיימענטס, 225. איינ־נאהמע יעדען מאנאט $400. קוי־פערס זיינען געבעטען אנקוקען דעם אפארטמענט. דער איימענטי־מער וואהנט אין 38 קארדאָניא צווישען אלגיער און האלברוק.

צו פארקויפען א 4 פאמילי סאליד בריק. קארנער דזשאן אר און הארמאָן, מיט 6 טויזענד קעש. פאר דעם שנעלען קויפער, פרעגען קעניגער, 186 קענפילד, איסט.

קארנער לאט אין רעספעקטעד נייבארהוד, פאר סייל, אויף ב טהוירד און מעריק, וועט פארקויפט ווערען ביליג. פרעגען: 1421 ישען סטריט מעלראָז 3197 ראבליו.

קענפיעלד איסט. קומט זונטאג נאך 9 אין דער פריה, און איך גאראנ־טיר אייך א ריכטיגען בארגען מיט א סקוועער דיעל אלס א מעמבער פון דעטראָיט ריעל עסטייט בראָ־קערס אסס'ן, מיינען מיר נאר טסריקט ביזנעס.

צו פארקויפען א 4 פאמילי הויז און א סטאָר אין דעלמאר, נעהמט אריין רענט $150 א מאנאט. פרייז 10,500 איינצאהלען $3300, פרעגען: סידאר 1409 אר.

2 **פעמילי פלעט** אויף ווייליס לעבען מט. עליאט און גרעשיאט, צו 5 רומס מיט א באד, קווארטער בייס־מענט און גאראדזש. פרייז: $6650 — $4500 קעש און די באלאנס $50 מיט אינטערעסט יעדע 6 מאנאט. איך האב אויך א

סינגעל 7 רום הויז מיט 4 בעד רומס פוירנים. אויף פארעסט, לעבען מט. עליאט. $7300 — $2000 קעש און $50 א מאנאט. רופט: מעלראָז, 980 רושוי, 1125 פארעסט איסט.

צו פארקויפען 2 פעמילי הויז, 6 רומס יעדע, און א סינגעל גאראדזש, **א בארגען** אלע אימפראָוומענטס, צוויי בלאק פון גרענד ריווער און פון גרענד בולווארד. פרייז $13,000 $4,500 איינצאהלען, $125 רענט א מאנאט, רופט אפ: נארטוועי 2930, עס.

Reliable Store Fixture Co.

מיר האָבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאָר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און נעיוזטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד־לונג. 2 סטאָרס.

ריעלייבל סטאָר פיקטשור קאָ

305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קארילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קארילאק 4924 עס.

דער בעסטער מוהל אין שטאָט און מסדר קידושין

חזן דוד גאָלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאָן, מעין 4420

גיט אייערע קינדער א מאדערנע אידי־שע ערציהונג שיקט זיי אין דער מענ־דעלע פאלקס שולע 204 איסט הענ־קאָק. עס ווערען געעפענט נייע קלאַ־סען פאר אנפאנגערס, אויך שילער פיר די העכערע קלאסען, און שולע לע־רענט מען אידיש העברעאיש. געשיכ־טע און לענענדען, די שולע איז אפען יעדען טאג פון 4 ביז 7 זונטאג פון 9 ביז 12.30

אוקלאנדער אידען פיסטען זייערע **ציהן** ביי

Dr. H. Goodman

דענטיסט
נעמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

פארד קארס און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר קויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינ'ים

DURAND

האט א 25 יאהריגע רעפּוטאציע. נע־מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פרובירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט די־ראנד ביי אייער דיילער.

DAVIS CIGAR MFG CO

געמאכט אין דעטראָיט.

קאפלאן'ס בארגין סטאָר

483 הייסטינגס סטריט

נעמט איהר קויפען אלעס פון די פאר־געגדע לייגס:

קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, סוי־טענס; טייבעל קאווערס; שעמס א־הקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענ־די אנדערוועהר און קארסעטס. מענר פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בייס סוטס און קאוטס א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס מייקערס טרימינגס.

צו אלע דעטראיטער פעדלערס:

— די —

סטענדערד בארעל קאָ.
האט געמופט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאָן סט.
טעל. טשערי 8158

מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באַעלס.

דוד האפמאן, מענעדושער

שעכטער'ס דראָג סטאָר

477 הייסטינגס סט.
טעלעפאָן, טשערי 5763

פרעסקריפשאָנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט

צו יעדער צייט

דר .לע. בעיל ער

ספעציאליסט אויף אויגען, אויערען, נאז און האלדז קראנקהייטען 164 גרעשיאט עוו קאפפין טעאטער בלדג. טעל. מעין 2702

מאושען־פיקטשור אפרייטארס

לערענט זיך פאר

לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע ווירדשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.

Movie Operator's School
33 Sproat St

מאָנטאג, מיטוואך און פרייטאג: 7:30 אבענד.

ווי קען איך אנטוועגען מיין בייבי?

דאס איז א וויכטיגע פראגע פאר יעדע מוטער וואס זויגט איהר בייבי. דער בעסטער וועג איז צו אנטוועהנען א בייבי לאנגזאם — נעהן דארף אנפאנגען פון זיבעטען מאנאט און געבען דעם בייבי צוויי מאָל עוויי באטעלס שפייז דורך'ן טאג. און נאכ'ן פערטען פערגרעסערען די צאהל פון שפייז באטעלס ביז דאס קינד געוועהנט זיך אב פון'ם זויגען די ברוסט.

Borden's EAGLE BRAND (CONDENSED MILK)

איז אזוי ענליך צו מוטערס־מילך אין טעם און אין לייכטע פערדייאונג אז עס קען געבען אמאל ריעזעלייך און אמא' ביהבי בייבי זיי דיעט אנטוועהנען וועט נאכ־הער זיין א גאנץ גייבטע זאך.

אינזער בייבי בוך וואס דאלט בייראַטרינגען לייזעס. ערקלערט אייך דייטליך ווי צו אנטוועהנען אייער בייבי. אויך פולע שפייז אינסטרוקשאנס געשריבען אין אידיש. מיר וועלען אייך שיקען בייז'ן זאכען פריי, אויב איהר וועט אונז שיקען היינט דעם קופאן.

איגעל ברענד, געמאכט פון די בעסטע קוואליטי קוהמילך און געמאכטענעם צוקער. איז דאס בעסטע פיר'ן טייש און קאכען און באקען — היינט א. ין היינט און געברויכט עס פיר איע צווערען פיר ווערבע איהר האט געברויכט גע־וועהנליכע מילך און צוקער. טייעט עס אין קאפעאורד.

צו בעקומען אין יעדען גוטען דראג ארער גראסערי סטאר

קויפט לייבעל און נאמען און אייער גאראנטי

The Borden Company
108 HUDSON STREET
NEW YORK

Mrs ....
Street ....
City ....
State ....

בייבי וועלפער בוך
רעסיפי בוך

עטאבלירט 1857

אנדערע בארדען פראדוקטען:

בארדען'ס מאלטעד מילך — בארדען'ס מילך טשאקאלאד
בארדען'ס קאנדענסד קאפע — בארדען'ס איוואַפּאָרייטעד מילך

צום דעטראיטער־פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון איינענעס יעלכע קאפשמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, זהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך אונטערזוכען און וויסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. זעהט צו אייער גוט באקאנטען

Frosh O. D.
אָפטאָמעטריסט

אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטנגס סט. קעגענאיבער עהרליך"ס דזשולערי סטאָר.

— באקאנטמאכונג —
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
ווייט רי לעצטע 20 יאָהר
האט געמופט פון 263 פארנסווארט
אין
140 מינדרורי, קאָר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

דר. ה. סטאריקאָף

דענטיסט

דער פלאַץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.

490 הייסטינגס סטריט

בעקאנטמאַכונג

פון דער באַוואוסטער דזשולערי פירמא

מאָע עהרליך

אונזער סטאָר וועט פון היינט אָן און ווייטער זיין

זונטאג געשלאָסען

מיר בעטען אונזערע קאסטימער דאס צו נעהמען אין אכט.

אכטונגספול

MOE EHRLICH

הייסטינגס און ערעמס

Bricker Bros
75 Grand River
Cherry 3718
FURS

איהר קענט איצט קויפען ספרינג פוירס און פויר קאוטס פאר פרייזען וואס וועלען זיך דאובלען אין פאל סיזאן. קומט אריין און באקענט זיך מיט אונז

בריקער בראָס.

רעוו. ל. ד. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(ואיקלאנד)

נעהמט אָ סדור קידושין

אין אנדערע שמחות מיט די בעסטע צופרידענהייט.

511 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

TELEPHONE CANAL 162

Vienna Sausage Mfg. Co.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Smoked & Pickled Beef, Tongues, Etc.
U. S. INSPECTION ESTABLISHMENT
1215-1217 S. HALSTED ST — CHICAGO

אינזערע

דעטראיטער אגענטען

זיינען

דזשיי לעפקאָווסקי און סאָנס
בראָדוויי מאַרקעט

לאיער מתתיהו ליסס האט גע־עפענט א בערנעט אפיס פאר די אווענ־רען אין 325 וועסטמינסטער סט. טעל העמלאק 533 ראבליו דאן מאן אפיס. 928 טשעמבער אף קאממערס בלרג. סטייט אין גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978



ווילט איהר סיווען פראָצ. 30?

ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ראנס, בעדינגס, פאנאוראפס און לעמפס

— דאן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האָבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז

קעש אדער קרעדיט

638 גרעשיאט עוו. — מעלראָז 4985

ווילט איהר אייערע

טלעסער, שליסלען קארפענ־טער זעגען, טולס און אנדערע

ארבייט

ניט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו

מ. דאמניטץ

245 מאנטקאלססט.

ווארע ביליג פאר סטאָר־קי־פערס און פעדלערס

ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס

מאַקס ראָזינסקי

353-355 הייסטינגס, קאָר. קאָלומביא

מט. קלעמענס

זייט געזונט

און פארברענגט אייער זומער וואקיי־שאָן אין מאונט קלעמענס, און אז שוין אין מאונט קלעמענס וועט איהר סטאָפּען אין

Elkins Hotel

100 רומס, דיינינג רום פאר 300 לייט. א רפואה פאר קראנקע, א פאר־געניגען פאר געזונטע.

ס'ניט נערוועזן אז איהר מוזט האָ־בען טויזענדער צו זיין אין מט. קלע־מענס

ניו ווילא האָטעל

וועט אייך רעכענען $25 א וואך און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס קאנעקטעד מיט א פעסערוש צו די פּלאַזא בעדער. שרייבט נאך איינצעל־הייטען צום פּראָפּריעטאָר ה. קראוז.

ריווערסייד האָטעל

(געוועזענער פארק ענעקס)

מט. קלעמענס, איננאנצען רעמאָ־דעלירט, עפענט זיך 1־טען מאי,

150 רומס, דיינינג רום פאר 300. דאס אידעלסטע פלאַץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע. שרייבט נאך איינצעלהייטען.

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

קוואסעלאָזו און קאָטליערס

האָלסייל און ריטייל

דריי גודס, מענס און לײדיס פוירנישינגס, ניזי גודס א. ז. וו.

454 הייסטיננס סטריט

The Cadillac Theater
OPP. HOTEL CADILLAC
Sam Levey, Mgr.
SMART BURLESQUE

דיעזע וואך
— די —
„אייגען עפענער"
וועלכע האבען גע־מאכט א גרויסען „היט" און אנפאנג פון דיזען סיזאן קו מען אויף זייער צו ריקומענס דיזע וואך די בעסטע סטידזש פראדאקשאן וואס ווינען דאָ.

Hacks Spring Style Shoes

העק'ס ספרינג סטייל שיך

זיינען די העכסטע קוואליטי אין שוהווארג, וואס מענשליכע הענד און מאדערנע מאשינערי האבען ווען געשאפען

הונדערטער מענשען פון אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט, בעוואונדערען מיט ערשטוינונג אונזערע 5 גרויסע שאו ווינ־דאוס מיט די פראכטפאלסטע סטיילס שוהס.

פאר מענער, פרויען און קינדער

וואס איז נאר ווען געצייגט געווארען אין דעטראיט. אונזערע שוהס זיינען אין נעוועזען אנערקענט אלס די בעסטע אין סטייל און קוואליטי, אבער דיעזען סיזאן איבערטרעפען זיי אלע ערוואַרטונגען. איהר מוזט זיי זעלבסט זעהן אום זייער ווערטה ריכטיג אב־צושאצען.

פאר מענער 5.00 ביז 18.00; פאר פרויען 5.00 ביז 16.50; פאר באיס 3.50 ביז 7.50; פאר גירלס 3.50 ביז 10.00; פאר קינדער פון 75 סענט ביז 5.00 די פאאר.

The Store on the Corner that does Business on the Square

העק'ס שוה קאָ.

1045-1047 הייסטינגס סטריט
קארנער פארנסווארטה

ווי אזוי קען דיזע באנק באהויפטען צו צאהלען 5 פראצענט אויף אייערע סייווינגס

?

אן ערקלערונג וועגען דער פאליסי

Jas. A. Hoyt

President

די סומע געלט וואס מיר האבען פארליהען אין 1919, האט באטראפען דריי מיליאן דאלאר $3.000.000

דער פראצענט פון פארלוסט דורך דעם יאהר 1919 איז געווען כמעט גאר ניט.

הלוואות וואס מיר האבען איצטער באטרעפען איבער $3.500.000

* * *

דיזע געלדער פארליהען מיר אויף דעם מאריס פלאן, פונקט ווי אנדערע בענק טוען דאס אויף ריעל עסטייט. — עס רעפרעזענטירט מיט זיך די סייווינגס פון פלייסיגע אויס גערעכענטע מענשען.

איהר געפינט אלזא אז אונזער ערפאלג איז די אורזאכע פאר וואס מיר קענען צאהלען 5 פראצענט, ווייל חוץ דיס - קאונט, קירעווען זיך די געלדער ביי אונז איבער יעדע וואך און ווערען נארמאל פארליהען אויף וועכענטליכע און מא- נאטליכע צאהלונגען, דעריבער אלזא קענען מיר אפארדען צו צאהלען 5 פראצענט.

אונזערע באאמטע און פארוואלטער באווייזען דעם כאראקטער פון דער באנק, וואס איז ארגאניזירט און ווערט אפערירט אונטער דער אינדאסטריעל באנק או. מישיגאן.

* * *

סערטיפיקאטס קענען געקויפט ווערען פאר $50, $100, און $500 אדער עהנליכע סומען.

זיי קענען אויך געקויפט ווערען אויף א באזיס פון אפ- צאהלונגען אויף וואס איהר באקומט 5 פראצענט אויב דאס ליגט ביי אונז 90 טעג. אייער געלט קענט איהר ארויסצי- הען צו יעדער צייט אין איינקלאנג מיט די טערמס פון איי- ער סערטיפיקאט.

יעדען טאג קומט אונז אויס צו האבען ווי מען פרעגט אונז: „ווי אזוי קענט איהר צאהלען פינף פראצענט אויף סיי ווינגס?

עס איז דעריבער די אויפגאבע פון דיזער ערקלערונג קלאהר צו מאכען ווי אזוי אונזער אינסטיטושאן ארבעט און דאס וועט שוין פארענטפערען די שווערע פראגע.

דיזע באנק טוט א גרויסען וואליום ביזנעס טעגליך מיט קאמערשעל קאנסערנס און איינבעלנע מענשען.

איינע פון די פרינציפען פון דער באנק איז צו בארגען געלט אויפן מארים פלאן. די לייטע מיט וועמען מי רטוען ביזנעס זענען מענער און פרויען פון גוטען כאראקטער. — די בעסטע קאסטימער אין דער וועלט.

זיי בארגען געלט פאר לעגיטימע צוועקען ווי צום ביי- שפיעל: —

צו פינאנסירען זייערע געשעפטען.

צו דיסקאונטען בילס
צו צאהלען חובות.
צו קויפען א היים.

די נויטווענדיגקייט פון דער הלוואה דארף איבער - צייגט ווערען צו אונזער קאמיטעט.

אויב דאס קען ניט באוויזען ווערען ווערט די הלוואה ענטזאגט קורץ און שארף.

דיזע לייטע געבען אונז זייערע נאוטס, ריכטיג ענדאר סירט פון צוויי קא-מייקערס, (גוט זאגערס), אדער דורך א גו טען ווערטפולען משכן. אויף אזא פארזיכערונג (סעקיורי - טי) בארגען מיר געלט און מיר רעכנען 6 פראצענט און אויך אן אינוועסטיגיישאן פי. זיי צאהלען אונז צוריק אין פארלויף פון א יאהר דורך וועכענטליכע אדער מאנאטלי - כע אפצאהלונגען.

Industrial Bank of Detroit

207 Griswold St **First Floor Farwell Bldg**

Capital: $500,000.00 **Resources: $4,160,000.00**

OFFICERS

Chairman of the Board........EUGENE W. LEWIS
President....................JAMES A. HOYT
Vice-President...............FRANK P. JOHNSTON
Vice-President...............FRED G. AUSTIN
Vice-President...............S. T. CRAPO
Secretary....................R. H. DOUGHTY
Treasurer....................G. F. TURNBULL
Assistant Treasurer..........A. G. ROPP
Assistant Treasurer..........H. C. SPARKS

DIRECTORS

H. W. ALDEN
FRED G. AUSTIN
HOWARD BONBRIGHT
FRANK W. BROOKS
LEO M. BUTZEL
HUG HCHALMERS
S. T. CRAPO
R. H. DOUGHTY
COLEMAN DU PONT
GEO. E. EDMUNDS
C. A. GRINNELL
J. F. HARTZ
JAMES G. HEASLET
JAMES M. HIBBARD
JAMES A. HOYT
FRANK W. HUBBARD
W. H. JENNINGS
HARRY M. JEWETT
FRANK P. JOHNSTON
JULIAN H. KROLIK
EUGENE W. LEWIS
E. E. MAC CRONE
PHELPS NEWBERRY
WITTER J. PEABODY
WITTER J. PEABODY
M. L. PULCHER
JOHN G. RUMNEY
WM. E. WOODWARD

Attorneys, STEVENSON, CARPENTER, BUTZEL & BACKUS

די שנארער זיינען ניט שולדיג

וואס זייער אסיפה האט ניט געקענט זיין דער לייבאר לייסעאום באזאר האט פאר גומען אלע חדרים, און דעם דעם שנארער חדר אויך בתוכם, נאר אזוי ווי, עס האבען זיך געיאוועט אן ערך פון א הונדערט און פופציג שנארער, דער מיניסטער פון אינערליכע און אויסערליכע אנגעלעגנ- הייטען איבערגעגעבען די מאמענט פאטא גראפיעס. און די שנארער האבען געמוזט עס אויפכאפען על רגל אחת)מיט איין אויער.(

היינט אווענט וועלען מיר הייסט עס
היינט אווענט וועלען מיר הייסט עס האבען א חדר מט תלמידים, און דער גר- טער באקאנטער ג. מאלאמוטעט דרשה- נען איבער דעם ענין „דאס אידישע פאלקס ליעדאין אלערליי צייטען"

די שנארער.

דער יאהרעספעסט פון דער לידיעס עק- זילערי פאר דער ווילקינס סט. תלמוד תורה.

די לידיעס עקזילערי פון ווילקינס סטריט תלמוד תורה, האט געפייערט איהר יאהרעספעסט מיט א קאנצערט און פעקערדזש פארטי, זונטאג דעם 18־טען אפריל, אין אודיטאריאום פון ווילקינס סטריט תלמוד תורה.

דאס היגע וואונדער קינד קאהן, האט פראכטפאל שעהן געזונגען אונטער דער אקאמפאנימענט פון דעם בארימטען קאהן'ס ארקעסטער. מר. האלסקין האט געהאלטען א פראכטפולע רעדע.

אויף דיעזען אווענט האט די לידיעס עקזילערי געשענק א סורפרייז־פרעזענט צו דער ווילקינס סטריט תלמוד תורה. דער פרעזענט איז באשטאנען פון א ווייסען פרוכת, א ווייסע טישטוך און צוויי פראכטפולע ווייסע מענטעלאך.

פאר אויפהענגען דעם פרוכת, האט מרס. שולץ פון 149 פאלמער מנדב גע- ווען 50 דאלער; פאר אוועקלעגען דעם טישטוך אויף דעם בימה־טיש, האט מרס. שרייבער פון 668 בראש סט. ביינעשטיי- ערס 30 דאלער; פאר'ן אנטאן איינע פון די מענטעלאך האט מרס. לאס פון 888 בראש סט. מנדב געווען 21 דאלער; פאר'ן אנטאן א צווייטען מענטעלע, האט מרס. פיינמאן פון 468 ענווייו סט. מנדב געווען 20 דאלער.

צו אלע ארטיקלען וואס די ווירדיגע מעמבערס און אויך אויטסיידיגע האבען ביינעשטייערט צו דער פעקעדזש פארדי, איז פארקויפט געווארען פון דעם באר- וואוסטען מר. האלסקין.

די פולע איינאמע פון דיעזען אווענט איז געווען 306,66 דאל. דאס געלט איז דורך א קאמיטע איבערגעגעבען געווארען צו דער ווילקינס סטריט תלמוד תורה.

טשערמאן פון דער פעקעדזש פארדי איז געווען מר. מאיר קאטצין 577 בוביען סט. די גאנצע צערעמאניע איז דורכגע- פיהרט געווארען פון די פאלגענדע אפי- סערס און קאמיטע פון דער לידיעס עקזילערי:

מרס. טויבע קאטצין, פרעזידענט 577 בוביען סט.

מרס. חיה ליוואי, וויס־פרעזידענט 671 3־טע עוו.

מרס. בעסי קונין, פינאנס סעקרעטער 142 בענטאן סט.

מרס. פאלאק, רעקארדינג סעקרעטאר 172 ווינדער סט.

מרס. ענ' וויינגארדין, טעושורער 495 לינקאלן עוו.

טראסטיעס:

מרס. אסתר שאפירא, 270 אלפרעד.
מרס. ליא בערלין, 44 דעלמאר.
מרס. מאגע ווין, 145 ערלייד.

קאמיטע:

מרס. אסתר לעוו.
מרס. סמיטה.
מרס. מילער.

5,000 דאל. באנדיט ארעסטירט

די אינגע פאליציי גלויבט, אז זי האט יעצט ארעסטירט די באנדיטען וואס האבען אין צוויהאלד אפס געמאכט 5 טויזענד דאלאר.

די ארעסטירטע זיינען: טשארלס באוערס, דזשיימס דעמאט, טשארלס פעטראל, פרענק סטיוארד און הערי אלסאן.

די פאליציי גלויבט, אז דיזע חברה לייט האבען בארויבט דעם קאלעקטאר הערי מעקולאם פון 3,000 דאל. און צוויי טויזענד דאלאר ביי א צווייטען.

פייער פארניכטעט ווינדזאר האטעל

א פייער האט נעכטען אין דער פריה פאקטיש פארניכטעט די געביידע פון דעם אינטערנעשיאנאל האטעל, ווינדזאר. 20 געסט זיינען דורך די פענסטער ארויסגעראטעוועט געווארען אין זייערע נאכטקליידער.

דער פייער האט זיך אנגעפאנגען ארום פיער אזייגער פארטאג. די אורזאכע פון דעם פייער איז נאך ניט באוואוסט. עס ווערט געשאצט, אז דער שאדען באטרעפט ארום הונדערט טויזענד דאלאר.

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

ניט קיין קאמפלימענט

מבח דער ארבייט פאר אוקראינער אידען אין דעטראיט

פאר דער קורצער צייט זינט איך שטעה ביים רודער פון דיזער צייטונג איז מיר שוין איינגעקומען זעהר א סך קאמפלימענטען צו מאכען דער דעטראיט'ער אידישער גאס.

איך האב עס במעט געטאן סיסטעמאטיש: געגאנגען פון איין אינסטיטוט צים אנדערען, באזוכט איין אנשטאלט נאכ'ן צווייטען, אייגע כאפט די שעהנסטע איינפיהרונגען, די ליבענסווערטע מעשים און זיי באשריבען און ראוזיגער פארב; איינגעפלאכטען ברילליאנטען אין דעם קנ"ט פון כלל ישראל אין מדינת דעטראיט.

האט זיך מיר אבער איין מאל פארגלוסט א בליק צו טאן אין דער ארבייט וואס ווערט דא געפלאנט'עט פארצונעהמען פאר די אוקראינער אידען און פון דאנען האב איך שוין קיין אינספיראציע נישט אנגעשעפט פאר ליבע לידעלעך און פאר קאמפלימענטען.

ביטער בין איך ענטוישט געווארען. ווען איך בין פאר לעצטען דאנערשטאג אויף דערנאכט אריינגעקומען אין א חדר אין דייבאר הייסקאמ, וואו די טוער פאר אוקראינער אידען האבען זיך צים צווייטען מאל פארזאמעלט.

ענטוישט — מעהר נישט ווי ענטוישט בין איך געווארען?

ניין! מעהר ווי דאס!

א פארדרוס און א פינסטערער צער האט מיך ארומגעכאפט. איך האב דערפיהלט א מאדנעם וועהטאג אויף דעם אומגליקליכען גורל פון יענעם טייל אידען פון וועלכע עס דערטראגען זיך צו אונז דערשטיקטע גסיסה־קולות.

איך גופא בין שוין א האלב קראנקער אהין געקומען. פון דארטען בין איך גלייך אהיים אוועק, פון וואנען איך האב א וואך צייט נישט גע־קענט ארויסגעהן. די „גריפ" האט מיך אפגעהאלטען נישט ארויסצושריי־בען באלד אויף מארגען דעם צער אין דעם ביטערען ווייה. וואס איך האב דערפיהלט וועגענדיג איבערדעם מיטינג — אייב מען קען א צונויפקום פון א 6 אדער 8 מענשען אנרופען מיטינג.

זעקס, אדער אכט מענשען!

וויפיעל דעטראיט'ער אידען האבען קרובים, חברים, אדער עלטערען אין אוקראינע?

אמת, עס איז יענעם דאנערשטאג א שלעכט וועטער געווען.

אבער איך שטעל זיך פאר, אז אט איז געקומען די שעה, ווען די גרע־ניצען האבען זיך געעפענט, און צו ברוך'ען, אדער צו זרח'ן איז א קרוב, א חבר אריבערגעקומען פון דער גרויזאמער אוקראינע.

און דער קרוב, אדער חבר פרעגט דעם דעטראיט'ער אידען: — „זאג מיר, פריינד, וואס האסטו געטאן פאר מיר יענעם טאג, ווען איך בין געלע־גען ערגעץ אין א פינסטערען וואלד און האב ווי א ווילדע חיה געגריזשעט די קארע פון די ביימער? וואס האסטו געטאן פאר מיר, ווען הוליגאנעס האבען מיין לייב מיט אייזערנע ריטער געדראשען און מיט מיין בלוט די גאסען שטיינער געוואשען? וואס האסטו געטאן פאר מיר דעמאלט, ווען די הידאמאקעס האבען מיין כשר'ע בתולה געשענדעט און מיין פרוי מיר אין די אויגען פארגוואלטיגט? — — — וואס חבר, פריינד, אדער ר' קרוב האסט איהר געטאן דעמאלט פאר מיר?"

אידער דעטראיט'ער ר' קרוב וועט זיך א רייב טאן דעם שטערען און וועט זיך דערמאהנען, אז יענעם אווענט איז א נאס וועטער געווען, א רעגען האט געשמיסען און ער האט נים געוואלט איינגעצען זיינע 15 דאַ־לארדיגע שיך, האט ער בעסער ארונגעשירט א פיקערגיים ביי זיך אין דר'היים; מען האט געטרונקען א ווארים גלעזעל טעה און מען האט זיך גרויסארטיג אמוזירט.

און אייב א בייסענדע, חרטה וועט נישט ארומכאפען דעם דעטראיט'ער ר' קרוב און אייב עס וועט איהם נישט טאטשען און גריזשען ווי א ווארים דאס געוויסען, איז א סימן אז דאס געוויסען ביים ר' קרוב פון דעטראיט איז פארגאסען געווארען מיט פעטס און אז דערטרונקען געווארען איז זיין געוויסען אין דעם ים פון די דאלארס און סענטען און אז זיין נשמה איז ביים טייוועל פאר'משכון'ט.

איך האב זיך יענעם אווענט געשעמט.

איך האב זיך געטראכט: וואס וואלטען געזאגט די אוקראינער אידען אין אוקראינע ווען זיי ווייסען ווי אזוי די דעטראיט'ער אוקראינער אידען זאר־גען וועגען זיי.

שמאך און שאנדע!

עס איז א קאַטאוובדא!

איין ברודער טרינקט זיך אין בלוט און אין טרעהרען און א צווייטער ברודער קומט נישט ראטעווען.

און אט ווילען אט די 6 אדער 8 דעטראויטער ווי ס'גיט איז צונויפ־שטעלען אן ארגאניזאציע און מען וועט אויף די טירען פון די אוקראינער אידען אין דעטראיט אנקלאפען און מען וועט ביי זיי בעטען געלד, און מען וועט ביי זיי בעטען שטיצע, וועלען די ר' קרוב'ס אנזאטלען די שפאקולען און אנהויבען ארומזוכען די ארגאניזאציע, ווי מען זוכט ארום אן אתרוג: עס וועט זיי נישט געפעלען דער פרעזידענט, עס וועט זיי נישט אנשטעהן דער וויים פרעזידענט; עס וועט זיי נישט זיין לכבוד דער „טרעזשורער"... זיי וועלען שוין געפינען תירוצים פאר נישט געבען.

און דאס — איך האף אז עס וועט צו דעם נישט קומען — וועט נאך שווארצער מאכען דאס בלאט פון דער געשיכטע אויף וועלכען עס וועט פארשריבען ווערען די ארגאניזאציאנס ארבייט פון דעטראיט'ער אידען פאר זייערע חברים און קרובים אין אוקראינע.

די דייטשע רעוואלוציאן און די אידען

(פון אונזער קאפענהאגענער קארעספאנדע־נט) ש. פאן

ענדליך האט זיך די רעוואלוציאנערע איבערקערעניש אין דייטשלאנד אביסעל איינגעשטילט. צי דאס וועט לאנג אנ־האלטען, איז נאך דערווייל שווער צו זאגען אין פאראויס. פארלויפיג איז דארט שטיל געווארען און דאס נארמאלע לעבען האט שוין צוריק אנגעהויבען דעם גע־וועהנליכען גאנג.

פאר קיינעם איז אבער קיין צוויי־פעל ניט, אז איבער דייטשלאנד הענגט נאך שוועבעל אין דער לופט... די עקס־טרעמע עלעמענטען, האבען די קאפפ'ישע איבערקעהרעניש זעהר גוט אויסגענוצט און זיך אין דער צייט פארזארגט מיט געוועהר און אלע מינים קאמף־מאטע־ריאלען כדי צו באקעמפען די קאנטר־רעוואלוציע, גרייכצייטיג האבען זיך די עקסטרעמע־לינקע עלעמענטען געווארבען א מאכט אין דייטשלאנד און אט די דאַ־זיגע מאכט ווילען זיי עס אויסנוצען כדי דורכצופיהרען זייערע איבערצייגונגען און כדי צו שטירצען די יעצטיגע רעגירונג, וועלכע וועט נישט איינגעהען אויף זייערע דיקטאטארישע באדינגונגען.

אין דעם דאזיגען ליידענשאפטליכען פאלקס־קאמף, וואס דייטשלאנד פיהרט איצט אן, שפילען די אידען א באדיי־טענדע ראלע, און אזוי ארום געפינט זיך דאס דייטשע אידענטום היינט צו טאג אין דער זעלבער סיטואציע ווי עס האבען זיך געפונען די אידען אין רוס־לאנד אין די טעג פון דער צווייטער רו־סישער רעוואלוציע.

דאס דייטשע אידענטום, וועלכעס נעהמט א גאנץ לעבהאפטען אנטייל אינ'ם אלגעמיין־פאליטישען לעבען, זענען, ווי עס פארשטעהט זיך, רעפרעזענטירט אין אלע פארטייען, אין די רעכטע אזוי ווי אין די לינקע און דאך קומט ווי אפט אויס צו זיין אין דער גרויסער פארלעגנ־הייט־דערפאר, וואס מען האלט זיי כסדר אין איין פארווארפען, אז זענען תמיד די רעדעל־פיהרער אי ביי די רע־אקציאנערע אי ביי ד באלשעוויסטישע עלעמענטען.

עס איז זיכער קיין סוד נישט פאר קיינעם, אז א גרויסע צאהל אידען שטעהען אין דער שפיץ פונ'ם פאליטי־שען לעבען אין דייטשלאנד און שפילען זעהר אנגעזעהענע ראלע סיי רעכטס סיי לינקס און אט דערפאר קומט אויס דאס געמיינשאפטליכע דייטשע אידענטום שטארק צו ליידען, און זיי, די אידישע מעהרצאהל מוז תמיד טראגען די קאנסעק־ווענצען פון דער דאזיגע קליינער גרופע פאליטישע טוער.

גלייך נאך דעם אויסברוך פון דער ערשטער דייטשער רעוואלוציע, ווען דאס קייזערטום און יונקערטום איז געפאלען און אויף זיין ארט איז געקומען אן אזוי גערופענע „סאציאליסטישע רעפובליק", האט זיך גלייך פון רעכטס אנגעהויבען א שטארקע אנטיסעמיטישע אגיטאציע איי־בער'ן גאנצען לאנד און מען האט נישט געהערט ווי "די אידען האבען ערויבערט די מאכט פונם דייטשען פאלק", „די אידישע רעגירונג", א.ד.ג. איבערהויפט נאך ווען די ספארטאקיסטישע עלעמענטען האבען אנגעהויבען צו געוועלטיגען, האט מען נישט מעהר געהערט ווי "די אידען זוכען דייטשלאנד צו באגראבען און אער וועלבער גרוב אין וועלכער עס ליגט רוס־לאנד."

און אזוי איז דער אנטיסעמיטיזם גע־וואקסען מיט יעדען טאג. וואס שטארקער די לינקע עלעמענטען האבען אנגעצויגען די סטרונע פון עקסטרימיטעט אלס שאר־פער איז געווארען די אנטיסעמיטישע און אידען־העצערישע באוועגונג ביי די רעכ־טע, וועלכע האבען געזוכט איינצופלאנצען א טיעפען האס געגען די אידען צווישען די ברייטע פאלקס־מאסען.

דערפון איז שוין גענוג זיך צו קענען פארשטעלען ווי עס האבען זיך געפיהלט די אידען אין דייטשלאנד און איבערהויפט די עטליכע טויזענט־אידען, ווען איז פאר־געקומען די צווייטע רעוואלוציאנערע אי־בערקעהרעניש און די רעאקציאנערע על־עמענטען מיט קאפפ'ן בראש האבען ער־אבערט די מאכט אין דייטשלאנד.

ביז היינט איז נאך ניט באקאנט ריכטיג אלע איינצעלהייטען וועגען דער שרעקליכער לאגע פון די אידען אין דייטש־לאנד בעת דער צווייטער רעוואלוציע, איינס אבער איז פעסטגעשטעלט שוין גע־ווארען, דאס בעת קאפפ'ס הערשאפט האט מען זיך גלייך גענומען צו א שרעק־ליכער פארפאלגונג געגען די אידען און איבער דער דייטשער פראווינץ ווי למשל אין די שטעט מינכען און לייפציג, האט מען שוין אפילו גענומען מאכען פאגראמ־מען אויף אידישע הייזער און אויף אידיש־שע צ... האב און גוטס.

שוין אין די ערשטע טעג פון דער קאפפ'שער הערשאפט האט די "רעגיע־רונג" ארויסגעלאזען א פראקלאמאציע, אין וועלכער דאס דייטשע פאלק איז אויפ־געפאדערט געווארען "זיך געגענצושטעלען דעם אידישען איינפלוס", און אז עס זאל אין דעם הייליגען דייטשען פאטערלאנד „אויסגעראטען ווערען אלעס וואס הייסט אידיש..."

אינ'ם דאזיגען אויפרוף, וואס איז גע־ווען געריכטעט „צום דייטשען פאלק", איז אנגעוויזען געווארען דאריף, אז נאר די אידען זענען שולדיג דערין; וואס דער ארי־מער קייזער נעבאך האט געמוזט פארלאז־זען זיין טראהן און ווערען א פליכטלינג און אז די אידען זענען עס די ענינע, וועלכע זוכען פון דייטשלאנד צו מאכען דעם זעלבען תכלית, וואס זיי האבען געמאכט פון רוסלאנד.

אין דער באקאנטער אנטיסעמי־טישער צייטונג „דייטשע טאגעס צייטונג" ארגאן פון די דייטשע שווארצע מאה'ניקעס, האט דאן גיט אומף ערקלעהרט, אז „ענדליך איז עס דעם דייטשען פאלק געלונגען צו באזייטיגען די אידישע רעגי־רונג, וועלכע האט געזוכט דאס לאנד אריינצוואווארפען אין די הענד פי'נ'ם באלשעוויזם."

דאס ערשטע, וואס די דאזיגע צייט האט געפאדערט פון א י ה ר רעגירונג איז געווען, אז עס זאלען גלייך אנגענומען ווערען די שטרענגסטע מיטלען געגען דער „אידיש־באלשעוויס־טישער" באוועגונג און אז מען זאל פאר־טרייבען די פון מזרח־אייראפא איינגע־וואנדערטע אידען, ווייל זיי זענען אלע באלשעוויסטישע אגענטען.

אין די קאפפ'שע רעגירונג האט אין דער קורצער צייט וואס זי האט זוכה גע־ווען צו לעבען, ארויסגעשיקט במעט יע־דען אנדערען טאג א נייע פאדערונג גע־גען די אידען. אפילו דעם לעצטען טאג פון איהר הערשאפט, האט די קאפפשע רעגירונג נאך ארויסגעלאזען א באפעהל, אז די פאליציי זאל קאנפיסקירען דאס גאנצע מצה־מעהל, וואס די אידען הא־בען אנגעזאמעלט אויף פסח..

דער לעצטער באפעהל איז שוין זעלבסט פארשטענדליך נישט אויסגעפיהרט גע־ווארען, ווייל — — — די רעגי־רונג האט שוין דאן דעם זעלבען אווענט געמוזט נעהמען דעם וואנדער שטעקען אין האנד און זיך לאזען איבער די ווע־גען כדי זיך צו רעטען דעם קאפ..

נישט קוקענדיג דערויף וואס די מאכט ליגט איצט ווידער אין די הענט פון עטליכע סאציאליסטישע מיניסטא־רען און איינע הערן פון דער ליבערא־לער פארטיי דאך איז די לאגע פון די אידען אין דייטשלאנד אן אומזיכערע און די אידען דארטען לעבען אין פחד פאר דעם מארגען.. מען האט אלץ מורא, אז ביי דער מינדעסטער געשעהניש וועלען די אידען זיין די ענינע, וועלכע וועלען מוזען ליידען אלס „פאראנטווארטליכע" פאר דער פאליטישער טעטיגקייט פון עטליכע אידישע ספארטאקיסטען.

עס קוקט זיך איבער מעשה רגם ראנד..

די פאראדען און די אמאליגע יאהרען אום ערשטען מאי

פון באריס איסאיעוויטש

מאי, איז דער חודש פון ליעבע.

וואריום דוקא מאי איז אזא גרויס־ליכער און פון ווען אן האט מען איהם אנגעטאן אט־די קרוין פון ליעבע און פרייד? דאס איז נ'ט גאר קלאר.

איינס ווייס מען, אז אמאל — אידער די פאעזיע איז אפגעטהאן געווארען פון די מענשען — פלעגט מען אין גאר א סך לענדער פייערען דעם ערשטען מאי אלס דעם יום טוב פון ליעבע.

אין ענגלאנד פלעגט מען זיך נוהג זיין צו פארכאפען דעם „יום טוב מאי" נאך מיט א נאכט פריהער, דה"ה, אין דרייסיגסטען אפריל.

אנשים, נשים וטף פלעגען זיך אלע דרייסיגסטען אפריל ביינאכט אוועקלא־זען אין די ארומיגע וועלדער און פעל־דער זוכען בלומען און שענע אנדערע גע־וויקסען.

דאס גערן אין וואלד, דאס צוריקקע־מען אין שטאדט און דאס רייסען די ביי־מער איז צוגעגאנגען זעהר ליעבער'ג, פרעהליך און פיל מיט שמחה און גלאנץ, מען האט אויך ניט פארגעסען דערביי צו מאכען א „לחתם" און זינגען די פרעהליכסטע לידער.

איז מען אוועק אין די וועלדער אי־ אז ס'האט ניט גערעגנט, איז מען שוין געבליבען אויף נאכט'לעגער צווישען די גראזען, ביימער, און בלומען.

בעת השחר, נאך איידער די זון איז אויפגעגאנגען, פלעגט מען צונויפריפען די פארליעבטע פארלעך דורך געזאנג אדער טרומפייט. ווען מען איז זיך צו־ריק צוזאמענגעקומען, האט איטליכער באזונדער זיך באציערט מיט עפעס א פלאנץ. וואס זאל זיין זיכער דעם זומער. איינער האט זיך אויסגעמאכט א גארטעל פון גראז, אן אנדערער — פון בלומען; איין פרוי האט זיך אנגעטאן א קראנץ פון רויזען אויפ'ן האלז; אן אנדערע האט זיך ארומגעהילט מיט בליהענדי־גע צווייגלעך.

און דאן האט זיך אנגעהויבען דער מארש אין שטאדט אריין.

געגאנגען איז מען דעם מארש מיט א סדר. און הינטערן מארש איז נאכגע־גאנגען א שרגע אקסען, צוגעבונדען צו דעם „מאי בוים" וועלכען מען האט אויס־געהאקט אין וואלד.

די אקסען וועלדער, ווינען געווען ארומגעקייטעלט מיט בלומען, מ'ט גראז און מיט קרענץ איינגעמאכט פון צווייגלעך. דער קייפט פלעגט מען באפו־צען די הערנער פון די אקסען.

ווען מען האט געזעהן דעם „מארש אין שטאדט אריין" האט מען געקענט מיינען, אז דאס ציהט זיך א באוועגלי־כער וואלד. קיין מענשען און קיין אקסען האט מען נישט געזעהן, נאר בלומען, גראז, צווייגען און ביימער.

אין שטאדט איז די פאראדע צוגעקו־מען צו א גרויסען פלאץ. וואו די מוזיק איז שוין געשטאנען גרייט. מען האט אנגעהויבען שפיעלען און דער עולם איז אויף א „פערילעם". פאארעך האבען געטאנצט „מארע־קן" די ארטע רייט האבען זיך ארומגעלייגט א האראר און געזונגען „ ־ערע".

עס איז ווייטער אז דיזע פאראדען האט מען שארען געבראכט צו די גרבנים, יענעם טאג פלעגען מאכען ... זיך פאר'קנס'ען.

אין דייטשלאנד פלעגט מען נאך מאי־כען אים ערשטען מאי א ריציטאציע אויף מיידעלעך: — אויף דעם מארק האט מען זיך פארזאמעלט. איינער האט זיך ארים א מאי בוים. מען האט באשטימט אן אוקציאנער, וועלכער האט נעהאט א צעטעל פון מיידעלך, ער פלעגט אויסרופען א נאמען און אנגעפאנגען צו „טארגעווען".

צוגעזאגען איז עס אויף א געוויסען ליבען שטיינער: — „מארגארעטע שילער אין וויבערלעם טהאלער.— ווער גיט מעהר!" דער גרעסטער אנבאטער האט געקראגען דאס מיידעל.

דאס איז אבער געווען ניט פארמאל. אין דייטשלאנד איז אפגע'ס שוין דעמאלט אן אפמאך געווען א סקרעפ אף פייפע" אין געפ'הרט האט זיך אזוי; —

א בחור האט למשל געקויפט מארגא־ראטע שילער פאר צוואנציג טהאלער, האט ער אבער נאר געגעבען 20 פפעניג, דאס מיידעל האט מען איהם געגעבען צים טאנצען און אינטערהאלטען און צו בא־גלייטען זי מיט קיין אנדערען האט זי נישט געטארט פארברענגען.

דער אנטיק איז געווען, וואס די מייד־לעך זיינען נאך בעת מעשה געזעסען אין דער היים און ווען מען האט פאר דעם איהטען געלד געקויפט ביער, וואורשט און אנדערע מאכלים און משקאות, האט מען דעמאלט די מיידלעך צונויפגערופען און דער איקשענ'ער האט יעדען „סוחר" איבערגעגעבען זיין „סחורה".

דאס וואלט שוין אויך געווען צו דע־רלידען, אבר די דייטשען ציטרעטען דאך יעדען אפמאך און אויך דעם דאזיגען בלינד־עריגען אפמאך האבען ס'רוב מיידלעך ניט געהאלטען, איז איהר דער „סוחר" געפעלען געווארען, האט זי איהם געשענקט א בלום, וואס זי האט געהאל־טען אין די האר פארפלאכטען, איז ער איהר אבער נישט געפעלען, האט זי זיך זעהר שעהן פארבי'גען פאר איהם און זיך באלד אהיים געגאנגען, אפילו קיין איין מאל מיט איהם ניט געטאנצט.

שפעטער זיינען שוין געווען די מאי פאראדען אין דער שווייץ. דארטען פלע־גען אלע מיידלעך זיך צונויפנעהמען, גע־מאכט איינע פאר א קעניגין, און זיך געלאזט איבער די הייזער צונויפצונעהמען די מאכלים און משקאות וואס יעדע בא־לעבאסטע האט שוין געהאלטען אנגע־גרייט. דאס גאנצע עסענווארג האט מען ארויפגעלעגט אויף א פוהר באהאנגען מיט בלומען און עס ארויפגעפיהרט אויפ'ן מארק.

פארנאכט האט מען געפראוועט א באל, געמאכט א סעודה פון די צונויפ־געזאמעלטע שפייזען און בעת'ן טאנצען האבען פיילע פארלעך זיך ערקלעהרט אזוי פרעהליך פארבראכט ביז האלבער נאכט.

אט אזוי האט מען אמאליגע יאהרען פארבראכט דעם ערשטען מאי.

מען א'ז טאקע אפשר געווען ווייניגער ציוויליזירט איידער די היינטיגע, דער־פאר אבער מענשען מיט פרעהליכע הער־צער. גאנצע, געזונדע מענשען, וואס זיינען געווען נאהנט צו דער נאטור און אחבען צוזאמען מיט דער נאטור זיך הארציג געפרעהט מיט איהר אויפלעבונג.

די ערעפענונג פון „מזרחי" סעמי־נארי אין ירושלים

צוגעשיקט פון „מזרחי פובליסיטי' ביורא

פאר פסח איז אין ירושלים געפייערט עפנונג פון מזרחי סעמינאר צו דער פיי־ערליכער ערעפנונג זיינען געקומען אלע גדולי ירושלים, רבנים, געלערנטע, עסקנים, ציוניסטען וועלכע עס זענען אויך געווען מ. מ. אוסישקין — פון ועד הצירים; דר. די מאגא פיל — פון היים־קאמיטעט ביים ועד הצירים; הרב בן ציון עוזיאל חכם־באשי פון יפו; הרב אלישיר די לעה־רער פון סעמינאר א. א. וו.

הרב י. ל. פישמאן האט געעפענט די חנוכה מיט א שעהנע, ווארמע רעדע. „היינט — האט ער געזאגט — איז גע־ווארען 19 יאהר זינט דער מזרחי האט זיך געגרינדעט. איך געדענק נאך ווי היינט; אין א קליין ענג צימער'ל, הא־בען מיר זיך פארזאמעלט, אהן א פראג־ראם, אהן א קלארען ציעל. געווען זע־נען מיר בסך־הכל פינף מענשען, דריי זיינען שוין אויפ'ן עולם־האמת; הרב ריינעס, סלוצק, און גורלאנד. עס זיי־נען געווען ביי אונז חלוקי־דעות; צו אונ־זער ארגאניזאציע זאל טראגען א פאלי־טישען כאראקטער אדער אן אקטיווען. דער רוב האט געהאלטען אז דער מזרחי דארף מעהר ניט ווי פארהיטען דעם דת אין דער ציוניסטישער באוועגונג. דער מעוט האט געטענה'ט, אז דר מזרחי דארף אויך טאהן פאזיטיווע ארבייט. דער סוף איז גע־ווען, אז דער מעוט האט מנצח געווען. דער מזרחי האט אנגעהויבען ארבייטען פאר א בעסערען, אידישען חנוך. מאנ־כע זיינען געווען געגען דעם, אז די חנוך ארבייט זאל געטאהן ווערען אין ארץ־ישראל מיר האבען אויך אין דעם געזיגט. די הויפט ארבייט פון מזרחי אויפ'ן פעלד פון חנוך ווערט געטאהן אין ארץ ישראל.

ווען מיר האבען געגרינדעט דעם „תחכמוני" בין איך געווען דערפאר, אזוי מיר געזיגט.

ער זאל געגרינדעט ווערען אין ירושלים. מיין מיינונג איז דענסטמאל ניט אנגע־נומען געווארען. איצט ווערט דער פלאן איינגעפיהרט. דער מזרחי הויבט אן צו ארבייטען אין ירושלים. און מיר קענען זאגען: „זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו".

נאך איהם רעדט איינער פון די מזרחי פיהרער אין ירושלים — הרב אברהם פילוסוף.

א גרויסען רושם מאכט מ. אוסישקין מיט זיין רעדע.

„איך זעה — זאגט דער רעדנער — אז הרב פישמאן איז א גוטער ציוניסט. ער מאכט אבער דעם זעלבען טעות דאס מאכען אלע ציוניסטען, וואס רעכנען די געשיכטע פון ציוניזם דעם ערשטען קאנג־רעס אין באזעל. דער ציוניסט האט עקזיסטירט פאר הערצלען און דער מזרחי פאר — הרב ריינעס. ... דער אמת'ער גרינדער פון מזרחי איז געווען הרב שמואל מאהליווער".

דער מזרחי סעמינאר דארף זיין א מיסטער פאר אלע אינזערע לעהר־אנ־שטאלטען. מיר פארגעסען אונזער מאטא: לא בחיל ולא בכח, „ברוח", ניט „נעשה ונשמע" דארפען מיר זאגען, „נשמה ונעשה". מיר דארפען פאראייניגען דעם מזרח מיט'ן מערב. אין מערב געהט אונטער די זון, אין מזרח געהט זי אויף. די תלמידים פון מזרחי סעמינאר דארפען שאפען די סינטעזע. צוזאמען מיט רעליגיאן און טראדיציע זאלען זיי אויך קענען די גרויסע וועלט".

דוד יעלין דערמאנט די צייט פון שפראכען קאמפף אין ארץ ישראל. „אויך דעמאלט איז געווען אונזער מאטא: לא בחיל ולא בכח. און דערפאר האבען ער ווינשט דעם מזרחי

סעמינאר, זיינע לעהרער און טיער דעם בעסטען ערפאלג.

עס האבען נאך גערעדט: דר. מארשאק דר. מיזקין, א. מ. ליפשיץ, הרב אסט־ראווסקי, דער אלטער קאלאניסט שאלע־וויץ פון גדרה, הרב ציטראן פון פתח תקוה, הרב אלישר א. א. וו.

דער חכם־באשי, הרב עוזיאל האט גע־שלאסען די חנוכה מיט א שעהנע, הארצ־יגע רעדע.

די געסט האבען זיך אונטערגעהאלטען ביי שעהן געדעקטע טישען און האבען געטרונקען „לחיים" פאר דעם ערפאלג פון דער „מזרחי סעמינאר".

צווישען די פאראייניגטע מזרחי קלאבען וואס האבען געשיקט קייבעלס קיין יאפא, דעמא האבען אויך געשיקט קייבעלס א ליעג פון די "יונגע מאקאבעער" א יונגע מזרחי אגודה און דער "מזרחי דיסטריקט" פון באלטימאר.

פייער פארניכטעט האספיטאל

דער עסעקס קאונטי טובערקולאזיס סאניטאריום אין יונאן אן די לייק, 40 מייל סאוטה פון ווינדזאר, איז נעכטען 4 אזייגער פארוואנדעלט געווארען אין א בארג אש.

ווען דער פייער האט אויסגעבראכען האבען זיך דארט געפונען ארום 45 פא־ציענטען, צווישען זיי 14 קינדער. אלע פאציענטען זענען געראטעוועט געווארען. איינינע פאציענטען זענען ארויסגעטרא־גען געווארען פון זייערע בעטען.

דער היזק ווערט געשאצט אין הונדערט טויזענד דאלאר, וואס ווערט טיילווייז גע־דעקט פון אינשורענס.

דיענער סאניטאריום פאר קאנסאמפ־טיוס איז געבויט געווארען אין 1911 פון די דאוטהערס אף דהי עמפייער, ווינדזאר, א 40 טויזענד דאלארדיגע צובויאונג צום בילדינג איז געמאכט געווארען אין 1915.

די באָרד אף דירעקטארס האט זיך גע־רייט אנצופאנגען א קאמפיין אין דער נאהענטער צוקונפט פאר פופציג טויזענד דאלאר, אום צו פארגרעסערען די טעטיג־קייט פון דעם אנשטאלט.

פון וואנען דער פייער האט זיך אנ־געפאנגען איז נאך ניט באוואוסט.

אה זיי מיין חבר דאן...

(מיין ליבען חבר אפרים סיימאן, א מתנה)

פון ל. בערקאוויטש

ווען איך שטעה ביים ברעג פון בלויען טיעפען אקעאן,

און זעה א זעגעל־שיפעלע פון ווייטען ווי א פלעק,
קעמפען מיט'ן שטורם מיט די כוואליענבערג;
אה, זיי מיין חבר דאן, זיי מיין חבר דאן.

ווען, גלייך דאס זעגעל־שיפעל אין שטורם און טומאן,
אויף פליגלען פונ'ם ווינד פליהט מיין האפנונג אוועק;
אה, זיי מיין חבר דאן, זיי מיין חבר דאן.

ווען ס'נעהמט די זון פארזינקען אין מערב'דיגען תהום,
און טיעף א מרא שחורה דרינגט אין הארץ אריין;
און שאטענס ווי מיט פינגער טייטען: — ס'קומט א נאכט;
אה, זיי מיין חבר דאן, זיי מיין חבר דאן.

ווען איינגעשלונגען ווער איך הילפלאז אינ'ם שטראם,
אין לעבענסשטראם דעם טיעפען, פון פריידען און פון פיין;
אה, זיי מיין חבר דאן, זיי מיין חבר דאן.

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארזעצונג)

די ספערע פון די אייראפעאישע ראמאנען איז איהר אזוי פרעמד געווען, אז זי האט דאס גיכער געהאלטען פאר פאנטאזיעס געבוירען טין דעם קראנקען מח פון א שרייבער-אטוימער.

נישט איין מאל האט זי זיך פארטראכט אויב ניימאן נאכט זי נישט אפ דערמיט וואס ער זאגט איהר פיר, אז אין אייראפא, אדער אפילו אין די אידישע אייראפעאישע צענטרען קען מעגליך זיין אזא לעבען ווי למשל עס מאהלט זיך אין אזא ראמאן ווי „פאריז“ פון עמיל זאלא, אדער אין די ראמאנען וואס זודערמאן, מאפאסאן און זייערס גלייכען האבען געשריבען.

אפילו אין טאלסטאי׳ס ראמאנען, האט זיך איהר געדאכט, ווערען געשילדערט מענשען און לעבענס, וואס עקזיסטירען נישט אין דער ווירקליכקייט.

— קומט אמאל מיט מיר וועל איך אייך ווייזען אזעלכע מענשען, אזעלכע לעבענס — האט זיך ביי איהר ניימאן נעבעטען.

זי האט ניימאנען עקספלואטירט נישט ווייניגער ווי מערי׳ן, טאמער האט ער איהר נישט געבראכט אזוי ניך דעם אדער יענער בוך. האט זי איהם שוין געקיבעצט און זיך געוויצעלט אויף זיין חשבון, אמאל פלעגט זי אויך ברוגז ווערען אויף איהם און זי האט זיך נישט געשעהמט איך צו שאפען מיט איהם.

זי האט יעצט א סך מעהר פארשטאנען דאס לעבען, די וועלט איידער פריהער, עס האבען די ביכער געהאט א שטארקע ווירקונג אויף טיהר ישבה, אבער נישט אויף איהר פיהרונג אין׳ם לעבען. זי איז געבליבען דאס וואס זי איז געווען, זי האט זיך פונקט אזוי געפיילט צו טאן עפעס פון דאגען אהין, ווי ביז איצט.

נישט מעהר וואס ביז איצט פלעגט זי מוזען אליין אויפרוימען דאס קליינע צימערל, אליין פארבעטען און אמאל נאך אונטערהעלפען דער מיסעס אין קיך ט פאר קינוט — פלעגט זי איצינד האבען ניימאנען פאר אן ארויסהעלפער.

— זעה נור, א גאנצער פריץ, דובט זיך, מיט גאלדענע פענסנע טון א גאנצער דושענטעלמאן, פונדעסטוועגען וועט דאס זיך נישט א ריהר טאן צו העלפען א מיידעל אויפרוימען אין אלקיר.

אזוי האט זי יעדען מאל איהם געגעבען אנצוהערעניש, אז „גישקשה נישט, פון דעם גרויסען פריץ וועט חלילה גאר נישט אפפאלען, ווען ער וועט, איידער זי וועט אויסקעהרען, דערוויל אויסוואשען די צוויי גלעזער מיט די שאלען, אדער צעגויפשטעלען ווי ס׳באדארף צו זיין אויף דער טישעל.

און ניימאן?

קאמיש ווי דאס איז, פלעגט ער פונדעסטוועגען אויספאלגען, ווי א געהארכזאמער שולער.

די ערשטע יום האט ער טלין געמיינט נון, הײנטיגס מאל וועט ער מיט איהר ריידען מכח שלום עליכם׳ען דאס וועט זיין פאר איהר א נייעס. וועט זי הערען ווי טיף ער פארשטעהט אן ענין, וועט זי האבען רעספעקט פאר איהם.

האט זיך אויסגעלאזט רונקט פטר קעהרט, אין מיטען ריידען פלעגט זי איהם א אג טאן:

— איהר טהוט נור אין דער ניך א לויף און ברענגט אריין א גלאז סעלצער וואסער מיט סיראפ.

ווען זי וואלט איהם אליין אפגעגאסען מיט א גלאז קאלטע וואסער, וואלט ער זיך נישט געדווען דערפיהלט אזוי אנגעגריפען, ווי ווען ער פלעגט זעהן טו זי נעהמט איהם עפעס נישט ערנסט, גלייך ער האלט געווען א אינגעלע.

און ווען ער האט אריינגעבראכט די גלאז וואסער מיט דער סיראפ, און ווען זי האט אויסגעטרונקען, האט זי טיהם אפילו א מורמעל געטאן: „ דאנק“ און איהם געהייסען ווייטער ריידען.

דאס הייסען איהם ווייטער ריידען איז געווען אין א טאן, גלייך זי וואלט טיהם געהייסען אנדרעהען א גראמאפאן.

זי האט קיין אכטונג נישט געהאט פאר איהם, כאטש זי האט זעהר טיפמערקזאם זיך איינגעהערט צו יעדער ווארט און אפילו איבערגעפרעגט, און אמאל זאגאר א גאנצע דיסקוסיע פארפירט מכח אן ענין, איבער וועלכע ער האט צו איהר גערעדט.

נישט איין מאל פלעגט ער זיך וואונדערען: וואס איז דאס פאר א מיידעל?

א סך מאל האט ער שוין געהאט באשלאסען: גנוג, מעהר נעהט ער צו׳ן איהר נישט, אז זי וועט דאך אים קיינמאל נישט בעטען צו זעצען זיך. ער קען אפשטעהן א טאג מיט א נאכט, וועט זי איהם נישט בעטען זיצען. און ווען זי הייסט איהם עפעס טאן, איז דאס באפעהלעריש. אט גלייך ער וואלט געווען א שיק אינגעל ביי איהר.

ניימאן איז צו אזעלכע זאכען נישט געוועהנט געווען.

וואוהין ער קומט נעהמט מען איהם אויף פריינדליך און מיט רעספעקט. און דא? — א מיידעל אן אונגוויסענדע, וואס ווען נישט ער, וואלט זי זיך אפשר ביז איצט געווען געקוויקט מיט נארישע ראמאנען, וואס יעדער ווארט וואס ער זאגט איהר, איז פאר איהר א נייעס, א גאנצע ענטדעקונג, — איז נארישט, רעכענט זיך גאר מיט איהם נישט.

ניימאנען פלעגט דאס מיראדיג פארדריסען.

איבערהויפט די ערשטע צייט.

ער האט זיך נישט געקענט צוגעוועהנען צום געדאנק, אז אזא מיידעל — אמת טאקע א שעהנע מיידעל, אבער זי ווייס דאך אפילו אליין ניט צו, זי איז שעהן און אין וואס איהר שעהנקייט באשטעהט — זאל אזא קליינשטעדטילדיגע מיידעל מיט איהם זיך שאפען, שפאסען און זיך וויצלען איבער איהם.

ניין, ער האט דאס נישט געקענט דולדען.

האט ער שוין געהאט א סך מאל באשלאסען מעהר נישט צו געהן צו איהר. ווארים וואס אייגענטליך דארף ער זי, וואס?

אבער — —

אבער ער האט איינגעזעהן ביי יעדער מאל אז עס איז א נארישקייט דאס ברוגז זיין, האט ער ביי זיך אפגעמאכט ווייס׳ך אל זי שפאסען, זי איז א וויצלערין.

הלמאי ער אליין האט זיך אויך ליעב צו וויצלען און צו איראניזירען. מען דארף קענען צונעהמען א וויץ אויך אויף דעם אייגענעם חשבון.

אזוי האט זיך ניימאן איינגערעדט.

דאס איז געווען נישט מעהר טאקע ווי אן איינרעדעניש.

עס איז געווען א גאנץ אנדער אורזאכע, וואדום ניימאן האט מוחל געווען חנה׳ן איהרע באציהונג און באנעהמונגען:

ניימאן איז שוין פינף יאהר אין אמעריקא.

אנגעקומען איז ער אהער פון א קליין גאליציש שטעדטיל מיט זיינע עלטערען.

זיינע עלטערען זענען געווען גרויסע ארימע לייט אין דער היים.

דער פאטער זיינער איז אמאל אפילו א גרויסער עושר געווען, נור פון זינט מען האט ביי די אידען צוגענומען די רעכטע פון צו האלטען שענקען, איז ער פאראריטט געווארען און וואס אמאל געווארען ארימער און ארימער.

זיינער א לאנדסמאן אין אמעריקא האט איהם געשיקט שיפסקארטען, איז ער מיט זיינע קינדער אריבערגעקומען אהער.

(פארטזעצונג פאלגט)

אינגארישער כשר רעסטאראן

בעסטע אונגארישע מאכלים;

דזשיי סיגעל און בארשי

אייגענטהימער

337 הייסטינגס סט.

Arena Garden

דעם גרעסטען אידישען קינסטלער שוישפיעלער דירעקט פון טהאמאשעפסקי׳ס טהעאטער, ניו יארק.

הערר באריס טאמאשעווסקי

איך די איינציגע אידישע פרימאדאנא און שוישפילערין פון זיין טעאטער ניוארק

מאדאם צוקערבערג און בעללא פינקעל

און די גאנצע קינסטלער קאמפאניע יעקב [illegible]בערג, מרס. מייערזאן, מרס. מארגענבעסער, מר. קופערשמיט, מר. ראזען, מר. בירנבערג, מרס. ווערמאנט, מר. זינגערמאן

היינט אבענד דען 2-טען מאי

דער גרויסער סוקסעס

פאר׳לאר פלאר און בייסמענט

אין 3 אקטען פון עדרי טהאמאשעפסקי

שעהנסטע קאמעדי, 100 לאך א מינוט, 12 פון די שעהנסטע נומערען געזאנג

פרייזען, $1.00, $1.50 און $2.00

טיקעטס צו באקומען אין סוירקעל טהעאטער, 502 הייסטינגס סטריט.

JUDGE GAINEY

HAVANA CIGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST [illegible]

אידישע נייעס און באריכטען

נדבות פון „בית דוד“ שוהל פיר דעם „הכנסת אורחים“ פון ניווארק

דיעזע געלדער איז קאלעקטעט געווארען, פון די יעניגע וועלכע האבען שנדר׳ת אין „בית דוד“ שוהל זונטאג יום ב׳ דפסח, נאך דעם אפיל פון הרב ר׳ יחזקאל איישישקין, פיר די גרויסע געביידע „אסטאר ליבערטי“, וועלכע איז געקויפט געווארען פון די היברו עמיגראנט איד סאסייטי״ פיר א „הכנסת אורחים“.

דוב אוטשעניק $100, הערי קיגעל, $25, שמאי סטעפין $15, יעקב ווינאקור, זלמן פליסקאוו, משה בענעטסאהן, צו 10 דאללאר, מרדכי ווין, בען קרעמער, הערים ארט, דוב קארנפעלד, ישעי׳ ראנסקער, יצחק וויינגארטען, מ. מייערסאהן, משה פיינבערג, משה קראנצבערג, בנימין פלים, איזי מעללען משה ליוואי, טשאלי בוראק, הוימי מענטיק, וואלף קאהן, יעקב מעסערמאן, נחי׳ וויינגארטען, יקותיאל גאלדבערג, ישעיע נטע בענעטסאהן, אלי׳ מרגליות, אברהם סיגעל, יוסף מעזער, איסר וויזמאן, משה זווערינסקי, הירש משה זאק, יעקב בעלינסקי, יוסף גרישקין, בעלינסקי, מרדכי גלעזמאן, יואל ראטקאווסקי, סעם שאפירא, זאב מעטניק, יוסף וויינגארטען, צו $5 דאל. שמואל הערצבערג $4, בונים לומים, הירש ליב גראסמאן, פרומא [illegible]אלסקי, אברהם דייטש ישראל דער מעטערמאן, ישראל פערווין, חיים זאלקאוו, באשא וויינגארטען, מאנים קאראבקין, קלמן סיגעל, אברהם מאסקאוויטש, נייטען שרייבער, צו $3.00 דאל. זלמן נענפעלד, מרת קריצמאן, חנן שעלין מאקס ארדער, יצחק בויק, חיים שעלקאווסקי, מרדכי קליינמאן, נח אלטמאן, אברהם מרגליות, שמואל דובינסקי, מקס גרינפעלד, מר. באק, צו $200 הרב ר׳ יחזקאל איישישקין, אברהם קאוואסילאוו, חיים פארמאן, מר. פעלדמאן, סעם גאלדבערג, באשא דייטש, רחל קערש, פלטיאל איינבערג, צו $1.00 ס״ה $407 דאל.

[illegible]יענט בעזארגען ביכער פאר סאלדאטען

די אמעריקאן לייברערי אסס׳ן איז געגרינדעט געווארען מיט׳ן צוועק צו בעזארגען די באיס אין דער ארמיי און נייווי מיט ביכער. מיליאנען ביכער זיינען פארטהיילט געווארען אין די קעמפס, אויף די קריעגס שיפען, אין די האספיטעלער און ערהאלונגס פלעצער. די ארבייט איז געווארען העכסט וויכטיג ניט נור וועהרנד דער מלחמה נור אויך פאר שלום פעריאדע, ווייל מ׳האט אויסגעפונען אז די לייברערי העלפט זעהר פיעל אין דער אמעריקאניזישאן ארבייט מיט וועלכע אלע זיינען יעצט פארנומען. ניט אלע בענוצען זיך מיט דער לייברערי און די לייברערי איז ניט איבעראל דאס וואס זי דארף זיין.

די אמעריקאן לייברערי אסס׳ן פון 24 וועסט 39טע סטריט האט אויף זיך גענומען די אויפגאבען צו בעקענען יעדען איינוואהנער מיט דעם גרויסען אוצר פון פארגניגען און וויסענשאפט וואס מ׳געפינט אין דער לייברערי; מיט וויפיל בעסערע בירגער די קינדער וועלען אויסוואקסען ווען זיי וועלען זיין באזוכער פון די לייברערי; מיט וויפיעל וויכטיגע ביזנעס אינפארמאציעס יעדער איינער קען געפינען אין זיין בעזונדער ליין און מיט וויפיעל ניצליכע אינפארמאציע וועגען באליבאטישקייט, קינדער ערציהונג, געזונד און אנדערע זאכען וואס יעדע פרוי, מוטער און באלעבאסטע דארף וויסען און זי קען קריגען אומזיסט אין דער לייברערי.

די ארגאניזאציע מאכט יעצט א דרייף פאר $2,000,000 צווישען פריינדע פון דער לייברערי און פיהרט אן בזונדער א וויסענשאפטליכען קאמפעין כדי אז די לייברערי זאל טאהן איהר פולע פפליכט און יעדער בירגער זאל האבען דעם פולען נוצען פון דער לייברערי.

די אידען אין טשעכא סלאוואקיען

אין די וואהלען צום שטאטראט אין ברין, טשעכא־סלאוואקיען, זיינען ערוועהלט געווארען צוויי אידישע נאציאנאליסטען, דר. פעלדמאן און אינזשעניר זינגער. די פועלי־ציוניסטען האבען אין גאנצען באקומען 730 שטימען. אזוי ווי די טשעכישע און דייטשע סאציאליסטען האבען זיך ענטזאגט מיט זיי צו פאראייניגען זיינען זיי אין דער לעצטער מינוט צוגעשטאנען צו די נאציאנאליסטען

די אידען אין ליטא.

ווי ס׳איז מודיע די ווארשאווער „הצפירה“ האט די ליטווישע טאריבא (פארלאמענט) דורכגעפיהרט א געזעץ לויט וועלכען אלע אידען וואס זיינען געבוירען אין פרעמדע לענדער ווערען באטראכט אלס אויסלענדער.

ראזענפעלד,ס
רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע באהאנדלונג.

30 מארבעל וואנעס — 2 כשרה מקוואות

שאור בעטהס — פרייע קאטס אויף צום רוהען

16 פריוואט רומס פאר יעניגע וועלכע ווילען נעכטיגען.

א פראקטפולער לאנטש קאנטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקע צו יעדער צייט.

שווים פאר פרויען יעדען מיטוואך, מיט דער מיטווירקונג פון אן עקספערט מאסאזשיסטקע.

1846 אלפרעד סטריט, ניער אנטאן, טעלעפאן טשערי 6190 דאבליו.

C.W. Kotcher. Lumber Co.

ברעטער אלערליי צו יעדער צייט

בילליגע פרייזען און גוטע בעהאנדלונג דאס איז אונזער סוקסעס

Cor. Gratiot and St. Aubin Aves.

Melrose 3390

די לעצטע ערשיינט פאר 5 יאהר

מישא עלמאן

וועלט בארימטער וויאלאניסט, מיט זיין

שוועסטער ליזא

ארקאדיא האלל דאנערשטאג אוונט, דעם 6-טען מאי.

טיקעטס קענט איהר יעצט באקומען אין אטשעניק׳ס בוך סטאר, 455 הייסטינגס סט. און גרינעלל׳ס מוזיק סטאר, 243 וואודווארד עוו.

טיקעטס — פון 50 סענט ביז $2.00.

פאר אלע ליבהאבער פון אידישע מוזיק

פיהס יאסינאווסקי

לירישער טענאר פון פעטראגראד טרעט אויף אין א פראגראם פון

אידישע פאלקס לידער

אין

מעקאליסטער האל

פארעסט און קעסס

פרייטאג אבענד דעם 4טען יוני

טיקעטס 75 סענט און 1 דאלאר צו באקומען אין „וועג“ 347 הייסטינגס סט. גארדאן׳ס בוכהאנדלונג, „פארווערטס“ אפיס, 541 הייסטינגס סט. און אין אוקלאנד ביי י. ל. מאלאמוט, 741 אוק לאנד עוו.

געלט קיין אייראפא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראפ איז דורך דער

פיפעלס רעליעף

וועלכע איז א בראנטש פון דער דזשוינט דיסט. קאמיטע.

די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.

פיפעלס רעליעף קאמיטע

490 הייסטינגס סטריט

קעדילאק, 2061

איר קענט שיקען געלט צו אייערע קרובים

דורך דער

Bank of Detroit

א. זינגער מענעדזשער

הייסטינגס סטריט בראנטש:

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע ציטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
[...]ט אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

יעצטיגע שווערע צייט פאר ציטונגען

וואו מיר גיבען זיך א קעהר — עהען מיר ווי יעדער ארטיקעל, סאי שפייז, סאי קליידער, סאי לוקסוס זאכען, זיינען געשטיגען עטליכע מאל אזוי פיעל ווי זייער פרייז איז געווען מיט פיר יאהר צוריק. מאנכע ארטיקלען זיינען געשטיגען פינף און זעקס מאל אזוי פיעל. אבער ציימונגען האבען זיך קוים ערלויבט צו העמערען דעם פרייז פון איין סענט אויף צוויי.

צוויי סענט! דאס איז דער פרייז פון א סיגארעטעל וואס איינער גיט א ציה פון דעסעטליכע מאל און ווארפט עס אוועק, נעהמט און פערגלייכט דעם נוצען און פארגניגען וואס א מענש ציהט פון א סיגארעטעל און פון א ציטונג. איהר וועט מוזען צוגעבען אז א ציטונג איז צום ווענינסטענס ווערט ווי פיעל עס קאסט א באקסעל פון די ביליגסטע סיגארעטען, אדער דער ביליגסטער סיגאר.

מאווינג פיקטשור טעאטערע האבען געהעכערט זייערע פרייזען פון פינף אויף 10 סענט. און די וואס זיינען געווען 10 סענט האבען געהעכערט אויף 20. דערצו צאהלט מען וואר טעקס און די פלעצער זיינען נאך מעהר געפאקט ווי אמאל. פערגלייכט די נוצען און דעם פארגעניגען פון א ציטונג ביז א "מאווי". פראבירט אויסקומען א מאנאט אהן "מאווי". עס וועט אייך גאר נים לעהלען. קיינער וועט אייך גאר נים פרעגען. קיינער וועט צו אייך קיין טענות האבען. פראבירט אויסקומען א מאנאט אהן א ציטונג. איהר וועט זיך שעהמען צו קומען אין א געזעלשאפט. וועט מען אנהויבען צו ריידען וועגען דעם וואס עס טהוט זיך איבער דר עלט, בפרט אין דער אידישער וועלט, וועט איהר א מויל נים קענען עפענען. איהר וועט דאן אליין צוגעבען, אז א ציטונג איז די גרעסטע מציאה אויף דער וועלט.

איהר קויפט א פרישען בלאט פון סטענד, איהר גיט א קוק אויף דער ערשטער פיידזש און לעזט פרישע נייעס וואס זיינען ערשט היינט אנגעקומען פון אלע טיילען פון דער וועלט. איהר האט די גאנצע וועלט פאר אייערע אויגען. [...]יסט איהר אז דיזע נייעס קאסטען אב [...] פארמעגענס? איהר קערט איבער א פיידזש און נאך א פיידזש. איהר לעזט ארטיקלען וואס מאכען אייך קלאר אלע לעבענספראגען. איהר לעזט שעהנע ערצעהלונגען. איהר לערנט, איהר אמוזירט זיך. איהר קריגט צוויי דאלער ווערטה נוצען און פארגניגען פאר צוויי סענט.

ווירקליך, א ציטונג איז דער אכטער פון די זיבען וואונדער אין דער וועלט. א ציטונג קאסט צוויי סענט — אבער ווי פיעל איז עס ווערט? און ווארום קומט דאס אז דער מאן וואס מאכט א ציטונג, וואס גיט דאס גרעסטע "מאני'ס וואָרטה", זאל דארפען ליידען אין דיזער שווערער צייט מעהר ווי אלע אנדערע, און נים זוכען קיין הילף?

די פאבלישערס זיינען מארטירער זיי מוזען לייען און שווייגען. די ציטונגען, וועלכע פארטיידיגען אימער די אינטערעסען פון פאלק, און קעמפפען וועגען אלערליי סארטען פראפיטירער און יקרות מאכער, מוזען טראגען אויף זיך דעם שווערען יאך פון הויכע קאסטען און נים העכערען דעם פרייז פון דער ציטונג, [...]ט אויף אזוי פיעל אז עס זאל [...] "אינוועסטמענטס".

טראגען דעם יאך. דאס איז שווערצו זאגען. אויב די אומשטענדען וועלען זיך נים בעסערען, וועט מען מסתמא אין גיכען הערען נייעס. פארלויפיג זעהט מען אז די אומשטענדען אין דעם ציטונג געשעפט ווערען ערגער. נים נור איז פאפיער זעהר טייער (און קאסט 5 מאל מעהר ווי פאר דער מלחמה צייט) נור עס איז פשוט שווער צו קריגען. גרויסע ענגלישע ציטונגען האבען געמוזט פארקלענערען זייערע עדישאנס צוליעב דעם מאנגעל אין פאפיער. די נוידרקער "סאנדיי אמעריקאן" וועלכע פלעגט זיך פארקויפען פאר 5 סענט אין שטאדט און פאר 10 סענט אין קאנטרי, האט יעצט געהעכערט דעם פרייז אין נויארק סיטי אויף 10 סענט. צווישען די ענגלישע סאנדיי פייפערס אין אנדערע שטעדט וועלכע האבען געמוזט העכערען אויף 10 סענט, זיינען אלע פייפערס פון פילאדעלפיא.

דער ציטונגס קריזיס האט געטרייבט דעם העכסטען פונקט.

די יעצטיגע שוועריגקייט פאר ציטונגען

זיין אינדוסטריע און קיין געשעפט אין אמעריקא ליידט יעצט נים אזוי שטארק פון דעם מאנגעל און הויכע קאסטען מאטעריאל און מאשינעריע ווי אויך פון די הויכע קאסטען פון פראדוקציאן ווי עס ליידען די ציטונגען.

די קאסטען פון ארויסגעבען א ציטונג וואקסען זעהר שנעל און איז אינגעהויער גרויס. אין אנדערע געשעפטען און אינדוסטריען ווערען די פרייזען אויף ארטיקלען געהעכערט לויט די קאסטען פון פראדוקציאן, אפטמאל אויך מיט א "צוגאב". אבער די פארגרעסערטע פרייז פון ציטונגען איז זעהר קליין אין פארגלייך מיט די פארגרעסערטע עקספענסעס.

די העכערונג פון איין סענט אויף צוויי סענט דעקט אפילו נים די פארגרעסערטע קאסטען פון פאפיר אליין. היינט וואו זיינען די פארגרעסערטע קאסטען פון אנדערע דרוק מאטעריאלען, מאשינעריי און מעטאל? (וועלכע א ציטונג מוז אפט צוקויפען נייע). וואו זיינען די פארגרעסערטע קאסטען פון ארבייט — די געהעכערטע געהאלט פון שריפטזעצער, מאשיניסטען, סטעראטייפערס, פרעסמען, מיילערס און אנדערע ארבייטער וואס געהערען צום מעכאנישען דעפארטמענט? און וואו זיינען די שרייבער, דער ביזנעס סטאף און אנדערע "הענד און קעפ", וועמעס ווידזשעס האבען געמוזט פארגרעסערט ווערען צוליעב די אומשטענדען וואס זיינען יעדען גוט באקאנט. עס איז דארום קיין וואונדער וואס א סך ענגלישע ציטונגען אין דער קאנטרי האבען געמוזט אונטערגעהן, און אין נויארק זיינען דא עטליכע גרויסע צאיטונגען וואס לייגען צו יעצט גרויסע סומען געלד. צוויי פון די גרעסטע און עלטעסטע, דער "נויארק העראלד" און די "סאן" זיינען צוזאמען געשמאלצען געווארען אין איין ציטונג.

יעדער אינטעליגענטער לעזער ווייס, אז ביי די בעסטע אומשטענדען האט א ציטונג נים פארדינט פון דעם פארקויף פון די בלעטער. די ציטונג פאר וועלכע איהר באצאהלט וועט צוויי סענט קריעגט דער פאבלישער פאר דעם א קארגען סענט, נאכדעם ווי עס ווערט ארונטערגערעכנעט קאמישאנס פאר ציטונג הענדלער, אדער אויסזשענס, דעליווערי אדער פאסטיידזש. און דיזער קארגער סענט וואס דער פאבלישער באקומט פאר זיין בלאט איז נים גענוג צו דעקען זיינע עקספענסעס. די קלענסטע טעגליכע ציטונג אין נויארק קאסט קרוב $1,500 א טאג צו און נים פיעל ווייניגער אין דער פראווינץ.

עס פארשטעקט זיך אז דער פראפיט פון א ציטונג איז פון אדווערטייזמענטס, א ביזנעס מאן, אדער א מאנופעקטשורער, וואס וויל אז די וועלט זאל וויסען וואס ער האט צו פארקויפען, נעהמט זיך א שטיקעל פלאטץ אין א ציטונג, און ער אדווערטייזט וואס ער דארף. ווען זיין געשעפט אמאל זיינען דיזע אדווערטייזמענטס געווען א שעהנע הכנסה, און ציטונגען זיינען כמעט אינגאנצען געווען אבהענגיג פון'ם אדווערטייזער. ווען א פאבלישער האט געהאט א סך אדווערטייזמענטס האט ער געדרוקט א גרעסערע בלאט. היינט איז אבער די הוצאה פון ארויסגעבען א ציטונג אזוי גרויס, דאס דער פאבלישער איז אפטמאל געצוואונגען אויסצולאזען גוטע אדווערטייזמענטס אום נים צו דארפען דרוקען א גרעסערע בלאט.

עס איז אימער א כלל, אז ווען עס טרעפט עפעס א צרה אויף דער וועלט ליידען אידען פון דעם מעהר ווי אלע אנדערע. דיזער ציטונג קריזיס האט די פאבלישערס פון אידישע ציטונגען געטראפען מעהר ווי די פאבלישערס פון די ענגלישע ציטונגען, און טאקע צוליעב דעם וואס, ערשטענס, האבען אידישע ציטונגען נים אזא גרויסע הכנסה פון אדווערטייזמענטס. (די ענגלישע ציטונגען נעהמען פיעל גרעסערע פרייזען פון די אידישע, אפילו יענע ענגלישע ציטונגען וואס זייער סירקוליישאן איז

נאך נים גרעסער פון אידישע, און צווייטענס, די הוצאות פון א אידישער ציטונג איז פארהעלטניסמעסיג פיעל גרעסער ווי אן ענגלישע און פילייכט דאפעלט אזוי פיעל. ווי אן ענגלישע ציטונג אין קאנטרי, שוין צוליעב דעם אליין וואס שריפטזעצער, שרייבער און אנדערע אנגעשטעלטע ווערען פיעל בעסער באצאהלט ווי אין די ענגלישע.

רעפארט

די לעבעוויצער הילפס פאראיין וועט האבען א **ספעשעל מיטינג** מאנטאג אוועגד דעם 3טען **מאי** אין ווילקינס ת"ת.

מיר ווערען פארשפרעכען וועגען אפיציעלע די געלט הילף אין פערזאן וועלכער איז אלעמען באוואוסט אין ניו יארק. קומט אלע אין מאסען.

אכטונגספאר
ט. אירעלסאן, סעקרעטער.

א דייטשער געלערנטער פארטייטיגט די מזרח־אייראפעישע אידען

דער באריהמטער דייטשער געלערנטער [...] אייגענבערג האט אין דער "וויאבישער ציטונג" פארעפענטליכט אן ארטיקעל אין וועלכען ער פארטיידיגט שטארק די מזרח־אייראפעישע אידען. ער פראטעסטירט געגען די אנפאלען וואס ווערען אויף זיי געמאכט אין דער פרעסע און ווייזט אן אויף די טויזענדער ארבייטסזאמע ארבייטער צווישען זיי. אייב קאנפערענץ.

עס געפינען זיך צווישען די אידען עלעמענטען וואס באשעפטיגען זיך מיט אומערלויבטען מסחר איז דאס נור צוליעב די אומגינסטיגע באדינגונגען אונטער וועלכע זיי לעבען. עס איז נים נור אומזיניג נאר אויך פארברעכעריש אין גאנצען זיי צו פאראורטהיילען.

דראהונג צו ערמארדען דר. ווייצמאן

דער ספעציעלער קארעספאנדענט פון'ם "מאנשעסטער גארדיען", וועלכער פארעפענטליכט איצט אין דער דאזיגער ציטונג א רייע ארטיקלען וועגען דער לאגע אין פאלעסטינא, שרייבט, אז בעת די אומרוהען אין ענינטען האבען אין פאלעסטינא געארבייט אגענטען כדי ארויסצורופען אן אנטי אידישע אגיטאציאָן וועלכע האט זיך שנעל ענטוויקעלט אין א דעמאנסטראציע געגען דעם בריטישען מאנדאט. עס געפינען זיך אין פאלעסטינא סקלאדען געוועהר (ביקסען און באמבעס) און עס זיינען געמאכט געווארען דראהונגען צו ערמארדען דר. ווייצמאן.

די אידען אין אלאוואקיען

זיי האבען איהם נים געטארט צולאזען

א מכרא אז לעלינס א שליח איז אנגעזענדעט צו דער סאן רעמא קאנפערענץ און ער האט געהאט א לענגערען געשפרעך מיט די דריי פרעמיערען.

[...] זיך מסתמא ערקונדיגען ווי מען פיהרט ביי [...] א סאוועטען קאנפערענץ.

וואַרט ניט ביז וואַנען די באַרד אוו העלט וועט אייך צווינגען צו קויפען אַ רעסעפּטיקאַל קויפט דאס גלייך אליין

קאנקריט
גארבעדזש און אש רע־סעפּטיקאלס

מאנופעקטשורד ביי די

האוטאן סעמענט באקס קא.

820 לאפאיעט עוו. קאר. 21טע סטר.

אונזערע באקסעס זיינען ביליגער און בעסער פון אלע אנדערע באקסעס גע־מאכט אין דעטראיט. מיר האלטען אונזערע רעסעפּטיקאלס ריזענפּעקטעס אזוי אז קיין שום ריח קען זיך פון זיי נים דערטראגען און דאס איז די אורזאך וואס זיי ציהען נים צו קיין פליגען און מיקראבען.

פרעגט אייער שכן וועלכער האט שוין אזא רעסעפּטיקאל

אייער נעקסטען ארדער פיר א סעמענט גארבעדזש אדער טיש באקס באשטעלט ביי אונז און דערביי וועט איהר סייווען פון 3 ביז 15 דאל. אויף אייער אר־דער.

פעקטארי
820 לאפאיעט עוו
טעל. וועסט 2082

אונזער רעסעפּטיקאלס זיינען אינטער דער אויפזיכט פון דער באארד אוו העלט

אגענטען
יאפּפעאן טאגערט
994 ענטווין סט.
טעל. נארטוויי 4194

וואַרט ניט ביז וואַנען די באַרד אוו העלט וועט אייך צווינגען צו קויפען דעם סארט גארבעדזש באקס. קויפט דאס באציטענס און פערמיידט צרה בעל.

אין פּרינטינג שאפּ פון „וועג"

פון א קארטעל
ביז
א גרויסע ציטונג
פון א הענדביל
ביז
א גרויסע בוך

ווערט געמאכט שנעל, גוט און צו מעסיגע פרייזען

אטאמאביל עקסידענט האספּיטאל

אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.

פריימס, באדיס, עקסעלס, פענ־דערס ווערען אויסגעגלייכט. געוועלדעט, געמאכט ניי און גיינגעמעלד.

רעדיאייטארס פעריכט און איבערגעבילד, אויך עקסטשענדזשעס

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich

Glendale 7576

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא־סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניען, יוגא־סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט. פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער דזשענעראל סטים שיף אגן

געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

אויסקינפטע פריי

זעהר גערען געגעבען איבער פאלגענדע ענינים: פאספארטען, ווי צו שיקען געלד אין אייראפא, ווי אזוי אריבערצופירענגען אייערע פאמיליעס, וועגען די רעכט פון לענדלארד און טענענטס, וועגען לאנד קאנטראקטען, מארטגעדזשעס, טעקסעס, און אזוי ווייטער.

ווי צו ווערען א בירגער

וואו און ווי אזוי צו לערנען ענגליש, סאלדאטען פענסיע, ליבערטי באנדס באנוסעס, אינשורענס און נאטוראליזיישאן.

The Free nformation Bureau
Detroit Board of Commerce

קארנער וועין און לאפאיעט (2טער פלאר); שטונדען: 8:30 ביז 5:30

MAY 8 1920

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע ציטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson ...

PRICE 2c. | DETROIT, MICH., Monday, May 3rd 1920 Vol. 2, No 68 | מאנטאג מאי 3, 1920

סאוועטען ווערען פארהאנדלען מיט ענגלאנד וועגען דעניקינ'ס ארמיי

מאסקווא, מאי 2 — דער באלשעוויסטישער אויסערן מיניסטער, טשיטשערין, האט אריבערגעשיקט א נאטע צו דער ענגלישער רעגירונג, דעם 28טען אפּריל, אין וועלכער ס'ווערט ערקלעהרט, אז די סאוועטען רעגירונג איז גרייט צו מאכען אן אפמאך מיט ענגלאנד בנוגע די רעשטלאך פון גענעראל דעניקינס ארמיי. אויפ'ן זעלבען באזיס ווי עס איז אפגעמאכט געווארען לעצטען פעברואר בנוגע דער „ווייסער גווארדיע".

די סאוועטען רעגירונג באמערקט צו דער זעלבער צייט אז ענגלאנד זאל זיך אריינמישען אין ארויסבאקומען פון דער עסטרייכישער רעגירונג אן ערלויבעניש פאר די ארעסטירטע אונגארישע קאמוניסטען, וועלכע געפינען זיך אין עסטרייכישע טורמע, אפצופאהרען קיין רוסלאנד. טשיטשערין ווידערהאלט, אז די זעלבע פרינציפען וואס ווערען אנגעווענדעט צו דעניקינען דארפען אויך אנגעווענדעט ווערען צו די אונגארישע קאמוניסטען און דריקט אויס זיין האפנונג, אז די ענגלישע רעגירונג וועט איבערבייטען איהר שטעלונג צו דיזער פראגע.

—::—

זאגט, קאמיסיעס קיין רוסלאנד זענען נור צוליב אינפארמאציע

לאנדאן מאי 2 — סער דזשארדזש פייש האט היינט ערקלעהרט, אז דאס שיקען קיין סאוועטען רוסלאנד פון 2 אונטערזוכונג קאמיסיעס, איינע פון דער נאציאנען ליגע און די צווייטע פון די ענגלישע ארבייטער, איז א שטריך וואס באווייזט די ריכטונג וואו דער ווינט בלאזט, כאטש מ'דארף ניט אננעהמען, אז דיזע קאמיסיעס באדייטען דאס די שטעלונג פון דער ענגלישער רעגירונג צו דער סאוועטען רעגירונג האט זיך געביטען. זיי זענען נאר א באוויז דאס עס פאדערט זיך א פאלשטענדיגע און זיכערע אינפארמאציע וועגען דער שטעלונג ון רוסישען פאלק, אין גרונד גענומען, איז די איבערגעביטענע שטעלונג צו רוסלאנד א רעזולטאט פון עקאנאמישע אינטערעסען.

רוסלאנד נויטיגט זיך אין קליידער, שיך, מאשינען און נאך פיעל אנדערע זאכען וועלכע מערב אייראפא און אמעריקא זענען בכח איהר צו צושטעלען, און מערב אייראפא קען באקומען פון רוסלאנד שפייז און רויהע מאטעריאלען. ס'זעהט זיך דאס מ'וועט דערגרייכען א געמיינזאמען און צופרידענשטעלענדען אפמאך.

טערקישער שלום דעלעגאציע אפגעפאהרען קיין פאריז

Public Library

קאנסטאנטינאפעל, מאי 2. — אין א ספעציעלען צוג איז היינט אפגעפאהרען די טערקישע שלום דעלעגאציע קיין פאריז און זי וועט, ווארשיינליך, דארטען אנקומען צום 6טען מאי.

די דעלעגאציע האט קיין באפאלמעכטונג אונטערצושרייבען דעם שלום־אפמאך, דער איינציגער, וועמען דער סולטאן פארטרויט אונטערצושרייבען דעם שלום איז דער גרויס־וויזיר, דאמאד פעריד פאשא, און ער בלייבט אין קאנסטאנטינאפאל, כדי אנצופיהרען מיליטערישע מיטלען געגען דעם נאציאנאליסטישען פיהרער, קעמאל פאשא.

טעפיק פאשא, געוועזענער אויסערן מיניסטער, וועט זיין דער הויפּט־דעלעגאט. ער וועט בעטען, אז די עליירטע זאלען מאדיפיצירען די שלום־באדינגונגען. ס'ווערט דא ערקלעהרט, דאס דער גריכישער קאנטראל איבער די טרייס און סמירנא געגענדען איז איינער פון די באַרען די טערקישע שלום דעלעגאציע קיין איז אויפ'ן צד פון די עליירטע, וועט ניט קענען נאכקומען. אין קאנסטאנטינאפאל גלויבט מען, דאס נאציאנאליסטען וועלען באקעמפען דעם שלום־אפמאך, אפילו אויב ער וועט ווערען פון טערקישע דעלעגאטען אונטערשריבען.

פאליטישע נייעס בקיצור

6טען מאי וועט אונגארן באקומען שלום אפמאך

פאריז, מאי 2. — דער אמבאסאדארען ראט האט באשלאסען, אז קומענדען דאנערשטאג, דעם 6טען מאי, זאל דער שלום־אפמאך איבערגעגעבען ווערען צו דער אונגארישער דעלעגאציע. אין 10 טעג צייט זאל איהר געגעבען ווערען איבערצוקוקען דעם דאקומענט, אויב זי וועט איהם אונטערשרייבען.

סאוועטען האט מאנאפאליע אין אלאסקע'ר פאר האנדעל

דזשונעא, אלאסקא, מאי 2. — די סאוועטען באאמטע פון אנאביר, א סיבירישער פונקט נאהנט צו נאום, אלאסקא האבען ערלאזט ווייזען, אז די אמעריקאנער סוחרים, וואס קומען קיין אנאביר וועלען קויפען פער, מוזען האנדלען דורך דער סאוועטען־קראם.

ענגלאנד באפרייט נאך 42 איירישע הונגער־סטרייקענדע

בעלפאסט, מאי 2. — 34 הונגער־סטרייקענדע שין־פיינער זענען געכטען באפרייט געווארען פון היגע טורמעס. זיי זענען אלע געווען אזוי אפגעשוואכט, דאס מ'האט זיי גלייך איבערגעפיהרט אין א שטאדטישען האספיטאל.

לאנדאן מאי 2. — נאך אכט הונגער־סטרייקער זענען געכטען אויך באפרייט געווארען פון דער וואדמוואוד געפענגעניס.

לאנדאנ'ער פרעסע האט א צענזור

לאנדאן, מאי 2.— די גאנצע ענגלישע פרעסע איז אויפגערעגט פון דעם פארבאט, וואס דער „ספיקער" פון ענגלישען פארלאמענט האט ארויסגעגעבען צו די קארעספאנדענטען ניט צו שרייבען און פארוים אינפארמאציעס וועגען קאמיטע־זיצונגען.

אין ציטונג הייסט אן דיעזען פארבאט „א נאציאנאלען סקאנדאל און אן אונבארעכטיגען פארזוך צו באגרענצען די פריווילעגיעס פון דער פרעסע"

דייטשלאנד וועט צאהלען א ביליאן מארק שאדען ערזאץ צו לעטלאנד

בערלין, מאי 2.— אין דעם שלום־אפמאך, וואס ווערט היינט אונטערגעשריבען צווישען דייטשלאנד און לעטלאנד געפינט זיך א פונקט, דאס דייטשלאנד זאל באצאהלען לעטלאנד א ביליאן מארק שאדען־ערזאץ. דער קריעגס צושטאנד צווישען די 2 לענדער ציהט זיך פון לעצטען סעפטעמבער, ווען אוואלאף־בערמאנדט האט אנגעפאנגען זיין טעטיגקייט אין די באלטישע מלוכות.

דעמאקראטען פון מוסקעגאן זענען געגען הואווער'ן

מוסקעגאן, מאי 2.— די קאנווענשאן פון די היגע דעמאקראטען האט באשלאסען ארויסצו ווייזען א געגנערשאפט צו הואווער'ן, כאטש ער האט געוואונען די לעצטע פריימעריס אין מישיגען שטאט.

ענגלישער אמבאסאדאר נעהמט אויף ציוניסטישע דעלעגאציע

וואשינגטאן מאי 2 — דער ענגלישער אמבאסאדאר סער אוקלאנד געדעס האט היינט אויפגענומען א דעלעגאציע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע וועלכע איז געקומען אויסדריקען א דאנק צו דער בריטישער רעגירונג אין נאמען פון די אמעריקאנער אידען, פאר איהר אננעהמען דעם מאנדאט איבער פאלעסטינא, מיט דער כונה צו ענטוויקלען דארטען א אידישע היימלאנד.

אין דער דעלעגאציע האבען זיך געפונען ריכטער מעק, רבי דר. סטיפען וויז און דזשייקאב דע'האז.

גאולה־אויפרוף פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע

די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט פארעפענטליכט דעם פאלגענדען אויפרוף:

„די גאולה איז געקומען! דעם 7טען טאג אין חדש אייר, 6580, נאך אכצעהן הונדערט יאהר גלות, איז ארץ ישראל וויעדער געווארען דאס לאנד פון דעם פאלק־ישראל, אונזער לאנד און דאס לאנד פון אונזערע קינדער — וואכט אויף! די גאולה איז געקומען!"

צו די ציוניסטען איבער'ן גאנצען לאנד!

איהר זייט די יעניגע וואס האבען געקעמפט און געליטען פאר אונזער אידעאל. איצט איז עס אייער חוב צו ברענגען די גרויסע בשורה צו דעם אידישען פאלק. פון אייער מויל זאלען די אידען פון אמעריקא הערען, אז דער גרויסער טאג איז געקומען.

חברים, נעהמט די ווייס־בלויע פאהן און לאזט אייך אוועק איבער אלע פלעצער וואו אידען פארזאמלען זיך: שוהלען חברות, יוניאנס. פארגעסט אויך ניט די קינדער אין די חדרים און תלמוד תורות אונזער פאהן וועט אייך איבעראל עפענען די טיר, מאכט ניט קיין פראפאגאנדא ארגומענטירט ניט, פארשוועכט ניט דעם גרויסען מאמענט.

אלעס וואס איהר דארפט טאן איז דערצעהלען די בשורה בקיצור ווי אויבען אנגעדייטעט, און נעהמט ווייטער אייער וועג.

דאס זאלט איהר טאן פון היינט ביז דעם 10־טען מאי, אזוי אז אין יענעם טאג זאל דאס גאנצע פאלק, פון גרויס ביז קליין, וויסען, אז אונזער גרויסער טאג איז געקומען

צו די אידען פון אמעריקא!

פארזאמעלט ארום אייך אייערע קינדער און אייער גאנץ הויזגעזינד און דערצעהלט זיי די גרויסע בשורה.

און ווען איהר קומט צו א שמחה, צו א פארזאמלונג הויבט אייך אויף און דערצעהלט די גרויסע בשורה.

און ווען איהר קומט צו א שמחה, צו בלוי־ווייסע פאהן, קלאפט אין דער טיר פון אייער פארזאמלונגס־לאקאל, פון אייער שוהל אדער פון אייער תלמוד תורה, עפענט ברייט די טיר און זאל ער איך דערצעהלען די גרויסע בשורה.

צווישען איצט און דעם 10־טען מאי מוזען מיר פארשפרייטען די נייעס פון דער גרויסער פאסירונג, אזוי אז איבעראל אין יעדען פלאץ וואו אידען פארזאמלען זיך, זאל געהערט ווערען דער פרייד־געשריי: די גאולה איז געקומען!

ציוניסטישע ארגאניזאציאן פון אמעריקא

„מארנינג פאסט" געגען זשאבאטינסקי'ס באפרייאונג

לאנדאן, — די אנטיסעמיטישע „מארנינג פאסט" איז ארויס מיט א זעהר שארפען עדיטאריעל געגען די באמיהונג פון די ציוניסטען אין ענגלאנד און אמעריקא צו באפרייען זשאבאטינסקי'ן. די ציטונג שרייבט אז זיין שולד איז פאזיטיוו פעסטגעשטעלט געווארען פון בריטישער געריכטליכקייט און דער גאנצער טומעל וואס איז איבעראל אויפגעהויבען געווארען, איז נאר דערפאר וואס דער פאר'משפט'ער איז א איד.

פאלעסטינער אידען יובלירען איבער דער בשורה פון סאן רעמא

לאנדאן, מאי 1.— דער ירושלים'ער קארעספאנדענט פון דער „טיימס" קייבעלט אז איבער גאנץ פאלעסטינא הערשט אן אומבאשרייבליך גרויסע פרייד צווישען די אידען א דאנק דעם סאן־רעמא באשלוס וועגען פאלעסטינא. אין אלע שוהלען איבער'ן לאנד ווערען אפגעהאלטען ספעציעלע גאטעס־דינסטען.

פרעזידענט פון היגע סטרייקער ארעסטירט; ווערט ארויסגעלאזען אויף באנדס

וויליאם ק. טשעפאטאן, פרעזידענט פון דער דעטראיט יארדמענס אסאסיאיישאן איז שבת שפעט אין אוונט ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון איבערטרעטען די סעקציע 47 פון „פענאל קאוד" פון די פאראייניגטע שטאטען. ער איז זונטאג בייטאג באפרייט געווארען אויף $2,000 באנדס און מאנטאג עלף אין דערפריה וועט ער אנגעקלאגט ווערען פאר'ן ריכטער סטיין. די פאליציי באשולדיגט טשעפאטאנ'ען אין פראפאגאנדירען געוואלט מיטלען, אום צו ערדרייכען אינדוסטריעלע רעפארמען.

וויליאם רוטלעדזש, סופּעראינטענדענט פון דער היגער פאליציי האט ערקלערט דאס טשעפאטאן האט אויף דער רעגולערער פארזאמלונג פון די סטרייקער שבת בייטאג אויסגעדריקט אזוינס, פאר וועלכעס ער קען אנגעקלאגט ווערען אין איבערטרעטען דעם מישיגען סינדיקאליסט אקט, וואס ס'זענען געווען די „אונגעזעצליכע" אויסדריקע פון טשעפאטאנען האט דער פאליציי פארשטעהער ניט געוואלט ענטדעקען.

איך האב געלאזט טשעפאטאנען ארעסטירען — האט רוטלעדזש געזאגט — צוליעב זיינע מיינונגען, וואס ער האט ארויסגעזאגט אויף דער שבת'דיגער פארזאמלונג. דער היגער פארשטעהער פון דעם יוסטיץ דעפארטמענט האט אויך באקומען די זעלבע אינפארמאציע, אבער ער האט נאך ניט ערהאלטען קיין „ארדערס" פון וואשינגטאן, ווי אזוי צו האנדלען. איך רעכנ, אז טשעפאטאן וועט ניט אנגעקלאגט ווערען פאר וועלען שטיצען מיט געוואלט די רעגירונג.

לאיער פון סטרייקער איז „ערשטוינט"

געוועזענער דזשאדזש וויליאם לוק, לאיער פון דער היגער יארדמענס אסאסיאיישאן איז געווען ערשטוינט ווען ער האט זיך דערוואוסט פון דעם ארעסט פון סטרייקערס פרעזידענט. ער האט גלייך צוגעשטעלט די באנדס און גע־פועל'ט אז מ'זאל דעם ארעסטירטען דערווייל באפרייען.

„איך האב קיינמאל ניט געהערט פון א סטרייק — האט מר. לוק געזאגט — וואס זאל ווערען געפיהרט אויף א מעהר געזעצליכען אופן, ווי דער איצטיגער סטרייק און איך בין פשוט נשתומם געווארען ווען איך האב געהערט, אז מר. טשעפאטאן איז ארעסטירט. די סטרייקער האבען קיינמאל געפרייהיגט געוואלד טאטען און זיי האבען מיט די „רויטע" גאר ניט צו טאן. איך בין זיכער, אז די קלאגע געגען טשעפאטאנען וועט ניט קענען באוויזען ווערען".

—::—

פארדעכטיגער מערדער פון טעלעפאן־מיידעל געשטעלט צום משפט

פאנטיאק, מיש. מאי 2 — אנסאן בעסט דער 22 יאהריגער באי וועלכער האט לעצטע וואך דערצעהלט אז ער האט ערמארדעט ווערא שניידער; די 19 יאהריגע טעלעפאן־מיידעל, וועלכע איז פאר־אכטאגען שבת געפונען געווארען א דערשטיקטע אין א לעדיגער הויז, וועט מאנטאג (היינט) פארגעבראכט ווערען פאר דזשאדזש ק. פ. ראקוועל אין סוירקיט קאורט.

לאיער ראלף קילינג, וועלכער איז באַשטימט געווארען פון געריכט צו פארטיידיגען דעם אנגעקלאגטען, וועט ווארשיינליך פארלאנגען, אז די טרייעל זאל אפגעשטעלט ווערען, אום צו זאמלען גענוג באווייזע פאר דער פארטיידיגונג. עס ווערט פונדערסטוועגען פארשטאנען אז לאיער קילינג איז שוין א היבש ביסעל פארבערייטעט צום היינטיגען פארהער, ער האט ערקלעהרט דאס ער איז איבערצייגט אז בעסט איז אומשולדיג.

פון דער אנדערער זייט איז דער פראָסעקיוטאר גילעספי שטארק איבערצייגט אז בעסט איז שולדיג. ער זאגט, אז לויט די באווייזען, וואס ער האט געזאמלט אין פארלויף פון דער וואך קען ער געווינען די קייס אפילו ווען בעסט זאל זיך ניט געווען איין מאל מודה זיין אין באגעהן דיזען מארד.

דער גלח ווילקאקס האט היינט באַזוכט בעסט'ען אין פריזאן און דער ארעסטירטער איז נאך אלץ פעסט אין זיין אפלייקענונג פון זיין מארד־געשיכטע, וואס ער האט דערצעהלט לעצטען דינסטאג דעם פראסעקיוטאר גילעספי.

דאטום פון אידישען קאנגרעס=סעסיע געביטען אויף מאי 30

ספעציעלע טעלעגראמע צום „וועג" פון ב. ריטשארדס.

ניו יארק, מאי 2 צוליעב דער גרויסע געשעהניש בנוגע פאלעסטינא, איז דער דאטום פון דער צווייטער סעסיע פון אידישען קאנגרעס געביטען געווארען פון דעם 6־טען יוני אויף דעם 30 טען מאי.

דער דאזיגער באשלוס איז אנגענומען געווארען פון דער קאנגרעס עקזעקוטיווע אויף א ספעציעלען מיטינג וואו עס זענען באשפראכען געווארען די פראגען פון מאמענט.

עס איז די מיינונג פון דער עקזעקוטיווע אז עס טאר יעצט א טאג ניט פארלוירען געהן, אום מען זאל זיך וואס שנעלער נעהמען צו פראקטישע ארבייט. קאנגרעס דעלעגאטען דארפען דאס אלזא נעהמען אין אכט און זיך צואײלען.

צוויי אידען באשטראפט פאר געמבלען

מארים גרינבערג פון 374 לעסלי סט. און סעם גוטערמאן 329 אלפרעד סטריט האבען לעצטען שבת בייטאג געשפיעלט „ראים" און געוואונען $50 פון א געוויסען הערי פול, אין א רום אויף 224 ראנדאלף סטריט.

איז דאך שוין רוכט זיך אלעס גוט. טויג עס אבער אויף כפרות.

אין עטליכע שטונדען ארום זיינען די צוויי „גליקליכע" אידען געשטאנען אין נאכט געריכט פאר דזשאדזש קאטער וועלכער האט זיי צוגעמשפט צו $50 שטראף.

אין פארלויף פון'ם פארהער האט דער פארלוירער, הערי פול דערצעהלט. אז נאכדעם ווי ער האט פארלוירען זיין געלט האט ער ביי די געווינער געבעטען לייהען $2 און זיי האבען איהם ענטזאגט.

א וואו נעהמט מען די אמאליגע יארען

הערי ווילקאקס 29 יאהר אלט, פון איפּסילאנטי האט לעצטען שבת אין פאליס קאורט באצאהלט $1 פאר מאכען א שנעפסעל.

אין פארלויף פון פארהער האט וויקהאם געוואלט באווייזען דעם ריכטער, אז ער טרינקט שנאפס ניט חלילה דערפאר ווייל ער וויל שיכור'ן נאר — הערט א מעשה:

„איך בין — זאגט ער — מיט 10 יאהר צוריק געווען א גאנצער פרייז־פייטער. היינט האב איך שוין פארלוירען מיינע כחות. אבער אז איך נעהם א שנעפסעל הויב איך זיך אן פיהלען יונג און שטארק געזונד צו פייטען א גאנצע וועלט.

אפּעדרשה'ט באצאהלט א דאלאר און אוועק.

געהענדיג פון קאורט האט זיך דעם געוועזענעם פרייז־פייטער געוואלט אפּפרישען אמאליגע יאהרען און גענומען שרייען אין מיטען גאס: ווער וויל געהן מיט מיר פייטען?

איז אנגעקומען א פאליסמאן וועלכער האט איהם ערקלעהרט, אז ער דארף איהם שטארק האבען אין פאליס סטיישאן צום 2טען מאל. דא האט ווירקאם דערזעהן די אמת'ע געלעגענהייט און — זיך געשטעלט באקסען מיט'ן פאליסמאן.

עס איז שוין אבער ניט אמאליגע יאהרען.. האט זיך ארויסגעוויזען אז דער פאליסמאן איז געווינטער פון איהם און אין אוועלנד איז שוין וויקהאם געווען א גאסט אין נאכט געריכט.

אויף דעטראיטער גאסען

באנדיטען געהען אן מיט זייער ארבייט.

באריכטען וואס זענען אריינגעקומען אין פאליס־דעפארטמענט ווייזען, אז די היגע באנדיטען האבען געענדיגט זייער וואך ארבייט מיט „פראכט און גלאנץ".

זונטאג גאנץ פריה האבען צוויי חבהה לייט געמאכט א האלד אפ אויף אנטאני שעליק, פון 1169 סט. אובין און פאלמער עוו., און פון איהם גערויבט $20 אין קעש און א 15 דאלארדיגען קעשענע־זייגער.

דזשאהן בארמא 189 טשערי סט. נארט דעטראיט האט באריכטעט צו דער פאליציי, אז צוויי שווארצע האבען פון איהם גערויבט $57 אויף ראסעל סט. נעבען שערמאן.

שבת בייטאג האט א ניגער געמאכט א האלד אפ אויף דעם קלוירק פון דזש. טשימיפּס סטאר, 632 ריווארד סט. ווען ער האט געהאלטען ביים צומאכען די סטאר און גערויבט פון קעש רעדזשיסטער די סומע פון $7.27.

וויליאם רייס. האט זיך באקלאגט אז ער און זיינער א פריינד זענען באפאלען געווארען פון צוויי באוואפענטע באנדיטען אויף קאנארס בריק ראוד און שוהמייקער עוו. און פון איהם גערויבט $7.

„קעשענע גנבים ביזי".

קעשענע גנבים האבען לעצטען שבת פאהרענדיג אויף א וואודווארד עוו. קאר ארויסגעלאטכענט ביי פרענק בריינין פון 23 פליסטער עוו, דזשועלרי און געלט אויף דער סומע פון $250.

ניגערטע רויבט $700

דזשאהן הארינגטאן פון 530 קענטאן עוו. האט זיך באקלאגט פאר דער פאליציי אז א ניגערטע האט איהם לעצטען שבת בארויבט פון $700 אין 23 דיווישאן סט. די פאליציי האט ארעסטירט א מאן און א פרוי וואסוי האבען געפונען אין יענער הויז אבער הארינגטאן האט געזאגט אז דאס איז ניט די ניגערטע וואס האט איהם בארויבט.

צוויי. באוואפענטע באנדיטען ארעסטירט

—::—

ווילסאן טיפּטאן א ניגער 20 יאהר אלט און פרענק קעלי, 19 יאהר אלט, זענען געכטען אין דער פריה געפונען געווארען פון פאטראלמען קערן און האל אין אן אלעע צווישען ווילים און אלעקסאנדרין, נעבען הייסטינגס סט. טיפּטין האט געהאט 6 רעוואלווער קוילען אין קעשענע און ביידע האבען געהאט מיט זיך פלעשלייטס. די פאליסליים האבען אויך געפונען א געלאדענעם רעוואלווער אין יענער אלעע.

באנדיטען רויבען גראסערי; שלאגען דעם אייגענטימער

דריי באוואפענטע באנדיטען האבען זיך לעצטען שבת אוונט אריינגעריסען אין דער גראסערי פון בליק דראף, 1208 ווערמאנט עוו, און מערדערליך געשלאגען דעם אייגענטימער מיט דעם הענטעל פון א רעוואלווער איבערן קאפ און גערויבט $150 פון קעש רעדזשיסטער.

CLASSIFIED

א סטרענדזשער פון ניו יארק האט איבערגעלאזט א סעטשעל מיט א קליין פעקעל אין א אידישע גזע־טע, געדרוקט ניט די סטריט און דעם נאמען פון דעם גראסערי קיפער. ביטע צו מעלדען צו מר. ניומאן 557¼ ריווארד.

קאנפעקשאנערי און איז קרים סטאר און איין 6 רום הויז אין פוילישען געגענד לעבען סקוהלס, שעהנער סטאק און פיקטשורס, זי־בער א לעבען צו מאכען, מוז פאר־קויפט ווערען מיט׳ן בילדינג, 4500 דאלאר איינצאהלען, נאכפרע־גען אין אפיס פון „ווען״ באקס 60.

פארלאנגט א גוטער סיילסמאן צו טרייבען א מאשין פאר א קריי־מערי־סטאר, סעלערי און קאמישאן, פרעגען: איסטערן דיירי קאמפ. 381 ווינדער סטריט.

פארלאנגט סיילסלידיס פאר א שוה סטאר, סטעדי פאזישאן, גוט באצאהלט, קיינע אוועקגעהן אויסער שבת. פרעגט נאך: 558 גרעשיאט.

קענדי און סטיישאנערי סטאר צו פארקויפען, היילט זיך אינטער פאר דעם זומער סיזאן, פרעגען: מר. אללען, 31 לינן סט. (אוקלאנד)

צו פארענטען א רום צו א קאפעל מיט איינגענעם בעדרום סעט. נאכפרעגען גאלדסטיין, 202S ראַ־בעל, לעבען האלברוק.

א פאפ שאפ צו פארקויפען, זעהר גוט געהענדעלט ביזנעס. מוז פארלאזען צוליעב קראנקהייט. $8.000 קען דאס הענדלען. פרעגען אין „ווען״ באקס 34.

צו פארענטען א סטאר, קארנער ווילים און הייסטינגס, א גוטער לאקיישאן פאר ביזנעס. פרעגען ביי מר. ב. ראזענבערג, 150 פלערעריק.

צו פארקויפען א לאנטש טראק צו־זאמען מיט א גוטען איינגעטריוטען סטענד, אינקאם ביז $75 א טאג אור־זאכע א פרוי אליין און קען ניטאטעג דען פרעגען; 186 בענטאן סט.

גראסערי און קרימערי צו פארקוי־פען אין איין ביזנע לאקיישאן, אידישע און קריסטליכע טרייד. טהוט נאר קעש ביזנעס. אורזאכע פארלאזט דעטראיט. נאכפרעגען ביי ד. מארריס, 195 דעלמאר עוו. ניער וועסטמינסטער.

צו פארקויפען א גראסערי, איינגאמע פון $600 ביז $700 א וואך. אין א גוטען געגענד. פרעגען: 346 הענדרי, אפארטמענט 7, מר. ראפ־פאפארט.

א בעל קוראה פארלאנגט אין קאנ־גרעגיישאן בני יעקב, 152 איללינאיז סט. פרעגען אין קאנגרעגיישאן.

Real Estate

מיר האבען א סך סינגעל הייזער אין איקלאנד סעקשאן און הארפער סעקשאן, ארום דעם נייבארהוד. $2.000 און $3.000 איינצאהלען. לייכטע טערמס, קומט אין 186 נארפיעלד, 10 אזייגער אין דער פריה.

צו פארקויפען א 4 פאמליע הויז אויף נארפיעלד, עוו. נעבען ענט־ווין, $3.000 איינצאהלען. קומט היינט פריה, נאך 10 אזייגער אין 186 נארפיעלד.

צו פארקויפען א 5 אפארטמענט אויף קארנער קו[illegible]אר און הערמאן עוו., צו 6 מארערנע רומס. קען נעקויפט ווערען מיט $6.000 איינצאהלען, גוטע טערמס. קומט היינט פריה, 10 אזייגער אין 186 נארפיעלד, נעבען ענטווין.

4 **פאמיליע** אויף נארפיעלד מיט 3 טויזענד קעש.
קענינגער 186 קענפיעלד איסט.

8 **און 10 רום הייזער** מיט 2 און 3 טויזענד דאלאר קעש. פרעגען: עקנינער 186.

Real Estate

א 12 פאמיליע אפארטמענט צו פארקויפען, סאליד בריק, אין 370 אלעקזאנדרין איסט. איין בלאק פון הייסטינגס. דריי יאהר געבילט. $7.000 איינצאהלען, פרייז $44.000 מאנאטליכע פיימענטס, 225. איינ נאהמע יעדען מאנאט $400. קוי־פערס זיינען געבעטען אנקוקען דעם אפארטמענט. דער איימענטי־מער וואהנט אין 38 קארדאניא צווישען אלעקער און האלברוק.

צו פארקויפען א 4 פאמילי סאליד בריק. קארנער דושאן אר און הארמאן, מיט 6 טויזענד קעש. פאר דעם שנעלען קויפער, פרעגען קענינער, 186 קענפילד, איסט.

לאָטער לאט אין רעספעקטעד נייי בארהוד, פאר סייל, אויף ב טהויזד און מעריס, וועט פארקויפט ווערען ביליג. פרעגען: 1421 שעין סטריט טעלראז 3197 דאבליו.

קענפיעלד איסט. קימט זונטאג נאך 9 אין דער פריה, און איך גאראנ־טיר אייך א ריבטיגען בארגען מיט א סקווער דיעל אלס א מעמבער פון דעטראיט ריעל עסטייט ברא־קערס אסס׳ן, מיינען מיר נאר טסריקט ביזנעס.

צו פארקויפען א 4 פאמילי הויז און א סטאר אין דעלמאר, נעהמט אריין רענט $150 א מאנאט. פרייז 10,500 איינצאהלען $3300, פרעגען: סידאר 1409 אר.

2 **פעמילי פלעט** אויף וויללים לעבען מט. עליאט און גרעשיאט, צו 5 רומס מיט א באד, קווארטער בייס־מענט און גאראדוש. פרייז: $6650 — $4500 קעש און די באלאנס $50 מיט אינטערעסט יע־דע 6 מאנאט. איך האב אויך א

סינגעל 7 רום הויז מיט 4 בעד רומס פוירנים. אויף פארעסט, לעבען מט. עליאט. $7300 — $2000 קעש און $50 א מאנאט. רופט: מעלראוז, 980 דושיי, 1125 פארעסט איסט.

צו פארקויפען 2 פעמילי הויז, 6 רומס יעדע און א סינגעל גאראדוש, **א בארגען** אלע אימפרואוומענטס, צוויי בלאק פון גרענד ריווער און פון גרענד בולווארד. פרייז $13,000 $4,500 איינצאהלען, $125 רענט א מאנאט, רופט אפ: נארטוועי 2930, עס.

לאנטש רום צו פארקויפען ביליג פאר דעם שנעלען קויפער. גאראנטירט געלד צו מאכען. אורזאכע פאר פארקויפען אם פלאץ, 1244 הייס־טינגס סטריט.

צו פארקויפען א שניידער שאפ, קלי־נינג, פרעסינג און דייאינג עס טאבלישמענט, אורזאכע: שוואכ קייט, קאן ניט ארבעטן, אין האלי מישיגאן, גוטער פלאץ פאר ביזנעס, נאכפרעגען: מר. בלומבערג אין האלי מישיגאן.

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געברויכטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד־לונג. 2 סטארס.
רעליייבל סטאר פיקטשור קא
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
ר׳ דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן מעין 4420

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער ←
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
נעמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

פארד קארס און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר קויפען אויף לאנגע טערמינען.

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נע מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פארערט דוראנד ביי אייער דילער.
DAVIS CIGAR MFG CO
געמאכט אין דעטראיט.

קאפלאן׳ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעס פון די פאר נענדע ליינס:
קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס וואלענס און קאטין גודס. פרעשיערענ־דענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, פיי־טענס; טייבעל קאווערס; שעמס אי־זהארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענ־ב־י אנדערוועהר און קארסעטס. מענר פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענב באר מענער און ביייס סוטס און קאוטב א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס טייסערס טרימינגס.

צו אלע דעטראיטער פעדלערס!
— די —
סטענדערד בארעל קא.
האט געעפנט דעם אפיס אין
52 נאפאלעאן סט.
טעל. טשערי 8158
מיר צאהלען די בעסטע פרייזען פאר אלערליי באטלס.
דוד האפמאן, מענעדזשער

שעכטער׳ס דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

דר .לע. בעילער
ספעציאליסט אויף אויגען, אויערען, נאז און האלדז קראנקהייטען 164 גרעשיאט עוו קאפפין טעאטער בלדג.
טעל. מעין 2702

מאושען־פיקטשור אפריטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע ווייזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג: 7:30 אבענד.

ווי קען איך אנטווענען מיין בייבי?

דאס איז א וויכטיגע פראגע פאר יעדע מוטער וואס זויגט איהר בייבי. דער בעסטער וועג איז צו אנטוועהנען א בייבי לאנגזאם — מען דארף אנפאנגען פון זיבעטען מאנאט און געבען דער בייבי איינע אדער צוויי באטעלס שפייז דורך׳ן טאג, און אזוי שטופענווייז פערגרעסערען די צאהל פון שפייז באטעלס ביז דאס קינד געוועהנט זיך אב פון׳ם זויגען די ברוסט.

Borden's
EAGLE BRAND
(CONDENSED MILK)

איז אזוי ענהליך צו מוטער־מילך אין טעם און אין לייכטע פערדייאונג אז מען קען געבען אזוי דיעזע מעהר און אמאל ברוסט מילך און דעם אנטוועהנען וועט נאכ־הער זיין א גאנץ לייכטע זאך.

אונזער בייבי בוך וואס האלט פיער־און־פופציג תירוצים, ערקלערט אייך דייטליך ווי צו אנטוועהנען אייער בייבי. אויך פולע שפייז אינסטרוקשאנס געשריבען אין אידיש. מיר וועלען אייך שיקען ביידע זאכען פריי. אויב איהר וועט אונז שיקען היינט דעם קופאן.

איגעל ברענד, געמאכט פון העכסטע קוואליטי קוה־מילך און געמאלענעם צוקער. איז דאס בעסטע פיר׳ן טיש און קאכען און באקען — קויפט א קען היינט און געברויכט עס פור אלע צוועקען פיר וועלכע איהר האט געברויכט גע־וועהנליכע מילך און צוקער. טרייעט עס אין קאפעמארד.

דער לייבעל און נאמען איז אייער גאראנטי

1857 עטאבלירט

צו בעקומען אין יעדען גוטען דראג אדער גראסערי סטאר
The Borden Company
103 HUDSON STREET
NEW YORK

שניידט אויס דיעזע קופאן, מארקט ווערען ביזע איהר ווילט און מיילט היינט
Mrs. ....
Street ....
City ....
State ....
בייבי וועלפער בוך. רעסיפי בוך
10

אנדערע בארדען פראדוקטען:
בארדען׳ס מאלטער מילך | בארדען׳ס מילך טשאקאלאד
בארדען׳ס קאנדענסד קאפע | בארדען׳ס אייוואפאריטעד מילך

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. יען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן נעהט צו אן ערנסטען, זיכערליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך זארגפעלטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען.



די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך בעפרייען פון אלע אייערע טראבעלס. נעהט צו אייער ניט באקאנטען

Frosh O. D.
אפטאמעטריסט
אין 204 קלינג׳ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטנגס סט. קעגענאיבע עהרליך׳ס דזשועלערי סטאר.

— **באקאנטמאכונג** —
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר׳ן
בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמופט פון 263 פארנסווארט
אין
140 מינרניי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

דר.
ה. סטאריקאפ
דענטיסט
רעוי פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

בעקאנטמאכונג

פון דער באוואוסטער דזשועלערי פירמא

מאע עהרליך

אונזער סטאר וועט פון היינט אן און ווייטער זיין

זונטאג געשלאסען

מיר בעטען אונזערע קאסטומער דאס צו נעהמען אין אכט.

אכטונגספול

MOE EHRLICH

הייסטינגס און ערעמס

Bricker Bros
75 Grand Rive.
Cherry 3718
FURS

איהר דארפט איצט קויפען ספרינג פוירס אויך פארקאוטס פאר פרייזען וואס וועלען זיך דאוכלען אין פאל סיזאן. קומט אריין און באקענט זיך מיט אונז
בריקער בראס.

רעוו. ל. ה. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן **סדור קדושין**
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עופרירענהיים.
511 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 דאבליו

VIENNA SAUSAGE MFG. Co.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Smoked & Pickled Beef Tongues, Etc.
U. S. Inspection Establishment
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אינזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דושי לעפקאווסקי און סאמס בראדווי מארקעט

לאיער מתתיהו ליסס האט נעע־פענט א ברענטש אפיס פאר די אוועג־רען אין 325 וועסטמינסטער סט. טעל העמלאק 533 דאבליו דאן טאון אפיס. 928 טשעמבער אף קאמערס בלדג. סטייט און גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978



ווילט איהר
סייווען
30 פראצ.?

ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ראנס, בעדינגס, פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר. אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
658 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

וויל איהר אייערע
גלעסער, שליסלען קארפענ־טער וועגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלסט.

וואָרע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353־355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

מט. קלעמענס

זייט געזונט

און פארבערענגט אייער זומער וואקיי־שאן אין מאונט קלעמענס, און אז שוין אין מאונט קלעמענס וועט איהר סטאפען אין

Elkins Hotel

100 רומס, דייינינג רום פאר 300 לייט, א רפואה פאר קראנקע, א פאר געזינגען פאר געזונטע.

כ׳ניט נעדרונגען אז איהר מוזט האבען, טייזענדער צו זיין אין מט. קלעמענס

ניו ווילא האטעל

וועט אייך רעכענען $25 א וואך און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס קאנעקטעד מיט א פעסעדוש צו די פלאזא בעדער. שרייבט נאך איינצעל־הייטען צום פראפרייעטאר ה. קראוז.

ריווערסייד האטעל

(געוועזענער פארקענעקס)
מט. קלעמענס, איינגאנגען רעמא־דעלירט, עפענט זיך 1־טען מאי,
150 רומס, דייניג רום פאר 300. דאס אידעלסטע פלאץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע. שרייבט נאך איינצעלהיי־טען.

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

קוואסעלאוו און קאטליער׳ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און ליידיס פוירנישינגס, ניי גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

דיעזע וואך
— די —
„אויגען עפענער״
וועלכע האבען גע־מאכט א גרויסען „היט״ אין אנפאנג פון דיזען סיזאן קו־מען אויף וויער צו־ריקוועגס דיזע וואך די בעסטע סטירוש פראדאקשאן וואס ווינען דא.

Hacks Spring Style Shoes

העק׳ס ספרינג סטייל שיך

זיינען די העכסטע קוואליטי און שטאנאדי וואס מענשליכע הענד און מאדערנע מאשינערי האבען זיך געשאפען

הונדערטער מענשען פון אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט, בעוואונדערען מיט ערשטוינונג אונזערע 5 גרויסע שאו ווינ־דאוס מיט די פראכטפאלסטע סטיילס שוהס.

פאר מענער, פרויען און קינדער

וואס איז נאר ווען געצייגט געווארען אין דעטראיט. אונזערע שוהס זיינען איבער געוועזען אנערקענט אלס די בעסטע אין סטייל און קוואליטי, אבער דיעזען סיזאן איבערטרעפען זיי אלע ערוואַרטונגען. איהר מוזט זיי זעלבסט זעהן אום זייער ווערטה ריכטיג אב־צושאצען.

פאר מענער 5.00 ביז 18.00; פאר פרויען 5.00 ביז 16.50; פאר באיס 3.50 ביז 7.50; פאר גירלס 3.50 ביז 10.00; פאר קינדער פון 75 סענט ביז 5.00 די פאאר.

The Store on the Corner that does Business on the Square

העק׳ס שוה קא.

1047־1045 הייסטינגס סטריט
קארנער פארנסווארטה

ווי אזוי קען דיזע באנק באהויפּטען צו צאהלען 5 פּראצענט אויף אייערע סייווינגס

?

אן ערקלערונג וועגען דער פּאליסי

Jas. A. Hoyt

President

יעדען טאג קומט אונז אויס צו האבען ווי מען פרעגט אונז: „ווי אזוי קענט איהר צאהלען פינף פּראצענט אויף סייווינגס ?

עס איז דעריבער די אויפגאבע פון דיזער ערקלערונג קלאהר צו מאכען ווי אזוי אונזער אינסטיטושאן ארבעט און דאס וועט שוין פארענטפערען די שווערע פראגע.

דיזע באנק טוט א גרויסען וואליום ביזנעס טעגליך מיט קאמערשעל קאנסערנס און איינצעלנע מענשען.

איינע פון די פּרינציפּען פון דער באנק איז צו בארגען געלט אויפן מארים פּלאן. די לייטע מיט וועמען מי׳ רטוען ביזנעס זענען מענער און פרויען פון גוטען כאראקטער. — די בעסטע קאסטימער אין דער וועלט.

זיי בארגען געלט פאר לעגיטימע צוועקען ווי צום ביישפּיעל: —

צו פינאנסירען זייערע געשעפטען,

צו דיסקאונטען בילס
צו צאהלען חובות,
צו קויפען א היים.

די נויטווענדיגקייט פון דער הלואה דארף איבערציגט ווערען צו אונזער קאמיטעט.

אויב דאס קען ניט באוויזען ווערען ווערט די הלואה ענטזאגט קורץ און שארף.

דיזע לייטע געבען אונז זייערע נאוטס, ריכטיג ענדארסירט פון צוויי קא-מייקערס, (גוט זאגערס), אדער דורך א גוטען ווערטפולען משכן. אויף אזא פארזיכערונג (סעקיורי-טי) בארגען מיר געלט און מיר רעכנען 6 פּראצענט און אויך אן אינוועסטיגיישאן פי. זיי צאהלען אונז צוריק אין פארלויף פון א יאהר דורך וועכענטליכע אדער מאנאטליכע אפּצאהלונגען.

די סומע געלט וואס מיר האבען פארליהען אין 1919, האט באטראפען דריי מיליאן דאלאר $3.000.000

דער פּראצענט פון פארלוסט דורך דעם יאהר 1919 איז געוועזען כמעט גאר ניט.

הלואות וואס מיר האבען איצטער באטרעפען איבער $3.500.000

* * *

דיזע געלדער פארליהען מיר אויף דעם מארים פלאן, פונקט ווי אנדערע בענק טוען דאס אויף ריעל עסטייט. — עס רעפּרעזענטירט מיט זיך די סייווינגס פון פלייסיגע אויסגערעכענטע מענשען.

איהר געפינט אלזא אז אונזער ערפאלג איז די אורזאכע פאר וואס מיר קענען צאהלען 5 פּראצענט, ווייל חוץ דיסקאונט, קורעווען זיך די געלדער ביי אונז איבער יעדע וואך און ווערען נארמאל פארליהען אויף וועכענטליכע און מאנאטליכע צאהלונגען, דעריבער אלזא קענען מיר אפּארדען צו צאהלען 5 פּראצענט.

אונזערע באאמטע און פארוואלטער באוויזען דעם כאראקטער פון דער באנק, וואס איז ארגאניזירט און ווערט אפּערירט אונטער דער אינדאסטריעל באנק אקט מישיגאן.

* * *

סערטיפיקאטס קענען געקויפט ווערען פאר $50, $100, און $500 אדער עהנליכע סומען.

זיי קענען אויך געקויפט ווערען אויף א באזיס פון אפּצאהלונגען אויף וואס איהר באקומט 5 פּראצענט אויב דאס ליגט ביי אונז 90 טעג. אייער געלט קענט איהר ארויסציהען צו יעדער צייט אין איינקלאנג מיט די טערמס פון אייער סערטיפיקאט.

Industrial Bank of Detroit

207 Griswold St First Floor Farwell Bldg

Capital: $500,000.00 Resources: $4,160,000.00

OFFICERS

Chairman of the Board......EUGENE W. LEWIS
President..........JAMES A. HOYT
Vice-President..........FRANK P. JOHNSTON
Vice-President..........FRED G. AUSTIN
Vice-President..........S. T. CRAPO

Secretary..........R. H. DOUGHTY
Treasurer..........G. F. TURNBULL
Assistant Treasurer..........A. G. ROPP
Assistant Treasurer..........H. C. SPARKS

DIRECTORS

H. W. ALDEN
FRED G. AUSTIN
HOWARD BONBRIGHT
FRANK W. BROOKS
LEO M. BUTZEL
HUG HCHALMERS
S. T. CRAPO
R. H. DOUGHTY
COLEMAN DU PONT

GEO. E. EDMUNDS
C. A. GRINNELL
J. F. HARTZ
JAMES G. HEASLET
JAMES M. HIBBARD
JAMES A. HOYT
FRANK W. HUBBARD
W. H. JENNINGS
HARRY M. JEWETT

FRANK P. JOHNSTON
JULIAN H. KROLIK
EUGENE W. LEWIS
E. E. MAC CRONE
PHELPS NEWBERRY
WITTER J. PEABODY
WITTER J. PEABODY
M. L. PULCHER
JOHN G. RUMNEY
WM. E. WOODWARD

Attorneys, STEVENSON, CARPENTER, BUTZEL & BACKUS

הומאר און וויץ

מען דארף וויסען וועמען

מ... איר: זאג מיר שניאור, אין תלמוד ווער... ט דערצעהלט אז ווען ר׳ עקיבה איז ... נאך געווען אן עם הארץ, האט ער ... געזאגט: „גיט מיר א תלמוד חכם וועל... איך איהם בייסען". פרעג איך דיר, ... וואס האט ער גערארפט בעטען מען זאל ... איהם געבען? ער האט דאך אליין געקע... נט כאפּען א תלמוד חכם און איהם א בי... ס טאן.

שנ... יאור: פארשטעהסטו מיך אזוי, ווען ר׳ ע... יבה איז נאך געווען אן עם הארץ האט ... ער דאך ניט געקענט וויסען ווער עס א... ז א ריכטיגער תלמוד חכם.

הרב יוסף מאיר, שאנגהאי, כינא.

—::—

בריינדעל קאזאק

אין א שטעדטעל איז געווען א פרוי וואס ... איז געווען זעהר א שלעכטע און אלע ה... אבען געוואוסט אז איהר מאן שטעהט ... אויס גרויסע צרות פון איהר. איינמא... ל האט דער מאן גענומען אן אורח אויף ש... בת, האט די פרוי אוועקגעגעבען די געב... ראטענע הוהן אין גאנצען צו איהר מאן או... ן דעם אורח, און פאר זיך האט זי גארניש... ט געלאזען.

ווען ד... י פרוי איז א ווייל ארויין אין קיך, זא... גט דער אורח צום בעל הבית: „עס איז מיר א וואונדער וואס מען זאגט א... ז אייער פרוי איז א שלעכטע, איך זע... ה דאך אז זי האט אונז אוועקגעגעבען ד... י גאנצע הוהן".

„זייט ... גיט קיין נאר", האט דער בעל הבית גע... ענטפערט. „זי גיט מיר אימער אוועק ד... י גאנצע הוהן, דערנאך עסט זי מיך אוי... ף מיט דער הוהן צוזאמען".

יעקב יוסף אויערבאך.

—::—

... אימאנער רעליעף אסס׳ן

אויף דע... ם באנקעט לעצטען זונטאג אין כרמן ר... עסטאראנט פון דער יוניטעד אומאניער רעליעף אסס׳ן, איז געזאמעלט געווארען די סומע פון $2245.00

פאלגענ... דע האבען בייגעשטייערט.
מר. ה. האפמאן $250, י. האפמאן $230 מר. ה. שאכמאן $150 מ. קלאר $125 „ ה. שארר $125 מ. האפמאן $100 „ ה. אבראמאוויטץ $100 י. קוויטקא $100 ה. שניידער $75 פ. אבראמאוויטץ $60 א. ראמענים $50 ס. רובין $50 ס. קוויטקא $50 מרס. מארא לעווענטאן $50 מר. פילגער $50 מר. ה. שפּאראנא $50 מר. ...סמושקין $50 מר. י. רעסאק $25 מר. ס. אבראמאוויטץ $25 מס מארא שאכמאן $25 מרס. י. וועקס $25 מר. י. וועקס $25 מרס. און מר. אסטרין $25 מרס. לענדיי $25 מר. גוגעקאוו $25 מר. י. רעגנאק $25 מר. ב. קאבאט $25 מר. ס. באלאנצאן $20 מר. ד. טוקער $20 מר. י. סטר...נקאווסקי $20 מר. ל. טונקין $20 מר. ס. קאפּעטאנסקי $20 מר. און מרס. פיש $150 מר. ע. אבראמאוויץ $25 מרס. ה. שפּאראנא $15 מרס. ה. שניידער $15 מרס. און מר. גלאסמאן $15 מרס. מ. האפמאן $10 מר. מ. טעפּלעצקי $10 מר. י. קאפּעטאנסקי $10 מרס. בערקאוויץ $10 מר. ליאן $10 מרס. און מר. שערמאן $10 מר. ערמאן $10 מר. מ. באקער $10 מר. א. באקער $10 מרס. מארקאף $10 מר. מ. סילווערמאן $10 מרס. שילדענגער $10 מר ט. ראוועט $10 מר. ב. ווינעקאוו $10, מרס. ד. טאקער $5

...אכטונגספאל, די קאמיטע

פאלגענדע געלדער זיינען אריינגעבראכט געווארען אין אפיס פון פיפּעלס רעליעף 490 הייסטינג סט.

...דאנייש... אנס

מר. גינזבורג 122 טהיאדאר סט. — $10.00

... ה. מארואל, 213 וואודוואר. ע.ו. $2.00

...בעם וואונסנער. 2186 ר... קאמפּאו. $3.00

...געזאמעלט אויף א פּארטי, 914 אקלאנד — $21.15

...פון נארר וועקמערן תלמוד תורה — $10.00

אויף תנאים ביי מיסס קודינסקי און מר. פאלאק, 322 הענדרי סט. — $20.00

...עטראוימער אינוועסטמענטס אסס׳ן

אלס מיטגליעד ביינעשטייערט — $25.00

געזאמעלט דורך אסתר עלקוגיז, 256 קעניליווארט — $70.00

—::—::—

טאקיא מעלדעט סיבירער רעגירונג גיט זיך אונטער

טאקיא, מאי 1 — דאס קריגעס מיניסטעריום מעלדעט, דאס דער פארשטעהער רוסישי יאפּאנעזישער אפּמאך וועט נאכגעבען אלע פאדערונגען,

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by DER WEG PUBLISHING COMPANY. INC.

347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715

J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.

B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

מכח דער „וועג״-קאנפערענץ

עס קומען צייטען ווען נישט קיין נדבות, נישט קיין „רעליעף״ און נישט קיין פילאנטראפיע, אפילו [illegible]-ווינטהארציגע נתינות וועלען ניט קלע־קען און ניט געפאדערט ווערען.

עס קומען צייטען ווען מיר וועלען דארפען צאהלען גרויסע חובות צו זיך אליין, צום אידישען פאלק און די דאזיגע חובות וועלען אין די מיליאנען שטייגען, און מיליאנען דאלארס קען מען דורך פילאנטראפישע נתינות נישט שאפען.

מיר, די אידען אין אמעריקא, האבען אפשר געקענט שאפען צעהנד־ליגע מיליאנען פאר שטיצע.

מיר וועלען דאס נישט קענען ווען די רייד וועלען זיין וועגען הונ־דערטע מיליאנען.

עס וועלען זיך פאדערען אינטערנאציאנאלע הלוואות אויף צו באַ־זעצען דאס לאנד מיט יענע אידען, און וועלכע ארץ ישראל נייטיגט זיך באלד אין פאר יענע, וואס מיזען באלד האבען וואו דעם קאפ אנצושפא־רען.

מען זאגט, אז מען וועט אין די ערשטע צוויי יאהר בלויז צווייה־אלער דריי הונדערט טויזענד אידען באזעצען אין ארץ ישראל אין דאס איז לעבערליך. דורך א לעבען פון א נאדעל וועלען אידען פון אוקראינע און פון פוילען זיך דורכשפארען, און די ערשטע פאר הדשים, וואס די מיזען וועלען גיך עפענען, און א גרעסערער צאהל.

און ווי אזוי וועלען זיי דארטען זיך דורכלעבען? און פון וואס וועלען זיי זיך מפרנס זיין?

דערויף קען מען ענטפערען מיט נחום סאקאלאו׳ס ווערטער:

„אידען וועלען האבען א פרייע אימיגראציע קיין פאלעסטינא — האט נחום סאקאלאו געזאגט — זיי קענען עס באַקריפטען. עס גע־ווענדט זיך אין די אידען גיפא. עס גערעכענט זיך ווי אזוי זיי וועלען זיך אפריכטען. ווען מען וועט זיי אויפפאדערען איבערצוזייען דאס לאנד״.

און מיר פארשטעהען אז די פיאנערען וואס וועלען קומען קיין ארץ ישראל וועלען זוכען לאמיר זאגען, דעם באדען און איהם צעאקערען, אבער ביז זיי וועלען פון די פריכט געניסען, וועלען חדשים און הדשים פאראיבער.

ווייער ביסעל געלד — אויב זיי וועלען מיטברענגען מיט זיך אהין אביסעל געלד — וועט באלד צערינען ווערען. מיט וואס זשע וועלען זיי לעבען ביז די זריעה וועט אויסשפראצען און די תבואה וועט פינ׳ם מילגער צייטיקען?

דאס אידישע פאלק וועט זיי מיזען אויסהאלטען!

און דאס אידישע פאלק וועט אויך מיזען איינארדנען דאס לאנד, די פילע מלובה, די רעפובליק.

און דאס דארף וויסען דאס אידישע פאלק.

מען האט אונז דאס לאנד געגעבען.

דאס איז א שטיק ליים.

די קנעטערס איז דאס אידישע פאלק. וואס דאס אידישע פאלק וועט וועלען, וועט עס קענען פון דעם ליים אויסקנעטען.

דאס דארף מען דעם פאלק דערצעהלען.

מען דארף איהם זאגען, אז איצט קומען ערנסט צייטען פון גרויסער און אונערמידליכער ארבייט; צייטען פון ריזיגע אונטערנעהמונגען.

און ווייל אזוי, דערום דארף די ארבייט לטובת דיזע אונטערנעה־מונגען זיין א גאנצע, אן איינהייטליכע און א בארעכענטע.

די אידישע אמעריקא — הויך דעטראיט — האט מיט גרויסע דע־מאנסטראציעס געפייערט דעם יום טוב פון דער גאולה. די שמחות צוליעב דעם באשלוס פון דער סאן רעמא׳ר קאנפערענץ און די מזל טוב׳ס האבען פארבאפט דאס אידישע הארץ מסתמא נישט בלויז אין אמעריקא.

מיר אין דעטראיט דארפען זיך איצט גרייטען נישט בלויז צו א ספאנטאנער דעמאנסטראציע, וועלכע איז שוין, אגב אורחא, עבר זמנה, נאר צו א גראנדיעזען מאסענמיטינג, אויף וועלכען עס זאל ארומגערעדט ווערען די אמת׳ע און ווייטיגסטע „אישו״ פון דיזער ישועה.

און צו דיזען צוועק האבען מיר פארופען אן ענגע קאנפערענץ פון די היגע ציוניסטישע טוער פון אלע פארטייען אום ארומצורעדען און אויסצוגעפינען וועגען און מיטלען ווי אזוי אזא מאסענפארזאמלונג צו ארראנזשירען און ווי אזוי צו מאכען איהר וואס מעהר איינדרוקספאל און ניצליך.

עס פרעגען זיך מאנכע אידען: נו, און וואס איצטער?

און עס פרעגען אנדערע: און וואס דען באשטעהט די גרויסקייט פונ׳ם מאמענט?

און נאך אנדערע פרעגען: און ווארום האט מען קיין טענץ נישט איינגעראפט אין מיטען דער גאס?

דאס און די איבעריגע געפרעגטע און די נישט געפרעגטע שאלות מיזען פארענטפערט ווערען [illegible] אויף יענער גרויסער „גאולה״ פארזאמלונג, וואס דעטראיט דארף פארופען.

מיר וועלען אויף דער דאנערשטאגדיגער קאנפערענץ ארומריידען ווי אזוי אזא פארזאמלונג צו מאכען.

הארציג בעטען מיר די אלע, וועמען דער איצטיגער מאמענט איז באמת [illegible] אין טייער, אז זיי זאלען קומען נעקסטען דאנערשטאג אווענט אין מיר רעדאקציע פון „וועג״ צו דער קאנפערענץ און אונז העלפען צו [illegible]ראנזשירען די גאולה פארזאמלונג אזוי איינדרוקספאל ווי עס פאסט פאר [illegible]א אידישער געמיינדע, ווי דעטראיט איז.

איבערהויפט באדארפען נאציאנאליסטישע ארגאניזאציעס זיך פאר[illegible]טערעסירען מיט דיזער קאנפערענץ און שיקען זייערע פארטרעטער, [illegible]ער די אפיסערס זאלען קומען אליין — אויב ביז דאנערשטאג קענען [illegible] קיין מיטינג נישט אפהאלטען.

די בלוט באד אין אוקראינא

אן אפיציעלער באריכט פון רוסישען רויטען קרייץ

דער פארבאנד פון די אוקראינישע אי־דען אין לאנדאן האט פארעפענטליכט פאלגענדע אפיציעלען דאקומענט וועגען די ישודעדליכע פאגראמען אין אוקראינע. דער דאקומענט איז אן אפיציעלער באַ־ריכט ארויסגעגעבען פון רוסישען רויטען קרייץ, ער לויטעט: —

„די פאגראמען אויף אידען אין אוק־ראינע, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער גרויזאמקייט, האבען זיך קיין גלייכען ניט אין דער וועלטגעשיכטע. זיי האבען פארפלייצט מיט בלוט פון דו־היגע אידישע בירגער דאס גאנצע לאנד. די פאגראמען האבען זיך אנגעהויבען דעם 31טען דעצעמבער 1918. דורך דעם ביר־גערקריעג, וואס האט אויסגעבראכען, נאכדעם ווי די דייטשע אימפעריע האט געליטען א מפלה ווען דער רעזשים פון העטמאן אין אוקראינא איז געפאלען און די באלשעוויקעס האבען אנגעהויבען זייער מלחמה קעגען פעטליורא׳ס רעגירונג, פון פעטליורא׳ס מיליטער, וועלכעס איז געשטיסען געווארען צו מערב־גאליציע האבען זיך אפגעטיילט גאנצע באנדעס. וועלכע האבען געבראכט חורבן אויף די אידען און פון זיי באלשעוויקעס האבען אפגעריסען: גריגאריעוו, טיוטיוניק, זע־לעני, סטרוקא, סאקאלאווסקי און א סך אנדערע אטאמאנען, וועלכע האבען גע־בראכט פארניכטונג פאר אידען, ווי וויית זיי האבען נאר געקענט.

אין די ערשטע 2 יאהר פון דער רעוואָ־לוציע האבען די אידען כמעט ניט געלי־טען פון פאגראמען. עס זענען בלויז געווען איינציגע פאלען פון אטאקען גע־גען אידען מצד דעמאביליזירטע סאלדא־טען, אבער זיי האבען ניט געטראגען קיין געפעהרליכען כאראקטער. בעת די דייט־שען זענען געווען אין אוקראינע זע־נען קיין פאגראמען ניט פארגעקומען און אין די ערשטע פאר הדשים, וואס דאס דירעקטאריום האט באזיגט דעם העט־מאן זענען אויך קיין פאגראמען ניט פאר־געקומען, זיי האבען זיך אנגעהויבען, ווען די באלשעוויקעס האבען זיך געשטעלט קעגען דעם דירעקטאריום. וואס מעהר מפלות פעטליורא׳ס מיליטער האט געלי־טען אלץ מעהר האט מען אנגעהויבען אויסלאזען דאס ביטער הארץ קעגען די רוהיגע אידען און עס האבען זיך אנגע־הויבען העבערען קולות: שלאגט די זשי־דעם און די קאמוניסטען״ און „אלע זשי־דעם זענען קאמוניסטען!״.

דער ערשטער פאגראם האט אויסגע־בראכען דעם 31טען דעצעמבער 1918, אין אווראטש. די הילפלאזע אידישע באפעלקערונג האט זיך געפונען אין רשות פון פעטליורא׳ס מערדער גאנצע 17 טעג. אין חודש יאנואר האבען אויסגעבראכען פאגראמען אין דזשיטאמער, בערדיטשעוו, טשערניאכאוו און אין א רייע דערפער ארום אווראטש. בכלל האבען אין יאנואר געליטען די אידישע פלעצער אין מזרח זייט פון וואהלינער גובערניע, וואו פעט־ליורא׳ס מיליטער איז געפרעסט געווארען פון די באלשעוויקעס.

אין פעברואר האבען זיך די פאגראמען פארשטארקט, קיעוו איז דאן פארנומען געווארען פון די באלשעוויקעס און פעט־ליורא׳ס מיליטער איז שנעל אפגעטראטען פון בערסאנער פאלטאווער און קיעווער גובערניעס. עס זענען פארגעקומען פא־גראמען אין יעליסאוועטגראד, נאוואָ־מירגאראד, סיראטין און אין אנדערע ער־טער אין פאלטאווער גובערניע. אויף א סך אייזענבאהן־סטאנציעס, ווי ראמאדין באברינסקאיא און אנדערע האט מען א־רויסגעשלעפט אידען פון די באהנען און מ׳האט זיי דערשאסען. אין לובנאַג הא־בען זיך די אידען געשטעלט קעגען די פא־גראמטשיקעס, אבער זיי האבען די שטאָר נישט געקענט רעטען פון א פאגראם, אין קרעמענטשוג האבען זיך די אידען אויס־געקויפט פון פאגראם, באצאהלענדיג א האלבען מיליאן רובעל.

אין פעברואר זענען אויך פארגעקומען פאגראמען אין קיעווער גובערניע. עס הא־בען געליטען: וואסילקאוו, ראסאוו, סטע־פאנצי, ראדאמיסל, סקווירא, און טשער־ניגאווער גובערניע האבען געליטען: איס־טשנא און בראווארי. די שרעקליכסטע פאגראמען זענען פארגעקומען אין פראס־קוראוו און פעלשטין.

אין מערץ זענען פארגעקומען פאגרא־מען אין קאראסטען, אוזשאמיר, בעלאז־שיצא, סאמאראדקא, טשערניכאוו, זשי־טאמיר (צום צווייטען מאל), יאנושפאל, ראדאמיסל. אינ׳ם לעצטען פלאץ זענען פארגעקומען א סך פאגראמען, איינמאל נאכ׳ן אנדערן. דארט האבען אנגעהויבען שוין בישעווען סאקאלאווסקי׳ס באנדעס און הארעסטען האבען באנדעס פון באל־שעוויסטישע טרופען געמאכט א פאגראם איבער דעם האבען פעטליורא׳ס באנדעס געמאכט פאגראמען אין קאלינאווקא, קובליטש [illegible]טאקאווצי, און אנדערע פלע־צער אין פאדאלער גובערניע.

אין אפריל האבען סטרוקא׳ס באנדעס געמאכט פאגראמען אין טשערנאביל, הא־רנאסטייפאל, איוואנקאוו און אין א רייע דערפער ארום דעם דניעפער. זיי פלע־גען אפשטעלען די פאראכאדען און ארויס־ווארפען די אידען אין וואסער. די באנדעס האבען געבישעוועט אין 41 פונקטען. אויסער דעם זענען אויך פארגעקומען פא־גראמען דורך סאקאלאווסקי׳ס באנדעס אין קאראלעווקא, מאלין, ראקיטנא, קארנין. פעטליורא׳ס באנדעס האבען פאגראמירט וואסילקאוו, לושישצעוו, סליסעצקי, אל־שאנקא און אנדערע פלעצער און וואסילקאוו.

אין פאדאלער גובערניע זענען פאגראמירט געווארען אסך פלעצער און צווישען זיי באלטא און בראצלאוו.

אין מאי האבען גריגאריעוו׳ס באנדעס געמאכט פאגראמען אין כערסאנער און פאלטאווער גובערניע. עס האבען געלי־טען: וולאטאפאל, זנאמענקע, לעבעדין, גאראדישטשע, ארלאווע, רטמיסטראוו־קא, מאטוסאווא, בעלאזערע, סמילא, יע־ליסאוועטגראדקא, ארדושאמקא, ביסק נאווי־בינטשעלקאס, ראיגאראד, סאבלינא, אלעקסאנדריא, טשיגירין, [illegible]ניאווקא, גראסאליו, פונדוקלעיעווקא, מעדוועד־יעווקא, קאמינקא, באברינסקי צייטאקא־ווא, מאשני גלאבין, קאסלע, נאמאשאוי, וועדשאע, וויעסעליקוט, וויעבעדי פעראל אינאנדערע. אויף דער סטאנציע אי[illegible]ן־ווקא זענען 62 אידען [illegible] גע־ווארען. אסך אידען זענען אויך געהרגעט געווארען אויף אנדערע סטאנציעס.

דער שרעקליכסטער פאגראם אין יענעם חודש איז געמאכט געווארען דורך גריג־אריעוו׳ס באנדעס אין אומאן, דערנאך אין רוזאווא, טאלנא, כריסטיאנאווקא, אדזשענקא, וויזאווקא, מענקאווקא, איוואנקא, ביזא און אנדערע פלעצער.

פעטליורא׳ס טרופען האבען פאלגענדע ערטער אין וואהלינער און פאדאלער גו־בערניעס: וואראנאוויצא, ראווגא, קרע־מענעץ, ליטין, קאדימא און אנדערע פונ־קטען. א שרעקליכע בלוט באד איז פאר־געקומען אין טאראטשאנצי און טענאַך אין נעמיראוו. אין קאדימא האבען די יאר־מינגע פוילעם אויך אנטייל גענומען אין פאגראם. אין פאדאלער גובערניע הא־בען די גריגאריעוו׳יעס פאגראמירט זאוא־טאנאש. אין [illegible] אין פאגערבייש־טשע האבען באלשעוויסטישע באנדעס געמאכט פאגראמען.

אין יוני זענען פארגעקומען פאגרא־מען אין פאראטע, אין היי[illegible] און וואַ־[illegible] גובערניעס דורך גריגאריעוו׳עס און אפגעריסען: גריגאריעוו טיוטיוניק זע־לעני: סטאוויטש, טאראשטשע, וואראדא־

[illegible] פאדאלער גובערניע: [illegible]: סטאראָ־[illegible] דובנא, אבאן [illegible] אוראדגאווא, פאגראדיש־טשאוואש, [illegible] פלאַגען ראָ[illegible].

אין פאלטאווער גובערניע: פעריאס־לאוו.

אין וואהלינער גובערניע: קאטערי־נאווקא, קאמע[illegible], בראה, קאטערין, זא־ריביצי, דאמבראווייצי, קסאראוו, סקאָ־ענגא, און א גאנצע רייע דערפער.

אין פאדאלער גובערניע: ווינענקא, בריידאוו, פקאוו, שענדעראוו, וואראנאָ־ווייצי, אבאדי, יאנאוו, ריטין, נאוואָ־קאָנ־סטאנטינאוו, טעפלין, גייסין, פעטשארא.

אין אויגוסט איז פארגעקומען א צווייטע בלוט באד. עס האט אויך געליטען פא־סאשי און אנדערע פלעצער.

אין אייגוסט זענען ניט אנגעקומען [illegible] ידיעות ווענען דער צאהל פון פאגרא־מען אין פאדאלער און וואהלינער גובערניע פעריאסלאוו האט ווידער געליטען פון ראפאפעל׳ס באנדעס און פאגראמען זע־

נען פארגעקומען אין ווינניצי, גאלאוואנע־ווסקאיא, טעטיעוו, פלסקאוו, הורשאוו, פאנשעבישטש, בעלאוא, צערקאוו, באַ־יארקא, וואסילקאוו, גרמאנאווקא, פרש־טשאוואדיצי, קיעוו, דעמיעווקא, סלאָ־באדקא, באגוסלאוו, סמילא, טשערקאס, גאראדישטש, אלראווין, קארסופאַ, סטאוו, אוסטינאווקא, איננאטאווקא, האָכטאמל, סטעפאנף, טאראטשי, בעלאצערקאווקא, פריליקי, יעקאטערינאסלאוו.

ביז דעם 22 סעפטעמבער זענען רע־גיסטרירט געווארען 372 ערטער. אין א סך פונקטען זענען פארגעקומען ביז 10 פאגראמען. צו די פלעצער געהערען: ראַ־דאמיסל, טשערניכאוו, קארנין, וואלאָ־דארקא, יעליסאוועטישאד, וואסילקאוו און אנדערע. אין מאנכע פלעצער האבען די פאגראמען אנגעהאלטען ביז עס איז פון די אידען קיין זכר נים געבליבען.

די פארגראמירטע פלעצער אין אוק־ראינא ווערען איינגעטיילט אויף פאלגענ־דע ראיאנען:

טשערנאבילער ראיאן 42 פלעצער; טרו־פאלער ראיאן 9 פלעצער; טשערקאס־טשיגערין ראיאן 21 פלעצער; בערדיטש־עווער ראיאן 5 פלעצער; טאראש[illegible] ראַ־יאן 20 פלעצער; אומאנער ראיאן 12 פלעצער; סקווירא און פאגרעבישטשע־סקיר ראיאן 30 פלעצער; קיעווער ראיאן 16 פלעצער; ראדאמישלער־זשיטאמירער ראיאן 52 פלעצער; סך הכל 208 פלעצער.

וואהלינער גובערניע:

אווראטשער ראיאן 26 פלעצער; זשי־טאמירער ראיאן 20 פלעצער; ראוונער ראיאן 10 פלעצער; סך הכל 56 פלעצער.

פאדאלער גובערניע:

גייסינער ראיאן 29 פלעצער; באלטי־ער ראיאן 8 פלעצער; יוניצער ראיאן 16 פלעצער; פאסקוראווער ראיאן 1 פלאץ; קאמענעץ־פאדאלער ראיאן 1 פלאץ; סך הכל 55 פלעצער.

חערסאנער גובערניע 23 פלעצער.

פאלטאווער גובערניע 15 פלעצער.

טשערניגאווער גובערניע 8 פלעצער.

יעקאטערינאסלאווער גובערניע 1 פלאץ.

מעהר פון אלע גובערניעס האט געלי־טען קיעוו סאי אין דער פאגראמען אין סאי אין דער צאהל קרבנות. די ערגסטע חדשים זענען געווען מאי, יוני, און יולי.

דער קלין אפ קאמפיין אין דעטראיט

אין דעטראיט וועט היינטיגען חודש פון דעם ערשטען מאי אן אנגעפיהרט א שטארקער קאמפיין אויסצוריינען די שטאדט. עס איז פארמירט געווארען א „קליען אפ״ פיינט אפ קאמיטע, וועלכע פירט אן דעם קאמפיין פון מאַ־כען דעטראיט אויסזעהן א בעסער היי־מע.

עס איז פריהלינג, די צייט ווען אלעס לעבט אויף און ווערט ניי געבוירען און עס דארף איצט די פאסיגע צייט פאר יעדען איינוואוינער פון דעטראיט צו מאכען א „רייניגער קלינינג״ אין און ארום זיין הויז און אזוי ארום וועט די גאנצע שטאדט ווערען ריינער — די איז.

פילע פריוואטע ארגאניזאציעס צוזא־מען מיט די ביזנעס ארבייטען איצט אויס א פראגראם וועגען דער פארמירונג פון א פערמאנענטע קליען אפ ארגאני־זאציע דא אין שטאדט.

איינענטליך איז דעטראיט ניט די ערשטע שטאדט, וואס האט אונטערנו־מען אזא קאמפיין, אזעלכע קאמפיינס זע־נען דורכגעפיהרט געווארען אין קליוו־לאנד, פיטסבורג, באסטאן, ניו יארק און אנדערע שטעדט. סט. לואיס איז געווען די ערשטע שטאדט, וואס האט ערפונ־דען די אידעע פון א „קליען אפ״ קאמפיין און די ארבייט דארטען האט זיך ארויס געוויזען פאר א גרויסען ערפאלג.

און וואס באשטעהט די ארבייט פון דעם „קליען אפ״ קאמפיין?

עס איז גאנץ פשוט: די „קליען אפ״ קאמיטע צושיקט קודם כל פראפאגאנדע ליטעראטור און יע־דען הויז און ווייזט אויף מיט ראיות, אז עס איז אין די אינטערעסען פון די קליינע קינדער און פון יעדען איינציגען איינוואוינער פון שטאדט, צו האלטען ריין דאס הויז און אויך ארום הויז. עס ווערט אין זייער פראפאגאנדע ליטעראַ־טור וויסענשאפטליך אנגעוויזען, אז האלז, אייזען און אנדערע מאטעריאלען וועלען האלטען פיעל לענגער ווען דאס וועט זיין אפגעארבעט. סטארקיפערס ווערען געראטען צו האלטען זיך ריין און סאניטאריש, שעהן אויסגעארבעט די פענ־סטער אלע טאג געוואשען און אז. וו.

די ערשטע ארבייט אלזא פון דער „קליען אפ״ קאמיטע באשטעהט אין אגי־טירען מען זאל זיך האלטען ריין.

אין פאל אבער די אגיטאציע האט נים קיין ווירקונג, רופט די קאמיטע צו פירה דעם הויזהער־דעפארטמענט. און ווען אן אינספעקטאר פון העלטה דעפארט־מענט געפינט אויס, אז טראץ דעם וואס די ארער יענע פאמיליע איז געווארנט געווארען אין די ווארנונג איז נים אויס געפאלגט געווארען ווערט עס באטראכט אלס אן איבערטרעטונג פון די סאניטא־רישע רעגלען פון שטאדט, און די באַ־טרעפענדע פערזאן ווערט אנגעקלאגט אין געריכט.

דאס מיינט, אז די „קליען אפ״ קאמיטע איז נים סתם א פריוואטע גע־זעלשאפט נאר א אונטערגעאָרדנעטע קערפער שאפט דורכצופיהרען איהר ארבייט אונ־טער אלע אומשטענדען.

עס איז די פליכט פון יעדען באלעבאס און באלעבאסטע נים אנצווארפען קיין מיסט אין די יארדס אדער אין די האלען; צו האלטען ריין די טראטוארען; נים אנ־צוזאמלען קיין מיסט פון איין טאג אויף דעם אנדערען, ווייל יעדער איינער ווייס, אז מיסט נים פון זיך אויס פארשיעדענע אינזעקטען וואס זיינען פשוט סם המות פאר קינדער, אזוי גוט ווי נאר ערוואק־סענע מענשען.

אמת די וועטערען זיינען דערווייל נים גינסטיג גענוג פאר דער דורכפיהרונג פון אן אלגעמיינער אויסרייניגונג, אבער מען דארף נים פארגעסען, אז לאנג אזוי אנ־האלטען קען, עס נים און אלעס וואס קען אפגעטאן ווערען באצייטענס. טאר נים אפגעלייגט ווערען אויף שפעטער, ווייל נאך אלעמען געהט עס צו זומער.

עס איז וויכטיג, אז יעדער איינער וואס האט נאר די מעגליכקייט זאל לאזען אויס פארבען די טירען און פענסטער. הויפט־זעכליך דארפען דאס טאן זיינען האבען די לענדלארדס און אויב די לענדלארדס מאכען זיך נים וויסענדיג, דארפען די טענאנטס זיי דערמאנען, אז עס געהט איצטער אן א „קליען אפ״ קאמפיין אין דעטראיט.

די „קליען אפ״ קאמיטע לאזט ארויס פאלגענדען אפיעל צו יעדען איינוואוינער פון דעטראיט:

„ווארט נים ביז איהר וועט אויסגע־פאדערט ווערען צו העלפען אייערע שכנים אויסריינגען די שטאדט. אויב איהר ווייסט נאר וואס עס דארף געטאן ווערען אין אייער פעקטארי, סטאר, שאפ אדער היים, נעהמט זיך צו דעם זאפארט און זאלען זיך אנדערע לערנען פון אייך, אויב איהר פיהלט אז עפעס דארף גע־טאן ווערען, נאר איהר ווייסט נים ווי אזוי דאן באראט זיך מיט דער „קלין אפ״ קאמיטע אין דעם באארד אף קאמערס בילדינג״.

ווי זי האט געשטימט

איין פרוי: זאג מיר, ווי האט איהר געוואוט אין לעצטען עלעקשאן־טאג?

צווייטע פרוי: אין מיין ברוינעם סוט, און אין מיין העט וואס איז געטרימט מיט וויעווערקע פעל.

דארע וואקס.

זאל פרעהליך זיין!

פון מיכל אראנסאן

זאל יעדער איד
א יובעל ליעד
יעצט זינגען אין די גאסען,
עס האט די וועלט
אונז פעסטגעשטעלט
אלס פאלק צווישען ראסען.

און אלטער טרוים,
עס גלויבט זיך קוים
מקוים איז געווארען
פון גלות פריי
און פון דאס ניי
א פאלק נאך לאנגע יאהרען.

ווי גרויס ז׳דער נס!
און איין מעת לעת
האט אלעס זיך געביטען
א פרייד־מאמענט
וואס האט געקענט
דעם לאנגען פיין פארגיטען

און גאסען טאנצט
מיט גליק באקראנצט,
זינגט ציון׳ס פרייד געזאנגען,
דעם אידען׳ס ליכט
איז אונגעריכט
אין ימעל אויפגעגאנגען!

פריהלינג שטימען

פון אפרים סיימאן

שטיל און ווייך, א ווינטעל וויעט, נרעט,
שלייכט זיך דורך דעם פענסטער, אויף מיין בעט
מארגענס־ווייבע שטראלען, קלאר און ריין
שיינען אין מיין צימער, ליבטיג שעהן;
— עפענען מלאכים אויף מיין טהיר; —
זייען לייכטע פליגלען, איבער מיר,
שמייכלען מיינע ליפען, שטיפט מיין זעעל,
— ווייסע טייבען פליהען ביי מיין שוועל.
דרימעל איך אין חלום, רוהיג, לייכט,
ווערען מיינע ליפען זאנפטיג פייכט
דאכט זיך מיר — עס פליסען קוואלען ווייך;
— קיש מיך אין דער לעערער ליפט אריין..
שוועבען ווייסע בילדער פון קריסטאל,
וואקסען אויס ווי בלומען מיט אמאהל
מינען גאלד און פארבען גרין און בלוי,
פינקלען ווי סאפירען פרישער טהוי..

שפיגלען אפ זיי זונען אלערליי,
— שלייערט זיך דער עטהער איבער זיי..
וועקט מיר אויף א ווייכע צארטע האנד;
הער איך קינדער שטיפען איבערן וואנד —
הער איך פויגלען טרילען פון דער וויים,
טראגען זיך די טרעלען אום פארשיים
איבער בערג און טהאלען, איבער וואלד,
אומעטום וואו פריהלינג וועקט און שאלט
מורמעל איך „גוט מארגען״ — און דער לופט,
ברענגט א ווינט, צוריק מיר, בלומען הפט.

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארטזעצונג)

דא האט זיך דער אלטער נײמאן גענומען צו זיין אמאליגער באשעפטיגונג: בראנפען. נור אנשטאט דעם וואס אמאל האט ער זעם בראנפען געהאלטען אין שענק און די קונים זענען געקומען בו'ן איהם, האט ער איצנד די גאנצע קראם געהאלטען אין א צוויי' קווארט־פלאש און האט די ספורה געטראגען צו די קונים היים.

קיין מיליאנער קען מען נישט ווערען פון אזא מין מסחר. מען מוטשעט זיך, און די נײמאן'ס האבען זיך אויך געמוטשעט. די קינדער האבען געארבייט אין די פאבריקען, די מוטער האט געהאלטען עטליכע קווארטיראנטען, און — מ'האט געמאכט א לעבען..

אט אין דעם רייכקייט האט נאך דער איינער בחור'ל נײמאן ערצויגען. פון זיין טאטענס אמאליגע עשירות האט ער נישט געדענקט, געפיהלט האט ער אבער גוט דעם טעם פון דער איצטיגער נויט.

נײמאן האט געארבייט א גאנצען טאג און אויף דער נאכט פלעגט ער לערנען אין די „אבענד קורסען", „אבענד שולען".

געלערענט האט נײמאן זעהר פלייסיג.

און טאקע נור צוליעב דעם לערנען, האט ער אויפגעגעבען די פאבריק ארבייט אנשטאט דעם האט ער זיך גענומען צייטונגען צו פארקויפען כדי צו האבען מעהר צייט צום לערנען און צו שטודירען.

אט אזוי ארום האט ער זיך באקאנט מיט די רעדאקציעס וואו ער האט די צייטונגען געקויפט האט זיך באקענט מיט שרייבערס פארלעגער און רעדאקטערע.

עס האט זיך ביי איהם געוואוועט א חשק צו שרייבען. ער האט א פאר מאל געטראגען אין די רעדאקציעס זיינע ליעדער אבער מען האט זיי איהם צוריק געגעבען. נײמאן האט זיך נישט פונדעסטוועגען מיאש געווען פון צו זעהן אמאל זיין נאמען געדרוקט. ער האט דערווייל פלייסיג געלערענט שטודירט די ענגלישע שפראך און די ליטעראטור.

ווען ער איז בעסער באקענט געווארען מיט דר ענגלישער שפראך, האט ער אנגעהויבען אליין צו געבען לעקציעס.

זיינע תלמידים זיינען מעהרסטענס באשטאנען פון גרינע ארבייטער, מיידלעך, און עלטערע מענשען, וואס האבען א חשק געהאט צו קענען איבערלייענען א סיין און קענען אנשרייבען אן אדרעס.

דעם גאנצען טאג איז ער געווען פריי.

זיין ארבייט האט זיך אנגעפאנגען פון ארום פינף, זעקס, ווען די ארבייטער ווערען פריי, ביז ארום נײן, צעהן אין אבענד.

צוליעב זיין פראפעסיע האט ער זיך ארויסגעצויגען פון זיין פאטערס הויז. זיין פאטער האט געוואהנט אין יענעם געגענד וואו ער האט די מעהרסטע קונים אויף בראנפען. אין דעם גאליציאנער קווארטאל, נײמאן האט זיך אריבער געצויגען אין דעם געגענד וואו עס וואהנען די מעהרסטע אימיגראנטען פון רוסלאנד. פון זיינע איינענע לאנדסלייט האט נײמאן זעהר ווייניג געהאלטען, די רוסישע אימיגראנטען זענען איהם מעהר געפעלען געווארען. אפילו חברים האט ער זיך אויך ערווארבען צווישען די רוסיש אריבערגעקומענע אידען.

נײמאן האט ביטאג, א סך געלייענט, האט זיך באקענט מיט דער נײער אידישער ליטעראטור אזוי אויך מיט דער ניט אידישער, האט זיך געקליידט נעט און האט אנגעהויבען זוכען באקאנטשאפט צווישען די פני פון דעם אידישען קווארטאל.

עס האט זיך ווידער ביי איהם אויפגעוועקט דער חשק צום שרייבען פאר די [illegible]אקציעס.

דאס מאל האט ער געפרובירט אין פראזע און עס איז איהם געלונגען: מען האט געדרוקט!

ווען נײמאן האט דאס ערשטע מאל דערזעהן געדרוקט אין צייטונגען זיין פולען נאמען: יעקב נײמאן, איז ער געווען מלא שמחה, ער האט זיך געקויפט א גאנצע טוץ צייטונגען און אלע זיינע טאאטטטען טאאאאא יאאאאאפ וכיתו: תלמידים געשענקט זיין מייסטערווערק. דאס איז געווען א קורצע דערצעהלונג פון דעם אידישען לעבען אין דעם אמעריקאנעם אידיש גאליציאנער קווארטאל.

ביסלעכווייז איז ער אין דער אידישער גאס באקאנט געווארען צווישען די ליטעראטור ליעבהאבער אלס סקיצען שרייבער, דערצו האט זיך איהם איינגעגעבען אפצודרוקען א פאר סקיצען אין ענגלישע זשורנאלען, דאס האט איהם געמאכט א נאמען.

צי האט עס טאקע מיט איהם אזוי געלונגען, איז נאך א גרויסער ספק, אבער נײמאן אליין האט געדענקט — ניין, ער איז געווען זיכער, א ער איז פאפולער און וויפיעל ער איז פאפולער איז נאך ווייניג, וואירום די וועלט איז דאך שלעכט. די וועלט אנערקענט נאך נישט איהרע אמת גרויסע מענשען און איהרע אמת'ע טאלאנטען.

נײמאן איז אלט געווען מעהר פון 20 יאהר. שרייבען אין די צייטונגען האט ער אנגעהויבען ערשט מיט א פאר יאהר צוריק. א מבין וואלט גלייך געוואוסט אז דער יונגערמאן האט נישט קיין טאלאנט צום שרייבען, כאטש ער האט זיך שוין געדרוקט אפילו אין די ענגלישע זשורנאלען, דאס וואס עס איז פון זיין פען געדרוקט געווען, איז געווען מיטעלמעסיגקייט וואס יעדער אינטעליגענטער, געבילדעטער יונגערמאן קען אנשרייבען, עס האט קיין וויכטיגע באדייטונג, אדער גרויסע ווערטה נישט געהאט, אבער איהם האט זיך דערפון די קאפ פארדרעהט. ער האט מיט זיינע סקיצען געקאקעטירט און האט ביי דער ערשטער באקאנטשאפט מיט אימיצען גענומען ווייזען זיינע „קונסטווערק" וועלכע ער פלעגט אויסקלעפען אין אן אלבום.

האט ער דערטאפט א ווייבען מענשען פלעגט ער גלייך יענעם נעהמען פארלעזען זיינע „פעריל" און וויפיעל יענער האט נישט געלויבט, איז איהם ווייניג געווען; פלעגט ער נעהמען יענעם מסביר זיין אקוראט, וואו סאמע עס שטעקט דא דאס גרויסקייט, די קונסט.

אין לעבען איז ער אפשר קיין נאררישער בחור נישט געווען, אבער אין דעם ענין פון שרייבעריי איז ער געווען א פשוט'ער פאנאטיק. ער איז געווען איינגעליבט אין זיין טאלאנט, האט געפאדערט אנערקענונג און וואלט יענעם א שונא געבליבען, ווען מען זאל חלילה א קרום ווארט געווען זאגען וועגען זיינע שאפונגען.

אין די הייזער וואוהין ער איז אריינגעקומען, האט מען איהם „אנערקענט", מען פלעגט גערן אויסהערען, וואס ער אליין האט צו זאגען וועגען זיינע „שאפפונגען" און מען האט אין זיינע רייד געגלויבט.

האט מען איהם טאקע כבוד אפגעגעבען, איהם אויפגענומען פיין. יונגע שרייבער האבען זיך מיט איהם גע'חבר'ט און איהם שטארק מקנא געווען אויף זיינע עטליכע ענגלישע ערצעהלונגען.

ווען נישט דאס שרייבעריי, וואלט נײמאן אפשר געווען ווייטער געלערנט און וואלט אפשר זיך געווען דערשלאגען צו א פיינער און גוט באצאהלטער קאריערע. האט ער זיך אריינגעלאזט אין'ם שרייבען און אויפגעהערט צו לערנען.

נײמאן איז געווען א שעהנער בחור'ל. געטראגען הויכע האהר, תמיד שעהן פארקעמט, גלאט ראזירט, מאטעווע באקען, שווארצע אויגען און א געראדע גריכישע אידישע נאז.

(פארטזעצונג פאלגט)

אינגארישער בשר רעסטאראן

בעסטע אונגארישע מאכלים:

דזשיי סיגעל און באדשי

אייגענטהימער

237 הייסטינגס סט.

גיט אייערע קינדער א מאדערנע אידישע ערציהונג שיקט זיי אין דער מענדעלע פאלקס שולע 204 איסט הענקאק. עס ווערען געעפענט נייע קלאסען פאר אנפאנגערס, אויך שילער פיר די העכערע קלאסען, אין שולע לערענט מען אידיש העברעאיש. געשיכטע און ליטעראטור. די שולע איז אפען יעדען טאג פון 4 ביז 7 זונטאג פון 9 ביז 12.30

א גאלדען לאנד

(סקיצע)
פון משה טאלטשין

דאס וואס דוד קען קיין ארבייט ניט געפינען, פארדריסט איהם ניט אזוי, ערשטענס איז ער ניט איינער אין אמעריקא, וואס סטאפט, און צווייטענס נעהמט ער דערמיט נקמה פון די באסעס, א מצוה אויף זיי! זאלען זיי וויסען אז עס איז דא אויף דער וועלט א דוד, וואס האט געזונטע הענט, און פארקויפט זיי ניט פאר א פאר דאלאר א וואך..

איהם פארדריסט נור דאס, וואס ער האט ניט וואו אהינצוטאן זיך, ער האט דא דוקא פיעל פריינד, באקאנטע און לאנדסלייט, נאר קיינער פון זיי איז א גאנצען טאג ניטא אין דער היים. און מיט די פרויען זייערע קאן ער ניט פארברענגען, די מענער קאנען נאך דערפון געוואהר ווערען און ווער ווייס וואס עס קען דערפון ארויסקומען.

איין שטיב האט ער יא, וואהין ער קאן צו יעדער צייט אריינקומען, און דאס איז צו זיין לאנדספרוי מיסעס גרינבוים, וואס אין דער היים האט מען זי גערופען חנה לאה די בעקערין. זי איז געווען אן אביוני'טע געהארעוועט מיט'ן בלוטיגען שווייס; און דא אין אמעריקא איז זי כמעט די רייכסטע פון אלע איהרע לאנדסלייט איהרע קינדער ארבייטען. פארדינען שעהן געלד, זיי גיבען איהר אויף פיהרען די הוצאה און זי לעבט זיך רוהיג, צופרידען און העלפט נאך אויס מיט וויפיעל זי קאן אן ארימען אדער א גרינעם לאנדסמאן, וואס נויטיגט זיך אין הילף.

דוד איז ביי איהר שטענדיג אן אנגעלייגטער גאסט, אז ער קומט אריין, איז זי איהם מכבד מיט א גלאז טהע, און זי צערעדט זיך מיט איהם פון זייער שטעדטיל, כאטש קיין גוטע יאהרען האט זי דארטען ניט געהאט, נאר דאך איז איהר ליעב, איינגעבאקען אין הארצען איהר שטעדטעל, וואו זי איז געבארען געווארען, קינדער און אייניקלאך ערצויגען און א סך, א סך גוטע פריינד געלאזט..

— נאר הערסטו דוד, — גיט זי פונדעסטוועגען צו — קיין שכל האבען זיי דאך ניט, זיי זיינען פאקט קליינשטעדטעלדיגע...

— מיט וואס? — פרעגט ער איהר,

— אט מיט דעם אליין — ענטפערט זי איהם — ביי אונז געדענק איך, פלעגט מען זאגען, אז אין אמעריקא דער צוקער איז ניט זיס און ווייך; אז דאס פלייש איז נאר פעט אבער ס'האט קיין שום טעם נישט; אז, כ'ווייס, מ'היט דא ניט אפ קיין שבת...

— וואס זשע — שמייכעלט דוד — מען ארבייט דא ניט אום שבת?

— מילא — גיט זי נאך — ארבייטען אום שבת מוז מען דאך, ס'איז זיך דערויף אמעריקא.. אבער, גאט צו דאנקען, איך היט אפ שבת אזוי ווי אין דער היים; איך בענש ליכט, מאך א קוגעל אויף יעדען שבת — א טייערען קוגעל, א מחיה, א מאל א לאקשענעם, א מאל אן אנדערען.

און צוקער, דערצעהלט זי איהם, איז דאך דא שפאט בילינ. אין דער היים האט זי מיט א ציגעלע צוקער געטרונקען צוויי גלעזער טהעע און דא, גאט צו דאנקען, פארגינט מען זיך טרינקען זיסע טהע און מען ווארפט אריין פיער און פינף ציגעלעך צוקער אין א גלאז טהעע, און די טהעע איז זיס, א פארגניגען צו טרינקען..

פארטיג געווארען מיט'ן צוקער לויבט זי שטארק דאס היגע פלייש, זי האט נאך קיינמאל, זאגט זי, ניט געפיהלט אזא גוטען טעם אין פלייש, ווי דא, דאס פלייש איז גוט אויף קאכען און בראטען און מאכען דערפון גוטע קאטלעטען..

דוד גיט אזש א ציטער. ער דערמאנט זיך דאס שוין א שטיק צייט, אז ער האט קיין פלייש פאר זיינע אויגען ניט אנגעזעהן, ניט נאר דעם טעם פון פלייש האט ער שוין ארגעסען, נאר ער געדענקט שוין דוכט זיך אפילו ניט וואס פאר א קאליער דאס האט, צי רויט, צו געל, אדער גאר פאפעליאטע..

— טאקע אהן א שפאס — זאגט ווייטער מיסעס גרינבוים, — אמעריקא איז א גאלדען לאנד.. וואס דארפסטו מעהר? א פראסטע זאך — שמאלץ! וועל איך דיר ווייזען וואס פאר א שמאלץ איך האב היינט אפגעווארענעלט פון א טשיקען.

און זי נעהמט ארויס פון'ם אייזבאקס א טעפעלע שמאלץ, טראגט עס צו זיין נאז ער זאל זעהן ווי שעהן עס שמעקט..

און ווירקליך, דער ריח איז אזא געשמאקער, אז ער צונעהמט זיך דוד'ן אין יעדען אבר, ער קוקט דערויף זשעדנע און שטעלט זיך פאר, אז עס איז שוין איינמאל א שמאלץ, ווען ער באשמירט א מוציא ברויט מיט א ביסעל שמאלץ און עסט עס, וואלט ער שוין גראדע הונגעריג ניט געווען..

זי שטעלט צוריק אוועק דאס טעפעל שמאלץ און רעדט ווייטער דערפון, וואס פאר א טייער גאלדען לאנד אמעריקא איז, אז אלסדינג באקומט מען דא פאר געלד, אפילו, דוכט זיך, דאס טעלערעל פון'ם הימעל.

און דוד שאקעלט איהר צו מיט'ן קאפ גאנץ ערנסט:

— טאקע א גאלדען לאנד..

נאר בעת מעשה קלעמט איהם זעהר שטארק דאס הארץ.

ראזענפעלד,ס
רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע באהאנדלונג.

30 מארבעל וואנעס — 2 כשרה מקוואות

שאור בעטהס — פרייע קאטס אויף צום רוהען

16 פריוואט רומס פאר יענינע וועלכע ווילען געבטיגען.

א פראכטפולער לאנטש קאנטער מיט פרישע עסנוואררג און געטראנקע צו יעדער צייט.

שווין פאר פרויען יעדען מיטוואך, מיט דער מיטווירקונג פון אן עקספערט מאסאזשיסטקע.

1846 אלפרעד סטריט, ניער אנטאין, טעלעפאן טשערי 6190 דאבליו.

C.W. Kotcher Lumber Co.

בעסטער אלערליי צו יעדער צייט

ביליגע פרייזען און גוטע בעהאנדלונג דאס איז אונזער סוקסעס

Cor. Gratiot and St. Aubin Aves.

Melrose 3390

די לעצטע ערשיינט פאר 5 יאהר

מישא עלמאן

וועלט בארימטער וויאלאניסט, מיט זיין

שוועסטער ליזא

ארקאדיא האלל דאנערשטאג אווענט, דעם 6־טען מאי

טיקעטס קענט איהר יעצט באקומען אין אטשעניק'ס בוך. סטאר, 455 הייסטינגס סט. און גרינעלל'ס מוזיק סטאר, 243 וואודווארד עוו.

טיקעטס — פון 50 סענט ביז $2.00.



אונזערע ספעשעל מאשינען סיזוען ארבייט.

אונזערע איבערגעבילטע מאשינען סיזוען געלד.

קויפט פון מאנופעקטשורער און סייווט דעם ריטייל פראפיט

מיר פארקויפען די בעסטע אין דער ליין פון נעה מאשינען פיר יעדער סטיטשינג אפערייש אן. א חוץ די נייע און ספעשעל נעה מאשינען פארקויפען מיר א ביסעל אבגעניוזטע מאשינען. דאס גיט אייך א געלעגענהייט צום סייווען פיעל געלד דערביי!

A. C. Payer

119 E. Jefferson — טעלעפאן טשערי 1813

JUDGE GAINEY

HAVANA CIGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST

פאר אלע ליבהאבער פון אידישע מוזיק
פנחס יאסינאווסקי

לירישער טענאר פון פעטראגראד טרעט אויף אין א פראגראם פון

אידישע פאלקס לידער

אין

מעקאליסטער האל

פארעסט און קעסס

פרייטאג אבענד דעם 4טען יוני

טיקעטס 75 סענט און 1 דאלאר צו באקומען אין „וועג" 347 הייסטינגס סט. גארדאן'ס בוכהאנדלונג, „פארווערטס" אפיס, 541 הייסטינגס סט. און אין אוקלאנד ביי י. ל. מאלאמוט, 741 אוקלאנד עוו.

געלט קיין יוראפא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראפ איז דורך דער

פיפעלס רעליעף

וועלכע איז א ברענטש פון דער דזשוינט דיסט. קאמיטע.

די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.

פיפעלס רעליעף קאמיטע

490 הייסטינגס סטריט

קעדילאק, 2061

איר קענט שיקען געלט צו אייערע קרובים

דורך דער

Bank of Detroit

א. זיגלער מענעדזשער

הייסטינגס סטריט ברענטש:

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

טאלעראנץ צו פרעמדע אלס באזיס פאר אמעריקאניזאציע

פרעד באטלער, דער דירעקטאר פאר אמעריקאניזאציע פון דער „יונייטעד סטייט ביורא אוו עדיוקיישאן" רעדט אין זיין נאר וואס ערשיענענעם ביכעל „סטייט אמעריקאניזיישאן" וועגען א קלוגער, איינגעהאלטענער און פלאנמעסיגער פאליסי אין באצוג צו די „פרעמדע: (אייליענער) און אימיגראנטען. זיינע רייד זענען באוגדערס וויכטיג צוליעב דעם אפיציעלען כאראקטער, וואס זיי טראגען. מיר ברענגען דא, די ערשטע קאפיטלען פון זיין ביכעל.

די קריעג מיט איהר ליידענשאפט האבען געבראכט דערצו, אז מאנכע אמעריקאנער האבען אויך א צייט פארלארען דעם געפיהל פון גערעכטיגקייט און טאלעראנץ, וואס איז פון שטענדיג אן געוועזען כאראקטעריסטיש פאר'ן אמעריקאנער פאלק, מען האט, צום ביישפיעל, דעם גערעכטען האס קעגען דער דייטשער קייזערליכער רעגירונג איבערגעטראגען אויף די הינע אמעריקאנער דייטשען און דערביי נאר פארגעסען, אז די דייטשען, וועלכע האבען עמיגרירט פון דייטשלאנד אהער, האבען פארלאזען זייער פאטערלאנד דערפאר, וואס זי איז זיי ניט געפעלען, דאס האט מען פארגעסען, און מען האט געזוכט צו פארפאלגען אלעמען. דער רעזולט איז געווען, אז עכטע אמעריקאנער, וואס האבען בלויז געטראגען דייטשע נעמען, האבען געהאט געגוג אויס צושטעהן. זיי האבען די גאנצע צייט געפיהלט ווי מען פארדעכטיגט זיי און מען האט זיי פיינט.

און די אומגעזונטע שנאה האט מען געפרובט איבערצופלאנצען אין די געזעצביכער און געוויסע סטייטס האבען דורכגעפיהרט געזעצען, וועלכע זענען שאוויניסטיש און אומטאלעראנט, מיר קענען זיך ריכטען, אז די געזונטע אורטיילען פון דעם אמעריקאנעם פאלק, וועט מיט דער צייט אפשאפען דאס, וואס איז געווען ניט מעהר ווי א פראדוקט פון מלחמה פיבער.

עס איז אלעמאל געווען א קליינע גרופע אמעריקאנער מיט'ן שלאגווארט: „אמעריקא בלויז פאר אמעריקאנער". אונטער'ן ווארט „אמעריקאנער" האבען זיי פארשטאנען נאר זיך אליין און די יעניגע, וועלכע זענען צופעליג געבארען געווארען אין די פאראייניגטע שטאטען. א מענשען קומט דאך ניט קיין דאנק דערפאר וואס ער איז געווען קלוג גענוג און איז געבארען געווארען אין דעם לאנד און ניט אין יענעם. דער פאקט פון זיין געבורט מאכט איהם ניט ערגער און ניט בעסער. עס איז א גרויסער צוויי־פעל צו אמעריקא וואלט געווען בעסער אפ מיט אזוינע „געקליבענע" סיטיזענס, דוקא היגע געבארענע. עס איז דערפאר געווען קלוג און הומאניטאריש פון די ערשטע גרינדער פון דער אמעריקאנער נאציאן, וועלכע האבען געזעהן איינצעווארצלען דעם פרינציפ, אז אמעריקא זאל זיין א פרייע לאנד און זאל האלטען אפען איהרע טויערען פאר אלע ארענטליכע, פלייסיגע און פעהיגע מענשען.

לויט דעם פאר'לעצטען צענזוס פון 1910 זענען אין אמעריקא פאראן אבט מיט א האלב מיליאן מענשען, וועלכע זענען אדער אין גאנצען אנאלפאבעטען (בעזגראמאטנע) אדער קאנען ניט ליינען און ניט שרייבען קיין ענגליש. כאטש אכט א האלב מיליאן איז א גענוג הויכע ציפער (דאס איז מעהר ווי די באפעלקערונג פון גאנץ קאנאדע), דאך באווייזט אונז סטאטיסטיק פון די דרעפט־באארדס אז די צאהל דארף זיין א סך א העכערע. כמעט א פערטלחלק פון אלע, וועלכע זענען עקזאמינירט געווארען פארן דרעפט, האבען ניט געקאנט נאך ליינען אן ענגלישע צייטונג, ניט אנשרייבען א בריעף. געוועהנליך ווערט עס פארשטאנען, אז רעקרוטען, יונגעלייט צווישען 21 און 31 יאהר, האבען ניט לאנג צוריק דורכגעמאכט סקוהל! אויב צווישען דער איבריגער באפעלקערונג הערשט דיזעלבע פראפארציע, קומט עס אויס, אז עס זענען אפשר דא 18 מיליאן מענשען אין די פאראייניגטע שטאטען, וועלכע קאנען אין בעסטען פאל ליינען בלויז די פרעמדשפראכיגע צייטונגען און ביכער.

זאל מען אפילו פארמאכען די טויערען פון אמעריקא פאר ווייטערדיגער אימיגראציע — א זאך, וואס איז ניט ווארשיינליך — בלייבען דאך פארט איבער אין אמעריקא פיעל עמיגראנטען, און צווישען זיי זענען דא א סך, וועלכע שטעהען ניט קיין ענגליש, און מעהר ווי א העלפט פון זיי זענען אפילו געבארען אין די פאראייניגטע שטאטען.

אז ענגליש איז די שפראך פון אמעריקא — וועט קיינער ניט לייקענען. דער ענטדעקער פון אמעריקא, קאלאמבוס, איז געווען, אן איטאליענער, דאס האבען דערנאך גרעסטענטיילס באזעצט שפאניער און פראנצויזען — דאך איז ענגליש געווארען די שפראך פון לאנד, און אז מען מוז קענען ענגליש אין אמעריקא — דאס ווערט איצט פון קיינעם ניט באשטריטען מיר האבען דערפאר א פולע רעכט צו פארלאנגען פון אלע וואס קומען אהער זיי זאלען זיך אויסלערנען ענגליש. דאס מיינט ניט, אז זיי מוזען אייפגעבען זייער מוטערשפראך, עס מיינט בלויז אז זיי דארפען זיך אויך אויסלערנען די שפראך פון לאנד, אום זיי זאלען אונז פארשטעהן און מיר זאלען זיי פארשטעהן.

מיר הערען די לעצטע צייט מיינונגען מען זאל די אימיגראנטען פשוט צווינגען אויפצוגעבען זייער מוטער־שפראך און זיך אויסלערנען ענגליש. ווען מען באטראכט דאס אלץ קאלטבלוטיג באגרייפט מען די גאנצע נארישקייט פון נוצלאזיגקייט פון אזעלכע מיטלען. ערשטענס האט מען נאך מיט צווינגען וועניג וואס אויפגעטאן, צווייטענס, האט מען זיך צו שטארק צוגעוואוינט צו באשולדיגען די אימיגראנטען, אז זיי ווילען זיך ניט לערנען קיין ענגליש, און דערביי פארגעסט מען נאר, אז זעהר וועניג שטעדט זענען פאראן, וועלכע האבען ספעציעלע פאר זיי, און וועלכע האבען צוגעגרייט קלאסען און אזוינע שטונדען ווען די אימיגראנטען האבען פרייע צייט צו באזוכען די סקוהלס.

עס וואלט געווען פיעל שכל'דיגער און פראקטישער צו זעהן באשאפען אזא לאגע, די אימיגראנטען זאלען אליין האבען א פארלאנג זיך צו לערנען, און זיי וועלען דאן מיט פרייד אויפנעהמען יעדע מעגליכקייט וואס וועט זיי געגעבען ווערען. דאס וואלט איינגעשטימט מיט דעם טראדיציאנעלען פרייהייטס־גייסט פון אמעריקא און דאס וואלט אויך געווען א קלוגערע פאליסי.

אויף די יונגע אימיגראנטען־קינדער דארף, געוועהנליך, זיין גילטיג די אלגעמיינע געצוואונגענע בילדונג. עס איז דער פליכט פון סטייט אויפצופאסען דערויף, אז קיין קינד זאל ניט אויסוואקסען, ניט קענענדיג גוט רעדען און שרייבען ענגליש. וואס עס איז שייך דערוואקסענע דארפען אלע ערציהונגס־אנשטאלטען זיך פאראינטערעסירען מיט דער ערציהונגס־פראבלעם פון די אימיגראנטען און צוגרייטען פאר זיי די בעסטע מעגליכקייט וועלען די אימיגראנטען דאן מיט פרייד קומען זיך לערנען אין די סקוהלס.

אין אונזערע באציהונגען מיט די פרעמדגעבארענע דארפען ניט פארגעסען דעם פאקט, אז אייבער זיי ווערען בירגער זענען זיי אונזערע געסט און זיי ווערען באשיצט דורך טריטיס, וואס די אמעריקאנישע רעגירונג האט געשלאסען מיט אנדערע נאציאנען. אויב באגרענצונגען ווערען אנגעווענדעט קעגען „אייליענס" אין די פאראייניגטע שטאטען שטעלען מיר אונזער רעגירונג אין זעהר א שלעכטער לאגע דערמיט וואס מיר ערלויבען אנדערע רעגירונגען זיך צו באגעהן אזוי מיט אונזערע בירגער, וועלכע געפינען זיך אין אויסלאנד. עס וואוינען אין אויסלאנד טויזענטע און טויזענטע אמעריקאנער בירגער. פיעל פון זיי פארגעסען זיך מיט ביזנעס און א גרויסע טייל פון זיי שטודירען און ז. וו. און מיר מוזען זיי באטראכטען אלס משכנות, וואס זענען ערב דערפאר, מיר דא זאלען זיך ניט באגעהן מיט פרעמדע בירגער, וועלכע וואוינען ביי אונז.

דאס איז אלץ גערעדט געווען וועגען פרעמדע, ניט נאטוראליזירטע אימיגראנטען. צו יענע, וועלכע געהן ווערען בירגער פון אונזער לאנד, דארפען אונזערע באציהונגען און פאדערונגען זיין גאנץ אנדערע. צו זיי דארפען די געזעצען וועגען בירגערשאפט זיין פיעל שטרענגער ווי ביז אהער. די גרויסע פריווילעגיע פון בירגערשאפט לעגט אויף ארויף גרויסע פליכטען, און פון מענשען, וועלכע ווערען באלד בירגער און ערהאלטען, דיזעלבע מאכט און באדייטונג ווי יענע געבארענע, האבען מיר די פולע רעכט צו פארלאנגען, זיי זאלען זיין היימיש אין דער שפראך און אין די פיהרונגען פון לאנד. פיעל „אייליענס" האבען ארויסגענומען סיטיזען־פייפערס כדי צו קריגען בילינגער א לייסענס פאר נעיגעג, אדער אום זיי זאלען קענען האלטען א הונט (אין געוויסע פלעצער קאן אן „אייליען" ניט קריגען קיין ערלויבניש און האלטען א הונט). אזא גרינגשעצונג איז א באליידיגונג פאר דער ווערדע פון דער נאציע. עס זענען נאך היינט פאראן סטייטס, וואס גיבען בירגערשאפט דער בעסער נאך גאנגס, שטימרעכט, צו אלע די, וואס ערקלערען בלויז, אז זיי האבען ברעה צו ווערען בירגער, אין אנדערע ווערטער, צו די וועלכע האבען ארויסגענומען „ערשטע פייפערס". פון טויזענטער, אזוינע לאזט זיך שבנאך גאר ניט אויס. די דאזיגע לאגע דארף אויסגעבעסערט ווערען און די דעמאקראטישע סטייטס דארפען זייערע געזעצען ענדערען און זיי צופאסען צו די שטימרעכט געזעצען פון אנדערע סטייטס אזוי, אז נאר פולע סיטיזענס זאלען מעגען שטימען.

אין געוויסע סטייט לעגיסלייטשורס האט מען ארייגגעטראגען ביללס צו פארווערען פרעמדשפראכיגע ארגאניזאציעס און אפצושאפען פרעמדשפראכיגע פרעסע. לאמיר האפען, אז דאס אמעריקאנער פאלק וועט ניט דערלאזען אזוינס דורכצופיהרען. צו פארווערען מענשען זיך צו פאראייניגען און געזעלשאפטען ווייל זיי פיהלען א נאהענטקייט צווישען זיך צוליעב זייער שפראך אדער אפשטאמונג, — הייסט זיי צו בארויבען זייער עלעמענטארסטער פרייהייט. אויסער דעם, וואלט מען דאס קיינמאל ניט געקאנט דערפאלגרייכען פאר'ן געזעץ. דאס אמעריקאנער פאלק גרופירט זיך אליין צוליעב אלערליי וויכטיגע און אומוויכטיגע צוועקען און ליוט פארשיעדענע פארלאנגען און קיינעם לט ניט איין אין קאפ זיי צו שטערען דערין, און זיי פארנעהמען זיך מיט וואס זייער הארץ געלוסט. די פראטערנאל ארדענס און אנדערע ארגאניזיישאנס, צום ביישפיעל, נעמען אלס מעמבערס ארין בלויז די, וועלכע שטימען איין מיט זיי, זענען זיך נוהג ווי זיי און האבען די זעלבע אידעאלען ווי זיי. פאראן אין גרויס סאסייעטיס פון שיקאגא, און שיקאסאסייעטיס פון קאליפארניער אין ז. וו. און עס וואלט געהייסען דער גרעסטער אומזין צוצונעהמען פון מענשען דאס דאזיגע רעכט. מענשען לעבען געזעלשאפטליך און האבען ליעב זיך צו דערנענטערען צוליעב פיעל צוועקען און קיינעם קאן דאס ניט שאדען. בלויז ווען מענשען קומען זיך צונויף און פלאנעווען צו שעדיגען די אינטערעסען פון לאנד, אדער ווען זיי זוכען זיך אפצוריי־סען פאליטיש — דאס איז שוין אן אנדער געשיכטע. און אז דאס קאן טאן א קאלעדזש־פראטערניטי פונקט אזוי גוט ווי א ראסען־ארגאניזאציע.

די ראסען־ארגאניזאציעס טאן גראד אויף פיעל גוטעס און קאנען זיין זעהר וויכטיגע אין דער ארבייט פון ערציהען די אימיגראנטען. פיעל פון זיי שטעלען א באדינג זייערע מעמבערס, זיי זאלען ווערען בירגער נאך א געוויסע צאהל יאהרען אין לאנד. אלע וואלטען זיי צופריעדען מיטצוארבייטן פאר אמעריקאניזיישאן, ווען מען זאל זיך פארבינדען מיט זיי און באהאנדלען זיי ווי געהעריג.

די פרעמדשפראכיגע פרעסע איז א וויכטיגע קראפט, וואס טוט אויך א סך, און קאן אויסטאן נאך מעהר צו ערציהען איהרע לעזער. עס זענען דא מיליאנען אין אמעריקא, וועלכע קענען לעזען בלויז זייער אייגענע שפראך. צוגעמען ביי זיי זייער פרעסע וואלט געווען דער גרעסטער אבסורד. מען קאן זיך אויך ניט פארשטעלען ווי אזוי מען וואלט דאס געטאן: אויסער פארווערען צו דרוקען צייטונגען, זשורנאלען און ביכער אין פרעמדע שפראכען דא אין לאנד, וואלט מען אויך געמוזט פארווערען אריינצופיהרען ניט־ענגלישע אויסגאבען אהער. דאס הייסט, אז פיעל פון די ווערטפולסטע ביכער פון דער וועלטליטעראטור וואלטען געווען אויסגעשלאסען פאר אונזערע סטודענטען, געלערטע און קינסטלער. גאנץ אמעריקא וואלט דורכדעם געווארען פראווינציעל און אימוויסענד. הכלל, עס איז פשוט נאריש צו קלערען און נאך נארישער צו רעדען וועגען אזוינע און עהנליכע מיטלען.

וואס אנבעלאנגט דער פרעמדשפראכיגער פרעסע, קאן זי דינען אלס דער בעסטער מיטעל צו דערנענטערן די פרעמדע צו אמעריקע. שוין איצט זענען דא א סך פרעמדשפראכיגע צייטונגען, וועלכע דרוקען אן ענגלישע אפטיילונג, און דאס מיינט דאך אוודאי אז די לעזער פארלאנגען עס, אניט וואלטען עס די ארויסגעבער ניט געטאן. אונטער גינסטיגע באדינגונגען וואלטען זיך אזוינע צייטונגען פארמעהרט און דאס וואלט געמיינט, אז זייערע לעזער האבען זיך ביסלעכווייז ערווארבען די ענגלישע שפראך.

אויסערדעם, נארישע מענשען רוכט זיך שטענדיג אויס, אז דאס, וואס ווערט געזאגט אדער געדרוקט אין א שפראך, וועלכע איז זיי פרעמד, איז זיכער שלעכט און שעדליך. ווען מען האט איבערזעצט פרעמדשפראכיגע צייטונגען האט מען דארט קיין זאך ניט געפונען וואס זאל זיין אזוי שעדליך, ווי פיעל פון דעם מאטעריאל, וואס ווערט „אפען" געדרוקט אין ענגלישע צייטונגען. דאס ווערט דא ניט געבראכט צו פארטיידיגען די פרעמדשפראכיגע צייטונגען. וועלכע נייטיגען זיך ניט אין קיין אטעסטאציע, נאר אום צו פארטיידיגען, טאלעראנץ און מענשליכקייט און אונזערע אייגענע רייען.

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא־סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניע, יוגא־סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט. פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער רושענעראל סטים שיף און געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל

אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר, ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.

פריימס, באדעס, עקסעלס, פענדערס ווערען אויסגעגלייכט. געגעלדעט, געמאכט ווי נייע און גיגעמעלד.

רעדיאייטארס פאריכט און איבערגעבילד, אויך עקסטשענדזשעס

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich

Glendale 7576

ווארט ניט ביז וואנען די באָרד אוו העלט וועט אייך צווינגען צו קויפען א רעספעטיקאל קויפט דאס גלייך אליין

קאנקריט

גארבעדזש און אש רע־ספעפטיקאלס

מאניופעקטשורד ביי די

האוטאן סעמענט באקס קא.

820 לאפאיעט עוו. קאר. 21טע סטר.



אונזערע באקסעס זיינען ביליגער און בעסער פון אלע אנדערע באקסעס גע־מאכט אין דעטראיט. מיר האלטען אונזערע רעספעקטיקאלס ריזענפעקטעס אזוי אז קיין שום ריח קען זיך פון זיי ניט דערטראגען און דאס איז די אורזאך וואס זיי ציהען ניט צו קיין פליגען און מיקראבען.

פרעגט אייער שכן וועלכער האט שוין אזא רעספעקטיקאל

אייער נעקסטען ארדער פיר א סעמענט גארבעדזש אדער טש באקס באשטעלט ביי אונז און דערביי וועט איהר סייווען פון 3 ביז 15 דאל. אויף אייער אר־דער.

פעקטארי
820 לאפאיעט עוו
טעל. וועסט 2982

אונזער רעספעפטיקאלס זיינען
אונטער דער אויפזיכט פון
דער באארד אוו העלט

אגענטען
יאפפעאן טאגערט
994 ענטוויין סט.
טעל. נארטוויי 4194

ווארט ניט ביז וואנען די באָרד אוו העלט וועט אייך צווינגען צו קויפען דעם סארט גארבעדזש באקס. קויפט דאס באצייטענס און פערמיידט טראבעל.

אין פרינטינג שאפ פון „וועג"

פון א קארטעל
ביז
א גרויסע צייטונג
פון א הענדביל
ביז
א גרויסע בוך

ווערט געמאכט שנעל, גוט און צו מעסיגע פרייזען

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Wednesday, May 5th 1920 Vol. 2, No. 10 מיטוואך, מאי 5, 1920

באלשעוויקעס גראבען טרענטשעס ארום קיעוו

עקזעקוטיווע פון היגען ציוניסטישען דיסטריקט באשליסט גאולה דעמאנסטראציע

גרויסע גאולה דעמאנסטראציע מארגען אין ווינדזאר — היגע ציוניסטען ערוועהלען דעלע גאטען צו דער קאנווענשאן

אויף א מיטינג נעכטען אווענט אין האטעל סטאטלער, האט די עקזעקוטיווע פון דעטראיטער ציוניסטישען דיסטריקט ...

דער ראזינער באשלוס איז אנגענומען געווארען נאכדעם ווי מ. ב. אייזעקס, פרינציפאל פון די פאראייניגטע דעט־ראיטער ת"ת האט באריכטעט, אז די הנהגה פון די אנשטאלטען, וועלכע ער רעפרעזענטירט האט באשלאסען צו פאר־אנשטאלטען א גרויסע גאולה דעמאנ־סטראציע פון קינדער.

ביים נעכטיגען מיטינג זענען אויך אויסגעוועהלט געווארען דעלעגאטען צו דער ספעציעלער ציוניסטישער קאנווענ־שאן, וועלכע וועט אפגעהאלטען ווערען דעם 9טען און 10טען מאי אין ניו יארק. די ערוועהלטע דעלעגאטען זענען רבי הערשמאן און קעפטען איזוראר לעווין.

עס איז אויך איינשטימיג באשלאסען געווארען צו אפאינטען א קאמיטע פון 5 וועלכע זאל זיך שטעלען אין פארבינ־דונג מיט אלע אידישע ארגאניזאציעס און זעהן אויסארבייטען א פלאן ווי אזוי אין דער דעמאנסטראציע זאלען זיך באטייליגען אלע אידען פון דעטראיט.

די קאמיטע וועט קירצליך אפאינטעט ווערען פון'ם טשערמאן פון נעכטיגען מי־טינג, מר. רוש. מילער.

עס איז באשלאסען געווארען אז די קאסטען פון דער דעמאנסטראציע זאלען געדעקט ווערען פון אלע ארגאניזאציעס וואס וועלען זיך אין איהר באטייליגען.

די צייט פון דער דעמאנסטראציע איז נאך דערווייל ניט באשטימט, אבער עס איז פארשטאנען געווארען אז דאס זאל ניט פארקומען פריהער איידער די דעלע־גאטען וועלען זיך אומקערען פון דער קאנווענשאן. אויב אלעס וועט זיין גינס־טיג, וועט די דעמאנסטראציע העכסט־ווארשיינליך פארקומען זונטאג, דעם 16טען מאי.

עס איז באשלאסען געווארען, אז דעם רעפארט פון דער ציוניסטישער קאנ־ווענשאן זאלען די דעלעגאטען אפגעבען אויף א מאס מיטינג, וואס וועט גע־האלטען ווערען אין איינעם פון די גרעס־טע זאלען אין שטאדט אין טאג פון דער דעמאנסטראציע.

מארגען גאולה-דעמאנסטרא־ציע פון אידען אין ווינדזאר

דאנערשטאג, ל"ג בעומר, וועט זיין א גרויסער יום טוב אין ווינדזאר לכבוד די גוטע נייעס פון סאן רעמא.

אלע סטארס וועלען זיין געשלאסען א גאנצען טאג. אין דער פריה 9 דעם זיי־גער וועלען אלע אידען קומען אין שוהל ...

... אינסטיטוט.

די שמחה וועט זיך ענדיגען מיט א דינער און א באנקעט.

דעטראיטער אידען זענען געבעטען צו קומען און אנטייל נעהמען אין דער גרויסער שמחה פון דער באפרייאונג פון אידישען פאלק.

... אין דראום נויטיג אז ניט נאר אלע ציוניסטישע פראקציעס זאלען זיך אין דער מארגענדיגער קאנפערענץ באטיי־ליגען נאר אויך סתם ארגאניזאציעס און סאסייעטיס.

דער ציוניסטישער דיסטריקט האט באשלאסען דורכצופיהרען א גראנדיעזע דעמאנסטראציע ...

קומט מארגען, 8 אוהר אין אווענט אין אפיס פון „וועג" און לאמיר זיך צו־זאמענרייהדען ווי אזוי צו מאכען די ציון דעמאנסטראציע אין דעטראיט אלס איי־נע פון די איינדרוקספאלסטע וואס דיזע שטאדט האט ווען עס איז געהאט.

נייע באווייזע געגען באשולדיגטען מערדער פון טעלעפאן מיידער

פאנטיאק, מאי 4 — גלען רושילעס־פיע, דער פראסעקיוטאר האט היינט פריה צום ערשטען מאל ענטדעקט די באווייזע וואס די רעגירונג האט געגען אנסאן בעסט דעם פלינטער יונגערמאן, וועלכער ווערט באשולדיגט אין ערמאר־דען דאס 19 יאהריגע טעלעפאן-מיידעל וועראַ שניידער. דער באשולדיגטער לייקענט נאך אלץ אפ זיינע פריהערדיגע 2 סטייטמענטס וואס ער האט געמאכט אז ער האט דאס מיידעל דערהרג'עט. זאגענדיג דאס צוליעב דעם „מיידער דעגרי" היטט ער געמאכט פאלשע באַ־הויפטונגען געגען זיך אליין.

אויף דער נאכמיטאגדיגער זיצונג איז ארויסגעטראטען אלס עדות געגען בעסט־ען אן ארבייטער מיטן נאמען ע. קאל, וועלכער האט ערקלעהרט אז ער האט איהם געזעהן וואשענדיג די הענט ביים קלינטאן-טייך אין יענער נאכט ווען דאס מיידעל איז ערמארדעט געווארען. קאל האט ערקלערט אז ער הויבט ניט אן צו צווייפלען פאר א מינוט דאס בעסט איז דער מאן וועלכען ער האט געזעהן דעם מאָלט ביים טייך.

די ערקלערונג וואס דער פראסעקיו־טאר האט היינט ביים אנפאנג פון גע־ריכט געמאכט, דארף באווייזען דאס די ערשטע 2 געשיכטעס וואס אנסאן האט ...

... באשולדיגטער זאגט איצט אז ער ... דאס דערהרג'עטע מיידעל קיינמאל ניט געזעהן. דער פראסעקיוטאר זאגט אבער, אז ער האט אן עדות אין דער פערזאן פון טשארלס לאס, וועלכער וועט שווערען דאס ער האט געזעהן בעסט'ען אין דער באגלייטונג פון וועראַ שניידער וואס דאס מיידעל איז דערשטיקט גע־ווארען. אויך וועט ער ברענגען די איי־גענטימער פון א רעסטאראנט וועלכע וועלען עדות זאגען, אז זיי האבען אליין פאטעמפט בעסט'ען מיט דעם דערהרגע־טען מיידעל אייזקרים, א פאקט וועל־כער שטימט מיט דער געשיכטע וואס בעסט האט צום ערשטען מאל אליין דערצעהלט.

דער פראסעקיוטאר האט צוגעזאגט צוצושטעלען נאך עדות, וועלכע וועלען געבען פאקטען ...

מארגען אווענט גאולה-קאנפע־רענץ אין אפיס פון „וועג"

די קאנפערענץ וואס דיזע צייטונג פארופט אויף מארגען אווענט אין אפיס פון „וועג" וועט האבען אלס איהר אויפ־גאבע קודם כל צו באטראכטען פלענער ...

וואַרשא מאי 4 — לויט א באריכט פון'ם פראנט קומט פאר א בימערער קאמף לעבען קיעוו. די באלשעוויקעס האבען אויסגעגראבען טרענטשעס אזוי א גרויסען האלבען קרייז ארום קיעוו. ארטילעריע ווערט באנוצט פון ביידע צדדים טאג און נאכט.

ס'איז דא באקאנט געווארען אז צו־ליעב די לעצטע געשעהענישען אויפן פראנט האט לעאן טראצקי, באלשעוויס־טישער קריעגס מיניסטער ארונטערגע־זעצט גענעראל מיעסקאוו און אויף זיין פלאץ באשטימט גענעראל וואראדאוו.

א גרויסע צאהל פון דער אנטלויפענדער בורזשואזיע פון דרום רוסלאנד קיין קליין אזיע, איז דערטרונקען געווארען אין שווארצען ים. דאס האט פאסירט ווען א גרויסער שטורם האט איבערגע־קעהרט 14 שיפען אנגעפאקט מיט רוס־ישע פליכטלינגע.

באהן סטרייק אין פראנקרייך נאך ניט פאראיבער

פאריז, מאי 4 — כאטש די רעגירונג פארזיכערט זיך אז דער באהן סטרייק איז געבראכען איז דאך דער אייזענבאהן פארקעהר ווייט פון נארמאל.

...

רוסישע ארמיי ציהט זיך צוריק ערקלערט מאסקווא

...

דא איז היינט אפיציעל באקאנט גע־ווארען אז די רויטע ארמיי האט פארנו־מען שעמאכא, 65 מייל פון באקו, אין קאווקאז.

אינדעפענדענט ארדער ברית אברהם

קומענדען זונטאג דעם 9טען מאי, 7 אזייגער אין אווענט וועט אין עהרליך'ס האל קאר. ערדמס און הייסטינגס פאר־קומען אן אפענער מיטינג פון דער רעמ־האיטער לאדזש נום. 652 פון דעם אינ־דעפענדענט ארדער ברית אברהם.

גוטע רעדנער, צווישען זיי אויך גרענד אפיסערס וועלען אדרעסירען דיע־זען מיטינג און ערקלעהרען די וויכטיג־קייט פון אנשליסען זיך אלס מיטגליעדער אין דעם גרעסטען אידישען פראטערנאל ארדער פון אמעריקא.

אין דיזען ארדער ווערט מען מיטגלידער פון 21 ביז 45 יאהר. יעדער מעמבער ווערט אינשורט אין טויזענד דאלאר און דער סיק-בענעפיט איז דער בעסטער וואס מען קען זיך פארשטעלען.

עס איז אין די אינטערעסען פון יע־דען איינעם צו קומען צום מיטינג נעקס־טען זונטאג און אויסהערען דעם ראט פון די רעדנער.

12טע רוסישע ארמיי פארניכ־טעט אגאנסדט ווארשא

לאנדאן מאי 4 — דאס פוילישע קריעגס מיניסטעריום האט היינט אפי־ציעל באריכטעט, אז די באלשעוויסטי־שע ארמיי איז פארניכטעט געווארען. דיזע ארמיי האט זיך עס נענענגע־שטעלט דעם שנעלען מארש פון די פוי־לישע טרופען אין אוקראינע.

אין ווארשא איז ערהאלטען געווא־רען א פראקלאמאציע וועלכע לענין און טשיטשערין האבען ארויסגעלאזט וועגען די לעצטע געשעהנישען אויף דעם פויליש־אוקראינישען פראנט. ס'ווערט דארט גע־זאגט, אז דאס צוריקציהען זיך פון דער רויטע ארמיי איז אויסגעפאלגט געווא־רען לויט א באשטימטער סטראטעגיק און אום צו פארמיידען אומזיסטע בלוט פארגיסונג. די סטראטעגיק באשטעהט אין דער, וואס מ'ציהט אריין די פוילישע ארמיי אין דער לאנד פון סטעפעס און ס'וועט זיין גרינגער צו פארניכטען דעם ארייננדרינגער.

פאליציי געלינגט ווידער ניט צוקרי־גען ווארענט געגען טשעפאטאן

נעכטען האט די פאליציי צום צווייטען מאל געמאכט א פרוב ארויסצוקרי־גען א ווארענט אויף ארעסטירען וו. טשעפאטאן, דעם פרעזידענט פון דער דעטראיט יארדמענס אסאסיאיישאן און זי האט ניט געהאט קיין גרעסערען ער־פאלג ווי דעם ערשטען מאל.

מאנטאג האבען די היגע פאליציי ...

דער יעניגער וועלכער פאבריצירט דיזע אנקלאגע?

פרעד קלארק, א דעטעקטיוו האט געזאגט דאס ער האט ארויסצוקריגען מיטוואך א ווארענט.

אסיסטענט פראסעקיוטאר קאקס האט היינט ארויסגעגעבען פאלגענדען סטייט־מענט:

...

פאליס קאמישאנער זאגט פאליציי האט געהאנדעלט ריכטיג

דר. דזשיימס אינטשעס, פאליס קא־מישאנער האט געזאגט דאס כאטש ער איז מיט דער מיינונג אז מ'טאר ניט ארעסטירען א מענשען אויף באווייזע פון „מ'זאגט" דענקט ער אבער אז וואס איז נוגע דעם ארעסט פון טשעפאטא־נ'ען האבען די פאליציילייט געהאנדעלט ריכטיג. ווען מ'האט איהם געפרעגט פאר וואס איז דער פאל מיט טשעפאטאנען אנדערש, האט ער ערקלערט דאס ער האט וועגען דעם ענין אזעלכע באריכ־טען וועלכע ער טאר ניט אנטדעקען.

אין פאל פון אונלאיאליטעט צו דער רעגירונג — האט דער פאליס קאמישא־נער געזאגט — בין איך מיט דער מיי־נונג אז מ'מעג ארעסטירען איינעם אויף דעם אויסזאגען פון א צווייטען. וואס אנבעלאנגט די סטרייקער, מוז איך זאגען דאס זיי האבען זיך אויפגעפיהרט זעהר גוט און ארענטליך.

נארדוי צופריעדען מיט'ן באשלוס פון סאן רעמא

לאנדאן, — דר. מאקס נארדוי האט אין א צייטונגס געשפרעך ערקלעהרט, אז דער באשלוס פון דער סאן רעמא קאנפע־רענץ איז אלעס וואס ציוניסטען האבען געוואלט, ביז ארץ ישראל וועט ווערען זעלבסט אויסהאלטענד און זעלבסט פער־וואלטענד. דער מאנדאט און ענגלישע הענד וועט ערמעגליכען ארץ ישראל צו ווערען דאס.

ארץ ישראל, האט דר. נארדוי ער־קלעהרט, קען דורך מאדערנע מעטאדען פון ענטוויקלונג מאכען פלאץ פאר אכט ביז צעהן מיליאן מענשען. און עס איז מעגליך צו מאכען דאס דאס לאנד דער מאקראטיש, רייך עקאנאמיש, אויך ענטוויקעלט קולטורעל אינדוסטריעל און ערד־בוי, ווי אויך הורבאיים אידיש און צו דער זעלבער צייט ניט צו ברייר־גען קיין שאדען די אראבער וואס גע־פינען זיך אין לאנד.

ביטערענגען געגענד געלד אויף בויען ארץ ישראל, אויף שאפען דארטען היימער, בע־וואלדען דאס לאנד, אנפיהרען א מאסען אימיגראציע, איינפיהרען אינדוסטריען געהמען אין בעזיץ דאס לידיגע לאנד און ענטוויקלען אגריקולטור.

... דר. נארדוי האט אויך ערקלעהרט, אז דאס ציוניסטישע עקזיקוטיוו קאמיטע וועט באלד אפעלירען צו די אידען ...

פרוי פארוואונדעט פון א קאר

מרס. ס. מייפס, 42 יאהר אלט, פון 79 ווינאנא עוו. איז נעכטען איבערגע־פאהרען געווארען פון א וואַרוואַרד עוו. קאר. זי ליעגט יעצט אין רעסיווינג האס־פיטאל, שטארק פארוואונדעט.

היזוואוד אגיטירט פאר איין גרויסער יוניאן

וויליאם היי וואוד, וועלכער האט אד־רעסירט א מאסענפערזאמלונג לעצטען זונטאג אין ארענא גארדענס, האט אויס־...

האבען געוואלט קידנעפען צוויי מיידלאך

דעטעקטיווס פון סענטראל סטיישאן אזוי ניט ווי דעפיוטי שעריפס און סטייט פאליס, זוכען יעצט ארום צוויי יונגע לייטלאך, וועלכע האבען לעצטען שבת געוואלט קידנעפען הילדא סערמאן, 18 יאהר אלט און מיס עלא דזשינסמער, 19 יאהר אלט.

מיס טערמאן, וועלכע געפינט זיך יעצט אין פראווידענס האספיטאל מיט א וואונד אין איהר רעכטער פוס דער־צעהלט, אז לעצטען שבת אווענט, האט זי מיט איהר פריינדין שפאצירט אויפ'ן קארנער בעיקס און דזשעפערסאן. ווען צוויי יונגע לייט וועלכע האבען געשטאַ־נען אין אויטאמאביל האבען זיי איינגעלא־דען פאר א „רייד". די מיידלאך זיינען געוועזען גערש נעגנע אנצונעהמען די איינ־לאדונג און ווען זיי זענען אריין אין קאר דערצעהלט מיס טערמאן האבען די באנדיטען געגומען שטיקען. דער מיס דזשינסמער, וועלכע האט זיי געקעמפט ביז עס איז איהר געלונגען צו עפענען די טיר און אנטלויפען.

קיעוו איז ניט גענומען

לאנדאן מאי 4 — דער באריכט פון די ווארשעווער צייטונגען אז קיעוו איז גענומען געווארען פון דער פוילישער אר־מיי איז ניט ריכטיג. די פאליאקען הא־בען אבער גענומען פאסטאוו, 40 מייל פון קיעוו.

סאוועטען אפעלירען צום פוילישען פראלעטאריאט

לאנדאן מאי 4 די רוסישע סאוועטען האבען זיך געווענדעט דירעקט צום פוי־לישען פראלעטאריאט וועגען שלום און איגנארירען די ווארשאווער רעגירונג.

דער אפיעל פאר שלום איז ארויסגע־שיקט געוואָרען דראטלאז; ער איז אדרע־סירט צום פוילישען ארבייטער קלאס און צו דעם פוילישען פויערטום און איז אונטערגעשריעבען פון לענין, טראצקי, טשיטשערין און קורסקי.

אין זייער מאניפעסט צום פוילישען ארבייטענדען פאלק, זאגען די סאוועטען פיהרער, אז די פוילישע שליאכטישעס האבען פארקויפט דעם פאלק צוליעב זייערע אייגענע אינטערעסען ...

דובלינער קאנסיל אינדאר־סירט אידישען פארלאמענט

לאנדאן, מאי 4 — די דובלינער קאר־פאראציע האט מאנטאג אווענט אנגענו־מען א רעזאלוציע, וועלכע אנערקענט „די אטאריטעט פון איירישען רעפובלי־קאנעם פארלאמענט" אויסצופיהרען גע־זעצען, וואס זיינען גוט די שטאט־ארוואלטונגען. קאפיעס פון דיזער רע־זאלוציע וועלען אריבערגעשיקט ווערען צו אלע אייראפעאישע רעגירונגען און צו פרעזידענט ווילסאן, צום אמעריקאנער סענאט און קאנגרעס.

קיהלען ארבייטער צאהלט $103 פאר דער מצוה פון הכנסת אורחים

מייק הארה, וועלכער ארבייט אין א קוי־לען יארד, האט לעצטע וואך געוואלט פארדינען א מצוה און אריינגענומען צו זיך אין רום א פרעמדען מאן, וועלכער איז נאר וואס אנגעקומען ארבייטען אין יענעם קויהלען יארד וואו מייק ארבייט. ער האט עס געטאן לעפאר, וויל דער מאן האט זיך געקלאגט, אז ער קען ניט קריגען קיין רום.

...

14 שיפען מיט רוסישע פליכטלינגע דערטרונקען

לאנדאן, מאי 4 — א דעפעשע ...

Public Library
Azna and Sub Ave

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

היינט אבענד ביים אוקראינער פארבאנד

מארגען אבענד רופט דער „וועג" א קאנפערענץ וועגען ארגאנזירען א חג הגאולה און היינט אין אבענד רופט דער ניי ארגאניזירטער אוקראינער פארבאנד קאנפערענץ וועגען העלפען אין דער ארבייט לטובת די אידען אין אוקראינע.

אזוי שיין זיינען מיר געשטראפט, מיר דארפען רופען צוויי ערליי קאנפערענצען: אויף איין קאנפערענץ וועט מען ריידען מיט פרייד וועגען א ניי און שעהן בלאט וואס ווערט איינגעמישט אין דער אידישער גלות געשיכטע און אויף דער היינטיגער — וועט מען ריידען מיט דערשטיקטע טרעהרען פון דריטהאלבען מיליאן לעבענס, וואס גיסט'ן אונטער די לאפעס פון רוצחים און היידאמאקעס.

איך אן אנדער פלאץ האט דער שרייבער פון דיזען ארטיקעל זיך אויסגעדריקט וועגען דעם אומגליק אין אוקראינע, אז אונטער א האגעל פון אומגליקען שטעהט דאס אידישע פאלק פאר די לעצטע פינף יאהר. איין אומגליק איז שוידערליכער פון דעם אנדערען: דער אומגליק אבער וואס האט געטראפען אונזערע ברידער אין אוקראינע איז אזוי שוידערליך, אזוי מאוס'דיג אז עס קלעקען נישט קיין ווערטער. אין דאס לשון ווערט אפגענו-מען ווען מען הויבט אן צו ריידען פון זיי.

מען גיט גארנישט אן קיין צאהל פון די אויסגעשאכטענע: מען גיט פון ערגיץ קיין ברעקעל האפנונג נישט, אז עס וועט אמאל א סוף נעהמען צו דער מאסען-שחיטה.

קלאהרע דבורים רעדט מען צו אונז: „אויב איהר ראטעוועט נישט ארים אייערע ברידער פון אוקראינע וועט חלילה פון זיי קיין שריד ופליט נישט בלייבען".

דאס האט אונז אנומלטען געזאגט ברוך צוקערמאן: דאס האט אונז געווארענט מאקס פיין און דאס האט געשריען צו אונז דער אמעריקאנער מיידישער האבערט דייוויס.

די ידיעות וואס גרייכען צו אונז פון מענשען וואס האבען זיך הורך א נס ארויסגעראטעוועט פון אוקראינע און אנגעקומען קיין אייראפא, ווי למשל די גליסען פון דעם אדוואקאט גאלדשטיין, זענען ממש נישט צו באַ-שרייבען. א פחד פון משוגעת כאפט ארום ווען מען לייענט זיי.

און די וועלט איז פארברעכעריש טויב און שטום: און הערט נישט און וויל נישט זעהן אונזער בראך, וויל נישט העלפען דעם שארית הפליטה און מיט נישט קיין האנד אין קאלט וואסער אפצושטעלען די מאסען שחיטות.

אומבאוואפענט און אומבאהאלפען ליגען דריטהאלבען מיליאן אידישע נפשות, געבונדען הענט און פיס, מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער גרייט צו דער שחיטה.

און — שא, שטיל! אייראפא זעהט, הערט און שווייגט.

און נאך מעהר פארברעכעריש איז די אידישע האלטונג צו זייערע אוקראינער ברידער.

דאס אמעריקאנער אידענטום האט כמעט גאר נישט געטאן לטובת די אידען אין אוקראינע, ווענינער ווי אימעדום האט מען געטאן אין דעם ראיש.

דא האט מען די גאנצע ארבייט פארנאכלעסיגט. דארטען אין אוקראינע ווערט מיט יעדער שעה גרעסער די ליסטע פון די אויסגעשאכטענע: דאר-טען קומען אום יעדע שעה אלין מעהר אידען און דא זיצען זיך די אידען רוהיג, יעדער אין זיין ביזנעס און שמועסט זיך רוהיג און געמיטליך זיין פארמעגען.

אן ענגער קאמיטעט איז אויסדערוועהלט געווארען וואס האט דעם צוועק איינצוועקען דאס רחמנות פון די היגע אידען און איינעהמען די ארבייט וואס קען פיהרען צו רעטען די אידען פון אונטער דער היידאמא-קישער פאגראם־האק.

און אויף היינט אווענט פארריפט דיעזער קאמיטעט א קאנפערענץ אין לייבאר ליסעאום.

צו דיעזער קאנפערענץ זיינען איינגעלאדען אוקראינער ארגאניזאציעס, לאדזשעס, שולען, סאסייעטים און רעליעף פאראיינען.

אויף דער קאנפערענץ וועלען דיסקוטירט ווערען מיטלען און וועגען ווי אזוי צוריק צו ארגאניזירען די ארבייט פאר די אידען אין אוקראינע, און ווי אזוי צו גרינדען דא אן אפטיילונג פון דעם אוקראינער פארבאנד.

און מיר זאגען אז עס איז די בלוטיגסטע פליכט פון יעדען מתעסק און מער פון דיזע אויסגערעכענטע ארגאניזאציעס צו קומען צו דער היינ-טיגער קאנפערענץ און העלפען אין דער ארבייט. עס איז לכל הדעות שוין ציים, אז אויך דעטראיט'ער אידען זאלען אינזינען האבען, אז זיי האבען ביז איצט פארברעכעריש זיך אפגעוואשען די הענט און א פינגער פינגער נישט א קלאפ געטאן לטובת זייער אייגען בלוט און פלייש וואס ווערט מיט אייזערנע ריטער גערדאשען אין אוקראינע.

עס איז לכל הדעות שוין די העכסטע צייט, אז אויך דאס אידישע דעטראיט זאל אנבייגען די אקסעל און ארייננעהמען אויף זיך דעם יאך צו העלפען דעם צעטראטענעם אוקראינער אידענטום.

דריטהאלבען מיליאן [illegible]ות שרייען אין דער שוידערליכסטער פאר-צווייפלונג צו זייערע ברידער, שוועסטער און חברים אין אמעריקא און דעטראיט. וועלכע האט זיך ביז איצט פארשטאפט ביידע אויערען מיט וואטע און זיך געמאכט טויב [illegible] דעם גסיסה געשריי. דארף איצט, מוז איצט ארויסנעהמען די וואטע פון די אויערען, זיך איינהערען צו דעם גסיסה געשריי און קומען צו הילף.

דער היינטיגער אבענד, די היינטיגע קאנפערענץ איז דער פרוביר-שטיין. היינט וועלען די פארשיעדענע ערליי סאסייעטים, פאראיינען א. ד. ג. דארפען מודיע זיין צי זיי זיינען גרייט און ווילינג זיך אפצורופען אויף דעם וועהגעשריי פון זייערע אייגענע חברים און קרובים אין אוקראינע און צי זיינען זיי ווילינג צו העלפען זיי.

און וועלען זיי ווי געהעריג זיך אפרופען היינט און קומען מיט א גוטען ווילען, וועט זיכער דאס אידישע דעטראיט נישט אפשטעהן מיט דער נויטיגער הילף. דאס אידישע דעטראיט איז נישט אפגעשטאנען, ווען מען האט זיך צו דעם געווענדעט נאך הילף אין יעצט, בנוגע אוקראינער אידען, וועט דאס אידישע דעטראיט אוודאי נישט אפשטעהן.

דער ערוואַרטעטער באלקאן פלאנטער

פון ז. ק.

די אנגענומענע מיינונג וועגען דער נאר וואס פארענדיגטער סאן רעמא'ר קאנ[פע]רענץ פון די אליאירטע פרעמיערען איז, אז די קאנפערענץ, איז געווען אן ער-פאלגרייכע. די משהרסטע צייטונגען אין די לענדער פון די זיגער-פעלקער שטימען איין מיט דיעזער מיינונג, אדער ריכטיגער געזאגט, דיזע צייטונגען דריי-קען אליין אויס דיעזע מיינונג און פאר-בהייטען זי צווישען זייערע לעזער.

מ'מוז אבער געדענקען, אז אן „ערפאלג" איז נים קיין פעסט באשטימטער באגריף און „ערפאלג" מוז שטענדיג גענומען ווע-רען אין צוזאמענהאנג מיט די צילען, וואס מ'האט זיך פארגעשטעלט, און אויב די צילען זענען ערדייכט געווארען, דאן האט מען געהאט אן ערפאלג.

אלזא, כדי צו זאגן, אז די סאן רעמא'ר קאנפערענץ איז אין איר היינטיגען געווע-זען ערפאלגרייכע מוזען קלאהר ווערען די צילען, וועלכע זענען געשטאנען פאר איהר. מוזען קלאהר ווערען די ווערט-פראבלעמען, וועלכע די אליאירטע פרע-מירען האבען געהאט ברעה צו לעזען. וואס'זשע זענען די אויפגאבען און צוועקען פון דער סאן רעמא'ר קאנפע-רענץ?

ס'איז אהן א שום ספק, אז א געייסער-צד אין דעם אליאירטען בונד האט גע-וואלט, אדער האט אין זינען געהאט, צו-צושטעלען צו דער סאן רעמא'ר קאנפע-רענץ א פראגראם פון ווירקליכען שלום אין אייראפא. דיעזער צד איז איטאליע: נאך מיט איניגע וואכען פאר דער נאך-וואס פארענדיגטער סאן רעמא'ר קאנפע-רענץ, איז דער איטאליענישער פרעמיער-מיניאר פראנציסקא ניטי, ערשיענען פאר די איטאליענישע דעפוטאטען און האט ערקלעהרט, אז די ביז איצטיגע שטעלונג פון די זיגער צו די באזיעגטע האט ניט נאר ניטגעבראכט דעם געווינשטען שלום נאר, פארקעהרט, האט נאך פיעל מיטגע-האלפען דעם שנעלען גאנג פון דעם אונ-פארמיידליכען אייראפייאישען חורבן. פרעמיער ניטי האט דאן קלאהר געזאגט, אז דער שלום, וואס איז אין ווערסאי גע-שלאסען געווארען מיט דייטשלאנד איז די אורזאך פון דער געפאהר, וועלכע דראהט דער מענשהייט. ער האט אויך ניט פארגעסען די רוסישע פראבלעם, און ערקלעהרט, אז די באלשעוויסטישע רוס-לאנד מוז אנערקענט ווערען. ער האט אנגעוויזען, אז דאס אלעס איז נאר מעג-ליך, ווען דער שלום-גייסט וועט באהער-שען די אייראפייאישע רעגירונגען.

איז דען א וואונדער, וואס נאך דיעזער רעדע, האט מען געמוזט האפען, אז די סאן רעמא'ר קאנפערענץ וועט פאר זיך האבען וויכטיגע צילען, — ווי אזוי צו ראטעווען אייראפא פון דעם דראהענדען אונטערגאנג? אז דען ניט געווען דאן קיין גרונד צו גלויבען, אז די אליאירטע רעגירונגען וועלען, ענדליך, זיך פארט אומקעהרען צו די „14 פונקטען"?

פיעל האפנונגען זענען ארויפגעלעגט געווארען אויף דער סאן רעמא'ר קאנפע-רענץ. ס'האט אין געוויסע קרייזען גע-קייבט, אז דער שלום-גייסט האט ווירק-ליך אנגענומען באהערשען די רעגירונגס פארשטעהער, וועלכע זענען פאר'ן שכור'ם געווארען פונ'ם „גרויסען זיעג".

מעגליך, ווען מען וואלט ניט געהאט קיינע גרויסע האפנונגען, וואלטען, אפשר, די באשלוסע פון דער סאן רעמא'ר קאנ-פערענץ ניט געווען אזוי ענטוישענד, ווייל נאך אלעמען איז דער גייסט, וואס האט געהערשט אין סאן רעמא ניט געווען קיין צו פיעל שלום'דיגע.

די סאן רעמא'ר קאנפערענץ האט הויפטזעכליך באשטימט דעם גורל פון טערקיי. דער טערקישער שלום-אפמאך איז געווען אויף דיעזער קאנפערענץ די הויפט-פראגע. נו, איז דען דא א סימן, אדער א שאטען פונ'ם שלום-גייסט אין דיעזען אפמאך?

דער שלום מיט דער טערקישער רעגי-רונג — א רעגירונג, וואס איז פון די אלי-אירטע אליין באשטימט געווארען — וועט דעם נאהענטען מזרח פארוואנדלען אין איין גרויסען שלאכט-הויז. און דאס איז ניט קיין השערה, נאר א ווירקליכער פאקט, וואס איז בולט פאר דעם, וואס זעהט אין, אז ניט דורך באיאנעטען קען מען אייביג האלטען א פאלק אין קנעכטשאפט. דער איטאליענישער פרעמיער האט ניט מסכים געווען צום טערקישען שלום-אפ-מאך[illegible] די טערקישע לענדער", וואס מאך בנוגע די טערקישע לענדער'. וואס מתחת געווען, אז אין דער אונפארמייד-ליכער מלחמה מיטן טערקישען פאלק, וועט איטאליען קיין איין ליר[illegible] ניט פאר-שווענדען. זיינע ווערטער האבען נישט געהאלפען. די חלוקה איז געמאכט גע-ווארען און דאס ערגסטע אין דעם דאס אפגעבען טערקישע טעריטאריע צו גריכענלאנד.

אין ס'איז ניט קיין וואונדער, וואס אין דער רעאקציאנערער פרעסע, וועלכע איז אזוי באגייסטערט איבער די רעזולטאטען פון דער סאן רעמא'ר קאנפערענץ, ווערען די ערווארטעטע טערקישע און גריכישע סכסוכים נאר ניט דערמאהנט, מ'שטעלט זיך דארט נאר אפ אויף דעם, וואס די אנגעשטרענגטע באציהונגען צווישען ענג-לאנד און פראנקרייך זענען געווארען פריינדליכער, און אז איינהייט הערשט צוריק אין דעם אליאירטען בונד. די וועלכע פרעסע געפינט ניט פאר נויטיג זיך אפצושטעלען אויף דער שטעלונג, בנוגע דעם טערקישען שלום, פון פרעמיער ניטי. צו'ליעב וואס עס טאן? ס'קען דאך חלילה, צערשטערען די שמחה איבער דעם צוריק פאראייניגטען פראנט געגען דער באזיעגטער דייטשלאנד.

די צוקונפט, א דאנק דעם שלום, וואס ווערט ארויפגעצוואונגען אויף טערקיי, איז ווייט פון צו זיין א העלע. דער באלקאנישער פלאנטער, וואס וועלכער איז פאר די לעצטע 50 יאהר געווען דער רייבער בארען פאר קריעג, ווערט איצט נאך פיעל מעהר קאמפליצירט. גריכענ-לאנד'ס פארכאפען פון טערקישער טע-ריטאריע שטעלט אין סכנה דעם שלום [אויפ]'ן באלקאנישען האלב-אינזעל. ס'רעכט שוין איצט פון א מעגליכער פאר-אייניגונג פון די בולגארען און יוגא-סלא-ווען צו באקעמפען דעם גריכישען אימ-פעריאליזם. פון דער צווייטער זייט, איז די נאציאנאליסטישע באוועגונג אין טערקיי גופא זעהר שטארק. דער פיהרער פון דיעזער באוועגונג, קעמאל פאשא, קאנטראלירט א גרויסען טייל פון טערקיי. ער האט זיין אייגענע רעגירונג און אן ארמיי פון 200,000 טויזענט סאלדאטען. די וואס זענען באקאנט מיט דיזער נאצ-יאנאליסטישער באוועגונג, ווייזען אן, אז דער שלום, וואס וועט אונטערגעשריעבען ווערען פון א טערקישער דעלעגאציע אין פאריז, קען ניט האבען קיין ממשות'די-גען ווערט. די אליאירטע וועלען מוזען האבען אן אונגעהויער גרויסע צאהל באַ-יאנעטען, דורך וועלכע ארויפצוצווינגען דעם שלום אויפ'ן טערקישען פאלק. ראמאן פאשא, דער טערקישער גרויס-ויזיר, אן אנהענגער פון די אליאירטע, זעהט די סכנה פאראויס, און ווען די טער-קישע דעלעגאציע איז אפגעפאהרען דעם 2-טען מאי קיין פאריז, האט ער פאר-עפענטליכט אן ערקלעהרונג, אז די דעל-עגאציע האט ניט קיין באפאלמעכטיגונג אונטערצושרייבען דעם שלום, און אז זי וועט פארלאנגען א מאדיפיצירונג וועגען דעם פונקט פון דעם טייל טערקיי, וואס ווערט איבערגעגעבען צו גריכענלאנד.

ס'איז אבער גיכא קיין האפנונג, אז די אליאירטע זאלען אין דער לעצטער מינוט בייטען זייער שטעלונג צו טערקיי, און די וואס זענען איפריכטיג וועגען שלום-גייסט האבען גענוג גרונד צו זיין באזארגט וועגען די פארשטעהענדע געשעהענישען אין נאהענטען מזרח.

ווי געזאגט, וואלט די סאן רעמא'ר קאנפערענץ ניט געווען קיין ענטוישונג, ווען מ'וואלט פון איהר ניט ערווארטעט צו פיעל. די, וועלכע האבען געהאפט, אז סאן רעמא וועט צעשטערען דאס, וואס ווערסאל האט געבויעט, מעגען זיין פאר-צווייפעלט. דער ווערסאלער שלום איז ניט רעווידירט געווארען און מילער'ן האט געזיעגט איבער דעם איטאליענישער פרעמיער, א דאנק דער פאליטישער וויכ-טיגקייט פון לאיד דזשארדזש'ען. וואלט דער ענגלישער פרעמיער געווען שטאנד-האפטיג אין זיין פאליטישער „אני מאמין" וואלט, אהן א שום ספק, דער וועלט-שלום געהאט אונטער זיך א פעס-טערען באדען. צום אומגליק אבער, איז לאיד דזשארדזש א קינסטלער, און א באַ-גאבטער קינסטלער דערצו, וועלכער זיצט אויף צוויי שטולען. ניטקיין פרינציפ, ווי וויכטיגע ער זאל ניט זיין, וועט זיין דער רעזולטאט פון א לאיד דזשארדזש-קאנפערענץ. קאמפראמיס, דאס איז דער וואונדער שטעקען, מיט וועלכען דער הויפט פון דער ענגלישער רעגירונג ווייזט ארויס די וואונדערליכסטע קונצען.

און אט אזוי, איז אויך בנוגע דייטש-לאנד אין סאן רעמא א קאמפראמיס גע-שאפען געווארען. ערשטענס, האט ענג-לאנד, וועלכע האט אזוי שארף פראטעס-טירט געגען דעם פראנצויזישען ארייג-דרינגען אין דייטשער טעריטאריע, קאפי-טולירט און מסכים געווען אז אויף להבא ווען דייטשלאנד וועט ניט נאכקומען דעם שלום אפמאך, זאלען מיליטערישע מיט-לען אנגעווענדעט ווערען געגען איהר. דאס הייסט, אז פראנקרייך האט געהאט רעכט צו פארנעהמען פראנקפארט, דארמ-שטאט און נאך פיעלע אנדערע דייטשע שטעט. פון דער צווייטער זייט, ווייזט אבער לאיד דזשארדזש, דייטשלאנד איז א „צעבראכענער שארבען", ווי ער האט זיך אויסגעדריקט אין ענגלישען פארלא-מענט נאך דער סאן רעמא'ר קאנפערענץ, און איז ניט ביכולת נאכצוקומען די שלום באדינגונגען פון ווערסאלער שלום. און דארום איז באשלאסען געווארען, אויף לאיד דזשארדזש'ס פארשלאג, איינצולא-דען דעם דייטשען פרעמיער אין ספא, בעלגיום, אויף א פריינדליכער קאנפע-רענץ. דיעזער באשלוס איז געוויס פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. ווארום ער באווייזט דער וועלט, אז דער ווערסאלער שלום איז ניט קיין אינסטרומענט, מיט וועלכען צו פארזיכערן דער אייראפיי-

(פארטזעצונג אויף זייט 4)

דעטראיטער וואס ווערען געזוכט פון זייערע קרובים אין יוראפ

מענדעל דיאמאנט פון לאדז זוכט זיין זוהן ליבוש דיאמאנט. זאל מר. ליבוש דיאמאנט קומען אין רעדאקציע פון „וועג" וועלען מיר איהם איבערגעבען דעם גרוס און אדרעס פון זיין פאטער.

פריידע לענקין פון ראשקין זוכט איהר אנקעל בעני שולץ פון 1114 סקא-פען ארט־סקאטען עוו. זאל מר. שולץ קומען אין רעדאקציע וועלען מיר איהם געבען דעם אדרעס פון זיינע פריינד אין ראשקין.

חיים אליהו מיכלען און זיין פרוי פון אודא, מינסקער גובערניע זוכען מיכאל און מענדעל מיכלען אין דעטראיט.

יכבד סיבאר פון סארני, זוכט לייבעל סיבאר געוואנט אין וואלקנס סטר'ט דעטראיט.

בנימין קוגעל, מיט דער פאמיליע זוכען מר. ה. כהן אין 339 א'סט פערי סט. דעטראיט.

לייבע און צירויע צענסין פון נאוואבאריסאוו מינס. גובערניע, זוכען דוש. פלאטניקאף פון 114 29טע סט. דעטראיט.

ברידער רחל טרייביך און קינדער פון לונינעץ מינסק. גובערניע זוכען מר. נ. טרייביך 110 אלפרעד עוו. דעטראיט.

אלטע לוריא פון קאוונא זוכט איהר ברודער נתן לוריא אין דעטראיט (די שוועסטער האט אונז צוגעשיקט איהר אדרעס).

סאפיע פאנאסעוויטש פון באלא[ר]-טסאק זוכט איהרע קרובים וואס האבען געוואוינט אין 918 מעדבירי, דעטראיט.

סינא פוטער פון ניו זאמאשץ זוכט איהר ברודער אברהם יעקב פוטער אין דעטראיט.

יצחק קאפלאן און חיים ראזענ-צווייג, ווערען געזוכט פון פאטער פנחס וואלק, מוטער, ברודער, שוועסטער און זיידע חיים אהרן און יעקב טוראק פון רעמבראוויצע, איצט אין סארני.

גריסען צו דעטראיט'ער

שואל שולסקי מיט זיין פרוי שרה חנה און טאכטער רחל (פריהער אין א"-וואנעץ, איצט אין מינסק) גריסען זייער זוהן און ברודער יעקב אליהו און אברהם שולסקי (שולץ) און טאכטער ליבע פייש שווארץ און גוטקע פיין מיט זייערע פא-מיליעס, וואהנען אין דעטראיט אין 379 סט. ענטואן סטריט, דושיי שולץ. די אלטע עלטערען נויטיגען זיך אין שטי-צע. נאכ'ן אדרעס ווענדט זיך אין רעדאק-ציע פון „וועג".

צו מר. ה. פינקעלשטיין פון 58 ביר-סטער סט. און מ. סלוסקי פון 275 וואט-סען סט. שרייבט מען פון קראקאוו פאל-גענדעס: „איך גריס מיינע צוויי זיהן יוסל און חיים גראספלום און צו טאכטער גאלדע. קום איהר מאן און קינדער. שוין 2 יאהר קיין בריעף ניט געהאט פון מיין מאן אביגדור. איך בעט דערהאלט מיך ביים לעבען און שיקט א בריעף פון אייך און פונ'ם פאטער". (דער אדרעס פון דער פרוי איז אין רעדאקציע פון „וועג".

זאב וואלף פעלמאן ווערט געזוכט פון שיינע עטל פעלמאן (פריהער פון ושאנערנישן קאוו. גוב. איצט סמילאוויטש מינסק. גובערניע) מיט זייערע קינדער שרה, שמואל און מיכל. מר. פעלמאן פון דעטראיט איז געבעטען זיי צו ש'קען זיין אדרעס. די פאמיליע אין סמילא-וויטש נויטיגט זיך אין באלדיגער שטיצע.

חיים פאדלאק פון 520 בוביען סט. ווערט געגריסט פון זיין פאטער הירש ל'ב פאדאליאק און מעזעריטש. דער פא-טער בעט א בריעף.

מר. מילער פון 303 בראדוויי סט. ווערט געגרי'סט פון זיין פאטער, שוועס-טער און ברידער פון ווארשוי. אויך די טאנטעס מרס. קויפמאן מיט לאה גאלד-בערג.

עלסיא גינצבורג פון 322 ערסקין סט ווערט געגרי'סט פון איהרע עלטערען, שלום שבנא גינצבורג, מיט פאמיליע פון דאלי-נאוו מינסק.-גובערניע.

גריסען צו קרובים אין מישיגאן סטייט

לובעצקי בראדערס, קאפמאן עוו. אין גרענד רעפידס (מ'ש'גאן) — מען שרייבט זיי „ליבע מוטער און ברודער חיה שרה, יעקב בנימין, מרדכי ל'ב און באשע לובעצקי. די לאגע איז זעהר קריטיש. שטיצע דורכאו'ס נויטיג. גריסען אלעמען. אויך מיין זוהן שמעון לוביצקי און פרוי (די אדרעס געפונט זיך אין „וועג". זאלען די לוביצקי'ס שרייבען צו אונז באלד נאכ'ן אדרעס).

ה. ד. גינזבורג פון בעלוויל מישי-גען ווערט געזוכט פון שלום שבנא גינז-בורג און פאמיליע פון דאלינאוו, וואס בעט באלדיגע שטיצע.

מענע שווארץ פון נומר 2 גארטה (אד דערנארטש סט. ערעמס,) ווערט געבע-טען פון דער מוטער שרה דבורה רעצקע (פון שווירנט ווילנ. גוב.) צו ש'קען באלד שטיצע.

יוסף הארמאַוסקי און די מומע יוכבד פון דולוט ווערען געזוכט פון זיי-ערע פלימעניק אליהו גארניק (געוואהנט אין באלטא) און בעט באלד א בריעף (אדער אין רעדאקצ'ע פון „וועג".)

צו סעם קראוועץ פון 4231 א'סט 4טע סט. אין דולוט שרייבט זיין פאטער פאלגענדעס: איך דיין פאטער פייוועל קראוועץ, דיין מוטער דבורה און ברודער זיינען געזונד. העני פייגע און אידעלע האבען חתונה געהאט און געפינען זיך אין סוור מיט אונז. שרייב. (אדרעס אין רעדאקציע פון „וועג".

פאלגענדע ווערען געזוכט און ווער עס ווייס פון זיי זאל לאזען וויסען אין רע-דאקציע פון „וועג"

חייקע צערצעס פון מינסק זוכט איהרע שוועסטער חיענע און דוואשע און איהר ברודער אהרן.

לאה (פריהער יאנאווסקי) גורוויץ פון מינסק זוכט איהר אנקל טאדרעס און ברודער יוחנן נעלסאן.

טויבע טעפמאן פון ווארשוי זוכט שלום טעווערמאן, מאיר זאלצמאן, בן ציון ראזענפעלד, דוד און חיים נאכ-בערג, דבורה און מאכלע ראזענפעלד.

זרח, פייגע און ליאליע אייזיקסאן פון ראדישקאוויץ, מינסק. גוב. זוכען הירש איצע און זייער פאמיליע. אויך יאסעל ליב און גאלדע.

אליה און יעקב סקארופא ווערען געזוכט פון זייער אנקל אברהם יצחק סקארופא אין לאדז.

רייזעל אייזענבערג פון לאדוש זוכט איהר פעטער הערש בעקאווסקי און ברודער פייוועל אייזיק אייזענבערג, קריי-לע אייזענבערג.

ברוך באלגליי פון לובל'ן זוכט דוד און חיים אייזענבערג. (געבוירענע אין פינסק.)

זלמן פלעווירסקי פון לאדז זוכט זיין ברודער יוסף, שטאמט פון בעלכא-טאוו. וואלף יונה'ס אינקעל. בעלכא-טאווער זיינען געבעטען אויסצוזוכען איהם.

שמעון עפשטיין פון לאדז זוכט זיי-נע קאזינס הלל און שמואל פיינבערג.

פייגע קויפמאן (געוואהנט אוקא-וועל) ווערט געזוכט פון איהרע עלטערען אין קאליש.

נחום נערציקאוו (ישראל'ס זוהן) פון לאדז זוכט זיין מומע נערציקאוו, גע-בוירען אין וויטעבסק.

אברהם יצחק סקארופא פון לאדז זוכט אברהם ראגאזשינסקי און מענדעל שלעזינגער בעקער.

די חברים פריינד און לאנדסלייט ווערען געבעטען אויפצוזוכען און מיט-טיילען מיר דעם אדרעס פון מיין טאנטע חנה זעלצער (געבוירענע שולמאן) געהאט א פארם אין אומגעגענד פון ניו יארק שטאמט פון וויטעבסק און איהרע קינ-דער אלי' זעלצער, מאניע זעלצער א לעה-רערין, עטקא זעלצער.

איך יאניע, דער ברודער קלמן און די שוועסטער עטקא אלע געהייראט וואר-נען אין לאדז פון פאר'ן קריעג אן, דער פאטער איז ב' כסלו פאר 2 יאהרען גע-שטארבען, א גרוס פאר אלעמען ענט-פערן דורך „ארבייטער צייטונג". ווארשא פאסט באקס 9 אדער „פאלקסבלאט" לאדז.

יאניע שולמאן פון קרעמענטשוג איצט אין לאדז.

פייגע און גרשון זעוויך, געוואהנט אמאל אין ניובריטאן, קאנ. שוועסטער ראזע און שוואגער שכנא מילשטיין, ברו-דער משה איצקאוויץ, שוועסטער חיה און שוואגער אליהו פוסקאנצער שוחט, ווע-רען געזוכט פון זייער שוועסטער און בעטען זייערע גענויע אדרעסען און שיקען. שוואגער שמואל ראגאלסקי. בעטען שרייבען לויט דעם אדרעס: ליטע שאטי קאוו. גוב. קיידאנער אפסקער. שמואל ראגאלסקי.

(שלום מארגען)

ליעדער

פ. מ. ראסקין

עס איז געשעהן

זאל קלינגען הויך און שטארק דאס ווארט
פון לאנד צו לאנד פון ארט צו ארט
פון הארץ צו הארץ, פון מאן צו מאן
און וואו ס'איז נאך א איד פאראהן:
א חלום האט א פאלק געזעהן
און ס'איז געשעהן!

א שווארצער שלייער פאלט אראפ,
עס הויבט זיך אויף א מיעדער קאפ
א ווייסער פארהאנג הויבט זיך אויף,
עס שאלט א העלער שטאלצער רוף:
קיין ספק מעהר, קיין „אויב" קיין „ווען" —
עס איז געשעהן!

מיר בויען יעצט א נייע וועלט
מיר זעען יעצט א נייעם פעלד
א נייער הימעל צינדט זיך אן,
עס פלאטערט הויך א נייע פאהן
נים פרעגט אונז וויי, נים פרעגט אונז ווען —
עס איז געשעהן!

אין א ווינקעל פון דעטראָיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פאָרטזעצונג)

חנה, דאכט זיך איהם ווערט שעהנער פון טאג צו טאג. איהרע באקען ווערען פרישער, צארטער און איהרע אויגען — פינקעלדיגער.

ווי שעהן זי איז, ווי רויצענד. איהרע, במעט רויטע האָר, — ציע ווארפען. עס זעהט זיך ארוים איהר קלאָהר ווייסער האלדז, איהר פנים שטראהלט ווי א מאיטאג און אין גאנצען אי זי אזוי מאיעסטעטיש שעהן, ווי געשניצט פון ווייסען מארמאָר.

ער וויל זי פארגלייכען צו די אנדערע מיידלעך, וועלכע ער קען. אבער קיין איינע קען ער נישט געפינען, וואס זאָל קענען קאנקורירען מיט חנהן אין שעהנקייט.

— חנה'קע — וויל ער איהר עפעס זאגען.

— גאספאדין ניימאן — שלאָגט זי איהם גלייך איבער — איך הייס חנה, נישט חנה'קע. איך בין נישט קיין בת יחידה ביי גאָט. איך האב נאך א שוועס טער.

— גוט, זאָל זיין חנה.

— גוט, וואס ווילט איהר?

אבער ניימאן האט שוין פארגעסען וואס ער האט איהר געוואלט זאגען.

דאס הייסט פארגעסען האט ער נישט אבער זאגען איהר דאס, וואס ער האט איהר געוואלט זאגען — קען ער נישט.

אז זי איז דאך תמיד צו איהם ווי צו עפעס א „באלטשישקא" ווי זי אליין רופט עס, נעה זיעט זאג איהר: „חנה'קע איהר ווייסט, איהר זענט א שעהן מיידעל" ווי קען מען צו איהר רוידען אזוינס?

עס פאסט דאך אבער נישט צו בלייבען אזוי לישה, הויבט ער אן צו שטאמלען.

— יא, ער האט זיך שוין דערמאנט, — דערמאנט ער זיך פארט איהר עפעס צו זאגען א נייעס — עס האט הייגט זיך אפגעריהרט זיינע א נייע „זאך", זאגען ארע קארעגען זיינע. אליין דער דערמאָ מאר. — — — —

זי שלאגט איהם אבער איבער.

— גוט, גוט, ווען זי וועט ענדיגען אטאדעם ביך וועט ער מיט איהר קע נען רייסען מכח זיינע האלטענען און מכח די דעקאראציע. דערווייל זאל ער זיך אייגענעמען שטיל, וויאזוי זי האלט אין מיטען ליינען און קען נישט ריידען, אז מען הייט איהר א ספארעק, פונקט דער מאָל ווען זי ליינט.

— אז ער וויל — זאגט זי איהם ווייטער — קען ער דערוויל געבען א קעהר צו אין צימער, אין דארטען, דארטען, נעבען קאסטען, ליגט דער בעזים. אבער ער זאל זיך ניט דערוועגען אנצומאכען אזא שמוטץ ווי ער האט געמאכט נעכטען. זי האט א שוואך הארץ און דער שמוטץ שאדט איהר...

און האט זי דאס אפגעזאגט, קען ער שוין מיט איהר מעהר נישט ריידען..

ווי קען ער ריידען צו איהר, אז זי האט איהם אזוי אפגעפאהרען און אזוי שטרענג פארזאגט אז ער זאל איהר ניט שטערען דעם קאפ..

— איהר האט נאך א סך בלעטלעך צו ליינען? — פרעגט ער שוין בנעימות.

— איך האב ליעב צו צעהלען בלעטער און נישט קיין בלעטלעך, — ענטפערט זי איהם און טוט שוין אפילו נישט א קוק אין זיין זייט אריין.

ווארט ער שוין.

זיצט און קוקט אויף איהרע צערטע ווארעמע האאר, אויף איהר נאקלעסיג פארשפעליעטען העמדעל מיט די פאר קאטשעטע ארבעל, פון וועלכע עס זעהען זיך ארוים איהרע ווייס קלאָהרע, פולע ארמס.

זיצט א ווילע און נאכדעם מוז ער במחילת בכודו, נעהמען דעם בעזים, וואס נעבען קאסטען און אויסקעהרען דאס חדר, אט זאל זי זעהן, אז ער פאלגט זי, אז וואס זי זאגט, אי ביי איהם היילי.

ווען זי וואלט נישט געווען אזא מרשעת — לייפט איהם אין מיטען קעה רען קעם אלקיך דורך א געדאנק — וואלט ער איהר א גלעט געטאן, באטש דעם קאפ, די האהר א גלעט טאן.

נישט איין מאל שוין האט ער גע־וואלט אויסשטרעקען די האנד און א גלעט טאן איהרע שעהנע רויטליכע האהר ווי א זון זעהען זיי אוים, נור ער האט קיין מוט נישט. ער האט טאקע פשוט מורא פאר איהר.

זי — איהם האט שוין דוקא אמאל געזאגט: — אינדגאר, וויזט נאמיך א מאפ טאן אייערע האהר. איהר דארפט האבען זעהר דינע האהר. ווי שעהן איר קעמט זיי אוים.. ממזריש".

און ער, דער שטיק נאר, האט זיך אנגעבויגען און זי האט איהם א שויבער געטאן מיט איהרע שעהנע פולע פינגער איבער'ן קאפ.

א מאדנע געפיהל האט איהם דעמאלט ארומגעכאפט. עס איז איהם אזוי גוט געווען אין יענעם מאמענט.

עס קען ביי איהר אויך רעכט זיין אז זי זאל איהם וואלצען א זאג טאן: „איהר ווייסט ניימאן, איהר האט זעהר שעהנע אויגען. איך האב ליעב שווארצע אויגען. איהר געפעלט מיר".

און אנדערש מאל האט זי איהם זאגאר א גרעט געטאן איבער דער באק —

איהר האט א שעהנעם קאליר, מאַ־טעויש.. מאטעויער קאליר איז שעהנער אייער ווייס...

און בעת מעשה פיהלט ער ווי זי וואלט איהם די טייערסטע מתנות געשענקט. פאקטיש ער וועדט דאך אז דאס רעדט זי אקוראט ווי מען וואלט גערעדט פון א קינד, אדער פון א ליאלקע. עפעס אהן הארץ רעדט זי, אהן געפיהל, אהן נשמה. ווי א גרויסער מענש רעדט ווענען א קליין אינגעלע.

און דערפאר טאקע האט ער מורא איהר צו זאגען א ווארט ווענען אזעלכע זאכען. ווער שמועסט שוין ווענען מאכען איהר א קאמפלימענט.

* * *

אין זעם נעהען טעג און עס קופען וואַ בען און עס זיינען פאראיבער עטליכע חדשים.

(פאָרטזעצונג פאָלגט)

מט. קלעמענס

זייט געזונט

און פארברענגט אייער זומער וואקיי־שאן אין מאונט קלעמענס, און אז שוין אין מאונט קלעמענס ווערט איהר סטאפען אין

Elkins Hotel

100 רומס, דיינינג רום פאר 300 לייט. א רפואה פאר קראנקע, א פאר־גניגען פאר געזונטע.

ס'ניט נעדרונגען אז איהר מוזט האָ־בען טויזענדער צו זיין אין מט. קלע־מענס

ניו ווילא האטעל

וועט אייך רעכענען $25 א וואך און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס קאָנעקטעד מיט א פעסערויש צו די פלאזא בעדער. שרייבט נאך איינצעל־הייטען צום פראפראיעטאר ה. קראוו.

ריווערסייד האטעל

(נעווענער פארק ענעקס)

מט. קלעמענס, אינגאנצען רעמאָ־דעלירט, עפענט זיך 1־טען מאי.

150 רומס, דיינינג רום פאר 300. דאס אידעלסטע פלאץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע. שרייבט נאך איינצעלהיי־טען.

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

Bricker Bros
75 Grand River
Cherry 3718
FURS

איהר קענט איצט קויפען ספרינג פוירס אויך פויר קאוטס פאר פרייזען וואס וועלען זיך ראובלען אין פאל סיזאן. קומט אריין און באקענט זיך מיט אונז
בריקער בראס.

רעוו. ל. ד. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע
עופרירענהיים.
511 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעלין

Vienna Sausage Mfg. Co.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Smoked & Pickled Beef Tongues Etc.
1215-1217 S. Halsted St. Chicago.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
רושיי לעסקאווסקי און סאמס
בראָדווי מאַרקעט

לאיער מתתיהו ליסס האט גע־עפנט א ברענטש אפיס פאר די אוועג־דען אין 325 וועסטמינסטער סט. טעל העמלאק 533 דאבליו דאן טאון אפיס. 928 טשעמבער אף קאממערס בלדג. סטויט אין גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978


וועלט איהר
סיוועו
30 פראצ.?

ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאוום ראנגס, בעדינגס, פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —
Standard Furniture and Store Fixture Co.
מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גראטיאט עוו. — מעלראוז 4985

קוואסלאוו און קאטליער'ס

האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און לידיס פורנישינגס, נאָטי גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן נעהט צו אן ערנסטען, ערליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען אי נויטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. נעהט צו אייער גוט באקאנטען

Frosh O. D.
אפטאמעטריסט
אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קענטיג צו עהרליך'ס דזשוועלרי סטאר.

ווילט איהר אייער
קעסער, שליסלען, קארפענ־טער זעגען, טולס א. אנדערע ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דראָמניטץ
245 מאנטקאלם סט.

וואָרע ביליג פאר סטאָר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

Hacks Spring Style Shoes

העק'ס ספרינג סטייל שיך

ווינען די העכסטע קוואליטי אין שוכווארג. דאס מענשליכע הענד און מאדערנע מאשינערי האבען זוען געשאפען

הונדערטער מענשען פון אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט, בעוואונדערען מיט ערשטוינונג אונזערע 5 גרויסע שאו ווינ־דאוס מיט די פראכטפאלסטע סטיילס שוהס.

פאר מענער, פרויען און קינדער

וואס איז נאר וועז נעצייגט געווארען אין דעטראיט. אונזער שוהס זיינען אימער געווען אנערקענט אלס די בעסטע אין סטייל און קוואליטי, אבער היינטיגען סיזאן איבערטרעפען זיי אלע ערווארטונגען. איהר מוזט זיי זעלבסט זעהן אום זייער ווערטה ריכטיג אפ־צושאצען.

פאר מענער 5.00 ביז 18.00; פאר פרויען 5.00 ביז 16.50; פאר באיס 3.50 ביז 7.50; פאר גוירלס 3.50 ביז 10.00; פאר קינדער פון 75 סענטס ביז 5.00 די פאאר.

The Store on the Corner that does Business on the Square

העק'ס שוה קא.

1047-1045 הייסטינגס סטריט, קאר. מאנטקאלם

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
737 אוקלאנד עוו.

פארד־קארס און אנדערע קארס

בוימט און קלייבט אוים פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־קויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
דאס א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע־מאכט נאך פון ריינער האוואנא. פייניגע הייגט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פארלאנגט די דאנד ביי אייער דיזלער.
DAVIS CIGAR MFG CO

דאפלאן'ס באדניי סטאָר
438 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעס פון די פאל־גענדע ליינס:
יאכטפים דרעס גודס ליין פון סילקס, יארענס און קאטין גודס. פערשיעדענע זענער ארטיקלען ווי, בער ספרעדס, קיידמענס; טייבעל קאווערס; שעמס און בקארפס. קאמפליט ליין אין ליידים פענ־זי אנדערוועהר און קארסעטס. מענער פארנישינגס און אנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענע פאר מענער און דיייס סיטס. און קאוטס א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

שעכטער'ס דראג סטאָר

477 הייסטינגס סט.
פרעסקריפשאנס קארעפולי פילד
פערבעסערטע פארפיוטינגס מיט די בעסטע פיגמענטס
צו יעדער צייט

גנעלט קינאיראפא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יראפ איז דורך דער

פיפעלס רעליעף

וועלכע איז א ברענטש פון דער דזשוינט דיסט. קאמיטע.
די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.
פיפעלס רעליעף קאמיטע
490 הייסטינגס סטריט
קעדילאק, 2061

ראזענפעלד'ס רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע באהאנדלונג.
30 מארבעל וואנעס
שאוער בעטהס
2 כשרה מקוואות
פרייע קאטס אויף צום רוהען
16 פליוואט רומס פאר יענע וועלכע ווילען נעכטיגען.
א פראכטפולער לאנטש קאנטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקע צו יעדער צייט.
1846 אלפרעד סטריט, ניער אנטאון, טעלעפאן טשערי 6190 דאבליו.

דר ל. ע. עלער

ספעציאליסט אויף אויגען, אויערען, נאז און האלדז קראנקהייטען
164 גרעשיאט עוו קאפפין טעאטער בלדג.
טעל. מעין 2702

מאָווינג־פיקטשור אפערייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע וויידזשעס, קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג
7:30 אבענד.

Real Estate

צו פארקויפען א 4 פאמילי סאליד בריק. קארנער רושאן אר און הארמאן, מיט 6 טויזענד קעש. פאר דעם שנעלען קויפער, פרעגען קעניגער, 186 קענפילד, איסט.

קארנער לאט אנרעסטריקטעד ניי בארהוד, פאר סייל, אויף טחוירד און מעריק, וועט פארקויפט ווערען ביליג. פרעגען: 1421 ששען סטריט מעלראז 3197 דאבליו.

קענפיעלד איסט. קומט זונטאג נאך 9 אין דער פריה, און איך גאראנ־טיר אייך א ריכטיגען בארגען מיט א סקווער דיעל אלס א מעמבער פון דעטראיט ריעל עסטייט בראָ־קערס אסס'ן, מיינען מיר נאר טסריקט ביזנעס.

צו פארקויפען א 4 פאמילי הויז און א סטאר אין העלמאר, נעהמט אריין רענט $150 א מאנאט. פרייז 10,500 איינצאהלען $3200, פרעגען: סידאר 1409 אר.

2 פעמילי פלעט אויף ווילליס לעבען מט. עליאט און גרעשיאט, צו 5 רומס מיט א באד, קווארטער בייס־מענט און נאראדוש. פרייז: $6650 — $4500 קעש און די באלאנס $50 מיט אינטערעסט יע־דע 6 מאנאט. איך האב אויך א

סינגעל 7 רום הויז מיט 4 בעד רומס פוירנים, אויף פארעסט, לעבען מט. עליאט. $7300 — $2000 קעש און $50 א מאנאט. רופט: מעלראוז, 080 רושיי, 1125 פארעסט איסט.

לאנטש רום צו פארקויפען ביליג פאר דעם שנעלען קויפער. גאראנטירט געלד צו מאכען אידזאכען פאר פארקויפען אם פלאץ. 1244 הייס־טינגס סטריט.

צו פארקויפען א לאנטש. טראק צו־זאמען מיט א גוטען איינגעטרייטען סטענד, איינקאם ביז $75 א טאג אויך זאכע א פרוי אליין און קען ניטאסע־רען פרעגען; 186 בענטאן סט.

באקאנטמאכונג
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמיפט פון 2000 פארבייארט
אין
140 מידרידי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

דר. ה. סטאריקאפ

רענטיסט
רער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע באהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע באהאנ־לונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקטשור קא
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

CLASSIFIED

פארלאנגט א שניידער פאר אלטע ארבייט און א סעקאנד הענד סטאר גוט באצאהלט. מעלדען זיך אין 1391 מישיגען, לעבען דער 28־טער סטריט.

אין א פרוי אדער מיידעל צו פיקסען אלטע קליידער, קריגען גוט בא־צאהלט. נאכפרעגען 1391 מישיגען לעבען 28־טער סטריט. 7)

קעכין פארלאנגט אונגארישע פאר־געצויגען, פאר א ערשטע קלאס האטעל. גוטע שטעלע, גוטע באר־צאהלט. אלבאני האטעל, מט. קלע־מענס, מיש. ב. מאסקאוויטש. 3)

סיילסלייידי פאר א שוה סטאר פאר־לאנגט, מוז קענען די ארבייט. $22.00 א וו אן אנהויב. נאכפרעגען 558 גרעשיאט, מעלראוז 179 דאבליו 5)

דעטראיטער חסד של אמת פאר־לאנגט א גוטען פעהיגען קאלעקטאר זאל נישט זיין פרעמד מיט דער ענגלישער שפראך. דער ריכטיגער וועט מאכען א שעהן לעבען. מעל־דען זיך צום סעקרעטער, 66 ברוס־טער סט, נאר פעהיגע זאלען זיך מעלדען.

צו פארקויפען א בעקערי שאפ, 904 רושאן, קעמפא, שפאנעל נייע מאשינעס און פאטענטירטער אוי־ווען און בייסמענט. גלייך איבער־נעהמען. 6)

צו פארקויפען א ביזנעס פראפערטי א סטאר און 4 פעמיליע מיט א נאראדוש, נעהמט אריין רענט 158 דאל. א מאנאט. פרייז: $10.500 צום שנעלען קויפער, איינצאהלען 43.300. דער ארדעס איז: 247 וועסט ענד עוו. נעהמט וועסט דיטעפערסאן קאר. טעלעפאן: סי־דאר 1409 אר.

פארלאנגט א גוטער סיילסמאן צו טרייבען א מאשין פאר א קרי־מערי סטאר, בעלערי און קאמישאן, פרעגען: איסטערן דיירי קאמפ. 331 ווינדער סטריט.

פארלאנגט סיילסליידים פאר א שוה סטאר, סטעדי פאזישאן, גוט באצאהלט, קיינע אוועגדען אויסער שבת. פרעגט נאך: 558 גרעשיאט.

א פאפ שאפ צו פארקויפען, זעהר גוט געהענדע ביזנעס. מוז פארלאזען צוליעב קראנקהייט. $8.000 קען דאס העגדלען. פרעגען אין „וועג" באקס 34.

צו פארענטען א סטאר, קארנער ווילים און הייסטינגס, א גוטער לאָקיישאן פאר ביזנעס. פרעגען ביי מר. ב. ראזענבערג, 150 פרעדעריק.

א בעל קורא פארלאנגט אין קאנ־גרעגיישאן בני יעקב, 152 איללינאיז סט. פרעגען אין קאנגרעגיישאן.

Real Estate

מיר האבען א סך סינגעל הייזער אין אוקלאנד סעקשאן און הארפער סעקשאן, ארום דעם נייבארהוד. $2.000 און $3.000 איינצאהלען. לייכטע טערמס, קומט אין 186 נארפיעלד, 10 אזייגער אין דער פריה.

צו פארקויפען א 4 פאמיליע הויז אויף גארפיעלד עוו. נעבען ענט־ווין, $3.000 איינצאהלען. קומט היינט פריה, נאך 10 אזייגער אין 186 גארפיעלד.

צו פארקויפען א 5 אפארטמענט אויף קארנער רושאהיאר און הערמאן עוו., צו 6 מאדערנע רומס. קען געקויפט ווערען מיט $6.000 איינצאהלען, גוטע טערמס. קומט היינט פריה, 10 אזייגער אין 186 גארפיעלד, נעבען ענטווין.

4 פאמיליע אויף גארפיעלד מיט 3 טויזענד קעש. קעניגער 186 זענפיעלד איסט.

8 און 10 רום הייזער מיט 2 און 3 טויזענד דאלאר קעש. פרעגען: קעניגער 186.

דער ערוואַרטעטער באַלקאַן פּלאַנטער

(פאַרטזעצונג פון זייט 2)

אישען שלום, און מ'וועט ניט זיין קיין סורפּרייז, אויב נאָך, דער קאָנפערענץ צווישען די אַליאירטע און דער דייטשער רעגירונג, וועלען פיעל שטעכעדיגע דענער פאַרשווינדען פון דעם וועג, וואס פיהרט צו א ווירקליכען שלום.

בנוגע רוסלאַנד איז געטאָן געוואָרען אין סאַן רעמא, אויף דעם זעלבען אופן, ווי מ'האט געטאָן מיט דייטשלאַנד. אנער־קענונג די סאוועטען רעגירונג, וואלט דאָך מיינען האנדלען פּרינציפּיעל, לכן האט מען א קאמפּראמיס באַשאַפען; מ'וועט נאָר קאמערציעל האנדלען מיט רוסלאַנד. דיעזער באַשלוס אָבער וועט דאָך, סוף כל סוף, מוזען פיהרען צו דער פאָלשטענדי־גער אנערקענונג פון דעם סאוועטען רוס־לאַנד.

די סאַן רעמא'ר קאָנפערענץ האָט באַ־וויזען, אז די ערפאַהרונג לאָזט דאָך עפּעס געלערנט די איצטיגע וועלט־פיהרער און זייער ערפאַהרונג בנוגע דייטשלאַנד און רוסלאַנד האט זיי געצוואונגען אנצונעה־מען א מעהר פריינדליכע שטעלונג צו די־זע לענדער. און וואס איז שייך טערקיי איז דער האריאנס ארציוגען מיט שווערע וואָלקענס דערוויל האבען נאָך די אליאירטע ניט געהאט די נויטיגע ערפאה־רונג, און טונקעלע שאטענס צייגען אן א העל־פלאַמענדען פייער, וואס רוקט זיך אן אויף דעם נאָהנטען מזרח.

אונגאַרישער כשר רעסטאָראַן

בעסטע אונגאַרישע מאכליכ:

דזשיי סיגעל און באַרש

אייגענטהימער

337 הייסטינגס סט.

ניט אייערע קינדער א מאדערנע אידי־שע ערציהונג שיקט זיי אין דער מענ־דעלע פאלקס שולע 204 איסט הענ־קאק. עס ווערען געעפענט נייע קלאַ־סען פאר אנפאנגערס, אויך שילער פיר די העכערע קלאַסען, אין שולע לע־רענט מען אידיש העברעאיש, געשיכ־טע און לעגענדען, די שולע איז אפען

אוקראַינער אידען

די בלוט פון די אומגליקליכע פון יענער זייט ים שרייען נאָך הילפע! וואס זענקט איהר צו טאָן?

צוליעב דיעזען צוועק איז אַרויפען גע־וואָרען א **קאָנפערענץ** צו וועלכע אַלע אוקראַינער אָרגאַניזאַציאָנען, לאַנד־ושעס, שוהלען סאָסייעטיס-און רעליגיע פאַראיינען זענען געבעטען אומבאַדינגט צו שיקען 2 דעלעגאַטען אויף

מיטוואָך אבענד 7.30 פּ. מ.
שאַרפּ, דעם 5טען **מאַי, אין לייבאָר לייסעאום**, 126 ליווינגסטאָן סט, רום 8 וואו פּלענער און מיטלען וועלען דיסקו־טירט ווערען וואס מיר קענען טאָן פאר זיי. אויך וועט באַשלאָסען ווערען וועגען גרינדען א היגען לאָקאַל אוקראַינעס פאַרבאַנד.

פּ. ס. די אָרגאַניזאַציאָנען וועלכע האָ־בען ניט קיינע מיטינגען ביז דאַן זענען געבעטען צו זיין פאַרטראָטען דורך זייערע בעאמטע.

העמטרעמעקער אידען

אויב עפּעס אין פּלאָמבינג אָדער עלעקטריק ליין דאַן ווענדעט זיך צו אן עקספּערט

פּלאָמבער און עלעקטרישען

און איבערצייגט זיך פּאַהענט פון איך, אויף 1190 **טשען סט.**

קומט צו אונז איינמאל און איהר וועט אונזער שטענדיגער קאסטי־מער זיין.

מיר וועלען אויך מיט דער זעלבער ווינקטליכקייט אטענדען אונזערע אלטע קאסטימער.

גערענקט אונזער נייער אדרעס איז

S. WINTER

1190 Chene Street

וואטשט דיזען פּלאַץ פאר וויטערדיגע אדווערטייזמענטס.

לעזט דעם „וועג"

JUDGE GAINEY

HAVANA CIGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST

די לעצטע ערשיינט פאר 5 יאָהר

מישא עלמאן

וועלט באַריהמטער וויאָלאַניסט, מיט זיין

שוועסטער ליזא

ארקאַדיא האָלל דאָנערשטאג אָוענט, דעם 6-טען מאַי.

טיקעטס קענט איהר יעצט באַקומען אין אטשעניק'ס בוך סטאָר, 455 הייס־טינגס סט. און גרינעלל'ס מוזיק סטאָר, 243 וואודוואַרד עוו.

טיקעטס — פון 50 סענט ביז $2.00.

פאַר אַלע ליבהאָבער פון אידישע מוזיק

פּנחס יאַסינאָווסקי

לידישער טענאָר פון פּעטראָגראד טרעט אויף אין א פּראָגראם פון

אידישע פאָלקס לידער

און

מעקאַליסטער האָל

פּאַרעסט און קעסס

פרייטאג אבענד דעם 4טען יוני

טיקעטס 75 סענט און 1 דאָלאַר צו באַקומען אין „וועג" 347 הייסטינגס סט. נאָרדאָן'ס בוכהאנדלונג, „פאָרווערטס" אָפיס, 541 הייסטינגס סט. און אין אוקלאַנד ביי י. ל. מאַלאַמוט, 741 אוקלאַנד עוו.

וויי קען איך אנטוועהנען מיין בייבי?

דאס איז א וויכטיגע פראגע פאר יעדע מוטער וואס זייגט איהר בייבי. דער בעסטער וועג איז צו אנטוועהנען א בייבי לאנגזאם — מען דארף אנפאנגען פון זיבעטען מאנאט און געבען דער ביי אייגע אדער צווי באטעלס שפייז דורך'ן טאג, און אזוי שטופּענווייז, פערגרעסערען די צאהל פון שפייז באטעלס ביז דאס קינד געוועהנט זיך אב פון'ם זייגען די ברוסט.

Borden's

EAGLE BRAND

(CONDENSED MILK)

איז אזוי עהנליך צו מוטער־מילך אין טעם און אין לייכטע פערדייאונג אז מען קען געבען אמאל דיעזע מילך און אמאל ברוסט מילך און דאס אנטוועהנען וועט נאכ־הער זיין א גאנץ לייכטע זאך.

אונזער בייבי בוך וואס האלט פערדאָנד־פּופּציג פּיידזשעס, ערקלערט אייך דייטליך ווי צו אנטוועהנען אייער בייבי. אויך פילע שפּייז אינסטרוקציאָנס געשריבען אין אידיש. מיר וועלען אייך שיקען בייבי דירע זאכען פריי, אויב איהר וועט אונז שיקען היינט דעם קופּאָן.

איגעל בראַנד, געמאכט פון העכסטע קוואליטי קוה־מילך און געמאַלענעם צוקער. איז דאס בעסטע פיר'ן טיש און קאכען און באקען — קויפט א קען היינט און געברויכט עס פיר אלע צוועקען פיר וועלכע איהר האט געברויכט גע־וועהנליכע מילך און צוקער. טרייעט עס אין קאמפּאָרד.

צו בעקומען אין יעדען גוטען דראג אדער גראָסערי סטאָר

The Borden Company

103 HUDSON STREET
NEW YORK

דער לייבעל און נאָמען איז א גוטער גאראַנטי

עסטאבלירט 1857

שנײַדט אויס דיעזען קופּאָן, מארקט וועלכע אייער בוך און מיילט היינט

Mrs. ....

Street ....

City ....

State ....

בייבי וועלפער בוך.
רעסיפּי בוך

10

אנדערע באָרדען פּראָדוקטען:

באָרדען'ס מאָלטעד מילך — באָרדען'ס מילך טשאָקאָלאַד
באָרדען'ס קאָנדענסד קאָפּע — באָרדען'ס איוואַפּאָרייטעד מילך

סוירקעל טהעאַטער

504 הייסטינגס סטריט — דעטראָיט, מיש.

עדווין א. רעלקין פּרעזענטירט

נאָר פיר 2 פאָרשטעלונגען

די באַריהמטע אוקראַינער טרופּפּע פון ניו יאָרק, אונטער דער רעזשי פון דעם בעוואוסטען ארטיסט **ד. מעדאָוו**
מיט דער מיטווירקונג פון דער בעוואוסטער זינגערין **סאַלאָוויא**

דינסטאג דעם 11-טען מאַי 1920

וועט געשפּיעלט ווערען

קאַטאַרזשניק

אין 5 אקטען מיט געזאנג און טענץ

מיטוואָך דעם 12טען מאַי, 1920

וועט געשפּיעלט ווערען

אַרימע שעפּעלאַר

צום ענד וועט אויפגעפיהרט ווערען

ציגאַנערשע ראָמאַנסען

פון ר. ס. סאַלאָוויא

טיקעטס אין אדוואנס אין קאַסע פון טעאטער.

אנפאנג 8.30 אוהר אבענד.

אין פּרינטינג שאָפּ פון „וועג"

פון א קאַרטעל

ביז

א גרויסע צייטונג

פון א הענדביל

ביז

א גרויסע בוך

ווערט געמאכט שנעל, גוט און צו מעסיגע פּרייזען

געלד איבערגעשיקט

צו פּוילען, טשעכאָ-סלאָוואַקיע, עסטרייך, אונגאַרן, רומעניען, יוגאָ-סלאַוויע, דייטשלאַנד און אַלע טיילען פון דער וועלט. פּינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאָהלונג.

שיפסקאַרטען

פיר פּוילען און אנדערע לענדער דזשענעראַל סטים שיף און געלד איבערשיקונג אָפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

אַטאָמאָביל עקסידענט האָספּיטאַל

אַטאָמאָביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאַר, ברענגט דאָס צו אונז. מיר וועלען די קאַר ווידער ניי מאַכען.

פריימס, באַדיס, עקסעלס, פענ־דערס ווערען אויסגעגלייכט, געוועלדעט, געמאַכט ווי נייע און גיינגעמעלד.

רעדיאַטאָרס פּעריכט און איבערגעבילד, אויך עקסטשענדזשעס

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich

Glendale 7576

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט.

The Detroit Jewish Daily

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 1?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, P. M. General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH. Thursday, May 6th 1920 Vol. 2, No 71 1920 ,6 דאנערשטאג, מאי

פוילישע פארטייען פאר שלום מיט רוסלאנד

סטיין דיסמיסט קלאגע געגען טשעפּאנען

וויליאם פ. טשעפּמאן, פּרעזידענט פון דער דעטראיט יארדמען'ס אסאסיאיישאן, וועלכער איז געהאלטען געווארען אונטער 1.000 דאלאר באנד אויף דער קלאגע פון קרימינעלען סינדיקאליזם איז געסטען פריה באפרייט געווארען פון דער קלאגע אויפ'ן פארשלאג פון פּראסעקיוטאר עלען פ. קאקס.

מר. קאקס האט געזאגט אז די באווייזע וועלכע ער האט געפאדערט פון דער פּאליציי געגען טשעפּמאנען, זענען נים צוגעשטעלט געווארען.

דער פּראסעקיוטאר האט ערקלערט אז די פּאליציי האט געהאט א רעכט צו מאכען דעם ארעסט, ווייל די מישיגען סענטראל האט צוגעשטעלט איהרע אינפארמאציעס וועגען טשעפּמאנען, אבער אזוי ווי די מישיגען סענטראל האט נים צוגעשטעלט קיין עדות, קען ער נים באשטעטיגען די קלאגע געגען דעם סטרייק פיהרער.

טשעפּמאן איז אנגעקלאגט געווארען דאס אויף א פארזאמלונג פון די סטרייקענדע יארדמען האט ער זיך אויסגעדריקט, דאס ווען ער וואלט געקענט, וואלט ער אויפגעריסען די מישיגען סענטראל סטיישאן.

סקלארען פון דזשאינט דיסטריביו־שאן קאמיטע פארניכטעט אין ווינער פּאגראמען

ווין. — דער פּאגראם אויף אידישע און ספּעציעל ציוניסטישע סטודענטען, אין דער היגער אוניווערזיטעט האט זיך אויך איבערגעטראגען אויף אנדערע ערטער. די סטודענטען זיינען בעפאלען געווארען, גלייכצייטיג אידען אין גאס און געשלאגען, און על פי טעות האבען זיי אויך געשלאגען איטאליענער און טערקען.

די סטודענטען פון דער אקאדעמי פון עקספּארט און פון דער אקעדעמי האבען שולע זיינען אויך צוגעשטאנען צו די פּאגראמשציקעס.

דער אידישער דעפּוטאט פון פּארלאמענט דר. שטריקער האט זיך פערזענ־ דעם צו דער רעגירונג, און די לעצטע האט ארויסגעגעבען א באפעהל צו דער פּאליציי צו אונטערדריקען די פּאגראמען, וועלכע זי פערדאמט מיט די שטארקסטע ווערטער.

די סטודענטען פּאגראמשציקעס האבען זיי בעקאנט, אויך איבערפאלען די שפּיזען סקלארען פון דער דזשאינט דיס־טריביושאן קאמיטע און זיי פארניכטעט.

ווייער אויסרייד איז געווען, אז די אידישע סטודענטען קריגען ראטען בעפּע־ע בעהאנדלונג ווי די קריסטליכע.

די אמעריקאנער היפּס מיסיע האט צוגעשטעלט א פאדערונג צו דער רעגירונג אויף זעקציג טויזענד קראנען, שאדענערזאץ פאר די פארניכטעטע שפּייז סקלארען.

אין דער היגער מוניציפּאליטעט האט דער אידישער מיטגליעד פּראשקעס איינגעדריקט א הפטיגען פּראטעסט געגען די פּאגראמען, אבער די קריסטליכע מיטגליעדער האבען איהם איבערגעשלאגען אין די רייד.

דאנעגען האבען די אנטיסעמיטען אפּגעהאלטען א מאס־מיטינג און געמאכט אלערליי בלבולים אויף אידען, דאקלערט א בלבול אז זיי האבען געקויפט טויזענט קריסטען פאר רעליגיעזע צוועקען, און זיי האבען רעקאמענדירט אז מען זאל די אידען שיקען אין ארויס־טרייבען פון לאנד.

"דאס איז — האט ער געזאגט — ביי היינטיגען יהדות נאך ווענינער ווי א חזיר־גער־לוין".

רעילוועי באורד ענטזאגט אויס צוהערען דעטראיטער באהן סטרייקער

וואשינגטאן, מאי 5 — די סטרייקענדע יארדמען פון דעטראיט און קאלאמבוס אהייא, וועלכע האבען אריינגעשיקט אפּליקיישאנס צו דער ריילוועי באורד אין וואשינגטאן אז זי זאל זיי באווילינגען א פארהער, וואו זיי זאלען קענען פארלעגען זייערע טענות, האבען היינט געקרוגען אן ענטפער פון וואשינגטאן, וועלכער איגנארירט פּאקטיש זייער פארלאנג.

און איהר ענטפער צו די רעמאנטע אפּליקיישאנס זאגט די ריילוועי באורד, אז זי קען די סטרייקער פון דעטראיט און קאלאמבוס נים געבען קיין פארהער "ווייל עס וועט נים אויס, אז די אפּעלאנטען זאלען געווען טאן אלעס וואס נאר מעגליך אום אויסצומיידען א פארקריפּלונג אינ'ם באהן־פארקעהר".

ע. פ. גראבעל דער פּרעזידענט פון דער יונייטעד בראדערהוד אף מעינטיינענס אף וועיס ענד ריילוועיס, האט היינט ערקלערט פאר דער ריילוועי באורד, אז די אורזאכע פונ'ם סטרייק איז, דאס, וואס צו פיעל מענשען עסען קייק, בעת אנדערע האבען קיין ברויט נים".

מר גראבעל האט אויפגעוויזען, אז די ארבייטער פון זיין ארגאניזאציע האבען געארבייט פאר 59 סענט א שטונדע.

דזשענעראל סטרייק אויף די באהנען אין פאל ריילוועי באורד וועט ניטבייטען איהר שטעלונג

וואשינגטאן, מאי 5 — 18 ריילוועיער בראדערהודס האבען באשלאסען צו רופען א דזשענעראל סטרייק אויף די אייזענבאהנען, אין פאל די ריילוועי באורד זאל נים ענדערען איהר אנטיפּאטישע שטעלונג צו די באהן־סטרייקער, און נים באשטימען אז אנשטענדיגע לוין פאר יעדען באהן־ארבייטער.

אין אלגעמיין איז די שטימונג צווישען די באהן ארבייטער פאר די לעצטע עטליכע טעג נאך מעהר אנגעצויגען ווי פריהער און נאר א טאקטישע האנדלונג מצד דער ריילוועי באורד וועט קענען אויסמיידען און אלגעמיינע פּאראליזירונג פון די אייזענבאהנען איבער גאנץ אמעריקא.

דרום אפריקא גיט פרויען וואהלען רעכט

קייפטאון, מאי 5 — דאס אסעמבלי הויז האט געסטען אנגענומען א רעזאלוציע וועלכע זאגט זיך ארויס פאר געבען פרויען דאס רעכט צו נעהמען אנטייל אין פּארלאמענטארישע וואהלען.

ווארשא, מאי 5 — די היגע צייטונגען

זאגען פאראויס אז דער פוילישער קאבינעט וועט אין דער נאהנטער צוקונפט רעארגאניזירט ווערען ווייל די אפּאזיציע צו דער רעגירונגס שלום טאקטיק ווערט גרעסער איבער'ן לאנד.

ווארשא, מאי 5 — די היגע צייטונגען זאגען פאראויס אז דער פוילישער קאבינעט וועט אין דער נאהנטער צוקונפט רעארגאניזירט ווערען ווייל די אפּאזיציע צו דער רעגירונגס שלום טאקטיק ווערט גרעסער איבער'ן לאנד.

די סאציאליסטען פאדערען דרינגענד, אז שלום זאל געשלאסען ווערען מיט רוסלאנד, און אז זייערע פארטרעטער זאלען באשטימט ווערען צו פארהאנדלען אין דעם קאבינעט. די צייטונגען קריטיקירען אויך פיעל די טאקטיק פון דעם פינאנץ מיניסטער גראבסקי. ער ווערט באשולדיגט אין באנוצען זיך צופיעל מיט פּאפּיער געלט.

די רעזיגנאציע פון דעם אויסערן מיניסטער, סטאניסלאוו פּאטעק, דעם פּרעמיער און גראבסקי, איז במעט ווי זיכער.

אי די סאציאליסטען, אי די נאציאנאל־דעמאקראטען זענען געגען דער רעגירונג פאר איהר עקשנות, אז באבראוו קון זיין דער פּראיז פון די שלום פארהאנדלונגען מיט די סאוועטען. זיי זאגען, אז דאס איז די איינציגע שטערונג אויפ'ן וועג צו שלום מיט רוסלאנד.

האנדלען מיט רוסלאנד, אבער זי קען נים ערלויבען מאקסים ליטווינאוו אריינקומען קיין ענגלאנד.

יאפּאן, איטאליען און פראנקרייך שטיצען אונטער ענגלאנד אין איהר שטעלונג צו ליטווינאוו'ען, ווייל ער האט מיסברויכט זיינע דיפּלאמאטישע פּריווילעגיעס אויף זיין פריהערדיגען באזוך אין ענגלאנד.

קראסין האט איבערגעגעבען צו ער מינג ווייז, דעם פארטרעטער פון דעם העכסטען עקאנאמישען ראט אין קאפּענהאגען, דאס ער וועט אריבערשיקען א טייל פון דער רוסישער דעלעגאציע קיין ענגלאנד די קומענדע וואך.

סאוועטען ווילען איבערנעמען מאנדאט איבער ארמעניען

לאנדאן מאי 5 — פון דעם קאנסטאנטינאפּאלער קארעספּאנדענט האט די היגע "טיימס" ערהאלטען א ידיעה אז די רוסישע סאוועטען רעגירונג איבט אויס איהר איינפלוס אויף דער ארמענישער באשנאקים פארטיי, וועלכע שטעלט צוזאמען די עריוואנער רעגירונג, דאס ארמעניען זאל איבערגעבען די אויפזיכט איבער די אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען צוזאמען מיט דעם ארמענישען פאלק פאליטישע אומאפּהענגיגקייט, טעריטאריאלע קאנצעסיעס און אויך מיליטערישע הילף צו פארווירקליכען ארמעניענס נאציאנאלע האפנונגען.

דיפּלאמאטישע באריכטען גיבען אן צו וויסען אז די אזערבאידזשאנער רעגירונג האט אריבערגעשיקט אן אולטימאטום צו דער ארמענישער רעפּובליק אין עריוואן, פאדערענדיג אז די עריוואנער רעגירונג זאל זיך ארויסציהען פון דעם טייל לאנד איבער וועלכען ס'געהט א דיספּוט צווישען דיעזע צוויי רעפּובליקען. ארמעניען האט זיך ענטזאגט צו אויסצופאלגען דעם אולטימאטום.

ענגלאנד וועט זיך טרעפען מיט סאוועטען פארטרעטער

לאנדאן, מאי 5 — אין דער אויסערן מיניסטעריום האט מען איבערגעגעבען, דאס קומענדע וואך וועלען פארטרעטער פון דער ענגלישער און באלשעוויסטישער רעגירונגען זיך צוזאמענטרעפען אין לאנדאן, וואו ס'וועט באהאנדעלט ווערען די פראגע וועגען באנייען קאמער־ציעלע באציהונגען צווישען דיזע צוויי לענדער.

דער ענגלישער אויסערן מיניסטער האט נעקאנט וויסען גרינארי קראסין, דעם באלשעוויסטישען האנדעלס קאמיסאר, אז ענגלאנד מיינט אויפריכטיג צו

היינט ציון קאנפערענץ אין אפיס פון "וועג"

היינט 8 אזייגער אין אווענט, וועט אין אפיס פון "וועג" פארקומען א קאנפערענץ פון פארשידענע נאציאנאלע ארגאניזאציעס, וועלכע וועט האבען, אלס איהר אויפגאבע צו באשפרעכען וועגען און מיטלען, ווי אזוי צו מאכען די גאולה־טאג מאנסטראציע אין דעטראיט שעהן און גראנדיעז.

ווי געמעלדעט געבען אין "וועג" שוין די עקזעקוטיווע פון דעם מישען דיסטריקט באשלאסען צו די דעמאנסטראציע אזוי ווי אלע וויכטיגע ציוניסטישע דעלעגאטען זאלען זיך צוריק קעהרען פון דער קאנווענשאן, וואס וועט אפּגעהאלטען ווערען אין ניו־יארק דעם 9טען און 10טען מאי.

עס איז אלזא רעכט די פליכט פון יעדער אידישער ארגאניזאציע זיך זאפארט צו פארזאמלען מיט דיעזען ענין און העלפען דורכפיהרען דעם געפּלאנטען יום־טוב אויף אן עהרליכען אופן.

עס איז וויכטיג, אז ביי דער היינטיגער קאנפערענץ זאלען זיין פארטראטען אלע ציוניסטישע פראקציעס און יעדע נאציאנאל־געזונטע ארגאניזאציע.

אין טאג פון דעם פאראד וועט דארפען זיין יום־טוב אויף דער אידישער גאס. עס וועט פיליכט נויטיג זיין אפּצושטעלען די אידישע געשעפטען פאר איינינע שטונדען, אום דער יום־טוב זאל זיך בילט וואַרפען אין די אויגען.

ווי אזוי אבער וועט דאס אלעס קענען דורכגעפיהרט ווערען?

אט די דאזיגע פראגע וועט דארפען פארענטפערען די היינטיגע קאנפערענץ.

Public Library
Aug 26 ???

מישא עלמאן און זיין שוועס־טער היינט אין ארקאדיא האל

היינט אבענד וועט אין ארקאדיא האל אויפטרעטען דער גרויסער אידישער פידעל שפּילער מישא עלמאן, צוזאמען

מיט זיין שוועסטער ליזא א פּיאניסטין.

קיין מוזיק ליעבהאבער וועט זיכער נים פארפעהלען די געלעגענהייט ביי־צווואהנען דיעזען קאנצערט.

פרוי טויט און $750.000 פאר לוס אין א פייער

מיטוואך האט אויסגעבראכען א פייער אין פלענט פון דער קארטיס. טאיר און ראבער קאמפּ. וואס האט געראובט דאס לעבען פון א 66 יאהריגע פרוי טויט'ן נאמען לאורא סאלהיים און פאראורזאכט $750.000 שאדען.

מרס. סאלהיים האט זיך געשפּארט דורך דעם קראוד וואס איז געשטאנען און צוגעקוקט דעם פייער, אום איבערצוגעהן אויף דער צווייטער זייט גאס און אזוי שנעל ווי זי האט זיך דורכגעשפּארט דורכ'ן קראוד איז אנגעלאפען אן אויטאמאביל, געטריבען פון פּיטער מילער און זי איז אויפ'ן פלאץ געהרג'עט געווארען.

מעהר ווי הונדערט ארבייטער האבען זיך געראטעוועט ארונטערשפּרינגענדיג די פענסטער, וועלבע זיינען געווען 20 פוס הויך, קיין איינע פון זיי איז פונ־דעסטוועגען נים פארוואונדעט.

פראנצויזישער סאציאליסט געש־טערט צו קומען קיין אמעריקא

פאריז, מאי 5 — דזשאן לאנגע, פיהרער פון דער סאציאליסטישער מינאריטעט, וועמען דער וואשינגטאנער סטייט דעפּארטמענט האט ענטזאגט צו וויזירען זיין פּאספּארט, האט היינט ערקלערט, דאס זיין רייזע קיין אמעריקא האט ער געהאט בדעה צו מאכען אויף דער איינלאדונג פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער פארטיי וועגען א "לעקטשור טור" איבער די פאראייניגטע שטאטען.

ער האט געזאגט, דאס דיעזע איינלאדונג האט די סאציאליסטישע פארטיי פון די פאראייניגטע שטאטען געשיקט צו איהם און צו זשאן־רעס'ען, דעם פראנצויזישען סאציאליסט וועלכער איז מיט א פּאר טעג פאר דער מלחמה דערהרג'עט געווארען, אבער צוליעב די געשעהענישען פאר די לעצטע 5-6 יאהר, האט ער זיין וויזיט קיין אמעריקא אפּגעלייגט.

מיט איינינע מאנאטען צוריק האבען די אמעריקאנער סאציאליסטען איהם ווי־ אייגעלאדען צו ??ד. דער אמעריקאנער אמבאסאדאר אין פאריז האט איינינע שטימט אונטערצושרייבען זיין פּאס־פּארט. האט לאנגע געזאגט, אבער ער האט געוואלט א גאראנטיע אז מ'וועט איהם נים פארהאלטען אויף עליס איי־לענד. דער אמבאסאדאר האט דאן אנגעפרעגט דעם סטייט דעפּארטמענט וועגען אינסטרוקציעס, און דער ענטפער איז געווען אז מ'זאל איהם נים אריינלאזען קיין אמעריקא.

"איצט איז מיין רייזע קיין אמעריקא אפּגעלייגט געווארען ביז די אמעריקאנער רעגירונג וועט איבערבייטען איהר מיינונג, וועגען מיר אלס א געפעהרליכען מענשען, האט לאנגע געזאגט.

שווייץ לאזט נים אריין דר. קאפּ'ען

זשענעווא, מאי 5 — דר. וואלפגאנג קאפּ, דער פיהרער פון דער לעצטער פארשווערונג אין בערלין, איז פון דער שווייצארישער רעגירונג ענטזאגט געווארען ווען ער האט נים לאנג צוריק געבעטען אן ערלויבניש צו וואוינען אין שווייץ.

די שווייצארישע רעגירונג האט געהאט איבערגעגעבען זיין ביטע צו דער צענטראלער פּאליציי ביורא, וועלבע האט רעקאמענדירט, נאכדעם ווי זי האט אונטערזוכט די פראגע, אז ס'איז פיעל גלייכער פאר שווייצאריע, אז דער רעאקציאנער קאפּ זאל נים וואוינען דארט.

די זעלבע רעגירונג האט ענטזאגט נאך פיער דייטשע רעאקציאנערען אן ערלויבניש אריבערצוקומען קיין שווייץ.

פאראייניגטע ת'ת פאנגען אן דרייוו פאר $60.000

די באורד אוו דירעקטארס פון די פאראמייניגטע ת"ת פון דעטראיט האט היינטיגע וואך אנגעפאנגען א קאמפּיין פאר $60.000, פאר דער אויפהאלטונג פון די דאזיגע אינסטיטוציעס. אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע טעג זענען שוין פאלגענדע סובסקריפּשאנס געמאכט געווארען:

מר. ב. בעבקאק — $200

מר. ס. פעלדמאן — $150

צו הונדערט דאלאר

ה"ה ע. ראבינאוויטש; ל. דוסקאף; ל. לעוין; דזש. ב. לאסקי; ה. ראבינסאן; מ. קרעל; ל. גראנאט; ה. שאמבערגער; דזש. פרידבערג; י. ראזענטאל; מ. ליבערמאן; ה. קאפּלאן; נעשאנאל בייקינג קאמפּ.; מ. ראזינסקי; ע. עסער; א. קליין; י. שטיינגאלד; מארים שעבטער.

צו 50 דאלאר

ה"ה עמיל בארא, דזשא עהרליך; א. קיידאן; דזש. לעווין; ס. שאפּירא; ה. פּאסענסקי; דזש טשערקאסע; גאלדמאן בראס. א. מארקאוויטש; דזשאס קאפּמאן ה. קאהן; דזשאס דזש. קאפּלאן.

נייע ליסטען פון סובסקרייבערס וועלען פארעפענטליכט ווערען יעדע וואך.

אלע סובסקריפּשאנס זאלען געשיקט ווערען אין אפיס פון ווילקינס סט. ת"ת 107, 109, 111, 113 ווילקינס. טעל. טשערי 783 — אר.

א אידישער טאלאנט אין שרייבען טשעקס

מארים קרעמער 330 הענדרי איז נעכטען ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון שווינדעל. דער אנקלאגער איז נע וועז סעם פּריעסט, אייגענטימער פון א דרוגסטאר אויף 370־358 ברוסטער סטריט.

פּריעסט דערצעהלט, אז קרעמער האט איהם פארקויפט "סקרעפּ מעטאל", און אזוי ווי ער, פּריעסט איז נים קיין גרויסער מארם אין שרייבען טשעקס, האט ער איבערגעגעבען זיין טשעק־בוך צו קרעמער'ן, וועלכער האט פארזיכערט, אז ער קען עס מאכען אויסגעצייכענט.

האט זיך ארויסגעוויזען, אז קרעמער איז ווירקליך א טאלאנט א טשעקשרייבער. אנשטאט $124.75 האט זיין טשעק געלייענט $1.024.75.

צו קרעמער האט עס געטאן מיט א ביזן ארדער דורך א פארגעהן וועט זיך מסתמא ארויסווייזען אויף דער טרייעל.

משומד דער'הרג'עט רב הכולל

מעלילא, שפּאנישע מאראקא, מאי 5, רבי אברהם כהן, רב הכולל פון מעלילא איז היינט דער'הרג'עט געווארען פון א געוועזענעם אידען, וואס האט זיך נים לאנג צוריק געשמדט. מ'זאגט דאס דער מערדער האט געגעטען דאס מען זאל איהם צוריק אריינגעהמען צווישען אידען און זיין ביטע איז נים ערפילט געווארען.

דער מארד פונ'ם הרב הכולל האט פּאסירט אויף די טרעפּ פון שול.

88 אמעריקאנער קאנגרעסלייט פּראטעסטירען געגען אירישע ארעסטען

וואשינגטאן מאי 5 — א טעלעגראמע וואס איז אונטערגעשריבען געווארען אין איבערגעשיקט געווארען צום ענגלישען פּרעמיער אין ענגלישען פּארלאמענט פּראטעסטירענדיג געגען דעם ארעסטירען פון איירישע רעוואלוציאנערען וועלכע ווערען געהאלטען אין געפענגניש אהן משפּט.

פּאליטישע נייעס בקיצור.

עבערט, דייטשער פּרעזידענט אויסגעשלאסען פון זיין יוניאן

בערלין מאי 5 — פּרעזידענט עבערט וועלכער איז געווען א זאטעלמאכער און באלאנגט צו דער יוניאן פון זאטעלמאכער אין בערלין, איז פון דיזער יוניאן אויסגעשלאסען געווארען מיט 1.200 געגען 5 שטימען. דער גרונד פאר דער אויסשליסונג איז געווען, וואס עבערט האט אונטערגעשריבען דעם טויט אורטייל פון א מערדער, מיט'ן נאמען האס, די רעוואלוציע, דורך וועלכער עבערט איז ארויסגעווארפען געווארען פון דער יוניאן זאגט:

"דיעזע פארזאמלונג אנערקענט מעהר נים דעם פּרעזידענט פון דער אימפּעריע אלס א חבר דורך דעם, וואס ער איבערטרעט אלע סאציאליסטישע פּרינציפּען, וועלכע ערלויבען נים, אז טויט־שטראף זאל אנגעווענדעט ווערען".

שלאגט פאר געזעץ פאר פרויען רעכטע

וואשינגטאן, מאי 5 — סענאטאר וואטסאן האט נעכטען פארגעשלאגען א געזעץ וועלכער וועט באשטראפען מיט א יאהר געפענגניש און 500 דאלאר שטראף פאר שטערען פרויען אנטייל צו נעהמען אין אלערליי וואהלען ווי פון שטאט, קאונטי, שטאדט, קוהל, דיסטריקט אדער אירגענד אנדערע וואהלען.

ליבעראלער פיהרער פארמירט דענישען קאבינעט

קאפּענהאגען מאי 5 — קעניג קאנסטאנטין האט געבעטען דעם ליבעראלען פיהרער, ניעלס ניערגאארד, דאס ער זאל צוזאמענשטעלען א נייעם קאבינעט.

הער ניערגאארד האט זיך אונטערגענומען אזא מיניסטעריום צו פארמירען. ער אליין וועט זיין דער פּרעמיער און פינאנץ מיניסטער.

אידישער לענדלארד שיער פארשטיינערט פון זיינע טענאנטס

פון גרויס אויפרעגונג אויף דעם לענדלארד מארים פערלמאן 195 ערלייר סט. וועלכער האט געהעכערט דעם רענט צו זיינע טענאנטס אויף גאנצע 50 פּראצענט האבען די טענאנטס איהם שיער נים פאר־שטיינט לעצטען מאנטאג אווענד.

פערלמאן איזגעווען לעצטאונגען צו זעהן שוין אין דעם דזשעניטאר'ס וואוינונג, ווען די טענאנטס פון זיין הויז 14־16 קארדאני עוו. האבען איהם מיט קוילען און מיט שטיינער געשטראשעט. ער האט פון דזשעניטארס וואוינונג טעלעפאנירט דער פּאליציי און פּאטראלמען פראנק איז געקומען און איהם צוגעפיהרט צו א פּארטינטה קאר, מיט וועלבער ער איז אנטלאפען א היים.

אמבאסאדארען ראט ענטזאגט אונגארן צו מאדיפיצירען שלום אפּמאך

פאריז מאי 5 — היינט איז דעם סעקרעטאר פון דער אונגארישער שלום דעלעגאציע איבערגעגעבען געווארען דער באשלוס פון דעם אמבאסאדארען ראט בנוגע די אויסזעצונגען פון אונגארן צו דעם שלום־אפּמאך.

כאטש די דאקומענטען זענען נים פארעפענטליכט געווארען, איז מען אבער זיכר אז די אליאירטע אמבאסאדארען האבען ענטזאגט דעם אונגארישען פארלאנג וועגען א פּלעביסיט אין די טעריטאריעס, וואס ווערען, לויט דעם באשלוס פון שלום אפּמאך אפּגעריסען פון אונגארן.

דער אונגארישער דעלעגאציע איז גע־געבען געווארען 10 טאג צייט צו באשליסען וועגען אונטערשרייבען דעם שלום.

CLASSIFIED

פארלאנגט א שניידער פאר אלטע ארבייט אין א סעקאנד הענד סטאר גוט באצאהלט. מעלדען זיך אין 1391 מישיגען, לעבען דער 28־טער סטריט.

איז א פרוי אדער מיידעל צו פיקסען אלטע קליידער, קריגען גוט באצאהלט. נאכפרעגען 1391 מישיגען לעבען 28־טער סטריט. 7)

קעכין פארלאנגט אונגארישע פאר־געצווגען, פאר א ערשטע קלאס האטעל. גוטע שטעלע, גוטע באצאהלט. אלבאני האטעל, מט. קלע־מענס מרס. ב. מאקאוויטש. 7)

דעטראיטער חסד של אמת פאר־לאנגט א גוטען פעהיגען קאלעקטאר זאל נישט זיין פרעמד מיט דער ענגלישער שפראך. דער ריכטיגער וועט מאכען א שעהן לעבען. מעל־דען זיך צום סעקרעטער, 66 ברוס־טער סט. נאר פעהיגע זאלען זיך מעלדען.

צו פארקויפען א בעקערי שאפ, 904 דושאן, קעמפא, שפאנעל נייע מאשינעס און פאטענטירטער אויוען און ביימענט. גלייך איבער־נעהמען. 6)

א פאפ שאפ צו פארקויפען, זעהר גוט געהענדע ביזנעס. מוז פארלאזען צוליעב קראנקהייט. $8.000 קען דאס הענדלען. פרעגען אין „וועג" באקס 34.

א בעל קורא פארלאנגט אין קאנ־גרעגיישאן בני יעקב, 152 איללינאיז סט. פרעגען אין קאנגרעגיישאן.

Real Estate

$7000 קעש און $300 א מאנאט פאר א 36 רום פארנישד בריק בילדינג, לעבען סטריט קארס און מאנכע פעקטאריס. עס איז יעצט אויפגעהאלטען געווארען אלץ א רומינג הויז און ברענגט אריין $800 צו מאכען עקסטרא געלד קענט איהר אויך א רעסטאראן אויפהאלטען אזוי ווי עס איז דארט אלע בעקוועמליכקייטען.

סינגעל 8 רום הויז מיט 4 בעדרומס אויף וויללים, לעבען מט. עליעט אין גרעשיט עוו. $5200 מיט 1700 קעש. 7)

צווי פעמיליע פלעט אויף וויללים לעבען מט. עלליאט און גרעשיט, $6700 מיט $4600 קעש, באלאנס $50 יעדע 6 מאנאט. איננאנצען מאדערנע עקסעפט א פוירנים.

צווי פעמיליע מאדערנע, סטיעם היעט, אוק ביניש, צו 6 רומס און 2 קאר גאראדוש, אלץ ערשט גע־פארבט. א נוטער אינוועסטמענט, פאר $5500 קעש און $75 א מא־נאט. ברענגט אריין 160, מעלדראס לעבען גרעשיאט.

נייער צווי פעמיליע פלעט אויף מישאלמעלרס עוו. צו 5 רומס, 3,500 קעש און $90 א מאנאט. רופט: 1125 פארעסט עוו. איסט. מעלראוז 980 עף. 7)

ביזנעס בילדונג מיט א סטאר און פלעט צו פארקויפען. פרעגט נאך אין 359 קענעפיעלד איסט. 7)

צו פארקויפען א לאנטש טראק צו־זאמען מיט א גוטען איינגעטרייטען סטענד, אינקאם ביז $75 א טאג אור־זאכע א פרוי אליין און קען ניטאסט־רען פרעגען; 186 בענטאן סט.

— באקאנטמאכונג —
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמופט פון 263 פארנסווארט
אין
140 מיידענרי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

מאשין־פיקטשור אפריישאנס
לערענט זיך פאר
לייכטע און רייגע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע וויידושעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג:
7:30 אבענד.

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעס פון די פאל־גענדע ליינס:
קאמפלים דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס, פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בער ספרעדס, קויר מענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס. קאמפלים ליין אין לידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און ווייס סוטס און קאוטס א קאמפלים ליין פון טייאר און דרעס מייקערס טרימינגס.

פאר סמוקע'ס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע־מאכט נאר פון ריינער האוואנא.
פרובירט היינט א דוראנד. איהר וועט זיין חרטה ניט האבען. פאדערט דר דאנד ביי אייער דיעלער.
DAVIS CIGAR MFG CO
געמאכט אין דעטראיט.

פארד קארס
און אנדערע קארס
קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־קויפען אויף לאנגע טערמינען
Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

אוקלאנדער אידען
פיקסעט אייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

דר.
ה. סטאריקאפ
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע באהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, איין קאונטערס, קאונטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע. פרייזען מעסיגע. ערענטליכע בעהאנד־לונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקסטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
חזן ר' דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארטזעצונג)

נישט מעהר ווי געצעהלטע עטליכע חדשים.

אין די דאזיגע עטליכע חדשים איז נייטאן אזוי צוגעבונדען געווארען צו חנה'ן, דאס נישט נור פלעגט ער מעהר נישט אהיים געהן צו די עלטערן אויף גאנץ שבת, ווי ער פלעגט זיך תמיד נוהג זיין, נישט אפילו זיינע אורקען פלעגט ער אינאכלעסיגען. ער האט שוין זאגאר אין זונטאג — זיין באשעפטיגטער טאג פון דער וואך — זיך געמאכט קראנק פאר זיינע תלמידים און איז געבליבען אין דר'היים.

— זאל עס געהן צו אלדי טייוואלים — האט ער זיך געמאכט א הארץ — א מענש מעג דאך איין מאל קראנקען אויך. און ער איז נישט געגאנגען אין ערגעץ יענעם זונטאג.

יענעם זונטאג וועט ער נים פארגעסען. אמת טאקע ער האט מאנטאג געכאפט דעם פסק פון חנה'ן, ווארום ער איז געקומען צו איהר זונטאג — זי האט איהם דאך שוין טויזענד מאל אפשר אנגעזאגט, אז ער זאל נישט קומען צו איהר אום זונטאג, זונטאג איז די שוועסטער א גאנצען טאג אין דר'היים און עס פאסט איהר נישט און זי וויל נישט אז די שוועסטער זאל וויסען אז ארום איהר דרעהט זיך ארום אזא שלימיאל".

אזוי האט איהר חנה אויסגעמוסר'ט אויפ'ן צווייטען טאג.

אבער איהר האט פארט הנאה געטאן. ער האט זיך יענעם זונטאג באקענט מיט מרים'ען. עס האט די ווערט געהאט.

יא, עס האט די ווערט געהאט צו באר־פען א פסק פון חנה'ן אבי צו באקענען זיך מיט דעם וואונדערבארען מיידעל מערי, אדער ווי זי הייסט זיך רופען: מרים.

(צוועלפטעס קאפיטעל)

נייטאן'ס באקאנטשאפט מיט מרים'ען

נייטאן האט מערי'ן ... [illegible] פון דער ערשטער רגע אן. וואס ער האט אויף איהר דעם ערשטען בליק געווארפען מעהר נאך, ווען ער האט מיט איהר גע־נומען רייד'ען.

דאס איז נישט געווען דער ווערבע־לעבעלס געפיהל ווי צו חנה'ן. דאס נישט! חנה'ן האט ער אנדערש ליעב. און חנה'ן קען שוין א טאג נים איבערלעבען. ער פעהלט איהם. ער בענקט נאך איהר. ער וויצט ביי זיינע תלמידים און ער האפ אין איהם דארטען אין משעה סטרים אין יענעם קליינעם, אויסגעניצן חדר'ל. וואו חנה דרעהט זיך ארום א צעטיילטע... מיט א לויז, אפגעשפיליטע ... מיט פארקאטשערטע ארבעל.

און וואס מעהר זי נעהמט איהם נישט אן אכט, און וואס מעהר זי רוהט זיך אויף איהם נישט אום, אלץ מעהר האט ער זי ליעב, אלץ מעהר בענקט ער נאך איהר, און אלץ מעהר... רעספעקטירט ער זי אפילו.

יא, ער האט חנה'ן אנגעהויבען צו רעספעקטירען. דורך איהר האט ער פאר איהר, ווי פאר אן עלטערן און קלוגע־רען מענשען.

מערי'ן האט ער אנדערש ליעב, און אפילו דעם רעספעקט וואס ער האט פאר מערי'ן איז אנדערש ווי דער וואס ער האט פאר חנה'ן.

ווען ער האט מיט מערי'ן בלויז א פאר מינוט גערעדט, האט ער זיך דערפיהלט אזוי היימיש מיט איהר, גלייך ער וואלט זי שוין געקענט פון מי יודע ווען, עפעס א היימישקייט, ווי מען פיהלט צו א שוועסטער. צו א גוטער און ליעבע־שוועסטער.

מיט חנה'ן קען ער נאך קיינמאל היימיש נישט זיין. מיט מערי'ן אבער איז

ער איז אין יענע געווארען היימיש.

זי האט איהם אזוי פריינדליך באגריסט, האט איהם אזוי ליבליך אין אויג ... דער אויפגענומען; חנה וועט דאך איהם נישט וועלן בעטען זיצען. מערי האט איהם אבער אויפגענומען ווי א גאסט, אזוי ווי ... געהמט איהם אומעדום אויף־וועג. חר האט איהר עפעס גע...אנט. האט זי בעת מעשה געקוקט צו איהם מיט א שפיילענדיגע געדולט. זי האט זיך איני־... און איהר איבערגעלאזט אויף ער קלוגקייט איבערראשט. האט זי זיך אינטערעסירט מיט דעם אידישען ... אין דעם קווארטאל; האט מיט גרויס נייגעריגקייט אויסגעהערט די ניוסען וואס ... האט איהר דערצעהלט פון דער אידי־שער אידישער וועלט. די נייעסטע ... די אידישע פרעסע. און ווען ער ... איהר געזאגט, אז ער איז א שריי־בער, אז ער שרייבט אין ענגליש און אין אידיש, האט זי איהם איבערגעלאפען טאקע.

אין ווען ער האט מיט איהר פארפיהרט א שמועס וועגען דער שעהנער ליטעראַ־טור, איז ער געווארען פארוואונדערט הע־... איהר אנגעשטע מיינונג.

... האט זי ערגיץ פון דער ... אין אמעריקא. ... פונדערסט־יונגען האט ... איהם געבעטען, אז ווען עס וועט זיין

אפגעדרוקט אין ושיגאל עפעס זיינע א „זאך", זאל ער איהר זאגען, וועט זי ספעציאל דאס קויפען און דאס איבער־צוליינען. עס איז איהר — זאגט זי — אינטערעסאנט צו קענען א אידישען שרייבער און זי וויל איהם טאקע ליינען.

אי וועי, זי רעדט אזוי שעהן ענגליש!

און זי האט אין לאנד בלויז געצעהלטע חדשים, קיים א יאהר און שוין רעדט זי אזוי פליסיג און מיט אזא ריכטיגען אק־צענט.

ער האט פארגעסען חנה'ן צו מערי'ן און האט געטראכט ווי פליסיג און ערנסט מערי איז. ווי זי נעהמט יעדע זאך מיט אזוי פיעל ערנסטקייט און פארזיכטיג־קייט.

חנה איז צו ... הערטער שאר־פער.

מערי רעדט נישט ... נישט אי־נגליש. איז ... ענגליש. מיט מע־רי'ן האט זיך נייטאן ... ווי אין דער ... פון איהר ... חבר. באטש זי איז מיט איהם אין עלטער אפשר. דאך האט ער גע־פיהלט אז זי איז פארשטענדיגער איי־דער ער. דער דרך א"ן צו חנה'ן איז א גאנץ אנדערער. עס איז דעספעקט גע־מישט מיט מורא.

(פארטזעצונג פאלגט)

אויסקינפטע פריי

יעדער גערען געגעבען איבער פאלגענדע ענינים: פאספארטען; ווי צו שיקען געלד אין איראפא, ווי אזוי אריבערצובריינגען אייערע פאמיליעס. יעגען די רעכט פון לענדלארד און טענענטס. יעגען לאנד קאנטראקטען, פארטנערשיפ בעקסעס אין זא ווייטער.

ווי צו ווערען א בירגער

וואו און ווי אזוי צו לערנען ענגליש, פאדאסטען פענסיעס, ליבערטי באנדס באנקס, אינשורענס און נאטוראליזיישאן.

The Free nformation Bureau
Detroit Board of Commerce

קארנער יעיו אין לאפאיעט (צווייטער פלאר); שטונדען: 8:30 ביז 5:30

געלט קיין איראפא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין איראפא איז דורך דער

פיפעלס רעליעף

וועלכע איז א בראנטש פון דער דזשוינט דיסט. קאמיטע.
די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.

פיפעלס רעליעף קאמיטע
490 הייסטינגס סטריט
קעדילאק, 2061

ראזענפעלד'ס
רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע באהאנדלונג.

30 מארבעל וואנעס — 2 כשרה מקוואות
שאור בעטהס — פרייע קאסט אויף צום רוהען

16 פריוואט רומס פאר יענינע וועלכע ווילען נעכטיגען.
א פראכטפולער לאנטש קאנטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקע צו יעדער צייט.

שווימען פאר פרויען יעדען מיטוואך, מיט דער מיטווירקונג פון אן עקספערט מאסאזשיסטקע.

1846 אלפרעד סטריט, נער אנטאין, טעלעפאן טשערי 6190 דאבליו.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פריסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

דר ל. ע. עילער

ספעציאליסט אויף אויגען, אויערען, נאז און האלדז קראנקהייטען 164 גרעשיאט עוו קאפפין טעאטער בלדג.
טעל. מעין 2702

מט. קלעמענס

זייט געזונט



און פארברענגט אייער זומער וואקיי־שאן אין מאונט קלעמענס, און אז שוין אין מאונט קלעמענס וועט איהר סטאפען אין

Elkins Hotel

100 רומס, דייניגג רום פאר 300 לייט. א רפואה פאר קראנקע, א פאר־גניגען פאר געזונטע.

ס'נים נערדיגען אז איהר מוזט האבען טויזענדער צו זיין אין מט. קלע־מענס

ניו ווילא האטעל

וועט אייך רעכענען $25 א וואך און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס ראנעלעטער מיט א פעסערוש צו די פלאזא בעדער. שרייבט נאך איינצעל־הייטען צום פראפראיעטאר ה. קראוו.

ריווערסייד האטעל

(נעוועזענער פארק ענעקס)
מט. קלעמענס, איננאנצען רעמא־דעלירט, עפענט זיך 1־טען מאי.
150 רומס, דייניגג רום פאר 300.
דאס אידעלסטע פלאץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע. שרייבט נאך איינצעלהיי־טען.

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

קוואסעלאוו און קאטליער'ס
האלסייל און ריטייל
דריי גודס, מענס און לידיס פוירנישינגס, ניו'ז גודס א. ז. וו.
454 הייסטינגס סטריט

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער אייגער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפשמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן נעהט צו אן ערנסטען, ערהליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.
נעהט צו אייער נים באקאנטען

Frosh O. D.
אפטאמעטריסט

אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבע עהרליך'ס דזשעולערי סטאר.

Bricker Bros
75 Grand Rive.
Cherry 3718

FURS

איהר קענט איצט קויפען ספרינג פוירס אויך פויר קאוטס פאר פרייזען וואס וועלען זיך דאובלען אין פאל סיזאן; קומט אריין און באקענט זיך מיט אונז
בריקער בראס.

רעוו. ל. ה. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע
עופירענהייט:
511 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 דאבליו

VIENNA SAUSAGE MFG. CO. — **Vienna Beef Sausages** — **SMOKED & PICKLED BEEF, TONGUES, ETC.**
1215-1217 S. HALSTED ST. **CHICAGO.**

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דושיי לעפקאווסקי און סאנס
בראדווי מארקעט

לאיער מתתיהו ליסס האט גע־עפענט א בראנטש אפיס פאר די אויגנ־דען אין 325 וועסטמינסטער סט. טעל. קעמלאק 533 דאבליו דאן טאון אפיס. 928 טשעמבער אף קאמערס בלדג. סטייט און גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978

ווילט איהר
סיווען
30 פראצ.?
ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאוווס ראנס, בעדינגס, פאנאגראפס און לעמפס
— דאן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

ווילט איהר אייערע
טעבעל, שליסלען קארפענ־טער זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
סו קומט צו
מ. ראמאניטץ
245 מאנטקאלמסט.

וואהרע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

Hacks Spring Style Shoes

העק'ס ספרינג סטייל שיך

זיינען די העכסטע קוואליטי אין שוכווארג וואס מענשליכע הענד אין מאדערנע מאשינערי האבען ווען געשאפען

הונדערטער מענשען פון אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט, בעוואונדערען מיט ערשטוינונג אונזערע 5 גרויסע שאו ווינ־דאוס מיט די פראכטפאלסטע סטיילס שוהס.

פאר מענער, פרויען און קינדער

וואס איז נאר ווען געצייגט געווארען אין דעטראיט. אונזערע שוהס זיינען אימער געווען; אנערקענט אלס די בעסטע אין סטייל און קוואליטי, אבער דיעזען סיזאן אנטרעפען זיי אלע ערווארטונגען. איהר מוזט זיי זעלבסט זעהן אום זייער ווערטה ריכטיג אב־צושאצען.

פאר מענער 5.00 ביז 18.00; פאר פרויען 5.00 ביז 16.50; פאר באיס 3.50 ביז 7.50; פאר גוירלס 3.50 ביז 10.00; פאר קינדער פון 75 סענט ביז 5.00 די פאאר.

The Store on the Corner that does Business on the Square

העק'ס שוה קא.

1045-1047 הייסטינגס סטריט — קארנער פארנסווארטה

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by DER WEG PUBLISHING COMPANY INC.

347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715

J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.

B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50

צו דער היינטיגער קאנפערענץ אין „וועג"

מיר זיינען מודה בגלוי עס ערה, אז מיר האבען א טעות געהאט: מיר האבען געמיינט, אז ווען עס זאל למשל ביי דעם ראטים פון דער קאנ־פערענץ פון „וועג" ערגיץ וואו געקומען ווערען פון דער געפלאנטער דע־מאנסטראציע, זאל למשל אזא גיטער ציוניסט ווי דער ראבי הערשמאן, דערמאהנען די איניציאטיווע פון „וועג" מיט דאנקבארקייט.

ווארים עס פארשטעהט זאך דער געעהרטער ראבי, אז מיר זיינען נישט איינען געגיען מיט דער קאנפערענץ צו „קעמפשירען" אימיצען, אדער עמיצאס, אדרבה, טאקע ווייל מיר האבען מורא געהאט אז אירגענד וועלכע ארגאניזאציע זאל נים „קעמפשירען" די דעמאנסטראציע, דוקא צוליעב דעם האבען מיר פאראנשטאלטעט פאר היינט אווענד די קאנפע־רענץ.

מיר מיינען, אז איצט איז דער מאמענט ווען נישט בלויז די ציונים גופא דארפען זיך משמח זיין, ווארים דאס איז נישט בלויז זייער אייגענע שמחה, די שמחה איז איצט א פאלקס שמחה. דאס אידישע פאלק האט צוריק זיין הייס געקראגען, און עס האט א רעכט זיין פרייד אויסצושרייען און אין איין שער גאס ארויסצוטראגען.

עס וויים דאך דער געעהרטער רבי הערשמאן אז עס זיינען געוועזן היינ־טיגסטער אידען, שיהי' אידען און גראס אידען, וואס זיינען געשטאנען פון ווייטענס און נישט גענומען קיין אנטייל אין דער ציוניסטישער ארבייט: עס איז פאר קיינעם קיין סוד נישט אז אידען וואס האבען דריי מאל אין א טאג געבעטען, אז ציון זאל איפגעבויט ווערען: אז זיי זאלען דערלע־בען די גאולה און עהנליכע תפילות — דיזעלבע אידען האבען קיין אנטייל נישט גענומען אין יענער היילינער ארבייט, וואס האט געפיהרט צו דער גאולה.

זיי דארפען אבער איצט קומען העלפען אין דער איפבויאונג פון'ם לאנד. אויב זיי האבען געהאט תירוצים פריהער, האבען זיי אבער איצט קיין שום תירוץ נישט פאר זייער שטעהן פון ווייטענס: פאר נישט העל־פען אצינד דער ציוניסטישער ארבייט, וואס דארף שוין פיהרען צו פאר־וואלטען דאס לאנד און איפבויען די חורבנות.

דאס איז דאך געוועזן דער צוועק פון אונזער פארריפען די קאנפערענץ; מיר האבען דאך דאס ווידערהאלט און אונזער ערשטען לייט־ארטיקעל וועגען דער קאנפערענץ.

לוים אונזער חות דעת וואלט רבי הערשמאן באדארפט געגיען אינז — אויב שוין נישט קאמפלימענטירען, איז כאטש … העלפען, אז די קאנ־פערענץ זאל זיין ערפאלגרייך און איהרע באשליסע זאלען דורכגעפיהרט ווערען על צד היותר טוב.

צום סוף דערוויסען מיר זיך גאר, אז ביי דער פארזאמלונג אין האטעל סטאטלער (דינסטאג אווענט) האט ראבי הירשמאן זיך אנגע'ברוגז'ט למאי מיר פאררופען א קאנפערענץ און עס האט זיך פון זיין ברוגז ארויס־געזעהן, אז ער איז אינז חושד, דאס מיר ווילען חס וחלילה ארויסנעהמען דעם ווינט פון די הינע ציוניסטישע זעגלען. א וואך, וואס איז אינז אפילו אויפ'ן זינען נישט געקומען. פארקעהרט: מיר האבען בפירוש בדעה געהאט — ראשית, צו פאראייניגען אלע דריי ציוניסטישע אר־גאניזאציעס, ווארים ווי גרויס דעטראיט זאל נישט זיין, קען מען דא נישט ארגאניזירען קיין אינדריקספולע דעמאנסטראציע, סיידען אלע כתות וועלען פאראייניגט זיין; ושנית — צו די ציוניסטישע קרעפטען — האבען מיר בדעה — צו צו ציהען דאס גאנצע היגע אידענטום, וואס דארף אין איצטיגען מאמענט שטעהן הארט, נאהענט נעבען די ציוניסטישע ארביי־טען.

און טאקע דערום דענקען מיר אז ראבי הירשמאן איז בלויז אינפאר־מירט געווארען — ווי ער אליין האט געזאגט — און אפנים שלעכט אינ־פארמירט געווארען וועגען די מאטיוון פון דער היינטיגער קאנפערענץ אין „וועג", און טאקע דערום פאדערען מיר איהם איצט, צום לעצטען מאל, די אלע וואס זיינען פאראינטערעסירט, אז די דעמאנסטראציע זאל גע־פייערט ווערען אויף א בכבוד'יגען און גראנדיעזען אופן; זיי זאלען קומען היינט אבענד אין דער רעדאקציע פון „וועג" און אנטיילנעהמען אין דער קאנפערענץ.

טענאנטס ליעג אין דעטראיט

כיון כל סוף איז אונזער עצה איסגעפאלגט געווארען און די היגע טענאנטס, וואס ווערען אויף א חוצפה'דיגען אופן עקספלואטירט פון די היגע לענדלארדס, הייבען זיך אן צו ארגאניזירען אין פארבאנדען, יוניאנס אדער ליגעס.

ביים איצטיגען מאמענט איז קיין אנדער מיטעל נישטא ווי אזוי צו באקעמפען די אפעטיטען פון די לענדלארדס, ווי נאר צו זיין פאראייניגט אין א מעכטיגער ארגאניזאציע און דורך א פאראייניגטע קראפט צו באַ־קעמפען די לענדלארדס.

אינזערע געזעצגעבער און ריכטער וועלען מיט מעהר איבערקלאפ־קייט זיך צוהערען צו די טענאנטס, ווען זיי וועלען וויסען, אז דאס רעדט אן ארגאניזאציע וואס צעהלט זיך אין די טויזענדער, און נים קיין יחידים.

זאל נאר די ליגע זיך צעהלען אין די טויזענדער, זאל זי נאר אריינ־נעהמען אלע באוואוסטע אין די לענדלארדס וועלען אליין דורך ארן האבען פאר זיי.

דער אידישער ארבייטער פאר'ן אידישען פאלק

פון ישראל ראבינאוויטש.

די אידישע נאס אין דעטראיט האט זיך נאך דער הערוויי נים אפגערופען מיט קיין יובעלירענדער פרייד אויף דער גליקליכער בשורה פון סאן רעמא אז ארץ ישראל ווערט געגעבען צום אידישען פאלק.

ווי ערקלערט זיך דאס?

איז דאך געוועזן צו ערווארטען, אז די דאזיגע נייעס וועט ארויסרופען א ספאנ־טאנעם יום טוב אויף דער אידישער גאס ווארים צום ערשטען מאל פאר אונזער לאנגע צוויי טויזענד יעהריגען גלות, קומט די וועלט ארויס מיט דער אנער־קענונג, אז מיר זיינען א פאלק און מיר האבען א לאנד.

צווי טויזענד יאהר האט מאנאיין טאג־איים דער איד ארץ ישראל פון די ליפען נים ארויסגעלאזט און טאג־איין טאג־איים האט ער ווערט נים אויפגעהערט צו פארבינדען אונזער יעבען.

און פלוצלונג... די פרעהליכסטע בשורה — ארץ ישראל געגעבען צום אידישען פאלק.

טא וואו איז די גרויסע נאציאנאלע, וואס האט געדארפט ארויסלאזען יעדען איינציגען אידען? וואו זיינען די ספאנטאנע דעמאנסטראציעס, יענע אימ־ארגאניזירטע פאראדען, וואס דארפען אויף א מאמענט פון העכסטער נאציא־נאלער פרייד ביי אנדערע פעלקער?

אמת, אין ניו יארק און אין אנדערע שטעדט איז שטעדטיך האט זיך … מען הערט פון די צייטונגען, … געפייערט דעם יום טוב. אבער אויך דארט האט זיך דער יום טוב נאר אנגעהויבען אויף יחידים פייערליך אויף ציונים מען. יענעם האבען זייער נאנצען יע־בען געטרייט פון ציון און געארבייט פאר זייער אידעאל. די גרויסע, גרויסע פאלקסמאסע ווארט נאך יעצט ביז מען זאל געבען א סיגנאל אז מען פייערט דעם גרויסען יום טוב.

און עס איז פריינט די וואנדער ניט: צו גרויס זיינען די לעצטע צייט פון פאר־נעוועזן די ענטוישונגען, אז די פרייד זאל הענגען מיט איין מאל פאראויס דעם דיי… מען איטעם.

פריש איז נאך די ביטערע איר אינ־דאנע אי פרייען און אין ווינא; נאך פרישער איז און יבדיל דער פאגראם אין ירושלים און די פארזשטערונג פון זשאבאטינסקי'ן און ראבענסקי'ן אין זיי־נען, אז דאס איצט איי פארגעסען פאר די אויגען, פון די איצטיגע פאליטישע פירער און מאכטהאבער. אז דער צווייי־צים חסד פון דער וועלט א רעכט ביטער־פאר… געוואנגען. די … מיט דאס ענטוישט אינע פעלקער נייעד אין דער „וועג" אין נייעשאנס" ברענגט דיינגט נאך א נים באטרייבער פאר די אידען פון דער נאנצער וועלט.

ווען פינף ענטוישונגען האט די בע־טערע טויט פון די פלעשתים טרוקנע־לעבט און פארווייט פון די לעצטע 4 יאהר און מעהר ענטוישט פון ארעמען אין געוועזן דאס געפראגט אידיש פאלק.

זאל עס דארום קיין וואונדער נים זיין וואס די פרעהליכסטע בשורה האט נים ארויסגערופען יענעם ספאנטאנעם איס־דרוק פון פרייד, וואס זאל מאכען פוהלען יעדען אידען ווי נייערעבוירענע.

אבער וועהרענד אין אנדערע שטעדט האבען זיך כאטש געפונען יחידים, וואס האבען די גרויסע פרייד מאמענטאל דער־פיהלט, איז ביי אונז אין דעטראיט די גאנצע זאך צוגעגאנגען כמעט אומבא־מערקט — גלייך ווי גאר נים וואלט פאר־סירט.

ווי קומט עס?

איינינע זיינען געניינט צו גלויבען, אז דאס איז דערפאר, ווייל די אידישע דעט־ראיט באשטעהט ענטוועדער פון פאר־שמייעלטע בירגערטום, אדער פון ראַ־דיקאל געשטימטע ארבייטער. און בעת די ערשטע ציהען צו „ביזי" פאר אויפצוב „נאראשקייטען" ווי באגייסטערט זיך פאר אן אידעאל, זיינען די צווייטע פאר־וויינט געווארען אין א וועגאיצע וואס איז פון שטענדיג אין פיינדליך צו די אי־דישע האפנונגען.

ווארום זאל עס אבער אויך איצט אין דער איצטיגער מינוט אזוי זיין? ווייל־סען זיי דאך אז ערשט מים עטליכע טעג צוריק אידער עס איז אנגעקומען די פרעהליכע נייעס פון סאן רעמא, האט די לייבאר פארטי פון ענגלאנד אויפגע־פאדערט די בריטישע דיפלאמאטען צו שטעהן ביי דער באלפור־דעקלאראציע און נים אפטרעטען פון איהר אויף א שפאן.

די ענגלישע לייבאר פארטי איז גע־ווען די ערשטע ריעזיגע ארבייטער־קער־פערשאפט, וואס האט סאנקציאנירט די באלפור־דעקלעראציע.

און זי איז פון איהר שטאנדפונקט נים אפגעטראטען ביז דער לעצטער מינוט.

די ענגלישע לייבאר־פארטי האט זי־כער נים קיינגרעסיוע מאסיוזען דערביי ווען זי פארערט די באפרייאונג פון אן אונטערדריקטען פאלק.

פאר דעם ענגלישען ארבייטער איז קלאהר דער גאנג יענער אמת, צו וועלכען אונ־זערע „גענאסען" זיינען נאך דערוויילע בלינד און מאטערען זיך צו זיין פרימער פון דעם פאפסט. דער אמת איז: א פאלק מוז האבען א לאנד! א פאלק אהן א לאנד איז ווי א ציגיינער־באנדע, וואס קריגט נים קיין שום אין ערגעץ און איז איבער־על פרעמד.

פאר דעם ענגלישען ארבייטער איז קלאהר אז א פאלק מוז האבען א מאטער־יעלען און גייסטיגען צענטער, וואו ער זאל קענען קאנצענטרירען זיינע כחות און מיט צוזאמענגעזאמעלטע קרעפטען קוקען דער וועלט גלייך אין פנים אריין, ווי א גלייכבארעכטיגטער מיטגליעדער אין דער משפחה פון פעלקער.

קיין רעוואלוציאנערע איבערקעהרעניש וועט נים קענען צונויפשמעלצען אלע איינוואהנער פון דער ערד אין איין ראסע — די איפגאבע פונ'ם סאציאליזם איז נים צו קלעמען נענען די גלעזלען פון דער נא־טור און נים נענען דעם נאנג פון געשיכ־טע.

און עס פארשטעהען די קלאסען־באוואוסטע ארבייטער פון דער גאנצער וועלט אפשר מיט דער אויסנאהם פון פוסטע עקשנים אז אינטערנאציאנאלע ברידערליכ־קייט איז בלויז מעגליך דעמאלט, ווען עס וועט געשאפען ווערען א נאטירליכער „באלאנס פון מאכט" צווישען פעלקער.

און דערפאר איז דער קאמף פון אונ־טערדריקטע פעלקער לעצטענס געווארען דער קאמף פון די ארגאניזירטע ארבייטער און דאס איז אויך די אורזאך, ווארום די ענגלישע לייבאר פארטי, וועלכע איז גע־ווען די ערשטע זיך צו שטעלען אויף דער זייט פון דער אידישער תביעה אויף פא־לעסטינא, שטעהט מיט אונז ביז א זיעג־רייכען ענדציעל.

עס דארף דארום זיין קלאהר, אז מיר האבען די צושטימונג אויף דער פאר־ווירקליכונג פון אינזער צוויי טויזענד יאהריגען טרוים, נים נאר פון די דיפלא־מאטען, נאר אויך פון די ברייטע פאלקס־מאסען פון דער גאנצער וועלט און פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט.

די שטארקע פארלאנג פון די ענגלישע ארבייטער, ארונטער־צוזעצען דימיליטער־רישע אדמיניסטראציע פון פאלעסטינא, וועלכע איז געווען פאראנטווארטליך פאר דעם פאגראם אין ירושלים און פאר דער פאראורטיילונג פון זשאבאטינסקי'ן, האט גענעבען די דיפלאמאטען אין סאן רעמא צו וויסען, אז מיר האבען א שטארקען צד אין טיש.

און מיר האבען פארטיש געווינען!

אבער דאס איז נאך ווייט נים אונזער ענדציעל.

די פרעהליכע בשורה פון סאן רעמא האט ארויפגעלעגט א אייבערגעוועהנליכע פליכט אויף יעדען אידען. מיר האבען יעצט אויף זיך אן אומגעהייער גרויסע פאראנטווארטליכקייט.

דער וועג צו ציון איז אפען און דער טאג פון בויען הויבט זיך אן!

ארץ ישראל ווארט און ווייעט אין פיאנערען, אין מענשען, וואס זאלען זיין קערפערליך און גייסטיג געזונד. ארץ ישראל דארף יעצט האבען דעם אידישען ארבייטער נים ווייניגער ווי זי דארף אי־דישען קאפיטאל. עס דארף זיך יעצט אנפאנגען א פרייוויליגע „רעקרוטינג" אין דער גרויסער ארמעע פון ארבייט.

דער אידישער ארבייטער טאר נים שטע־הען פון ווייטען ער דארף גלייך אין אנ־פאנג אנבאטען זיין דיענסט דעם אידישען פאלק, אום ער זאל שפעטער קענען האבען זיין דעה אין דער אדמיניסטראציע פון דעם אידישען היימלאנד.

עס דארף נים פארגעסען ווערען, אז אהן דער הילף פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט, קען זיך היינט צו טאג קיין לאנד נים באנעהן, א פשיטה שוין ארץ־ישראל — דאס לאנד, וואס איז פאר טויזענטער יאהרען געוועזן פארוויסט און פארנאכלעסיגט.

עס שטעהט דארום יעצט פאר א ריעזיגע ארבייט דער פועלי ציון פארטיי. אויף איהר איז איצט געפאלען דער גורל צו „סופלאיען" דעם אידישען פאלק מיט אידעאליסטישע ארבייטער.

ווארים שווייגען די דעטראיטער פועלי ציון? איז דאך דא פאראן א פועלי ציון פאראיין טא ווארום לאזען זיי דורך דעם איצטיגען מאמענט מיט שטילשווייגען? אין אנדערע שטעדט זייענען די פועלי ציוני דער לעבעדיגסטער עלעמענט און קיין אי־דישער „טומעל" ווערט נים אפגעטאן אהן.

טא פאר וואס זיינען די דעטראיטער פועלי־ציון אן אויסנאהם?

עס איז יעצט די העכסטע צייט פאר א לעבעדיגער ציוניסטישער טעטיגקייט ביי אונז אין דעטראיט. שוין גענוג געשלאפען! עס איז יעצט די העכסטע צייט אז אלע דריי פראקציעס צוויסען ציוניסטען, פועלי ציון און מזרחי'ן פון ציוניזם זאלען ערוואכען.

אבער לויט מיין מיינונג איז עס וויכטיג אז וואכענדיגער, פון אלע אנדערע ציוני־סטישע פראקציעס זאלען זיין די פועלי ציון פון אונזער שטאדט. דעטראיט האט א נאמען פאר א ראדיקאלע שטאדט, און דער פאר האבען די פועלי ציון דא אן אומגעהייערן גרויסען פעלד צו ארבייטען.

אויב די גרויסע שמחה איז נים געקו־מען ספאנטאן, טא זאל זי קומען לאנגזאם שטעהענדיג ביי דער היילינער ארבייט פון בויען די אידישע היים.

און אזוי ארום וועט דער פיער פון פרייד זיך ביסלעכווייז צו פלאקערען אין יעדער איינער פון אונז וועט דערפיהלען, אזוינס, וואס מיר האבען קיין מאל פריי־הער נים געפיהלט און דאס איז: אז מיר האבען א היים....

און זאל די אמת'ע פריידענס־אילומינא־ציע ערשט קומען ווען ארץ ישראל וועט נים זיין בלויז א דעקלאראציע פון א דיפ־לאמאטישער קאנפערענץ, נאר א לעבע־דיגער פאקט: א אידיש לאנד, געבויעט פון אידען, פאר אידען, אויף די יסודות פון גערעכטיגקייט און יושר־

דעטראיטער וואס ווערען געזוכט פון זייערע קרובים אין יוראפ

מאיר פריבארקער מיט דער פרוי, און ליב אנגעבינדער און פאמיליע נאווא מיא־סניצקע 1־6 מינסק. זוכען משה חיים איינבינדער.

חייקע רייבעלמאן, ביי חיים כהן, זאבארעווער פערעאולאק הויז פאוניאק, וואהנונג 3, היינע, מינסקער גוב. זוכט זיין זוהן און ברודער דוד און איבריגע קינדער.

אייזיק קאצנעלסאן, מינסק, נאווא־מאסלאווסקא נומער 1־20 ס, 13, זוכט יואל הירש און מענדעל שווארץ מיט פאמי־ליעס.

פערל בירשצקי, חיפה, פאלעסטינא. זוכט פייוועל בירשצקי, געבארען אין קיע־ווער גובערניע.

אסתר און מלכה כהן, פון סמילאוויץ איהומענער אויעזד, זוכען מר. י. ב. כהן אבערדין, וואשינגטאן.

בנימין צוקערמאן דאמבראווסקי 32 ברעסט־ליטאווסק, זוכט דוד און דושעני צוקערמאן, און שונערמאן, א שניידער אידעל צוקערמאן און אייזען סטאר, מאט־קע פאטיסקע און יוסף פאטיסקע די קינ־דער פון יאסעל מינאקער און רייזעל די קאצעווטע.

סקי, ראדו צענעלנאנא 57.

דער יתום לייבע גראווע, חאיקעל'ס זוהן, נאוואראסאנאווסקי 47 וואונונג 9, מינסק, זוכען זייערע פעטערס חיים, מענדעל און זלמן פרינקער, אברהם בעניג־סאן, ראדו, קומט פון באריסאוו, מינסק. גוב. זוכט חיה שרה גארלבערג יעקב בע־ניגסאן, מענדעל קליבאנאוו פון באריסאוו, מינסקער גוב.

ליב קארפאווסקי, פון לאדוש, זוכט חיה רחל דאווידאוויטש, געוואוינט 116טע סטרים, מארקס פליים, ניו יארק.

בעמיוער נאבבערג, אדער האבערג, גע־וואהנט אין שיקאגא, איל.

חיה פאיאנס, מינסק, קאלאווערעסקאיא גוב. 2, זוכט מר. דזש. פענקין געוואוינט אין 822 ביפעלים סט. אנטאניא, פא.

שרמה שימאנאוויץ, פון דרעוונא, ווילנער גובערניע, זוכט מר. דזש. גארדאן, געוואהנט אין 35 פארקעל סט., דארט־שעסטער, מאסס.

מרדכי יאקובאוויטש, יווסקוטקי, וואר־שאווער גוב. זוכט שבע גאלדבערג.

בריינע אייזענשטאט באריסאוו, מינסק. גוב. זוכט מר. ה. אייזענשטאט, געוואהנט אין 118 ווערסט לאפאיעט סט., ראטשעסטער.

שיינע נאדבערג, האספיטאל־נע 127, מינסק. זוכט יצחק און מאיר [illegible].

אברהם שאפירא, פאלקא, מינסקער גוב. זוכט שרה הירש געוואהנט 181 הא־ספיטאל עוו. ברידזשפארט, קאנג.

חיה שחיה שור מיט דער טאכטער פעשע, מרדכי עפשטיין און פאמיליע, סטאראדאראגי, מינסקער גוב. זוכען מר. הערמאן שור געוואהנט פוינס, טעקסעס.

דבורה חאאימציק אודא, מינסקער גוב. זוכט מר. ה. חיימאוויץ, געוואהנט 1521 איסט 6טע סט., סו סיטי, אייאווא.

שניאור זישע ריין, א אידישער לעגי־אנער, 6038 ר. פ. 38טע באטאליאן, ע. ע. פ. זוכט מר. תנחום לעווין, זוהן פון אהרן ליב לעווין פון טבריה, ארץ ישראל. מר. לעווין איז פאר דער מלחמה געוועז אין פילאדעלפיא.

ראשע גאליבאצקי, מינסק, נעמינא 5, זוכט מר. וועלוועל גאליבאצקי געוואהנט אין 1210 איסט אנדער עוו., קענזאס סיטי, מיזורי.

מר. י. פון גלוואהנט אבאר אין 113 … זוכט ראטס מאסס.

… פון שטעצין וועלט אידעל רינגלער אין אמעריקא זי געפינט זיך ביים איידעם, בעט שרייבען און הילף איפען אדרעס. פאסט שאהר און נומ שאהר סיבארעלי גוב.

… איך זוך מיינע שוועסטער … ווער רוסלאנד … געוואהנט אין … פון שטעט … זיך אין … 21 ישראל סאווצאי, איך בין פארהייראטעט … פאר בעטעט … זיך …

… יווא כהן מיר זיינען אלע געזונט האט פער זאר זאגען קדיש נאך זיינע עלטערן. מיין אהלעס איז פאנעוועזע מארה פראץ 25 ראובן זייגען.

היים בערז פאנעוועזי (נאוואאלעקסאנדראוויס) וויליאמפער גאס 12. גריסט זיין בערז בעיצ וואהנט אמאל אין קאנאדא און בערד בערז אין באסטאן, אלע גע־יונט בעטען זיך פאר הילף דורך'ן לייט־ווישען באנק נתן דייווערדוואגן פיי־יאר.

איך בעט מיין ברודער צלאל הענ־דיקאווסקי מיר צו שרייבען זיין אד־רעס. איך און פאמיליע זענען געזונד. מיר איז נויטיג הילף. מארים הענדיקאוו

איך זוך מיין אנקעל

איטשע קוטשינסקי

געוואהנט אין אמעריקא. איך בעט בריעף און שטיצע. אויך מיין אנקעל לייב גרינבוים אין אמעריקא ווערט געבע־טען אום שטיצע און בריעף. אנקעל נח קאלושעק אין אמעריקא ווערט געבעטען אום שטיצע און בריעף. מיין ברודער אברהם גרינבוים ווערט געבעטען וועגען שטיצע און בריעף.

מיין אדרעס:

לאדוש, פארזשעטשנא 29.

יוסף גרינבוים

חנה שעהנהאלץ, 13 יאהר אלט זוכט איהרע עלטערן, וועלכע זענען מיט 9 יאהר צוריק פון איהר אוועקגעפאהרען און ביז איצט נישט נעגעבען צו וויסען וואו זיי געפינען זיך, דער פאטער הייסט **מנחם שעהנהאלץ און שטאמט פון לאדזש די מוטער הייסט פון דער היים הודעס ראזענפארב און איז פון ווארשא**, זי האט קרובים אין אמעריקא און בעט זעהר, אז אויב זיי וויסען עפעס וועגען די עלטער־ען מיטצוטיילען אויף דער אדרעס פון **איהר נבאי'ן ביי וועלכען זי געפינט זיך: הינדא שעהנפעלד, לאדז, וואשאדניא 22**

מאיר פריבארקער, נאוואמיאסצקאיא 1־6 מינסק. זוכט אברהם שיף

היברו האספיטאל אסס'ן

ספעציעלער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען פון דער היברו האספיטאל אסס'ן אין עטינגערס האלל, אונטער דער פאזיטיע פון פרעזידענט מר. א. קאמצין. אלע באאמטע זיינען אנוועזענד געוועזן.

דער פראטאקאל פון לעצטען מיטינג איז פארגעלעזען און גוט־געהייסען געווא־רען.

עס איז אריינגעבראכט געווארען א באריכט פון דער באארד אף דירעקטארס דאס ברודער זאמדוויים איז אנגעשטעלט געווארען פון דער אסאסיאיישאן צו קאַ־לעקטען געלד פאר 15 פראצענט קאמישען און פאר אריינברענגען נייע מעמבערס 25 פראצענט. עס איז פארשטאנען געווא־רען, אז מר. זאמדוויים וועט אנפאנגען ארבייטען אין צוויי וואכען ארום, זוען דער „חסד של אמת" וועט קריגען א ניי עם מענשען צו פארנעהמען זיין פלאץ.

דער באריכט איז גוט געהייסען גע־ווארען.

עס איז פארגעלעזען געווארען א צו־שריפט פון דער מעדיקאל אסאסיאיישאן דאס זיי פארפליכטען זיך אנצושליסען אין דער אסאסיאיישאן און ארבייטען צו־זאמען מיט אונז פאר דער אויפבויאונג פון'ם האספיטאל.

זיי פארפליכטען זיך אויך צו געבען נים ווייניגער ווי $20,000 אויף די פאל־גענדע באדינגונגען:

ערשטענס זאל דער האספיטאל זיין א דזשענעראל האספיטאל און דער מעדי־קאל סטעף זאל באשטעהן פון דאקטוי־רים וואס באלאנגען צו דער אסס"ן.

צווייטענס זאלען צוגעזעצט ווערען צו דער באארד אף דירעקטארס זיעבען פראַ־מינענטע פערזאנען, וועלכע זאלען אומ־שטאנד זיין צו ברייגען דעם רייכען קלאס.

דריטענס, און פיער מאגאטען ארום זאל מען זיך שטעלען בויען דעם האספי־טאל אויף אונזער לאט און אנפאנגען מיט נים ווייניגער ווי מיט הונדערט בעט־טען, ביז די מיטלען וועלען ערלויבען דעם אנשטאלט צו פארגרעסערען.

דער צושריפט איז מיט באגייסטע־רונג אויפגענומען געווארען, און עס איז איבערגעגעבען געווארען צו די ה"ח

(שלוס פון זייט 4)

לידער

פון מאקס גאטהעלף.

כי מציון תצא תורה

פון ציון פליסען וועט מאראל
ער וועט זיך ציהען איבעראל,
און וועט פארזיסען גיפט און גאל
וויש אב דיין טריבע טרער.

ס'בליהם דיין לעבען פון דאס ניי,
דערמאן נים מעהר וואס און פארביי,
אויף אלע צרות טו א שפיי,
דו וועסט נים ליידען מעהר.

גענוג געשטראפט פאר פרעמדע זינד,
און ווילדען בייזען שטורעם־ווינד
שטעה אויף, און געה מיט ווייב און קינד
דו האסט צוריק דיין לאנד.

ציער און דיין זיידען יום־טוב קלייד,
דיין הייליג טראהן איז אנגעגרייט.
א יום־טוב קומט — ס'קומט א פרייד
דו האסט צוריק־דיין לאנד.

די וועלט איז קיילעכדיג
אדער א הונדערט דאלארדיגער פאפירעל

פון א. ל. ד"אר

צו מיסטער קרומגעסעל, דעם אלדערמען, איז אפים אריין א יונגער מאן מיט א נידעריגען קאשקעטעל טיף אראפגערוקט אויף די אויגען, און האט אריינגעלעגט זיין האנד אין בוזים קעשענע.

— דער אלדערמאן האט א שמייכעל געטאן.

— ווי געהט'ס, גוטער פריינד?

דער יונגערמאן האט ארויסגענומען אן ענוועלאפ און דערלאנגט דעם אלדערמען.

— מיין באס, מר' הייזעלמאן שיקט דאס אייך. און ער איז ארויסגעגאנגען.

דער אלדערמאן קרומגעסעל, האט געעפענט דעם ענוועלאפ און אהויסגענומען פון דארט א הונדערט דאלארדיג פאפירעל האט ער זיך פערקרימט:

— לומפ איינער, האסט מעהר נית געקענט אריינלעגען.

ער האט טיף א זיפץ געטאן.

דער בעקאנטער לאיער גרויסמאן האט געמאכט א שטרענגען פנים און ארויסגערעדט:

— אייער קיס, מר. קרומגעסעל, האלט זעהר שלעכט.

מר. קרומגעסעל, דער אלדערמען, האט זיך דערשראקען:

— איהר מיינט עס טאקע ערנסט?

— זעהר ערנסט! די סענאט קאמיטע וואס אונטערזוכט געפינט איים אלע אייערע מעשים...

— וואס זשע, וואס זשע וועט זיין? ראטעוועט! באטש פון פריזאן!

— דאס וועל איך שוין זעהן ניט דער לאזען, אבער נישט מעהר.

— א דאנק דערפאר, א דאנק!

— ניטא פארוואס.

גלויסמויל האט זיך אויפגעהויבען. קרומגעסעל האט ארויסגענומען דאס הונדערט דאלארדיג פאפירעל און דערלאנגט דעם לאיער.

— דאס איז נאר אויף דערווייל, אויף דערווייל...

און ביי זיך אין הארצען האט ער מיט וועהטאג א טראכט געטאן, „ליעבענקע האסט זיך ביי מיר אפילו ניט אנגעווארעמט.

— איי, איי, די הארצעלע, די ווערסט ברויך, פריה!...

דער אדוואקאט גרויסמויל האט ברוגז זיך אוועקגענומען מאדמאזעל קיקי'ס קליין הענטעלע פון זיין פליה.

זי האט זיך צעלאכט.

— דו ברינז! איך ניט ליעב, דיך רופען אלטער...

זי איז אויפגעשפרונגען, זיך ארויפגעזעצט אויף זיינע קניע און אנגעהויבען שעבעטשען ווי א פוינעלע:

— וויל נאך שאמפאניר נאך איך וויל.

דער טיש איז געווען פול אנגעשטעלט מיט פלעשער. דער טישטוך איז געווען נאס פון פארגאסענעם ווין. „קיקי" האט מעהר צוגאסען ווי געטרונקען.

— ארבייטס פלייסיג פאר דיין באס! האט גרויסמויל א שמייכעל געטאן.

זי האט אנגעבלאזען איהרע ליפעלעך.

— ביזט שלעכטער! ביזט א קארגער! ביי אונז אין שפאניען, זיינען בעסערע קאוואליערען. ניט קארגע.

ער נאר, האט גרויסמויל א טראכט געטאן „א נעפאלענע און דאך ווי שטאלץ זי איז אויף איהר נאציע!

ער האט זי גענומען אויף די קניע, באשטעלט שאמפאניער.

און דער פריה ווען ער איז אוועק פון איהר האט ער ארויסגענומען דאס הונדערט דאלארדיג פאפירעל און עס אריינגערוקט קיקי'ן אין האנט.

מר. הייזעלמאן, דער אייגענטימער פון א קאפע מיט „ראמען" האט געהאלטען אין אפנעהמען חשבון פון זיינע מיידלעך:

— וויפיעל האט דיר דער לאוער געגעבען? — האט ער א פרעג געטאן דער „שפאניש'ע" קיקי.

— הונדערט דאלאר, אט זענען זיי.

— א ליגען! ער האט דיר מעהר געגעבען!

— איך זאל מיר א רוגער דערשלאגען, זאל מיך טאטע, די אויגען ארויסקריכען...

— גו, גו, איך גלויב דיר, שרעקע ניט.

די שפאנישע האט אפגעווישט די אויגען...

— פאר וואס באליידיגט איהר מיך, מיסטער איזמיסט? איהר מיינט אז איך בין א גנבע...

— גו, שא, גענוג!

ווען זי איז ארויס האט ער א רוף געטאן מיט א הייזעריגען קול איבער'ן גאנצען הויז: דזשים!

עס איז אריין דער יונגער מאן מיט'ן נידעריגען קאשקעטעל.

— ווער איז יעצט אלדערמאן אויף געסעלקרומ'ס פלאץ? — האט הייזעל־מאן א פרעג געטאן.

— שמירמען.

— ער נעהמט.

— זעהר!

— טא, טראג איהם דאס אפ.

ער האט גענומען דאס הונדערט דאלארדיג פאפירעל וואס „שרהי קיקי" האט איהם נאר וואס דערלאנגט, האט עס אריינגעלעגט אין אן ענוועלאפ און אפגעגעבען דעם יונגען מאן מיט'ן נידעריגען קאשקעטעל.

היברו האספיטאל אסס'ן

(שלוס פון זייט 2)

ראטצין, יאטין, און דר. בערענשטיין די פיראמט אנציפיהרען וייטערע פאר־האנדלונגען מיט דער מעדיקאל אסס"ן. דאס רעזען פון דער קאנסטיטושאן איז פארטגעזעצט געווארען און אנגענומען מיט געוויסע ענדערונגען.

די מעמבערשיפ קאמיטע האט באריכטעט 22 נייע מעמבערס וועלכע זיינען איניציאירט געווארען.

דערמיט האט זיך דער מיטינג געשלאסען.

פינאנציעלער וועכענטליכער באריכט:

איינגאהמע	$57.50
ביים טרעזש.	746.45
טאטאל	803.95
אויסגאבען פאר באנדס	250.00
טעלעפאן	418.49
באלאנס	382.96

ס. באנראה, רעקארדינג סעק.

גיט אייערע קינדער א מאדערנע אידישע ערציהונג שיקט זיי אין דער מענדעלע פאלקס שולע 604 איסט הענקאק. עס ווערען געעפענט נייע קלאסען פאר אנפאנגערס, אויך שילער פיר די העכערע קלאסען. אין שולע לערנט מען אידיש העברעאיש געשיכטע און לעזונגען. די שולע איז אפען יעדען טאג פון 4 ביז 7 זונטאג פון 9 ביז 12.30

לעזט דעם „וועג"

העמסטרעמעקער אידען

אייב איהר עפעס אין פלאמבינג אדער עלעקטריק ליין דאן ווענדעט זיך צו אן עקספערט

פלאמבער און עלעקטרישען

און אזעלכער געפינט זיך נאהענט פון אייך, אויף 1190 טשען סט.

קומט צו אונז איינמאל און איהר וועט אונזער שטענדיגער קאסטימער זיין.

מיר וועלען אייך מיט דער זעלבער ווינקטליכקייט אטענדען אונזערע אלטע קאסטימער.

געדענקט אונזער נייער אדרעס איז

S. WINTER
1190 Chene Street

וואטשט דיזען פלאץ פאר ווייטערדיגע אדווערטייזמענטס.

פאר אלע ליבהאבער פון אידישע מוזיק

פנחס יאסינאווסקי

אידישער טענאר פון פעטראגראד טרעט אויף אין א פראגראם פון

אידישע פאלקס לידער

און

מעקאליסטער האל

פארעסט און קעסט

פרייטאג אבענד דעם 4טען יוני

טיקעטס 75 סענט און 1 דאלאר צו באקומען אין „וועג" 347 הייסטינגס סט. גארדאן'ס בוכהאנדלונג, „פארווערטס" אפיס, 541 הייסטינגס סט. און אין אירלאנד ביי י. ל. מאלאמוט, 741 אוק לאנד עוו.

אין פרינטינג שאפ פון „וועג"

פון א קארטעל
ביז
א גרויסע צייטונג
פון א הענדביל
ביז
א גרויסע בוך

ווערט געמאכט שנעל, גוט און צו מעסיגע פרייזען

IUDGE GAINEY

HAVANA

CIGARS

NORMAN BROS. 973 MICHIGAN WEST 217C

היינט דאנערשטאג, דעם 6־טען מאי אין ארקאדיא האלל

די לעצטע ערשיינונג פאר 5 יאהר

מישא עלמאן

וועלט בארימטער וויאלאניסט, מיט זיין

שוועסטער ליזא

טיקעטס קענט איהר יעצט באקומען אין אטשעניק'ס בוך סטאר, 455 הייסטינגס סט. און גרינעלל'ס מוזיק סטאר, 243 וואדוואורד עוו.

טיקעטס — פון 50 סענט ביז $2.00.

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא־סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניע, יוגא־סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט. פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער. דזשענעראל סטים שיף און געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל

אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר, ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.

פריימס, בארדס, עקסעלס, פענדערס ווערען אויסגעגלייכט. געוועלדעט, געמאכט ווי נייע און גיעבעמעלד.

רעדיאייטארס פעריכט און איבערגעבילד, אויך עקסטשענדזשעס

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 785 and 727 John R. St. Detroit, Mich

Glendale 7576

איר קענט שיקען געלט צו אייערע קרובים

דורך דער

Bank of Detroit

א. זיגלער מענעדזשער
הייסטינגס סטריט בראנטש:

סוירקעל טהעאטער

504 הייסטינגס סטריט — דעטראיט, מיש.

ערווין א. רעלקין פרעזענטירט

נאר פיר 2 פארשטעלונגען

די בארימטע אוקראינער טרופע פון ניו יארק, אונטער דער רעזשי פון דעם בעוואוסטען ארטיסט ד. מעדאוו מיט דער מיטווירקונג פון דער בעוואוסטער זינגערין סאלאוויאוו

דינסטאג דעם 11־טען מאי 1920

וועט געשפילט ווערען

קאטארזשניק

אין 5 אקטען מיט געזאנג און טענץ

מיטוואך דעם 12טען מאי, 1920

וועט געשפילט ווערען

ארימע שעפעלאך

צום ענד וועט אויפגעפיהרט ווערען

ציגאנערשע ראמאנסען

פון ר. ס. סאלאוויאוו

טיקעטס אין אדוואנס אין קאסע פון טעאטער.

אנפאנג 8.30 אוהר אבענד.

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

דער איינציג אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 798 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. — DETROIT, MICH., Friday, May 7th 1920 Vol. 2, No 72 — פרייטאג, מאי 7, 1920

פוילען און אוקראינער האבען געהיימען אפמאך

יוסטיץ דעפארטמענט, קאנגרעסלייט און סענאטארען אויפגעבראכט געגען ארבייטס מיניסטער

יוניאן עקס-פרעזידענט אנגעקלאגט אין פארנעהמען 172 טויזענד דאל. פון דער ארגאניזאציאן

עלייעס געגען שלום צווישען פוילען און סאוועטען

רייכע ארמעע פארניכטעט מעלדעט בערן

ריארגאניזאציע פון אוקראינער פארבאנד אין דעטראיט

סקווירא גענומען פון פוילישע טרופען

פוילען וויל אוקראינער זאלען די ערשטע אריין אין קיעוו, זאגט פאריז

דענמארק נעהמט איבער דרום שלעזוויג

גאולה-קאנפערענץ אין אפיס פון „וועג"

ארמעניען ווערט מעגליך שטי... צען סאוועטען

פלאן אנצוווענדען נייעס-געזעץ געגען לענדלארדס

בינא לייקענט אפ מאסקווער באריכט

לאיד דזשארדזש אינגארדזש אמעריקאנער אפעיל פאר אירלאנד

סאבאטאזש באנוצט אין פראנ... צייזישען באהן סטרייק

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארזעצונג)

חנה איז שאַרפזיניגער, באַטש זי איז חנה א סך וועניגער אינטעליגענט און א סך מעהר קליינשטעטעלדיג אוידער מערי איז.

אך, ווען חנה׳ זאל זיין אזא קוטינקע ווי מערי — ווינשט זיך נייסאן. האָר צען — אך ווען זי זאל איהם שענקען באַטש האלב אזוי פיער אויפמערקזאמ־קייט ווי מערי.

דאכט זיך איהם אז מערי איז קליגער פראַקטישער און דאך איז זי מעהר סענטימענטאל, מעהר ראמאנטיש און מעהר ליעבענסווירדיג.

שעהן!

נייסאן וויל אונטערשיידען ביי זיך און נעדאנק יעדער ס׳איז שעהנער: צי חנה, אדער מרים.

מערי איז זעהר א שעהניגקע, אזא צארטע, מיט אזעלכע בלייכע אויגען, שעהנע בראנזע האָהר, אבער חנה איז שעהנער. ער מיינט זיך אקוראט אויסגעצייכענט מיט ווערבען חנה איז שעהנער. ער ווייס זיך דערטראכטען וואו ביים חנה זעהט אין זיינע אויגען איים שעהנער אין ער קען זיך נישט דער־בראכטען...

עס לייפט איהם דורך א מחשבה, אז ווען ער זאל מערי׳ן אזוי ליעב האבען, ווי חנה׳ן, וואלט ער נישט געליטען אזוי פיער.

זיין שרייבערישע פאנטאזיע און זיין איינבילדונג און אינטעלעקטועלקייט אין זיך אליין האט ערוואכט ביי איהם און איהם גענומען פארשטעלען ווי רייכט ער וואלט געקענט ערהייבען מערי׳ס ליעבע מערי׳ס אכטונג.

אזוי פלעגט זיך זיין פאנטאזיע צו־שפילען. ביי אייניגעס מאל ווען ער האט זיך מיט א מיידעל באקענט, אבער קיינמאל איז איהם נישט איינגעפאלען אז די מיידעלך, וועלכע ער קען, זיינען איהם טאקע ווערט.

די איז ניט קלוג גענוג, יענע איז צו פריי, און אנדערע איז צו נידעריג: א דריטע איז נישט שעהן און א פיערטע איז גראָט א קאָקעטקע. און אלע מיי־דען פלעגט ער אויסגעפינען חסרונות.

ער האט שוין אויך ביי חנה׳ן אויס־געפונען א סך חסרונות. אבער איהר שעהנקייט פארדעקט די אלע חסרונות, ארויסגעליען ער חנה׳ן מוחל זיין.

האט ער אויך געקענט זוכען חסרונות אויף מערי׳ן. ער האט געוואלט אויסגע־פינען א געניגענדע אורזאכע וואָרום ער זאל זיך איהר נישט פארליעבען און האט נישט געפונען: א זעלטענע מיי־דעל, א ליעבענסווירדיגע, א קלוגע, א גוטע, א צינגראציעזע, און ערנסטע און א פארזיגעריו.

ביי נייסאן איז דאס געווען א מעלה.

יכפרט ווען זי איז א פארדינערין ביי אזא פיינער ארבייט ווי בלומען.

אליין איז ער דוקא נישט אזא שטאר־קער יענער נאך געלד, נאך פארדיענס־טען. דערייף האט ער שוין א סך טעאָ־ריעס.

די גרעסטע טעאריע און די וויכטיגס־טע איז — זיין שרייבעריין; דער קינסט־לער אין איהם דערלאזט איהם נישט זיך ארויפצולאזען אזוי נידעריג און אוי־זינגען האבען דאס מאטעריעלע לעבען, דאס וואכעדיגע, דאס נישט עסטעטישע געלד.

אבער ווען אימיצער אנדערש, בפרט ווען א מיידעל פארדיענט גוט, איז עס ביי איהם א גרויסע מעלה.

חנה איז געווען אין דעם הינזיכט א מורא׳דיגער קאנטראסט פון איהר שוועס־טער, זי האט ניט פארדיענט און וועט אפשר קיינמאל נישט קענען פארדיענען און פונדעסטוועגען האט ער דאס נישט נעהאלטען פאר א גרויסען חסרון. אדרבה

איהם פלעגט זיך אפטמאל דאכטען אז חנה איז ניט באשאפען געווארען צו אר בייטען. „אזעלכע ווייסע הענטלעך ווי זי האט! אזעלכע צארטע"... און זי איז דאך אזוי פריי, אזוי קינדעריש, ווי קען מען זי גאר צו אן ארבייט צוביגדען? מאנכעס מאל איז זי טאקע ווי א קליין מיידעלע, אזוי נאאיוו אז זי וואלט נע־פאסט צו זיין מערי׳ס א טאכטער.

אט דאס איז עס! — באשליסט ער ביי זיך מיט זיכערקייט — מערי איז עלטער, געזעצטער, אויפריכטיגער און ערנסטער. זי איז טאקע סענטימענטאלער אבער חנה וועט עס אויך ווערען.. זי איז נאך צו יונג. איהרע געפיהלען דרעמלען נאך. איהר הארץ איז אינטער א שלאס. אט זאל זי נור דערזען ווי ער האט זי ליעב, זאר ער נור אימשטאנדע זיין איהר הארץ צו ריהרען און אויפשליסען, וועט זי אמאנטיש ווערען. וועט זי איהם ערנסטער נעהמען און וועט איהם אכטען און ליעבען.

גיימאן האט פארגעסען אז צווישען חנה׳ן און מערי׳ן איז אן אונטערשיעד בלויז אין דריי יאהר, פארגעשטעלט האט ער זיך אין דער פאנטאזיע אז מערי איז עלטער, א סך עלטער פון חנה׳ן.

ער האט ווי אויף א פארליעבטער גע־קוקט אויף חנה׳ן און דערצו האט איהם זיין קראנקע איינגעליעבטע נעפלאנט און ביי איהם אן עקשנות ארויסגערופען:

אט ווייל זי איז גלייכגילטיג צו איהם, זאל ער דוקא איהר ליעבע געווינען, ער סוז דאס באווייזען!

ער איז געגען חנה׳ן ניט פארביטערט געווארען, נור פארצווייפעלט איז ער גע־ווארען. פארצווייפעלט פון זוכען מיטלען און פארטלען ווי אזוי צו געפעלען איהר אדער ווי אזוי צו מאכען זי אויפמערק־זאם אויף זיינע געפיהלען.

און אט דא איז איהם מערי ווי א מלאך פון דעם הימעל ארויפגעשיקט גע־ווארען.

אז ער וועט זיך נעהנטער מיט איהר באקענען — מאכט נייסאן אפ מיט זיך — וועט ער פאר איהר ווי פאר א מאמען אדער ווי פאר אן עלטערער שוועסטער ביסלעכווייז אויסרעדען וואס ער פיהלט צו חנה׳ן און זי —

אה, ער איז זיכער, אז מרים וועט זיך מיט בייליע הענט אנכאפען. זי וועט אפשר חנה׳ן מקנא זיין...

ער זעהט דאך ווי זי איז צו חנה׳ן אז זי היט זי אפ און האט זי ליעב און ציי־טערט איבער איהר ווי איבער א בת יחידה. אליין ארבייט זי און חנה׳ן לאזט זי זונטאג אפילו דאס צימער נישט אויפ־רוימען. זי ארבייט שווער און וויל זי שיי־קען אויף א דאטשע.. ווי אן אייגען קינד איז חנה ביי מערי׳ן.

(פארזעצונג פאלגט)

מט. קלעמענס

זייט געזונט

אין פארברענגט אייער זומער וואקיי־שאן אין מאונט קלעמענס. און אז שוין אין מאונט קלעמענס וועט איהר סטאפען אין:

Elkins Hotel

100 רומס, דיינינג רום פאר 300 ... א רפואה פאר קראנקע, א פאר־ ... נען פאר געזונטע.

ס׳נים נעדרינגען, אז איהר מוזט האַבען טייוענדער צו זיין אין מט. קלע־מענס

ניו ווילא האטעל

וועט אייך רעכענען $25 א וואך און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס קאָנעקטעד מיט א פעטעדוש צו די פראזא בעדער. שרייבט נאך אינפאר־מיישאן צום פראפריעטאר ה. קראוז.

ריווערסייד האטעל

(געוועזענער פארק ענעקס)

מט. קלעמענס, איננאנצען רעמאָ־דעלירט, עפענט זיך 1־טען מאי. 150 רומס, דיינינג רום פאר 300. דאס אידעלסטע פלאץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע. שרייבט נאך אינפארמיי־שען.

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

צום דעטראיטער פובליקום!

... ער אייגער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען, אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאָפּשמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, ערפארענען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.

געהט צו אייער גוט באקאנטען

Frosh O. D.
אפטאמעטריסט

אין 204 קלינג׳ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך׳ס דושולערי סטאָר.

Bricker Bros
75 Grand Rive.
Cherry 3718

FURS

איהר קענט איצט קויפען ספרינג פוירס אויך פייר קאוטס פאר פרייזען וואס ווע־לען זיך דאובלען אין פאל סיזאן, קומט אריין און באקענט זיך מיט אונז

בריקער בראס.

רעוו. ל. ה. רייבלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עפרידענהייט.
511 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

Vienna Sausage Mfg. Co.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages, Corned & Pickled Beef, Tongues, etc.
1215-1217 S. Halsted St. Chicago

אינזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דושיי לעפקאווסקי און קאגס
בראדוויי מארקעט

לאיער מתתיהו ליסס האט גע־עפענט א ברענטש אפיס פאר די אייגנ־רען אין 325 וועסטמינסטער סט. טעל חעמלאק 533 דאבליו דאן טאון אפיס. 928 טשעסטנער אף קאמערס בלדנג. סטייט און גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978

ווילט איהר
סייווען
?אויף פראַצ

ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ... אנס, בעדינגס, פאנאגראפס און לעמפס
דאן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפלעט ליין פון אלעס
וואס איהר דארפט פאר אייער הויז
קעש אדער קרעדיט
... גראַטיאט עוו. — טשעראקי 4985

ווילט איהר אייערע
טלעפער, שליסלען קארפענ־טער וועגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
סו קומט צו
מ. דראמניטץ
245 מאנטקאלםסט.

האלע בילוג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

Hacks Spring Style Shoes
העק׳ס ספרינג סטייל שיך

זיינען די בעסטע קוואליטעט און שטייל וואס מענשליכע הענט און מאדערנע מאשינערי האבען ווען געשאפען

העקערטער מענשען פון אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט, בעוואונדערען מיט ערשטוינונג אונזערע 5 גרויסע שאו ווינ־דאוס מיט די פראכטפאלסטע סטיילס שוהס.

פאר מענער, פרויען און קינדער

... אס איז נאך ווען געצייגט געווארען אין דעטראיט. אונזערע שוהס זיינען אימער געמעזען אנערקענט אלס די בעסטע אין סטייל און קוואליטי, אבער דיעזען סיזאן איבערטרעפען זיי אלע ערווארטונגען. איהר מוזט זיי זעלבסט זעהן אום זייער ווערטה ריכטיג אב־צושאצען.

פאר מענער 5.00 ביז 18.00; פאר פרויען 5.00 ביז 16.50; פאר באיס 3.50 ביז 7.50; פאר גירלס 3.50 ביז 10.00; פאר קינדער פון 75 סענט ביז 5.00 די פאאר.

The Store on the Corner that does Business on the Square

העק׳ס שוה קא.

1047-1045 הייסטינגס סטריט קא־נער פארנסווארטה

די בית הכנסת בית אברהם

דער ביטיין הייסטינגס־ענטווין

ערווארט אלע מעמבערס צו קומען שבת זו אי׳ר אין שוהל צו הערען צו־
רעמאניע פון דער פייערונג פון די אידישע תורה.

... ר׳ יוסף תאומים און אנדערע רבנים וועלען דרשענען.
פנחס גרינבערג, פרעז.

א גרויסער אויספארקויף

סייל פאנגט אן מאנטאג

איך מאך באקאנט צום נעהערטען פובליקום פון דעטראיט דאס איך מוז אויספארקויפען מיין גאנצען סטאק

קראקערי, אלומינום, גראניטוואר און פענסי משיני

אלעס, אלעס, מוז פארקויפט ווערען אין דער קורצער צייט פון היינט ביז דעם 1־טען דושולי. מיין ליסס נעהמט אויס און מיין געזונט ערלייבט מיר נים מעהר צו שטעהן אין ביזנעס, דערום מוז אלעס פארקויפט ווערען צו די ביליגסטע פרייזען.

קומט וואס שנעלער פאר די בארגיינס. אלעס וועט פארקויפט פאר א האלב פרייז.

מ. ב. שאפירא, 511 הייסטינגס סטריט, ביטוין איפרער און ברוסטער

זאגט אייערע פריינד וועגען דעם גרויסען סייל.

געלט קיין אייראפא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראפ איז דורך דער

פיפעלס רעליעף

וועלכע איז א ברענטש פון דער דזשאינט דיסט. קאמיטע. די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.

פיפעלס רעליעף קאמיטע
490 הייסטינגס סטריט
קעדילאק 2061

ראזענפעלד׳ס
רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען רייניליכקייט און גוטע באהאנדלונג.

30 מארבעל וואנעס | 2 כשרה מקוואות
שאור בעטהס | פרייע קאטס אויף צום רוהען
16 פריוואט רומס פאר יעניגע וועלכע ווילען נעכטיגען.

א פראכטפולער לאנטש קאונטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקס צו יעדער צייט.

באקאנטמאכונג —
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר׳ן בעסטען
מוהל
ווים די לעצטע 20 יאהר
האט געמיטט פון 263 פארנסווארט
און
140 מירטירי, קאר. בראש
טעלעפאן מארקעט 827

שעכטער׳ס
דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

קאפלאן׳ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאל־
נענדע ליינס:

קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטון גודס, פערשידענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קויר טענס, טייבעל קאווערס, שעפס און סקארפס, קאמפליט ליין אין ליידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בייז סוטס און קאוטס א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

פאר סמוקעס מבינים

DURAND

האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע מאכט פאר פון ריינער האוואנא. פייבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה נים האבען. פארערט דור ראנד ביי אייער דיעלער.

DAVIS CIGAR MFG CO
געמאכט אין דעטראיט.

פארד קארס
און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־קויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציהן
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
... פון 427 וואדיוואַרד
737 אוקלאנד עוו.

דר. ה. סטאריקאף
דענטיסט

דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען
490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סקעפס, סקיילס רעדושיסטערס, נייע און געזוצטע. פרייזען מעסיגע. ערענטליכע בעהאנד־לונג. 2 סטארס:

רעלייבל סטאר פיקסטשור קא
305 גראשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קדושין
חזן דוד גאלדען



אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

CLASSIFIED

פארלאנגט א שניידער פאר אלטע ארבייט אין א סעקאנד הענד סטאר גוט באצאהלט. מעלדען זיך אין 1391 מישיגען, לעבען דער 28־טער סטריט.

אוי א פרוי אדער מיידעל צו פיקסען אלטע קליידער. קריגען גוט בא־צאהלט. נאכפרעגען 1391 מישיגען לעבען 28־טער סטריט. (7

קעכין פארלאנגט אונגארישע פאר־געניגען, פאר א ערשטע קלאס האטעל. גוטע שטעלע, גוטע באַ־צאהלט. אלבאני האטעל, מט. קלע־מענס מיש. ב. מאאקאוויטש. (7

דעטראיטער חסד של אמת פאר לאנגט א גוטען פעהיגען קאלעקטאר זאל נישט זיין פרעמד מיט דער ענגלישער שפראך. דער ריכטיגער וועט מאכען א שעהן לעבען. מעל־דען זיך צים סעקרעטער, 66 ברוס־טער סט. נאר פעהיגע זאלען זיך מעלדען.

צו פארקויפען א בעקערי שאפ, 904 דויאנו, קעמפא, שפאנעל נייע מאשינעס און פאטענטירטער אויי־וועו אין בייסמענט. גלייך איבער־נעהמען. (6

א באפ שאפ צו פארקויפען. יעהר גוט געהענדע ביזנעס. מוז פארלאזען צוליעב קראנקהייט. $8.000 קען דאס הענדלען. פרעגען אין „וועג" באקס 34.

א בעל קורא פארלאנגט אין קאנ־גרעגיישאן בני יעקב, 152 איללינאיז סט. פרעגט אין קאנגרעגיישאן.

ביזנעס בילדונג מיט א סטאר און פלעט צו פארקויפען. פרעגט נאך אין 359 קענפילד איסט. (7

צו פארקויפען א לאנטש טראק צו־זאמען מיט א גוטען איינגעטריטען קסענד, איינקאם ביז $75 א טאג. אדר זאגע א פרוי אליין און קען ניטאסטג דען פרעגען; 186 בענטאן סט.

צוזם פארדענטען א רום מיט קיטשען פריווילעגיעס, מוז האבען איינגענעם בעדרום בעט. מיסטער הענלער, 2028 ראסעל סטריט. (9

צו פארקויפען 2 פעמילי הויז, 6 רומס יעדע און א איינצל גאראדוש די הויז איז געבילט מיט 3 יאהר צוריק, לייכטע צאהלונגען. א **בארגיין**, אלע איספראוומענטס צווי בלאק פון גרענד ריווער און פון גרענד בולוואַרד. פרייז: 13.000 $4.500 איינצאהלען, $125 רענט א מאנאט. רופט אפ: גארטוויי 2930 עס.

Real Estate

$7000 קעש און $300 א מאנאט פאר א 36 רום פארנישד בריק בילדינג, לעבען סטריט קארס און מאנכע פעקטאריס. ער איז יעצט אויפגעהאלטען געווארען. אלין א רומינג הויז און ברענגט אריין $800 צו מאכען עקסטרא געלד קענט איהר אויך א רעסטאראן אויפהאלטען אזוי ווי עס איז דארט אלע בעקוועמליכקייטען.

סינגעל 8 רום הויז מיט 4 בעדרומס אויף ווילקס, לעבען מט. עליעט און גרעשיט עוו. $5200 מיט 1700 קעש. (7

צווי פעמיליע פלעט אויף ווילים לעבען מט. עלליאט און גרעשיט, $6700 מיט $4600 קעש, באלאנס $50 יעדע 6 מאנאט. איננאנצען מאדערנע עקסעפט א פוירנעס.

צווי פעמיליע מאדערנע, סטיעם היעט, אוק פיניש, צו 6 רומס און 2 קאר גאראדוש, אלין ערשט גע־פארבט. א גוטער אינוועסטמענט, פאר $...00 קעש און $75 א מא־נאט. ברענגט אריין $460, מעלדראס לעבען גרעשיאט.

נייער צווי פעמיליע פלעט אויף טשאלמערס עוו. צו 5 רומס, 3,500 קעש און $90 א מאנאט. רופט: 1125 פארעסט עוו. איסט. מעלראוו 980, דזשיי (7

מאשען־פיקטשור אפרייטארס
לערנט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע ווידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.

Movie Operator's School
33 Sproat St

מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by DER WEG PUBLISHING COMPANY INC.

347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715

J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.

B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50

צום ניי ארגאניזירטען אוקראינער פארבאנד אין דעטראיט

נאך וואלגערען זיך מיזענדער און מיזענדער אידישע צעקאליעטשעטע און פאראומגליקטע אהן אפדאך איז די נאמען פון די פראסקוראָווס, אווריטשס, אומאנס, יעליסאוועטגראד און אנדערע שטעדט און שטעטלאך; נאך זיינען צעיאטערט די וואונדען פון די אידען אין קאמענעץ, מעדזשיבאזש, בראסלאוו, פאסטאוו און פון אנדערע שטעדט און שטעטלעך פון דער בלוטיגער אוקראינע; נאך קאכשען זיך אין נסיכה ליידען הונדערטע און טויזענדער געשענדעטע, פארגוואלדיגטע אידישע בתולות און פרויען, נאך איז דאס בלוט נישט אפגעוואשען פון די שטיינער פון דעם יאמער-טאהל — אוקראינע, און שוין ציהט זיך דארטען דער הימעל אבער מיט פינסטערע וואלקענס, און עס דראהעט א נייע געפאהר.

פילען מארשירט אין אוקראינע.

אין דער נצחון שפאנט ביי דער זייט פון די פאליאקען אין אין ארום קיעוו, און אין ארום פאסטאוו, זשיטאמיר און אנדערע שטעדט און שטעטלעך, וואו די נאמען זיינען נאך פייכט פון דעם פארגאסענעם אידישען בלוט און פון דעם מאהד פון אידישע עיפה"לער.

אין שטום איז ארום.

מיט מיזענד שלעכטער זיינען פארשלאסען איבער גרענעצען און מיט מיזענד רינגלען זיינען פארדיגעלט אלע טויערן...

פאגראמען אין דעם נייעם לעטלאנד

פון אונזער קאפענהאגער קארעספאנדענט ש. פאן.

דעטראיטער טענאנטס ליגע ווערט שטארקער

די טענענטס פון אוקלאנד געגענד.

די יעהרליכע פריהלינג שחיטה

ווי צו פייערען דעם גאולה יו״ט שבת און די שוהלען

פון הרב יוסף תאומים

דייטשע רעגירונג ענטזאגט 4 גענעראלען צוליעב קאפ פארשווערונג

בערלין מאי 5 — די אונטערזוכונגס קאמיטע אין די אנגעלעגענהייטען פון דער קאפ פארשווערונג האט רעקאמענדירט אז מ'זאל ארונטערזעצען פון זייער פאסטען די פאלגענדע פערזאנען: גענעראלען פאן הועלזן, פאן לעטאוו, וואַרבעק און שטרעמעל; קאפיטאן פאן וואנגענהיים, לערעבור, פאן קלוואוויץ און מאטיאס.

וואַרט ניט ביז וואַנען די באָרד און העלט וועט אייך צווינגען צו קויפען א רעסעפטיקאל קויפט דאס גלייך אליין

קאנקריט
גארבעדזש און אש רע-סעפטיקאלס

מאַניופעקטשורד ביי די

האוטאן סעמענט באקס קא.

820 לאפאיעט עוו. קאָר. 21טע סטר.

אינזערע באקסעס זיינען בילינער און בעסער פון אלע אנדערע באקסעס גע־מאכט אין דעטראיט. מיר האלטען אונזערע רעסעפטיקאלס רוינפעקטעס אזוי אז קיין שום ריח קען זיך פון זיי ניט דערטראגען און דאס איז די אורזאך וואס זיי ציהען נעט צו קיין פליעגן און מיקראבען.

פרעגט אייער שכן, וועלכער האט שוין אזא רעסעפטיקאל

אייער נעכסטען ארדער פיר א סעמענט גארבעדזש ארער אש באקס באשטעלט ביי אונז און דערביי וועט איהר סייווען פון 3 ביז 10 ראל. אויף אייער אר־דער.

אגענטען	אונזער רעסעפטיקאלס זיינען	פעקטארי
יאפפעאון טאגערט	אינטער דער אויפזיכט פון	820 לאפאיעט עוו
904 עגטווין סט.	דער באארד אוו העלט	טעל. וועסט 2582
טעל. נארטוויי 4194		

וואַרט ניט ביז וואַנען די באָרד אוו העלט וועט אייך צווינ־גען צו קויפען דעם סארט גארבעדזש באקס. קויפט דאס באַ צייטענס און פערמיידט טראָבעל!

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא-סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניע, יוגא-סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט. פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער. רושענעראל סטים שיף און געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.



אינזערע ספעשעל מאשינען סייווען ארבייט.

אינזערע איבערגעבויטע מאשינען סייווען געלד.

קויפט פון מאנופעקטשורער און סייווט דעם ריטייל פראפיט

מיר פארקויפען די בעסטע און דער ליין פון נעה מאשינען פיר יעדער סטיטשינג אפערישאן, א הויך די נייע און ספעשעל נעה מאשינען פארקויפען מיר א ביסעל אבגעניצטע מאשינען. דאס גיט אייך א געלעגענהייט צום סייווען פיעל געלד הערביי!

A. C. Payer

119 E. Jefferson — טעלעפאן טשערי 1813

אטאמאביל-עקסידענט האספיטאל

אטאמאביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר, ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.

פריימס, בארעס, עקסעלס, פענ־דערס ווערען אויסגעגלייכט, געוועלדעט, געמאכט ווי נייע און געפענטעלד.

רעדיאיטארס פעריכט און איבערגעבילד, אויך עקסטשענדזשעס

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich

Glendale 7576

מע'אר קאוענס שטעלט אפ ג'בויאונגס ארבייט פון די י' אר

איז א באפעהל פון מע'אר קאוענס, האט געבעטען פאליסקאמישאנער אינט־שעס מיט א פריואר פון 10 פאליסמען אויער אויף לאפעט עוו. נארטה פון יאן איין וואו די י' אר האט אנגע־פאנגען צו בויען טרעקס, און אפגע שטעלט די ארבייט.

די ארבייט איז אפגעשטעלט געווא־רען אויף דעם טעכנישען גרונד, וואס די קאמפאניע האט ניט געהאט דערצו קיין ערלויבניש פון'ם דעפארטמענט אף פאבליק וואורקס. די קאמפאניע אבער טענה'ט אז די רעזאלוציע וואס דער סיטי קאונסיל האט אנגענומען דיינטינע וואך וואס האט געגעבען דער די יו אר א' ערלויבניש צו בויען דיעזע ליינס, האט איהר געגעבען א פאלשטענדיגע רעכט זיך צו נעהמען צו דער ארבייט, אהן דער צושטימונג פון'ם דעפארט־מענט אף פאבליק וואורקס.

אויף פוסצונג מענשען זענען געבטען בייטאג געשטאנען ביי דער ארבייט ווען דער שטאדט לאיער וואלקאקס איז אנגע־קומען אויף'ן פראיז זיך צו איבערצייגען אויב ס'איז טאקע אמת דער באריכט וואס איז צו איהם געקומען, אז די ארבייט האט שוין זיך אנגעפאנגען. אזוי שנעל ווי ער האט זיך אין דעם איבער־צייגט האט ער זיך אומגעקעהרט צום סיטי האל און עס איז באלד ארויסגע־געבען געווארען דער דערמאנטער באפעהל פון'ם מעיאר.

די אורזאכע ווארום עס איז באנוצט געווארען אזא שטארקע פאליציי־אישע קאמפאניע אפצושטעלען די בויאונגס־ארבייט איז ווייל דער פארמאן, אונטער וועמעס אויפזיכט די ארבייט איז אנגע־גאנגען, האט זיך ענטזאגט אויסצופאל־גען דעם באפעהל ווען קאמישאנער גרדושעל אינספעקטאר א'גרער און פינף פאליסלייט האבען באזוכט יענעם פלאץ. ער האט געזאגט, אז ער קען ניט אפ־שטעלען די ארבייט אהן דער צושטימונג פון'ם סופעראינטענדענט. קאמישאנער ענדזשעל האט וועגען דעם טעלעפאנירט אין פאליציי העדקוואדערס און באלד איז געקומען דר. אינטשעס מיט דעם סקוואד פון 50 און ארויסגעגעבען א באפעהל צו ארעסטירען דעם סופעראינטענדענט קער־יין, ווייל ער האט פארטיידיגט די האנד לונג פון'ם פארמאן.

מר. קערווין איז שפעטער באפרייט געווארען נאכדעם ווי דער פאליס־קאמי־שאנער האט זיך צוזאמענגערעדט מיט די יו אר באאמטע דורך דעם טעלעפאן.

רענט אפגעלעגט איז 2 יאהר צייט דאס עלייעס.

די דייטשע רעגירונג ערקלערט, דאס פאר דייטשלאנד איז אונמעגליך ניט האבענדיג קיינע שיפען נאכצוקומען דעם פונקט פון שאלעמאן.

קאנסטאנטינאפעל, 6. — דער גרויס ווזיר האט היינט באשלאסען צו שיקען א קאמיסיע קיין אנגארא צום נאציאנא־ליסטישען פיהרער מוסט'ן צו ער־רייכען אייניגע ייעלבע ראפפראמיס מיט איהם.

הנחה ביי דער שלום קאנפערענץ

בערלין, מאי 6. — די דייטשע רעגיע־נאציע אין פאריז איז אינסטרואירט גע־ווארען צו בעטען ביי דער שלום קאנפע־איבערגעבען פון דייטשע שיפען צו די

C. W. Kotcher. Lumber Co.

ברעטער אַרעליי צו יעדער צייט

בילינע פרייזען און גוטע בעהאנדלונג דאס איז אונזער סוקסעס

Cor. Gratiot and St. Aubin Aves.

Melrose 3390

קלין אַפּ און פּיינט אַפּ

פראקטיצירט די 14 פונקטען און מאכט דעטראיט פאר א ריינער שטאט די שטאדט ראָה עס פונקט אזוי, ווינטש ווי אייער היים.

איבערהויפט נאך אזא שווערען ווינטער. יעדער יאטם דארפען אויס־געבוטט ווערען. עס איז **אייער פליכט צו העלפען.**

ריינליכקייט איז נויטיג פאר'ן געזונט. אומריינע-וואסער ברענגט מאסקי־טאס. — מאסקיטאס ברענגען מאלאריע. זומפען פארמעהרען פליגען. פליגען ברענגען אלערליי קראנקהייטען. אלזא האלט אייערע גארבעדזש קענס צוגע־דעקט און זעהט אז אייער שכן זאל אויך טאן דאס אייגענע!

אייער חוב איז איצט צו ערקלערען א מלחמה אויף שמוץ, מאכט ניט אויס וואו איהר זעהט עס.

רייניגט אויס אייער יארד, אייער הויז, איבעראל!

אייער הילף איז נויטיג צו זיין ערפאלגרייך אין דיזען קאמפיין.

	14 פונקטען
1	ריינעגט אויס
2	פארבט אויס
3	קעהרט ארום
4	שארט צונויף
5	שייערט אויס
6	פוצט אויס
7	גראבט אויף
8	וואכט אויף
9	וואשט אויס
10	בויעט אויף
11	גלאזט איין
12	באנייעט זיך
13	באשיינט זיך
14	און האלט עס אזוי

די גרויסע וואך

מאי 17—22 איינגעשלאסען

אונטער דער אויפזיכט

דעטראיט באארד אוו קאמערץ

סוירקעל טהעאטער

504 הייסטינגס סטריט — דעטראיט, מיש.

עדווין א. רעלקין פרעזידענט

נאר פיר 2 פארשטעלונגען

די בארימטע אוקראינער טרופע פון ניו יארק, אונטער דער רעזשי פון דעם בעוואוסטען ארטיסט **ד. מעדאוו** מיט דער מיטווירקונג פון דער בעוואוסטער זינגערין **סאלאווי'או**

דינסטאג דעם 11־טען מאי 1920

וועט געשפילט ווערען

קאטארושניק

אין 5 אקטען מיט געזאנג און טענץ

מיטוואך דעם 12טען מאי, 1920

וועט־געשפילט ווערען

ארימע שפעלאה

צום ענד וועט אויפגעפיהרט ווערען

ציגאנערשע ראמאנסען

פון ר. ס. סאלאוויאוו

טיקעטס אין ארוואנס אין קאסע פון טעאטער.

אנפאנג 8.30 אוהר אבענד.

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 779 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 3c. DETROIT, MICH., Sunday, May 9th 1920 Vol. 2, No. 73 זונטאג, מאי 9, 1920

MAY 17 1920

פאלעסטינא אנגיכען אפען פאר אימיגראציע

רעפובליקאנער געגען מארגענטוי אלס מעקסיקאנער אמבאסאדאר

מארגענטוי ערקלערט אבער, ער איז גרייט אנצונעמען דעם פאראנטווארטליכען פאסט.

וואשינגטאן, מאי 8 — ס'איז היינט באקאנט געווארען אין די קרייזען פון ווייסען הויז אז די נאמינאציע פון הענרי מארגענטוי אלס אמבאסאדאר צו דער מעקסיקאנער רעגירונג וועט איינגיכען צו ריקגעצויגען ווערען פון'ם סענאט.

דיזע נאמינאציע האט ארויסגערופען נאך פריהער א שטארקע געגנערשאפט ביי די רעפובליקאנער סענאטארען אין דער קאמיטע איבער אויסלענדישע ענינים און איצט איז די לאגע פון מארגענטוי'ס געגנער געפיהל פיעל פאר שטארקט געווארען צוליעב די לעצטע נייעס פון מעקסיקא.

די רעפובליקאנער סענאטארען האבען געגעבען אנצוהערעניש אז זיי וועלען ניט ערלויבען מר. ווילסאן'ען, דאס ער זאל זיך אריינמישען אין דעם איצטיגען מעקסיקאנער פלאנטער, און זיי ערקלעהרען, אז דאס באשטעלטיגען פון אן אמבאסאדאר צו מעקסיקא אין איצטיגען מאמענט וואלט מיינען דעם סענאט'ס אנערקענונג פון דער קאראנזא'ס רעגירונג.

דאגעגען באשולדיגען די דעמאקראטישע סענאטארען, אז די רעפובליקאנער ציטערען פאר'ן פרעזידענט, וואס דער פרעזידענט קען זיך ערווערבען דורכדעם וואס דער אמעריקאנער רעגירונג קען זיך אמאל איינגעבען צו העלפען פארמירען א נייע רעגירונג אין מעקסיקא דורך זיין אמבאסאדאר. זיי באהויפטען, דאס גראדע איצט, ווען אין מעקסיקא איז א צייטליעמישע, איז ניטיג צו האבען אזא טיכטיגען מאן ווי מארגענטוי דארט.

די דעמאקראטישע סענאטארען גיבען אבער צו דאס ס'איז ניט קיין שום מעגליכקייט דאס הענרי מארגענטוי זאל איצט גוטגעהייסען ווערען פון סענאט.

ניו יארק, מאי 8 — הענרי מארגענטוי האט היינט פארעפענטליכט א סטייטמענט, וואו ער לייקענט אפ א באריכט וואס האט זיך פארשפרייט אז ער וועט זיך ענטזאגען אנצונעהמען דעם פאסט פון מעקסיקאנער אמבאסאדאר אפילו אויב דער סענאט זאל איהם גוטהייסען.

„איך האב ניט אין זינען צו בעטען דעם פרעזידענט, דאס ער זאל צוריקציהען מיין נאמינאציאן אלס מעקסיקאנער אמבאסאדאר" — האט מר. מארגענטוי ערקלעהרט, „איך באגרים מיט'ן גאנצען הארצען די מעגליכקייט צו דינען אמעריקא און איך האב אויסגענוצט די לעצטע צייט זינט איך בין נאמינירט געווארען, אין באקענען זיך מיט דער איצטיגער לאגע אין מעקסיקא. איך בין וויליג און גרייט איבערצונעהמען די פליכטען ווי נאר דער סענאט וועט באשטעטיגען מיין נאמינאציע".

פאסט ערקלעהרט ער האט געהאנדעלט געזעצליך אין באפרייען „רויטע"

וואשינגטאן, מאי 8 — אסיסטענט סעקרעטערי אוו לייבאר לואיס פ. פאסט, איז געבעטען ערשיינען פאר דער קאנגרעס קאמיטע, וועלכע זוכט אונטער דאס באפרייען פון פרעמדע ראדיקאלען דורך'ן ארבייטס דעפארטמענט.

מר. פאסט איז געקומען צום פארהער וועגען די באשולדיגונגען געגען איהם, אז ער האט ארויסגעלאזט „געפעהרליכע" פרעמדע. ער האט אבער ערקלעהרט, אז נאר 40 פון די הונדערטע ארעסטירטע ראדיקאלען, דורך יוסטיץ-אגענטען, האבען באהויפטעט, אז זיי גלויבען אין אנ'ארכיע, און אז די צאהל פון וועלכע געוואלדמיטלען צו שטירצען די עקזיסטירענדע רעגירונג. ער האט ווייטער דערצעהלט דער אונטערזוכונגס קאמיטע, אז אין די 5,000 ארעסטען, וואס אטארני דזשענעראל פאלמער'ס אגענטען האבען געמאכט אין די לעצטע 4 מאנאטען, זענען נאר דריי רעוואלווערען געפונען געווארען.

מר. פאסט האט ערקלערט, אז יעדעס באשלוס זיינער בנוגע די ארעסטירטע איז געמאכט געווארען אויפ'ן גרונד פון באווייזע, און אז, געזעצליך, האט נאר מר. ווילסאן, דער ארבייטס סעקרעטער ערער ער אליין, דאס רעכט ארויסצוגעבען דעפארטאציאנס באפעהלען. די רעקאמענדאציעס צו דעפארטירען וואס זענען געמאכט געווארען פון אימיגראציאנס קאמישאנער, אנטאני קאמינעטי, זענען געווען אונגעזעצליך און ער האט ניט געהאט קיין באפאלמעכטיגונג זיי צו מאכען. מר. פאסט האט דערביי צוגעגעבען, אז דיזע רעקאמענדאציעס זענען נאך אפט געווען אין נעגענזאץ צו די באווייזע, וואס זענען געפונען געווארען געגען די ארעסטירטע, און אזוי ווי די קאנגרעס קאמיטע האט אנגענומען קאמינעטי'ס באשלוסע אלס גרונד פאר די בא

שולדיגונגען געגען דעם ארבייטס דעפארטמענט, האט די קאמיטע דורך דעם ארויסגעוויזען איהר אויסגעהייס פונ'ם געזעץ.

מיט פאסט האט דאן צוגעגעבען, אז אינ'ם פארלויף פון די לעצטע 6 מאנאטען זענען 762 פערזאן פארורטיילט געווארען צו דעפארטירט ווערען אין דערווייל זענען נאר דעפארטירט געווארען 263; דער מאנגעל אין טראנספארטאציע קיין רוסלאנד איז פאראנטווארטליך פאר אפלעגען די דעפארטירונג פון די אנדערע. ס'וועט אבער נעפלאנעוועט האט ער געזאגט, און גיבען ארויסצושיקען א טראנספארט מיט רוסישע ראדיקאלען קיין ארעפא.

דייטשען ווילען אפלעגען ספא קאנפערענץ

בריסעל, מאי 8. — ס'ווערט איבער-געגעבען, אז דייטשלאנד וועט בעטען די פראנצויזישע רעגירונג אפצולייגען די קאנפערענץ, וועלכע דארף פארקומען דעם 25-טען מאי אין ספא צווישען די עליעס און דייטשלאנד, אויף דעם 10-טען יוני.

די י. אר. וויל נאך אמאל צעהלען די באלאטס פון די וואהלען דעם 1-טען אפריל

די לאיערס פון דער די. יו. אר. האבען געקלאגט אין דעם סיטי קלוירק מר. ריטשארד לינדלי, אז ער זאל ניט פאר ווארפען די באלאטס פון דער עלעקשאן איבער קאונטס פלאן, ווייל די קאמפאניע האט בדעה פארצוברענגען די באלאטס צו געריכט. עס איז מעגליך אז די קאמפאניע זאל ארויסנעהמען אן אינדזשאנקשאן, וואס וועט פארווערען דער שטאדט אדמיניסטראציע צו פארניכטען די באלאטס.

אימיגראציע, ערקלעהרט ווייצמאן

לאנדאן, מאי 8 — דר. חיים ווייצמאן, פרעזידענט פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער קאמיסיע און הויפט רעדנער פון די ציוניסטען ביי דעם שלום קאנפערענץ, האט געזאגט אז אן דער שפיצע פון פאלעסטינא רעגירונג וועט שטעהן א הייקאמישיאנער מיט א קאנסיל, ביז די צייט וועט קומען, ווען ס'וועט מעגליך זיין איינצופיהרען פאלקס-פארטרעטונג אינ'ם לאנד.

דר. ווייצמאן האט געזאגט, אז די נייע אדמיניסטראציע וועט איבערנעהמען די מאכט אין א מאנאט, אדער א זעקס וואכען ארום. דאן וועט מעגליך זיין צו עפענען די טויערען פונ'ם לאנד פאר אימיגראנטען.

רעדענדיג וועגען דער מעגליכקייט פון פאלעסטינא, אלס א לאנד, וואס קען האבען אין דער צוקונפט א באפעלקערונג פון 6,000,000, האט דר. ווייצמאן געזאגט, דאס די ערשטע צייט וועט אבער נייטווענדיג זיין, די אידישע עמיגראציע פון אנדערע לענדער קיין פאלעסטינא מוזען רעגולירט ווערען, לויט די עקאנאמישע מעגליכקייטען פונ'ם לאנד, לויט אן איינגעארבייטעטען פלאן פון באזעצען פאלעסטינא. האט דער ציוניסטישער פיהרער ערקלעהרט, וועט די צאהל פון אימיגראנטען פאר'ן ערשטען יאהר זיין פון 25 ביז 30 טויזענד און דעם צווייטען יאהר וועט ווארשיינליך זיין א מעגליכקייט פאר נייע הונדערט טויזענד.

פאליסלייט וואס האבען זיך אנטזאגט צו „סקעבען" באשטראפט

אויף דער באשולדיגונג אז זיי האבען ניט אויסגעפאלגט דעם באפעהל פון א העכערען באאמטען, ווען ער האט זיי גערופען צו „סטרייק פליכט" אויף מישיגאן סענטראל טריינס, זענען די פאטראלמען אלבערט וואן קאפפענאל און דזשאזעף מאהר באשטראפט געווארען פון דער פאליס טריאל באורד צו פארלירען זייער אורלויב אויף זעקס מאנאטען.

היינטיגע פארזאמלונג פון דער טענאנטס ליעג

היינט, זונטאג, וועט אין אנקלאנדער לייבאר טעמפעל, 93 דעלמאר עוו. פארקומען א גרויסער טענענטס מאסמיטינג וועלכער ווערט גערופען אום צו ארגאניזירען אלע אידישע טענאנטס אין א ליעג, וועלכע זאל באקעמפען די אומגערעכטע [illegible] לאגע, וואס איז [illegible] געווארען דורך דער אלין וואס דער רענט פראפיטירונג.

ס'ווערט ערווארטעט דאס די אלע, וועלכע פיהלען דעם יאך פון דעם הויכען רענט, וועלען געוויס ניט אפהאלען אנוועזענד צו זיין אויף היינטיגען מיטינג און דארטען זיך אנשליסען אן דער טענאנטס ליעג.

עקזעקוטיוו מיטינג פון אוקראינער פארבאנד

דינסטאג אווענט וועט אין אים פון „וועג" ארקומען א ספעציעלע זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון דער עקזעקוטיווע פון אוקראינער פארבאנד.

אלע מיטגליעדער זענען געבעטען צו זיין אנוועזענד. זעהר וויכטיגע פראגען מוזען גליך באהאנדעלט ווערען.

די זיצונג וועט זיך אנפאנגען פונקט אכט א זייגער.

משוגענער הונט באפאלט יאן צובייסט א דריי יאהריגע קינד

נעאנארד רימער, 3 יאהר אלט פון 198 האמער סט. איז באפאלען געווארען פון א שכן'ס הונט און איז שרעקליך צוביסען געווארען אויפ'ן פנים און קאפ.

פאטראלמען פרעד דערשינסקי האט אויפגעזוכט יענעם הונט און ערקלעהרט אז ס'איז א נעפאהר צו לאזען אזא הונט לעבען. דער איינענטימער פונ'ם הונט, טאמאס מארלי, וועט אנגעקלאגט ווערען.

סאוועטען מאביליזירען נייע ארמיי געגען פאליאקען

לאנדאן, מאי 8 — אין בערלין איז ערהאלטען געווארען א ראדטלאזע טעלעגראמע פון מאסקווא, אז די סאוועטען רעגירונג נעהמט אן שטרענגע מיטלען, מיט'ן צוועק צו באקעמפען דעם פוילישען אנגריף אין אוקראינע.

די סאוועטען רעגירונג, ווערט באריכטעט, האט אנגעפאנגען איבערצופיהרען א גרויסע ארמיי פון סיביר צו מערב צו. די דעפעשע גיט איבער אז אלע ארבייטער האבען ערהאלטען א באפעהל צו צושטעלען זיך צום דיענסט, און זיי וועלען איבערגעשיקט ווערען צום פויליש-אוקראינישען פראנט.

האט דער שונא זיך ארייגעריסען אין די פארשטעדטלעך פון קיעוו, אבער ער איז פארהאלטען געווארען דורך אונזערע קאנטער אטאקען. שפעטערצו האבען אונזערע טרופען לויט געגעבענע באפעהלען, זיך צוריקגעצויגען צום לינקען ברעג פון דניעפער.

„אין דער ריכטונג פון פיטאלאוו, האבען אונזערע סאלדאטען צוריקגע[illegible]סען דעם שונא 28 מייל פון קראסני. לעבען איקומען (צו מזרח פון מינסק) האט דער שונא געמאכט א פארזוך איבערצוגעהן דעם טייך בערעזינא, ער איז אבער צוריקגעשטויסען געווארען."

דירעקטאר רעזולטאט פון אן אליאירטען אפמאך.

דעם 6טען מאי איז אין ענגלישען פארלאמענט געמאכט געווארען אן אנפראגע בנוגע דעם פוילישען אנגריף, און באנאר לאו, דער רעגירונגס פארטרעטער האט ערקלעהרט אז פוילען איז אינפארמירט געווארען דאס דער רעזולטאט פון די איצטיגע שלאכטען וועט ניט איבערבייטען די גרעניצען וועלכע זענען באשטימט געווארען פון דעם שלום ראט.

מאסקווא זאגט עלייעס הייסען גוט פוילישען אנגריף

וויען, מאי 8 — די מאסקווער צייטונג „איזוועסטיא" זאגט דאס זי האט זיכערע אינפארמאציעס, דאס די סאן רעמא'ס קאנפערענץ האט ערמוטיגט פוילען צו אנפאלען אויף דער סאוועטען רוסלאנד, און אז דער איצטיגער מארש פון דער פוילישער ארמיי אין אוקראינע איז א

פויליש-אוקראינישע ארמיי אין קיעווער פארשטעדטלאך

לויט א טעלעגראמע פון מאסקווא, זענען די פויליש[illegible] און אוקראינישע טרופען אריין אין די פארשטעדטלאך פון קיעוו לעצטען דאנערשטאג אווענט.

די טעלעגראמע לעזט זיך ווי פאלגט: „אין דעם קיעווער געגענד האבען אונזערע טרופען באגעגענט א פיעל גרעסערע ארמיי פון שונא. דאנערשטאג אווענט

ענגלאנד שטיצט פינלאנד אנצופאלען אויף רוסלאנד

בערלין מאי 8 — לויט דער דייטשער צייטונג „דער אבענד" איז גענעראל מאנערהיים פון דער פינישער ארמיי געקומען ספעציעל היין בערלין מיטן צוועק צו באטראכטען א נייעם אנפאל אויף דער סאוועטען רוסלאנד. ענגלאנד שטיצט מאנערהיימען ווייל זי וויל אפציהען די סאוועטען ארמיי פון באקו כדי צו פארזיכערען די אויל גרובען אין קאווקאז.

מעיאר וויל נייע געזעצען געגען לענדלארדס

מעיאר קאוזענס האט דורך א בריעף געבעטען דעם סיטי קאונסיל דאס ער זאל נאך אמאל באטראכטען די ראטס זאמקייט וועגען פארלאנגען פון גאווערנאר סליפער אז א ספעציעלע סעסיע פון די לעגיסלייטור זאל צוזאמענגערופען ווערען, וואו נייע געזעצען געגען רענט פראפיטירונג זאלען דורכגעפיהרט ווערען.

דער מעיאר האט אנגענומען דיזען שריט נאכדעם ווי ער האט ערהאלטען א בריעף פון אטורני דזשענעראל גרעזבעק, אין וועלכען ס'ווערט באהויפטעט אז די עקזיסטירענדע געזעצען זיינען אינגאנצען אין די אינטערעסען פון די לענדלארדס. דער אטארני דזשענעראל ראט דארום, דאס די געזעצען זאלען אויסגעבעסערט ווערען אין איינקלאנג מיט דער דראהענדער לאגע, וועלכע איז באשאפען געווארען דורך הויכע רענט און „אויפגעבלאזענע פרייזען" אויף הייזער.

דעם אטארני דזשענעראל'ס בריעף צו דעם מעיאר איז זעהר א שארפע אנקלאגע געגען די רענט פראפיטירער. ער זאגט, דער רענט פראפיטירער איז דער ערגסטער צווישען אלע סארטען פראפיטירער און ער פארדיענט די גרעסטע פארדאמונג. נאר דורך דער לעגיסלייטור קען מען באקעמפען, זאגט ער דיזע „געוויסענלאזע" מענשען וועלכע באשעפטיגען זיך אין אזא סארט „ביזנעס".

דער אטארני דזשענעראל ווייזט דאן אן ווארום די איצטיגע געזעצען זענען „באשאפען געווארען הויפטזעכליך פאר דעם בענעפיט פון דעם לענדלארד". דיזע געזעצען, זאגט ער זענען די רעשטען פון פעאדאלע צייטען, און זיי טארען ניט אנגעווענדעט ווערען אין היינטיגע טעג. אבער אזוי ווי דיזע געזעצען זיינען ביז איצט ניט אמענדירט געווארען, זאגט מר. גרעזבעק, גיבען מיר די לענדלארדס די פולע בענעפיטען פון דיזע אורטאלטע געזעצען.

דער אטארני דזשענעראל ווייזט אן אויף אייניגע אויסבעסערונגען וועלכע דארפען געמאכט ווערען. ער זאגט אז אויב א טענאנט וואוינט אפ 6 מאנאטען דארף ער קריגען נאטיס אויף 90 טעג, סיידען ער צאהלט ניט דער פריהערדיגען רענט.

ווי ס'איז געווען באריכטעט, זענען הונדערטע קלאגעס אנגעקומען צום מעיארס אפיס וועגען די הויכע רענט פראפיטירער. דער מעיאר האט דאן פארגעשטעלט אן עפענטליכען פארהער, וואו די טענענטס האבען פארגעבראכט זייערע קלאגעס און די לענדלארדס האבען געמוזט ערקלעהרען די אורזאכע פון נעהעכערטען רענט. דיזער פארהער איז אבער געווען אינעפעקטיוו. ערשטענס, האט דער קאונסיל ניט געהאט די נויטיגע מאכט אנצונעהמען באשליסע און, צווייטענס, זענען אין קאונסיל גופא געווען פארשידענע מיינונגען וועגען די מיטלען וועלכע דארפען אנגעווענדעט ווערען געגען רענט פראפיטירונג. דארום האט מעיאר קאוזענס זיך געווענדעט צו דעם אטורני דזשענעראל נאך אן עצה.

ווישאהן ק. לאדוש דער קאונסיל פרעזידענט האט געזאגט, דאס דעם מעיארס בריעף וועט מאנטאג באטראכט ווערען פון דעם קאונסיל.

בעסט קריגט לעבענס לענגליכע געפענגעניש

פאנטיאק מאי 8 — היינט האט די דזשורי נאך א 5 שטונדיגער באטראכטונג ארויסגעטראגען א ווערדיקט פון שולדיג אין דעם משפט פון אנסאן בעסט, וועלכער איז באשולדיגט געווארען אין דערשטיקען דאס יונגע טעלעפאן מיידעל נורא שניידער.

ווען דער ריכטער האט געפרעגט דעם באשולדיגטען וואס ער האט צו זאגען, האט ער געזאגט פאלגענדעס:

„איך בין אונשולדיג, איך האב דאס מיידעל ניט דערהרג'עט, אפילו ווען דער אלמעכטיגער גאט וואלט דא געווען, אין געריכט, וואלט איך אויך געזאגט, אז איך בין אונשולדיג".

דער ריכטער האט איהם דאן פאר משפט אויף לעבענס-לענגליכע געפענגעניש.

א גרופע בירגער פון פאנטיאק גלויבט דאס אנסאן בעסט איז ניט שולדיג און א פאנד פון טויזענד דאלאר איז דער וויל געשאפען געווארען, מיט וועלכען אנגעצופיהרען א קאמפיין פאר א נייעם משפט פאר דעם פארורטיילטען.

היינט מיטינג פון אינדעפענדענט ארדער ברית אברהם

היינט זונטאג דעם 9טען מאי, 7 אזייגער אין אווענט וועט אין עהרליך'ס האל קאר. ערעמס און הייסטינגס פארקומען אן אפענער מיטינג פון דער דעטראאטער לאדוש נומ. 652 פון דעם אינדעפענדענט ארדער ברית אברהם.

גוטע רעדנער, צווישען זיי אויך גרענד אפיסערס וועלען אדרעסירען דיעזען מיטינג און ערקלעהרען די וויכטיגקייט פון אנשליסען זיך אלס מיטגליעדער אין דעם גרעסטען אידישען פראטערנאל ארדער פון אמעריקא.

אויף דעטראיטער גאסען

10 קינדער דער'הרג'עט פון אויטאמאבילס אין 6 טעג.

אנלויפענדיג צווישען צוויי אויטאמאבילען אויף קארנער אלפערד און וואודוואורד, איז אנא סוליוואן, 11 יאהר אלט פון 196 נאפאלעאן סט. שטארק פארוואונדעט געווארען לעצטען פרייטאג אווענט. דער דרייווער מיטשעל בענסאן איז באפרייעט געווארען נאך אן אויספארשונג אין דער קיים.

מיט'ן דיזען פאל ווערען אויפ'ן רעקארד פארצייכענט 10 קינדער, וואס זיינען איבערגעפאהרען געווארען פון אויטאמאבילס אין פארלויף פון די פארגאנגענע 6 טעג.

ווארט אויף א קאר און ווערט אויף אייביג פארקריפעלט פון אן אויטאמאביל.

ווארטענדיג אויף א קאר אויף סאל ווער און וועסט הושעפערסאן עוועס, לעצטען פרייטאג אווענט, איז דזשאזעף בריטשארדס, 65 יאהר אלט, שטארק פארוואונדעט געווארען אין רעכטען שולטער. דאקטוירים ערקלעהרען, אז ער וועט בלייבען א שטענדיגער קריפעל.

פריי שלאגט זיך מיט באנדיטען און באזיעגט זיי.

דריי באנדיטען האבען פרייטאג אווענט געכאפט א גרויסע מפלה פון מרס. ווילא בראון, 30 יאהר אלט פון 37 מאנטקאלם סטריט איסט.

פאסירט האט די געשיכטע אזוי: ארום 8 אזייגער אין אווענט איז אריין א מאן צו מרס. בראון אין הויז און געפרעגט, אויב דארטען געפינען זיך ניט בריעף פאר זיין פריינד, וועלכער האט דארטען א מאל געוואוינט מיט א פאר מינוט שפעטער האט זיך דער בחור צוריקגעקעהרט מיט צוויי באגלייטער און איז באפאלען דער מרס. בראון, וועלענדיג אוועקרויבען די דיימאנד רינגס, וואס זי האט געטראגען.

מרס. בראון האט אבער אנגעפאנגען צו געבען קלעפ אויף צוריק און א דאנק איהרע קולות, זענען געקומען צולויפען שכנים, וועמעס ערשיינונג עס האט געצוואונגען די באנדיטען צו מאכען פליטה.

באנדיטען באראובען ארבייטערס ווידזשעס.

אלברעכט סילי און הענרי יוהז, וועלכע לאזשירען אין 61 גרינוואוד עוו. האבען פרייטאג 9 אזייגער געקריגען זייערע ווידזשעס פון דער פישער באדי קאמפ. און ווען זיי האבען שפאצירט אויף דער 6-טער סטריט, נעבען נאבעל סטריט, איז א מאסקירטער באנדיט זיי אנטקעגען געקומען מיט א רעוואלווער און גערויבט פון זיי $120 און פון יוהז'ן $84.

פאטראלמען טשארלס האל פון בעטהון סטיישאן, האט פרייטאג אווענט שפאצירט אויף קארנער הארפער און הווארד און דערהערט די קולות פון א בלוטענדען מענשען, וועלכער איז נאר וואס באפאלען געווארען פון צוויי באנדיטען. דער פאליסמאן האט נעיאגט די באנדיטען לויפענדיג ער האט אויף זיי צוויי מאל אויסגעשאסען, אבער ניט געטראפען.

דער באראובטער מאן, וועלכער איז שטארק צוהרג'עט געווארען פון די באנדיטען איז געווען אללי ליסלי פון 150 הארפער עוו. זיי האבען פון איהם צוגענומען $20 און גאלדענעם זייגער.

Public Library Apr 42nd and 5th Ave.

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארטזעצונג)

און ס'שטעלט זיך איהם פאר א בילד ווי אט האט ער פאר מרים'ן זיין ביטער הארץ אויסגערעדט און זי פאלט איהם אויפ'ן האלז, ווי א מוטער און זי באַרוהיגט איהם און זאגט איהם צו אז זי וועט איהם העלפען; זי וועט זיין די שדכן'טע.

ער איז זיכער אז אזוי וועט דאס זיין, מיט אזעלכע גליקליכע פאנטאזיעס איז נייטאן ארומגעגאנגען דעם גאנצען טאג, יענעם זונטאג ווען ער האט זיך באקענט מיט מרים'ן.

ער האט שוין נישט געוואלט געהן אויף זיינע אוראקען. נור איז נאכדעם אריין צו זיך אין צימער, האט זיך א ווארף געטאן אויף דעם געלעגער און גענומען פאנטאזירען, פון דעם גרויס גליק וואס איהם שטעהט פאר דורך דער באַקאנטשאפט מיט מרים'ען.

ער האט זיך אליין א קאמפלימענט געמאכט דערפאר וואס איהם איז איינגעפאלען אזא וואוזשנער געדאנק נישט צו געהן היינט אויף די אוראקען און זוכען מרים'ס באקאנטשאפט.

די שרייבערישע פאנטאזיע האט איהם גענומען מאהלען גליקען, אויסגעצייכנעטע פון זיינע פאנטאזיעס האט ער זיך ערשט אויף מארגען.

(דרייצענטער קאפיטעל)

ווי א יון אין סוכה

חנה האט שטארק נישט געוואלט רעדען וואס נייטאן איז צו זיי געקומען אום זונטאג. זי האט תמיד בעדארפט זיך קלאגען פאר מערי'ן אז זי האט נישט מיט וועמען א ווארט אויסצוריידען און אז מערי פלעגט זי מסור'ן; ווארום זי געהט נישט אין פארק, האט זי בעדארפט האבען א תירוץ אז זי האט נישט מיט וועמען צו געהן.

אום זונטאג האט זי צייט מעהר צו פיעטשען ? ך פאר מערי'ן, האט מעהר צייט געהאט צו באקלאגען זיך, איז אט האסטו דיר: „טשארט נאסטי פריניאס". ויבא המן — ער (אט דא) טאמער וייסטו ווער עס האט נאך איהם גע־שיקט".

וואס לענגער ער איז געזעסען ביי זיי אין צימערל און וואס מעהר מרים האט מיט איהם פארבראכט אלץ מעהר איז חנה אויפגערעגט געווארען און ווען זי זאל נישט מורא האבען פאר דער שוועסטער וואלט זי איהם אנגענומען ביי דעם קאלנער און וואלט איהם ארויסגעווארפען, חנה האט געזאטען פאר כעס. עס האט זי מיאוס'דיג פארדראסען.

אזא פריטשעפע.

און זי האט דאך איהם פארזאגט אז ער זאל זונטאג נישט וואגען ווייער שוועל אריבערצוטרעטען, ווארום וועא איז ער געקומען? ווארום האט ער איהר פריהער ניט געזאגט אז ער וויל קומען זונטאג.

ווען ער האט ענדליך זיך אפגעזעגנט און איז אוועק, האט חנה א זאג געטאן צו מרים'ען: „נו, ווי געפעלט דיר דער ראזיגער פריטשעפע? א מענש נודיעט דאס אן!"

מערי האט זיך ברוגז אומגעקוקט צו חנה'ן און האט אין א בייזען טאן גע־זאגט: — „זיי דאך נישט קיין נאר, חנה, ער איז א גאנץ וואוילער בחור, א קענער, א אינטעליגענטער יונגערמאנטשיק. דו קענסט נאך נישט אמעריקא און דו ווייסט דערווייל נישט אז אזעלכע יונגע לייטלעך וואלגערען זיך דא ניט אין די גאסען".

— א טייערע מציאה — האט חנה צו להכעיס'דיג געזאגט — א וואושנער יונג־ערמאן. ער איז דאך אזא נאר, אזא בהמה. און דערצו א גודניק, מאמעלאך!

ביידע שוועסטער האבען זיך נאך לאנג געהאמפערט איבער נייטאן'ען און איינע האט דער אנדערער נישט געוואלט נאכ־געבען.

פאר מערי'ן איז דאס א נייעס געווען, קיינמאל האט עס נישט געטראפען אז חנה זאל זיין אזוי איינגעשפארט און נישט וועלען נאכגיבען אדער זאל ריידען צו איהר אין להכעיס. קיינמאל נישט. תמיד פלעגט חנה מסכים זיין מיט אלץ און אלעם וואס מערי זאגט.

די בעל הביתטע ביי וועלכע זיי זענען געשטאנען, פלעגט פאר מערי'ן אלע זונ־טאג ציקאנען חנה'ן: אויסדערצעהלען ווי אזוי אונהעפליך זי רעדט מיט איהר, ווי אזוי זי לאכט אפ פון אהר, ווי אזוי זי טוט איהר אויף צו להכעיס די גאנצע וואך.

מרים האט דאס אנגענומען פאר קאפ־זיך גערעכט אז איהר שוועסטערל איז נאר א דיימאנד, אז זי טאר זיך דאך גאר נישט אויפרעגען. דער דאקטאר האט לאך איהר בפירוש פארזאגט רוהיג צו זיין, נישט רעגען זיך.

— טאקע, זי רעגט זיך טאקע נישט אויף — זאגט די בעל הבית'טע — זי עסט זיך, חלילה נישט אפ דאס הארץ, נור זי צעזעצט יענעם די גאל.

מריר האט דאס אנגענומען אר קאפ־ריזען. זי מוז געבעך זיצען א גאנצען טאג אליין — פלעגט מרים פארענטפערען די שוועסטער — האט נעבעך נישט מיט וועמען א ווארט אויסצוריידען. דערצו איז זי דאך נעבעך קראנק. נו, רייסט זיך ביי איהר ארויס דער ארדרוס, אז זי וועט געזונד ווערען וועט זי זיך פאלקאם אויס היילען — טרייסט זיך מרים — וועט זי בעסער זיין. זי איז דאך אזא גוטע נשמה.

פונדעסטוועגען פלעגט זי איהר מוסר'ן.

— ע, חנה, אזוי איז נישט שעהן. די מיסעס פינקעל איז עלטער פון דיר. זי האט שוין אזעלכע קינדער ווי דו. מען דארף האבען דרך ארץ.

ווען דאס זאל איהר זאגען אימיצער אנדערש, נישט מרים, וואלט חנה שוין געוואוסט וואס צו ענטפערען, חנה דארף נישט געהן זוכען ווייט קיין ענטפערס אויף אזא מין מוסר, פאר מרים'ן אבער האט זי דרך ארץ, איהר וועט זי נישט ענטפערען, שווייגט זי.

מרים געהט צו און־גוט איהר מיט ליעבשאפט א פאטש איבער די ליפען.

— דו בעה, בעד גויה, וואס דו ביסט אז האסטו, געזאגט דער מיסעס פינ־קעל? אזוי זאגט מען אן עלטערען מענ־שען? שעהם זיך, שעהם זיך.

(פארטזעצונג פאלגט)

א גרויסער אויספארקויף

ביי פאנגט אן מאנטאג

איך מאך באקאנט צום געהערטען פובליקום פון דעטראיט דאס איך בין אויספארקויפען מיין גאנצען סטאק

קראקערי, אלומינום, גראניטווער און פענסי טשייני

אלעס, אלעס, מוז פארקויפט ווערען אין דער קורצער צייט פון היינט ביז דעם 1־טען דושולי. מיין ליסס געהט אויס און מיין געזונט ערלויבט מיר נים מעהר צו שטעהן אין ביזנעס, דעריום מוז אלעס פארקויפט ווערען צו די ביליגסטע פרייזען.

קומט וואס שנעלער פאר די בארגיינס. אלעס ווערט פארקויפט פאר א האלב פרייז.

מ. ב. שאפירא, 511 הייסטינגס סטריט, ביטווין אלפרעד און ברוסטער

זאגט אייערע פריינד וועגען דעם גרויסען סייל.

ניט אייערע קינדער א מאדערנע אידי־שע ערציהונג שיקט זיי אין דער מענ־דעלע פאלקס שולע 204 איסט הענ־קאק. עס ווערען געעפענט נייע קלאס־סען פאר אנפאנגערס, אויך שילער פיר די העבערע קלאסען, אין שולע לע־רענט מען אידיש העברעאיש. געשיכ־טע און ליטעראטור, די שולע איז אפען יעדען טאג פון 4 ביז 7 זונטאג פון 9 ביז 12.30

געלט קיין אייראפא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראפ איז דורך דער

פיפעלס רעליעף

וועלכע איז א ברענטש פון דער רושונט דיסט. קאמיטע.

די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.

פיפעלס רעליעף קאמיטע

490 הייסטינגס סטריט

קעדילאק, 2061

ראזענפעלד,ס
רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע באהאנדלונג.

30 מארבעל וואנעס — 2 כשרה מקוואות

שאור בעטהס — פרייע קאטס אויף צום רוהען

16 פריוואט רומס פאר יענינע וועלכע ווילען נעכטיגען.

א פראכטפולער לאנטש קאנטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקע צו יעדער צייט.

שוויץ פאר פרויען יעדען מיטוואך, מיט דער מיטווירקונג פון אן עקספערט מאסאזשיסטקע.

1846 אלפרעד סטריט, ניער אנטאיו, טעלעפאן טשערי 6190 דאבליו.

CLASSIFIED

דעטראיטער חסד של אמת פאר לאנגט א גוטען פעהיגען קאלעקטאר זאל נישט זיין פרעמד מיט דער ענגלישער שפראך. דער ריכטיגער וועט מאכען א שעהן לעבען. מעל־דען זיך צום סעקרעטער, 66 ברוס־טער סט. נאר פעהיגע זאלען זיך מעלדען.

א פאפ שאפ צו פארקויפען. זעהר גוט געהענדע ביזנעס. מוז פארלאזען צוליעב קראנקהייט. $8.000 קען דאס הענדלען. פרעגען אין „וועג" באקס 34.

א בעל קוראה פארלאנגט אין קאנ־גרעגיישאן בני יעקב, 152 איללינאיז סט. פרעגען אין קאנגרעגיישאן.

צו פארקויפען א לאנטש טראק צו־זאמען מיט א גוטען איינגעטרייטען סטענד, אינקאם ביז $75 א טאג אור־זאכע א פרוי אליין און קען ניטאסטעג דען פרעגען; 186 בענטאן סט.

צום פארדענטען א רום מיט קיטשען פריווילעגיעס, מוז האבען איינענעם בעד־רום סעט. מיסטער העללער, 2028 ראססעל סטריט. (9

פוירניטשור צום פארקויפען מוז פארלאזען די שטאדט. נאכפרע־גען 175 קאלומביא, איסט. (10

צו פארקויפען א הארדוער סטאר מיט 6 רומס, אין א גוטען געגענד, 2 יאהר ליעס, אורזאכע: פארט־נערס קאנען ניט שטימען. פרעגען אין אפיס פון „וועג" (10

Real Estate

צו פארקויפען 2 פעמילי הויז, 6 רומס יעדע און א סינגעל גאראדזש די הויז איז געבילט מיט 3 יאהר צוריק. לייכטע צאהלונגען. א **בארגיין**, אלע אימפרואוועמענטס צוויי בלאק פון גרענד ריווער און פון גרענד בולווארד. פרייז: 13.000 $4.500 איינצאהלען, $125 רענט א מאנאט. רופט אפ: גארטוויי 2930 עם.

מאושען־פיקטשור אפרייטארס
לערנט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע וויידזשעס קוואליפיקיישא גאראנטירט.

Movie Operator's School
33 Sproat St

מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג: 7:30 אבענד.

— באקאנטמאכונג —

רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמופט פון 263 פארנסווארט
אין
140 טערבורי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

שעכטער'ס
דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך אפריכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.

די ריכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען

Frosh O. D.
אפטאמעטריסט

אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך"ס דזשועלערי סטאר.

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאל־גענדע ליינס:

קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, סויר־טענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענ־סי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בארעס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

פאר סמוקעו'ס מבינים

DURAND

האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע־מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה, נים האבען. פאדערט דו־ראנד ביי אייער דיעלער.

DAVIS CICAR MFG CO.

געמאכט אין דעטראיט.

פארד קארס
און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־קויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציין
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודוואדר
737 אוקלאנד עוו.

דר.
ה. סטאריקאפ
דענטיסט

דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.

490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאונטערס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געיוזטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד־לונג. 2 סטארס.

רעלייבל סטאר פיקטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עם.

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן מעין 4420

Bricker Bros
75 Grand River
Cherry 3718
FURS

איהר קענט איצט קויפען ספרינג פוירס אויך פויר קאוטס פאר פרייזען וואס וועט לען זיך דאובלען אין פאל סיזאן. קומט אריין און באקענט זיך מיט אונז

בריקער בראס.

רעוו. ל. ד. דייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן **סדור קדושין**
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עופרידענהיים.
511 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 דאבעליו

Vienna Sausage Mfg. Co.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages
Smoked & Pickled Beef Tongues etc.
1215-1217 S. Halsted St. — Chicago.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי און סאנס
בראדווי מארקעט

לאיער מתתיהו ליסס האט גע־עפענט א ברענטש אפיס פאר די אייזנ־דע'ר אין 325 וועסטמינסטער סט. טעל. העמלאק 533 דאבליו דאן טאון אפיס. 928 טשעמבער אף קאמערס בלדג. סטייט און גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978



ווילט איהר
סייווען
30 פראצ.?

ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאוום ראגס, בעדינגס, פאנאגראפס און לעמפס

— דאן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז קעש אדער קרעדיט

638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

ווילט איהר אייערע
טלעסער, שליסלען קארפענ־טער זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
סו קומט צו
מ. ראמנינט
245 מאנטקאלסט.

ווארע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

Hacks Spring Style Shoes
העק'ס ספרינג סטייל שיך

זיינען די העכסטע קוואליטי אין שיכווארג וואס מענשליכע הענד און מאדערנע מאשינערי האבען ווען געשאפען

הונדערטער מענשען פון אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט, בעוואונדערען מיט ערשטוינונג אונזערע 5 גרויסע שאו ווינ־דאוס מיט די פראכטפאלסטע סטיילס שוהס.

פאר מענער, פרויען און קינדער

וואס איז נאר ווען געציינגט געווארען אין דעטראיט. אונזערע שוהס זיינען אימער געווען אנערקענט אלס די בעסטע אין סטייל און קוואליטי, אבער דיעזען סיזאן איבערטרעפען זיי אלע ע־ווארטונגען. איהר מוזט זיי זעלבסט זעהן אום זייער ווערטה ריכטיג אב־צושאצען.

פאר מענער 5.00 ביז 18.00; פאר פרויען 5.00 ביז 16.50; פאר באיס 3.50 ביז 7.50; פאר גוירלס 3.50 ביז 10.00; פאר קינדער פון 75 סענט ביז 5.00 די פאאר.

The Store on the Corner that does Business on the Square

העק'ס שוה קא.

1045-1047 הייסטינגס סטריט — קארנער פארנסווארטה

מט. קלעמענס

זייט געזונט

און פארברענגט אייער זומער וואקיישאן אין מאונט קלעמענס, און אין שוין אין מאונט קלעמענס וועט איהר סטאפען אין

Elkins Hotel

100 רומס, דיינינג רום פאר 300 לייט, א רפואה פאר קראנקע, א פאר־גניגען פאר געזונטע.

ס'גיט נערגענץ אז איהר מיינט האט בען טוועלנדער צו זיין אין מט. קלע־מענס

ניו ווילא האטעל

ייעט אייך רעכענען $25 א וואך און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס קאנעקטעד מיט א פעסעדוש צו די פיאזא בעדער, שרייבט נאך איינצעל־הייטען צום פראפרייעטאר ה. קראוז.

ריווערסייד האטעל

(נעווזוענער פארק ענעקס)

מט. קלעמענס, אונגעאנגען רעמא־דעלירט, עפענט זיך 1־טען מאי. 150 רומס, דיינינג רום פאר 300, דאס אידעלסטע פלאץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע, שרייבט נאך איינצעלהיי־טען.

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

אלבאני האטעל

אין מט. קלעמענס, האט א נאמען פאר די לעצטע 20 יאהר אונטער דעם זעל־בען מענעדזשמענט.

מיר בעטען אונזערע קאסטומער און פריינד, צו קומען באזייטענס אייער דער סעזאן איז אין פולען גאנג, כדי מיר זאלען זיי קענען בעסערע בא־האנדלונג, שרייבט צו

ב. מאסקאוויץ

אייער פארלארענע געזונט

קריגט איהר צוריק, ווען איהר ענגט אין מאונט קלעמענס און סטאפט אין

גלענוואוד האטעל

קאנעקטעד מיט די בארימטע אליס־פיא בעדער, שעהנע, ליכטיגע, לופטיגע, פרישע שפייזען, מעסיגע פרייזען, א ספעשעל לאנטש און דעליקאטעסען סטאר, קאנעקטעד מיט די גלענוואוד, שרייבט נאך איינזעלנהייטען צו א. מאדער.

לעזט דעם „וועג"

מ. דייוויס

מ. האלפערין

גרויסער סייל

אויף פינף הונדערט סוטס און טאפ קאוטס

אן אפענער בריעף צו די דעטראיטער אידען

אויב איהר קענט ווזען פינף הונדערט סוטס און טאפ קאוטס ין די לייטעסט סטיילס און בעסטע וואארעס, וועלכע מיר האבען געקויפט פיר ספאט קעש, קענען מיר דאס אייך פארקויפען פאר דיזען זונטאג מיט 25 פראצענט ארונטער פון רעגולען פרייז. עס איז בלויז צוויי וואכען צייט צו שבועות. איהר דארפט נישט ווארטען אויף שפעטער צו קויפען געוה, איהר קענט זיך דאס פערגינען צו קויפען יעצט, אין אנפאנג פון זומערדיגען סיזאן און אין דער זעלבער צייט צו זיין געקליידעט נאך דער לעצטער מאדע און צו מעסיגע פרייזען. אויך אין יעדען איינעם גוט באקאנט די ארענטליכע באהאנדלונג וואס יעדער איינער קריגט ביי אונז אין סטאר, און דאס אונזערע סיילס זיינען אימער ראעלע. האפענדיג דאס איהר וועט ניט פארנאכלעסיגען די געלעגענהייט פארבלייבען מיר, אייער אימער אלט בעקאנטע פירמע —

ה. דזש. האלפערין

א. האלפערין

האלפערין בראס. ענד דייוויס

הייסטינגס קארנער אלפרעד

סוטס
40.00 האלאדיגע
45.00 האלאדיגע
50.00 האלאדיגע
55.00 האלאדיגע
60.00 האלאדיגע
65.00 האלאדיגע
70.00 האלאדיגע
75.00 האלאדיגע

25 פראצענט ארונטער

25

טאפ קאוטס
סייל פרייז 30.00
סייל פרייז 33.65
סייל פרייז 37.50
סייל פרייז 41.25
סייל פרייז 45.00
סייל פרייז 48.75
סייל פרייז 52.50
סייל פרייז 56.25

25 פראצענט ארונטער

100 פאליסלייט וועלען וואטשען די עליעס לויט דעם באפעהל פון דער באארד אוו העלטה

ועהט אז אייער יארד, עליע איז אויפגעראמט. מאכט אוועק מיט די אלטע ־אט קענס וואס פארשפרייטען קראנקהייטען, אייער שכן'ס גארבעדזש קענס איז אייערע ביזנעס.

— דעטראיט קאנקריט גארבעדזש און אש רעסעפטעקעלס זענען רעקאמענדירט ביי דער באארד אוו העלטה און **וועלען געדויערן א לעבען לאנג.**

אויב איהר האט ניט קיין קאנקריט רעסעפטעקעל קענט איהר העלפען דעם שטאטישען קעמפיין דורכדעם וואס איהר וועט קויפען איינע. רופט אפ: וועסט 2287.

אויב איהר האט שוין איינע, איז דאס אייער פליכט צו רעדען מיט אייער שכן אז ער זאל קויפען א קאנקריט רעסעפטעקעל.

היט זיך פאר נאכגעמאכטע.

א נאכגעמאכטע באצאהלט זיך קיינמאל ניט, אפילו ווען דאס קאסט א ביסעל ביליגער.

דעטראיט קאנקריט רעסעפטעקעלס זענען פאטענטירט און וועלען געדויערן **א לעבען לאנג**. דאס איז די בעסטע אורזאכע פאר וואס עס לוינט זיך בעסער צו קויפען די ריכטיגע.

נעהמט ניט קיין קאנקריט רעסעפטעקעל וואס האט נאך ניט אויף זיך דעם סטעמפ: **דעטראיט קאנקריט רעסעפטעקעל קא.**

The above picture portrays attractiveness, neatness and cleanliness.

Every home and apartment should beautify their premises by installing a Detroit Concrete garbage or ash receptacle. They are approved by the Board of Health and guaranteed to last a life time. Call West 2287.

Detroit Concrete Receptacle Co.

Factory 0nd Salesroom
1303 Michigan Avenue
Phone West 2207

Agent
H. M. Kaufman
Melrose 3595 W.

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by DER WEG PUBLISHING COMPANY INC.

347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715

J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.

B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office. Detroit, Mich.)

Subscription-Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

דער ציוניזם אין דעטראָיט

מסתמא איז די רעדאקציע פון „וועג“ נישט דער ערשטער פונקט, וואוהין עס זיינען זיך צוזאמענגעקומען ביידע ערליי צדדים פון די היגע ציוניסטען; נישט דער ערשטער פונקט וואו די צוויי ערליי פארשארפטע שיטות פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם אין דעטראָיט האבען זיך צוזאמענגע־טראָפען און דורכגעם געגעבען דעם זייטיגען מענשען א געלעגענהייט אפצושאצען און צו באשטימען וועלכע עס זיינען די טרעגער פון דעם דעט־ראָיט'ער ציוניזם.

ביי דער קאנפערענץ, וואס איז פארגעקומען דאנערשטאג אבענד אין רעדאקציע פון „וועג“ זיינען אנוועזענד געווען די פארשטעהער פון די יונגע ציוניסטען (יהודה הצעיר, מאקאבעער און צעירי ציון) און דער פאר־וואלטער פון דעם היגען ציון דיסטריקט, דער מעהר ווייניגער געזעצטער, עלטערער, אדער — אנרופענדיג דאס קינד ביים ריכטיגען נאמען: — דער אָרטאָדאָקסישער, קאנסערוואטיווער ציוניזם.

וועגען דעם לעצטען — דעם ציון דיסטריקט — וואלט כדאי געווען דא צו באמערקען, אז ער איז נישט לאנג צוריק ריארגאניזירט געוואָרען. ביז מיט עטליכע וואכען צוריק האט דער דיסטריקט אין דעטראָיט כמעט אויפגעהערט צו עקזיסטירען. ארויסגעוואקסען פון דער צעפאלונג פון'ם דיסט־ריקט איז אונז אויסגעקומען צו הערען פון בלויז איין צד. דערפאר וועלען מיר זיי דא פארביי געהן.

א פאקט תּליבט, אז דער ציוניסטישער דיסטריקט אין דעטראָיט איז געשטאנען אויף משקלות, אדער געווען אין א נאך ערגערען צושטאנד.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע פון ניו־יארק האט דאן באפאלמעכטיגט דעם באוואוסטען פובליציסט, אדוואקאט לעאן זאלאטקאָף, גוט באקאנט, אויך אלס פּראקטישער און איבערגעגעבענער ציוניסטישער עסקן, איהם האט די הויפט ביורא באפאלמעכטיגט צו קומען קיין דעטראָיט און צוריק אר־גאניזירען דעם דיסטריקט.

ה' זאלאטקאָף האט אויף דיזער ארבייט אפגעגעבען וואכען און טאָקע חדשים צייט. בוז איהם איז געלונגען אויפצושטעלען דעם דיסטריקט אויף א פונדאמענטאלען באזיס, צוציהענדיג די בעסטע קרעפטען און די פראָ־מינענטסטע פערזענליכקייטען פון דעטראָיט. מפיס זיין די אלטע, די גע־וויזענע מתעסקים פון דעם פריהערדיגען דיסטריקט און אויף אזא אופן עקזיסטירט איצט אין דעטראָיט דער דיסטריקט. מר. זאלאטקאָף איז נאך אליין אין דעטראָיט און מיט איטליכען טאג פארפעסטיגט ער איהם און פארשטאַרקט איהם.

דאס איז בקיצור די געשיכטע, אדער דאס לעצטע בלעטעל געשיכטע פון דעם דיסטריקט.

אין דעם דיסטריקט זיינען פארטראָטען די פּני און טובי העיר. די שטיגע בעלי בתים, די רייכע, אמעריקאניזירטע אינטעליגענץ און זיי באַ־וואוסט זיינען דיזע מענשען אויסגערעכענטע, זייער יעדער שריט ווערט אנאליזירט און יעדער קלענסטער טאט ווערט פריהער באַ'חשבון'ט, איינגעמאסטען און באַ'ישוב'ט.

אין יענע קרייזען איז מען נישט ספאנטאן.

איהר קענט זיי אין אלעם חושד זיין, נאר נישט אין איבעראיילונג. אין כאפען זיך און אין ספאנטאנעם אויסברוך.

דער אידישער גאס, אין איבערהויפט דער אידישער יוגנד איז אזא מין הנהגה פרעמד און אפשטאל מאקע ווילד. דאס אידישע פאלק איז פון תמיד אן פאר'שם'ט פאר א „בהפזון'דיגס“. מיר ווילען זיך, מיר קענען ווארטען צוויי טויזענד יאהר אויף אן ערלעזונג און קענען קיין מינוט נים ווארטען ווען מען דארף עפּעס טאן אין גלות. אונזער גדולה איז איינגע־פרעסט און צעטראָטען געוואָרען. אונזערע נערווען געשפּאנט.

ווען אט די צוויי ערליי עלעמענטען קומען זיך צונויף, קען עס אהן רייבונגען נישט אדורכגעהן.

אזוי האט עס אויך פּאסירט אויף דעם מיטינג אין דער רעדאקציע פון „וועג“.

דער פארטרעטער פון די מאקאבעער, וועמעס נערווען זיינען אנגעצויגען און געשפּאנט, וועט קיינמאל נים אויסקומען מיט דעם פארטרעטער פון דעם ציון דיסטריקט, וועלכער איז שוין א היבש ביסעל אמעריקאניזירט איז מיושב'דיג און ווייס נישט ווילענדיג.

און דאך אזוי זיינען זיי זעהר און זעהר וויכטיג און נייטיג פאר דער זאך, וואס איז זיי ביידען ליעב. אהן דעם יונגען עלעמענט קען קיין באוועגונג נישט ארבייטען אייפעריג, אינטער דער ווארימקייט פון די יונגע עלעמענטען. מיזען די עלטערע געטריבען ווערען צו א מעהר אימ־פּולסיווער טעטיגקייט.

די יונגערע ווייעדער ווערען נים ווילענדיגערהייד געצוימט און גע־לאסענער.

מיט זייער גאנצער געגנערשאפט צו דעם קאלטען און ציפּיעל באַ־ישוב'טען דיסטריקט, האבען די יונגע פארטרעטער פון די יונגע ציוניסטען פאָהם איינגעשטימט צו געהן מיט'ן דיסטריקט האנד ביי האנד בנוגע דער געפלאנטער דעמאָנסטראציע. און מיט זיין גאנצער געגנערשאפט צו די יונגע און איבעראיילטע יונגע ציוניסטען, האט דער דיסטריקט פארט פאר־שטאנען, אז אום צו מאכען א זאך לעבעדיג און נשמה'דיג דארף ער האָ־בען די מיטהילף און ארבייט פון די יונגע ציוניסטישע ארגאניזאציעס.

און וועלען זיי ווייטער אזוי געהן האנד אין האנד וועט דער ציוניזם אין דעטראָיט ווייט גרייכען.

וועגען דער טענאַנטס ליעג

מען בעט אונז צו מאכען א וואָרימען אייפּעל צו די היגע טענאנטס זיי זאלען זיך קומען אנשליסען אן דער ליגע און ביייאהנען דעם היינטי־גען מאסמיטינג.

מיר מיינען אז דאס איז איבעריג.

מען דארף קיינעם נישט וואַרנען צו היטען זיך פאר א לויפענדער קאר און מ'דארף דעם עקספלואטירטען נים ראטען צו באפרייען זיך. יעדער ערוואקסענער מענש ווייס, אז ער אליין איז מחויב צו פארהיטען זיינע אינטערעסען.

די וואס ווילען זיך אנשליסען באלד אן דער טענאנטס ליעג, וועלען [illegible]

דער באַריכט פון מאַקס פּיין און ריכטער פּישער

בּז דער דזשאָינט דיסטריביושאן קאָמיטע וועגען דער לאַגע אין דער אָקופּירטער אוקראַינע

„די פּאָגראָמען זענען נאָך ניט קיין זאָך פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון פאַ־יִיז ביז קאַמענעץ פּאָדאָלסק הערשט די מיינונג, אז יעדע נייע אוקפּאציע פון אוק־ראַינע, יעדע ראַדיקאלע ענדערונג אין דער רעגירונג וועט ברענגען צו נייע אי־דען־שחיטות װאס וועלען מאַכען דאס פּאַרגאַנגענע יאָהר ניט מעהר ווי א פאַר־שפּיעל צו דעם, וואס קומט. אט די איינ־ציגע קענען זיין בלויז די גרויסע רעגי־רונג פון דער וועלט. וואס זאָלען געבען צו פערשטעהן די נייע רעגירונגען פון אוקראַינע, אז מען וועט זיי האַלטען פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר אַלץ, וואס דאָרט וועט פאָרקומען.

דאס איז דער שלוס, צו וועלען עס קומען די דעלעגאַטען פון דער דזשאָינט דיסטריביושאן קאָמיטע, מאַקס פּיין און ריכטער פּישער אין זייער באַריכט וועל־כער איז נאָר וואס אָנגעקומען צו דער דזשאָינט דיסטריביושאן קאָמיטע.

דער באַריכט הויבט זיך אָן מיט א קורצער געשיכטע פון די אידישע יסודים אין אוקראַינע ביז אבער דער רעוואָלוציע און דער אַנאַרכיע פון פאַרשיעדענע רעגירונ־גען, וואָס פלעגען געבוירען ווערען אי־בער נאַכט און באַנייען די בלוט־פּאָגראָ־מען און גזירות פון די, וואָס זענען געווען פריהער. ער דערצעהלט פון שטעדטלאַך וואָס האָבען געהאַט איבער זיך נישט ווענינער ווי 22 רעגירונגען, פון אידען האָס פון צושטערטען האַנדעל און פאַלקאָמען עקאָנאָמישען חורבען. ער געהט דאן איבער צו די פּאָגראָמען און דערצעהלט:

מיר האָבען וועניג דאָקומענטען פון די פּאָגראָמען, וועלכע זענען בּעגאַנגען פון דער אזוי גערופענער פריוואַליגער, אדער דעניקין'ס אַרמיי. אין דעניקין'ס טעריטאָריע האָבען מיר זיך נישט גע־קענט דורכרייסען. אבער פון די באַריכ־טען וואָס מיר האָבען געהערט, און די פאַקטען, וואָס זענען שוין אַלגעמיין באַ־קאַנט איז קלאָהר, אז די אידען־שחיטות אין יענער טעריטאָריע שטייגען איבער אַלץ, וואָס די מענשליכע פאַנטאַזיע קען זיך פאָרשטעלען. געוועהנליך רעדט מען פון צוויי הונדערט טויזענד דערהרג'עטע אבער עס איז זיבער, אז א העלפט פון דער צאָהל איז א יעקב, אדער אונדירעקט אויסגעשאָכטען געוואָרען. מיר האָבען קאָקרעטע באַווייזע פון דעם, וואָס איז געשעהען אויף דער טעריטאָריע פון פּעט־לוראַ'ס רעגירונג און זיינע אַרמייען.

זיין רעגירונג איז געקומען אין נאָוועמ־בער 1918 נאָכדעם, ווי די עסטרייכער זענען אַוועק און דער העטמאַן איז געפאַ־לען. די אידען פון אוקראַינע האָבען אויפגענומען זיין רעגירונג מיט אזא באַ־גייסטערונג און פּאַטריאָטיזם, וועלכע מען האָט קיינמאָל ניט געזעהן אין מזרח־אייראָפּא. עס איז גענוג צו ברענגען פּעטלוראַ'ס ווערטער אליין אין אן אינ־טערוויו, וואָס מיר האָבען געהאַט מיט איהם דעם 12־טען פעברואַר. די אידען האָט ער גענאַנט — זענען מעהרסטענס

אַנטי־באָלשעוויקעס און א באַווייז דערצו קענט איהר זעהן אין דעם, אז כמעט אַלע אידישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס זע־נען צוגעשטאַנען צו אונזער רעגירונג און האָבען פאַרשפּראָכען זי צו שטיצען“.

דעם 31־טען דעצעמבער 1918 איז דער ערשטער פּאָגראָם אונטער דער פיהרער־שאַפט פון פּעטלוראַ'ס און אַטאַמאַן דורכגעפיהרט געוואָרען אין דער שטאָדט אָוורוטש. גלייך נאָכדעם איז געקומען דער צווייטער פּאָגראָם אין זשיטאָמיר, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען דריי טעג, פון 6־טען ביז איבער'ן 9־טען יאַנואַר, 1919. פון דאן אָן האָבען זיך די פּאָגראָ־מען אָנגעהויבען מעהרען און מעהרען און זיי האָבען נישט אויסגעמיטען קיין איינ־ציגע שטאָדט, שטעדטעל אדער דאָרף אין אוקראַינאַ. עס איז באַקאַנט אז אין שטאָדט זענען פאָרגעקומען נישט וועני־גער ווי 30 באַזונדערע פּאָגראָמען. דער גרעסטער טייל פון זיי איז דורכגעפיהרט געוואָרען פון מיליטער מיט דער שטיצע און מיט דער הילף פון די פּויערים, אין כאַראַקטער זענען זיי געווען עהנליך איינער צום אַנדערען. עהנליך זענען אויך אומעטום געווען די סימפּטאָמען פון אָנקומענדען פּאָגראָם, וועלכע האָבען זיך געאַזט פיהלען מיט וואָכען פאָראויס די דאָזיגע סימפּטאָמען זענען געווען דייט־ליך און שאַרף און א דאַנק זיי איז פיעלע אידען געלונגען זיך באַצייטענס צו ראַ־טעווען.

אין א געניעס באַריכט, וואָס מיר וועלען שפּעטער צושטעלען, וועלען מיר ברענגען די פאַקטען וועגען יעדע שטאָדט און שטעדטעל באַזונדער, פון וועלכע מיר האָבען דאָקומענטען. בנוגע פּראָסקי־ראָוו שרייבט זיך אין באַריכט אזוי:

ניינציג פּראָצענט פון דער באַפעלקע־רונג אין פּראָסקיראָוו זענען אידען. שוין מיט א וואָך צוויי פאַר'ן 15־טען פעברואַר האָבען אידען געפיהלט, אז עס קומט אן א שטורם. דער מיליטערישער קאָמאַנדיר אין שטאָדט איז געווען אַטאַמאַן סעמעס־ענקאָ. אזוי שנעל ווי ער האָט איבער־גענומען די קאָמאַנדע, האָט ער אַנטוואָר־פען די סטודענטען־מיליציע, א אומ־פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אייפגעהאַלטען אָרדנונג אין שטאָדט. ווען די איינוואוינער האָבען פּראָטעסטירט, האָט ער געענטפערט, אז ער גלייבט זיך אויך צו ענטוואָפענען די זעלבסטשוץ. יענע האָט אָפען עקזיסטירט ביי די פריהערדיגע רעגירונגען. דעם 13־טען פעברואַר איז ארויסגעגעבען געוואָרען א באַ־פעהל, אז אַלע בירגער מוזען זיך ענט־וואָפענען. דאָס איז אַלע מאָל פאַרשטאַ־נען געוואָרען אַלס א סיגנאַל פאַר נאָכט אַבלאָוועס. מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען וועגען דעם, עס גרייט זיך א באָל־שעוויסטישער אויפשטאַנד. און אידען האָבען פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט.

פון די אַלע באַווייזען וואָס מיר האָבען געזאַמעלט בלייבט נישט ביי אונז דער מינדעסטער צווייפעל, אז ווען די פּעט־

לוראַ רעגירונג זאָל וועלען וואָלט זי אָדער געקענט די פּאָגראָמען אינגאַנצען פאַר־מיידען אָדער וועניגסטענס פאַרקלענערען דעם פאַרלוסט אין לעבענס און פאַרמע־געס אין יעדע פּלאַץ. פּאָלגענדער פאַקט קען, ריכטיג אַלס בייספּיעל פון דעם ווי די פּאָגראָמען האָבען געקענט אויסגע־מיטען ווערען.

אין בערדיטשעוו האָט מען ערוואַר־טעט א פּאָגראָם גלייך אזוי ווי אומעטום אין דער שטאָדט „גאָלאָווא דוד ליפּעץ, וועלכער איז בעסער באַקאַנט אין אַמעריקאַ אַלס דר. מאַקס גאָלדפאַרב, האָט זיך געווענדעט צו זיין רעגירונג אין קיעוו, אז מען זאָל עס פאַרהיטען. אז די רעגי־רונג האָט זיך ענטזאָגט אַדמיניסטרירען, האָט ליפּעץ גע'פּועל'ט וועניגסטענס, אז מען זאָל פון קיעוו טעלעפאָנירען אין דעם טאָג, וואָס איז באַשטימט געוואָרען פאַר'ן פּאָגראָם. אַלץ איז שוין געווען פאַרטיג פאַר דריי אזוינע ביי טאָג. 11 אזוינער אין דער פריה האָט דער קאָמענדאַנט גע־קראָגען א טעלעפאָן פון קיעוו מיט דער אָנזאָג אויב אַלץ איז אין אָרדנונג אין בערדיטשעוו. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, און קיין פּאָגראָם איז נישט פאָרגעקומען.

ווען פּעטלוראַ מיט זיין אַרמיי זענען צוריקגעקומען צו קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, האָט מען זיך אויך דאָרט געגרייט צו א פּאָג־ראָם. מען האָט יענע דעם געמאַלדען פּעטלוראַ'ן אַליין און ער איז אַרויס צו די סאָלדאַטען מיט א רעדע. ערקלערענ־דיג, אז קיין פּאָגראָמען דאַרף מען ניט מאַכען. ווייל זיי שעדיגען די רעפּוטאַציע דעם פּאָגראָם, וואָס איז שפּעטער דורכגע־פיהרט אין אוקראַינאַ אין דער וועלט. אין דעם פּאָגראָם, וואָס איז שפּעטער דורכגע־פיהרט געוואָרען פון די זאַפּאָראָזשעצעס אונטער פּאָלקאָווניק אַדאַמאָוויטשענקאָ זע־נען אומגעקומען בלויז 58 אידען און דער־פאַר איז געווען בלויז 15 מיליאָן רו־בעל. אין די אידען פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק האָבען זיך געשעצט גליקליך, וואָס זיי זע־נען א דאַנק פּעטלוראַ'ן אָפּגעקומען באַמש בילכים.

די רעגירונג וויים גענוי יעדער עס זע־נען שולדיג אין די פּאָגראָמען, אבער זי האָט נאָך נישט געטאָן זיי צו באַשטראָפען זעהר אָפט האָט די רעגירונג געהאַט ידיעות וועגען די פּאָגראָמען, וואָס גרייט־טען זיך, אבער זי האָט נאָך נישט געטאָ־ן זיי אויסצומיידען. פּעטלוראַ'ס מקור־בים וויען איהם פאַרטיידיגען דערמיט וואָס ער איז א שוואַכער מענש, אבער זיין שולד איז קלאָהר. סעמעסענקאָ, די בעסטע פון פּראָסקוראָוו צוזאַמען מיט צוויי אַנדערע אַטאַמאַנען, פּאַליאַנקאַ און בידענקאַ זענען געכאַפּט געוואָרען אין בען האָט זיי פאַר'משפּט צום טויט. פּעט־לוראַ האָט זיי אַלע דריי מוחל געווען און

זיי פריי געלאָזען.

אין וואָס איז אמת וועגען פּעטלוראַ'ן, איז אמת אויך וועגען אַלע אַנדערע אוק־ראַינער פיהרער.

אזוי לאַנג ווי דער פּאָגראָם בלייבט דאָס איינציגע מיטעל צו באַפרידיגען אַר־מייען, קען מען נישט האָפען, אז יענע וואָס נייטיגען זיך אין די אַרמייען, זאָלען אָפּשטעלען די פּאָגראָמען. אבער די ציוויליזירטע וועלט קען יאָ געפינען א מיטעל דערצו. די וועלט מוז געבען צו פאַרשטעהן די דאָזיגע פיהרער, אז זיי וועלען נישט אוועקגעהן אומבאַשטראָפט פון זייערע פאַרברעכענס. זאָלען די גרויסע רעגירונגען פון דער וועלט אָנגעה־מען א שטעלונג און קלאָהר מאַכען די פיהרער, אז מען וועט זיי האַלטען פאַר־אַנטוואָרטליך — און נייע קאַטאַסטראָ־פען וועלען אויסגעמיטען ווערען. אין דאָס קען דערגרייכט ווערען נאָר דע־מאָלט, ווען די פיהרער וועלען וויסען, אז קיין רעגירונג וועט נישט אנער־קענט ווערען, סיידען זי וועט באַווייזען, אז זי קען האַלטען דאָס לאַנד אין אָר־דנונג און איז פעהיג צו באַשיצען יענע, וואָס זענען שולדיג אין העצ־ערייער דורכפיהרען פּאָגראָמען.

א קורצער באַזוך אין דעם טייל פון דער וועלט לאָזט איבער דעם איינדרוק, אז אַלע כחות פון פאַרוויסטונג האָבען זיך צונויפגענומען כדי צו פאַרטיליגען דאָס ביסעל מענשען, וואָס איז דאָרטען געבליבען. שוין חדשים לאַנג אז דער טיפוס בישעוועט אין דער גאַנצער טע־ריטאָריע, באַזונדערס אין די גרעסערע צענטערס, צוזאַמען מיט'ן חרבנות, ווי די מלחמה מיט די פּאָגראָמען צוזאַמען. דער מאַנגעל אין שפּייז אין די אייזענ־באַהנען פון די נעגאָטען האָבען פאַר־קלענערט די ווידערשטאַנדס־פעהיגקייט פון דער באַפעלקערונג. אין די אַלע שטעדט, וואָס מיר האָבען באַזוכט. איז כמעט נישטאָ קיין איינציג הויז, וואָס זאָל נישט זיין געטראָפען פון דער מגפה. די שטאָדט פּאָלאָנאָיע האָט א אידישע באַפעלקערונג פון צעהן טויזענד, און די צאָהל טויטע פון דער מגפה, ווען מיר האָבען באַזוכט די שטאָדט, איז גע־ווען 15 א טאָג. אין יאַנואַר האָבען זיי גערינגערט א קאָמיטעט צו זאַמלען מיט־לען געגען דער מגפה. ווען מיר זענען אהין געקומען, דעם 9־טען מערץ, האָט נאָך דער קאָמיטעט נישט אָנגעהויבען צו פונק־ציאָנירען, ווייל פינף מיטגלידער זענען געלעגען קראַנק אויף טיפוס, איינער איז שוין געשטאָרבען, און ביי אַלע אַנדערע איז עמיצער געווען קראַנק אין דער פאַ־מיליע. דער שפּיטאָל אין פּראָסקוראָוו וואו עס איז קוים געווען פּלאַץ פאַר 30 פּאַציענטען, האָט געהאַט 50 קראַנקע, און די קינדער זענען געלעגען צו צווייען אין א

בעט. פון די 50 קראַנקע זענען צוויי נאָך אַליין געלעגען אויף די וואָגנעס, וואָס זיי האָבען געקראָגען אין פּאָגראָם, און 4 זענען געווען טיפוס־קראַנק.

דאָס שוידערליכסטע אין דער מגפה איז דאָס, וואָס זי אַטאַקירט אָם שאַרפסטען יענע, וועלכע וועלען זי באַקעמפען. פון די 32 דאָקטוירים אין פּראָסקוראָוו איז עוד האָבען 10 באַצאָהלט מיט'ן לעבען פאַר דער מלחמה מיט דער מגפה. דאָס בילד פון די פרויען מיט די אָפּגעגאָלטע שאַרבענס איז דאָס שרעקליכסטע. דאָס איז דער סימן וואָס זיי זענען די קראַנק־הייט איבערגעקומען. קיין קראַנקען־שוועסטער איז נישטאָ. און די פרויען וואָס זענען שוין אַליין איבערגעקומען די קראַנקהייט און פיהלען זיך זיכער, נעה־מען אויף זיך די ארבייט אין פיעלע שטעדט. די שפּיטאָלען האָבען נישט קיין בעטגעוואַנד און וועש און אין וויי־טער האָט מען דערינער געמוזט ערלויבען די קראַנקע צו ברענגען זייערע אייגענע בעטגעוואַנד. דאָס האָט אַריינגע־בראַכט נייע צרות און קראַנקהייטען אין די שפּיטעלער. קיין דיזענפעקציאָנס מיט־לען איז נישטאָ. די מגפה טרעפט אָם מערסטען די עלטערע. ביז 20 יאָהר איז דער פּראָצענט פון טויטע 1; פון 20 ביז 35 איז דער פּראָצענט 11; איבער 35 איז דער פּראָצענט פון טויטע 37. דאָס מיינט אז די מגפה נעהמט אוועק די עלטערן און לאָזט איבער די קליינע יתומים.

די געפאַהר פון טיפוס איז נישט די איינציגע. צוליעב דעם מאַנגעל אין שפּיטאָלען, אין הייזער, אין שפּייז, צו די פּאַציענטען, וואָס האָבען זיך אויסגעהיילט פון דער קראַנקהייט. אויף דער גאַס נאָך אָפּגעשוואַכטע ווייטער אין דאָ ווערען זיי א קרבן פון הונ־גער אין נייע קראַנקהייטען. שווינדזוכט, סקראָפּיל צווישען די קינדער, געדערמענטצינדונג און אַנדערע קראַנקהייטען, פאַרשפּרייטען זיך געפעהרליך. די דאָקטוירים זאָגען, אז א מגפה פון באָלעראַ. עס אין גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס די מגפה פּרשעוועט, וואונדער איז נאָר, ווי אזוי קענען זיך נאָך אַנדערע ראַטעווען.

די הייזער אין וועלכע די אידען וואוינען זענען צעבראָכענע חורבות מיט אַזוי פיעלע שמוץ אינווענינג, אז עס ווערט געפעהרליך אַריינצוקוקען. די קליידער וואָס זיי טראָגען זענען אויסגעריבען, צוריסען און ברודיג. איהר זעהט ווי די לייז קריכען אַרום איבער זיי. ווי ענטשלאָ־סען מיר זענען נישט געווען ציגעהן אין אזוי ענטום אהן שרעק, האָבען מיר געשייוערט קוקענדיג אויף די חורבות פון מענשען, וועלכע זענען אונז אין פיעלע שטעדט ארויסגעקומען אַנטקעגען, אזוי ווי עמי־צער זאָל אין פּאַראויס אָנזאָגען אונזער קומען. ווען זיי זענען פאַר אונז געשטאַנען אזוי אין זייערע שמאַטעס, הענדינג אין קראַצענדיג זיך, האָט זיך

(שלוס אויף זייט 5)

פון א בריעף קיין אמעריקא
פון גראף קאלי

ליעבער ברודער, צוואנציג דאלאר
האסט ארויסגעשיקט דער מאמע
דורך א באנק וואס זי געפינט זיך
ערגען ווייט אין יאקאהאמא..

אויך דאס געלד וואס פעטער ברוך
האט געשיקט דער מוהמע יוטע
מוז זי איצטער פאהרען זוכען
אין מאדריד צו אין קאלקוטא..

דורך די בענק אמעריקאנער
דאָרפסטו בר'דער, מעהר ניט שיקען
מוחל זיינען מיר די טובות
וואס זיי ווילען אונז באגליקען . . .

א, די בענק אמעריקאנער
פייערן אצינד יומי טובים..
און זיי וואקסען, חעבער, חעבער
דורך די הונגעריגע קרובים..

און זיי וויסען און זיך — ביזנעס!
ביזנעס, ביזנעס אהן אויפהער,
[illegible]

(„פאראווערטס“)

רוה און פרידען אויף דער וועלט!!
פון ישראלי

רוה און פרידען הערשט אויף דער וועלט!

נאר, די באלשעוויקעס שטערען..

א לייב מיט א שעפעלע פיטערען זיך אויף איין לאנקע און — גאט, ווי גרויס איז דיין וואונדער! — עס קומט דער לייב ארויס מיט גאנצע ביינער און דאס שעפעלע (ווער איז איהר) פיהלט די זיסע רוה פון איבּיגען פרידען, א דאנק די שארפע ציינער פון דעם לייב..

ס'איז מקוים געוואָרען א נבואה!

נאר ניט אויף די באלשעוויקעס!

דאס וואָרט פון גאט ווערט אפגעהיט — אזוי אפגעהיט, אז קיין איינער פון די מענשענקינדער וואגט ניט צו טרע־טען אויף די באבלוטע סטעזשקעס פון זיינע וועגען..

און עס קאנפערענצעוועט די „וועלט“ און איין „אגודה“ פון „פיער גרויסע“ אויף וועלכע עס רוהט שטארק דער גייסט פון שלום אזוי שטארק, אז זייע־רע נשמות זענען אויש פארגליווערט פון דער גרויסער רוה, וואס דער גייסט האט אויף זיי..

נאר די באלשעוויקעס שטערען די רוה!...

[illegible]

און וואויל איז דעם דור, וואס האט עס דערלעבט!

און נאך וואוילער איז צו די וואס האבען אונטערגענומען דעם קרייץ צוג פון רוה און פרידען איבער גאר דער וועלט!

באלד־באלד, און די וועלט וועט זיין פאלשטענדיג אויסגעלייזט!

און קומען וועט דער סוף צו די באל־שעוויקעס!

זייט געטרייסט, א, מענשענקינדער! שרעקט זיך איהר באלשעוויקעס! —

פוילען איז געוואָרען דער וואוגנאדר פון רוה און פרידען און ארדנונג.

און צוליעב דעם זכות פון פראנק־רייד'ס געלד און ענגלאנד'ס אמוניציע וועט אין גיכען קומען די ישועה און פארטיליגט וועלען ווערען די זינדיגע באל־שעוויקעס, אויף וועלכע עס רוהט נאך ניט דער גייסט פון שלום און זיין גלא־ריע..

און רוסלאנד וועט זיין אויסגעלייזט!

און דאן וועט אוקראינע, א „באפריי־טע“ א „דערלייזטע“ פרעגען איהר פוי־לישען באפרייער:

— וועלמאזשני פאן, מיט וואס זאל [illegible]

מירט ווערען אלס ברודער צו גאט'ס זין און גלוים וועט ווערען דער נאמען פון פוילען — „די באפרייערין פון אוקרא־נא, די רעטערי פון רוסלאנד און די גא־זיענערין פון דער וועלט־געפאהר — באל־שעוויזם“..

א גרויסע צייט!

א גליקליכער דור!

פון מזרח און פון מערב פון צפון און פון דרום קומען אן פרעהליכע בשורות פון „איביגען פרידען“ אויף דער ערד.

מען דארף נאר פארטיליגען די רוסישע באלשעוויקעס, און אלעס וועט זיין גרייט פאר משיח'ן!

אין דייטשלאנד ארן רוהיג; אויף די גאסען פון פאריז — שא... שטיל, אין אירלאנד קושט מען זיך פאר ליעבשאפט; אין מעקסיקא הערשט פאלשטענ־דיגער פרידען; אין שפאניען איז אלעס איינגעארדנעט און זיכער; אין איטא־ליען איז דער טראן פון וויקטאר עמא־נועל באפעסטיגט שטאל און אייזען און ביי אונז אין אמעריקא זענען ארבייט און קאפיטאל צונויפגעבונדען ווי א „ליעג אף נעשאנס“ וואס האלט זיך

[illegible]

א גרויסע צייט!

א גליקליכער דור!

דינים ומשפטים

תשובות וועגען געזעץ, געשריבען פאר די לעזער פון „וועג" פון די צוויי לאיערס:
י. ר. לימאן, און מ. י. ליסס

1

מעגען ערשטע קאזינס געזעצליך הייראטען אין מישיגען? וואו איז דער נאהענסטער פלאץ פון דעטראיט וואו קאזינס מעגען געזעצליך הייראטען? אויב קאזינס הייראטען אין א פלאץ וואו זיי קענען געזעצליך יא הייראטען, איז זייער חתונה געזעצליך ווען זיי קומען אין א פלאץ וואו קאזינס קענען נישט געזעצליך הייראטען?

אן אינטערעסירטער

ענטפער:— ניין, אין מישיגען קענען קאזינס נישט הייראטען געזעצליך. ווינדזאר קענעדע איז דאס נאהענסטע פלאץ וואו זיי קענען הייראטען געזעצליך און דאן איז זייער הייראט געזעצליך אין יעדען פלאץ.

2

איך וואלט געוואלט יעצט ווערען אין אמעריקאנער סיטיזען, מ'האט מיר געזאגט דאס איך מוז האבען צוויי עדות וואס קענען מיך 5 יאהר. כ'האב 3 יאהר געוואהנט אין ניו-יארק און צוויי יאהר אין דעטרויט. ווי אזוי זאל איך זיך נוהג זיין?

א הינגער.

ענטפער:— אין אזעלכע פעלע מוז מען האבען פיער עדות: צוויי אין דעטראיט און צוויי אין ניו יארק. די ניו יארקער עדות וועלען מוזען פערזענליך צו א נאטארי פובליק, אנגעשטעלט פון דער רעגירונג, ווי שטעלט מען די פראגעס און נאכדעם שיקט מען דאס אפ צום קוארט, וואו דער אפליקאנט פארלאנגט סיטיזענשיפ.

3

ווערטהע לויערס:— אין די לעצטע 5 מאנאטען האט מיין לענדלארד מיר געהעכערט רענט פון 35 צו 60 דאלאר, יעצט האט ער מיר אנגעזאגט דאס נעקסטען חודש וועל איך מוזען צאהלען 75 דאלאר. וואס זאל איך טאן?

חיים שטיינבערג.

ענטפער:— רב קרוב, צאהלט ניט די העכערונג! אידער א לענדלארד קען העכערען רענט מוז ער געבען 30 טעג געשריבענע נאָטיס. קיין נישט געשריבענע נאטיס איז נישט גילטיג.

4

מיין זוהן 22 יאהר אלט איז יעצט אין די הויז אף קארעקשאן פאדשיקט, ביי די לויטערינג עקט פאר ניינציג טעג, וואס איז א זיינס די לויטערינג עקט, און ווי אזוי קען מען איהם פון דארט ארויס נעהמען?

מרת גריי, ראסעל סט.

ענטפער:— די לויטערינג עקט איז אלאא אנגענומען געווארען ביי דעם מישיגען לעגיסלייטור אין 1917, דאס ווען יעמאנד טוט נאר נישט, און געפינט זיך אין עפענטליכע פלעצער און האט ניט קיין געלד מיט וואס א לעבען צו מאכען, דאן קען מען איהם פארשיקען אין פריזאן פאר 90 טעג. הייבאס קארפוס אין די סירקויט קארט וועט איהם פריי מאכען אין א פאאר טעג.

5

מיט עטליכע וואכען צוריק האב איך א דעפאזיט געגעבען אויף א הויז וואס איך האב געוואלט קויפען, מיר זיינען איינגענאנגען צו א לויער, דאס איז געווען אם זונטאג, מ'האט געשריבען א דעגוארען רעסיט. און אנשאט זונטאג האט מען אויף דעם רעסיט געשריבען מאנטאג. יעצט וואלט איך וועלען צוריק קריגען מיין דעפאזיט פון הונדערט דאל. קען איך דאס צוריק קריגען?

א לעזער.

ענטפער:— יא, א רעסיט אדער סתם איין אגריימענט געשריבען אום זונטאג, אפילו אז מ'האט דארט [illegible]געשריבען אן אנדער טאג און דייט נור אויב מ'קען מיט גוטע עדות איבערצייגען אז דאס איז געמאכט געווארען אום זונטאג, איז דאס ניט גילטיג און איהר קענט אייער געלד צוריק קריגען.

6

מיין מאן האט מיך פארלאזט מיט 3 קליינע קינדערלאך, שוין א יאהר, איך ווייס נישט וואו ער איז יעצט אדער וואו זיין געבויין געפינט זיך, איך וואלט וועלען קריגען א גט פון איהם און פטור ווערען פון א צרה. קען איך א גט פראצעס יעצט אנפאנגען?

ד. ב.

ענטפער:— ניין איהר וועט מוזען ווארטען פולע צוויי יאהר אידער איהר קענט אנפאנגען א גט פראצעס פאר דעזוירשאן.

ניט קיין פעקעדזש נאר א שפייז דרעפט

פון דער אמעריקאנער סטייט בענק, דעטראיט צו דער הואווער אדמיניסטראציע וועדער הויז אין פוילען, עסטרייך, אונגארן, דייטשלאנד און טשעכאסלאוואקיי. קיינע עקסטרא טשארדזשעס. בלויז 10 דאלאר פאר דיא שפייז וואס געפינט זיך איצט אין ווערהויז פון די אויסגערעכענטע לענדער. אידען קריגען אנשטאט בייקאן מאזולא אדער אן אנדער פעטס וואס איז פארעווע. זעהט זיך מיט מר. עלען אין דער



ORIGINAL NOT TRANSFERABLE – GOOD ONLY IF PRESENTED WITHIN 90 DAYS FROM DATE OF ISSUE

FOOD DRAFT

No. 0000

ADMINISTERED BY AND FOR THE PROFIT OF THE EUROPEAN CHILDREN'S FUND

To American Relief Administration Warehouse at Warsaw, Poland Date March. 17-1920

Please deliver on presentation to Mary Polkowski

Or his properly constituted representative One Packages

Designated as letter A Hereon, being the equivalent of $ 10#

IN CASE OF EMERGENCY WE RESERVE THE RIGHT TO SUBSTITUTE COMMODITIES OF EQUAL FOOD VALUE

A	B	C	D
24½ lbs. Flour 10 lbs. Beans 8 lbs. Bacon 8 cans Milk	140 lbs. Flour 50 lbs. Beans 16 lbs. Bacon 15 lbs. Lard 12 lbs. Corned Beef 48 cans Milk	24½ lbs. Flour 10 lbs. Beans 7½ lbs. Cottonseed Oil 17 cans Milk	140 lbs. Flour 50 lbs. Beans 45 lbs. Cottonseed Oil 48 cans Milk
$10	$50	$10	$50

American Relief Administration

THE AMERICAN STATE BANK OF DETROIT

DETROIT, MICH., U. S. A.

The Gift of John Polkowski

Address Detroit. Mich

Signature Fred W. Allen

THE COST OF THIS FOOD DRAFT AS SHOWN ABOVE COVERS ALL EXPENSE TO PURCHASER INCLUDING ANY BANKING CHARGES.



AMERICAN STATE BANK

115 GRISWOLD ST.
DETROIT, MICH.

דער באריכט פון מאקס פיין

(שלוס פון זייט 4)

אונז געדאכט, אזוי ווי מיר פיהלען אליין א „בייסעניש איבער"ן נאנצען לייב.

קיין בעדער איז נישטא. די מקואות זענען צעשטערט. אפילו מענשען פארמעגליכע האבען זיך שוין ווער ווייס ווי לאנג זיך נישט געוואשען. עס איז נישטא קיין זייף, קיין לייוועגד, קיין וועש איבערצוביטען, דאס אלץ וואס איז אונז נויטיג צו קעמפפען מיט דער מגפה, שוין נישט רעדענדיג וועגען די פשוטסטע מעדיצינען, אזעלכע ווי ריצען־אויל וואס פעהלט אויס. באטש די מגפה איז אן אלגעמיינע צרה, און טרעפט די גאנצע באפעלקערונג, אבער די אידען אלס די איינוואוינער פון די שטעדט און שטעדטלאך לידען פון איהר אם מעהרסטען. אמת אז דער קאמפף מיט דער מגפה דארף זיין א אלגעמיינער, אבער ווארטען אויף דעם אלגעמיינעם קאמפף וואלט געווען מערדעריך.

דער טייז אוקראיני, וועגבען מיר האבען באזוכט, געפינט זיך אונטער פוילישער מיליטערישער מאכט, וועלכע האט א געוזען אפמאך מיט'ן אוקראאינישען דירעקטאראט. עס ווערט גערעדט רוסיש אדער אוקראיניש, אבער דאס געזעץ דערישט נאך דאס רוסישע. נאטירליך, אז דאס העכסטע געזעץ איז דאס קריגס־געריכט. מענשען ווערען נישט ערלויבט צו פאהרען פון איין שטאדט אין דער צווייטער אהן א מיליטערישען ערלויבניש און קיין פארקעהר צווישען די שטעדט איז נישטא.

עס איז דא א געזעץ, וואס פארווערט ארייגצובריינגען אין שטאדט וואס עס איז איבער דריי פוד. דאס גיט יערען סאלדאט א מעגליכקייט צו רעווידירען יעדען איינעם, און דעם רעזולט דערפון וועניגסטענס פאר אידען, קען מען זיך לייכט פארשטעלען.

פארשטעהט זיך, אז וועגען האנדעל אינטער אזעלכע אומשטענדען איז נישטא וואס צו רעדען. דער האנדעל מיט רוסלאנד איז טויט. און דער אינמעגליכער פארקעהר צווישען די שטעדטלאך אין אוקראינא שליעסט אפילו אויס א וועלבייטער און בעלי־מלאכות געהען ארום נעז עס איז לאקאלען האנדעל. די ארצהן באשעפטיגונג. אמאל האבען זיי זיך דערנעהרט פון די די רייבערע אידען, אבער אזוי ווי די מיטעלקלאס און דער „רייכע" געהען ארום אין שמאטעס, אהן שיך, און וואהנען אין חורבות בלייבט נאר נישט צו טאן פאר'ן שניידער, שוסטער, סטאליאר און אנדערע בעלי־מלאכות און די צאהל נויטבאדערפטיגע האלט דעריבער אין איין וואקסען.

די קולטורעלע ארבייט איז אפגעשטארבען. די שולען און חדרים זענען פארמאכט אומעטום, און אויב זיי וועלען ערגעץ יא אפען וואלט גלייבער געווען צו פארמאכען, זיי, ווען נישט דאס ביסעל זופ וואס די קינדער קריגען דארטען. דאס גרעסטע וואס א לעהרער באקומט איז 400 רובעל (4דאלאר) א חודש, און אויב זיי פארלאזען דאך נישט זייער ארבייט, איז עס בלויז צוליעב זייער אידעאליזם.

מיט דער הילף די אמעריקאנער געלדער איז געלונגען אין איינינע פלעצער צו עפענען יתומים־הייזער. אבער וואס פאר א הייזער זענען דאס. אין איין אדער צוויי צימערען פון א קעלער וואלגערען זיך מעהר קינדער. ווי פיעל עס קען אריין, און די איבריגע שלאפען אין די גאסען, און די שולען צוזאמען מיט די עלטערע פרויען און מענער. די לעצטערע ווערען קראנק אויף טיפוס און ליגען דארט ביז מען נעהמט צו זייערע טויטע קערפערס, און די צאהר יתומים וואקסט יעדען טאג.

אין איינינע שטעדט זענען נאך דא מישב זקנים"ס וואס ווערען אויפגעהאלטען פון די קהלות. אבער דאס ווארט „הקדש" איז צו שוואך זיי אנצורופען. איהר קענט נישט מעהר ווי איין מאל געבען א קוק אהין און מוזט גלייך אנטלויפען. דער ריח פון דארט מאכט אייך צו ברעכען. די שמוץ קען מען באגרייפען נאר דעמאלט ווען מען זעהט עס. קיין אויפזעהער זענען דארט נישטא. די אלטע לייט דארפען אליין אויפהאלטען די הויז, און דער איינציגער העלפער איז דער מלאך המות. וואס קומט פארקלענערן זייער צאהל.

דער באריכט גלעהט איבער צו א רייע רעקאמענדאציעס פאר דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע וועגען דעם וואס עס דארף גלייך געטאן ווערען פאר אוקראינא און ענדיגט זיך מיט פאלגענדער ערקלערונג:

מיר ברענגען אייך א גרוס פון דאנקבארער אנערקענונג פון אונזערע אומגליקליכע ברידער. זייערע האפנונגען, תפילות און ברכות זענען אלע געווענדעט אויף די אמעריקאנער אידען. אויב די אידען פון אמעריקא וועלען פארשטעהן, וואס זיי האבען שוין געטאן און וואס זיי האבען נאך די זכיה צו טאן, וועלען זייערע אנשטרענגונגען זיין טויזענד מאל גרעסער. אויב מיר זענען ווערט די ברכות, וואס מיר קריגען, וועלען מיר פאר שטעהן, אז אונזער ארבייט האט זיך ערשט אנגעהויבען.

אכטונגספאל,

הערריי מ. פישער, און מאקס פיין.

The Dime Savings Bank

רעסורסען איבער $40.000.000

יוניטעד סטיטס דעפאז יטארי - מעמבער פון פעדעראל רעזערוו סיסטעם.

אמעריקאנער געלד קויפט אין יוראפ מעהר ווי ווען עס איז פריהער, אויב איהר ווילט העלפען קרובים אדער פריינד אויף יענער זייט ים וועט אונזער פארעין עקססטשענדזש דעפארטמענט איבערשיקען פאר אייך געלד ביי מייל אדער קייבעל פאר דעם בילינגסטען רייט.

The Dime Savings Bank Bldg.

מיין אפיס:

Griswold and Fort Streets

בראנטש אפיסעס:

1491 Woodward Ave.	1221 Jefferson Ave.	407 Gratiot Ave.
1306 Grand River Ave.	789 Woodward Ave.	418 Michigan Ave.
1475 Fourteenth Ave.	Broadway and Whit erell	591 Oakland Ave.
2324 Grand River Ave.	1381 Harper Ave.	Mt. Elliot and Davison

עת לעשות — צייט צו טאהן!

היברו האספיטאל אסאסיאיישאן

פארדופט א גרויסען

מאסמיטינג

אוטאפיא האלל

קארנער היי און הייסטינגס סט.

דינסטאג דעם 11טען מאי

8 אוהר אבענד

פאלגענדע רבנים וועלען אדרעסיר ען די פארזאמלונג: **רבי אישישקין, רבי תאומים** און **רבי אייזענמאן**

פאלגענדע דאקטוירים זיינען באהויפטראגט פון זייער ארגאניזאציע צו באטייליגען זיך אין דעם מאסמיטינג: **דר. נ. י. ארנסטאם, דר. ד. וויטהארן, דר. ו. ו. קאהן און דר. א. ע. בערנשטיין.**

קומט צום מאסמיטינג! העלפט בויען דעם אידישען האספיטאל אין דעטראיט!

א שנאָרעדיגער שבעות

וועלט בארימטע רוסישע וויאלאניסטען

צוזאמען מיט די דראמאטישע סאפראנא

וואַרליט פרענסיס

בראסקע

מיט אנדערע קרעפטען

זונטאג אבענט

דעם 23טען מאי

אין

לייבאר לייסעאום

אידא דיווינאף.

אקאמפאנירט ביי **סארא דיווינאף**

פאסט אויף פאר ווייטערדיגע אנאנסען.

צו אלע אידישע טענאנטס

אין דעם איצטיגען שווערען יקרות אויף לעבענס מיטלען וואו עס איז נעגוג שווער צו צאהלען דעם אזוי הויכען רענט האבען די לענדלארדס גע-מאכט א פארשווערונג אויף די טענאנטס און וויסען ניט פון קיין יושר, קיין מאראל. אלע לענדלארדס שטעהען פאראייניגט אין דער מגפה פון הויט־שינדעריי.

די טענענטס ליעג

געפינט דעריבער פאר וויכטיג צו ארגאניזירען אלע טענענטס און בלויז דורך איינינקייט וועלען די לענדלארדס איינזעהן אז עס מוז נעהמען א סוף צו דער הויכער רענט־מגפה.

א גרויסער טענאנטס מאסמיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

היינט זונטאג דעם 9־טען מאי 2.30 אוהר נאכמיטאג אין אוקלאנדער לייבאר טעמפעל, 93 דעלמאר עווענו.

זייט איהר א טענאנט, ווארט ניט ביז מען וועט אייך העכערען רענט אדער ארויסווארפען, קומט און שליסט זיך אן אין דער טענענטס ליעג.

אין פרינטינג שאפ פון „וועג"

פון א קארטעל

ביז

א גרויסע צייטונג

פון א הענדביל

ביז

א גרויסע בוך

ווערט געמאכט שנעל, גוט און צו מעסיגע פרייזען

וואַרט ניט ביז וואַנען די באָרד אוו העלט וועט אייך צווינגען צו קויפען א רעספטיקאל קויפט דאס גלייך אליין

קאָנקריט

נאַרבעדוש און אש רע-
ספעפטיקאלס
מאַנופעקטשורד ביי די

האוטאָן סעמענט באַקס קא.

820 לאַפאַיעט עוו. קאָר. 21טע סטר.

אינזערע באַקסעס זיינען ביליגער און בעסער פון אלע אנדערע באַקסעס גע-
מאַכט אין דעטראָיט. מיר האַלטען אונזערע רעספעטיקאלס דיזיינפעקטעט אזוי
אז קיין שום ריח קען זיך פון זיי ניט דערטראַגען און דאס איז די אורזאַך
וואָס זיי ציהען ניט צו קיין פליגען און מיקראָבען.

פרעגט אייער שכן, וועלכער האט שוין אזא רעספעפטיקאל

אייער נעקסטען אָרדער פיר א סעמענט נאַרבעדוש אדער טש באַקס באשטעלט
ביי אונז אין דערביי וועט איהר סייווען פון 3 ביז 15 דאל. אויף אייער אָר-
דער.

פעקטאָרי
820 לאַפאַיעט עוו
טעל. וועסט 2982

אינזער רעספעקטיקאַלס זיינען
אונטער דער אויפזיכט פון
דער באָארד אוו העלט

אגענטען
יאַפּפּעאָן טאַגערט
994 ענטווין סט.
טעל. נאָרטוויי 4194

וואַרט ניט ביז וואַנען די באָרד אוו העלט וועט אייך צווינ-
גען צו קויפען דעם סאָרט גאַרבעדוש באַקס. קויפט דאס באַ
צייטענס און פערמיידט טראָבעל.

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא-סלאָוואַקיע, עסטרייך, אונגאַרן, רומעניע, יוגא-סלאַוויע, דייטשלאַנד און אלע טיילען פון דער וועלט. פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאָהלונג.

שיפסקאַרטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער דורך גענעראל סטים שיף און געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

אויטאָמאָביל עקסידענט האָספיטאל

אויטאָמאָביל אייגענטהימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאַר, ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאַר ווידער ניי מאַכען.

פריימס, באַרעס, עקסעלס, פענדערס ווערען אויסגעגלייכט, געוועלדעט, געמאַכט ווי נייע אין גיענעמעלד.

רעדיאַיטאָרס פּעריכט און איבערגעבילד, אויך עקסטשענדזשעס

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 and 727 John R. St. Detroit, Mich

Glendale 7576

גאָמפּערס-עלען דעבאַטע דעם 28-טען מאי אין ניו יאָרק

טאָפּעקא, קען., מאי 6. — די דעבאַטע צווישען גאָווערנער עלען פון קענזעס און ס. גאָמפּערס, פּרעזידענט פון אמעריקען פעדערעישאַן אָף לייבאָר וועגען דעם קענזעס'ער אינדוסטריעלען געריכט־געזעץ, איז באַשטימט געוואָרען אויף פרייטאג, דעם 28טען מאי אין ניו יאָרק. יעדער פון די דעבאַטאַנטען קען אויספליי-בען 50 מינוט אלס רעדנער.

זענט איהר געווען זונטאג דעם 2-טען מאי ביי די שנאָרער?

טאָמער ניט מעג איך באַנג טאָן. **האָט איהר געהערט מאַלאָמוט'ס פּאָר-** טראָג איבער דער טהעמא "דאָס אידישע פאָלקס ליעד אין אלערליי צייטען" מעג איך טאָקע נאָך אמאָל באַנג טאָן.

זענט איהר געווען מיט זיי אין רעס-טאָראַנט, און פאַרבראַכט גאָר אזוי ווי שנאָרער קענען?

מעג איך ווידער אמאָל באַנג טאָן. דערפאַר קומט הײַנט אָבענד וועט איך קיינמאָל ניט באַנג טאָן.

לידיעס עקזילערי „מחזיקי הדת"

פון דער שוהל, 871 הייג עוו. מאַכט באַקאַנט, אז זי האָט געראַפעלט דעם זיל בערנעם לייכטער, געוואונען האָט מרס. קאַהן, 323 הענדריי סטריט.

דאָס געלט פון דעם ראַפעל געהט פאַר א ספר תורה פאַר דער שוהל.

טויבע פינעל, פּרעזידענט.

העלטה קאָמישאָנער בעט אי-דען צו העלפען דעם קלין אפּ קאַמפּיין

דר. ווען, דער העלטה קאָמישאָנער האָט די טעג אין א רעדע ביי דער באָארד אוו קאָמערס גערעדט וועגען דער וויכטיגקייט פון האַלטען ריין די שטאָד-טישע עלים, זייטיגע געסלאך און בעק-יאַרדס.

און איצטער הויבט ער אן אריבערצושפאנען די גרעניץ פון מעמפיס און ווילשטארט און אפילו אויסער זיין שטאאט (טענעסי). ער וויל זיי פארמעהרען אויך אין אנדערע שטאאטען.

עס ווייט מיט דיעזע סטארס זיין דאס איינענע ווי מיט די סטארס פון „אוידאיטע'ו“. זיי וועלען מיט דער צייט אריבערשפאנען אויך די גרעניצען פון די יונייטעד סטייטס און ארייננעמען אויך אין אנדערע לענדער.

ווארים דער עולם זאגט זיך תמיד אהין וואו עס האט איהם ביליגער.

און ביי היינטיגען יוקרות זענען אזאר־בע מינים קראמען טאקע מיין פאר די קונים.

די מבחים איז די ארטיקלען, וועלכע מיר טראגען, אדער די פראדוקטען וואס מיר עסען ... די הוצאות ... פארקויפען ... פראדוקטען.

... אויף די ארטיקלען און פראדוקטען גופא נאר אויף דעם פארקויפען די פראדוקטען.

דאס האט דער גרינדער פון די „פיגלי וויגלי סטארס“ פארשטאנען און האט אויף דעם דאזיגען פעלד שוין אויפגעטאן זעהר א סך.

קאנסטרוקטיווע הילף אין גאליציען

(שלוס אויף זייטע 4)

עס ווערען איינגעבראכט אין א גרעסערער צאל אין די איינזאהנער קענען דארט קריגען אלץ, וואס זיי ווילען. די שטיצע, וואס די רושאנט דיסטריבוציאן דארמיטע גים צו די קאאפעראטיווען, שאפט תיקון בר א מעגליכקייט אריינצוברענגען און שטעדטעל אלץ, וואס מען דארף, און צו פארקויפען עס ביליג. און דאס איז גילטיג נישט נאר בנוגע שפייז, נאר אויך בנוגע יעדער זאך, וואס איז נויטיג פאר האנדעל און אינדוסט־ריע.

די הילפס־ארבייט פאר שולען, חדרים, תלמוד תורה'ס, א. א. וו., איז פריהער פארבונדען געווען מיט שארפע רייבונגען צווישען די פארטייען, אזוי ווי די קינדער שולען ווערען אויפגעהאלטען פון פארטייען און יעדע פארטיי זוכט צו געבען די קינדער ערציהונג לויט איהר אייגענער אייפפאסונג, איז פריהער אנ־געקומען גאנץ שווער אנצופיהרען אן איינהייטליכע קולטורעלע טעטיגקייט. יעצטענס אבער באמערקט זיך אלץ מעהר הארמאניע און געגענזייטיגע פארשטענ־דיגונג צווישען די פארשיעדענע גרופען, און אויך די קולטורעלע הילפס־ארבייט ווערט אלץ מעהר צענטראליזירט.

אין דער מזרחי באוועגונג

אין לאנדאן איז לעצטענס אפגעהאל־טען געווארען א גרויסער מזרחי מיטינג. הרב דר. וו. שיינפעלד איז געווען טשער־מאן. הרב אפרים עפשטיין פון שיקאגא, וועלכער איז געווען איינער פון די דעלע־גאטען צו די מזרחי וועלט־קאנפערענץ, און האט באזוכט איניגע שטעדט אין פוילען, האט אפגעגעבען א באריכט אי־בער דעם פוילישען מזרחי. דער מזרחי דארט האט א גרויסע השפעה אויף דעם פוילישען אידענטום און דער מזרחי אי־דעאל האלט זיך אין פארשפרייטען.

מר. ל. לעווין־עפשטיין, דער ארויס־געבער פון „המזרחי“, האט מוסיף געווען אויף הרב עפשטיין'ס באריכט וועגען דעם מצב אין פוילען.

מר. א. גראספאגעל, פרעזידענט פון מזרחי אין פראנקרייך, בעריכטעט, אז די מזרחי ארגאניזאציע אין פראנקרייך איז באמת געגרינדעט געווארען בערך מיט א יאהר צוריק. „די שרעקליכע וועלט־מלחמה — זאגט ער — האט אפגעהאקט אלע פארבינדונגען צווישען די שטראס־בורגער אידען און די אידען פון סענט־ראל אייראפא און זיי האבען בשום אופן ניט געקענט קומען אין פארבינדונג. די אידען אין שטראסבורג האבען גע־קעמפט מיט אלע כחות אויפצוהאלטען דעם רעליגיעזען און נאציאנאלען גייסט, ...

פון דער אידישער באפעלקערונג, אלס א רעזולטאט האט זיך דארט געגרינדעט א מזרחי פאראיין. די תנאים זענען גע־ווען גאר ניט קיין גינסטיגע. דער האס צו די פרעמדע אידען איז געווען שרעק־ליך. די דארטיגע „אגודת ישראל“ האט אנטשעשלאסען אלע איהרע מעמבערס פון זייטשער אפשטאמונג. דער מזרחי האט נעקעמפט געגען אזעלכע ניט־ריב־טיגע מעטאדען. אלס א רעזולטאט צעהלט יעצט דער שטראסבורגער מזרחי שוהנע עטליכע הונדערט מעמבערס. דער מזרחי אין שטראסבורג האט ניט לאנג צוריק געגרינדעט א פאנד „עזרת אחים“, צו שטיצען די אנטלאפענע פון פארשיעדע־נע לענדער. דער „עזרת אחים“ שטיצט זיי אומעליקליבע מיט קליידער, עסען, וואהנונגען א. א. וו. ביז יעצט זענען שוין נעזאמעלט געווארען טויזענד פראנ־קען פאר דיעזען ליבטיגען צוועק.

דער מזרחי אין בעלגיען

דער מזרחי אין בעלגיען האט זיך עצטענס זעהר גוט אנטוויקעלט און איז זעהר טהעטיג. די מזרחי וועלט־קאנפע־רענץ האט אריינגעבראכט א לייעם שטראם פון לעבען. די הייפט ארבייט איז קאנצענטרירט אין אנטווערפען. די ארץ ישראל דעלעגאטען — דער חכם באשי בן ציון עוזיאל און הרב ר. ה. פישמאן פון יפו, האבען באזוכט אנטווערפען און האבען געדעדט אין א מאססמיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין דער „ראיאל ביודיש“. זיי האבען עהר שטארק באגייסטערט דעם עולם און פיערע מיטגלידער זיינען צוגעקומען צו דער מזרחי ארגאניזאציע. ספעציעל האט זיך אויסגעצייכענט הרב פישמאן מיט זיין באציהערענדע און באגייסטערענדער רעדע. זיינע ווערטער האבען געמאכט אזא איינדרוק, דאס אייניגע אידען האבען אפגעגעבען זייערע טייערע פער קרן ארץ ישראל. פיערע האבען זיך אנגעשלאסען אין די רייהען פון מזרחי.

אין אנטווערפען זענען אויך דא צווי יונגע אגודות, וועלכע צעהלען 120 חברים אין די אגודה „בנות ציון“ יוגענד צעהלט 70 חברות.

דער עולם האט די צווי דעלעגאטען ווארעם באגלייט ביז דער סטאנציע מיט א ווארמען „צאתכם לשלום“ און מיט העברעאישע נאציאנאלע ליעדער.

דער היינטער מערין האט באזוכט אנט־ווערפען הרב אבינדור עמיאל, אויף זיין וועג פון אמסטערדאם קיין פאריז. שבת האט ער געהאלטען א דרשה אין די שהל „מחזיקי הדת“ און באגייסטערט זיינע צוהערער. זונטאג האט ער געהאלטען א רעדע אין דער „רויאל בירודש“, זיין ווארעמע רעדע האט געמאכט א שטאר־קען רושם, און אלס רעזולטאט, זיינען צוגעקומען פיערע חברים צום מזרחי.

אויך מאנטאג האט ער געהאלטען א רעדע אין דער שוהל „שומרי הדת“ און אויך דיעזע רעדע האט געבראכט גוטע רעזולטאטען פאר דעם מזרחי.

פרייע לעסאנס אין וואס איהר ווילט

אין וועלכע אינדוסטרי, אדער ביזנעס נעם א שווארצען טענאנט, ער זאל פאר־ווענען אלעס. קענט איהר באקומען פרייע ער נאך אפגעשניטען די וואסער און איז איהר זאלט נים זיין, זאגאר פארמערי, לאזען דאס הויז. צו דעם נאטים האט

אונטערריכטונג און זיך פאלקאמענען אין אייער באזונדערען פאך. דיעזע אונטער־ריכטונג באקומט איהר אין דער לייב־רערי, וואו איהר האט אן אויסוואהל פון 576 פארשיעדענע געגענשטענדע, און עס איז נישטא קיין בעסערע מעטאדע צום לערנען ווי לערנען זיך אליין דורך ביי־כער.

די אמעריקאן לייברערי אסס'ן פון 24 וועסט 39טע סטריט פיהרט אן א קאמ־פיין פאר א גרעסערען געברויך פון די לייברערי, באזונדערס פון די יונגווארג, וועלכע געהן נאר וואס ארויס אין פעק־טארי, ביזנעס אדער אגריקולטור. זיי דארפען א מורה דרך און קיין בעסערער וועג ווייזער ווי דער בוך איז נישטא.

די ארגאניזאציע פיהרט אן א דרייוו פאר „ביכער פאר אלע“, פאר וועלכע זי קלייבט $2,000,000 צווישען לייברערי־ענס, לייברערי טראסטיס און פריינדע פון לייברעריס. מיט דיעזען פאנד וועט די ארבייט פארגרעסערט ווערען. אין דער זעלבער צייט מאכט די ארגאניזאציע א דרייוו צווישען די מאסען, צו באקענען דאס פובליקום וואס פאר א געוואלדיגע נוצען די לייברערי אפערט צו אלע וועלכע זוכען אינפארמאציע אין ביכער.

באקאנטמאכונג פון שלום עליכם פאנד

דער שלום עליכם פארים פאנד מאכט באקאנט דורך איהר פארטרעטער ה. טאלמאטש, דאס צולייב דעם גרויסען ערפאלג אויף סובסקריפשאנס פון איין זייט, און דעם נאך ניטשעדען מאנגעל אין פאפיער פון דער צווייטער, איז דעם אויסגעדרוקטען פאנד ניט געווארען אריבעציפירט אין צייט די 4טע פעריט פון די אויפגאבע. איצט אבער, אז די אגנ דאס ווי אלעמער נעענדערט יערען ... ביכער יערען טאג אין ... און ... אויך ניט ווי אין אנדערע שטעדט.

ארע די וואס האבען עפעס איינצוזע־צען נענען די טעכנישע פעדערען פון פאנד, ווי אויך די וואס ווילען זיך סאב־סקרייבען פאר די יעצטע סעריע, אין פאר ארע יוערה פון אונזער גרויסען דיכטער שלום עליכם ... זאלען זיך ווענ־דען צו אונזער אגענט

ה. חיים טאלמאטש
207 טרעמאנט סטריט
דעטרויט, מישיגען.

לענגלאנד געשטארבען פאר אפנעמיען וואסער פון זיין טעהנעט

דוד גרים אויפגעגעגן אויף דעם לענדארד, וויכאם רעגער, 46 יאהר אלט, איינגעטעמער פון א הויז אויף 65 ראסעל סטריט. וועלכער האט אפגעשניטען די וואסער פון זיין טענאנטס הויז, נאכ־דעם ווי ער האט איהם געהייסען זיך ארויסציהען פון הויז, איז אן אומבעקאנ־טער מאן איהם יעצטען שבת ביינאכט באפאלען מיט א מעסער און איהם גאנץ היבשלאך צושניטערט.

רינעירא האט געשיקט נאטים צו זיי־נעם טענאנט, דער זאל פאר־ווערען אלעס, זאגאר פארמעריי, לאזען דאס הויז. צו דעם נאטים האט ער נאך אפגעשניטען די וואסער און איז

שבת ביינאכט געקומען באזוכען זיין טענאנט, זעהן צו ער האט ברעה צו מו־פען. דוקא האט זיך דאמאלט אין הויז געפונען דעם ניגער'ס א פריינד, וועל־כער האט זיך געשטעלט קריגען מיט'ן לענדלארד און דאס האט געפיהרט צו דער שטעכעריי.

רונעירא געפינט זיך אין רעסיווינג האספיטאל. זיינע וואונדען זיינען ניט זעהר געפעהרליך.

ניגער געלינטשט פאר באליידיגען ווייסע פרוי

טעמפא, פלארידא, מאי 9.

אן אומבאקאנטער נעגער־פארטער, וועלכער איז ארעסטירט געווארען אויף א באהוידצונג, לעבען בארטאו, אויף דער באקאנטנגג פון א ווייסער פרוי, איז געב־טען אוועק געלינטשט געווארען פון א מאב, וועלכער איז אין אטאמאבילען נאכ־געפאהרען דעם שעריף מיט'ן ארעס־טירטען.

דער קערפער פון נעגער איז געפינען געווארען דורכגעלעכערט פון קוילען אויף דעם וועג אינם אכט מייל פון בארטאו, אויף א קארטע, וואס איז געלעגען לע־בען דעם דער'הרג'עטען, איז געווען אויפ־געשריבען: „דאס איז דער סוף פון יעדער נאר'ן באליידיגען א ווייסע פרוי“.

באקאנטמאכונג

בית הנוך הורדים מירושלים מאכט באקאנט, אז איהר אגענט משולח פאר דער וועסט, מר. בייניש ליב מאלייוואן, פארט יעצט ארים שיקאגא און אימגע־געגנד.

אייבער איהם איז קיינער נים איינסא־ריזירט צו קאלעקטען פאר דיעזען אנ־שטאלט. די רבנים זיינען געבעטען אויפ־צופאסען.

גבאי מיר מאנאווין
716 לעקארט עוו, בריקלין.

זאגט אפ 10 מיליאן דאלאר צו זיין ווייב וועלכע האט חתונה איפ'ן צווייטען טאג נאך זיין טויט

... מאי 10 ... איז איין באסטיראן וועלכער האט חתונה גע־האט מיט ... וועגען באסט'א ... אויף דעם צווייטען טאג נאך איהר ... טויט, ...

ד' יודיש'טע פון גריפינ'ס פארמעגען פון 10 מיליאן דאלאר.

דיזע ירושה איז היינט באקאנט גע־ווארען דורך די לאיערס פון דעם פאר־שטארבענעם, וועלכע האבען ערקלעהרט, אז אין דער צוואה זיינער זאגט גריפין'ן אפ זיין גאנץ פארמעגען צו זיין געוועזענער פרוי.

מר. גריפין וועט מאכען באלד'גט ווערען אין פאראסט היל, לעבען באסטאן אין מרס. באסטיראן'ס מוטער. יעצט איז

דער .לויה זיין די שטעל פארטרעטער'ין פון דער „אלמנה־כלה“.

אדווערטייזט אין „וועג“

סוירקער טהעאטער

504 היסטינגס סטריט — דעטראיט, מיש.

עדווין יא. רעלקין — פרעזידענט

נאר פיר 2 פארשטעלונגען

די באריהמטע אוקראינער טרופפע פון ניו יארק, אונטער דער רעזשי פון דעם בעוואוסטען ארטיסט **ד. מעדאוו** מיט דער מיטווירקונג פון דער בעוואוסטער זינגערין **סאלאוויאוו**

דינסטאג דעם 11־טען מאי 1920

וועט געשפיעלט ווערען

קאטארזשניק

אין 5 אקטען מיט געזאנג און טענץ

מיטוואך דעם 12־טען מאי, 1920

וועט געשפיעלט ווערען

ארימע שעפעלאך

צום ענד וועט איפגעפיהרט ווערען

ציגאנערשע ראמאנסען

פון ר. ס. סאלאוויאוו

בילעטען אין ארויסגעגעבען אין קאסע פון טעאטער.

אנפאנג 8.30 איהר אבענד.

אין פרינטינג שאפ פון „וועג“

פון א קארטעל
ביז
א גרויסע צייטונג
פון א הענדביל
ביז
א גרויסען בוך

ווערט געמאכט שנעל, גוט און צו מעסיגע פרייזען

א שנאָרערדיגער שבעות

וועלט באריהמטע רוסישע וויאלאניסטען

צוזאמען מיט די דראמאטישע סאפראנא

ווארליט פרענסים
בראסקע
מיט אנדערע קרעפטען
זונטאג אבענט
דעם 23־טען מאי
אין
לייבאר לייסעאום
אידא דווינאף
אקאמפאנירט ביי סארא דווינאף

פאסט אויף פאר וויכטידיגע אנאנסען.

אידישע גראסערי לייט אויפמערזאם

די היברו ריטייל גראסערי אססאסיאיישאן, וועלכע האט שוין יעצט א גרויסע מעמבערשיפ, מיטעט יעדען דינסטאג אוונט און פארהאנדעלט וויכטיגע פראגען.

קומט אללע צו אונזערע מיטינגס, אויף 228 וואטסאן סט. און העלפט אונז זיך ארגאניזירען אויף א מעכטיגערען אופן.

עס איז יעצט פאנגערס וויכטיג צו באטראכטען מיטלען ווי אזוי צו באהער־שען די קאנקורענציע פון די קריגערס, אטלאנטיק און פאסיפיק און די אנדערע גייסט סטארס, אויף דער איסט סייד.

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 139 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, P[illegible]

PRICE 2c. — DETROIT, MICH., Wednesday, May 12th 1920 Vol. 2, No 76 — מיטוואך, מאי 12, 1920

ענגלישע שיפען באמבארדירען רוסישען ברעג

סיטי קאונסיל ציהט צוריק אנגענו־מענע רענט־רעזאלוציע

ווי געמעלדעט געבטען אין „וועג", האט דער היגער סיטי קאונסיל לעצטען מאנטאג אנגענומען א רעזאלוציע, אויפ־צופאדערען גאווערנאר סליפער, ער זאל איינבערופען א ספעציעלע סעסיע פון לעדזשיסלייטשור, אום אנצונעהמען געזעצען געגען רענט פראפיטירונג, אבער געכטען זענען צוגעקומען די אלדערמען יווערמאן און קעסטעטאר, וועלכע זענען ביי מאנטאגדיגער קאונסיל זיצונג נים אנוועזענד געווען און האבען אנגענומען א נייע דיסקוסיע וועגען דער רענט פראגע, און עס האט זיך ארויסגעוויזען אז די אלדערמען וואס האבען מאנטאג געשטימט פאר דער רעזאלוציע, האבען פלוצלינג פרטה געקראגען און קאונסיל־מאן לאדזש איז געשטאנען דער איינציגער וואס איז געשטאנען ביי מאנטאגדיגען באשלוס.

קאנסילמאן וועינער האט אויפגעוויזען אז ס'איז פשוט א געפאהר צו באשטימען געזעצען געגען רענט פראפיטירונג, ווייל דאס וועט לויט זיין מיינונג ענטמוטיגען די היגע בירגער צו בויען הייזער.

„ווייל עס זאל געמאכט ווערען מעגליך פאר א טענענט — האט קאנסילמאן וועינער פארטגעזעצט — צו בלייבען...

דערנאך האט קאנסילמאן ברעדלי צו־געבאמיקעט אלעס וואס קאנסילמאן וועי־נער האט געזאגט און צוגעגעבען:

„עס וואלט געווען א גרויסער יושר אז די מילטי־ מיליאנערען פון אונזער שטאדט זאלען זיך נעהמען בויען נייע הייזער פאר די ארבייטער. אויב זיי זע־נען אזוי פאטריאטיש טא פאר וואס נעהמען זיי נים א פאר פון זייערע פיעל־פיעל מיליאנען צו אינוועסטען אין דער אויפבויאונג פון היימען פאר די רעמ־ראיטער איינוואוינער? דער פראגראם פון אונזער שטאדט פארוואלטונג זעהט אויס צו באשטעהן בלויז אין ענטמוטי־גען, אנשטאט אין אויפמונטערען. קיין קארי לייגט לאזט די שטאדט נים בויען און איצטער זעהט שוין אויס, אז די שטאדט האט בדעה נים צו לאזען בויען קיין הייזער אויך".

נאך דער דעבאטע איז באשלאסען גע־ווארען אויף א פארשלאג פון קאנסיל־מאן צוריקצוציהען די רעזאלוציע.

„די געזעצען פון מישיגאן סטייט, זע־נען היינט גינסטיגער פאר טענענטס ... אין די מעהרסטע שטאטען פון לאנד. האט גאווערנאר סליפער געזאגט — איינציגע זאך וואס דער לעדזשיסלייט־שור קען הייט מיין מיינונג טאן, איז צו פארלאנגען די צייט וואס עס נעהמט צו צווינגען א טענענט ארויסצוציהען. אזא פראיעקט וואלט נים געקראגען די צושטימונג פון די פארמער מיטגליעדער אין לעדזשיסלייטשור וועלכע זענען אין דער מאיאריטעט, ווייל די טענענטס איין די פארמס האבען היינט די גרעסטע פרי־ווילעגיען.

ארדער בני ברית פאדערט ספעציעלע געזעצען איבער רענט פראפיטירונג

דער אינדעפענדענט ארדער בני ברית האט לעצטען מאנטאג אנגענומען א רע־זאלוציע פאר א ספעציעלער זיצונג פון לעדזשיסלייטשור איבער דער רענט פרא־גע. אין דער רעזאלוציע פארשפרעכט אויך די ארדער...

גאווערנאר סליפער געגען ספעציעלע זיצונג פון לעדזשיס־לייטשור איבער רענט פראגע

לענסינג מאי 11 — גאווערנאר סלי־...

סטראשעט אנצוקלאגען „וועג" פאר לאיבעל

נעכטען אין דער פריה האט לאיער פריעדמאן אנגעקלונגען דורכ'ן טעלעפאן צום „וועג" און געלאזט וויסען אז ער גערט אנקלאגען די צייטונג פאר לייבעל דערפאר וואס אין פריינאגדינגען נומער איז ערשיענען א באריכט פון דער טע־נענטס ליגע, וואס פארטיידיגט די טע־נענטס, דורכדעם וואס זיי ווערען פון דער וועלבער ליגע ארגאניזירט.

לאיער פריעדמאן וואס האט זיין אפיס אין „דיים בענק בילדינג" האט אויך בא־מערקט אז ער וועט ארעסטירען דעם רע־דאקטאר פון „וועג".

ווי דער לאיער ערקלערט, האט זיי־נער א קליענט א לענדלארד „שטארק" געליטען דורך די ניעס און איבער־ וועט ער פאדערען 50 טויזענד דאלאר שאדענערזאץ.

אויף דעטראיטער גאסען

אויף דעטראיטער גאסען

מאדאם לאנטינע א'העין, 45 יאהר אלט פון 64 הייסטינגס סט. איז לעצ־טען מאנטאג דער'הרג'עט געווארען אין אן אוטאמאביל עקסידענט. אויף הייס־טינגס סטריט, קארנער דזשעפערסאן.

די פאליציי האט קוים נעכטען ביי'ם אויסגעפונען מים רענדיל א'העין, טאכ־טער פון דער דערהרגעטער פרוי, נאכדעם ווי פאליסלייט זענען ארומגעגאנגען א־בער גאנץ שטאדט זוכען איהרע פריינד, ווייל מען האט בשום אופן נים געקענט אויסגעפינען, ווער די פרוי איז. עס האט זיך דערנאך ארויסגעוויזען, אז מדא. א'־העין האט אויך געהאלטען אין ארומווי־כען איהר מוטער פון מאנטאג פאר־נאכט אן.

דער דרייווער פון'ם אוטאמאביל, וועמ־ענס נאמען איז ארעסטירט געווארען און אנגעקלאגט געווארען אין אונוויליגען מארד.

מיסטעריעזער טויט פון א היגער פרוי.

מאנטאג אוונט איז מדם. דזש. סנאי, 75 יאהר אלט פון 374 24־טע סטריט, איז געפונען געווארען באוואוסטלאז אויף פארטער סטרים און וועסט גרענד בול־ווארד.

זי איז אפגעפיהרט געווארען אין רע־סיווינג האספיטאל און איז אין איינינע מינוטען ארום געשטארבען.

די פאליציי וועט אנפאנגען אן אויס־פארשונג אין דער קייס, ווייל די אורזא־כע פון איהר טויט איז פאדעקט מיט א דיקען שלייער.

הונדערטער מענשען באגאב־טען דאס באפפען פון א גנב אין א סטאר

נאך א נייעס, וואס האט זיך אנגעפאנ־גען אין דעם גראונד פלאאר פון דער דזש ל. האדסאן סטאר, און איז געענדיגט געווארען אויף די טרעפ פון פערטען פלאר, איז טשארלס סיימאר, ארבער סמיטה, אדער גאטאוסקי, (ער האט יתרו'ת געמען) א באוואוסטער גנב ארעם...

האשה ברכה סאוואלקער ע"ה

די דעטראיטער חסד של אמת דרוקט אויס דעם גרעסטען בעדויערען אויף דעם פאטייסט פון מרס. ברכה סאוואלקער, וועלכע איז פרייטאג אבענד אין איהר וואוהנונג 197 קינג עוו.

די פארשטארבענע איז געווען איינע פון די ערשטע גרינדער און א טיכטיגע מיטארבייטערין פון חסד של אמת. זי האט אויך באלאנגט כמעט צו אלע דעט־ראיטער אינסטיטוציעס. איהר גאנצען לעבען האט זי געווידמעט לטובת הכלל און געשטיצט די ארעמע און עלענדע פון דעטראיט און אויך פון ארץ ישראל.

די קיך האט שטאטעפונדען זונטאג דעם 8טען מאי, 8 אוהר און איז געווען איינע פון די איינדרוקספאלסטע לויות, וואס דעטראיט האט אמאל בייגעוואוינט. אן אונגעהויערע גרויסער צאהל מענשען איז געקומען צו דער לויה אפגעבען דער פארשטארבענער איהר לעצטע עהרע, א חוץ דעלעגאטען פון פיעלע שוהלען און סאסייעטיס. הרב איישישקי, הרב טאומים, הרב אייזענמאן און אנדערע פריינדע האבען מספיד געווען דעם בר מנן. חזן מר. רייבלין פון אוקלאנדער שוהל האט געמאכט אן אל־מלא רחמים.

די פארשטארבענע איז באערדיגט גע־ווארען אויף דער סעמעטערי פון בית אברהם שוהל וואו זי איז געווען א מעמ־בער זייט די שוהל איז געגרינדעט געווא־רען — בגן עדן תהיה מנוחה ה.

מיר טרייסטען די אבלים און ווינשען זיי זאלען מעהר פון קיין צער נישט ווי־סען. „בלע מות לנצח".

די נפטרת איז לונט איהר צוואה אפ־געפיהרט געווארען צו איהר אייביגער רוה מיט דעם חסד של אמת פיונעראל מאשין, ווייל זי האט נישט געוואלט באַ־ריהרט ווערען מיט א קריסטליכען וואַ־גען.

די דעטראיטער חסד של אמת

„דאס ארימע שפעלע" היינט אין סוירקעל טעאטער

ענגלישע שיפען באמבארדירען רוסישען ברעג

לאנדאן מאי 11 — וואלטער תיום לאנג, דער ענגלישער ערשטער לארד פון דער ענגלישער אדמיראליטעט האט ער־קלערט, דאס די ענגלישע קריגס־שי־פען אין שווארצען ים וועלען פארזעצען צו באשיסען דעם רוסישען ברעג, ביז וואנען די באלשעוויקעס וועלען אויפהע־רען אטאקירען גענעראל ווראנגעלס אר־מיי אין קרים, מיט דער אויסזיכט צו דיסקוטירען באדינגונגען פאר וואפען־שטילשטאנד.

מר. לאנג האט צוגעגעבען אז די באמ־באדירונג שטערט דעם עקספארט פון רוסישע קריגס מאטעריאלען.

מאך צווישען פוילען און אוקראינע, וועל־כער איז אונטערגעשריבען געווארען איידער די לעצטע אפענסיווע האט זיך אנגעפאנגען, גיט פוילען א וועג צום שווארצען ים.

פוילען וועט האבען אינטער איהר קאנטראל די אייזענבאהנען פון אוקראי־נע; זי פארפליכטעט זיך צו שטיצען אוק־ראינע מיליטעריש אין'ם משך פון די קו־מענדע צוויי יאהר.

דער קריגס מיניסטעריום באריכטעט אז דער מערב דניעפר ברעג פון קיעוו ביז דעם טייך בערעזינא איז אפגערייניגט געווארען פון דער רויטער ארמיי. די באלשעוויקעס אטאקירען אין איינינע פלעצער צו מזרח צו פון דניעפר, אבער די פוילישע טרופען קאנטראלירען דעם טייך. די באמבארדירונג פון קיעוו, ווערט באריכטעט, ווערט פארטגעזעצט.

אוקראינע שענקט פוילען וועג צום שווארצען ים

ווארשא מאי 11 — דער מיליטערי־שער, פאליטישער און עקאנאמישער אפ...

קאנסטאנטינאפאליער רעגירונג ער־לויבט נים דורכפיהרען „ווייטע" קיין אדעס

וואשינגטאן, מאי 11 — די רעפאבליק פון אנגארא אייראפעאישע לעגדער טירונג פון ראדיקאלען קיין רוסלאנד ווערט אפגעהאלטען, צוליעב דער פאלי־טישער און מיליטערישער ענטוויקלונג אין אדעס און אויך צוליעב דעם, וואס מ'האט נים קיין דירעקטע טראנס־פארטאציע צו ריגע האפען.

באאמטע פון ארבייטס דעפארטמענט האבען היינט געמאכט דיעזע ערקלערונג נאכדעם ווי פרעזידענט ווילסאן פון דער קאנגרעס אימיגראציאנס קאמיטע, האט אין קאנגרעס באקאנט געמאכט, אז די צווייטע דעפארטירונג פון פרעמדע ראדיקאלען איז אפגעלייגט געווארען, ווייל די באאמטע אין קאנסטאנטינאפאל האבען ענטזאגט דעם דורכפאהר קיין אדעס.

ווענען אידישער לאגע אין אוקראינא

פאר $100,000 שנאפס פארכאפט אין פאר שטעדטעל

היגער דאקטאר ארעסטירט אויף פראהיבישאן קלאגע

עוזענע לעגיאנערען אויפמערקזאם

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.,
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

צו די באריכטען פון די שלוחים פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע

לעצטען זונטאג האבען מיר געדרוקט די הקדמה פון מאקס פיין און ריכטער פישער'ס באריכט וועלכע ... וואס זיינען פארעפענטליכט און יענעם טייל אוקראינא, וואס איז אקופירט פון די פאליאקען.

ווי בלויז פארגלייכענד די היינטיגע באריכטען צו דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע פון אנדערע שליחים זאל נישט זיין, זיינען זיי דאך פאר אונז נישט גאר נייע.

דער באריכט פון מאקס פיין און פישער

(פון א רעפארט צו דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע)

פראסקוראוו

א כלה מיידעל

פון משה מאלטשין

CLASSIFIED

גראָסערי סטאָק און פיקסטשורס מוז אפּרקויפט ווערען. זיך מעלדען 1075 הייסטינגס. 15)

צו פארדינגען 4 רומס, מיט איין רעזערוויר רום פאר'ן איינענטימער, סינגעל מאַן. 304 וואטסאָן, אפּ סטעירז, נאָכמיטאָגען פון 6 ביז 9 אָבענד. 12)

דעטראָיטער חסד של אמת פאַר־לאַנגט א גוטען פעהיגען קאָלעקטאָר. זאָל נישט זיין פרעמד מיט דער ענגלישער שפּראַך. דער ריכטיגער וועט מאַכען א שעהן לעבען. מעל־דען זיך צום סעקרעטער, 66 ברוס־טער סט. נאָר פעהיגע זאָלען זיך מעלדען.

א פאָפּ שאָפּ צו פאַרקויפען, זעהר גוט נעהענדע ביזנעס. מוז פאַרלאָזען צוליעב קראַנקהייט. $8.000 קען דאָס הענדלען. פרעגען אין „וועג" באָקס 34.

א בעל קורא פאַרלאַנגט אין קאָנ־גרעגיישאָן בני יעקב, 152 איללינאָיז סט. פרעגען אין קאָנגרעגיישאָן.

צו פאַרקויפען א לאָנטש רום צו־זאַמען מיט א גוטען איינגעטריימען סטענד, אינקאָם ביז $75 א טאָג. אָדער זאָגט א פרוי אליין און קען ניטאָסעג רען פרעגען; 186 בענטאָן סט.

פאַרדינגען

אין, זעהר א שעהנעם לאָקיישאָן צום פאַרדינגען דריי גרויסע רומס צו א פּאָפּל מיט איינענע פאַרניטשור (קען זיין מיט א קינד) אויך איין פאַרנישד רום פאַר א מאַן. נאָכפרעגען 360 קענטאַן עוועניו. נעהמט קראָסטאָון אדער שערמאַן קאַרס אַיסט.

א 6 רומיגע הויז צו פאַרקויפען אין האַלס מישיגאַן, ביי די רייראָוד, צווישען צוויי פּעקטאָרים מיט א גרויסען לאָט. פּרייז $2,200.00 איינ־צאָהלען $900.00, נאָכפרעגען ביי דעם לאָזעבניק, 301 הענדרי סטריט. טעלעפאָן גארפּעלד 5555 „עם".

צום פאַרקויפען א קלינינג און פרעסינג סטאָר, אויך קען מען דרעס־מייקינג. אורזאַכע: מוז פאַרלאָזען די שטאָדט. נאָכפרעגען, קליינמאַן, 81 קאַרדאָניא עוועניו.

יין לקידוש ולאַבדלה, די בעסטע געלעגענהייט צו באַקומען כשר וויין איז זיך ווענדען צו מר. שקלאַר. 244 פּאַרנסוואָרטה. גארפעלד 2006 ראַבלין.

מאושען־פּיקטשור אָפּערייטאָרס

לערענט זיך פאַר

לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע וויידושעס קוואַליפיקיישאַן גאַראַנטירט.

Movie Operator's School
33 Sproat St

מאָנטאָג, מיטוואָך און פרייטאָג 7:30 אָבענד.

שעכטער'ס דראַג סטאָר

477 הייסטינגס סט

טעלעפאָן, טשערי 5763

פּרעסקריפּשאָנס פּאַרפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט

צו יעדער צייט

צום דעטראָיטער פובליקום!

יעצט איינער דאַרף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע אָרגאַנען אין דעם מענשליכען קערפּער. ווען איהר ליידעט פון איראַנער זייעלע קאָפּשמערצען אדער נערוועזיטעט, דאַן נעהמט צו אַן ערנסטען, ערליכען אָפּטאָמעטריסט, ער וועט אייך יאָריכטיג און וויסענשאַפטליך צופּאַסען די ניטיגע ברילען.

א בי ביכטיג צוגעפּאַסטע ברילע וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראָבעלס.

געהט צו אייער גוט באַקאַנטען

Frosh O. D.

אָפּטאָמעטריסט

אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קענעדא בילד עהרליך'ס דושולערי סטאָר.

קאַפּלאַן'ס באַרגיין סטאָר

483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאָל גענרע ליינס:

קאָמפּלייט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואָלענס און קאָטאָן גודס. פערשיעדענע פענסי אַרטיקלען ווי, בעד ספּרעדס, קויר־טענס; טייבעל קאָווערס; שאַלס און סקאַרפס. קאָמפּלייט ליין אין ליידים פענ־סי אַנדערוועהר און קאָרסעטס. מענס פאַרנישינגס און אַנדערוועהר.

ספּעשעל! ספּעשעל!

א גרויסער אסאָרטמענט אין וואָלענס פאַר מענער און בויס סוטס און קאָוטס. א קאָמפּלייט ליין פון טיילאָר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

פאַר סמוקער'ס מבינים

DURAND

האָט א 25 יאָהריגע רעפּוטאַציע. געמאַכט נאָר פון ריינער האַוואַנאַ. פּראָבירט היינט א דוראַנד. איהר וועט קיין חרטה נים האָבען. פאָדערט דר־ראַנד ביי אייער דיילער.

DAVIS CIGAR MFG CO

געמאַכט אין דעטראָיט.

פאָרד קאַרס און אנדערע קאַרס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאָק. מיר קויפען פאַר קעש און פאַר־קויפען אויף לאַנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

אויקלאַנדער אידען פּיקסען זייערע

ציינער

ביי

Dr. H. Goodman

דענטיסט

נעמיסט פון 427 וואָודוואָרד

737 אוקלאַנד עוו.

דר. ה. סטאַריקאָף

דענטיסט

דער פּלאַץ פאַר גוטע ארבייט גוטע בעהאַנדלונג — ליבעראַלע פּרייזען

490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.

מיר האָבען א גרויסען אויסוואַהל פון אלערהאַנד סטאָר פיקסטשורס, וואָל קייסעס, שאָו קייסעס, אייז באָקסעס, קאָנטאָרס, שעלוואָס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע. פּרייזען מעסיגע, אָרענטליכע בעהאַנד־לונג. 2 סטאָרס.

רעלייבל סטאָר פיקסטשור קאָ

305 גרעשיאָט עוועניו

טעל. קאַדילאַק 2445

277 מישיגאַן עוועניו

טעל. קאַדילאַק 4924 עם.

דער בעסטער מוהל אין שטאָט און מסדר קידושין

חזן דוד גאָלדען

248 אין. איסט האַי סטריט

טעלעפאָן, מעין 4420

אין א ווינקעל פון דעטראָיט

ראָמאַן פון ב. איסאַיעוויטש

(פאָרטזעצונג)

— וואָס הייסט וואָרום? וואָס'זשע, איהר ווייסט נישט אפנים אז דאָס וואָס איהר האָט, מיר עלשט איבערגעלייענט האָב איך שוין טויזענד מאָל געלייענט? און דאָרטען וואו איך האָב עס געלייענט איז עס א סך שענער און בעסער געשריבען. דאָרט האָב איך די טראַגעדיע בולט געזעהן פאר די אויגען און ביי איך איז עס גאָר נישטו עס. איז אויס געקומען פלאַך און אָהן טעם. די טראַגעדיע פעהלט... און אין אלגעמיין צו וואָס טויג אייך דאָס שרייבען.

— ניימאַן האָט זי אנגעקוקט מיט צעשראָקענע בליקען.

— וואָס'זשע, איהר מיינט אז פריהער, פאַר אייך, האָט גאָר קיינער נים געשריבען אזעלכע שעהנע מעשיות? — האָט חנה ווייטער געפרעגט מיט שפּעטישקייט.

ניימאַן האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען איהר.

חנה האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף איהם און ווייטער ערנסט גערעדט ווי צו זיך אליין.

— איך האָב געמיינט, אז ווען אימי־צער נעהמט די פען אין די האַנד אריין צו שרייבען א מעשה, דאַרף ער זיין זיכער, ערשטענס, אז אזוינס האָט נאָך קיינער נישט געשריבען, און צווייטענס אז ער קען דאָס איבערשרייבען בעסער און טיע־פער אייד[illegible] און אנדערע. אזעלכע מעשיות, ווי איהר האָט אנגעשריבען, וואָלט איך אייך געקענט איבערצעהלען א גאַנצע צענדליג אין איין טאָג צייט [illegible]

[illegible]

— איהר ווייסט, ניימאַן, — האָט זי איהם געזאָגט — איך האָב שוין א סך געטראַכט וועגען אייך, נאָך אלעמען זענט איהר דאָך נאַריש איינער. איך ווייס, אז איהר האַלט זיך פאַר א חכם. אָבער [illegible]

[illegible]

— „זי איז נאָך געזעסען אזוי א ווייל[illegible]"

לייד א בחור און דאָרטען לייד א יונגע מיידעל. איהר האָט דאָך געלייענט „די אומגליקליכע שווייצאַרין"? דאָרטען שטעהט פאַר אייך לעבעדיג דאָס מיידעל מיט איהרע טיעפע ליידען; די ספערע, דער דייבעל זאָטער בחור וואָס קוקט זיך נישט אום צו איהרע ליידען און האָט קיין ברעקעל יריעה אפילו נישט. אויב עס געהט אויס ערגעץ א מיידעל נאָך זיינם א גוט וואָרט, א לאַסקע! איהר זעהט דאָס דאָרטען אזוי קלאָר, ביי אייך, ניימאַן — פאַרגט מיך דולט נישט זיך און נישט יענעם דעם קאָפּ מיט אייער שרייבעניש. איהר ווערט שוין זודערמאַן'ען, שלום אש, עמיל זאָלא אדער מאָפּאַסאַן'ען קיינמאָל נישט איבערשטייגען. שלאָגט זיך עס ארויס פון'ם קאָפּ. איהר זענט א שעהנער בחור א געבילדעטער, טאַ לערנט זיך אויס עפּעס א גוטע מלאכה, אדער א פראָפעסיע און פאַרדיענט בעסער מעהר געלט. איהר זאָלט זיך נישט דאַרפען וואַלגערען אין טשערי סטריט אין א צימערל ביי דער מיסעס האָלצבעלג. וואָס, ניימאַן, בין איך אפשר אומגערעכט?

ניימאַן האָט נישט געקענט זאָגען צו זי איז יא אדער נישט אומגערעכט. נאָר געפיהלט האָט ער, ווי אימיצער וואָלט מיט שאַרפע נעגעל איהם אנגעכאַפּט פאַר'ן האַרץ און געוואָרגן.

ער האָט געפיהלט א ווערטאָג.

איהר איטליכעס וואָרט האָט ווי מיט א דינער [illegible] איהם איבער'ן פנים א שניט געגעבען.

[illegible]

דערהאַלט איהר שאלה: „בין איך אפשר אומגערעכט ניימאַן?"

ניימאַן האָט גערוהט.

דאָס בלוט האָט איהם א וועג געטאָן אין פנים אריין, ער האָט זיך א ריס געטאָן פון'ם בענקעל, איז צוגעטראָטען צום בעט וואו חנה איז געזעסען און האָט מיט ניפט און גאָר, אין פנים אריין איהר געזאָגט מיט פאַרציטערטע ציינער:

— אומגערעכט? א מערדערין, זענט איהר! א שעהנע, בלאָנדע מערדערין, וואָס קען מיט ווערטער דער'הרג'ענען א מענשען אויף טויט און עס ווערט איהר אפילו נישט אנגעהויבן צו אַרען.

חנה האָט זיך נים געריהרט פון אָרט, און אויף איהר פנים ווי פריהער געזעסען, האָט נישט א פינטעל געטאָן מיט'ן אויג. און ווען ער איז אנשטייגען געוואָרען און זיך אויסגערעדט פון איהר מיט כעס, האָט זי מיט דעם אייגענעם טון, ווי פריהער געזאָגט: — „גוט. וואָרים מיט אזא האַרטער גזר'טע! ווען איך זאָל זיין אצינד ניימאַן, וואָלט איך געשפּיגעלט אויף אזא מין מענשען. איך וואָלט אוועק און מעהר נישט געקומען.

ער האָט דערפיהלט, אז זי האָט דאָ מיט איהם געשפּיעלט א שאַכמאַטישע שפּיעל. איהם איז אצינד פאַרבליבען איין גאַנג און דאָס איז: [illegible]

[illegible]

(פאָרטזעצונג פאָלגט)

Bricker Bros
75 Grand River
Cherry 3718

FURS

איהר קענט איצט קויפען ספּרינג פורס אויך פור קאָוטס פאַר פּרייזען וואָס וועלען זיך דאָבלען אין פאָל סיזאָן. קומט אריין און באַקענט זיך מיט אונז

ברייקער בראָס.

רעוו. ל. ד. רייכלין פון אהבת אחים שוהל (אוקלאַנד)

נעהמט אָן סדור קדושין און אנדערע שמחות מיט די בעסטע צופרידענהייט.

511 קעמעראָן עוועניו

טעל. העמלאָק 1130 ראַבעליו

VIENNA SAUSAGE MFG Co. — CELEBRATED VIENNA PURE Hygeia Beef Sausages — 1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע

דעטראָיטער אגענטען

זיינען

דזשיי לעפּקאָווסקי און סאָנס בראָדוויי מאַרקעט

לאָיער מתתיהו ליסס האָט גע־עפענט א ברענטש אָפיס פאַר די אָוונ־דען אין 325 וועסטמינסטער סט. טעל העמלאָק 533 ראַבלין דאַון טאַון אָפיס. 928 טשעמבער אָף קאָממערס בלדג. סטייט און גריסוואָלד סט. טעל. טשערי 3978

ווילט איהר

סייוען 30 פּראָצ.?

ביי קויפען אייער פורנישטשור, סטאָוס ראַגס, בעדינגס, פאָנאָגראַפס און לעמפּס

— דאַן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האָבען א קאָמפּלעט ליין פון אלעס וואָס איהר דאַרפט פאַר אייער הויז

קעש אדער קרעדיט

638 גרעשיאָט עוו. — מעלראָוז 4985

מט. קלעמענס

זייט געזונט

און פאַרברענגט אייער זומער וואַקיי־שאָן אין מאַונט קלעמענס, און אז שוין אין מאַונט קלעמענס וועט איהר סטאָפּען אין

Elkins Hotel

100 רומס, דיינינג רום פאַר 300 לייט. א רפואה פאַר קראַנקע, א פאַר־געניגען פאַר געזונטע.

ס'ניט נעדריגנען אז איהר מוזט האָ־בען טויזענדער צו זיין אין מט. קלע־מענס

ניו ווילא האָטעל

וועט אייך רעכענען $25 א וואָך און איהר וועט הנאה האָבען. אלע רומס קאָנעקטעד מיט א פּעמערדזש צו די פּלאַזא בעדער. שרייבט נאָך איינצעל־הייטען צום פּראָפּריעטאָר ה. קראַוז.

ריווערסייד האָטעל

(געוועזענער פּאַרק ענעקס)

מט. קלעמענס, אינגאַנצען רעמאָ־דעלירט, עפענט זיך 1־טען מאַי, 150 רומס, דיינינג רום פאַר 300. דאָס אידעלסטע פּלאַץ פאַר געזונטע ווי פאַר קראַנקע. שרייבט נאָך איינצעלהיי־טען.

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

אַלבאַני האָטעל

אין מט. קלעמענס, האָט א נאָמען פאַר די לעצטע 20 יאָהר אונטער דעם זעלבען מענעדזשמענט.

מיר בעטען אונזערע קאַסטומער און פריינד צו קומען באצייטענס. איידער דער סעזאָן איז אין פולען גאַנג, כדי מיר זאָלען זיי קענען געבען בעסערע באַ־האַנדלונג. שרייבט צו

ב. מאָסקאָוויץ

אייער פאַרלאָרענע געזונט

קריגט איהר צוריק, ווען איהר זענט אין מאַונט קלעמענס און סטאָפּט אין

גלענוואָוד האָטעל

קאָנעקטעד מיט די בארימטע אַלומי־פיא בעדער. שעהן, ליכטיג, לופטיג. פרישע שפּייזען, מעסיגע פּרייזען, א ספּעשעל לאָנטש און דעליקאַטעסען סטאָר, קאָנעקטעד מיט די גלענוואָוד. שרייבט נאָך אויסקינפטע צו א. מאָראָר־סקי

לעזט דעם „וועג"

גיט אייערע קינדער א מאָדערנע אידי־שע ערציהונג. שיקט זיי אין דער מענ־דעלע פּאַרים שולע 404 איסט הענ־קאָק. עס ווערען געלערנט נייע קלאַ־סען פאַר אנפאַנגערס. אויך שילער פיר די העכערע קלאַסען, און שולע לע־רענט מען אידיש העברעאיש, געשיכ־טע און ליטעראַטור, די שולע איז אָפען יעדען טאָג פון 4 ביז 7 זונטאָג פון 9 ביז 12.30

ווילט איהר אייערע שלעסער, שליסלען קאַרפּענ־טער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט גוט געמאַכט און גאַראַנטירט? טו קומט צו

מ. דאַמניטץ

245 מאָנטקאַלם סט.

— באַקאַנטמאַכונג —

רעוו. א. קאַצער

וואָס איז רעקאָמענדירט פאַר'ן בעסטען

מוהל

זייט די לעצטע 20 יאָהר האָט געמופט פון 263 פּאַרנסוואָרט אין

140 מערצורי, קאָר. בראַש

טעלעפאָן: מאַרקעט 827

וואָרע ביליג פאַר סטאָר־קי־פּערס און פּעדלערס

ספּעציעלע פּרייזען פאַר ריטיילערס

מאַקס ראָזינסקי

353־355 הייסטינגס, קאָר. קאָלומביא

גיב קיין אייראָפּא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראָפּ איז דורך דער

פּיפּעלס רעליעף

וועלכע איז א ברענטש פון דער דזשוינט דיסט. קאָמיטע.

די געלד ווערט געשיקט אין דאָלאַרס.

פּיפּעלס רעליעף קאָמיטע

490 הייסטינגס סטריט

קעדילאַק 2061

א גרויסער אויספאַרקויף

סייל פאַנגט אָן מאָנטאָג

איך מאַך באַקאַנט צום געהערטען פּובליקום פון דעטראָיט דאָס איך מוז אויספאַרקויפען מיין גאַנצען סטאָק

קראָקערי, אַלומינום, גראַניטוועער און פענסי טשייני

אלעס, אלעס, מוז פאַרקויפט ווערען אין דער קורצער צייט פון היינט ביז דעם 1־טען דזשולי, מיין ליסס נעהט אויס און מיין געזונט ערלויבט מיר ניט מעהר צו שטעהן אין ביזנעס, דערום מוז אלעס פאַרקויפט ווערען צו די ביליגסטע פּרייזען.

קומט וואָס שנעלער פאַר די באַרגיינס. אלעס ווערט פאַרקויפט פאַר א האַלב פּרייז.

מ. ב. שאַפּיראָ, 511 הייסטינגס סטריט, ביטווין אלפרעד און בראָסטער

זאָגט אייערע פריינד וועגען דעם גרויסען סייל.

ראָזענפעלד'ס רוסישע טערקישע באָד

פאַר אלע וועלכע זוכען רייגליכקייט און גוטע באַהאַנדלונג.

30 מאַרבעל וואַנעס שאָור בעטהס

2 כשרה מקוואות פּרייע קאָטס אויף צום רוהען

16 פּריוואַט רומס פאַר יעניגע וועלכע ווילען נעכטיגען.

א פּראַכטפולער לאָנטש קאָנטער מיט פרישע עסענוואַרג און געטראַנקע צו יעדער צייט.

שווייץ פאַר פרויען יעדען מיטוואָך, מיט דער מיטווירקונג פון אן עקספּערט מאַסאַזשיסטקע.

1846 אַלפרעד סטריט, ניו אָנטאַריאָ, טעלעפאָן טשערי 6190 ראָבלין.

Der Weg

א מיטעל פטור צו ווערען פון צירונג

פון ב. י. ג—ן

פיעלע פון די וואס לייענען דיזע אב־טיילונג וויסען אז איך בין נים קיין שטארקער אנהענגער פון ציהרונג. לויט מיין מיינונג דארף א פרוי זיך נים אנ־שטעקען מיט גאלדענע צוועקעס אין די אויערן און באהענגען זיך מיט דיימאנ־דענע הערצליך, אדער פינגעלאך.

איך האב זיך מיין מיינונג און די פרוי־ען וואס לעזען אפשר מיינע ארויסגעזאג־טע מיינונגען, קענען זיך דענקען פונקט פארקעהרט.

פאר זיי וועט עס א בשורה זיין, ווען איך וועל זיי זאגען, אז נאך אין גיכען וועט מען קענען טראגען עדעלשטיין וואס וועלען קאסטען שפאט בילים.

א כעמיקער אין פאריז האט נאך פאר דער מלחמה מודיע געווען דער וועלט, אז ער האט אויסגעפינען א מיטעל ווי אזוי צו פאבריצירען רובינען און סאפירען וועלכע זאלען זיין אזוי נאטירליך, אז עס זאל אוממעגליך זיין צו אונטערשיידען פון זיי ביז אמת'דיגע עדעלשטיינער.

דאס, האט ער געזאגט, וועט ער פאב־ריצירען פון די זעלבע יסודות, וואס די עדעלשטיינער באזיצען.

סינטעטישע שטיינער, מיט די־זעלבע יסודות וואס די עדעלשטיינער פארמא־גען פון דער נאטור, זענען אזוי פאברי־צירט אז דער גרעסטער מבין קען זיי נים דערקענען און עס איז ניטא קיין שום מי־טעל אויסצוגעפינען צו זיי זענען נים קיין עכטע, קיין אמת'דיגע עדעלשטיינער.

ווי באוואוסט ווערען אויך היינט פאב־ריצירט כל עליי שטיינער. זיי ווערען אבער געמישט מיט גלאז.

ווען מען קוקט מיט אזעלכע שטיינער אין א פארזאמלונג, צו א חתונה, אדער אין אפערא, קען זיי קיינער נים אונטער־רען נים ערגער ווי די עכטע דיעמענטען. זיי זענען געמישט מיט פראסטען גלאז, נאך דערקענען זיי איז שווער.

דער איינציגער וועלכער דערקענט באלד אז דאס זענען פאבריצירטע שטיינ־דלעך פון גלאז, איז דער יובעליר.

דער הענדלער מיט ציהרונג האט ביי זיך אין קראם א פלעשעלע מיט „הידרא־פלואריק עסיד”, ער טונקט אין די גלע־זערנע שפילקע און טוט נאכדעם א פיהר איבער די שטיינדלעך, און דאן זעהט ער אז די שטיקעל גלאז, וואס זענען אריינ־געמישט אין די שטיינדלעך, הויבען אן אפצוגריזשעט צו ווערען פון דעם „עסיד”.

דער „הידראפלואריק עסיד” פלעגט גלאז און ווען מען גיט א פיהר מיט איין טראפעלע איבער א געמישטען שטיין וואס ענטהאלט גלאז: מוז דאס גלאז אפגעגרי־זשעט ווערען.

ביז איצטער איז נאך נים געלונגען צו שאפען אן עכטען סינטעז, אויף פילע אומ־ארגאנישע זאכען. אויך רובינען און סאַ־פיהרען האט מען נים געקענט מאכען סינ־טעטיש. געוואוסט האט מען פון וואס די רובינען, סאפירען און אמעטיסטען זענען צענויפגעשטעלט. זיי האבען דיזע טייערע שטיינער אנאליזירט און אויסגעפונען אז דאס זענען אזעלכע מינים קרישטאלען (אילומיניום אקסיד), וואס ענטהאלטען גאזדזויערשטאף. אזעל־כע קרישטאלען געפינט מען אין די בערג, עס זענען פאראן רויטע, רופט מען זיי רובינען; בלויע — רופט מען סאפירען; פורפעל רופט מען — אמעטיסטען.

האט מען זיך תמיד געפלייסט אויסצו־געפינען ווי אזוי די נאטור פאבט אוים דיזע דאזיגע קרישטאלען.

מען האט זיך דערוואוסט דעם סוד ווי אזוי דיעמענטען ווערען באשאפען. מען איז דערגאנגען דעם סוד אז דיעמענטען ווערען פארוואנדעלט פון פשוטע קוילען, און מען האט שפעטער א סינטעז גע־מאכט און מען געוואוירע געווארען די שטאפען וואס זיי ענטהאלטען און ווי אזוי מען קען זיי נאכמאכען.

איצטער האט דער פראנצויזישער כע־מיקער זיך דערוואוסט דעם סוד ווי אזוי די שטיינער (סאפירען רובינען און אמעטיסטען) נאכצומאכען אזוי, אז אפילו דער פעהיגסטער ציהרונגס־הענדלער זאל זיי נים דערקענען.

פונקט ווי דיזער כעמיקער באמיהט זיך צו מאכען די עדעלשטיינער נאטור־טריי, פונקט אזוי באמיהען זיך אצינד די יובע־לירען און ציהרונגס־הענדלער אויסצוגעפי־נען א מיטעל ווי אזוי [illegible] צו דערקע־נען דיזע שטיינער פון אמת'ע.

עס פארשטעהט זיך, אז ווי נאטור־טריי די דאזיגע עדעלשטיינער זאלען נים זיין, מוז פארט עפעס זיין אין זיי אזעל־כעס, וואס אונטערשיידט זיי פון אמת'ע, פון נאטירליכע. פונדעסטוועגען האבען די פאריזער גאלד־געשעפטען ביז אצינד נאך נים אויסגעפונען קיין מיטעל ווי אזוי דעם אונטערשייד צו דערקענען.

ווי געזאגט אין אנהויב פון דיזען אר־טיקעל האט דאס פאסירט נאך פאר דער מלחמה.

איצטער האט א פראנצויזישער כעמי־קער ערקלעהרט אז ער האט אן ערפינ־דונג וואס וועט די־זע נאכגעמאכטע שטיינער אזוי פארבילינגען, דאס אדער זיי וועלען קאסטען גאר א קלייניגקייט און יעדער פעדלערין וועט זיך קענען מיט זיי באצירען גלייך ווי די מיליאנערקע. אבער עדעלשטיינער וועלען צוליעב דעם אינגאנצען ווארים פון דער מארק.

ווארים ביז אצינד קאסטען די נאכגע־מאכטע שטיינער גענוג טייער און נים איטליכער קען באהויפטען זיי צו קויפען זאל מען זשע זיי אצינד פארבילינגען, וועט די וועלט אפשר אינגאנצען פטור ווערען פון די דיימאנדענע שטיינער און עדעל־שטיינער מיט וועלכע מען באצירט זיך און וועלכע האבען שוין אזוי פיעל צרות אומגליקען און לידען פארשאפט.

ווער קען איבערצעהלען די טרערען וואס די עדעלשטיינער און די גאלדענע צוועקעס האבען פאראורזאכט? ווער קען דען איבערצעהלען די רואינירטע לעבענס וואס זענען די דירעקטע אורזאכען פון דיזע אומניצליכע ציהרונגען?

ווען דיזע שטיינער וועלען אריין, ווי מען זאגט אין „שיסטער גאס”, וועט מען האפענטליך פון זיי אינגאנצען פטור ווערען.

חשבון פון סענטראל רעליעף

ווערטהער הערר רעדאקטאר;—

ביטע צו קוויטירען די פאלגענדע געל־דער וועלכע זענען דורך מיר געשאפען געווארען פאר די מלחמה ליידענדע:

מר. קאפלאן, 483 הייסטינגס סטריט, $43; מר. גינזבערג 244 וואודווארד, 27 דאלאר; מר. סילווערמאן, 379 טיהאדאר $25; מר. קארף, 230 ווינדער, $5; מר. באטווינניק, 133 דושעפערסאן, $5; מר. שעכטער, 479 הייסטינגס, $5; מר. ראב־יען, 313 פערי, $5; מר. פעלדמאן, 213 פערי, $3; מר. קאראטקין; 509 בליים, $2; מרס. דאנסקי, 109 דיוויזשאן, $1; מר. קאהען, 486 בייקער, $1; מר. זינ־גערמאן, 230 ווינדער, $1; מר. קאדרט, 91 בעידי, $1; מר. עהראן, 252 אלפרעד $1; האלפערין בראס. אין דאוויס, $1. בס"ה: 124.00 $.

דיזע אלע געלדער זיינען איבערגע־שיקט געווארען דורך מיר צו די סענט־ראל רעליעף קאמיטע, 51 טשאמבער סט. ניו יארק.

מ. קאפלאן, 483 הייסטינגס.

פון דער רעדאקציע

חודש נאך חודש באקומען מיר דורך מר. קאפלאן אזא אזא מין באריכט און יעדען חודש נעהמט די סומע נישט הע־כער: אמאל 127 דאלאר, אמאל 123 דאלאר — צווישען דיזע ציפערען ען־דיגט זיך דער צעטעל.

און עס וואונדערט אונז, ווארום ווערט די זאמלונג פון דער סענטראל רעליעף דא אזוי פארנאכלעסיגט און פאלט אויף איין מענשען, און דער דאזיגער מענש איז דאך טרוד מיט זיינע געשעפטען און קען קיין פיעל צייט נים אפגעבען פאר אזא ארבייט, מעג ער זיין נאבעל און היי־ליג זיין.

גראד איז דאס אידישע פאלק אין אזא לאגע, אז מיר האבען אדער מוזען האבען דרייערליי רעליעף־ארגאניזאציעס. די צענטראלע רעליעף קליימט צו האבען אלס איהרע מיטגלידער דאס ארטאדאק־סישע אידענטום.

וואו זשע איז דאס ארטאדאקסישע אידענטום פון דעטראיט?

שוין זשע זיינען דא מעהר ניטא ווי אט דער מנין אידען וועלכען מר. קאפ־לאן רעכענט אוים אין זיינע בעריכטען? עס מוז דאך זיין אן אורזאכע וואר־ום דער צעטעל פון דער צענטראל רע־ליעף איז אזוי קארג און געמען.

פון זיינט דער שרייבער פון דיזע צייר־לען שטעהט ביי רעדאקציאן פון דיזער ציימונג, האט ער זיך געוואונדערט: שוין זשע זיינען נישטא דא קיין אידען, וואס זיינען ווילינג צו ארבייטען פאר דעם בע־נעפיט פון דיזער ארגאניזאציע, אדער וואס זאלען זיין ווילינג ארויסצוהעלפען מר. קאפלאן'ען אין זיין ארבייט?

עס איז באמת זעהר לויבענסווערט, וואס די סענטראל רעליעף אין דעט־רויט מאכט כמעט קיינע אויסגאבען. אבער עס זיינען דאך מסתמא פאראן נאך אזעלכע אידען, ווי מר. קאפלאן, אין דעטראיט, וואס זאלען ווילינג זיין אומ־באצאהלט צו ארבייטען לטובת אזא וויכ־טיגער און נאבעלער ארגאניזאציע ווי די סענטראל רעליעף איז.

מיר וואלטען דארום פארגעשלאגען, אז די יעניגע אידען וואס זיינען ווילינג צו ארבייטען פאר דער היגער סענטראל רעליעף זאלען אונז לאזען וויסען זייערע אדרעסען. מיר וויסען דאך, אז ניט א מנין ארטאדאקסישע אידען זיינען גרייט בייצושטייערן פאר דער סענטראל רע־ליעף; מיר וויסען, אז די צאהל פון די היעגע ארטאדאקסישע אידען גרייכט אין די טויזענדער. און מיר וואלטען זעהר גערן געוואלט וויסען ווארום זיי זיינען אזוי נאכלעסיג צו דער סענטראל רעליעף און צו וואלטען זיך נישט געפונען נאך אידען וואס זאלען נאכפאלגען דעם גוטען ביישפיעל פון מר. קאפלאן און העלפען אין דיזער ארבייט.

אלזא, — ווער עס וויל העלפען דער דיזער סענטראל רעליעף איז געבעטען צו לאזען אונז וויסען; מיר וואלטען אויך גערן אויגעהערט מיינונגען פון היעגע אידען וועגען דער ווייטערער אר־בייט פאר דער ענטראל רעליעף.

ווי קען איך אנטווענען מיין בייבי?

דאס איז א וויכטיגע פראגע פאר יעדע מוטער וואס זויגט איהר בייבי. דער בעסטער וועג איז צו אנטוועהנען א בייבי לאנגזאם — מען דארף אנפאנגען פון זיבעטען מאנאט און געבען דער בייבי איינע אדער צוויי באטעלס שפייז דורכ'ן טאג, און אזוי שטיפענווייז פערגרעסערען די צאהל פון שפייז באטעלס ביז דאס קינד געוועהנט זיך אב פון'ם זויגען די ברוסט.

Borden's
EAGLE BRAND
(CONDENSED MILK)

איז אזוי ענליך צו מוטער־מילך אין טעם און אין לייכטע פערדייאונג אז מען קען געבען אמאל דיזע מילך און אמאל ברוסט מילך און דאס אנטוועהנען וועט נאכ־דעם זיין א גאנץ לייכטע זאך.

אונזער בייבי בוך וואס האלט פערשידענע פיידושעס, ערקלערט אויך דיטעהליי צו אנטוועהנען אייער בייבי. אויך פילע שפייז אינסטראקשאנס געשריבען אין אידיש. מיר וועלען אייך שיקען בידע זאכען פריי, אויב איהר וועט אונז שיקען היינט דעם קופאן.

איגעל בראנד, געמאכט פון העכסטע קוואליטי קוה־מילך און געמאלענעם צוקער. עס דאס בעסטע פיר'ן טיש און קאכען און באקען — קויפט א קען היינט און געברויכט עס פיר אלע צוועקען פיר וועלכע איהר האט געברויכט גע־וועהנליכע מילך און צוקער. פרייעט עס אין קאמוארד.

דער לייבעל איז נאמען איז אייער גאראנטי

צו בעקומען אין יעדען גוטען דראג, אדער גראסערי סטאר

The Borden Company
108 HUDSON STREET
NEW YORK

Mrs.
Street
City
State

עטאבלירט 1857

אנדערע בארדען פראדוקטען:
בארדען'ס מאלטעד מילך — בארדען'ס מילך טשאקאלאד
בארדען'ס קאנדענסד קאפע — בארדען'ס איוואפארייטעד מילך

א שנארעדינגער שבעות

וועלט באריהמטע רוסישע וויאלאניסטין

צוזאמען מיט די דראמאטישע סאפראנא

ווארליט פרענסים

בראסקע

מיט אנדערע קרעפטען

זונטאג אבענט

דעם 23־טען מאי

אין

לייבאר לייסעאום

אידא דיווינאף

אקאמפאנירט ביי סארא דיווינאף

פאסט, אויף פאר ווייטערדיגע אנאנסען.

אלע ביאליסטאקער

זיינען אויפגעפאדערט אנוועזענד צו זיין ביי דעם רעגעלען מיטינג, היינט

מיטוואך אבענד מאי 12 אין לייבאר לייסעאום

רום 3

וואו פילע וויכטיגע פראגען וועלען פארהאנדעלט ווערען.

עס איז אומבעדינגט נויטיג אז אלע ביאליסטאקער און פון אומגעגענד זאלען אנוועזענד זיין.

פיעלע נייעס פון ביאליסטאק וועט ביי דיזען מיטינג געלייענט ווערען. עס וועט אייך אלעמען דיזער מיטינג פאראינטערעסירען.

מיט גרוס,

סעקרעטער פון ביאליסטאקער פעראיין און דעטראיט.

בריעף אין רעדאקציע

געעהרטער פרייער רעדאקטאר פון „וועג”:—

איך וויל האפען אז איהר וועט מיר געבען די. ערלויבעניש אויסצודריקען אפאר ווערטער אין אייער ציימונג מכח חזן מינקאווסקי'ס אן ארטיקעל, „וועגען חזן הערשמאן'ס קאנצערט”, וואס איז געווען געדרוקט אין „וועג” באלד נאך חזן הירשמאן'ס קאנצערט.

איך בין פון דער נאטור נים קיין פא־לעמיקער, און איך וואלט זיך קיינמאל נים אונטערנומען צו פאלעמיזירען, ווען אונזער געעהרטער חזן וואלט נים ארויס־געטראטען מיט אזא שפראך און צע־טיילט דעם עולם אין צוויי קלאסען: „מיר” און „זיי”, מיר די אינטעליגענץ, און זיי דער המון. און אונזער געעהרטער חזן גיסט אוים זיין גאנצען צער אויף חזן הערשמאן דערפאר וואס ער האט אראפגעניידערט צום „המון” און געזונגען פאלקס־לידער. ווען אונזער געעהרטער חזן וואלט אויף א ווייל[ע] זיך געוואלט אריינטראכטען צו וויסען וואס פאר א באדייטונג עס האבען פאלקס־לידער פאר א פאלק, וואלט ער צו אן אנדער שלום געקומען און געוואוסט אז עס ער־נידעריגט נים דעם זינגער, און ווי עס ווייזט אוים האט דער „המון” געוואוסט מעהר אפצושאצען די פאלק־לידער ווי די זאגענאנטע „אינטעליגענץ”, ווי דער געעהרטער חזן האט ע אליין צוגעגעבען.

דא איז נים דער פלאץ צו אפגעבען זיך וועגען דער באדייטונג פון פאלקס־ליעד. אבער כאראקטעריסטיש איז וואס דער געעהרטער חזן האט אויסגעקליבען פאר זיין קריטיק הוקא די דו־רן.

און עס ווילט זיך פרעגען: איז רבי לוי יצחק בארדיטשעווער נים געווען אזוי פרום און גאטספארכטיג ווי חזן אברהם מינקאווסקי? טא ווארום האט ער זיך ערלויבט אייסצייטענה'ן און שרייען צום רבונו של עולם און טענה'ן [illegible] פון געזאגט, און קיינער האט איהם נים איינגעשפארט אפילו אין יענע אמאליגע צייטען אז עס איז א חילול השם, און אדרבה, יעדער איינער פון זיינע אנ־הענגער האבען עס צעטראגען און פאר־שפרייט ווי ווייט נאר מעגליך.

און איך גלייב, אז דער געעהר־טער חזן וואלט נים געוואלט אז עס זאל פארלוירען געהן אזעלכע פערעל פון דער פאלק־מוזיק.

און אויב דער חזן הערשמאן האט די זכיה צו זיין געבענשט צו קענען איבער־געבען אזוי ווי רבי לוי יצחק בערדיטשע־ווער האט עס געטאן, טא ווארום זאל ער עס נים טאן, און געבען א געלעגענ־הייט די יעניגע וועמען עס איז יא ליעב און טייער דאס אידישע פאלקס־ליעד? און ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען, איז שוין פאראן א גרויסער פראצענט צווי־שען די אידען, זאל זיין „המון”, וועלכע וויסען עס ווי אפצושעצען, און שעפען פארגעניגען פון קוואל פון דער אידישער נגינה.

איך וויל האפען, אז עס איז שוין געקו־מען די צייט, ווען אונזערע גרויסע זינ־גער, אריינגערעכענט חזנים, אפערא זינ־גער א. ד. ג., וועלען זיך אפגעבען מיט דער פאלקס־ליעד, און איהר אויפקשטע־לען אויף דער הויך אויף וועלכער זי דארף שטעהן.

מיט גרוס,
י. פלאווקין.

סוירקעל טהעאטער

504 הייסטינגס סטריט — דעטראיט, מיש.

עדווין א. רעלקין פרעזענטירט

נאר פיר 2 פארשטעלונגען

די באריהמטע אוקראינער טרופפע פון ניו יארק, אונטער דער רעזשי פון דעם בעוואוסטען ארטיסט ד. מעדאוו

מיט דער מיטווירקונג פון דער בעוואוסטער זינגערין סאלאוויאוו

מיטוואך דעם 12טען. מאי. 1920

וועט געשפיעלט ווערען

ארימע שעפעלאה:

צום ענד וועט אויפגעפיהרט ווערען

ציגאנערשע ראמאנסען

זין ד. ס. סאלאוויאוו

טיקעטס אין אדוואנס אין קאסע פון טעאטער.

אנפאנג 8.30 אוהר אבענד.

אין פרינטינג שאפ פון „וועג”

פון א קארטעל

ביז

א גרויסע צייטונג

פון א הענדביל

ביז

א גרויסען בוך

ווערט געמאכט שנעל, גוט און צו מעסיגע פרייזען

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 1?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Thuresday, May 13th 1920 Vol. 2, No 77 דאנערשטאג, מאי 13, 1920

אדעסא גענומען פון אוקראינער טרופען

היגער גאולה פאראד וועט פארקומען דעם 30טען מאי

פלאן צו מאכען א פאלשטענדיגען יום טוב אויף דער אידיש ער גאס. אלע אידישע הייזער וועלען דארפען זיין דעקארירט מיט אידישע פאהנען. גאולה קאנפערענץ וועט בעטען אידען צו טראגען זייערע בעסטע קליידער יענעם טאג.

אויף דעם גאולה־פאראד מיטינג לעצטען דינסטאג אווענט אין ווילקינס סט. ת"ת איז באשלאסען געווארען, אז דער גאולה־פאראד אין דעטראיט זאל אפגעהאלטען ווערען דעם 30־טען מאי. אלע דעטראיטער אידען וועלען געבעטען ווערען אנצוטאן זייערע בעסטע קליידער; דעקארירען זייערע היימען אין ווייס און בלוי און אויסצופוצען די קינדערלאך אין די שענסטע קליידער וואס זיי האבען.

דער היגער ציוניסטישער דיסטריקט וועט שטעהן אן דער שפיצע פון פאראד. די פאראד קאמיטע פון ציוניסטישען דיסטריקט באשטעהט פון פאלגענדע:

מר. דזש. מילער, מר. סעם לעווין, מר. לואיס סטאל, מר. פיליפ סלאמאוויטש, מר. דזש. קאפמאן, קעפטען הערמאן וויים, און לואיס גראנט.

די קאמיטע האט איינשטימיג אויסגעקליבען קעפטען וויים אלס גרענד מארשאל פון פאראד. מר. וויים איז א געוועזענער לעגיאנער, וועלכער האט געקעמפפט אין גענעראל אלענבי'ס ארמעע, אין פאלעסטינא, אונטער דער קאמאנדע פון קעפטען זשאבאטינסקי.

א גרויסען אנטייל אין דיעזען פאראד וועלען נעהמען די קינדער פון די היגע ת"ת און די "יאנג דזשודיענס". עס וועלען ארויסגעארבייט פלענער, אז אלע יאנג דזשודיענס זאלען טראגען ספעציעלע פעסט־קליידער ביי דיעזער געלעגענהייט.

אלע ישולען פון שטאדט האבען זיך פארפליכטעט אנטייל צו נעהמען אין דיעזען פאראד, אונטער זייערע ספעציפישע באנערס. די זעלבע פארשפרעכונג קומט פון די מעהרסטע אידישע לאדזשעס, דער ערשטער אידישער ארדען, וואס האט צוגעזאגט אנטייל צו נעהמען אין פאראד, איז געוועזען דער "ברית שלום" דורך זייער פרעזידענט מר. ה. האראוויטש. דער לאקאלער ארדען באשטעהט פון 1,200 מיטגליעדער.

דער מארשרוט פון פאראד וועט פארעפענטליכט ווערען פון קעפטען וויים אויף דעם מיטינג וואס וועט געהאלטען ווערען קומענדען מיטוואך אווענט אין ווילקינס סט. ת"ת. עס ווערט ערווארטעט אז דער מארש וועט זיך אנפאנגען ביים מיטאג און וועט זיך ציהען ביז דעם ארענא גארדענס און אנדערע גרויסע האלס, וואו מאסמיטינגען וועלען אפגעהאלטען ווערען. עס ווערט ערווארטעט, אז ווענינסטענס 6 פון די גרעסטע שוהלען וועלען זיין אפען פאר מאסמיטינגען יענעם טאג.

עס וועלען געפיהרט ווערען ספעציעלע פלאטפארמס וואס וועלען פארשטעלען 2,000 יאהר אידישע געשיכטע. סאוועניר פראגראמען וואס ווערט ענטהאלטען פאטאגראפיעס ... קאלאניעס אין ארץ ישראל, פון דעם אידישען אוניווערסיטעט אין ירושלים; בילדער פון פארשיעדענע ציוניסטישע פיהרער און פון ארץ־ישראל שטאטס רייט, וואס זענען געווען פאראנטווארטליך פאר דעם באשלוס פון סאן רעמא, בנוגע ארץ ישראל.

די קאמיטע האט שוין באשטעטיגט פלענער וועלכע וועלען צעטיילט ווערען איבער אלע אידישע הייזער פריי.

אלע אידישע ארגאניזאציעס ווערען געבעטען צו שיקען דעלעגאטען צו דער קאנפערענץ וואס ווערט אפגעהאלטען נעקסטען מיטוואך אין ווילקינס סט. ת"ת.

וויטערע אינפארמאציע אין באצוג צו דעם פאראד קען מען איינעפינען אין דער ציוניסטישער ביורא, 825 טשעסטנאט ביילדינג.

פאלגענדע האבען אריינגעשיקט די ערשטע געלט־ביישטייערונגען פאר דעם גאולה פאראד.

אידער "ברית שלום" דורך זייער פרעזידענט ה. האראוויטש — $50

קאנגרעגיישאן בני יעקב, דורך יוסף גיטעלמאן $15. קאנגרעגיישאן "בית משה" דורך ה. ס. סילווער — $25

אחות ציון, דורך מר. ז. עהרליך $10. בית יהודא שיהל, דורך יוסף פריד מאן $25.

אידישע דאקטוירים געבען 35,000 דאלאר פאר'ן אידישען האספיטאל

מאסמיטינג אין אוטאפיא האל אן ערפאלג; די האספיטאל אסס'ן טרעט באלד צו צום בנין; דער איצטיגער מאסמיטינג דער ערשטער פון א גאנצע רייהע.

דער אוטאפיא האל איז דינסטאג אבענד געווען גוט באזוכט. דער מאראלישער און דער נאכפאלגענדער מאטעריעלער ערפאלג איז געווען ווי מען האט ערווארטעט.

צווישען די רעדנער האבען זיך באטייליגט פאלגענדע דאקטוירים: דר. וויינהארן, דר. וו. וו. קאהן און דר. אראנסטאם. פאלגענדע רבנים האבען אדרעסירט די פארזאמלונג: רבי תאומים, רבי אייזענמאן און רבי איישישקין.

אינטערעסאנט איז געווען די אנקלאגע פון ראבי אייזענמאן אויף די רייכע.

דער רב האט פארגעלעגט אז די חברה האספיטאל אסס'ן זאל אננעהמען דעם פלאן וואס מר. ב. י. גאלדשטיין האט אויסגעדריקט אין זיין לייט ארטיקעל אין נומער "וועג" פון דינסטאג, "פארוואס זיך נישט אויף די נבירים" — האט דער רב געזאגט. ער האט פארגעשלאגן אז מען זאל דעם האספיטאל בויען אלס פאלקס אינסטיטוציע, און אננעהמען דעם פלאן פון רעדאקטאר פון "וועג".

עס האט אויך גערעדט דער שליח פון דער רבי יצחק אלחנן ישיבה פון ניו יארק רבי דר. קאפלאנער.

זיין רעדע איז געווען זעהר א גלענצענדע, דורכגעמישט מיט הומאר און מיט סאטירע אויף דעם אדרעס פון די יעניגע רייכע היגע אידען, וואס שטעהען פון ווייטענס און קוקען נישט העלפען דעם חברה האספיטאל אסס'ן זיין נאבעלער ארבייט.

זיין רעדע האט געהאט אן איינגעצייכענטע ווירקונג. באלד ווי ער האט נאר געענדיגט האבען פיעלע פון די פארזאמעלטע אנגעגעבען זייערע נעמען און רעקען און זיך פארשריעבען אלס מיטגליעדער פון דער אסאסיאיישאן.

דער פארזיצענדער פון מאסמיטינג, מר. קאצין האט ערקלעהרט אז עס האלט נאר געהענט דערביי אז דער האספיטאל זאל אנהויבען געבויט צו ווערען. עס איז א פראגע פון טעג, פון שעה'ן. אין א דריי וואכען ארום — האט ער געזאגט — קען מעגליך זיין אז דער האספיטאל זאל זיך אנהויבען בויען.

ער האט אויך אנאנסירט אז די דאקטוירים אסס'ן האט פארשפראכען ביי צושטייערן צוואנציג טויזענד דאלאר פארן האספיטאל.

מר. קאין רופט דאן אויס פון פלאטפארם, אז איצט האבען שוין די דאקטוירים 35 טויזענד דאלאר פאר דעם חברה האספיטאל.

דער וויים פרעזידענט פון דער אסס'ן מר. טאמארין האט אונז מיטגעטיילט, אז דער היינטיגער מאסמיטינג איז אן ערשטער פון א גאנצער רייהע מאסמיטינגען וואס די אסאסיאיישאן וועט פאר אנשטאלטען.

די חברה האספיטאל אסס'ן פלאנעוועט אויך ארויפצוברענגען א באקאנטען רעדנער פון ניו יארק צו איינעם פון איהרע נעקסטע מאסמיטינגען.

די שטימונג וואס עס הערשט ביי די טוער פון דער אסאסיאיישאן איז א זעהר יום־טוב'דיגע. פיעלע פון זיי זענען אפטימיסטיש און זאגען אז זיי זענען זיכער דאס דער פערלאנג פון אלע היגע אידען איז, אז דער האספיטאל זאל גלייך געבויעט ווערען. געלד וועט שוין זיין — זאגט אונז איין מיטגליעד פון דער אסס'ן — דער עיקר איז אז מען זאל זיך נאר שטעלען צו דער ארבייט.

ירושלים הערט גאולה שופר

די ציוניסטישע העדקוואדערס האט געקראגען א באריכט פון ירושלים, אז ווען מען האט דארטען ערפאהרען וועגען דעם באשלוס פון סאן רעמא, האט הרב קוק, דער נייער רב. הכולל פון ירושלים געהייסען בלאזען שופר אלס צייכען פון אתחלה דגאולה.

צוערשט זענען פיעלע אידען געגאנגען צום כותל מערבי אויסצוגיסען פריידע טרעהרען אויף דער שמחה, און נאכהער האט מען זיך געטראפען אין שול, וואו הרב קוק האט געהייסען תוקע בשופר זיין.

ניטי'ס מיניסטעריום רעזיגנירט

רוים, מאי 12 — דאס איטאליענישע מיניסטעריום פון פרעמיער ניטי האט רעזיגנירט.

דעם באשלוס צו רעזיגנירען האט פרעמיער ניטי אנגענומען נאכדעם, ווי דער פארלאמענט האט מיט 193 געגען 112 שטימען אנגענומען א פארשלאג פון די סאציאליסטען בנוגע פאסט און טעלעגראף. סיניאר ניטי האט געבעטען צו פארווארפען דיעזען פארשלאג, ערקלעהרענדיג אז דאס שטימען איבער'ן פארשלאג וועט פון איהם באטראכט ווערען אלס א אויסדרוק פון צוטרויען צום מיניסטעריום. די פאלקס פארטיי האט געשטימט מיט די סאציאליסטען.

דעלעגאציע פון פינסקער ראיאנער רעליעף

דער פינסקער ראיאנער רעליעף אין שיקאגא האט ארויסגעשיקט א דעלעגאציע אהער אין דעטראיט, צו העלפען ארגאניזירען דעם פינסקער ראיאנער רעליעף וועלכער וועט אריינגעהמען אין זיך אלע קליינע רעליעפ'ס פון די פאלגענדע שטעטלאך:

פינסק, דאוויד הארארא, קאזאן הארארא, טוראוו, לונינעץ, סטאלין, בודהאטיע, יעזואניק, לאהישין, פאסיניטש, סטאשאן יויסאקי, פינקאוויטש, זשיט קאוויטש, פאטשיפאוו, ליובעשעוויטש, טערנאן, מאטעלע, דראהיצין, חאמסקי, ליבעשוי, הענטקעוויטש, נאבליע, רובליע ליניעץ פאראבאנסק, יולין, סערניק, פאהאסט זארעטשי, פאהאסט זאנאראדסקי.

דער וועקעל שטיין פאר דיעזער ארגאניזאציע וועלכע עס ווערט ערווארטעט, וועט טאן אקטיווע ארבייט, וועט געלייגט ווערען, אין עטינגערס האל, ביים מאסענפערזאמלונג, זונטאג ביטאג דעם 16־טען מאי.

סובסקרייבער קאמפיין פאר פאראייניגטע תלמוד תורה'ס

די אידישע באפעלקערונג פון דעטראיט איז דרינגליך געבעטען אפצורופען זיך מיט יעהרליכע ביישטייערונגען פאר די היגע פאראייניגטע תלמוד תורה'ס, עס זענען דא פלענער צו בויען נאך אנדערע געביידעס איבער דער גאנצער שטאדט פאר דיעזע פאראייניגטע אינסטיטוציעס, און כדי צו פארזיכערן זייער אויסהאלטען ווערט דיעזער קאמפיין פאר סובסקרייבער אנגעפיהרט.

אלע לאדזשעס, קלובען, שולען א. ד. ג. זענען געבעטען מיטצוהעלפען אין מאכען דיעזען קאמפיין ערפאלגרייך.

די פאלגענדע יעהרליכע ביישטייערונגען זענען אריינגעקומען אין אפיס אין פארלויף פון דיעזער וואך:

צו 150 דאל. — סליד בראס; צו 100 דאל. — מר. דזשיקאב, מר. ה. פ. עלטעס, מר. און מרס. סעמ. ראבינאוויטש, מר. ראי פישער, מר. וו. בורמאן, און מר. מאריס ל. פינק; צו 50 דאלאר — מר. א. פארבור, מר. דזש. גווארען, מר. דזשאז. קאהען, מאסקאוויטש און גאלדסטיק, מר. לואיס טשערנאף, מר. בען גאלדבערג, מר. דזשאז. נידערלאנדער, מר. דאוויד לעטינסקי, מר. ל. סטאל, און מר. הענרי פריעדמאן.

מיטינג פון "וועג" אסס'ן

א מיטינג פון דער 15־ער קאמיטע פון "וועג" אסס'ן איז אפגעהאלטען געווארען נעכטען אווענט אין אפיס פון "וועג" אינטער'ן פארזיץ פון מר. קאצין און שפעטער פון מר. נאגעל.

וויכטיגע באשלוסע זענען אנגענומען געווארען און עס איז באשלאסען געווארען דעם נעקסטען מיטינג צו פאררופען אויף נעקסטען זונטאג 10 אזייגער אין דער פריה.

לאנדאן, מאי 12. — אן אפיציעלער באריכט מעלדעט אז אוקראינער האבען פארנומען אדעסא.

ווארשא, מאי 12 — די פוילישע און אוקראינישע טרופען האבען פארטריבען די באלשעוויסטישע ארמיי אויף דעם פראנט פון טייך בערעזינא, דער שלאכט פראנט פאר אויף א שטח פון 420 מייל, רעטשיצא איז גענומען געווארען.

דער איצטיגער אנגריף פון דער פויליש־אוקראינישער ארמיי איז געמאכט געווארען, כדי אויסצוגלייכען די פוילישע ליניעס, וועלכע ציהען זיך פון מערב צו זיידעסט ביז הינטער קיעוו.

צו צפון מזרח צו פון מאזיר זענען די באלשעוויקעס פארטריבען געווארען איבער דעם דניעפער.

ס'ווערט באריכטעט, אז אדעסא, דער ווייטיגער האפען אויף דעם שווארצען ים, איז פארנומען געווארען פון פוילישע און אוקראינישע טרופען. אן אפיציעלע באשטעטיגונג פון דיזען באריכט איז דערווייל נאך ניט ערהאלטען געווארען. כאטש דער באריכט גיט איבער, אז דאס נעהמען פון קיעוו האט פאסירט מיט איניגע טעג צוריק. דער זעלבער באריכט דערצעהלט, אז טירטשין און בראטצלאוו אויפ'ן טייך בוג זענען איינגעפאלען צו דער פוילישער ארמיי.

קאנסטאנטינאפאל, מאי 12 — די היגע רוסישע אמבאסאדע האט ערהאלטען א ידיעה, אז פוילישע און אוקראינישע באזאטען האבען פארנומען אדעסא.

סאוועטען גיבען נאך ענגלישע ביטע וועגען רחמנות צו דעניקינס ארמיי

לאנדאן, מאי 12 — די רוסישע סאוועטען רעגירונג האט צוגעשטימט צו לענקען דאס לעבען פון די געפאנגענע דעניקינס סאלדאטען אין דרום רוסלאנד ווי אויך פון די דאזיגע פון די אנטי־סאוועטען טרופען, וועלכע וועלען מעגליך אין דער צוקונפט געפאנגען ווערען.

א נאטע וועגען דעם איז היינט ערהאלטען געווארען אין ענגלישען אויסערן מיניסטעריום אלס אן ענטפער אויף ענגלישע אפיעלס צו דער מאסקווער רעגירונג.

סאוועטען רעגירונג אין ארמענישער הויפט שטאדט

קאנסטאנטינאפאל, מאי 12 — די רוסישע באלשעוויקעס אין אזערבאדזשאן האבען פארלאנגט, דאס ארמעניען זאל זיי איבערגעבען די שטאדט קאראבאג און ערלויבען זייערע טרופען דורכצוגעהן ארמעניען צו דער אזיאטישער טערקיי, אום דארטען צו פאראייניגען זיך מיט מוסטאפא קעמאל, דעם אנפיהרער פון דער טערקישער נאציאנאליסטישער באוועגונג.

דער ארמענישער פרעזידענט, כאטיסיאן האט ענטזאגט נאכצוקומען דיעזען פארלאנג, און די סאוועטען קאמיטע אין עריוואן האבען געגען פרעזידענט פראטעסטירט און ארונטערגעווארפען זיין רעגירונג.

דער היגער ארמענישער פאטריארכאט האט ערהאלטען א באריכט, אז א לאקאלע סאוועטען רעגירונג איז געגרינדעט געווארען אין עריוואן.

די טערקישע נאציאנאליסטישע טרופען האבען צוריקגעשטויסען דעם סולטאנס ראיאלע טרופען און זיי מארשירען צו די דארדאנעלען. זיי האבען באפרייט ארע גענומענע געפאנגענע, וועלכע שליסען זיך אן אן דער נאציאנאליסטישער ארמיי.

די קאמאנדירען פון סולטאנס טרופען זענען היינט דא אנגעקומען און גיבען איבער אז אין אנאטאליען געפינט זיך דעם סולטאנס ארמיי אין א ווירקליכער סכנה, הורבדעם וואס פיעל רעגימענטען געהען איבער צו די נאציאנאליסטען.

פאריז, מאי 12, אין די היגע אפיציעלע קרייזען איז ערהאלטען געווארען א באריכט אז באלשעוויזם פארשפרייט זיך יעדער שנעל פון באטום, טראנס־קאווקאז און גרוזיען, דענקט מען וועט אט־אט ווערען באלשעוויסטיש. אין ארמעניען זענען די באהנען און די ארבייטער פון'ם לאנד אונטערען איינפלוס פון לאקאלע סאוועטען און זייער ערפאלג צו פארבאזייען די רעגירונגס מאכט קען צו יעדער צייט ערווארטעט ווערען.

לויט באריכטען, איז די לאגע דארטען א האפנונגסלאזע.

ארעסטאנטען ווילען ניט פארלאזען איצטיגען פריזאן סופעריטענדענט

א פעטיציע אונטערגעשריבען פון דער מאיאריטעט ארעסטאנטען אין דער היגער הויז אוו קארעקשאן, איז געבטען אריינגעקומען צו דער באורד אף אינספעקטארס. די פעטיציע פארלאנגט אז דער סופעראינטענדענט פון דער הויז אף קארעקשאן, מר. ג. בערט באנטא, זאל צוריק בלייבען אין אמט.

דער דאקומענט איז אונטערגעשריבען פון דריי הונדערט ארעסטאנטען, מענער און פרויען. די ארעסטאנטען זאגען, אז מר. באנטא איז ניט פאראנטווארטליך פאר די באשולדיגונגען וואס ווערען געגען איהם געמאכט.

"איך האב אפילו ניט געוואוסט, אז עס זענען נאר געמאכט געווארען באשולדיגונגען געגען מר. באנטא" — האט ערקלערט ה. ס. מארגאן, איינער פון די מיטגליעדער פון דער באורד אף אינספעקטארס, — "אפשר זענען אזעלכע באשולדיגונגען געמאכט געווארען אין די צייטונגען".

די "באשולדיגונגען" וואס די ארעסטאנטען דערמאהנען אין דער פעטיציע, זענען ווארשיינליך געציעלט צו א בריעף וואס איז געווען געדרוקט אין דער היגער "ניוס" פון א באפרייטען ארעסטאנט.

אין יענעם בריעף האט דער שרייבער באהויפטעט, אז ווען מר. באנטא האט צוזאמענגעשטעלט די דאזיגע פעטיציע, איז ער אליין ארומגעגאנגען אין יעדען פריזאן קעמערעל כדי די ארעסטאנטען זאלען זעהן, אז ער האט אן אויג אויף יעדען איינעם וואס חתמ'עט אדער וואס חתמ'עט ניט. אויב די דאזיגע באשולדיגונג איז אמת, דאן איז עס זעלבסט פארשטענדליך, אז קיין איינער פון די ארעסטאנטען האט ניט געוואלט איינרייסען מיט זייער סופעראינטענדענט.

מר. מארגען האט ערקלעהרט, אז ער האט אויך געהערט קלאגען אז די אונטערשריפטען זענען געזאמעלט געווארען אויף דעם אופן.

מר. באנטא לייקענט דאס אבער אפ. ער זאגט, אז ער האט אפילו ניט געוואוסט אז אזא פעטיציע געהט געשיקט ווערען.

מר. באנטאס רעזיגנאציע איז שוין זייט איניגע מאנאטען אין די הענט פון דער אינספעקטארס באורד. די רעזיגנאציע דארף אליין אין קראפט דעם 1טען יולי.

מארטענס'עס שיקזאל אפהענגיג פון ווילסאן

וואשינגטאן, מאי 12 — דער ווערדיקט איבער דעם פארהער, וועלכער האט זיך געענדיגט אנגעפאנגען אין ארבייטס דעפארטמענט וועגען דעפארטירען לודוויג ק. מארטענס, דעם באלשעוויסטישען אמבאסאדאר אין די פאראייניגטע שטאטען וועט ווארשיינליך אריבערגעשיקט ווערען צו פרעזידענט ווילסאן, ער זאל געבען אן ענדגילטיגע ענטשיידונג.

רעגירונגס באאמטע האבען געזאגט, דאס כאטש מר. ווילסאן דער ארבייטס סעקרעטער וועט ארויסזאגען זיין באשלוס צום סוף פון'ם פארהער, ווערט דאך ערווארטעט, דאס ער וועט אובערגעבען די פראגע צום ווייסען הויז, איידער ער וועט ענדגילטיג באשליסען מארטענס'עס גורל.

דער פארהער האט זיך אנגעפאנגען נעכטען אונטער פארמאכטע טירען. אימיגראציאנס אינספעקטאר שעל, פון עליס איילאנד, איז פארזיצענדער.

א שאנדע צו שטארבען רייך, זאגט נ. שטראוס

ניו יארק, מאי 12. — דער בארימטער ציוניסט, מיליאנער און פילאנטראפ נייטען שטראוס, האט געגעבען אויסגעדריקט זיין אמביציע צו שטארבען אן ארימאן, ווייל "עס איז א שאנדע פאר א מענשען צום שטארבען רייך". — האט דער 72 יאהריגער פילאנטראפ געזאגט:

"עס איז א פארברעכען — האט ער פארטגעזעצט — זיך ניט צו טיילען מיט די ארימע און ליידענדע. דער מענש וואס שטארבט מיט וועלטליכען רייכטום, פארפעהלט די גרעסטע זאך אין לעבען — ער ערפילט ניט זיין פליכט צו דער וועלט. עס איז ניטא קיין צופרידענהייט פון געלט אליין. שפייז, היים ארבייט און אמוזירונגען, זענען פאר ארים און רייך גלייך. די גרעסטע צופרידענהייט ליגט אין אויפטאן עטוואס פאר דער וועלט. ווען מיינע האפנונגען וועלען ערפילט ווערען, וועל איך זיין רייך און גליקליך טוענדיג גוטע ארבייט".

מר. און מרס. שטראוס פלאנעווען אין צוויי מאנאטען ארום אפצופאהרען קיין ארץ ישראל מיט דעם געדאנק צו העלפען אויפבויען די אלט נייע אידישע היים.

קאר יוניאן שלאגט פאר ארביטריישאן

נעכטען האט די יוניאן פון די היגע קאר־ארבייטער צוריקגעוויזען דעם ענטפער וואס די די. יו. אר. האט צוגעשיקט אויף די ארויסגעשטעלטע פאדערונגען פון א העכערונג אויף די איצטיגע שכירות און דעם אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג.

די קאר קאמפאני האט אין איהר ענטפער די פראגע פון שטונדען איגנארירט, און וואס אנבאלאנגט א העכערונג אויף דעם איצטיגען לוין, זאגט די קאר קאמפאניע דאס צוליעב דעם גרויסען יקרות אויף מאטעריאל א. ה. ל. קען זי בנוגע די שטאדטישע ארבייטער גאר ניט טאן. זי זאגט אבער אז פאר די ארבייטער פון די ליניעס אויסערן שטאדט וועט זי געבען א געוויסע העכערונג, ווייל צוליעב דעם, וואס מ'האט איהר ערלויבט צו נעהמען נאך 2 סענט אויפן טיקעט.

די יוניאן ווייזט אן אז זי וויל שליסען דעם סכסוך אויף א פריעדליכען אופן, און שלאגט פאר אן ארביטריישאן באארד און בעט אן ענטפער די קומענדע וואך.

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 8715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50

אן אמת'ער מיינונג פון מר. באלפור

[illegible]

נישט דער נאמען פון דער צייטונג און נים די פארמע פון דעם ארטיקעל איז אונז אצינד ליכט צו דערמאנען זיך. אבער עס געדענקט זיך אונז זעהר גוט אז אין א לאנדאנער ענגלישען טאג בלאט איז געווען איבערגעגעבען א מיינונג פון דעם געוועזענעם איסערען מיניסטער אין ענגלאנד, מר. באלפור, וועלכע וואלט כדאי געווען איבערגעשריבען צו ווערען אין ליפּלעטען, וואס זאלען צעטיילט ווערען צווישען די אידען.

פון דער מיינונג פון מר. באלפור איז צו זעהן ווי אמת עס איז דאס אידישע ווערטעל: „פער גאסט קומט פאר א ווייל און דערזעהט פאר א מייל".

דער געוועזענער ענגלישער איסערען מיניסטער האט נעמליך געזאגט, אז מיט אידען איז שווער צו פיהרען אונטערהאנדלונגען, ווייל אידען האבען צופיעל פארטייען.

באלפור דער קריסט איז בלויז איין איינציג מאל געקומען אין בארוהרונג מיט אידען און האט איינגאנצען דעם אמת'ען איגערליבען מצב איינגעזעהן: מיר זיינען צעריסען און צעפיצעלט אויף פארשידענע עלוי חברות, און חברית'לעך, פארטייען און פארטיי'עלעך, פארבאנדען און פארבענדלעך, סאסייעטיס און סאסייעטילעך.

דער „קאהאל", דאס אידישע איינהייט, פאר וועלכען די גוים האבען אזוי מורא און וואס קומט ווי אים צו זיין אזוי מיסטעריעז, איז טאקע נים מעהר ווי א גוי'שע סברא, א מין „בייגי מען", וואס זיי אליין האבען אויסגעטראכט, אום צו בארעכטיגען זייער מורא פאר דעם אייביגען רעטעניש — איד.

נישטא ביי אונז קיין איינהייטליכע נאציים.

און אפשר וואלט ערנישט אינטערעסאנט געווען אונזער לעבען ווען ביי אונז זאל אלעס זיין אזוי אויסגעמישטירט און אזוי גלאטיג: איינער זאל זאגען „בים" און אלע זאלען נאכבאמקען.

„ווען איך זאל געווען קומען מיט אידישען פאלק, און פאדערן געוועם פאליטישען ציוניזם און אלע זאלען זיך געווען אז דעם אנבאפען, און אלע זאלען געווען מסכים זיין, וואלט עס מיך נישט געוועזן ציפרידענגעשטעלט".

אזוי זאל האבען געזאגט דער באשאפער פון דעם פאליטישען ציוניזם, דר. הערצל.

עס איז, אלזא, גארנישט אזוי א ינטערעסאנט אז א פאלק זאל זיין אין שטיק מיט זיין איבערצייגענישען, מיט אלין איינע אנשויאונגען, מיינונגען און אידעען.

און, טאקע, ווארום זאלען מיר זיין בעסער ווי אלע אנדערע פעלקער און נאציעס. איטעמים זיינען דאך פאראן פארטייען וואס פיהרען צווישען זיך אן בארשארפטע קאמפען.

נישט מעהר וואס בנוגע דעם ענין וועגען מר. באלפור האט געזאגט, איז שיין די זאך איטפארשטענדליך יכפרט מאך א קריסט.

געוויס האט זיך איהם אז וויבאלד עס געפינט זיך נאך צוויי טויזענד יאהר ביטערען גלות א מדינה וואס ווי איופריבטען א פאלק, וואלט דאמאלס נים זיין קיין חלוקי דעות, האט זיך דען געפינען איין פארטיי אין גרויסערע משונה'נע פראגען, וואס זאלען געווען טענה'ן: „ניין, מיר ווילען נים באפרייט ווערען, מיר ווילען צוריק בלייבען אונטער דעם דריק פון רוסלאנד", אדער א גרופע ביי די ארמענער וואס זאלען געווען ווערען בלייבען צוריק אונטער דעם יאך פון טערקיי.

אמת טאקע אינזער לאגע איז אנדערש.

אונז זיינען נים באקאנט אלע טענות פון די געגנער. מיר ווייסען אלע זייערע ארגומענטען, מיר ווייסען אלע ארגומענטען פון די גענאסען, אזוי גוט ווי פון די אסימילאטארישע יאהודים.

פארשטעהט ווי אבער נישט און עס באגרייפט ווי נישט אזא מענש ווי מר. באלפור איז.

ער באגרייפט נים דעם טייל אידען וואס איז געגען האיב ווי אין מיט וועלכען ער אידען, באלפור, איז מסכים: ער פארשטעהט אבער נישט די יאהודים.

און דערפאר האט ער זיין דערמאנטע מיינונג ארויסגעזאגט.

ארויסגעזאגט, זי און נישט איבערטריבען. ער האט דעם גאנצען אמת ארויסגעווארפען און אינזער פאלק.

עס זיינען אבער אויך ביי אונז פאראן צייטען ווען דאס פאלק איז גאנצען אהן איינגאהמע פון פארטייען קומט זיך צונויף אין איין דעה און מים איין ווילען.

אזעלכע צייטען האבען אפטער פאסירט די לעצטע יאהרען: עס זיינען די הילפס-ארבייטען, וואס האבען אמאל צונויפגעבראכט אלע פארטייען צוזאמען — באטש נאכדעם זיינען זיי צוריק צעריסען געווארען; עס זיינען די ארגאניזאציעס וואס זיינען באקאנט אלס „אוקראינער פאר באנדען", וואו עס זיצען אויף איין באנק עטליכע עלויי פארטייאידען; עס זיינען געווען די טרויער-פאראדען און לויט אונזער מיינונג וואלט עס אויך באדארפט זיין איצט ביי דעם „הגאולה" — די פריידען-דעמאנסטראציע.

עס וואונדערט אונז ווארום די אידישע נים-נאציאנאלע סאציאליסטען שליסען זיך אויס פון דער פייערונג. ניין, לאמיר זאגען גלייך מיט זיי, אז מיט'ן באקומען ארץ ישראל דורך דער ענגלישער מלוכה, וועלכע מיט דאס צולייגב פאליטישע, אדער דיפלאמאטישע מאטיווען, איז נאך נישט די גאנצע גאולה. לאמיר אננעהמען אויך איין מינוט אז אט דיעזע באהויפטונג פון א טייל אידישע סאציאליסטען איז איינגעהאלטען. אבער ווען הונדערטער טויזענדער אידען פרעהען זיך מיט אן אתחלתא דגאולה, מיט א קליינער נחמה, ווארום זיך אויסשליסען פון דיעזער שמחה. אויב דיעזע גאולה וועט ברענגען ערלייזונג צו א טייל אידען פון אוקראנא, פוילען, אונגארן און רומעניען, איז דאך כדאי צו טאנצען אין די גאסען.

מיר פארשטעהן אויך נים ווארום די פועלי ציון האבען זיך אפגעטיילט.

צו וואס?

ווארום נישט צוזאמען מיט די מאמעס, פעטערס און מוטערס זיך פרעהען?

אמת טאקע, אז דארטען אין ארץ ישראל וועלען די פועלי ציון דארפען פיהרען א קאמף מיט די בורזשואזע איצטיגע מחותנים. טא וועט דאך צייט זיין דאמאלס אנצע'ברוגז'ן זיך אויף זיי; עס וועט צייט זיין אפילו אין גלות מיט זיי צו פיהרען א קאמף. צו וואס אבער איצט טאנצען אויף דער אלגעמיינער חתונה דוקא א ברוגז טענצעל מיט מוטעס און פעטערס?

מסתמא וועט דער פועלי ציון ארגאן ערקלעהרען דעם מאטיוו און די אורזאכע פון מאכען באזונדערע פ אראדען, וואס אפער די מאטיוון זאלען נים זיין, גלויבט זיך אונז וועניג וואס אין דעם ערפאלג פון באזונדערע דעמאנסטראציעס אין די קלענערע אידישע צענטרען.

דער שרעקליכער גיהנום פאר אידען אין אונגארן

(פון אונזער אויסלענדישען קארעספאנדענט ש. פאן)

קאפענהאגען —

עס איז נאך ניט פארעפנטליכט געווארען דאס אויפזאמלען פון די רשימות מיט קרבנות, וואס דאס אידישע פאלק האט זוועקגעלעגט אין דעם בלוטיגען אוקראינא; עס איז נאך פארטרוקענט געווארען דאס בלוט פון די טויזענדער און טויזענדער אונשולדיגע מענער, פרויען און קינדער, וואס זיינען אייגנע'שחט'ען געווארען פון די אוקראינישע רויבער-באנדעס, און שוין האט זיך אנגעהויבען א פרישער בלוט-באד אין דעם פארשאלטענעם אונגארן.

ש. פאן

אזוי ווי אין אוקראינא, אזוי האט זיך אויך אין אונגארן פארוואנדעלט דער באגריף פאגראם אין א פאלקס-פרנסה. אין אונגארן אזוי, ווי אין אוקראינא, זענען די פאגראמען אויף אידען געווארען נאציאנאליזירט. פאגראמען, דאס איז איבערהויפט קיין ווארט נישט פאר די מורא'דיגע אידען-שחיטות, וואס עס קומען איצט פאר איבער גאנץ אונגארן. דאס איז א פאלקס-איס'שחט'ונג מיט ברייטע באנדיטישע און רויבערישע ציועקען.

עס איז שוין באלד געוואָרען א מין היסטארישע טראדיציע ביי די נייאויפגעשטאנענע פעלקער. ווייל מען ווערען אנערקענט פון א רייבע באנדיטען און באקומען זייער שטעלע, מוז מען זיך שטעלען אין זייער שפיץ און שרייען „שלאגט די אידען!"

דאס וואס עס קומט פאר היינט צו טאג אין אונגארן, טאר בשום אופן נישט פארשוויגען ווערען פון דער ציוויליזירטער עפנטליכקייט. מיר מוזען וויזען דעם היינטיגען אונגארן, אז זי זאל נישט נאכטאנצען די אנדערע פאגראם-מלוכות, וועלכע האבען אויפגעבויט זייער אומאבהענגיגקייט אויף די הארגעטער קברים פון אונשולדיגע אידישע מענער און פרויען. מיר מוזען רופען דעם וועלטס אויפמערקזאמקייט צו די מורא'דיגע אידען-שחיטות, וועלכע קומען היינט צו טאג פאר אין אונגארן...

אונגארן איז נים אוקראינא און נים פוילען. דאס איצטיגע אונגארן איז הורבאיים אפהענגיג פון דער הילף פון דער גאנצער וועלט. דאס אידישע פאלק מוז דארום וועקען דעם פארשלאפענעם און שטארק באשעפטיגטען געוויסען פון דער ברייטער וועלט און באווייזען וואס דארט קומט פאר.

שוין צייט א יאהר ווי דאס אונגארישע אידענטום ווערט שרעקליך געפייניגט פון אונגארישע רויבער-באנדעס, וועלכע האבען זיך געמאכט פאר א פרנסה אידישע פאגראמען.

ווערבאפארשטענדליך פאלט די שולד אויף דער אונגארישער רעגירונג, וועלכע איז געווען די ערשטע, וואס האט געוויזען א וועג צו פאגראמען אויף אידען און אוועקרויבען פון זיי זייער האב און גוטס. מען האט גענעבען וואפען אין די הענד פון אופארגאניזירטע רויבער באנדעס און זיי געוויזען א וועג ווי אזוי מען קען אויס'שחט'ען א טייל פון דער אונבאשיצטער באפעלקערונג — די אידען. איצט ווילען אט די באנדעס ניט ארויסלאזען דאס געוועהר פון די הענד און מאכען שוין דאס-זעלבע שטיקעל ארבייט אהן דער הילף פון דער רעגירונג.

ס'איז א פעסטגעשטעלטער פאקט, אז אין אונגארן עקזיסטירען איצט גאנצע ארגאניזירטע באנדעס, וועלכע האבען דעם ציוועק זיך צו באשעפטיגען מיט אידישע פאגראמען. אזוי, למשל, האט זיך דער אמאליגער „פאליטיקער" גאארג סמערדזשאני געשטעלט אן דער שפיצע פון א רויבער באנדע וואס האט זיך גע'שטעלט פאר א צוועק אנצופאלען אויף אידישע הייזער, אויף אידישע געשעפטען און זיי אויסראבעווען. סמערדזשאני האט אונטער זיך א גאנצע רייהע באוואפענטע רויבער און צוזאמען מיט זיי לאזט ער זיך איבער די אידישע גאסען פון בודאפעסט, שטעלט אפ יעדען פארבייגעהענדען אידען און גלייך נעהמט מען אוהם שלאגען און ווען דער שוצלאזער איד, וועלכער ווערט פון קוינעם נישט גענאנגען דוקא...

פארטיידיגט, פאלט אין א קאלוזשע פון בלוט, בארויבט מען איהם פון קאפ ביז די פיס און דאן לאזט מען זיך אין א צווייטער גאס און מען טוט דאס זעלבע.

דאס איז היינט צו טאג א טאג-טעגליכע געשעהעניש אין אונגארן. יעדען טאג עפנט מען צעהנדליגע ערמארדעטע אידען אויפ'ן גאס, ביי וועלכע מען האט אוועקגעריבען אלין וואס מען האט נאר געפונען ביי זיי, אפילו די מלבושים און שיך פון די פיס ציהט מען ביי די ערמארדעטע אידען ארונטער.

שרעקליכע פאקטען ווערען דערצעהלט וועגען די אכזריות'דיגע מעשים וואס עס טוט אפ דער באנדיטען-פיהרער אסטענבורג.

צוליעב די שטארקע פראטעסטען וואס זענען געקומען פון אלע זייטען געגען די בעסטיאלישע טאטען פון דער אסטענבורגער באנדע און אזוי ווי די ענגלישע ארבייטער האבען געסטראשעט מיט א בייקאט געגען אונגארן אויב אסטענבורג'ס פאגראמען וועלען נים נעהמען קיין סוף, איז דער באקאנטער בלוטדורשטיגער באנדיט צוזאמען מיט זיין גאנצער סוויטע אוועק פון בודאפעסט אויף דער פראוינץ ווי ער רעכענט, אז דארט וועט ער איננעשטערט ווייטער קענען פארטזעצען זיינע בלוטיגע רויבערייען געגען דער מאכטלאזען אידישער באפעלקערונג. גלייך ווי דער דאזיגער רויבער איז אריין אין א שטאדט האט ער ארויסגעלאזען פאגראם-פלאקאטען איבער די גאסען און וועלכע עס ווערט ערקלעהרט:

דער גיהנום פון אידען אין אונגארן

„ווער זענען עס געווען די מערדער פון קריסטוס'ן?

די אידען!

ווער זענען די בלוט-זויגער פונ'ם פאלק?

די אידען!

ווער האט געמאכט די מלחמה?

די אידען!

קריסטען, אונגארער, ברידער! אסטענבורג, דער שרעק פון די אידען, קומט. צווישען אונז וועט וואוינען דער פארטיידיגער פונ'ם הייליגען קרייז. די בודאפעסטער אידען האבען שוין באקומען צו פיהלען זיין אייזערנע פויסט. אויך דא, אין אייער שטאדט, זאל מען פיהלען דעם שווערד פונ'ם אמת!

מיט'ן בייט פון די קריסטען פייערען די אידען זייער פסח!

קריסטען, זייט גרייט!"

עס איז זיך שוין ליכט פארצושטעלען ווי עס פיהלען זיך די אידען בעת די דאזיגע באנדערויבער באווייזען זיך אין א שטאדט. מען אנטלויפט אין די נאהענטע וועלדער און מען באהאלט זיך פאר'ן שונא. אזוי, למשל, זענען 200 אידען פון דעם שטעדטעל קעטשקעמעט אוועק אין דעם נאהענטסטען וואלד אום זיך אייסצובאהאלטען פאר די פאגראמשטשיקעס. די רויבער-באנדע האט זיי אבער דארט געפונען און אלע 200 אידען זענען ערמארדעט געווארען. א טייל פון זיי האט מען אין וואלד באגראבען לעבעדי...

...נערהייט. די פרויען האט מען געשענדעט אויפ'ן ברוטאלסטען אופן און די קינדער צעריסען אין צווייען.

אפילו די קריסטליכע באפעלקערונג פון דער ארומיגער געגענד איז שטארק אויפגעבראכט געגען די פאגראמשטשיקעס און זייער פיהרער און פארלאנגען אז מען זאל זיי אלעמען שטעלען פאר א קריגס-געריכט פאר זייערע בלוטיגע מעשים.

די ליידען פון די אידען אין אונגארן לאזען זיך בכלל נישט באשרייבען. עס איז אן איינפאכער גיהנום, וואס האט צו זיך קיין גלייכען נישט.

עס איז די פליכט פון דער אידישער עפענטליכקייט אויפצוהויבען איהר קול. מען טאר בשום אופן נישט בלייבען גלייכגילטיג צו די בלוטיגע מעשים אין אונגארן. עס חזר'ט זיך דא איבער די מעשה אוקראינא. אבער יעצט שוין געזאגט, קען מען זיך מיט אונגארן בעהר אן עצה געבען ווי מיט אוקראינא. אונגארן איז הורבאיים אפהענגיג אין דער מאראלישער און מאטעריעלער הילף פון דער גאנצער וועלט, און דערפאר דארף די אידישע עפענטליכקייט אין אלע לענדער זארגען דערפאר, אז מען זאל אויפפאדערען די אונגארישע רעגירונג, אז זי זאל באשיצען די אידען פון א סיסטעמאטישער אויסראטונג. א טייל פון דעם אידישען פאלק געהט אונטער און מיר טארען נים בשום אופן בלייבען גלייכגילטיג!

די אונגארישע אידען אין אמעריקא דארפען די ערשטע דאס געדענקען.

דעטראיטער שפּיגעל

פון הרואה ואינו נראה

(ספעציעל פאר'ן „וועג")

אמת'ע מעשיות, פאסירט אין דעטראיט'ער אידישען קווארטאל, בריערינע אין קא מישע

געבונדען און געפאנגען

באַ-באַ-באַ!

בי-בי-בי!

בע-בע-בע!

יונגע חברה, וואס איז געווען פארוארט אין זייט פון א חבר אין אוקראנד האט זיך געקאטשעט פון געלעכטער.

— אי, וועלכ... זיי איהם אפטאן! אי.

וועט ער זיך דערשרעקען!

באַבאַבאַ!

ביביבי!

וואס אפטאן?

בלויז א קלייניקייט: זייער חבר, אין וועמעס הויז זיי האבען זיך פארזאמעלט, איז נישט געווען אין דער היים. נו, פיהלען זיך חבריהיים אין הויז ווי די אמת'ע בעלעבאטים.

ווי אזוי זיינען זיי אריין אין הויז, אז קוליער איז דארט נישטא?

די געשיכטע איז פשוט: זייער חבר האט א באזונדערן שליסעל צו דער טיר.

זיין פריי האט אויך א באזונדערן שליסעל. זי איז אין קאנטרי.

די פריי האט איבערגעלאזען דעם שליסעל אונטער'ן שטיקער וואהנונג אין האריר און חברה האט איהם דערטאפט.

בקיצור, זיינען זיי אריין און זייער חבר'ס הויז.

און זיצען זיצט מען אין דער פינסטער און די גאנצע חבריא האט זיך פארמאסקירט, פארבונדען די פנים'ער מיט טיכער, ווי אמת'ע באנדיטען, און באשלאסען צו וואַרטען.

וואַרטען — אויף וועמען?

אויף'ן חבר זייערען. באלד ווי ער וועט אריינקומען, באשליסען זיי, וועט מען זיך צען מיט איינגעהאלטענע אטעמס אין פארשיידענע ווינקלען און ווי נאר ער טרעט אריין וועט ליכטיג מאכען אין צימער, וועלען זיי געבען א שפרונג ארויס פון זייער באהעלטעניש, אויף איהם ארויספאלען א קאלדרע, איהם בינדען און איהם פארשפארען אין בעדרום און איהם דארט לאזען ליגען שעה'נווייז.

חברה רעדט נאכאמאל איבער דעם געניאלען פלאן און די געלעכטערן צעטראגען זיך ווידער איבער'ן הויז:

— באַבאַבאַ!

— בי-בי-בי!

— בע-בע-בע!

עס איז אנגאנצען ארום 8 א זייגער אין אוונט. אבער חבר איז אומגעדולדיג. אך, ווען ער קומט שוין! עס וועט דאך זיין אזוי פיעל „פאן"!

די מינוטען ציהען זיך לאנגזאם ווי פעך. די הערצער קלאפען. די אויגען זענען אנגעשפיצט: אפשר געהט ער שוין? אפשר קומט ער שוין?

אבער ווי אויף להכעיס קומט ער ניט. ווער ווייס ווען ער וועט קומען. יעדע סעקונדע זעהט אויס ווי אן אייביגקייט — גלייך דער חבר וואלט עס אין לעבען ניט געגאנגען דוקא אפצוטאן די שטיקע!

נאר יונגווארג... איהר ווייסט דאך האבען עפעס אנדערע זאכען?

א... שא... ששש!... וואס איז דארט? דאכט זיך, אז ער קומט... ששש... האט עמיצער א כאפ געטאן אין טיר, צי עס האט זיי נאר אויסגעוויזען?... חברה'ס ליטע האלטען איין דעם אטעם, זיצען ווי גוילעם. אהא... ער קומט... די טיר עפענט זיך. אפילו נישט געהערט שריטען... ששש... אין דער פינסטערניש ווייזט זיך א פיגור...

די פיגור בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב. פארוואס צינדט ער נישט אן די עלעקטרישע לאמפ?... מסתמא ווייס ער נישט... ששש... אט ריקט ער זיך צום צווייטען צימער. מ'דארף עס פארכאפען. חברה-לייט האבען קוים געדייט נישט געבען א שפרינג ארויס פון זייערע באהעלטענישען. אין אידער וואלטען אין די „פיגור" שוין איבערגעווארפען מיט א שווערער קאלדרע...

יענער וואַרפט זיך, קעמפט פארצווייפעלט. אבער די יונגע לייט זענען שטארקער. זיי בינדען איהם פעסט מיט די אנגענייטע שטריק, שלייפען איהם אריין אין פינסטערען בעדרום און פארשליסען הינטער איהם די טיר.

איצט מאכט מען ליכטיג און שטייט-דייט הארט מען אפ אן אסיפה און מען טראכט פרענער וואס ווייטער צו טאן מיט'ן געבונדענעם חבר.

אייניגע זענען פאר, אז מען זאל איהם איבערלאזען אין אוועקגעהן און אין דער פריה קומען איהם אויפבינדען. אבער אנדערע טרייסטען זיך אפ דערפון, ווייל ער קען דאך נאך דערשטיקט ווערען אונטער דער קאלדרע.

ברייבט עס, ענדליך, אז מען זאל איהם לאזען ליגען אזוי ארום א שעה צייט און דאן אריינגעהן צו איהם און פון איהם א ביסעל חוזק מאכען.

דערווייל זיצט חברה שטילע, געלאסענע, כדי דער געבונדענער זאל נישט הערען זייערע שטימען.

עס איז אריבער א קנאפע שעה. זיי האבען שוין געוואלט אויפשליסען די בעדרום און אויפבינדען זייער חבר. אבער פלוצלונג הערען זיי — מ'געהט.

מ'געהט? יא, מען געהט. ווער קען עס קומען, אז זייער חבר ליגט שוין א געבונדענער? מען ווייסט נישט און דא רעדט מען, ווי מען שליסט פון הויזען די טיר.

חברה-לייט בלייבען זיצען ווי פארגליווערטע. ווייסען נישט וואס צו טאן. און אידער זיי קומען צו זיך, עפענט זיך די טיר און — וויבא. זייער חבר קומט אריין, פריש און מונטער, ווי גארנישט וואלט געווען...

קוקען זיי זיך איבער איינער מיט'ן אנדערען פארוואונדערטע, ערשטוינטע, אבער נאך מעהר פארוואונדערט איז דער חבר אליין. ער פארשטעהט נישט וואס דא טוט זיך. ווי די חברה האט זיך דא געגומען. און ער פרעגט פאר'חרוש'ט:

— ווי אזוי זענט איהר דא אריינגעקומען?

נאר יענע ענטפערן נישט אויף זיין פראגע און קענען נישט פארשטעהן וואס דא טוט זיך. דער חבר ליגט דאך א געבונדענער אין בעדרום, טא ווי קומט ער נאך פון גאס?

באטראכט זיך איינער דעם אנדערען. דער חבר ... זיי, און זיי ... דעם חבר. און דערנאך, אז די ערשטע איבערראשונג איז אריבער, דערצעהלען זיי דעם חבר וואס זיי האבען דא אפגעטאן, די גאנצע געשיכטע פון אל"ף ביז תי"ו און אז דער חבר הערט דאס, ווערט ער נאך מעהר צעמישט און דאן געבען זיך אלע א יאג אריין אין בעדרום, מען צינדט אן די „ליכט" און מען זעהט — אז דער געבונדענער ליגט דארט יוא מען האט איהם אוועקגעלעגט, מיט דער קאלדרע איבער'ן קאפ...

„שרעקליך!"

יענער שנעל, מיט ציטערדיגע הענט, בינדט מען איהם אויף און מען נעהמט פון איהם אראפ די קאלדרע און דער חבר, דער אמת'ער, ניט אויס א געשריי:

ס'איז דאך אונזער לענדלארד! ער איז געקומען וועגען עפעס, געגראבעלט אזוי לאנג די טיר, ביז זי האט זיך געעפענט, ווייל די שטיפערס האבען איהם אין דער פינסטער אנגענומען פאר זייער חבר.

דער לענדלארד איז געבליבען געווען פאר חרש'ט. דערשראקען צום טויט און מען האט איהם קוים אפגעמינטערט. קיין רעגואך האט ער נישט געקענט קיין ווארט ארויסרעדען פון גרויס שרעק.

וואס ווייטער איז פארגעקומען, לאז איך איבער פאר די לעזער אליין זיך פארצושטעלען...

וואו איהר קענט הערען דר. קאפלענדער דיעזען שבת

ער וועט רעדען אין דער רוסישער שוהל, ווינדער סטריט, בעפאר מיסה און אין אוקראינער שוהל אהבת אחים, בעפאר מנחה, 5 אוהר פינקטליך.

דער מבין וואס הערט דר. קאפלענדער איין מאל וועט שוין אימער זוכען די געלעגענהייט איהם צו הערען א צווייטען מאל. זיינע פארטרעגע זיינען קורץ און בינדענד און האט אימער א נייעם ווארט צו זאגען. רבי קאפלענדער איז פעהיג מיט זיין פען, אבער נאכמעהר מיט זיין צונג, אן אמת'ער פאכמאן אויף דער בימה.

פערפעהלט איהם ניט צו הערען דיעזען שבת, ווייל ער פאהרט אב קורצליך צוריק נאך נויארק.

נעבעך.

באלעבאס: פאר וואס ארבייט איהר ניט? ארבייט מאכט דאס לעבען זיס!

בעטלער: יא, אבער איך לייד פון צוקער קראנקהייט, האט מיר דער דאקטער פארבאטען אלע זיסע זאכען.

באנגענישען

פון מאקס גאטהעלף

וואס א ליין קען

דאס איז געווען אין א נויארקער רעדאקציע. איך האב איהם דארט געזעהן יענעם טאג, ווען איך האב געבראכט מיינע א ליעד צום רעדאקטאר. דאס ליעד איז געווען א ליעבעס-ליעד. דער רעדאקטאר האט ניט געקענט ארויסרעדען די „ריש" ...ארה. נעבעך א געשטראפטער. אנשטאט א ריש, פלעגט ער פארבייטען אויף א „טית". איז ארויסגעקומען — דיינע אויגען — זענען שטטאהלען (אנשטאט שטראהלען), דיינע ליפען — פואפוט טייט (אנשטאט פורפור רויט). שריי איך מסתמא אויס — פאני רעדאקטאר, איהר לעזט ניט גוט! מאכט ער צו מיר, — אני פאעט, איהר „שטייבט" ניט גוט, מ'דארף שטייבען אזוי ווי מען רעדט... טענה איך מיינס, אז מען דארף רעדען אזוי ווי מען שרייבט. זאגט ער, אז „שטייבען" איז „גרינגער" פון לעזען... און דאריבער האב איך געדארפט „שטייבען" אזוי ווי מען רעדט... בקיצור המעשה, איך האב מיט איהם אזוי איינגע'טענה'ט צוויי שעה צייט, ביז... ביז איך האב זיך ארומגעזעהן, אז איך בין אלפ'ן „סיד'וואק" און מיין קאפ איז פארשמוצט אין בלאטע (דאמאלסט האט גערעגענט א גאנצען טאג). געהט ארויס יענער מאן פון רעדאקציע און באטראכט מיך. נאכדעם פרואווט ער מיך סרייס-טען:

— אי מיסטער, אונזערע ביטערע פרנסות נעביך...

„וואס איז? איהר זייט אויך א שרייבער?"

ווער איך גיינערדיג און פיהל זיך ניט אזוי באליידיגט, וואס עס געפינט זיך נאך איינער צו מיר...

— ניין, — מאכט ער, — איך בין אייך א שוסטער...

וואס א ליין קען!

אין טעאטער

מיר האבען זיך באגעגנט אין טעאטער „דאן סטרו" צווישען פינסטען און זעקסטען אקט... יופט ער זיך אפ צו מיר:

— מיסטער, ווי גלייכט איהר די „פּרעי"?

— א נייש'קשה'דיגע „פלעי" — ווייל איך איהם צופרידענשטעלען — נישט מעהר, ס'איז א ביסעל צופיעל אקטען...

— הע, — שמייכעלט ער איראניש, אפנים אז איהר זיינט גרין אין „טריאטער"?

— וואס הייסט גרין? — ווייזעל איך זיך נאאיוו — עס ווענדט זיך וואס פאר עלעקטריק-ליכט עס שיינט...

— איך מיין — מאכט ער — איהר האט ניט קיין „ווקוס" אין „פלעיס", — באמערקט ער, האלב רוסיש, האלב ענגליש.

— וואס הייסט „קוסען" פלעיס? — קוק איך איהם אן מיט א געמאכטער באוואונדערונג. — „פלעיס" הערט מען און מ'זעהט, אבער ניט קוסען... טרייב איך מיינע לצנות.

— איהר זיינט א ליטוואק, מיסטער?

— ווערט ער טשיקאווע.

— ווי איז אייך בעסער?

— מיר איז „דיסיים", נאר איך פרעג גלאט אזוי, פרעג איך.

— איך בין א איד, — קריך איך איהם ווייטער אין די ביינער.

— פון וואנען קומט איהר? — מאכט ער מיין דופק.

— איך קום — מאך איך פון דער היים...

— ווי איך זעה, ווילט איהר מיך נעהמען אויף ציב...

און ביי דעם האט ער זיך צעהוסט, פון די קגוולען רויך, וועלכע האבען זיך געצויגען פון מיין סיגאר גלייך צו איהם אין פנים אריין.

— איך האב אויך זיך גענוג צרות אהן אייך... — פארענדיג איך.

ער האט זיך גאנץ נישט קשה'דיג אויסגעהוסט, געכאפט דעם אטעם מיט גרויס שווערקייט, און האט פארענדיגט:

— איך מיין אויף זיכער...

— חלילה! — וועהר איך זיך — איך וויל אייך אויף „זיכער" ניט נעמען. איך האב מיט צוואנציג יאהר צוריק געגנוטען א מיידעל אויף זיכער, וועד איך נאך ער היום אויסגעריסען פון איהר.

— א-א-א מיסטער! איהר „דזשאקעט" פון מיר! — ער האט געוואלט נאך עפעס פרעגען, נאר דא האט ער זיך דערמאנט אין דעם זעקסטען אקט, און ער איז פארשוואונדען צווישען די מאסען. איך בין געבליבען שטעהן. האב איהם באגלייט מיט מיינע בליקען און געטראכט:

א „טריאטער מענש".

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארזעצונג)

ווידער איז מיט ניימאן'ען עפעס פארגעקומען אזוינס, וואס ער קען זיך ביז היינט אליין נישט דערקלערען. ער האט ראכט זיך גאנץ גוט געהערט ווי זי ווייצעלט זיך, „גאכדעם ווי זי האט איהם מיט איין מינוט צוריק אזוי מורא־דיג ערנידעריגט. ער האט אבער פון איהר דערהערט קלאהרע דבורים, אז זי ווייסט גיט, אז ער קען נישט זאגען דאס, וואס ער וויל איהר זאגען, און אוועקגעהן פון איהר איז איהם אונמעגליך. האט ער פלוצ־צי צ'ן איהר, האט זיך א בויג געטאן צי צ'ן איהר, האט זיך א בויג געטאן צי איהר אזויי, זי איז געזעסען אויף'ן בעט, די פיס אהן שיך אויף דער ערד אראפגעלאזט, און אנגעכאפט איהרע הענט מיט ביידע הענט. און זי א רעווע געטאן: „חנה איך האב איך ליעב, איך האב איך ליעב. אויב איהר וועט מיר עפעס שלעכטעס זאגען, וועל איך זיך א מיעשה אנטאן“. און אזוי ריגענדיג געבען איהרע הענט האט ער אנגעהויבען צו וויינען.

חנה האט א ציטער געטאן, ווידער אמאל איז זי ערנסט געווארען. א מאל נער געפיהל האט זי ארומגעכאפט.

זי האט איהם ביי דער האנד אנגענו־מען, האט איהם אויפגעהויבען און צופיה־רענדיג איהם צום בעט, האט זי איהם אנידערגעזעצט און אליין איז זי צוריקגע־גאנגען צום בעט, האט אפגענומען איה־רע שיך און מיט א האנט געגומען וויי פארשפילט. נאכדעם האט זי זיך אפגעוואשען און גענומען דאס קעמער אין האנד און הענט שפיגעל זיך גע־שטעלט.

— ניימאן, — האט זי געזאגט נישט אומקוקענדיג זיך צו איהם און נישט אויפגעהערט צו קוקען אין שפיגעל — ניימאן, איהר האט שוין אויפגעהערט צו וויינען?

— נו?

— ניימאן — האט זי ווייטער אין דעם זעלבען טאן געזאגט — ניימאן, איך האב איך נישט פאר קיין קליגען. אלע מיינען אז איך בין א מרשעת. ניין, איך האב פשוט קיין ווילען נישט אלעמען צו חנפ־ענען. איך ווייס אז קיינער קען דעם אמת נישט דולדען, בין איך נישט מחויב צו טאן דוקא דאס וואס יענער קען יא דולדען, איך קען קיינעם נישט נארען און ווייל נישט נארען, איך זאג אמאל א ריינע גיי פאר מיין שוועסטער. עס זענען דא א סך אידזאכען ווארום איך מי דאס. איין אורזאכע פון די פיעלע, וועל איך איך זאגען; איך זאג איהר ליעגען, ווייל איך וויל איהר מיט אמת נישט וועה טאן. זי איז צו אומגליקליך איינגאנצען איהר לעבען, אז איך זאל קומען און איהר וועה טאן. איך האב מיין שוועס־טער נישט ליעב אזוי שטארק, ווי זי האט ער מיינט אז ער וועט קענען לעבען מיט מיך ליעב, איך האב קיינעם נישט ליעב. א האפנונג וואס האט קיין ממשות נישט.

מען האט מיך א נ ג ע ז א נ ט, אז איך דארף ליעב האבען, אבער איך האב פון קיינעם גיט געהאט אזוינס וואס זאל יענעם באליעבט מאכען ביי מיר. מיין שוועסטער איז די איין איינציגע, נאך'ן טאטען, וועמען איך האב ליעב. זי איז די איין איינציגע וואס האט פאר מיר אזוי פיעל געטאן, וואס ווען זי טוט דאס אן אנדערן, וואלט יענער פאר איהר די פינגער זיך געשניטען. איך קען דאס נישט. אבער ווייסט זשע אז נישט הור־קענדיג דערצו וואס איך האלט איך נישט פאר קיין קלוגען, האב איך פונ־דעסטוועגען איך נישט געהאלטען פאר אזעלכען אז איהר זאלט דאס נישט פאר־שטעהן...

— איך האב דאס יא פארשטאנען — האט ניימאן איהר איבערגעשלאגען.

פארשטאנען? — האט זי איהם איי־בערגעפרעגט. אויב — זאגט זי — ער האט יא פארשטאנען, ווארום זשע איז ער געווען אזא נאר נישט צו פארשטעהן, אז זי וועט באן אופן זיך נישט צוהערען צו קיין ליעבעס־פארשלאג, כל זמן זי וועט נישט זעהן מיער'ן קיין פארהייראטע.

אבער האפען... — מעג איך האפען חנה? — האט ניימאן מיט ציטער־ניש אין קול געפרעגט.

זי האט איהם נישט געענטפערט באלד. ערשט ווען זי האט זיך אנגעטאן א גראז טעה איז ביים טיש זיך געזעצט, האט זי איהם אין דער שטיל געזאגט: „ניימאן, איך האב געמיינט אז ווען אפילו איך זאל איך ליעב קריגען, וואלט דאס פאר איך דער גרעסטער אומגליק געווען. אבער לאמיר פון דעם נישט רייד־דען. איהר זענט פארליעבט אין א קינד, א פאר א קינד פאסט נישט אויפצעק־זאס צו מאכען א גרויסען מענשען אויף א ווינקעלען און אפילו דעם ווייב... שריט אין לעבען. האפען? — דאס איז זיך אייער זאך. וואס אנבעלאנגט מיר, מיר אליין, מיז איך זאגען, אז איך חלום אפילו גיט פון אזעלכע זאכען, ווי ליעבע, בחורים — און חתונה. דאס ווארט חתונה קלינגט מיר אזוי פרעמד. גלייך איך וואלט איצטער צען יאהר אלט געווען... איהר האט מיך גמיט דערשראקען, ווען איהר [illegible] מיר דאס ווארט „ליעבע“ גע־זאגט, עס איז דאס ערשטע מאל וואס איך הער דאס.....

— אבער צי מעג איך האפען? — האט מיט צאפעדניש ניימאן ווידער געפרעגט.

חנה האט א שמייכעל געטאן: האפען? מהיכא תיתא זאל ער האפען, אבער זאל ער זשע ימען חשק נישט פארגעסען, אז יעדע נייע האפנונג איז אן אנהויב פון א נייער ענטוישונג, פון א נייעם שמערץ. אויב ער וועט דאס געדענקען מעג ער

אוודאי פארלאנגט דער מענש וואס ליידט. זעהר ווענינ. באדוהיגט ער זיך אבער אביסעל, הויבט ער אן מעהר צו פארלאנ־גען. און ווען ער, ניימאן וועט אנהויבען מעהר צו פארלאנגען און ווען ער וועט קומען מיט דיזע פארלאנגען צו איהר, וועט ער אנטרעפען פונקט די אייגענע חנה, וואס ער זעהט איצט, פאר זיך... ווארים עס גלויבט זיך איהר נישט צו זי וועט ערנסט א טראכט טאן וועגען ליעב אזוי גיך.

זי האט א קוק געטאן צו'ן איהם און דערזעהן ווי ער זיצט מיט אן אראפגע־לאזטען קאפ, ווי א באשולדיגטער, וואס הערט איהם זיין אורטייל פון א בייזען פון א גרויזאמען ריכטער.

א רחמנות האט זיך פלוצים ביי חנה'ן דערעקט. איהר הארץ האט א ציטער געטאן קוהענדיג אויף איהם. זי האט איהם געוואלט דעם אורטייל פארלייכ־טערען.

קומט אהער, ניימאן — האט זי איהם געזאגט און אומקעהרט זיך צו איהם מיט'ן געזיכט — קומט נור אהער ער האט געפאלגט.

נעהמט מיט דאס בענקעל און זעצט זיך אט דא־א נעבען מיר — האט זי ווייטער מיט איהם מישטירט.

ער האט געפאלגט.

זי האט איהם אנגענומען ביי די האר פון קאפ און איהם געצויגען צו זיך: — הערט ניימאן — האט זי איהם געזאגט שטיל און הארציג — מיין מרים זאגט נאך פון טאטען א יווערטעל; מסתמא איז דאס דא אין דער גמרא „כל זמן שאדם חי, יש לו תקוה“ (כל זמן דער מענש לעבט, מעג ער האפען) איך וועל און אנ־אנדערש מאר איך זאגען ווי אזוי איך שטעל זיך פאר מיין קינפטיגען חתן, אפשר וועט איהר פון דעם פארשטעהן אז איהר דארפט נישט פארצווייפלען, איך ווארט איך אבער נישט וועלען געבען קיין ווארען צו ווארטען אויף... מיר, לאמיר זשע ביידע ווייטער זיין אזעלכע גוטע שכנים ווי ביז אהער און לאמיר די שמועסען וועגען ליעבע איבערלאזען אוי־בערלאזען אויף א צייט. ווען מיר וועלען איינס דאס אנדערע מעהר קענען און בע־סער פארשטעהן. גוט?

„יא!“ — האט ניימאן קורץ און מעכאניש אפגעענטפערט.

און אנדער ברירה האט ער דען געהאט ווי דעם „יא“ מיט א ויפל ארויסצוזא־גען?

(פארזעצונג פאלגט)

מט. קלעמענס

זייט געזונט



אין פארברענגט אייער זומער וואקיי־שאן אין מאונט קלעמענס, און אז שוין אין מאונט קלעמענס וועט איהר סטאפען אין

Elkins Hotel

100 רומס, דיינינג רום פאר 300 לייט. א רפואה פאר קראנקע, א פאר־געניגען פאר געזונטע.

ס'ניט געדרונגען אז איהר מוזט הא־בען טויזענדער צו זיין אין מט. קלע מענס

ניו ווילא האטעל

וועט אייך רעכענען $25 א וואך, און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס קאנעקטעד מיט א פעסעדזש צו די פלאזא בעדער. שרייבט נאך איינצעל־הייטען צום פראפראיעטאר ה. קראוו.

ריווערסייד האטעל

(געוועזענער פארק ענעקס)

מט. קלעמענס, איינגאנצען רעמאר־דעלירט, עפענט זיך 1־טען מאי,

150 רומס, דיינינג רום פאר 300. דאס אידעלסטע פלאץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע. שרייבט נאך איינצעלהייטען.

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

אלבאני האטעל

אין מט. קלעמענס, האט א נאמען פאר די לעצטע 20 יאהר אונטער דעם זעל־בען מענעדזשמענט.

מיר בעטען אונזערע קאסטימער און פריינד צו קומען באצייטענס אוידער דער סעזאן איז אין פולען גאנג, כדי מיר זאלען זיי קענען געבען בעסערע בא־האנדלונג. שרייבט צו

ב. מאסקאוויץ

אייער פארלארענע געזונט

קריגט איהר צוריק, ווען איהר זענט אין מאונט קלעמענס און סטאפט אין

גלענוואוד האטעל

קאנעקטעד מיט די בארימטע אלימ־פיא בעדער. שעהן, ליכטיג, לופטיג. פרישע שפייזען, מעסיגע פרייזען. א ספעשעל לאונטש און דעליקאטעסען סטאר, קאנעקטעד מיט די גלענוואוד. שרייבט נאך אויסקינפטע צו א. מאראר־סקי.

לעזט דעם „וועג“

Bricker Bros
75 Grand River
Cherry 3718

FURS

איהר קענט איצט קויפען ספרינג פוירס אייך פויר קאוטס פאר פרייזען וואס וועלען זיך דאובלען אין פאל סיזאן. קומט אריין און בעקענט זיך מיט אונז

בריקער בראס.

רעוו. ל. ד. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)

נעהמט אן **סדור קדושין**
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עופרידענהייט.

511 קעמעראן עווענין
טעל. העמלאק 1180 ראבעליו.

VIENNA SAUSAGE MFG. Co.
CELEBRATED VIENNA PURE
Hygeia Beef Sausages
SMOKED & PICKLED BEEF TONGUES ETC.
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי און סאנס
בראדוויי מארקעט

לאיער מתתיהו ליסס האט גע־עפענט א ברענטש אפיס פאר די אווענ־דען אין 325 וועסטמינסטער סט. טעל. העמלאק 533 ראבליו דאן טאון אפיס. 928 טשעמבער אף קאמערס בלדג. סטיט און גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978

ווילט איהר
סיווען
?10 פראצ.

ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ראגס, בעדינגס, פאנאגראפס און לעמפס

— דאן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז

קעש אדער קרעדיט

628 מישיגאן עוו. — מעלראז 4985

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענ־טער זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און געראנטירט?
טו קומט צו
מ. ד א מ נ י ט ץ
245 מאנטקאלססט.

ווארע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353־355 היסטינגס, קאר. קאלומביא

גיט אייערע קינדער א מאדערנע אידי־שע ערציהונג שיקט זיי אין דער מענ־דעלע פאלק שולע 204 איסט הענ־קאק. עס ווערען געעפענט נייע קלאס־סען פאר אנפאנגערס, אויך שילער פיר די העכערע קלאסען, אין שולע לע־רענט מען אידיש העברעאיש. געשיכ־טע און לענענדען, די שולע איז אפען יעדען טאג פון 4 ביז 7 זונטאג פון 9 ביז 12.30

— באקאנטמאכונג —
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמופט פון 263 פארנסווארט אין
140 טערבורי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

א גרויסער אויספארקויף

סייל פאנגט אן מאנטאג

איך מאך באקאנט צום געהערטען פובליקום פון דעטראיט דאס איך מוז אויספארקויפען מיין גאנצען סטאק

קראקערי, אלומינום, גראניטוואר און פענסי טשייני

אלעס, אלעס, מוז פארקויפט ווערען אין דער קורצער צייט פון היינט ביז דעם 1־טען דושולי. מיין ליסס געהט אויס און מיין געזונט ערלויבט מיר גיט מעהר צו שטעהן אין ביזנעס, דערום מוז אלעס פארקויפט ווערען צו די בילינסטע פרייזען.

קומט וואס שנעלער פאר די בארגיינס. אלעס ווערט פארקויפט פאר א האלב פרייז.

מ. ב. שאפירא, 511 היסטינגס סטריט, ביטווין אלפרעד און ברוסטער

זאגט אייערע פריינד וועגען דעם גרויסען סייל.

געלט קיין אייראפא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראפ איז דורך דער

פיפעלס רעליעף

וועלכע איז א ברענטש פון דער דזשואינט דיסט. קאמיטע.

די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.

פיפעלס רעליעף קאמיטע

490 היסטינגס סטריט

קעדילאק, 2061

ראזענפעלד,ס
רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע באהאנדלונג.

30 מארבעל וואנעס
שאור בעטהס

2 כשרה מקוואות

פרייע קאטס אויף צום רוהען

16 פריוואט רומס פאר יעניגע וועלכע ווילען נעכטיגען.

א פראכטפולער לאנטש קאנטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקע צו יעדער צייט.

שוויץ פאר פרויען יעדען מיטוואך, מיט דער מיטווירקונג פון אן עקספערט מאסאזשיסטקע.

1846 אלפרעד סטריט, ג'ע אנטאין, טעלעפאן טשערי 6190 ראבליו.

קאפלאן'ס בארגיין סטאר

483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאל־גענדע ליינס:

קאמפלים דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, סוייר מענס; טייבעל קאווערס; שעטס און סקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענ־סי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און ביייס סוטס און קאוטס. א קאמפלים ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

- פאר סמוקע'ס מבינים

DURAND

האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נער מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פרובירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פארערט דר ראנד ביי אייער דיהלער.

DAVIS CIGAR MFG CO

געמאכט אין דעטראיט.

פארד קארס
און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־קויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

איקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציהן
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודווארד
737 אוקלאנד עוו.

דר.
ה. סטאריקאף
ד ע נ ט י ס ט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאונטערס, שעלוועס, טייבעלס, סקיילס, רעדזשיסטערס, גייע און געוויזטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד־לונג. 2 סטארס.

רעלייבל סטאר פיקטשור קא

306 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

248 אין. איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

CLASSIFIED

גראסערי סטאק און פיקסטשורס מוז אפרקויפט ווערען. זיך מעלדען 1075 הייסטינגס. (15

דעטראיטער חסד של אמת פאר לאנגט א גוטען פעהיגען קאלעקטאר זאל נישט זיין פרעמד מיט דער ענגלישער שפראך. בער ריכטיגער וועט מאכען א שעהן לעבען. מעל־דען זיך צום סעקרעטער, 66 ברוס־טער סט. נאר פעהיגע זאלען זיך מעלדען.

א פאפ שאפ צו פארקויפען, זעהר גוט געהענדע ביזנעס. מוז פארלאזען צוליעב קראנקהיים. $8,000 קען דאס הענדלען. פרעגען אין „וועג“ באקס 34.

א בעל קורא פארלאנגט אין קאנ־גרעגיישאן בני יעקב, 152 איללינאיז סט. פרעגען אין קאנגרעגיישאן.

צו פארקויפען א לאנטש טראק צו־זאמען מיט א גוטען איינגעטרייטען סטענד, אינקאם ביז $75 א טאג אויך זאכע א פרוי אליין און קען ניטאטען. דען פרעגען; 186 בענטאן סט.

אין א זעהר שעהנעם געגענד צו פארדינגען 3 גרויסע צימערען פאר א קאפעל מיט אייגענע פויר־נישער (קען זיין מיט א קינד), אויך איין פוירנישד רום פאר א מאן. נאכפרעגען: 360 קענטאן עוו. נעהמט קראסטאן אדער שערטאן קארס, איסט. 12(

פארדינגען

אין זעהר א שעהנעם לאקיישאן צום פארדינגען דריי גרויסע רומס צו א קאפל מיט אייגענע פארנישער (קען זיין מיט א' קינד) אויך איין פארנישד רום פאר א מאן. נאכפרעגען 360 קענטאן עווענו. נעהמט קראסטאן אדער שערטאן קארס איסט.

א 6 רומיגע הויז צו פארקויפען אין האללי מישיגאן, ביי די רייללראוד צווישען צוויי פעקטאריס מיט א גרויסען לאט פרייז $2,200.00 איינ־צאהלען $900,00 נאכפרעגען ביי בעם לאזעבניק, 301 הענדרי סטריט. טעלעפאן גארפילד 5555 „עס“.

צום פארקויפען א קלינינג און פרעס־סינג סטאר, אויך גוט פאר דרעס־מייקינג. אורזאכע: מוז פארלאזען די שטאדט. נאכפרעגען, קליינמאן, 81 קארדאניא עוועניו.

יין לקידוש ולהבדלה, די בעסטע געלעגענהייט צו באקומען כשר וויין איז זיך ווענדען צו מר. שפלאר, 244 פארנסווארט. גארטוועי 2006 ראבליו.

מאשען־פיקטשור אפערייטארס

לערענט זיך פאר פיכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, נוטע וויירושעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.

Movie Operator's School
33 Sproat St

מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

שעכטער'ס
דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פריסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, ערליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך ארויסגעבען איין יייסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען!

ביי ביכטיגע צונעפאסטע ברילען וועט איהר ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.

געהט צו אייער גוט באקאנטען

Frosh O. D.
אפטאמעטריסט

אין 204 קלינג"ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטנגס סט. קעגענאיבע עהרליך"ס דושולערי סטאר.

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

א שולע וואו אינגלעך טוען קיך ארבייט און מיידלעך פארמעריי

פון ב. י. ג—ן

ווארום זיינען פרויען נאר באשעפטיגט מיט קיך ארבייט, מיט דער באלעבאטיש־קייט, מיט גיאנטישען קינדער און דעסט־גלייכען ארבייטען, צו וועלכען א מאן ריהרט זיך זעלטען צו?

איז דאס טאקע דערפאר וואס די פרוי־ען טויגען זיך ניט אויס צו קיין אנדער ארבייט? איז דאס טאקע דערפאר וואס זיי פארשטעהן ניט קיין שום אנדער מלאכה?

דארויף האבען די היינטיגע פרויען א תשובה געגעבען.

די היינטיגע פרויען, וועלכע זענען באַ־שעפטיגט ביי אלע אינדוסטריעלע צוויי־גען, וועלכע פארנעהמען זיך מיט אלע פראפעסיעס האבען באוויזען, אז זיי זע־נען גלייך פעהיג מיט דעם מאן, אז עס איז ניטא קיין פראפעסיע, אדער מסחר, וואו בלויז מענער — און ניט פרויען — קענען זיך אויסצייכענען.

די פרויען זענען מעהרסטענס באשעפ־טיגט אין די קיכען, ביי דער באלעבא־טישקייט און מיט זייערע קינדערלעך, ווייל אזוי איז געווען דער סדר העולם. די אומשטענדען האבען די פרויען צו־געבונדען צו אזא ארבייט, ניט קוקענדיג דארויף צי עס איז זיי יא אדער ניט גע־פעלען געווארען, צי האבען זיי יא אדער ניט געוואלט.

האבען זיך די אומשטענדען געביטען און עס האט די פרוי די מעגליכקייט אצינד צו באוויזען, אז זי איז גלייך מיט דעם מאן פעהיג אויך צו ארבייטען, צו פראפעסיעס און צו אזעלכע מסחרים וואוהין מען האט זי ביז איצט ניט צו־געלאזט.

עס האט זיך אבער לעצטענס אויפגע־הויבען א נייע פראגע:

צי האט דאס מענער געשלעכט פע־היגקייט נאר צו זיין קאוואליעס, סטאל־יארעס, סוחרים, אדוואקאטען וכדומה און טויגען זיך לחלוטין ניט אויס צו קאכען וועטשערעס, צו באקען קיכלעך און חלות; צו וואשען פארלאנגס, אדער פיליכט איז עס אויך מיט די מענער ניט מעהר ווי די שולד פון די אומשטענדען.

די אומשטענדען, הייסט עס, האבען פאר־ווארפען די מענער אין די האנטא־רען, אין די קראמען, אין די פאבריקען, זיי האבען קיין מעגליכקייט ניט געהאט צו באווייזען וואס זיי קענען אויפטאן ביי דעם אויווען, ביים קאכען וועטשע־רעס און באקען חלות. וואלט מען זיי געגעבען א „טשאנס" אין קיך, וואלטען זיי פונקט אזעלכע פעהיגקייטען אויך דארטען ארויסגעוויזען.

זאל מען, בכן, די מענער געבען די איי־גענע מעגליכקייטען ווי די פרויען; זאל מען זיי צולאזען צו דער באלעבאטיש־קייט, פונקט ווי מען האט די פרויען צו־געלאזט צו די פאבריקען און מסחרים, וועט מען דאמאלט קענען וויסען אקוראט צי זיי זענען יא אדער ניט פעהיג.

געזאגט און געטאן.

אמעריקא איז א מדינה וואס האט ניט ליעב צו פארציהען זאכען אין דער לאנ־גער באנק אריין.

אין קליוולאנד האט מען געעפענט א שולע, וואו מען לערנט די קינדער, די תלמידים, פארשידענע מלאכות און אויך הויזארבייט.

אין א סך שטעדט געפינען זיך אזעל־כע פאבליק סקולס, וואו מען גיט די שילער א קורס אין פארמעריי, סטאלע־ריי, און שטריקעריי און דעסטגלייכען מלאכות.

אין דער זעלבער צייט לערנט מען די מיידלעך אויך קאכען, באקען, וואשען וועש, נעהען וכדומה.

קליוולאנד האט אבער א נייעם אויפ־געטאן: מען האט די מיידלעך גענומען צו סטאלעריי, פארמעריי, שמידעריי, און די אינגלעך — צו קיך ארבייט און באלעבאטישקייט. און אט וועט מען, הייסט עס, זעהען צי טויגען זיך די אינג־לעך אויס צו אזעלכע ארבייטען, וואס זייט דורות און דורות זענען דאס געוועזען אויסשליסליך פאר פרויען.

ארויסגעשטעלט האט זיך, אז דאס איז לאו דוקא.

אין דער נאטור פון דעם אינגעל ליגט ניט באגראבען קיין פעהיגקייט דוקא צו דער ארבייט וואס זיין פאטער טוט, פונקט ווי ביי די מיידלעך זעהט מען ניט קיין ספעציעלע פעהיגקייטען צו דיזע ארבייטען, וואס זייערע מאמעס טוען זייט טויזענדער יאהרען.

די אינגלעך אין דער קליוולענדער פאבליק סקוהל האבען אויסגעצייכענט גוט וועטשערעס, קענען זעהר גוט פארדיר־טען א פאר זאקען און די מיידלעך ווידער ארבייטען זעהר פלינק מיט'ן האמער, מיט דער זעג און מיט דעם הובעל, ווי געבוירענע סטאליארעס.

[illegible]

מיט דער צייט, דאס הייסט, ווען עס זאל ווייטער, אויך אין דעם לעבען אנגע־נומען ווערען, וואלטען מיר געהאט גוטע סטאליארקעס, גוטע פרויען קאוואליעס און די אינגלעך וואלטען אויסגעוואקסען גוטע קוכער, גוטע בעלי בתים, אנשטאט באלעבאסטעס.

דער דאזיגער עקספערימענט וועט מוזען אויף א היבש ביסעל אויסניכטערן די מענער פון די פרויען, וועלכע טענה'ן, אז דאס פלאץ פון דער פרוי איז נאר אין קיך און אז צו קיין אנדער ארבייט טויגט זי ניט.

ביז איצט האבען מיר אלע געמיינט, אז די מלחמה האט געצוואונגען די פרויען צו נעהמען זיך צו אנדערע באשעפטיגונגען — מיינען פיע־לע אז נאך אלעמען, איז די פרוי ווייניגער פעהיג איידער דער מאן. נאר מען קען זיך ניט העלפען. מען מוז אנקו־מען צו די פרויען ווי זארען איצטי־גען קריזיס ארויסהעלפען דעם לאנד.

„אלץ בעסער איז דאך דאס איידער גארנישט", — זאגען איינינע און א שפאס, וועלכער איז א האלבער ערנסט.

און עס קען אויך געמאלט זיין, אז די פרוי וועלכע איז זייט איהר קינדהייט אן באשעפטיגט אין קיך און ווערט פלוצים פארווארפען אין א פאבריק, זאל טאקע אין איהר ארבייט ניט זיין אזוי פאלקאם פעהיג, ווי דאס איז דער מאן, דער ארבייטער, וועלכער איז ביי דער ארבייט אפגעשטאנען זייט יאהרען און יאהרען און האט זיך צוגעארבעט פראק־טיש אין איהר.

ווען מען וועט אבער די פרויען לערנען די ארבייט פון קליינערהייט אן, און ווען מען וועט זיי צו דער ארבייט צוגעוועה־נען, איז ניטא קיין אורזאכע ווארום זיי זאלען זיך אין איהר ניט אויסצייכענען גלייך מיט די מענער.

זעהען מיר דאך טאקע אז א סך פרוי־ען צייכענען זיך אויס שוין אפילו איצט ביי אזעלכע געשווערענע מלאכות ווי, לאמיר זאגען, פארמעריי, אדער ביי אמוניציע. ווארום זשע זאל דאס ניט מעגליך זיין ביי אנדערע מלאכות?

אין דייטשלאנד העלפט מען זיך איצט ארויס ביי אלע מלאכות, סיי גרינגע און סיי שווערע, נאר מיט פרויען. אין דעם איינענעם דייטשלאנד איז פארמעריי אצינד ביי פרויען אין די הענט.

אין סערביען ארבייטען אויך די פרוי־ען אויף די פעלדער, אקערען, זעען און ווען עס איז נויטיג געווען האבען זיי זיך ניט אפגעזאגט אויך צו געהן אויף די שלאכטפעלדער קעמפפען מיט'ן שונא מיט שווערד און ביקס.

בריעף אין רעדאקציע

ווערטהער רעדאקטאר פון „וועג":—

איך בעט אייך העפליכסט די פאלגענ־דע פאר ערקלעהרונגען צו פארעפענטלי־כען.

אין אייער באריכט פון לעצטען פריי־טאג, אין באצוג צו דער גאולה קאנפע־רענץ אין אפיס פון „וועג", האט זיך אריינגעכאפט א מיסטייק — וואס מוז אומבאדינגט אויסגעבעסערט ווערען.

אין דעם דערמאנטען באריכט ווערט געמאלדען, אז איך בין געווען א פאר־טרעטער פון נאציאנאלען ארבייטער פאר־באנד. ווען דער אמת איז, אז איך האב בלויז פארטרעטען דעם שלום עליכם בר. טאקע א צווייג פון נאצ. ארב. פארבאנד, אבער אויף קיין פאל ניט דער פארבאנד אלס גאנצער.

איך מוז געזאגט ווערען אז קומענדיג אלס פארטרעטער זאגאר פון שלום עליכם ברענטש, האב איך נאר געטאן די פליכט וואס יעדער־סעקרעטער האט געדארפט טאן, ווייל אין דער צייט פון אייער רי־פען די דערמאנטע קאנפערענץ, ביז דער קאנפערענץ זעלבסט, איז קיין מעגליכ־קייט ניט געווען צו רופען א מיטינג פון אלע חברים, בין איך געגאנגען אלס א צייטווייליגער פארטרעטער. אזוי ווי אבער ביי דעם לעצטען רעגולערען מיטינג האט דער ברענטש אנגענומען א באשלוס זיך ניט צו באטייליגען אין דער אויבענ־דערמאנטער קאנפערענץ, בין איך פאר־מיש דורך מיין ארגאניזאציע צוריקגעצוי־גען געווארען פון יעדער באציהונג מיט דער קערפערשאפט.

האפענדיג אז איהר וועט געפינען פאר נויטיג מיין פערזענליכע ערקלעהרונג צו פארעפענטליכען, דאנק איך אייך האר־ציג,

מיט רעספעקט אייער,
ליאן בלאנק.

הומאר און וויץ

א מאן א בריה

פרוי (באגעגענדיג דעם מאן אויף'ן וואקזאל) — ווארום שלעפסטו אליין דעם טשעמאדאן, ליעבער מאררים?

מאן — אום די זאלסט ניט זאגען אז איך בין צו דיר געקומען מיט ליידיגע הענט.

* * *

א גרויסער פריינד

ערשטער [illegible] — יא האסט דו דערטאפט אזא שרעקליכען ראך?

צווייטער — ביי א פעדיער.

ערשטער — [illegible] האסט ער דיר?

צווייטער — [illegible] האבען גע־פענגנים.

* * *

היינטיגע ברית

א כלה שרייבט א בריוועלע צו איהר חבר'טע:

„מיין טייערע חנה! געסטער האט זיך מיין חתן דערשאסען. וואס מיך וואונ־דערט איז, ערשטענס, וואו האט ער גע־נומען געלד אויף א רעוואלווער? און, צוויי־טענס, וואס האט ער געווארט אזוי לאנג? קענסט מיר אפשר דאס ערקלערען?"

* * *

סוחריש

חתן: מיסטער [illegible], וויפיעל וועט איהר ביי מיר נעהמען פאר מסדר קדושין זיין?

רעווערענד: [illegible] דאלאר.

חתן: דאס איז צופיעל.

רעווערענד: ווען איהר וועט מיר פארשפרעכען, אז איהר וועט אלע מאל מיך נעהמען פאר אייער מסדר קדושין, לאז איך אייך פאר צוויי דא־לאר.

* * *

אויב אזוי איז רעכט.

[illegible] (צו דער דיענסט).

איז דאס ניט א שאנדע, קיידי, מען זאל צוליב א האלבפינט האפע זיך זאמע־[illegible] שטונדען אין סטאר?

[illegible]: איהר האט א טעות, בעל הבית'טע, איך האב גע־קויפט א גאנצע פינט האפע.

* * *

גרויס גליק.

יונגער מאן (צו אן אלטען) — האט איהר געהאט גליק ביי פרויען?

אלטער — זעהר פיעל גליק.

יונגער מאן — זיי האבען אייך גע־ליעבט?

אלטער — ניין, זיי האבען מיט מיר ניט געוואלט חתונה האבען.

* * *

אלקאהאל טהעמא.

לעקטשורער — ביינטאג רעד איך ביי דער „פראגרעסיוו יאנג וואמען" וועגען „פאמיליען לעבען", און אין אוונט ביי אונזער „טעמפערענס פאראיין" וועגען „גיהנום".

זיין ווייב — ווארום צוויי לעקטשורס אין איין טאג וועגען איין און דעם זעלבען ענין?

געסט.

מאררים — אך, איך האב ווירקליך גע־האט פארגעניגען היינטיגע אווענד פאר־ברענגענדיג מיט דער מיסעס פיינקוכען.

באררים — מיט דעם שטיק נאר? וואס פאר א פארגעניגען איז דאס?

מאררים — א פארגעניגען שוין דערפון אליין, וואס איך האב שיער מיט דעם שטיק נאר ניט געוואלט חתונה האבען.

* * *

גוטע עצות נאר...

מוטער — געדענק, טאכטער, האב ניט חתונה מיט קיין בחור, וואס טרינקט, שפיעלט קארטען, וואס האט געהאט צו טאן מיט פרויען, זאגט ליגען, נעהט...

טאכטער (שלאגט איהר איבער) — אבער, מאמע, די ווילסט דען איך זאל פארבלייבען...

* * *

ניט געענטפערט.

[illegible] — ווען דער זייגער זאל צום ביישפיעל שלאגען פערצעהן, וואס פיר א צייט וואלט עס דאן געווען?

[illegible] — צייט צו שיקען איהם פיקסען.

* * *

פראקטישע גנבים

[illegible]

* * *

איהר פארגעניגען.

[illegible]

פרוי: כ'מאכט ניט. [illegible]

* * *

ניט אומזיסט.

פארבייגעהער: הע, אינגעלע, שוין א שטונדע צייט הער איך צו ווי איהר שלאגט זיך. וואס איז דער מעהר?

אינגעלע: פארשטעהט איהר, ביי אונז האט איינגעבראכען א פייער. נו, שלאגען מיר זיך, ווער עס זאל געבען דעם „פייער אלארם".

* * *

אין קאנטרי.

באדרעלקע: איינענטליך איז מיר א גרויס חדוש אויף אייך, מיסטער הירביס, פאר וואס איהר הייראט ניט. איהר האט, קיין עין הרע, אזא פיינעם פארם, מיט א הויז, א שטאהל מיט בהמות, וואס אייך פעהלט, איז א פרוי. זעהט, אפילו דער גרעסטער פארמער, אדם, האט אויך גע־האט א פרוי.

פארמער: יא, אמת. אבער אזוי שנעל ווי ער האט נאר געקראגען א פרוי, האט ער דאך פארלארען זיין פארם.

א וואונק.

— מערי! — האט פון שלאפצימער ארויסגערופען דעם פאטער'ס שטי־מע. — מערי, פרעג דיין יונגערמאן, אויב ער קען מיר ניט זאגען ווי שפעט עס איז!

— סעם זאגט, ס'איז איינס א זייגער — ענטפערט מערי פון פראנט־רום.

— טו, פרעג איהם, — קלינגט ווידער דעם אלטען'ס קול פון שלאפצימער, פרעג איהם, אויב עס איז שוין ניט צייט צו ליגען אין בעט און שלאפען!

— סעם זאגט, — ענטפערט מערי פון פראנט־רום — אז ווען ער וואלט געווען 60 יאהר אלט, וואלט ער שוין לאנג גע־לעגען אין בעט און געשלאפען ווי א גע־הרג'עטער.

* * *

ער ווייסט.

לעהרער: ווייסטו דעם נאמען פון דער חיה, וועמעס פעל מען האט אראב־געשינדען פאר דיין מאמע'ס פוטער.

אינגעלע: — איך ווייס: „פאפא".

* * *

זיין ערשטער פארברעכען.

ריכטער: — וואס איז געווען דיין ער־שטער פארברעכען?

פארברעכער: איך האב פארקויפט מיין „שטימע" פאר א פינפערל, ווען מען האט אייך געדארפט ערוועהלען, ריכטער.

* * *

א מ י ט ע ר

מאדאם (צו דער דיענסט): איך געה אויף א שפאציער. ברענג מיר אריין א הונט, איך וויל עס מיטנעהמען.

דיענסט: וועלכעס הונט זאל איך אייך אריינברענגען?

מאדאם: וועלכע דו דענקסט עס וועט זיך בעסער פאסען צו מיין נייע קלייד.

* * *

אין ביטשער שאפ.

פרוי: גיט מיר א פונט פלייש.

ביטשער: פאר אייער מאן צו פאר אייער בארדער?

פרוי: פאר מיין בארדער.

ביטשער: וועט איהר מוזען א האר־טערע אויסוואהלען. מען וועט באלד אריין־ברענגען פרישע.

* * *

א לאיערישער [illegible]

לאיער: [illegible]

* * *

אין האניג־חודש

פרוי: איך האק און האק און האק און וואס קריג איך דערפאר? גאר נאט!

מאן: יעהסט, מיין ווייב, איך בין שוין ניט אזוי גליקליך ווי דו! איך קריג פון דיין האקען יא עפעס — א קראנקען מאגען.

* * *

ער וויל פארכאפען די ארבייט

א מאן וואס וואוינט אין אן איינענער הייזקע, איז אויפגעשטאנען אין מיטען דער נאכט און האט זיך גענומען אנטאן.

„וואוהין געהסטו?" פרעגט איהם די ווייב.

„איך געה אפראמען דעם שנעע ארום אונזער הויז", ענטפערט דער מאן.

„קענסטו ניט ווארטען ביז עס וועט ווערען טאג?"

„ניין, איך האב מורא אז דער שנעע זאל ניט צושמעלצען ווערען פון דער זון און איך וועל ניט האבען וואס צו קעה־רען".

* * *

א שנאר־עדיגער שבועות

וועלט בארימטע רוסישע וויאלאניסטען

צוזאמען מיט די דראמאטישע סאפראנא

ווארליט פרענסיס

בראסקע

מיט אנדערע קרעפטען
זונטאג אבענד
דעם 16־טען מאי

אין

לייבאר ליסעאום

אידא דיווינאף

אקאמפאניערט ביי סארא דיווינאף

פאסט אייך פאר ווייטערדיגע אנאנסען.

דעטראיט · דעטראיט

אלע לאנדסלייט פון די פאלגענדע שטעדטלאך וועלען הומען זאגען א זוי געוויגט צו דעם שליח

פון

פינסקער ראיאנער רעליעף קאמיטע

וועלכער וועט ארדענירען א

מאסענפערזאמלונג

זונטאג דעם 16טען מאי אום 1 אוהר בייטאג

אין עטינגערס האלל

ענטריי געבען בענטאן.

דער דירעקטער דעלעגאט

יוסף ברין

פון שיקאגא וועט ערוועגליך ארדענירען דעם מאסענפערזאמלונג און וועט אייך אננעהמען פריוואטע געלדער פיר אייערע קרובים אין די פאלגענדע שטעטלאך:

פינסק	האזשאן נאראדאק
פודהאטיע	דאוויד נאראדאק
יעוואניק	פאהאסט זאנאראסקי
ראראווין	פאהאסט זארעטשי
לאהישין	דערניק
פאסיניטש	זולין
סטאשאן	יונינעץ
פינקאוויטש	פאראבאנסק
יויסאקי	הובליע
פאטשיפאוו	נאבליע
ליבעוויטש	חענקאוויטש
טעלעראן	טוראוו
מאטעלע	ושיטקאוויטש
הראהיצין	פאסיניטש
האמסק	ליבעשעוויטש
ליבעשיי	סערניק
סטאלין	

און נאך אנדערע שטעדטלאך אין דער געגענד.

לאנדסלייט לאזט ניט דורך אזא גאלדענע געלעגענהייט צו העלפען אייערע קרובים דורך א פאראנטווארטליכען שליח.

סעקרעטערס פון די אויבען דערמאנטע פאראיינען שיקט פארטרעטער צום מאסענפארזאמלונג.

שנעלע דירעקטע הילפע!

אן אויפרוף צו אלע טוראווער לאנדסלייט

טוראווער, זשיטקאוויטשער און פאליעסער

זונטאג דעם 16טען מאי 2 אוהר נאכמיטאג

וועט אפגעהאלטען ווערען דער

מאססען פערזאמלונג.

פאר דעם ניו יארקער דעלעגאט היים טאלמאטש אין אונזער שוהל 152 א אף טוראוו און גאנץ פאליעסע.

ביי דיזען מיטינג וועט אפגעגעבען ווערען א קלאהרער באריכט איבער אלע רעליעף אונטערנעהמונגען פון ניו־יארק און דעטראיט. ווי אויך איבער דער א [illegible] ער גאנג פון שיקען דעלעגאטען [illegible] ונאיז סטייט.

הערר חיים טאלמאטש וועט אויך רעדען איבער דער ברענענדער פראגע פון איבער ברענגען פאמיליען שיקען פריוואטע געלדער און בריעף.

ווער עס וויל אז זיינע פריינדען אין טוראוו זאלען ניט פארשעהמט ווערע ווען אונזערע דעלעגאטען וועלען קומען אין טוראוו, אפגעבען פון אלעמענעם גרוסע און געלד און פון אייך ניט — זאל ניט פארפעהלען קומען צו דיזען מיטינג.

אכטונגספאל
די קאמיטע פון טוראווער רעליעף

איינלאדונג פון תלמוד תורה־עבריה

אלע אידען פון דעטראיט ווענען געלאדען צו קומען צו אונזער

פעקעדזש פארטי, זונטאג, דעם 16טען מאי

אום 2 אוהר נ. מ. אין שרייבערס האלל, הייסטינגס קאר. ערסקין

עס וועט אויך געשפעלט ווערען א פיאנא.

געדענקט דעם 16־טען מאי. · די קאמיטע

לענדלארדס אויפמערקזאם.

אויב איהר האט 6 — 8 — 10 — אדער 14 רימיגע הייזער צו פארקויפען

אדער צו פארדינגען (אויף א ליעס), בעטען מיר אייך איהר זאלט זיך זעהן מיט

אונז. זיכער צו מאכען גוטע ביזנעס.

העררים און לאוים

481 ענטווין סטריט טעלעפאן טשערי 8054

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. [illegible] authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, [illegible]

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Sunday, May 16th 1920 Vol. 2, No 79 זונטאג, מאי 16, 1920

Public Library 42nd and 5th Ave.

באריכט אז אדעסא גענומען פון אוקראינער ניט באשטעטיגט

לאנדאן, מאי 15 — די נאטע וואס איז נעכטען אווענט פארעפענטליכט געווארען פון קריגס מיניסטעריום, מעלדעט, דאס קיינע באשטעטיגונג איז ניט ערהאלטען געווארען אז אדעס, אדער אן אנדערע וויכטיגע שטאדט, זאל האבען גענומען געווארען פון אוקראינער טרופען.

דאס קריגס מיניסטעריום ניט איבער, אז ארמעניען האט צוריקגעוויזען דעם אולטימאטום פון אזערבאדזשאן און זי קאנצענטרירט אן ארמעע צוריקצושטויסען דעם ערווארטעטען אנפאל. די קלאגען אז די ארמענישע רעפובליק האט זיך אונטערגעגעבען דער רוסישער רעגירונג, זענען אונבאגרינדעט.

די נאטע זאגט אויך ווייטער, אז ארמעניען אונטערהאנדעלט וועגען א בונד מיט דער גרוזינער רעפובליק און האט זיך געווענדעט צו די אליאירטע נאך הילף.

רוסלאנד אונטער קריגס צושטאנד

מאסקווא, מאי 12 — (פארשפעטיגט) — א דעקרעט וואס איז נעכטען פארעפענטליכט געווארען פון דעם צענטראלען עקזעקוטיווען קאמיטעט, ערקלערט קריגס צושטאנד אין אלע פראווינצען פון צענטראל און צפון רוסלאנד און ארכאנגעלסק.

ס'איז געגעבען געווארען די פראווינציעלע קאמיטעטען דאס פולע רעכט צו באשיצען די אייזענבאהנען, מיליטערישע סקלאדען, דעפאס און קאנטראל איבער פאסט און טעלעגראף. א 24 שטונדיגע ארבייטס טאג איז ערקלערט געווארען אין די אדמיניסטראטיווע אפיסעס, און שריטע וועלען אנגענומען ווערען צו סטימולירען די פראדוקציאן פון קריגס מאטעריאלען.

כל זמן קריגס צושטאנד וועט הערשען וועט דער עקזעקוטיווער קאמיטעט האבען די זעלבע רעכט, וואס די קריגס טריבונאלען.

דער דעקרעט איז אונטערגעשריבען פון ניקאלאי לענין.

קלאנג, אז גענ. ברוסילאוו איז אן שפיאן פון א קאנטער־רעוואלוציע

לאנדאן, מאי 15 — א דעפעש פון פאריז צו דער „מאנטשעסטער גארדיען" ניט איבער דאס אונבאשטעטיגטע קלאנגען האבען זיך פארשפרייט אין די סאציאליסטישע קרייזען, דאס גענ. ברוסילאוו האט פארכאפט די רעגירונגס מאכט אין מאסקווא און אז גאסען שלאכטען קומען דארטען פאר. מר. דזשוהא, סעקרעטאר פון דער גענעראלער ארבייטער פעדעראציע זאל זיך האבען איינגעדריקט, אז גענעראל ברוסילאוו מאכט א פארזוך איינצופירען א מיליטערישע דיקטאטור געגען דער סאוועטען רעגירונג.

א דעפעש פון קאפענהאגען מעלדעט אז גרינארי קראסין, באלשעוויסטישער האנדעלס מיניסטער [illegible] אפ דאס אין רוסלאנד איז פארגעקומען אן איבערשטאנד פון דער קאנטער רעוואלוציע.

פוילען מעלדעט ווידער א זיג

ווארשא, מאי 15 — דאס קריגס מיניסטעריום מעלדעט, דאס די 10'טע באלשעוויסטישע דיוויזיע איז צושלאגען געווארען לעבען דעם טייך בערעזינא, און מאכענדיג א פארזוך צו אנטלויפען איבער'ן טייך דניעפער זענען די איבערגעבליבענע אדער געפאנגען אדער דערהרגעט געווארען.

ד. קעסלער, בארימטער אידישער אקטיאר, טויט

ניו יארק, מאי 14 — דוד קעסלער, דער פיאנער פון דער אידישער ביהנע אין אמעריקא און איינער פון די בעסטע אקטיארען, איז היינט געשטארבען אין בית ישראל האספיטאל, נאכדעם ווי מען האט איבער איהם געמאכט אן אונערפאלגרייכע אפעראציע.

דער אידישער ביהנע־גאון איז לעצטען מיטוואך קראנק געווארען, ווען ער האט אנטייל גענומען אין א רעפעטיציע פון „קרייצער סאנאטא"; ער איז אבער דאנערשטאג אווענט געקומען שפיעלען און אין מיטען שפיעלען איז ער פאראליזירט געווארען און פארלארען דעם לשון.

דער פארשטארבענער איז געבארען געווארען אין קעשינאוו מיט 60 יאהר צוריק. זיינע עלטערן האבען געוואלט אז זייער זוהן דוד'ל זאל זיין א רב. ער האט געפיהלט א נייגונג צו דער ביהנע און איז אוועק קיין אדעסא, וואו א אידיש טעאטער האט געשפיעלט און נאך אלס יונגער אינגעל פון 15 יאהר האט ער שוין מיט זיין שפיעלען איינגענומען בי'ם עולם. ער האט איינינע יאהר געשפיעלט אין פארשיעדענע רוסישע און רומענישע שטעדט, ביז ער איז מיט 32 יאהר צוריק געקומען אין אמעריקא און צוזאמען מיט י. אדלער'ן און ז. מאגולעסקא'ן געגרינדעט אין די פאראייניגטע שטאאטען דעם אידישען טעאטער. דעם גרעסטען ערפאלג האט ער געהאט אין יאהר 1905, ווען אין זיין טעאטער האבען געשפיעלט די גרויסע אידישע אקטארען, ווי זיגמונד מאגולעסקא, מאדאם בערטא קאליש, מארים מאשקאוויטש, מאדאם ליפצין און נאך אנדערע. דוד קעסלער האט פאר א קורצער צייט געשפיעלט אויף דער ענגלישער ביהנע אין „כחו ספעל". ער האט אבער גלייך זיך צוריק אומגעקעהרט צו דער אידישער ביהנע.

דער אידישער טעאטער האט דורך דעם טויט פון דוד קעסלער געליטען א פארלוסט, וועלכען עס וועט ניט אזוי גרינג זיין צו ערזעצען.

טיילאר באאמטע ענטזאגען זיך צו קאנפערירען מיט די סטרייקער

דזש. ה. גארדאן, דער פרעזידענט פון דער דעטראיט טאלידא און [illegible] און פרענק ה. אלפרעד, דער פרעזידענט פון דער פיער מארקעט, האבען לעצטען מיטוואך אנטזאגט א קאנפערענץ מיט די היגע סטרייקענדע יארדמען, ווייל לויט זייער מיינונג זענען די סטרייקער ניט מעהר קיין באהן ארבייטער.

דער ענטפער פון מר. ה. גארדאן צו'ם [illegible] פון די סטרייקער, לויטעט:

„עס איז ריכטיג וואס איהר רופט אן אייערע קליענטען „געוועזענע ארבייטער פון אונזער קאמפאניע", און אזוי ווי זיי ארבייטען יעצט נישט מעהר ביי אונז, קענט איהר ניט פארטרעטען אונזערע ארבייטער".

ער ווייזט דערנאך אויף, אז די סטרייקער האבען געבראכען דעם טראנספארטיישאן עקט, און דעריבער איז זיין קאמפאניע יעצט ניט פארפליכטעט זיך מיט זיי צוזאמענקומען צו א קאנפערענץ, ווייל זיי האבען פארלאזען די ארבייט ניט בעטענדיג פאר קיין קאנפערענץ און אפילו ניט געבענדיג נאטיס.

כמעט אין זעלבען זין איז געשריבען דער ענטפער פון מר. אלפרעד.

קאר ארבייטער גיבען ד. יו. אר. אולטימאטום

פארשטעהער פון דער היגער קאר־ארבייטער יוניאן האבען געגעבען דער קאר קאמפאניע צייט ביז'ן קומענדיגען דינסטאג צו געבען איהר ענטפער אויף דער יוניאנס פארשלאג פון ארביטרייטשאן.

דיעזע ערקלערונג האט נעכטען געמאכט וויליאם ד. מעהאן, אינטערנעשאנאל פרעזידענט פון די קאר־אנגעשטעלטע.

„וואס אונזער ווייטערדיגער שריט וועט זיין, בלייבט איבער צו זעהן — האט מר. מעהאן געזאגט — די יוניאן פארטרעטער וועלען זיין גרייט צו באגעגנען די פארשטעהער פון דער קאר־קאמפאניע צו יעדער צייט ביז דעם אנגעגעבענעם טערמין, און מאנטאג אווענט וועלען מיר האבען א פארזאמלונג, אויף וועלכער ס'וועט באשלאסען ווערען ווי אזוי ווייטער אנצוגעהן".

[illegible] אפ דעם קלאנג פון 6 סענט קאר פעיר

אז די יוניאן פארשטעהער אין די באאמטע פון דער ד. יו. אר. האבען אפגעלייקענט דעם קלאנג, וואס האט זיך גענומען פארשפרייטען, אז די יוניאן און די קאר־קא. וועלען ביידע בעטען דעם סיטי קאונסיל צו ערלויבען דער קאמפאניע איינצונעהמען 6 סענט קאר פעיר, אום צו מאכען מעגליך פאר דער קאר קא. העכערען די ארבייטער אויף זייער איצטיגען לוין.

הערי פיינסאן, א צווייטער באאמטער פון דער קאר יוניאן האט נעכטען ערקלערט, דאס ניט קוקענדיג וואס דער ענטפער פון דער יוניאן איז אוועקגעשיקט געווארען לעצטען מיטוואך, איז נאך אלץ ניטא קיין ענטפער פון דער קאמפאניע.

סטרייקער האלטען היינט אפ מאס־מיטינג

היינט איינס אזייגער ביי טאג וועט אין אמאר וואקערס האל, 56 ערעמס עוו. פארקומען א גרויסער מאס־מיטינג פון די סטרייקענדע יארדמען אום צו באקאנט מאכען דעם ברייטען עולם מיט דער לאגע, וואס האט זיך אנטוויקעלט דורך זייער סטרייק.

דזשאדזש עדווארד דזשעפריס און אנטאניא ענטענזא וועלען זיין די הויפט־רעדנער. די באאמטע פון דער יארד־מענס אסס'ן האבען נעכטען ערקלערט, אז די סטרייקער וועלען מאנטאג שיקען פארטרעטער קיין שיקאגא צו דער הויפט־לייבאר באארד.

וו. לוק, דער לאיער פון דער יוניאן האט ערקלערט, אז די באהן באאמטע וועלכע האבען זיך ענטזאגט צו קאנפערירען מיט די סטרייקער וועט געגעבען ווערען צייט ביז מאנטאג און אויב ס'וועט פון זיי קיין ענטפער ניט ערהאלטען ווערען, וועט ער זעהן עפעס צו טאן.

„איך ווייס נאך ניט, וואס פאר א שריטע מיר וועלען אנגעהמען — האט מר. לוק געזאגט — אבער זיי וועלען אלענפאלס זיין פון א העפטיגען כאראקטער".

שלום עליכם אווענט ביי די שנארער

היינט, זונטאג אווענט, וועט ביי די שנארער פארקומען א שלום־עליכם אווענט. זיי זאגען צו, אז דער אווענט וועט זיין א פרעהליכער און א לעבעדיגער.

זיי האבען צוגעגרייט גוטע „שלום־עליכם" פארלעזער און אויך וועט מר. מא לאמוט רעדען איבער שלום עליכם'ען. זיי זאגען צו, אז זיי האבען נאך אין „זאפאס" נאך אנדערע גוטע נומערן, וועלכע מען קען זיך דערוויסען ווען מ'וועט דארט זיין אנוועזענד.

דער אווענט וועט פארקומען אין לייבאר לייסעאום.

אונטערהאנדלונג מיט באלפור'ן געווען אויף אונבאקאנטער שפראך צו דיפלאמאטען־אויף שפראך פון אמת, זאגט ווייצמאן

לאנדאן. — באראן עדמונד ראטשילד („דער נדיב הידוע") איז היינט אנגעקומען אהער אין לאנדאן צו קאנפערירען מיט די ציוניסטישע פיהרער וועגען וויכטיגע ארץ ישראל פראגען.

ווייצמאן און סאקאלאוו [illegible] איבערגעבען פיהרונג פון ציוניזם צו נייע מענשען

דר. ווייצמאן און נחום סאקאלאוו האבען היינט אין רעדע זיך איינגעדריקט וועגען איבערגעבען די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין נייע הענט.

די צוויי פיהרער האבען ערקלערט, אז די נייע מענשען דארפען צוערשט פארדיענען גוט דעם ציוניזם און זיך אסימילירען אין דער באוועגונג איידער זיי שטעלען זיך אן דער שפיצע און שפילען א לייטענדע ראלע. אבער ביידע פיהרער זענען [illegible] פאר מאכען ברייטער די באוועגונג און איינגעהמען אלעמען.

דר. ווייצמאן האט [illegible] געזאגט, אז דער [illegible] פון ציוניזם [illegible] ווענדען צו דער [illegible] פון זיין [illegible] שטעלונג [illegible] איבעראייטע שריט [illegible] געווארען.

ער האט אויך ערצעהלט, אז ער האט אין זיינע ארע פארהאנדלונגען מיט דעם געוועזענעם מיניסטער פון אויסערע ארטיר דזשיימס באלפור זיך באנוצט מיט א שפראך וואס איז ביז אהער געווען אונבאקאנט צווישען דיפלאמאטען, און דאס איז מיט דער שפראך פון ריינעם אמת.

דר. ווייצמאן האט ערקלערט, אז מר. באלפור האט צוגעזאגט דאס דער פרינציפ פון זעלבסט באשטימונג קען אנגעווענדעט [illegible] אין באציג צו די אידען [illegible] אין ארץ ישראל.

[illegible] פון [illegible] נאך ארץ [illegible] ציוניזם

די דעפוטאציע פון [illegible] ארץ ישראל [illegible]

[illegible] ציוניסטישע [illegible]

דער פוילישער פרעמיער [illegible] האט איבערגעגעבען פאר א ציוניסטישער דעפוטאציע א וואונש צו דיסקוטירען די באציהונגען צווישען פאליאקען און אידען און פארבינדונג מיט א אידישע ארץ ישראל.

די דעפוטאציע וועלכע איז געווען אונטער דער לייטונג פון דר. קלומעל, און דר. טהאן, האט צוערשט געמאכט א באזוך ביי דעם ענגלישען אמבאסאדאר אין ווארשא און אויסגעדריקט דורך איהם א דאנק צו ענגלאנד פאר דעם סן רעמא באשלוס.

די רעדע פון דער דעפוטאציע איז געהאלטען געווארען אין העברעאיש, וועלכע איז איבערזעצט געווארען אין ענגליש.

דער אמבאסאדאר האט געדאנקט דער דעפוטאציע און פארשפראכען צושטעלען איהר דאנק צו דער ענגלישער רעגירונג.

נאכדער האט די דעפוטאציע באזוכט פרעמיער סקורסקי.

נאך 2 אידען און 4 אראבער ווערען פראצעסירט אין ירושלים

דער ענגלישער קריגס מיניסטער ווינסטאן טשורטשיל האט נעכטען ערקלערט אין פארלאמענט, דאס נאך 6 פערזאן ערווארטעט זייער פראצעס פאר זייער שייכות מיט דעם לעצטען פאגראם אין ירושלים. פיער פון די זעקס זענען אראבער, און צוויי אידען.

מיסטעריעזער מארד פון א יונגער פרוי

פרייטאג ביינאכט האט אויף קרינטאן סט. נומער 505 פאסירט א שרעקליכע מארד, פון וועלכע פאליציי האט נאך דערוויילע קיין שום שפור ניט.

דארטען האט געוואוינט די פאמיליע יאוואסאן, וועלכע איז באשטאנען פון מאן יאזעף, זיין פרוי עמיליע, איהר שוועגער פאציפקא און 8 מאנאטיגער זוהן מאריא.

ווען דער שוועגער פאציפקא האט זיך פרייטאג פארנאכט אומגעקעהרט פון דער ארבייט, האט ער געטראפען זיין שוועגערין עמיליע אין א טייך בלוט א טויטע. ער איז גלייך ארויסגעלאפען און היסטעריש אנגעפאנגען צו שרייען. ווען די שכנים האבען זיך צוזאמענגעקליבען האבען זיי געפונען דעם אכט מאנאטיגען זוהן פון דער דערהרגעטער פרוי, זיצענדיג לעבען דעם טויטען קערפער, שפילענדיג זיך מיט בלאקס.

די פאליציי איז מודה, דאס זי ווייס נאך ניט דערווייל וועגען דעם מעגליכען מאטיוו פון דעם מארד. דער מאטיוו פון באריובען קען ניט זיין, ווייל דער מערדער האט ניט קיין געלט און ניט קיין צירונג צוגענומען. אויסער דעם איז דער פאקט, וואס דער קערפער פון דער טויטער עמיליע איז אזוי מערדערליך צעהאקט, דאס עס איז אונמעגליך צו גלייבען אז זי איז פון א רייבער באנדיט ערמארדעט געווארען.

לויט אלע סמנים, איז דער מערדער פארוואונדעט געווארען מיט דער זעלבער וואפע, מיט וועלכער ער האט ערמארדעט די פרוי. בלוט צייכענס באווייזען אז דער מערדער האט גענומען לויפען פון פראנט רום, וואו דער מארד איז פארגעקומען, צום שלאף צימער און דארטען געוואלט אויסברעכען א פענסטער. ער איז אבער צוריק ארויס און וועלכער [illegible] זאך, געלאפען צוריק אין קיך אריין און האט דארט פרובירט צעברעכען א פענסטער. דארטען האט דער מערדער אפגעוואשען זיינע הענט און איז אוועק דורך א הינטער טיר אין יארד און פון דארטען אין אן [illegible].

צייכענס פון הענט, פארפאטשקעט מיט בלוט, ווייזען זיך אן אויף פיעלע פלעצער, אבער זיי זענען אזוי דיק, דאס ס'איז אונמעגליך ארונטערצונעהמען פינגערפרינטס פון זיי.

די ערשטע טעאריע איז געווען, אז מרס. עמיליע יאווארא'ן איז ערמארדעט געווארען פון א זעהר שטארקער פרוי, ווייל מ'האט אין די הענט פון דער ערמארדעטער געפונען ביסלאך לאנגע האר. דר. דיק האט אבער געמאכט א מיקראסקאפישען עקזאמען פון די האר און ער האט באוויזען אז די געפונענע האר איז [illegible] די האר פון דער ערמארדעטער פרוי אליין. ער האט ערקלערט, אז ס'פאסירט, דאס א שטארבענדע פערזאן רייסט די אייגענע האר אויס.

שכנים זאגען אז א מאן איז געווען דער מערדער. ווען מען האט זיי געפרעגט ווארום זיי דענקען עס אזוי, האבען זיי קיין קלארען ענטפער ניט געגעבען, אויסער וואס זיי האבען געצויגען מיט די אקסלען און ווידערהאלט נאך אמאל „א מאן האט עס געטאן!"

קלאנגען טראגען זיך איצט ארום אין דער נאכבארשאפט אז ווען דער מאן און שוועגער פלעגען זיין ביי דער ארבייט, פלעגט עפעס א מאן באזוכען דעם פלאץ, וואו די פאמיליע יאווארא'ן האט געוואוינט.

אלע אידישע ארגאניזאציעס איינגעלאדען צום גאולה פאראד

דער „וועג" האט ערהאלטען פאלגענדען צושריפט:

אין'ם נאמען פון דער דעמאנסטראציע קאמיטע, פון'ם ציוניסטישען דיסטריקט ראט לאד איך הערצליך איין, דורך אייער ווערטע צייטונג, אלע שולען, לאדזשעס, אלע אידישע ארגאניזאציעס און ספעציעל לאד איך איין אלע אידישע לאנדסמאנשאפטען, געוועזענע סאלדאטען, מאטראזען, די פרויען ארגאניזאציע באוואוסט אלס מגן דוד, דאס זיי זאלען אנטייל נעהמען אין דעם גראנדיעזען דעמאנסטראציע פאראד, וועלכער וועט פארקומען זונטאג, 30'טען מאי, 1920.

מיר בעטען אלע אידישע מענער און פרויען, דאס זיי זאלען אנשטרענגען זיך צו מאכען דיעזע דעמאנסטראציע וואס שענער און ערהאבענער, אז עס זאל בלייבען אנזעהענדיג אין דער געשיכטע פון דעם אידישען דעטראיט. מיר שלאגען פאר, אז אינ'ם טאג פון דעם פאראד דעם קומענדען 30־טען מאי, זאלען אלע אידישע געשעפטען זיין צוגעשלאסען און אלע אידישע הייזער זאלען דעקארירט ווערען מיט דער אמעריקאנער און אידישער פאהנען.

די אלע אידישע ארגאניזאציעס, וואס ווילען אנטייל נעהמען אין דעם דעמאנסטראציע פאראד, קענען שיקען פארשטעהער צו דער לעצטער קאנפערענץ, וועלכע וועט פארקומען מיטוואך, דעם 19־טען מאי, אין שערי צדק שוהל, 188 וויינגער סט.

דער מארשאל פון'ם פאראד, ווי אויך די באשטימטע פלעצער פאר יעדער ארגאניזאציע, וועט קירצליך פארעפענטליכט ווערען אין אייער צייטונג.

מיט ציון גרוס, ה. ווייס.

פאליטישע נייעס בקיצור

קריגס מיניסטער געבעטען צו פארמירען איטאליענישען קאבינעט

לאנדאן, מאי 15. — סיניאר מאנאמי, קריגס מיניסטער אין דעם רעזיגנירטען קאבינעט פון פרעמיער ניטי, איז געבעטען געווארען צו פארמירען א נייעם קאבינעט. דיזע ידיעה ווערט געמעלדעט פון פאריז צו דער היגער „טיימס".

סטרייקס איפגעגעבען ביז נייער קאבינעט וועט פארמירט ווערען

רוים, מאי 15. — די פאסט, טעלעגראף און טעלעפאן ארבייטען ווידער און אלע אנדערע סטרייקען זענען צוריקגערופען געווארען, אדער דורך א צופריעדענשטעלענדער אפמאך מיט די ארבייטער, אדער אלס רעזולטאט פון א מין וואפענשטילשטאנד, ביז דער נייער קאבינעט וועט פארמאכט ווערען.

ארבייטער פון ווילס איגנארירען ענגלישען יורש עצר

סידני, נ. ס. וו., מאי 15. — דער ארבייטער ראט האט נאך א היציגער דעבאטע באשלאסען ניט צו נעהמען קיין אנטייל אין דער באגריסונג צערעמאניע, וואס ווערט צוגעגרייט לכבוד דעם אנקומען פון דעם פרינץ און ווילס קיין נייו סאוט ווילס.

פראנקרייך ציהט צוריק אירע טרופען פון דייטשען ריין־דיסטריקט?

פאריז מאי 15 — ס'ווערט פארשטאנען אז פראנקרייך גרייט זיך צו צוריקצוציהען איהרע טרופען פון פראנקפורט און דארמשטאדט ליניעס, כאטש קיינע אפיציעלע באפעהלען אויף ארויסצוציהען די פראנצויזישע סאלדאטען זענען נאך ניט ארויסגעגעבען געווארען.

דייטשלאנד וויל ניט שיקען קיינע דעלעגאטען קיין ספא

בערלין, מאי 15 — דער דייטשער קאבינעט האט באשלאסען ניט צו שיקען קיינע דעלעגאטען אויף דער ספא קאנפערענץ, ביז די פראנצויזישע טרופען וועלען ניט צוריקציהען זיך פון דער ריין טעריטאריע, וועלכע איז פון זיי אקופירט געווארען לעצטען מאנאט.

גריכענלאנד ווארט אפ מיט'ן פארנעהמען פון טרייס

קאנסטאנטינאפאל, מאי 14 — גריכענלאנד וועט ניט פארנעהמען גלייך טרייס און די איבעריגע טערקישע טעריטאריעס, וועלכע דער שלום אפמאך האט באשלאסען איהר אפצוגעבען. מ'זאגט, דאס זי ווארט אפ מיט דיעזען שריט, ביז דעם סוף פון דער וואך. דער שלום אפמאך איז לעצטען דינסטאג איבערגעגעבען געווארען צו די טערקישע דעלעגאטען.

איטאליענער ערוועהלט פרעזידענט פון נאציאנען ראטה

רוים, מאי 15 — די פינפטע סעסיע פון דעם ראטה פון דער נאציאנען ליגע האט ערוועהלט סיניאר טיטאני, דעם פרעזידענט פון איטאליענישען סענאט, אלס פרעזידענט פון דעם נאציאנען ראט. דער ראט וועט איינלאדען דעם אמעריקאנעם פרעזידענט, דאס ער זאל צוזאמענרופען די ערשטע פארזאמלונג פון דער נאציאנען ליגע, וועלכע דארף פארקומען קומענדען הערבסט.

The Dime Savings Bank

רעסורסען איבער $40.000.000

יונייטעד סטייטס דעפאזיטארי - מעמבער פון פעדעראל רעזערוו סיסטעם.

אמעריקאנער געלד קויפט אין יוראפ מעהר ווי ווען עס איז פריהער. אויב איהר ווילט העלפען קרובים אדער פריינד אויף יענער זייט ים וועט אונזער פארעין עקסטשיינדזש דעפארטמענט איבערשיקען פאר אייך געלד ביי מייל אדער קייבעל פאר דעם ביליגסטען רייט.

The Dime Savings Bank Bldg.

מיין אפיס:

Griswold and Fort Streets

ברענטש אפיסעס:

1491 Woodward Ave.
1306 Grand River Ave.
1475 Fourteenth Ave.
2324 Grand River Ave.
1221 Jefferson Ave.
789 Woodward Ave.
Broadway and Whitherell
1381 Harper Ave.
407 Gratiot Ave.
418 Michigan
591 Oakland Ave.
Mt. Elliot and Davison

CLASSIFIED

צום פארקויפען א קלינינג און פרעסינג סטאר, אויך גוט פאר דרעסמייקינג. אנזעצען: מוז פארלאזען די שטאדט. נאכפרעגען, קליינמאן, 81 קארדאניא עוועניו.

יין לקידוש ולהבדלה, די בעסטע געלעגענהייט צו באקומען כשר ווין איז זיך ווענדען צו מר. שקלאר, 244 פארנסווארטה. נארטוועי 2006 ראבליו.

ידי פירמא
טאגערט און דושאפע
וועלכע זענען שוין פאר יאהרען און יאהרען באקאנט אין דער דעטראיט'ער ביזנעס וועלט, זענען יעצט די איינציגע אגענטען פאר די „האוטען נארבערדויש און איש רעספעקטיקעלס".
994 ענטוויין. טעל. נארטוויי 4194
ארדערט יעצט, איידער די באארד און העלפט וועט אייך צווינגען. מר ר. קלי איז אונזער סיילס מענעדזשער.

Real Estate

וואס האט איהר פאר $500. מיר ווילען עס קויפען שנעל. שרייבט צו 787 סט. ענטוויין, ל. ב.

וואס האט איהר פאר א בארגיין? קליינע איינצאהלונג. מיר ווילען עס גלייך קויפען. שרייבט צו 787 סט. ענטוויין, ל. ב.

הויז און לאט צו פארקויפען ביליג. 7 רומס, עלעקטריק לייט און בעטה אייך נעו. 555 איסט אלעקזאנדרין. 17)

פארדינגטען 4 רומס מיט פורניטשור אין 642 קעמראן עוועניו, אוקלאנד ביז ארע בעקוועמליכקייטען, מיט איין טעלעפאן, העמלאק 3253 „עם". 17)

קאפלאנ'ס באדגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעס פון די פאל נעגרע ליינס:
קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קיירטענס; טייבעל קאווערס; שעטס און סקארפס. קאמפליט ליין און ליידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענער פארנישינגס און אנדערוועהר.
ספעשעל! ספעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און ליידיס סוטס און קאוטס א קאמפליט ליין פון סיילאר און דרעס מייקערס טרימינגס.

שעכטער'ס דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אורגענד וועלכע קאפ-שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן נעהמט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך קארעקטינג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.

בי ביכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. נעהמט צו אייער גוט באסאנטען
Frosh O. D.
אפטאמעטריסט
אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגנאיבער עהרליך'ס דראגסטאר.

מט. קלעמענס

וויט געזונט



אין פארברענגט אייער זומער וואקיישאן אין מאונט קלעמענס, און אז שוין אין מאונט קלעמענס וועט איהר סטאפען אין

Elkins Hotel

100 רומס, דיינינג רום פאר 300 לייט. א רפואה פאר קראנקע, א פאר געניגען פאר געזונטע.

ס'נים נעהרינגען אז איהר מיזט האבען טויזענדער צו זיין אין מט. קלעמענס

ניו ווילא האטעל

וועט אייך רעכנען $25 א וואך, און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס קאנעקטעד מיט א פעסערדוש צו די פלאזא בעדער. שרייבט נאך איינצעלהייטען צום פראפריעטאר ה. קראוז.

ריווערסייד האטעל

(נעווענעער פארק ענעסס)
מט. קלעמענס, איננאנצען רעמארעדירט, עפענט זיך 1טען מאי.
150 רומס, דיינינג רום פאר 300. דאס איידעלסטע פלאץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע. שרייבט נאך איינצעלהייטען.

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

אלבאני האטעל

אין מט. קלעמענס, האט א נאמען פאר די לעצטע 20 יאהר אינטער דעם זעלבען מענעדזשמענט.
מיר בעטען אונזערע קאסטומער און פריינד צו קומען באצייטענס איידער דער סעזאן איז אין פולען גאנג, כדי מיר זאלען זיי קענען געבען בעסערע באהאנדלונג. שרייבט צו
ב. מאסקאוויץ

אייער פארלארענע געזונט

קריגט איהר צוריק, ווען איהר זענט אין מאונט קלעמענס און סטאפט אין

גלענוואוד האטעל

קאנעקטעד מיט די בארימטע אלימפיא בעדער. שעהן, ליכטיג, לופטיג, פרישע שפייזען, מעסיגע פרייזען. א ספעשעל לאונטש און דעליקאטעסען סטאר, קאנעקטעד מיט די גלענוואוד. שרייבט נאך אויסקינפטע צו א. מאראוסקי.

לעזט דעם „וועג"

Bricker Bros
75 Grand River
Cherry 3718
FURS

איהר קענט איצט קויפען ספרינג פורס אויך פור קאוטס פאר פרייזען וואס וועלען זיך דאובלען אין פאל סיזאן, קומט אריין און באקענט זיך מיט אונז
בריקער בראס.

רעוו. ל. ה. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן **סדור קדושין**
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע צופרידענהייט.
511 **קעמעראן עוועניו**
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

ווילט איהר
סיווען
30 פראצ.?

ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוום ראגס, בעדינגס, פאנאגראפס און לעמפס — דאן קומט צו די —

Standard Furniture
and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז — קעש אדער קרעדיט
4085 מעלראוז עוו. 638 גרעשעט

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענטער זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלמסט.

וואדע ביליג פאר סטאר-קיפערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר רייטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

א גרויסער אויספארקויף

סייל פאנגט אן מאנטאג

איך מאך באראנט צום געהערטען פובליקום פון דעטראיט דאס איך מוז אויספארקויפען מיין גאנצען סטאק

קרעקערי, אלומינום, גראניטווער און פענסי טשיינ

אלעס, אלעס, מוז פארקויפט ווערען אין דער קורצער צייט פון היינט ביז דעם 1טען דושולי. מיין ליסס געהט אויס און מיין געזונט ערלויבט מיר ניט מעהר צו שטעהן אין ביזנעס, דעריבער מוז אלעס פארקויפט ווערען צו די ביליגסטע פרייזען.
קומט וואס שנעלער פאר די בארגיינס. אלעס ווערט פארקויפט פאר א האלב פרייז.

מ. ב. שאפירא, 511 הייסטינגס סטריט, צווישען אלפרעד און ברוסטער
זאגט אייערע פריינד וועגען דעם גרויסען סייל.

איר קענט שיקען געלט
צו אייערע קרובים

דורך דער

Bank of Detroit

א. זיגלער מענעדזשער
הייסטינגס סטריט ברענטש:

TELEPHONE CANAL 190
VIENNA SAUSAGE MFG. CO.
CELEBRATED VIENNA AND HYGEIA BEEF SAUSAGE
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אינזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי, און סאם בראדוויי מארקעט

יאיער מתתיהו ליסס האט געעפענט א ברענטש אפיס פאר די אוועניו אין 325 וועסטמינסטער סט. טעל. העמלאק 530 ראבליו דאן טאון אפיס, 928 טשעמבער אף קאממערס בלדג. סטיט און גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978.

מאווינג-פיקטשור אפרייטארס
לערנט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונדען, גוטע וויידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

גיט אייערע קינדער א מאדערנע אידישע ערציהונג שיקט זיי אין דער מענדעלע פאלקס שולע 204 איסט הענקאק, עס ווערען געלעהרנט גוטע קלאסען פאר אנפאנגער, אויך שילער פון די העכערע קלאסען, און שולע לערנט מען אידיש העברעאיש, געשיכטע און ליטעראטור. די שולע איז אפען יעדען טאג פון 4 ביז 7 זונטאג פון 9 ביז 12.30

באקאנטמאכונג
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר האט געוויסע פון 261 פארנסווארט און
140 מערטירי, קאר. בראש
טע-עפאן: מארקעט 827

C. W. Kotcher.
Lumber Co.

בריטער אלערליי צו יעדער צייט

ביליגע פרייזען און גוטע בעהאנדלונג דאס איז אונזער סוקסעס

Cor. Gratiot and St. Aubin Aves.

Melrose 3390

געלט קיין אייראפא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראפ איז דורך דער

פיפעלס רעליעף

וועלכע איז א ברענטש פון דער דזשוינט דיסט. קאמיטע. די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.

פיפעלס רעליעף קאמיטע
490 הייסטינגס סטריט
קעדילאק, 2061

ראזענפעלד'ס
רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע באהאנדלונג.

30 מארבעל וואנעס — 2 כשרה מקוואות
שאוער בעטהס — פרייע קאטס אויף צום רוהען
16 פריוואט רומס פאר יענע וועלכע ווילען נעכטיגען.
א פראכטפולער לאנטש קאונטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקע צו יעדער צייט.
שווין פאר פרויען יעדען מיטוואך, מיט דער מיטווירקונג פון אן עקספערט מאסאושיסטקע.
1846 אלפרעד סטריט, נ'ער אנטאן, טעלעפאן טשערי 6190 ראבליו.

פארד קארס און אנדערע קארס

קומט און קליבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
צייהן
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
נעמיסט פון 427 יאוואזאר
787 אוקלאנד עוו.

דר. ה. סטאריקאפ
דענטיסט
דער פראן פאר גוטע ארבייט און בעהאנדלונג ליבעראלע פרייזען
490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אייסוואהל פון ערקהאנד סטאר פיקסטשורס, ווי קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאונטערס, שעלווס, סקעילס, פריינס, רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע, פרייזען מעסיג, ערליכע באהאנדלונג. 2 סטארס.
רילייבל סטאר פיקסטשור קא.
302 גראטיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

פאר סמוקערס מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גוט געמאכט פון ריינער האוואנא. פראבירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פארלאנגט דעם ביי אייער דילער.
DAVIS CIGAR MFG CO
געמאכט אין דעטראיט.

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קדושין
זון דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן מעלראז 4420

סוטס	
רעגולאר פרייז $45.00 — — — —אונזער פרייז	$35.00
רעגולאר פרייז $55.50 — — — —אונזער פרייז	$40.00
רעגולאר פרייז $65.00 — — — —אונזער פרייז	$50.00
רעגולאר פרייז $75.00 — — — —אונזער פרייז	$60.00
באָיס סוטס	
רעגולאר פרייז $12.50 — — — —אונזער פרייז	$7.50
רעגולאר פרייז $17.50 — — — —אונזער פרייז	$12.50
רעגולאר פרייז $22.50 — — — —אונזער פרייז	$17.00
רעגולאר פרייז $25.00 — — — —אונזער פרייז	$20.00
טשילדרענס וואש סוטס	
רעגולאר פרייז $4.00 — — — —אונזער פרייז	$2.50
רעגולאר פרייז $6.00 — — — —אונזער פרייז	$3.50
רעגולאר פרייז $7.50 — — — —אונזער פרייז	$5.00
סילק שוירטס	
רעגולאר פרייז $12.00 — — — —אונזער פרייז	$ 9.00
רעגולאר פרייז $15.00 — — — —אונזער פרייז	$12.50
רעגולאר פרייז $17.50 — — — —אונזער פרייז	$13.50
פעלט און שטרוי העטס	
רעגולאר פרייז $ 6.00 — — — —אונזער פרייז	$3.50
רעגולאר פרייז $ 7.50 — — — —אונזער פרייז	$5.00
רעגולאר פרייז $10.00 — — — —אונזער פרייז	$7.50

אונדערוועהר, סאקס, ניטעט נעקוועהר, פעדזשאמעס, אידיקוש בעטה ראבס און צעהנדליגע אנדערע ארטיקלען רעצודירט צו אויסערגעוועהנליכע פרייזען.

קומט שנעל און איהר וועט אויסמיידען דעם ראש!

בלויז פאר שבת און זונטאג

גרעסטע איבעראשונג פאר דעטראיט

פאר שבועות סייל

אין די

הויז און עפשטיין

400-402 הייסטינגס סטריט

אזוי ווי דער ליעבער זומער קומט שוין אן, גיב איך צוליעב דעם פאר אלע מיינע ליעבע קאסטאמער א

גרעסטען רעדאקשאן סייל

וואס איז ווען געווען אין דעטראיט אויף אלע

מענס און יאנג מענס סוטס און טאפ קאוטס, באיס און טשילדרענס קלאוטה און וואש סוטס, קני-פענטס, פעלט, גרעסטער סעלעקשאן, פון די באוואוסטע סטראו העטס, און די שווערע דאזענס פון די פיינסטע סילק שוירטס, ספרינג און סאמער יוניאן סוטס, די בעסטע סאקס, זיידענע זאקע; און פענסי וועסטס, אלעס געהט מיט דעם גרעסטען רעדאקשאן וואס איהר האט ווען געזעהן.

מיר האבען איינגעקויפט א גרויסען סטאק זעהר ביליג פאר ספאט קעש, און דאריבער גיבען מיר אונזערע קאסטומער א געלעגענהייט צו געניסען דערפון.

קומט וואס שנעלער, ווייל מיר זיינען זיכער אז איהר וועט ניט האבען קיין חרטה.

די הויז און עפשטיין

400 402 הייסטינגס סטריט

די גרעסטע קלין אפ און פיינט אפ וואך פאנגט זיך שוין אן

האלט אייערע יארדס און עליעס ריין און פערמייד פערשיעדענע קראנקהייטען

דער איינציגער וועג דאס דורכצופיהרען איז גלייך ארדערען א גארבעדזש און אש רעספעטיקאל, מאנופעקטשורד ביי די

האוטאן סעמענט באקס קאמפאני

ווארום זאלט איהר קויפען אין א צווייטען פלאץ, ווען איהר קענט סייווען געלד קויפענדיג ביי אונז. דער פאלגענדער ליסט פון אונזערע פרייזען, רעדען פאר זיך זעלבסט.

איך מאך גרעסערע אש און גארבעדזש באקסעס פאר ווינציגער געלד.

איהר קענט סייווען פון 3 ביז 15 דאלאר

ווען איהר קויפט ביי אונז.

אייער נעקסטען ארדער פאר א רעספעטיקאל

מאכט מיט אונז.

פרעגט אייער שכן וועלכער האט שוין אזא רעספעטיקאל

פעקטארי 820 לאפאיעט עוו. טעל. וועסט 2982

אונזערע רעספעטיקאלס זיינען אונטער דער אויפזיכט פון דער באארד און העלט

אגענטען יאפפעאן טאגערט 994 ענטווין סט. טעל. נארטוויי 4194

פרייז ליסט

פיר

אש רעספעטיקאל

1 פאמיליע אש באקס 10 בושעל — — — —	$25.00
2 פאמיליע אש באקס 18 בושעל — — — —	$33.00
4 פאמיליע אש באקס 26 בושעל — — — —	$40.00
אפארטמענס אש באקס 40 בושעל — — — —	$50.00

פרייז ליסט

פיר

גארבעדזש רעספעטיקאלס

1 פאמיליע באקס 20 גאלאן — — — —	$12.00
2 פאמיליע באקס 40 גאלאן — — — —	$18.00
4 פאמיליע באקס 80 גאלאן — — — —	$28.00
אפארטמענט באקסעס 110 גאלאן — — — —	$35.00

Houghten Cement Box Company

Manufacturers of Garbage and ash Receptacles

20 Lafayette St. Detroit, Mich

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

א קאפולער אנצוהערעניש

עס זיינען געווען און עס זיינען נאך ב"ה אויך איצט פאראן אזעלכע באשרענקונגען פאר אידען, וואס דארפען באקריערט ווערען. וואס יעדע איינציגע באשרענקונג איז ניט נאר א שאנדע פאר דער הײנטיגער צוואנציג-הונדערט-יעהריגע ציוויליזאציע און פראגרעס, נאר איז טאקע אויך א טיפע טראגעדיע, ווייל זי רואינירט לעבענס, ווילע זי ערנידעריגט א פאלק.

פאראן אבער אמאל א „קראמיל-יעווערעזו" וואס קען נאר מיט א שמיי-כעל דערצעהלט ווערען און וואס באדארפט צו א פעטעלאניסט איבערגעגעבען ווערען צו באשרייבען.

מאכן א פראצענט-נארמע, אויסשליסען, אדער באשרענקען אידען איז, דאכט זיך, ווייט ניט קיין מאטעריאל צום לאכען. אבער נישט אלע פראצענט-נארמעס אין גלות זיינען גלייך. אט האט פאסירט מיט עטליכע טעג צוריק א פאל, וואו מען האט אויסגעשלאסען אידען, געמאכט פאר זיי א „פראמיל יעווערעזו" גזרה און פארט איז עס צום לאכען און נישט צום באדויערען.

מיר מיינען דעם פאל אין ניו-יארק, ווען א אידישער אדוואקאט איז גע-לאפען זיך אנשליסען אין דער יאנג מען'ס קריסטליכע אסאסיאיישאן; און די דאזיגע אסאסיאיישאן האט דעם אדוואקאט נישט געוואלט אריינגעהמען פאר א מיט-גליעד, אנגעבענדיג אלס אורזאכע דאס, וואס דער אדוואקאט איז א איד.

אידען — זאגט די יאנג מען'ס קריסטליכע אסאסיאיישאן — קענען אריינגענומען ווערען אין זייער מיטע נאר מיט א פראצענט נארמע, און מעהר ווי פינף פראצענט אידען ווייל די אסאסיאיישאן נישט האבען.

אוודאי איז דאס א גראבקייט.

אוודאי איז דאס א ביטערע אנטי-סעמיטישע שטיק ניקאלאיעווטשטשינא. פאר אמעריקא און אזא קלאמפערשט ליבעראלער און ברייט הארציגער אר-גאניזאציע פאסט זיך נאר נישט איינצופיהרען א פראצענט. דאס איז דאך געגען די פרינציפען פון גלייכהייט, פון מענשליכקייט.

און בפירוש פארדריסט עס אונז וואס עס געפינט זיך אין אמעריקא אזא אנגעזעהענע און באדייטענדע ארגאניזאציא, וואס האט אזוי אפען און ברוטאל קלאהר ארויסגעוויזען איהרע אנטיסעמיטישע נעגער און איינגעפיהרט א „קראמי-לי יעווערעזו" ביי זיך.

און פארט רופט דער גאנצער אינצידענט ארויס א שמייכעל.

עס ווילט זיך פרעגען אט דעם אידישען אדוואקאט און זיינע צוויי אידי-שע חברים, וואס האבען פראטעסטירט געגען דער גזרה: „וואוהין קריכט איהר אידישע לאיערס?"

עס איז דאך פון דעם נאמען קלאהר, אז דאס איז אן ארגאניזאציע פון ריין קריסטליכע יונגע לייט. וואס האבען דארטען צו טאן אידישע יונגע לייט?

איינפיהרען פינף פראצענט נארמע פאר אידען איז א העסליכע אנטיסע-מיטישע שפיעל.

אבער ווען די דערמאנטע אסאסיאיישאן זאל אפילו איין פראצענט אידען נישט וועלען אריינגעהמען, וואלטען מיר פינדעסטוועגען הײנעט נישט געראטען זיך מצער צו זיין.

מיר האבען גרעסערע צרות.

אבער צו וואלט אפשר נישט בדאי געווען צו באדאנקען די יאנג מען'ס קריסטליכע אסאסיאיישאן פאר איהר האפליכע אנצוהערעניש וואס זי האט געגעבען צו די אידען.

דער צוריקגעוויזענער אידישער לאיער פארדיענט ניט אונזער סימפאטיע. אדרבה, עס יאגועט זיך א געפיהל פון צופריעדענהייט וואס ער האט געכאפט אזא אפשניט.

אפילו אין די ניט-אידישע ארגאניזאציעס, וואס טראגען נישט דעם קריסט-ליכען שטעמפעל אזוי בולט אויף זיך, ווי די דערמאנטע אסאסיאיישאן; אפילו אין א פארוואר ניט-אידישער ארגאניזאציע, נעהמט מען זעהר אין זעהר נישט גערן אריין א אידען אלס מיטגליעד. טא וואָרום זאל זיך א אידישער לאיער ריקען דוקא דארטען וואו מען מאכט איהם ענג און וואו עס שטעהט בפירוש אנגעשריע-בען מיט גרויסע בוכשטאבען, אז דאס איז א ריין קריסטליכע ארגאניזאציע?

לאמיר האפען, אז דער איצטיגער פאל וועט אנלערנען די דאזיגע אידען, ווי און זייערס גלייכען, אז זיי זאלען זיך נישט שטופען דארט, וואו מען איז זיי נישט גערן.

פאראן גענוג אידישע ארגאניזאציעס וואו מען וואלט אזעלכע אידען אויפ-גענומען בכבוד גדול און וואו זיי וואלטען טאקע געבראכט גרויסע נוצען.

אחין זאלען זיי געהן!

וועגען דער סענטראל רעליעף אין דעטראיט

מיר האבען מיט א פאר טעג צוריק אויף אן אנדער פלאץ אין דיעזער צייטונג געשריבען וועגען דער וויכטיגקייט אויפצולעבען א מעהר אייפעריגע טע-טיגקייט לטובת דער היגער סענטראל רליעף.

אונזערער א לעזער האט אונז פארגעלעגט מיט א טאג שפעטער, אז מיר זאלען די דאזיגע אויפרופען נישט אפשטעלען, ווארום לויט זיין מיינונג זיינען פאראן דא א קרו [illegible] אידען, וועלכע סימפאטיזירען מיט דער סענטראל רעליעף, און וויל מען קען דיעזע אידען נאגשט גרייכען, דארום האלטען זיי זיך אפ פון בייצו-שטייערען צו די אנדערע רעליעף ארגאניזאציעס און די סענטראל רעליעף האט אויך פון זיי אזוי [illegible] גארנישט.

עס מוז ארגאניזירט ווערען די ארבייט.

די סענטראל רעליעף ארבייט טאר נישט פאלען בלויז אויף איין מענשען און אפקומען מיט א הונדערטער א חודש.

דעטראיט'ער ארטאדאקסישע אידען קענען א סך מעהר בייסטייערען מאנ-נאטליך פאר דער סענטראל רעליעף איידער הונדערט דאלאר. עס מוזען נייע מענ-שען צוטרעטען און העלפען דעם ה' קאפלאן אין זיין ארבייט, אדער ארגאניזירען די גאנצע ארבייט און אנשטעלען א קאלעקטאר אדער ערוועהלען קאמיטעס וואס זאלען קאלעקטען פאר דער סענטראל רעליעף.

דאס אומרעכט געגען דער פראווינץ

פון א. אלמי (עליאש)

מיר דאכט זיך, אז בין קיין אנדער פאלק אין דער וועלט איז נישטא אזא גרינגשעצענדע באציהונג צו דער פראווינץ און צו דעם, וואס ווערט געשאפען אין דער פראווינץ, ווי ביי אונזערע אידען. עס איז א פאראורטייל, וואס איז איינגעוואורצעלט אין פאלק פון „פראסטע גוישבת" ביז'ן אינטעליגענט, אזוי איז עס אין דער „אלטער היים" אזוי, און נאך א גרעסערן מאסשטאב- אין אמעריקא.

נעקומט פון שטעבוועלעטער פון די גרויסע צענטערן קעגען די פראווינצער איהר נעפינט זיי, אין די צענטראלער אין אידישע פארקסלאר; אפילו אויף אידען אין די פארשטעדט, וועלכע זענען ענג פארקניפט אין פארבונדען מיט די גרויסע קהלות, קוקט מען ביי אלע מיט בטול. פראגע איז א פארשטאדט פון ווארשא, ביז'ן אריבערציעהען די בריק איבער דער ווייסעל אין אין ווארשע ווע-רען די פראגער באגעגענט מיט א שפויי-בער: „פראגער אקסען". ווי באציהט מען זיך אין ניו-יארק צו א בראנזוויל-ער איד? ווי ווייט איז דער בראנזוויל פון ניו-יארק? א צעהן מינוט פאהרען מיט'ן „על". א שעה שטעדטעל. און דאס איינענע איז במעט אומעטום.

יעדער שמיעסט שוין פון דער אמת'ער פראווינץ, דארין איז בין אונז קיין מאס נישטא: אדער עס איז „די ליעבע פראווינץ", וואו אלץ איז איינגעהילט אין קדושה, אין היימישער תמימות, און די מענשען זענען לויטער אומשולדיגע מלאכים; אדער פראווינצער יאהרען, פראווינצער חיות, ביידע באציהונגען צו דער פראווינץ זענען פאלשע, איבערטריבען סענטימענטאלע ווסקייט, אדער נארישער ציניזם. ס'איז די מעשה מיט יענעם אידען, וואס פרעגט אן עצה ווי צו פארשרייבען זיין ניי-געבוירענעם זוהן; מיט א יאהר עלטער אדער מיט א יאהר יונגער; פאר-שרייבען איהם אין ריכטיגען עלטער, פאלט איהם נישט איין, זיך באציהען צו פראווינציאלען [illegible] צו גלייכע מענשען —

דאס קען קיינעם נישט איינפאלען.

אזא מין באציהונג צו דער פראווינץ רופט זיך נאטירליך אפ, ווען עס קומט צו קולטור, צו ליטעראטור. די „אלטע היים" האט זיך נאך ווי עס איז פארמאגט עט-ליכע אידיש-ליטעראַרישע צענטרען. אין אמעריקא איז דא איין ניו-יארק. די ערג-סטע צייטונג אין דאס נארישסטע ביכעל פון ניו-יארק ציהט אויפמערקזאמקייט, קריגט ביבליאגראפישע באמערקונגען און „קריטישע אפשאצונגען" אין דער פרע-סע. די שענסטע אידישע צייטונג און דאס אינטערעסאנטסטע בוך, וואס ער-שיינט אין א פראווינצשטאדט, ווערט טויטגעשוויגען, גלייך עס וואלט אויף דער וועלט נישט געווען.

„עס, וואס די פראווינצער יאהרען הער-גען שאפען!" און מען יעוט לכתחילה נים די פראווינצער צייטונג און דאס פראווינצער בוך. מען איז עס מבטל אונ-דער מען קוקט עס רעכט אן און אריינצוווארפען אין פאפירקארב אריין. איך רעד נאך נישט איבערטרייבען, מאכ-ענדיג א באהויפטונג, אז א טייל פון דער ניו-יארקער פרעסע איז וייט איהר באראָהמטער ריין-שטעדטעדיג; דאגע-גען וואלטען מאנכע פראווינץ-צייטונגען געקענט ערשיינען אין סאמע ניו-יארק. שוין אפגערעדט פון דעם פאקט, וואס די אידישע צייטונגען פון דער פראווינץ זענען ר ו ב ע ר ז ייד געווייבע ניו-יארקער צייטונגען.

איך וויל זיך נישט בארימען, כדי ביי עמיצען אויפצוגרעמען, אבער אלס פאקט איז בדאי צו דערצעהלען, אז זי-יענדיג עטליכע יאהר אין א ניו-יארקער רעדאקציע, בין איך געווען דער איינצי-גער, דאכט זיך, וואס פלעגט זיך פאר-אינטערעסירען איבערצוזעהען אלעמאל די פראווינץ-אויסגאבען, צייטונגען אין בי-כער, וואס פלעגען דארט [illegible] אין אמת, איך בין געווען דער ערשטער, וואס האט אין אן ארטיקעל אויפמערקזאם געמאכט, אז ארגענטינא האט באריי-כערט די אידישע ליטעראטור מיט צוויי נייע, שעה-

נע טאלאנטען, ווי אבא קלוגער און משה פינטשעוויסקי, פון וועלכע מיר מעגען א סך דערווארטען. ווער האט זיך אומגע-קוקט אויף דעם אומבאדייטענדען אידי-שען צענטער אין דער מדינה פון די אנדען אין דער לאפלאטא? ערשט שפעטער האבען זיך אויך אנדערע אפגערופען. איך בין צופרידען, וואס מיין ארטיקעל האט אויפגעמונטערט די אידישע טאלאנטען פון ארגענטינע. ווי דאס האט מיט דאנק צוגעגעבען אבא קלוגער אין זיינעם א בריעף צו מיר מיט א צוויי יאהר צוריק. און זיי גיבען איצט ארויס שענע ליטע-ראַרישע זאמלונגען.

ארגענטינע איז ווייט. אבער פילאדעל-פיא, שיקאגא, דעטראיט זענען נאהענט פון ניו-יארק, און אין יאנג, אין קאנא-דע, מיט איהרע באדייטענדע אידישע צענטערן אין מאנטרעאל, טאראנטא און ווינניפעג! זאל אין דעטראיט אדער אין מאנטרעאל ערשיינען א גענאר אידיש-יעזה, ווערט עס פארווירען, אויף'ן פאר-דערבלאט איז נישטא דאס כשוף-ווארט „ניו-יארק" אין די ניו-יארקער אידישע „קריטיק" וועט עס די מינדסטע אויפ-מערקזאמקייט נישט שענקען. דער עיקר ווערט עס נישט קויפען, ווייל „וואס קען מען דערווארטען פון פראווינציאל?"

און אין דעטראיטער צייט וועט מען אין דער ניו-יארקער פרעסע געשטעצער נאנ-צע זייטען מיט א ניו-יארקער ריאטען, וואס איז נישט ווערט דאס פאפיר, אויף וועלכען עס איז געדרוקט.

דאס קאמישסטע דערביי איז, וואס אין דער פראווינץ האט מען אויך אזא וועלכע באציהונג צו דער פראווינץ און צו אלץ, וואס ווערט דארט געשאפען. מען הויבט זיך מיט יעדער נארישקייט, וואס קומט פון ניו-יארק און מען מאכט אויגען מיט ראנט דאס בעסטע, וואס ווערט געשאפען אין די איינענע [illegible] אמית, א אמעריקאנער שרייבער. מעג ער זיין א שרייבער פון נאריש שונד-גע-שיכטען אדער פון ריטערליכע טאראזש...

גאנצער גדול און ער פאלט פאר איהם כורעת, ווען ער לאזט זיך צו איהם אראפ", פארטראגען זיינע גוואלדיגע „מייסטערווערקע", אבער דער באגאבטער שריפטשטעלער, וואס שרייבט פאר דער פראווינץ-צייטונג האט ביי איהם קיין ווערדע נישט און ער קוקט אויף איהם פון אויבען-אראפ...

נאך מעהר: זאל אראפקומען דער ניו-יארקער שרייבער, וועלכען ער האט פריי-הער געשעצט און פארעהרט, און זיך באזעצען אין זיין פראווינץ און מיטאר-בייטען אין זיין פראווינץ-צייטונג, וועט ער באלד פארלירען דעם חן אין זיינע אויגען און ער וועט איהם נעהמען מבטל זיין, ווי דעם שטענדיגען פראו-ווינץ-שרייבער...

דאס בעסטע ליטעראטורישע, דער בעס-טער פעליעטאן און די אינטערעסאנט-סטע אפהאנדלונג אין דער פראווינצי-עלער צייטונג ווערען אונזער געשוואוי-רענעם אינטעליגענט לאזען קאלט. איך מיר געשריבען! אט אין דער ניו-יארקער צייטונג, דא מען דערלאנגט א שריי, איז עס א שרייבעניש פון שרייבער יאנג! ער מענה מיט דעם דאזיגען אינטעליגענט אינטערעסאנטען איהר ייעט איהם נישט איינקאכען.

די פראווינץ האט קעצענס ארויס-געגעבען יעדען עטליכע טאלאנטען. נאך יעדער הויבט זיך אויף צו איהם [illegible] פון פרעסע פארבלייבען עס, איבער אמעריקאנער. פאר יענע ווענען, א צווייט נישטא-דיי נישט-אהערקיג, פארגעסען יערטער; און אין ניו-יארק ווי מען די „פראווינצער" „אידען" נים ארויסגעבען. איינער א ב פארע, וואס זענען מיר באוואוסט, ווען פראווינצער שרייבער האט זיך איינגע-געבען דאס גרייכע גליק צו ערשיינען אין ניו-יארק.

אפשר וועט זיך אמאל די יעבערדיגע [illegible] ליטעראטור מיט צוויי נייע, ישעה-יאזנקיטען, אין ביים פראווינציאר א באציהונג צו דער פראווינץ ביימען!

אויפגעקלערט דעם דעטראיטער עולם

(פעליטאָן) פון ישראלי

„פוילען האט זיך אונטערגענומען צו דערטראגען די וועלט־ציוויליזאציע אויף איהרע שולטערן און מאכען די וועלט זיכער פאר דעמאקראטיע און גערעכטיג-קייט".

אט אזוי האט עס דער היגער בישאפ גאלאהנער געזעצט זונטאג נא'ח'רישה'ם פאר די יונגע פאליאקען, וועלכע האבען מארשירט איבער די גאסען פון דעטראיט לכבוד זייער „באפרייטע" פאטערלאנד פוילען.

און גערעדט האט דער בישאפ דארפט איהר וויסען זיין — ניט אין נאמען פון זיך אליין, ניט אין נאמען פון מיר און ניט אין נאמען פון אייך, נאר אין נאמען פון דער הימלישער קעניגרייך, פון וועלכער ער איז איינער פון די „אמ-באסאדארען" אויף אונזער זינדיגער ערד...

יעדער גאטס-פארכטיגער גוי האט גע-מוזט נאך דעם בישאפ'ס רעדע אנפאנ-גען גלייבען, אז פוילען איז דאס גע-בורטסלאנד פון יעזוס'ן אליין; אז דאס פוילישע פאלק באשטעהט פון לויטער איבערמענשען, שיער-שיער מלאכים פון הימעל, וואס עסען ניט און טרינקען ניט און וואס טוען א סך ערדישע זאכען ניט... נאר וואס דען? דאס גאנצע פוי-לישע פאלק איז נאר אריינגעטאן אין העכערע, איבערמענשליכע ענינים, ווי: ראטעווען די ציוויליזאציע; אויסראטען אנארכיע און באלשעוויזם; באקעהרען אלע זינדיגע, פעלקער צו גאט און משיח. — קורץ, פארוואנדלען די מאטעריאליס-טישע וועלט אין א רוחניות'דיגען גן-עדן. אויף פילאזאפיש-פאעטישען לשון קען עס הייסען נים מעהר און נים ווע-ניגער ווי: צופיהרען די מענשען-קינדער נאהענט צו גאט...

אט אזא מיסיאן האט עס פוילען אונ-טערגענומען!...

און מיר האבען דערפון נאך ניט גע-וואוסט, ביז זונטאג, דעם 9טען מאי, 1920, ווען בישאפ גאלאהנער האט פאר די איינוואוינער פון דעטראיט, שטאט מישיגען פון די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא אנטפלעקט דעם סוד, וואס איז צו איהם אנפארטרויט געווארען פון מעסייעס אליין, מסתמא...

ווארום אויב ניט פון גאט'ס זוהן, דער דערלייזער און דער פריעדען-ברייננער און דער וואס-נים ברייננער, טא פון וואנען-זשע דען האט דער בישאפ גע-קענט ערפאהרען אזא גרויסע געהיימ-נים?...

אבער פארט איז די זאך אביסעלע קשה.

וואלט שוין בישאפ גאלאהנער געקענט באווייזען איין מאל פאר אל'ע מאל, אז יעזוס איז געווען א פאליאק, וואלט זיך די זאך געלעגט אויף'ן שכל.

אבער כל זמן די וועלט איז נאך אויך געצוואונגען צו גלויבען, אז יעזוס איז געווען א איד, און אפילו ניט קיין פוי-לישער-ליטוואקישער איד, נאר א פשוט'ער סטאליאר פון נצרת און דערצו נאך גע-טראגען א בערדעל — לעגט זיך עפעס ניט אויף'ן שכל, אז א פשוט'ער איד מיט א בערדעל זאל האבען אזא הויכע מיי-נונג וועגען די פאליאקען... א-נו, זאל נאר אקארשט יעזוס פראווען פאהרען אויף א פוילישען צוג און דוקא ניט-א-זירטערהייט!... איך בין במעט ווי זיכער, אז די קריסטליכע וועלט וואלט מיט איין מאל געדארפט איבערמאהלען איהר גאנ-צע קונסט און איבערגיסען אלע סטאטועס פון זייער דערלייזער, וועלכער וואלט געבליבען אהן א בארד — אוי ווער, אוי ווער, א מעסייע אהן א בארד!...

און דער גאנצער קריסטוס וואלט דא-מאלט געווארען אזוי ענליך צו עפ-שטיין'ס סטאטוע, אז עס וואלט פשוט געווען אן איבעריגע זאך פאר רבי פרענקלין, לעצטען זונטאג אין טעמפעל „בית אל", צו באווייזען, אז יעזוס איז דוקא געווען א מענש און ניט קיין גאט...

רבי פרענקלין האט אין זיין לעקטשור וועגען עפשטיין'ס קריסטוס סטאטוע אויפגעוויזען, אז עפשטיין האט קריס-טוס'ן פארמענשליכט, וועהרענד די קריסטליכע וועלט האט איהם פארגעט-ליכט. מחמת וואס? עפשטיין'ס קריס-טוס-סטאטוע איז ווייט ניט אזוי ראזא-ראסאדיג, אזוי צארט-זאנפטיג, ווי די קריסטליכע מאהלער און סקולפטארען האבען איהם פארגעשטעלט.

אמת, רבי פרענקלין לייקענט ניט אפ, אז קריסטוס איז פון יענעם טיפ מענש, וואס דערהויבט זיך גייסטיג ביז צו א שטופע פון געטליכקייט.

איז וואס-זשע דרינגען מיר דערפון? טאקע וויהערא מאל, מיינע ליעבע דא-מען און הערען, דאס זעלבע, וואס מיר האבען געדרונגען פריהער: אז יעזוס האט געמוזט נאך אמאל געבוירען ווע-רען און זיך באזעצען אין פוילען. ניטא קיין בעסערער פלאץ אונטער דער זון, וואו א איד קען זיך דערהויבען ביז צו א מדרגה פון אן איבער-מענש, פון א גאט; ווארום פאר א אידען הייסטע לעבען צו לעבען אין פוילען, מיינט טאקע צו באזיצען איבערמענשליכע כחות...

איך אליין האב עפשטיין'ס קריסטוס סטאטוע נים געזעהן, און דעריבער קען איך נים זאגען אויף דראוה, צי עפ-שטיין'ס קריסטוס האט נאך א בארד אדער נים. איך בין אבער במעט ווי זי-כער, אז ווייל די איבערמענשליכע ווי-דע, וועלכע אנדערע [illegible] איבערגעריקט אין עפשטיין'ס „קריסטוס", ראט ער איבזונגען פיגערט ווי א איד נאך א רייזע אויף א פוילישען צוג. נור — [illegible] בישאפ גאלאהנער'ס פוילישע יעזוס'ס מאכען האבען איהם די בארד אויסגע-צויגען בפני כל עם ועדה...

אין דערפאר זאג איך נאך אמאל, אז עס איז נאך א גרויסער ספק, אויב יע-זוס אליין זאל וועלען איינגייטען צו בישאפ גאלאהנער דעם סוד און אייער וויגען פוילען'ס מיסיאן „צו דערטראגען די ציוויליזאציע אויף איהרע שולטערן". נאך ארעמען, איז ער דאך פארט געווען א איד און נאך א איד מיט א בארד דערצו...

עפעס האט דא אן אנדער „מיבטייטע" קראפט געטריבען, אז בישאפ גאלאהנער זאל האלטען אזא מאדנע דרשה איבער דער מיסיאן פון פוילישען פאלק, וואס די קראפט איז, איז שווער צו זאגען. יעדער איינער פון אונז האט ברייט א עלט בין זיך אליין זיך מישער צו זיין...

קאלטע מאי מחשבות

(שטימונגען) פון ב. י. גאלדשטיין

איך ווייס נים דעם טאג פון דער וואך: פרייטאג אדער מיטוואך, זונטאג אדער דינסטאג, נאר אום מאי איז דאס געווען.

איך האב פיינט מאי.

איך האב דאס ו ו א ר ט פיינט.

איך האב דעם חודש פיינט.

פריהער מיינע חדשים און מיינע יאה-רען און קיינער דערמאהנט מיך ניט אז „און וויעדער איז סעפטעמבער גע-קומען" אדער „און דער חודש פעברואר שטעהט שוין אויף די שוועל". און עהנ-ליכע כל ערליי מינים אנאנסען וואס די דיכטער מאכען פאר'ן חודש מאי. מאי.

אזוי גיך ווי ס'פארגעהט פסח, אדער עס קומט אן פסח, דוכט זיך מיר, אז באלד וועט אנקומען א צעשווייבער-טער פאעט און וועט מיר א שריי טאן אין פנים אריין: „מזל טוב, מאי קומט צו-פאהרען!" אדער א פאר'חלום'ט מיידעל וועט, ווי טאפענדיג דעם וועג, זיך צו-שארען צו מיר, און וועט מיט שטאה-לענע אויגען א קוק טאן אויף מיר, אפ-מעסטען מיינע גרויע האר, מיין אויסגע-לאשענעם בליק און די פאלשע ציין, וועט א קרעכץ טאן און וועט זיך ווייטער געהן איהר וועגס.

פע, א פאסקודנער חודש, מאי.

קיינמאל געדענק איך ניט מיינע עבירות.

איך געדענק אלע מיינע מצוות. נאר קיין איין עבירה ניט.

קומט מאי, דערמאהנט מען מיך אן זיי.

ווער בעט זיי?

נו, געוויס גראד געווען באוואקסענע בוימער, צעצווייגטע, ווי א אידישע או-ריענטיצע; געוויס בלומען און רויזען — אומזיסטינס געזאגט ווי זיי ווע-רען עם פארשווארצט די אידישע פאעטען ווען-עס קומט מאי. אז מעהר ווי פאר צוויי מינים געוויקסע האבען זיי דאך קיין נעמען ניט. בלומען און רויזען; רויזען מיט בלומען [illegible] גן, זענען געווען בלומען און רויזען און איך האב זיך אנ-גע'שיכור'ט מיט זיי... מיט ווין טאר איך נישט — זאגט מיין דאקטאר — זיך אנ'שיכור'ן, נאר מיט בלומען און מיט רויזען מעג איך. האב איך זיך אנגע'שיכור'ט און געזינדיגט. מוז איך זיך דערפאר איצט באהאלטען, כדי מען זאל מיך אן די חטאים די פארגע-סענע נים דערמאהנען.

אום מאי קען איך נישט אנקוקען מיינע חברים און קאלעגען וואס געהן ארום ווי גלייך זיי האבען ערשט געקויפט לאטאריע צעטעלעך און ווי זיי וואלטען אלע געהאפט אויף'ן גרויסען געווינס. אז ס'קומט מאי דערווייס איך זיך, אז איך האב זיכער פארשפיעלט.

אפשר א ו י ס ג ע ש פ י ע ל ט — דאס מען זאגען? איך ווייס נים.

איך ווייס נאר אז ד ע מ א ל ט איז מאי געווען.

ביי מיר אין חדר בין איך געלעגען און ארויסגעקוקט אויף די גלאנציג-גלאטע שטיינערדיגע טרעפ אקעגען מיין פענ-סטער.

די זון האט זיך דעמאלט געזעצט. אויף מיין טרעפ האט א שטארקדרוי-טער שטראהל געשפאַצירט. א פארבלו-טיג'טע בלום, האט מען געקענט מיינען.

(פארטזעצונג אויף זייטע 5)

געדאנקען שפליטער

פון א. ה. שקאלניק

א יונגער קינסטלער הייסט ניט דער, וואס איז יונג אין יאהרען אדער אין אנ-הויב פון זיין שאפען; נאר דער, וואס איז אריגינעל אין אידעען און ניי אין ריכטונג.

* * *

ניט יעדער איד איז געשטראפט אלט צו ווערען; אבער די מעהרסטע יונגע אויף דער ערטער, זיינען אזעלכע גאונים, וואס די נאטור באשאפט זיי ווייניג.

* * *

די יונגע וועבען די נייע געדאנקען, און ווען זיי ווערען אלט, קומט די נעקסטע יונגער און נעהמט איבער דאס גוטע-סטע פון דאס אלטע, די פאסענדסטע פון דער ערפאהרונג און וועבען פאר די נייע פארבעסערונג.

* * *

די יונגער באשאפט די קנאספען פון אידעען, וואס ווערען ערשט צעבליהט אין בלומען, ווען עס הויבט אן צו קוועל-לען נייע קראפט אין די שטאמען פאר אנדערע קנאספען.

* * *

דער פריהלינג איז די שטימע פון דער נאטור, די יוגענד פון דעם לעבען. די עלטער איז ניט נאר טויב, נאר אויך ווייל מאנכעס מאל אפילו ניט זעהן די יוגענד.

* * *

ווי אין דער נאטור אזוי איז אין לע-בען, וואס איז א פראדוקט פון דער נאטור: אין פריהלינג שפראצט ארויס דאס לעבען, דער זומער האדעוועט עס, אין דער ווינטער ווערגט עס צום טויט ביז דעם נעקסטען פריהלינג, וואס הויבט אן דאס לעבען פון דאס ניי צו באשאפען.

* * *

מיר, יונגע, זיינען פארפליכטעט צו רעספעקטירען און שעצען די פערזענליכ-קייט און ניצליכקייט פון דער פארעל-טערטער יוגענד. אבער, דאס ג ע ו ו ו א ר ע נ ע אלטקייט, וואס ליגט ווי א שטיין אויף אונזער לעבענסוועג, מוזען מיר אפראמען.

* * *

יונגע אידעען זיינען גלייך ווי די בלו-מען. עס וואקסען, שענע און אַלע מ'אים'ע. די אידעאל פיהרער פון דער יוגענד זיינען די גערטנער, וואס ווייסען שוין דאס גוטע צו פלעגען און דאס שלעכטע ארויסצורייסען.

* * *

די אלטע ווילען ניט אפטרעטען פון לעבען, ווען אפילו זיי קענען פון לעבען שוין נאר ניט געניסען. זיי ווילען ניט אפטרעטען פון זייערע אלטע אנשויאונ-גען, ווען אפילו זיי קענען שוין נאר ניט צופריעדענשטעלען.

* * *

די עלטער איז פערהערעטיש מיט דעם, וואס איז אנגעזאפט מיט עקשנות פאר דער פארעלטערטער עקזיסטענץ און קען זיך פון דעם ניט באפרייען, וויפיעל שלעכטס און ווערטאג עס זאל דאס היינט ניט פארשאפען.

* * *

די אלטע ווילען די יונגע ניט אפטרע-טען, ווייל די אלטע ווילען זיך ניט ער-קלערען פאר אלט און באנקראט. די קראפט פון די יונגע אבער איז רעספעקט'יש און צווינגט זיי צו דעם.

* * *

אלע אלטע בענקען נאך זייער פאר-גאנגענע יוגענד און דער האסען זיי די נייע יוגענד.

* * *

קיינער וויל ניט אפטרעטען מיט גר-טען זיין טהאן, אויך ניט די עלטער. און ווי שוואך זי זאל זיך ניט פיהלען, וועט זי קעמפפען, פארגעסענדיג אין דער זיכערער הילפלאזיגקייט.

* * *

די אלטע, וואס זיינען פארגינעפטיג אפצוטרעטען דאס פלאץ פאר די יונגע, קענט איהר זיי ארייננעהמען צווישען די יונגע; די אלטע אבער, וואס זיינען איינגע'עקשנ'ט, קומען אליין אין א מושב-זקנים צווישען זייערע אלטע קא-לעגען.

* * *

די יוגענד איז נאר די טרעגערין פון דער געגענווארט און ווי זי טרעט נאר אריבער די גרענעץ פון דער געגענווארט, איז זי שוין אלט.

* * *

דאס לעבען און דער געדאנקען-גאנג ווערען, ווי די צייט אויף א מינוט ניט איבערגעריסען; היינט ווערט אלט, וואס נעכטען איז געווען יונג; די אלטקייט איז אונשטערבליך און די יוגענד — אונערשעפליך.

* * *

קינדהייט — דאס זיינען יונגע אונ-באפלעקטע, איינציגע יאהרען פון אונזער גאנצען זינדיגען, שווערען לעבען. דער-פאר בענקען מיר אזוי שטארק נאך איהר.

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארטזעצונג)

נייםאן האט זיך אליין אויף אזא גליק נישט געריכט. חנה׳ — חנה רעדט צו איהם אזוי.

ער איז א לעבעדיגער געווארען. ער וואלט זיך נישט שעהמען, וואלט ער זיך צעוויינט פאר שמחה. על זאל נישט מורא האבען פאר איהר וואלט ער זי געקישט פאר דאנקבארקייט.

— חנה, איהר זענט א גוטע, חנה איהר זענט א מלאך, איהר ווייסט זעהן, חנה — — —

— הע, הע, — האט חנה איהם איבערגעשלאגען און נעדראהעט מיט׳ן פינגער — עס צעשפילט זיך שוין אייער שרייבערישע פאנטאזיע. איך בין אזוי א מלאך ווי איהר... א קינסט — — —

ניין, ניין, האט זי זיך גלייך פארבאסט — נייםאן, מעהר וועל איך זיך נישט ווילען איבער אייך. נישט מעהר נישט פארצייעט. ס׳האט זיך ארויסגעבאפט. א פריקלאטע נאטור ביי מיר. אזא. איהר זענט זיך מאכען א קינסטלער אבער איך בין קיינמאל קיין גוטע ניט געווען און... וועל קיינמאל נישט זיין. און פון א מלאך איז דאך שוין אפגערעדט...

זי קען זיך חנה. און האט א מעלה וואס זי האט אין אמת׳ן פיינט צו הערען קאמפלימענטען. זי האט נאך קיינעם נישט, און איהר גאנץ לעבען, געמאכט א קאמפלימענט; א פאלשע שמייכלעריי, און זי האט פיינט ווען יעמער מאכט איהר א פאלשען קאמפלימענט.

עס קוסט איהר אן שווער יעמאנט עפעס צו פארשווייגען. אבער נאך חנה׳נען — דאס אווראי נישט.

* * *

און חנה האט זיך מיט נייםאן׳ען ארויסגעלאזט איבער דער שטאדט ניו יארק, אדער „דאס אמעריקא״, ווי זי האט עס גערופען.

זי האט זיך פארפוצט, באמש גענוג נאבלעסיג, אבער דאך האט איהר דאס קלייד זעהר שעהן געפאסט. זי האט זיך פארקעמט שעהן און איז ארוים באטראכטען נאסס וועלט.

— ליינט לאמיר פאהרען אין א פארק — האט חנה פארגעשלאגען — זינט איך בין פון דער היים האב איך נור געזעהן גראז און בוימער מיילעך און הייזלעך... און דין ביבער. איך בין קיינמאל קיין ליעבהאבערין נישט געווען פון די נאטור בילדער, ווי זיי זיינען אין דער אמת׳ען, אין דער ווירקליכקייט. איך האב מייזענדער מאל דאס גאנצע שעהנקייט פון דער נאטור געזעהן און קיינמאל, קיינמאל דאס אין אכט נישט גענומען. נור די שעהנע מאהלעריי פון קינסטלער־שרייבער האט ביי מיר אויפגעוועקט א ליעבע צו דעם. ערשט איצט האב איך ליעב די נאטור. נו, לאמיר ווייע געהן זי באטראכטען.

און דאס איז אן אמת געווען: חנה האט ביז נישט לאנג צוריק נישט איין אכט גענומען דאס שעהנקייט פון דער נאטור. ווען מערי פלעגט אהיים ברענגען בלומען און זיי פארזארגען אין א פלאש מיט וואסער, אדער אפגעבען עטליכע ישעה אום זונטאג פאר די וואזאנעס, האט חנה אויף איהר געקוקט, ווי אויף א נארישע קינד, וואס האט ליעב שפיעלעכלעך.

ערשט די נאטור באשרייבונגען, די נאטור געזעהן און קיינמאל, קיינמאל דאס זי האט געלייענט האבען ביי איהר די ניינונג צו דער נאטור עוועקט. זי האט שוין אייך אנגעהויבען אפצוהיטען די בלומען און ווען ס׳פלעגט רעגנען, האט זי ארויסגעשטעלט די וואזאנעס און אלע טאג זיי באגאסען פארזיכטיג.

אפילו איצט, ווען זי איז ארוים אויף׳ן שפאציר, האט זי נישט פארגעסען א בלום מיטצונעהמען. אויף נייםאן׳ען האט זי אין לאץ א בלום ארייגעשטעלט.

* * *

אין פארק איז חנה איבערראשט געווארען.

פאהרענדיג אין טראמוויי, אין איהר קיין זאך נים איינגענאגען, או זי האט שוין חרטה באקומען, לאמיר זי האט זיך נעלאזט איינרעדען און פאהרען אין פארק. זי האט פלוצים דערפיהלט, אז דער קארסעט שטעכט זי, דריקט זי. נאכ׳ דעם איז איהר נישט גוט געווארען פון׳ם פאהרען. זי איז נישט געוועהנט געווארען צו דעם. און איהר לעבען איז זי בעק אנגעקומען קיינגייארק, דאס ערשטע מאל אין טראמוויי וואגאן געפאהרען.

זי קען נישט פאהרען. עס ווערט נישט גוט אויף׳ן הארצען פון׳ם פאהרען. די אויגען שווינדלען איהר, זי איינעם פאר חלשות.

אין באהן האט זי געליטען, און שיף — אוודאי, און איצטער מיט דעם טראמוויי־וואגען — אויך.

נייםאן האט געמוזט ארויפגעה מיט איהר. זייגען זיי אפגעגאנגען עטליכע נאסען, דערקוויקט זי מיט א גלאז סעלצער מיט לימענע סיראפ און ווייסע נעפאה״

רעדט א שטרעקע. אזוי אלע מאל.

אין פארק, דערפאר, האט זי שוין פארגעסען אויף אלעם.

— אך, ווי שעהן, אקוראט ווי דער פארק אין עמיל זאלא׳ס ראמאן.

עס איז אויסגעקומען פון איהרע רייד אז די נאטור האט גוט נאכגעמאכט עמיל זאלא׳ס מאהלעריי. אדער אז די מאשיניקער האבען שטודירט באשרייבונגען פון פארקס אין די ראמאנען און האבען אזוי דיגארטענס געפלאנצט.

זי האט זיך נישט געקענט אנזעטיגען.

— די דאס איז דאך גארנישט יענע וועלדער, וואס אין דער היים — האט חנה געמאכט באקוקענדיג דעם גרויסען, פרעכטיגען „סענטראל פארק״.

עס האט זי נישט געצויגען די נאטור, נור דאס שעהנקייט פון דעם קינסטלערישען אויספלאנצען און די איינארדנונג.

זי האט יעדעס קינסטליך טייכעלע באטראכט, זי האט צו יעדען בלומענבייט זיך צוגעקוקט. עס האט זי איבערראשט די אויסשטאטונג און אויסשטעלונג. פון יעדער קליינינקייט איז זי נתפעל געווארען.

מעהר אבער די ערשטע צוויי ווערטער: „אך, ווי שעהן!״ האט זי נישט עוסגט.

יעדע קליינינקייט איז געווען פאר איהר נייו. יעדעס ביימעלע און יעדער בלומענבייט — אלעס איז פאר איהר ערשינען ווי א פאנאראמע, אן אויסשטעלונג אויף בילעטען.

זי האט אבער נישט ארויסגעוויזען. איהרע התפעלות האבען זי פארגליווערט.

נייםאן האט איהר פריד פון׳ם שווייגען פארשטאנען. ער האט געזעהן איהר נייגעריג באטראכטען יעדע קלייניגקייט, ער האט געזעהן ווי זי איז געשטאנען אנגעשפארט אויף דעם ציים ביי דעם קינסטליכען טייכעל און האט אנגעהויבען בלאס ווערען: ער האט געזעהן איהר חידוש׳דיגען בליק, ווען זי האט דעם באטאנישען מאגאזין באטראכט דורך די גרויסע גלעזערנע ווייבען — פון דעם אלעמען האט ער פארשטאנען, אז זי פרעהט זיך מיט אלעם, מיט אלעס.

זי האט די גאנצע צייט געשוויגען.

ווען נייםאן האט עפעס געוואלט זאגען האט זי איהם אנגעכאפט פאר דער האנד: — „נייםאן, זייט א גוטער און רעדט נישט. איך בעט אייך״...

קיינמאל נאך האט זי צו איהם אזוי נישט גערעדט. קיינמאל נישט... אזוי צארט, אזוי פריינדליך און אזוי אנגענעהם.

אויף א מינוט האט זי זיך נישט געוואלט צוזעצען. „ס׳דארף נישט!״

און איז רק געגאנגען פון איין אלעע צו א צווייטער, פון איין בלומענבייט צו א אנדערער, פון איין טייכעל צום צווייטען. אלעס האט זי געוואלט זעהן אין איין מינוט.

ערשטש ווען פלוצים האבען די לאמפען זיך געגעבען א צינד אן און דער פארק איז געווארען ארומגעהילט מיט א בלוי־דורכזיכטיגען וואאל, האט זי זיך א כאפ געטאן: „מערי... ס׳שפעט... לאמיר געהן... קומט...״

אין געהענדיג צום ארויסגאנג, האט זי זיך ערשט ארומגעקוקט אויף די מענשען, אויף די פאארלעך, וואס געהן איבער די אלעען געארמט, לאכען, הילכיג אדער שמייעסען סודות׳דיג. אלע פארפיצטע אדער ריין און ציכטיג געקליידעט... יום טוב... אפרעכטיגער יום טוב... עס איז דאך אזוי ערליך צו דעם, וואס זי האט געלייענט אין די ביכער. אזוי ערליך...

ווען זי איז שוין אין גאס געווען, האט זי אפגעזיפצט שווער: „אך!״...

זי האט געשוויגען... געגאנגען ערנסט. פארטראכט און געשוויגען...

פלוצים האט זי זיך א קעהר געטאן צו נייםאן׳ען און פרעהליך א פרעג געטאן:

— נייםאן, איז עס דא א מערע איא אז מ׳פיהרט זיך געארמט?״

נייםאן האט זי אנגעקוקט מיט גרויסע פארוואונדערטע אויגען און געענטפערט מיט א שמייכעל: באזאנטע פיהרען זיך געארמט״...

— אזוי?

און זי האט נייםאן׳ען אונטער׳ן האנד א כאפ געטאן.

European Jewish Women Welfer Organization of Detroit

מאכט בעקאנט דאס דעטראיטער פובליקום, ווי אויך אין אינטערעסירטע, אז יעדען מאנטאג אוונט, פון 7 ביז 9 אוהר, יעדען אין מגן אברהם שוהל, 194 פארסווארד, זיין א ספעציעל קאמיטע איינצונעהמען אפליקיישאנס פון די וועלכע ווילען אריבערברענגען זייערע קרובים פון אייראפא, אלמנות און יתומים, וועלכע האבען דא היגע קרובים, פאראינטערעסירט זיך די ארגאניזאציע ווי צו העלפען אריבערקומען.

די קאמיטע.

די היברו האספיטאל אסס׳ן

לאזט וויסען צו אלע אידען פון דעטראיט, דאס פון דעם 16טען מאי, 1920, איז מר. זאמדוויס — אנגעשטעלט געווארען אלס רעפרעזענטאטיוו און קאלעקטאר פאר׳ן היברו האספיטאל אסס׳ן, מיט דאס פולע רעכט אויפצונעהמען ניע מעמבערס און קאלעקטען דיוז און דאנייישאנס, און קיין אנדערער.

אלע זיינען געבעטען איהם אויפצונעהמען פריינדליך און זיך אנשליסען אלס מעמבערס און מיטהעלפען אין דער גרויסער ארבייט אויפצובויען א אידישען האספיטאל.

מיט פריינדליכען גרוס,

היברו האספיטאל אסס׳ן.

לעזט דעם „וועג״

א פלעט צו פארקויפען

א זעהר שעהנע צוויי פאמיליע פלעט צו פארקויפען אין 781 און 783 קלערמאנט עוועניו. פאראן אויך א דאבל גאראדזש, מיט אלע מאדערנע באקוועמליכקייטען, געמויערט ווי א רעגולאר הויז.

קען פרעגען אין קלערמאנט פון 5 ביז 7 אוהר.

קאלטע מאי מחשבות

(פארטזעצונג פון זייטע 4)

וואקסט ארוים פון דעם גלאטען שפיגעלענדיגען שטיין.

האט א מיידעל די טיר אן עפען געטאן און דאס פיסעל פונקט אויף דער בלום ארויפגעשטעלט.

איך האב אין דער ניך די אויגען פארמאכט.

עמיצער האט א קוויטש געטאן... נאך א בלום, ווי א בלוטיג הארץ איז פון א פרויען פיסעל צעטראטען געווארען...

* * * *

און געפאלען געפאלען איז די נאכט אלץ נידעריגער און נידעריגער צו דער ערד.

ישטיל און רוהיג.

די ערד איז טונקעל געווארען, און חרד ביי מיר זיינען ערגיץ די ווענט און די סמעלע דערטרונקען געווארען.

איך האב זיך פארטראכט וועגן טויטע פרינצעסינס, וואס האבען א מינוט פאר׳ן שטארבען אויסגעצויגען זייער גלאטע ווייסע העלדזער, ווי גלייך זיי וואלטען מיער געווארען קאמפף צו פיהרען מיט א גלוי און אליין דעם האלדז איהם צום מעסער צוגעטראגען.

* * *

ווי אזוי וועל איך שטארבען?

איך וואלט נים וועלען זיין דערביי.

א האלדז. אן אויסגעמארעטע א דייגע, אדער אפשר נאך א פארשוואלענעם ...

[illegible]

פייערדיגע אותיות און די אותיות האבען איבער מיין צוקאפענס זיך אויסגעשטעלט גלייך, כסדר, אין איין שורה.

יתגדל ויתקדש....

געהערט? — יתגדל ויתקדש... בנאמנות.

(סוף מארגען)

לאדסלייט פון פינסקער ראיאן

די צוזאמענע אונארגאניזירטע לאנדסלייט רעליעפס פון דעם פינסקער ראיאן, האבען זיך ארגאניזירט אין די שטעדט פון שיקאגא, קליוולאנד, מילוואקי און סענט לואיס אין א פינסקער ראיאנער רעליעף קאמיטע, וועלכע נעהמט אויף די ארבייט צו ארגאניזירען א האנדעלס פערקעהר און א באנק סיסטעם אין די גרעסערע שטעדט, כדי עס זאל נעהמען אן ענדע צו די גרויסע פראפיטירער, וועלכע האבען געמאכט די צרות פון די ליידענדע מענשען פאר זיך א שווינדעל ביזנעס, דהיינו. ווען איהר שיקט א טויזענד מארק צו אייערע קרובים, קענען זיי ניט קעשען דעם דרעפט אדער טשעק וועלכען זיי בעקומען. סיידען זיי פאהרען נאך ווארשא, און אזוי ווי מיט דער רייזע איז פארבונדען אויסגאבען און שוועריגקייטען, זיינען אייערע קרובים, ווילענדיג צי נישט־ווילענדיג, געצוואונגען צו פערקויפען דעם טשעק פאר וויפיעל עס לאזט זיך.

צווייטענס וועט קיינמאל ניט נעהמען קיין ענדע פון שיקען געלד שטיצע, ווען

[illegible]

דא זענען די סטאר אייטעמס פאר מאנטאג

ערשטער טאג פון דעם

וואכען יעהרליכען סייל

די סטאר אייטעמס מיינען

אז די וואַרע געפינען זיך דא מעהר אדער ווייניגער אין א באגרענצטער צאהל און טאקע צוליעב דעם זענען די פרייזען פיעל ביליגער ווי שטענדיג. אין קיין פאל וועלען די ווארעס זיך נישט געפינען שפעטער ווי צעהן אדער עלף א זייגער מאנטאג אין דער פריה.

אלענפאלס איזפיעל בעסער צו זיין גאנץ פריה און צו באקומען דעם בעסטען אויסוואהל.

סטאר אייטעמס

ליייענט עס איבער און קומט פריה.

- $1.60 פראינסינגס — 69 ס. א יארד
- $2.00 קינדערישע שיכלעך — $1.35
- $2.00 און $2.75 פאיארדס — $1.89 א יארד
- $4.00 און $5.00 קארסעטען — $2.58
- $2.50 נאכטהעמדער — $1.59
- $1.00 מיידערישע רושינגא דרעסעס — 59 ס.
- $4.98 הויז דרעסעס — $3.95
- $1.50 פרויען פארטובער — 95 ס.
- $2.98 קימאנאס — $1.79
- סעקאנדס ווימענס $2.00 און $3.00 ווירענע זאקען — $1.39
- $24.75 ווימענס ווירענע דרעסעס — $18.00
- $5.98 טריקאלעט בלוזען — $3.69
- $3.50 דאַף בריד פייאר פאר פרויען — $1.50
- $2.50 סקרים און נעט קוירטענס — $1.39
- $19.00 טיש לאמפען — $8.98
- $8.50 עלעקטרישע פיקטשורס — $5.25
- $2.50 און $3.50 וואנט פאפיער (לאטס) — $1.49
- 69 ס. סטייטאנערי — 38 ס. א פונט
- פארשיידענע סעטס 19 ס. ווייסע קאפס — 12 ס.
- סעקאנדס פון $1.29 ביז $1.69 בלויען עמאל וועהר — 69 ס.
- $6.25 עקסמינסטער ראגס — $3.00
- סעקאנדס פון קינדערישע 50 ס. הויזלעך — 29 ס.
- סעקאנדס פון קינדערישע $1.20 און $2.00 ניקערס — 89 ס.
- מענערישע $3.00 און $3.50 העמדער — $1.89
- מענערישע $2.00 יוניאן סוטס — 98 ס.
- $37.50 בייסיקעלס — $27.95
- $15.85 פארד טיירס — $9.95
- מענערישע $8.09 העט — $4.00
- 89 ס. ביז $1.00 א יארד ריבאנס — 59 ס.
- $3.50 מאיר סילק בענס — $1.89
- $1.00 עמבראידערטע סקארפס — 69 ס.
- 15 ס. נאזטיכעלך — 8½ ס.
- $48.00 דיימאנט רינגען — $34.00
- 50 ס. שאפינג בעגס — 25 ס.
- $2.00 ביז $2.50 האר ארנאמענטס — $1.19
- $1.25 נייוויבלוי פאנאמא קלאוט — 89 ס.

Crowley, Milner & Co.

שכאלניק און גינעס

נאך צעהן ערפאלגרייכע יאהרען אין ביזנעס און רעטראיט האט מר. סעמועל ב. גינעסין, דער אינגערער שותף פון דער פירמא
א יאהר צוריק, מר. גינעסין פיהלט אלזא, אז זיין פעקטארי האט זיך אזוי צוואוקסען, אז די פארערט איצט זיין גאנצע צייט או
צוזמגלונג איז געקומען אזוי פלוצלונג. דער סטאר איז אנגע-פאקעוועט מיט א סטאק פון פינף און זיבעציג טויזענד דאלאר פון
זען. קומט און קריגט אייער חלק פון דיעזע וואונדערבארע באַרגיינס.

קיין זאך ווערט רעזערווירט! יעדער אר

סייל פאנגט אן שבת מאי 5

מיינע פריינדע!

זאגענדיג זייט געזונד צו מיינע פריינדע און פאראנייזער וויל איך אויסדריקען מיין ערנסטען דאנק פאר דעם צוטרויען וואס זיי האבען מיר געגעבען.

איך וועל זיך פרעהען צו זעהן יעדען פון מיינע האסטאמער אידער איך פארלאז די פירמע. איך וויל אייך זעהן און דאנקען פערזענליך און איך פארהאף, אז איך וועל אייך ווידער זעהן אין מיינע נייע ביזנעס.

מיין שותף, מר. נ. ה. שקאלניק, וואס נעהמט איבער מיין חלק, באצוועקט צו פארבלייבען אין די ביזנעס און אייך דיענען מיט אלע מעגליכקייטען און אייך געבען סאטיספעקשאן ווי איהר האט תמיד באקומען אין אונזער „קוואליטי סטאר".

די שפעשעלס אין דיעזע פירזשעס זענען בלויז א טייל פון די ארטיקלען וואס איהר וועט הרישען אין אונזער דיסאלושאן סךל.

סעמועל ב. גינעסין.

מענערשע ארבי…	מענערשע ארבייטס העמדער	לעדער פראנט גלאווס	לייריעס זאקען
אין פיינער לאט פ… בייטס זאקען, דיסאלוש…	איין לאט פון דעם הייבען גרייד ארבייטס העמדער, סאבסטענשער וואַרעס. דיסאלושאן סייל פרייז	א לאט פון די בעסטע קוואליטי לעדער פראנט גלאווס. דיסאלושאן סייל פרייז	א לאט שווארץ און ווייס. פולע סייז לעדיעס סטאקינגס. דיסאלושאן סייל פרייז
17c	98c	29c	19c

קליידער פרייזען געשניטען

1/3

דיעזער דיסאלושאן סייל טרעפט אונז איבערגעראזען מיט קליידער וואס איהר געפינט ניט אפילו אין קיין דעפארטמענט סטאר. מיר מוזען אויספארקויפען יעדען גארמענט. קויפט יעצט און מיידעט אויס די שטייגענדע הויכע פרייזען פון קומענדען סעזאן.

איין לאט פון 150 סוטס. א קאמפליט אסארטמענט פון סטיילס און מייקס. קריגט אייער סייז. דיסאלושאן סייל פרייז —	איין לאט היי גרייד מענס סוטס דאובל און סינגעל ברעסטעד. סובסטענשאל מאטיריאלס. דיסאלושאן סייל פרייז	איין לאט מענס סוטס און א וואריעטי פון שיידס.— מיט בעלטס און פליין אזוי לאנג ווי מיר האבען זיי. דיסאלושאן סייל פרייז —
42.95	32.95	22.95

שיך פאר מענער

עקסטרא ספעשעל! — מענערשע שווארצע און ברוינע אקספארדס. קליינע סייזעז. דיסאלושאן סייל פרייז —
$4.85

1 לאט פון מענערשע גאנצע שיך באטטאן און לייס. שווארצע און ברוינע. דיסאלושאן סייל פרייז —
$5.85

זעהר גוטע מענער שיך. טען און שווארצע — ווירקליכער קאלב לעדער — ענגלישער לעסט. דיסאלושאן סייל פרייז —
$6.85

א פאלשטענדיגער אויסוואהל פון הויכע און נידעריגע שיך — ענגלישער סטייל — גוטע מאסען. דיסאלושאן סייל פרייז —
$7.85

א ספעציעלער אויסוואהל פון פאטענט לעדער שיך — מיט קנעפלעך און שנירעך זעהר פאסיג פאר זומער. דיסאלושאן סייל פרייז —
$7.85

די נייעסטע הושעס לעסט פר יונגע לייט אין בראון קיד לייס. דיסאלושאן סייל פרייז —
$9.85

פאלשטענדיגעס סארטירונג פון דושאסט רייט שיך אין אנגענעהמע סטיילס — מיזען צופרידענשטעלען. דיסאלושאן סייל פרייז —
$10.85

העכסט פיין מענער קאנגארו קיד אקספארד און שיך — דושאסט רייט — נייעסטע מאדעלס. דיסאלושאן סייל פרייז —
$11.85

שיך …

100 פאר נידעריגע שיך פאר פרויען — קליינע סייזעס — שעהנע סטיילס — דיסאלושאן סייל פרייז —
$1.00

עקסטרא ספעשעל! — ליידיעס פאמפס — קליינע סייזעס — אין ווערט ביז $10.00 דיסאלושאן סייל פרייז —
$1.95

פרויען־ווייסע־באקסקין שיך — אייניגע קאמבינעישאן — דרעסי לעדער הילס. דיסאלושאן סייל פרייז —
$1.95

1 לאט פון גריי קיד און גריי סועד אקספארדס און פאמפס — שיך אריינגערעכענט. דיסאלושאן סייל פרייז —
$3.95

מענערשע זומער סוטס

100 פאלם ביטש און קול קלאטה מענס סוטס מוזען פארקויפט ווערען. דיסאלושאן סייל פרייז —

$13.95

באיס סוטס

וואריעטי פון וואנדערפאלע וועליוס דיסאלושאן סייל פרייז —

$5.95

אנדערע סטיילס $9.85

מענערשע הויזען

פארקויפען אויס א פולען לאט מענס ארבייטס הויזען, אלע סייזעס. דיסאלושאן סייל פרייז —

$1.98

באיס קניע פענטס

אט איז א סורפרייז! באיס קניע פענטס פיל געמאכט. דיסאלושאן פרייז —

98c

פארלאנגט 10 סיילסמענער פאר דער צייט פון דיעזען סייל. מעלדעט זיך גלייך.

& GHINASIN
FOR
GUARANTEE
…LITY STORE"
…R. WINDER ST.

...ין — צוטיילען זיך!

צום פובליקום!

אײדער איך האב איבערגענומען מײן פארטנערס שעהר און די ביזנעס, האב איך געפונען פאר פאסיג צו אפערען אינזער פערזאנגטען און-ראיעלן ספרינג און זומער סטאק פון מענ'ס און באים קלאטהינג און פורנישינג, מענ'ס, לײדיעס און קינדערישע שיך אויף פרײזען, וואס זײנען כמעט בחינם.

מיר מיינען דאס, אום אריינצופירען פארטיגע קעש פאר דיעזע ליקווידירונג און געבען אונזערע קאסטאמערס דעם בענעפיט פון דיעזער געלעגענהייט. יעדער זאך מיז אומבעדינגט פארקויפט ווערען.

יעדער ארטיקעל וועט זיין אפען אויסגעשטעלט, בײדי איהר זאלט קענען מאכען אייער אויסוואהל. מיר ווארנען אייך, איהר זאלט קומען אנגעגרייט פאר די וואנדערבארע בארגיינס, וועלכע זײנען ספעציעל צייטמעסיג און דיעזער פעריאדע פון היינטיגע הויכע פרייזען.

נייטאן שקאלניק.

...שקאלניק און גינעסין זיך צוריקגעצויגען פון דער קליידער אינדוסטריע, אריינגעהענדיג אין דער שטאל אינדוסטריע מיט ...איפמערקזאמקייט ביי דעם שטאל פלענט. דעריבער מוז ער אויפגעבען זיינע אלטע ביזנעס. דיעזע אונערוואַרטעטע ...ערשטע קלאס ספרינג און זומער וואארעס וואס מוז פערקויפט ווערען ניט קוקענדיג אויף די קאסטען און גרויסע פריז.

...יקעל געהט! עס מוז פארקויפט ווערען!

...־טער 9 אין דערפריה

...ס זאקען	באים קלאטהע העטס	מענערישע אווערא֫לס	לײדיעס זײדענע זאקען
... געמישטע ארד... אין סייל פרייז—	1 דאס פון באים קלאטה העטסה און גיטע קאלירען און שייפס, ריגאלויטאן סייל פרייז —	1 דאס פון הויכען רייד אווערא֫לס גים ביבס פולע סייז, ריגאלויטאן סייל פרייז —	1 דאס פון פיינע לײדיעס' זײדענע זאקען און שוואַרצע גרייע און אלע ביוטיס. ריגאלויטאן סייל פרייז
	39c	$1.89	$1.29

מענער העטס	מענ'ס דרעס־שוירטס
א דאס מענ'ס פעלט און קלאטה־העטס אין גרעי, בראון, בלוי, גרין און שוואַרץ שעהנע שייפס. ריגאלויטאן סייל פרייז	א דאס מענ'ס דרעס שוירטס, שעהנע פעטערנס און מאטעריאלען. קאלירען עטעטשד' און פליין. ריגאלויטאן סייל פרייז
$2.85	98c
$6.00 דעטס — $3.85	$3.00 מענס שוירטס — $1.98
$7.00 דעטס — $4.85	$4.50 מענס שוירטס — $2.65
$8.00 מענס דעטס — $5.85	$10.00 סייל שוירטס — $ .95
$9.00 מענס דעטס — $6.85	$12.00 סייל שוירטס — $8.95

מענער אונטערוועש	מענ'ס קעפס
מענ'ס צוויי־פיעס באלבריגען אנדער־וועהר, אין קרים און וויים. א בארגיין פאר 85 סענט. ריגאלויטאן סייל פרייז—	א דאס מענ'ס דרעס קעפס אין פאר־שידענע שייפס און פעטערנס. די ריגאלי־שאן סייל פרייז —
59c	69c
$1.50 יוניאן סוט — .89 ס.	$2.00 מענער קעפס — $1.45
$2.00 יוניאן סוט — $1.39	$3.00 מענער קעפס — $2.15
$3.00 יוניאן סוט — $1.89	$3.50 מענער קעפס — $2.65
$4.00 יוניאן סוט — $2.89	$4.50 מענער קעפס — $3.45

מענ'ס דרעס זאקען	מענ'ס נאז־טיכלאך
35 סענטיגע ווערטען, אין שווארץ, וויס, גרעי און ברוין. ריגאלושאן סייל פרייז —	500 דאזען מענ'ס ווייס לינען נאז־טיכלאך גוט געמאכט. פולע סייז.
15c	7c

באים שטרויענע העטס	מענ'ס יוניאן אווערא֫לס
שטרויענע העטס פאר באים, שווארץ און ברוין. ריגאלושאן סייל פרייז	רעגולאר $6.00 קהאקי, 2 פיעס אווער אלס. גוט געמאכט, פולע סייזעס —
69c	$3.69

קינדערשע סוטס	קענוועס גלאוס
ספעציעלער אויספארקויף, רעגולער ווערט $7.00. ריגאלושאן סייל פרייז	גרויסער אויסוואהל פון „רים ד טאפ" גלאוס. ריגאלושאן סייל פרייז
$2.95	15c

שיך פאר קינדער

...זיען		
פרויען־שווארצעקיד שיך — ...ר און שנירלעך — פיטען גוט. ...שאן סייל פרייז — **$4.95**	טשילדרענס סענים אקספארד—שווארצע און ווייסע—איינגע בראון—וויפּל פ'ועגען נאך דא. ריגאלײשאן סייל פרייז **69c**	עקסטרא ספעציעלער אויסוואהל פון הויכע־גרייד קינדער שיך—נומען לעדער סייזען פון 11 ביז 2 ריגאלײשאן סייל פרייז **$2.48**
נייעסטע נעדאנקען־און פרויען ספרינג־שיכונג — מרויסע סאָרטירונגען — פון אויסערגעוועהנליכע ווערטהען ריגאלושאן סייל פרייז — **$6.95**	קליינע קינדערס ווייסע סאר שיכלאך אין אלערליי קאלירען און סייזען. ריגאלײשאן סייל פרייז — **79c**	בייבי דאל פאמפס און דעם העכסטען גרייד—א מציאה פאר סייזען 8 אין א אלב ביז 11 **$2.98** סייזען 11 אין א אלב ביז 2 — **$3.48**
נייע־יבעלדטי אין ספרינג פאמפס, אי־בערגעדעקטע הילס — שווארצע און בראון, ריגאלושאן פרייז — **$7.95**	בייבי דאל בליפערס—פייטענט און ראל סייזען פון 11 ביז 2. ריגאלײשאן סייל פרייז — **$1.98**	שווארצע און בראון קיד און פעה אקס־פארד—נייעסטע סטיילס סייזען 11 אין א אלב ביז 2 סייזען 8 אין א אלב ביז 11 — **$3.29**
...ער און אנציהענדער אויסוואהל פון הויכע און ניעדעריגע שיך — אלע קאלירען — הויכע און ניעדעריגע הילס. ריגאלושאן סייל פרייז — **$8.95**	טשילדרענס און א צאהל פון שעהנע סטיילס, גוט געמאכט—סייזען פון 4 ביז 8. ריגאלײשאן סייל פרייז — **$1.98**	ספעציעל — לײדיעס — וואן—סטרעפּ — האוז — סליפערס — שווארצע— ניעדעריגע הילס. ריגאלושאן סייל פרייז — **$1.98**

SCHOLNICK FOR SATISFACTION

"THE QUAL...

HASTINGS CO...

Der Weg Publishing Co.

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן ססיים
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

זוי די דייטשע פרוי קאנקורירט

פון ב. י. ג—ן

נאך פאר דער מלחמה האט מען געהערט פון דעם קאמף וואס די פרויען אין ענגלאנד האבען אנגעפיהרט; מען האט געהערט פון זייער מיטינגען ארויס... קענען די גרויסע ווייט אין די רעגירער פון לאנד.

מען האט אויך געהערט פון דעם קאמף וואס די אמעריקאנער פרויען האבען אנגעפיהרט, אמת מארע אז די פרוי, עז אין אמעריקא האבען נישט געפאטשט קיין מיניסטארע, האבען נישט געבויעט קיין באריקאדע, זיינען נים פארשפארט געווארען אין די טורמעס, אבער זיי האבען אויך אפגעהאלטען יארמעגענדינע פארזאמלונגען; האבען אויך געגעבען פארהערען אין הארצוועטאג פארשאפט זייערע מענער און האבען באאיינפלוסט די רעגירונג.

פון די פרויען אין דייטשלאנד האט מען אבער נישט געהערט; זיי זיינען האבען זיך גאר שטיל געוועזן.

מען האט געהערט תמיד א ווייז, וואס אלין "דער נאט'ס "נעזאכטער" [illegible]

[illegible]

אין דייטשלאנד איז עס אבער מעגליך געווען נאך פאר דער מלחמה.

נאך מיט א פאר יאהר פאר דעם ... אויסבראך פון דער גרויסער מלחמה האט מען שוין אין דייטשלאנד געזעהן פרויען וואס טראגען, פרויען גראדועיטעס, פרויען קאוואליעס א. ד. ג. ארבייטען, צו וועלכע א פרוי אין די נייע יענדער וואלט זיך נישט צוגעריהרט.

*פון דער מלחמה צייט איז דאך אפגערעדט.

איצטיגע צייט זיינען די פרויען אין דייטשלאנד אנגעשטעקט ביי די שווערסטע ארבייטען. איהר געפינט דארט פרויען אין די מיינס, גראבענדיג קוילען; פרויען וואס פיהרען עקספרעס וואגענס, מילך וואגענס און אנדערע אזעלכע שווערע ארבייטען.

מ'קען זיך קיים פארשטעלען א פרוי אז "עקספרעס דרייווער", אז זאל אנלאדען און איינלאדען פולע וואגענס מיט משא, שווערע קאסטענס און שווערע זעק מיט פארשיעדענע ארטיקלען.

אדער א פרוי זאל ארויסטראגען אין אראפטראגען פון און אויבערשטע שטאקס שווערע מעבעל, פיאנאס א. ד. ג.

פיהרען א מילך וואגען איז אויך נישט אזא לייכטער דזשאב.

מען מוז אויפשטעהן פארטאג, שלעפען די אייזערנע מילך-קענס און אלע מאל אראפקריכען און ארויפקריכען אויפ'ן וואגען.

שטעהן אין א קוזניע און ארבייטען מיט א שווערען האמער און פאבען מיט דעם ביאן זאך איז אוודאי נישט אזא מאכל. און דאס מעקוויירטיקטע דערביי איז, וואס אלע געבען צו אז מי די איין געמאכטע ארבייטען צייכענט זיך די דייטשע פרוי אויס אזוי גוט, און אין מאנכע פעלע נאך בעסער, איידער דער מאן.

און אויך אזא אופן האט די שטילע, די האמפפלאזע דייטשע פרוי זיך אויסגעקעמפט אלס ביטערער קאנקורענט פון מאן, א קאנקורענט, וואס איז פיעל מעהר געפעהרליך אייך די פרוי אין אמעריקא אדער אין ענגלאנד.

היברו האספיטאל אסס'ן

[illegible]

דאס עס זאל אדווערטיזט ווערען, דורך די פרעסע, דאס קיינעם איז נים מעהר ערלויבט צו קאלעקטען געלד פאר דעם "היברו האספיטאל אסס'ן" און דעם "טיער" אין א קרעדענשעל פון די היברו האספיטאל אסס'ן, און וואו פון דעם 13טען מאי, 1920, וועט נאך מיר בעם ... [illegible]

...30טען מאי אין דעטראיט, און אינע מעמבערס זענען אויפגעפאדערט צו הור... מען אין אנשליסען זיך אין פארא.

די ארגאנישמענט קאמיטע בעריכטעט, דאס דער מאסמיטינג, וועלכער האט שטאטגעפינדען אין ... אם דינסטאג אבענד דעם 11טען מאי ...

[illegible]

א גאסט אין דעטראיט

הער לעאן בלענק מיט זיין בארימטע טרופע וועט באזוכען דעטראיט ביין פאר דריי טעג.

פרייטאג און שבת אווענט, דעם 21טען און דעם 22טען מאי; און זונטאג דעם 23טען מאי, מאטינעע און אווענט.

פאלגט נאך דעם "וועג" פאר ווייטערע אנאנסען.

א שנאר׳עריגער שבעות

וועלט בארימטע רוסישע וויאלאניסטען

צוזאמען מיט די דראמאטישע סאפראנא

וואלים פרענסים
בראסקע
מיט אנדערע קרעפטען
זונטאג אבענט
דעם 23-טען מאי

און

לייבאר ליסעאום
אידא דיווינאף
אקאמפאנירט ביי סארא דיווינאף

פאסט אייל פאר ווייטערדיגע אנאנסען.

איינלאדונג פון תלמוד תורה עבריה

ביידע אידען און שטאט פרענען אונז, וואדום מיר האבען צוריקגעצויגען די איינלאדונג, און זיך נים אנגעשלאסען מיט אלע תלמידי תורה און שטאט?

דאדום בעטען מיר אייך צו קומען היינט

זונטאג דעם 16טען מאי

אין שרייבערס האלל
הארנער הייסטינגס און ערסקין
אום 4 נאכמיטאג

דאן מיר וועלען אייך פארשטעהן די גאנצע פראגע.

אייך מאכען מיר בעקאנט, דאס מיר זענען דורכגעפירט א פעקעדוש פאר-טי. אייך וועלען מיר ראפלען א 400 ד. אידיגע פיאנא. אין איטליה איהר האט נאך נים קיין ראפעל טיקעט, קומט אין האלל, וואו מיר וועלען פארקויפען טיקעטס פאר האלב דעם פרייז פון טיקעט.

געדענקט היינט זונטאג, 16טען מאי, אום 4 נאכמיטאג, אין שרייבערס האלל

הארנער הייסטינגס און ערסקין
מיט אכטונג,
די קאמיטע.

לענדלארדס אויפמערקזאם

אייב איהר האט 6 — 8 — 10 — אדער 14 רומינע הייזער צו פארקויפען אדער צו פארדינגען (אויף א ליעס), בעטען מיר אייך איהר זאלט זיך זעהן מיט אונז. גיבער צו מאכען גוטע ביזנעס.

הערריס און לאוים

481 גראטיאט סטריט טעלעפאן טשערי 8054

די קירשבאום און קא.

בעקאנטמאכונג צו דעם אידישען שניידער טרייד

האט ערעפענט א פירסט קלאס

וואולענס און טיילארס טרימינג סטאר

אין 175 הייסטינגס, קאר. ווארען עוו.

זיי לאדען איין אלע אידישע שניידער צו בעזוכען זייער נייעם פלאץ, עס וועט זיך בעצאהלען.

אפען יעדען זונטאג פון 8 פריה ביז 9 אבענד, שבת — פון 6 ביז 9 אבענד

דעטראיט דעטראיט

אלע לאנדסלייט פון די פאלגענדע שטעדטלאך ווערען קומען זאגען א זייטיגער צו דעם שליח

פון

פינסקער ראיאנער רעליעף קאמיטע

וועלכער וועט אדרעסירען א

מאסענפערזאמלונג

היינט דעם 16טען מאי אום 1 אוהר בייטאג

אין עטינגערס האלל
עטווין נעבען בענטאן.

דער הייטער דעלעגאט

יוסף ברין

פון פינסק וועט פערזענליך אדרעסירען דעם מאסענפערזאמלונג, און וועט אייך אנגענעמע פריוואטע געלדער פיר אייערע קרובים אין די פאלגענדע שטעדטלאך:

פינסק	ראזשאן גאראדאק
פורחאטע	דאווייד גאראדאק
יעוואניק	פאהאסט זאגאראדסקי
ראדאווין	פאהאסט זארעטשי
לאהישין	דערניר
פאסיניטש	לונין
סטאשאן	הוניגען
פינקאוויטש	פאראכאנסק
יויסאקי	רובליע
פאמיפאוו	גאבריע
ליבעוויטש	העגקאוויטש
טעלעראן	טוראוו
מאטעלע	זשיטקאוויטש
דראהיטשין	פאסינטש
האמסק	ליבעשעוויטש
ליבעשיי	סערניק
סטאלין	

און נאך אנדערע שטעדטלאך אין דער געגענד.

לאנדסלייט לאזט נים דורך אזא גאלדענע געלעגענהייט צו העלפען אייערע קרובים דורך א פאראנטווארטליכען שליח.

פארשטעהער פון די אויבען דערמאנטע פאראיינען שיקט פארטרעטער צום מאסענפארזאמלונג.

שנעלע דירעקטע הילפע!

[illegible]

פארלאנגט א דרייווער

א 6 רומס הויז צו פארקויפען און האלב, מיט א גרויסען לאט אויף דער רייכארד טרעק, פרייז 2200.00 דאלאר. נאכפרעגען ס. ראזעבליט, ענדריו 301 טעלעפאן גארטוויי 5555 "ע".

אן אויפרוף צו אלע טוראווער לאנדסלייט

טוראווער, זשיטקאוויטשער און פאליעסער

זונטאג דעם 16טען מאי 2 אוהר נאכמיטאג

וועט אפגעהאלטען ווערען דער

מאססען פארזאמלונג

פאר דעם ניו יארקער דעלעגאט חיים טאלמאטש אין אונזער שוהל 152 א ליגאוו סטריט.

ביי דיזען מיטינג וועט אפגעגעבען ווערען א קלאהרער באריכט איבער אלע רעליעף אונטערנעהמונגען פון נוי יארק און דעטראיט. זוי אויך איבער דער איצטיגער לאגע פון שיקען דעלעגאטען נאך טוראוו און גאנץ פאליעס.

הערר חיים טאלמאטש וועט אייך דערצעהלען איבער דער ברענגענדער פראגע פון איבער ברענגען פאמיליען שיקען פריוואט געלדער און בריעף.

ווער עס וויל אז זיינע פריינדען און טוראוו זאלען נים פארשעהמט ווערען ווען אונזערע דעלעגאטען וועלען קומען אין טוראוו, אפגעבען פון אלעמענס גרוסע און געלד און פון אייך נים — זאל נים פארפעהלען קומען צו דיזען מיטינג.

אכטונגספאל,
די קאמיטע פון טוראווער רעליעף.

CLIP OFF AND MAIL TODAY
BARRETT & WALSH CO.
814 Penobscot Bldg.
Detroit, Mich.
Kindly furnish me with further information regarding Barrett & Walsh Co's. Harper Ave. Subdivision No. 2
Name..
Address......................................

גרויסע לאטס

(40, 45, 50 פוס ברייט)

מיט סוערס, וואסער, סייד-וואקס און שאטען בוימער. אלעס איז אריינגערעכענט אין דעם פרייז

פרייז $875 און אפ

אייך מאנכע געקליעבענע הארפער עוועניו ביזנעס לאטס.

עפענונג.

בערעט און וואלש קאמפאני'ס
814 פענאבסקאט בילדינג, 8טען פלאר

הארפער עוועניו סאבדיוויזשאן

איסט פון קאנגארס עוועניו

דער סאבדיוויזשאן איז פראנט פון קאמפא איסט סייד פון סיטי פארק. טרעפט אונזערע סיילסלייט אויפ'ן פלאץ שבת אדער זונטאג.

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, P.M.

PRICE 2c. | DETROIT, MICH., Monday, May 17th 1920 Vol. 2, No 80 | מאנטאג, מאי 17, 1920

סאוועטען ווילען באשאפען אויטאנאמע סיביר

וולאדיוואסטאק, מאי 16 — לויט א דעפּעשע פון אירקוטסק, האט די סאוועטענע רעגירונג פארגעשלאגען צווישען די יאפּאנעזער און סיבירער א נייטראלען קרייז.

אין דער ערקלערונג ווערט געזאגט, אז א נייטראלער קרייז צווישען די יאפּאנעזער און רוסישע טרופּען איז נויטיג כדי צו העלפען דעם רוסישען פאלק פעסטצושטעלען זיין עקאנאמישען לעבען. פון דעם נייטראלען קרייז, וועלכער זאל זיין ארום טשיטא, זאל באשאפען ווערען א מזרח-רוסישע אטאנאמישע טעריטאריע אין וועלכער יאפּאן זאל זיך ניט אריינמישען. יאפּאן זאל דאן זעהן ארויסצוציהען איהר מיליטער פון סיביר.

פוילען גרייט צו אונטערהאנדלען שלום?

וואשינגטאן, מאי 16 — די היגע פוילישע לעגאציע איז אינפארמירט געווארען, אז די לעצטע זיגען, וואס די פוילישע ארמיי האט אפגעהאלטען איבער די באלשעוויקעס, האבען געשטעלט פוילען אין אזא לאגע, דאס אין א קורצער צייט וועט זי זיין גרייט צו באגיין שלום אונטערהאנדלונגען מיט רוסלאנד.

„די פוילישע רעגירונג" — זאגט די דעפּעשע — „האט באוויזען איהרע פרידליכע נייגונגען אין די נאטעס און קאמוניקאציעס. דער אופן, ווי אזוי די אוקראינישע פראגע איז באהאנדעלט געווארען, באווייזט אז פוילען איז ריין פון אימפעריאליזם, אדער פון איינער וועלכע עראבערונגס-צוועקען.

גראנאדע פלאצט אויף פּאָליטישער פארזאמלונג

בערלין, מאי 16 — אן אונבאוואוסטע פערזאן האט אריינגעווארפען א האנט גראנאדע אין א האל, וואו די קלעריקאלע פארטיי האט אפגעהאלטען א פארזאמלונג צום גונסטען פון געוועזענעם וויצע-קאנצלער, מאטיאס ערצבערגער, [illegible] קאנדידאט צום רייכסטאג.

איניגע פערזאנען זענען פארוואונדעט געווארען, אבער די וואונדען זענען ניט קיין געפעהרליכע. ערצבערגער זעלבסט איז אויך לייכט פארוואונדעט געווארען.

סאציאליסטען רופען אן עבערט'ען פארדעטער

בערלין, מאי 15 — די סאציאליסטען פון יענא האבען אויף א פארזאמלונג אנגענומען א רעזאלוציע, אין וועלכער דער פרעזידענט פון דער דייטשער רעפובליק ווערט אנגערופען פארדעטער צום סאציאליזם.

די רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען, ווייל דער דייטשער פרעזידענט האט אונטערגעשריבען דעם טויטס אורטייל אויף איינעם קריסטיאן קאפ, וועלכער איז פון א קריגס געריכט פאראורטיילט געווארען צו טויט שטראף.

אלטע זקנים גט'ען זיך.

סאן פראנציסקא, מאי 15 — ט. ברעדער 84 יאהר אלט און זיין פרוי, 80 יאהר אלט האבען זיך היינט אפגעגט'ן נאכדעם ווי זיי זענען געווען 36 יאהר פארהייראט. דער אלטער האט אנגעקלאגט זיין אלטיטשקע, אז זי „איז מישוגע" פאר אנדערע מענער, און אז זי האט צוויי אנדערע געליעבטע. די אלטע פרוי, האט עס אפגעלייקענט און זי האט באשולדיגט דעם מאן אז ער שלאגט איהר אונרחמנות'דיג. דער ריכטער האט באַשלאסען זיי אפצוגט'ען.

מיטינג פון 15-ער קאמיטע פון „וועג" אסס'ן.

היינט, מאנטאג אווענט, פונקט 9 א. זייגער, וועט אין אפיס פון „וועג" פארקומען א ספעציעלע זיצונג פון דער „וועג" אסאסיאיישאן. זעהר וויכטיגעס צו פארהאנדלען.

קאראנזא'ן געלינגט צו אנטלויפען

וואשינגטאן, מאי 16 — גענעראל אברעגאן, דער פיהרער פון דער רעוואלוציע אין מעקסיקא, האט געמעלדעט באריכטען, אז קאראנזא'ן איז געלונגען צו אנטלויפען פון די רעבעלישע טרופּען, וועלכע האבען אטאקירט די געטריי געבליבענע ארמיי [illegible].

אין זיין באריכט זאגט גענעראל אברעגאן, אז קאראנזא איז מיט א קליינער וואך אנטלאפען אין די בערג, און אז ער ווערט נאכגעיאגט פון רעוואלוציאנערען.

אפיציעלע באריכטען, וואס זענען אנגעקומען אין וואשינגטאן גיבען איבער דאס קיינע גרויסע שלאכטען זענען ניט פארגעקומען זייט ס'איז [illegible] דען אפיציער פון דער רעוואלוציאנערער הויפּט קוואַרטיר.

דער באוואוסטער פראנציסקא ווילא, ווערט געמעלדעט, איז אפגעפאהרען אין שטאט דוראנגא צו איבערצייגען די ארמע ברידער, דאס זיי זאלען זיך אנשליסען אן דער רעוואלוציע.

ניו יארק הערט קאראנזא איז געפאנגען

ניו יארק, מאי 15 — א באריכט איז אנגעקומען פון לאנארעס, אז קאראנזא מיט 800 סאלדאטען האבען זיך איבערגעגעבען צו די רעוואלוציאנערע טרופּען וועלכע האבען זיי ארומגערינגעלט אין די בערג.

דיעזע אינפארמאציע האט פארעפענטליכט מאנועל דע לא פענא, וועלכער גיט זיך ארויס אז ער איז דער אמעריקאנער פארשטעהער פון דער נייער ליבעראלער רעגירונג אין מעקסיקא.

דע לא פענא האט אויך געזאגט דאס גענעראל מאנטיאנא האט זיך איבערגעגעבען צוזאמען מיט קאראנזא'ן.

נאגאלעס, אריז., מאי 16 — אלפאנזא אלמארא, קאמאנדירענדער אגענט פון די רעוואלוציאנערע רעגירונג האט היינט אפגעלייקענט די באריכטען, אז קאראנזא איז געפאנגען געווארען. ער לייקענט אפ, דאס ער האט געשיקט ידיעות צו דע לא פענא'ן וועגען ער הען נאר ניט.

באריכט וועגען שלאכט צו פארטיידיגען קאראנזא'ן

על פאזא, מאי 16 — א שלאכט איז פארגעקומען צווישען מעקסיקאנער קרייסער אונטער גענעראל פראנציסקא מאגירא און די רעבעלישע סאלדאטען אין שטאט פועבלא.

דיעזע ידיעה איז ערהאלטען געווארען פון דע לא הוערטא, הויפט קאמאנדיר פון די רעוואלוציאנערען.

גענעראל מארגויא האט זיך געגענגעשטעלט די רעוואלוציאנערען, כדי צו געבען א מעגליכקייט קאראנזא'ן צו אנטלויפען. מ'גלויבט, אז קאראנזא איז ניט געפאנגען געווארען.

באשטראפטע באנדיטען ערקלעהרען נייעם געריכט אונגעזעצליך

לואיס יקאראמבא, דער לאיער פון העררי גרינבערג און אטא סטעפאנסקי, וועלכע זענען פרייטאג פאראורטיילט געווארען פון ריכטער הייראן, צו לאנגע טערמינען טורמע פאר באראבען די קאסירען פון מיילס טעאטער, האט ערקלערט, אז דער נייער געריכט, וואס איז דורך דעם מוניציפאל קאורט רעפארם באשאפען געווארען, איז אונגעזעצליך, און אז נאר ריכטער פון רעקארדערס קאורט האבען דאס רעכט אורטיילען ארויסצוגעבען.

דער לאיער פון [illegible] פאראורטיילטע באנדיטען האט [illegible] געמאכט א פארשלאג פאר [illegible] ריכטער הייראן, דאס ער זאל זיך [illegible] ניט ריכטער, ריכטער [illegible] צוריקגעצויגען דעם פאר[illegible].

Public Library 42nd and 5th Ave.

ב. ל. קאראמבא, האט געבעטען ערקלערט, דאס ער וועט די פראגע פון דער געזעצליכקייט פון נייעם קאורט פארברענגען פאר די העכסטע געריכטען.

גרינבערג און סטעפאנסקי זענען געפונען געווארען שולדיג אויף דער קלאגע פון זיין באוואפענט בעת זיי האבען באַרויבט מיילס טעאטער. די דזשורי האט ארויסגעטראגען דעם ווערדיקט שולדיג, נאכדעם ווי זי האט זיך באראטען א קורצע צייט.

„פיפעלס רעליעף" וועט זיין פארטראטען אויף קאנפערענץ אין טשעכא סלאוואקיא

מען טעלעגראפירט אונז פון פאריז, אז אין די קרייזען פון די אידישע רעליעפציעס ווערט ערווארטעט, אז דער „פיפעלס רעליעף" פון אמעריקא וועט זיך באטייליגען אין דער אלגעמיינער רעליעף קאנפערענץ, וואס איז איינבערופען געווארען אויף דעם 26-טען יולי אין טעפּליץ (טשעכא סלאוואקיא) און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע באטייליגט זיך ניט אין דער קאנפערענץ, ווערט פון איהר האך ערווארטעט וויכטיגע רעזולטאטען.

דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע גיט 4 מיליאן מארק פאר א לייה-קאסע אין ביאליסטאק

קאפּענהאגען, — א דיסטריקט קאנפערענץ פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע מיט ארטיגע הילפס-קאמיטעטען איז אפגעהאלטען געווארען דעם 4-טען מאי אין ביאליסטאק. ביי דער קאנפערענץ זענען געווען פארטרעטער פון ביאליסטאק, גראדנא, סובאלק, סלאנים און וואלקאוויסק.

באוויצקי האט ביי דער קאנפערענץ ערקלערט, אז די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט באשטימט 4 מיליאן מארק פאר דעם דיסטריקט אויף לייה-קאסען פאר די ארימע. ווייטער איז באַשלאסען געווארען צו ארגאנזירען קינדער-קאלאניעס, פאר וועלכע די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט באוויליגט 8.000 מארק א טאג.

אוקלאנד'ס ליידיעס עקזיליערי סאסייעטי באשליסט צו נעהמען אנטייל אין גאולה-פאראד

אויף א מיטינג, וועלכער איז פארגעקומען שבת אווענט דעם 15טען מאי, אין שוּל אהבת אחים, האט די אוקלאנדער ליידיעס עקזיליערי סאסייעטי באשלאסען אנטייל צו נעהמען אין גאולה פאראד, וואס וועט פארקומען דעם קומענדען 30-טען מאי.

מיסעס לעוקינד און ל. פאליאק זענען באפאלמעכטיגט געווארען צו געבען 10 דאלאר פאר די אויסגאבען פון'ם פאראד. דאס געלט געפינט זיך אין אפיס פון „וועג".

צוקער מוז פארקויפט ווערען אונבאגרעניצט

נאכדעם, ווי אטארני דזשענעראל פאלמער, האט ערקלערט אונגעזעצליך דאס, וואס ריטייל גראסערס ווילען ניט פארקויפען זייער צוקער, סיידען מ'קויפט ביי זיי אנדערע זאכען אויך, האבען היגע, אגענטען פון יוסטיץ דעפארטמענט, באלד „זיך גענומען צו דער ארבייט" אום מיטצוטיילען די גראסערס, אז זיי מוזען אויפהערען זייער אלטע „פראקטיק" און זיי זאלען פארקויפען צוקער אונבאגרעניצט, אנים וועלען זיי אנגעקלאגט ווערען.

שבת ביינאכט זענען שוין פיעלע פירמעס אנגעזאגט געווארען וועגען דעם. מ'רעכנט, דאס ביז היינט פארנאכט וועט שוין יעדע גראסעריע ערהאלטען די נייע פארארדנונג.

שנאפס צוגע'גנב'עט פון שיקאגאער רעגירונגס סקלאדען

שיקאגא, מאי 16 — ה. י. מאגער, רעוועניו קאלעקטאר, האט געבעטען ערקלערט, אז טויזענדער גאלאנס שנאפס אין דעם ווערט פון 600,000 דאלאר, זענען צוגע'גנב'עט פון די רעגירונגס סקלאדען.

דאס וואס דער שנאפס איז פארשוואונדען, הונדערטע קלאגען פאר איבערטרעטען הונדערטע קלאגען פאר איבערטרעטען דעם פראהיבישאן אקט.

„די שנאפס-גנבה שטעלט אונז אין אן אונאנגענעמער לאגע — האט מר. מאגער געזאגט — די שנאפס האבען געדארפט דיענען אלס באווייזע געגען די אנגעקלאגטע, און איצט מיר וועלען זיי ניט צוריקקריגען, דאן וועלען מיר געוויס פארלירען אונזערע קייסעס.

דער פארשוואונדענער שנאפס איז געווען אויפגעהויבען פון דעם, וואס רעגירונגס אגענטען האבען פארכאפט צווישען דעם 22-טען אקטאבער און דעם 16-טען יאנ.

אין מארגענדיגען נומער „וועג"

אין וואס איז באשטאנען די גרויסקייט און גענאליטעט פון דעם ערשט פארשטארבענעם דראמאטישען קינסטלער דוד קעסלער?

לייענט וועגען דעם אין מארגענדיגען נומער דאס לייט-ארטיקעל געשריבען פון אונזער רעדאקטאר **ב. י. גאלדשטיין.**

די אייראפּעאישע דזשואיש וואמען אסס'ן איז צוגעטרעטען צו מאן פאקטישע ארבייט. דער רעדאקטאר פון „וועג" באשפרעכט אין מארגענדיגען נומער בקיצור די וויכטיגקייט פון זייער אויפטו.

עס איז פריהלינג און אונזער מיטארבייטער, דער יונגער דיכטער **עליאש** באשרייבט אויף א הומאריסטישען שטייגער וואס פאר א צרות ער האט געגעבען פון'ם פריהלינג.

„אז דאס ווייב איז א קינסטלערין" א [illegible]ארטיקעל אויף דער לעצטער [illegible] פון מארגענדיגען נומער „וועג" געשריבען פון **ב. י. ג-ן.**

ווי אזוי אמעריקאנער באנקירען מאכען א חשבון פון די טשעקס וואס ווערען דורך זיי געשיקט קיין אייראפא — א זעהר וויכטיגער ארטיקעל וואס דארף געלייענט ווערען פון די וואס האבען קרובים אין אייראפא.

פיעל אנדערע לעזע שטאף אין מארגענדיגען נומער „וועג".

שלום רעזאלוציע אנגענומען אין סענאט

* * *

וואשינגטאן, מאי 16 — די רעזאלוציע, וואס איז אריינגעבראכט געווארען אין'ם סענאט פון די רעפובליקאנער צו מאכען א סוף צו דעם קריגס צושטאנד צווישען די פאראייניגטע שטאטען און דייטשלאנד און עסטרייך, איז נעכטען אנגענומען געווארען מיט 43 געגען 38 שטימען.

מיט א קורצער צייט צוריק איז א ענליכע רעזאלוציע אנגענומען געווארען פונ'ם אמעריקאנעם קאנגרעס. אזוי ווי אבער צווישען דער סענאט רעזאלוציע און דער אנגענומענער רעזאלוציע פון קאנגרעס איז פארא א קליינער אונטערשייד, וועט א קאנפערענץ צווישען די בידע געזעצגעבענדע קערפערשאפטען אויסגלייכען דעם אונטערשייד.

די שלום רעזאלוציע, וואס איז איצט אנגענומען געווארען פון סענאט איז אריינגעטראגען געווארען פון סענאטאר נאקס. אין דער אריגינעלער נאקס רעזאלוציע איז געווען א זאץ, וועלכער האט געלייטעט, אז דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען איז איינגעלאדענט צו פארהאנדלען מיט די צענטראלע מעכטע א נייעם שלום-אפמאך, כדי צו באגיין קאמערציעלע און דיפלאמאטישע פארהעלטנישע. דיעזער זאץ איז, לויט פארלאנג פון סענאטאר לאדזש, פארזיצענדער פון דער סענאט קאמיטע איבער אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען אויסגעשטראכען געווארען.

סענאטאר אנדערוואוד, דער ניו-ערווערטער פיהרער פון די דעמאקראטען אין סענאט, האט אין זיין רעדע גערעדט דער רעזאלוציע געגענערט, ווארום סענאטאר לאדזש האט אייגענמעכטיג דיעזען זאץ, זאגענדיג, דאס אויב דער ווערסאיער שלום ווערט ניט ראטיפיצירט, מוז מען דאך פארהאנדלען וועגען אן אנדער שלום אפמאך.

סענאטאר נאקס, דער מחבר פון דער שלום-רעזאלוציע האט ערקלערט, דאס ער האט איינגעשטימט ארויסצונעהמען דיעזען זאץ, ווייל מיט דעם, וואס דער צושטאנד פון קריעג ווערט געענדיגט, איז עס דאן „די איינפאכע פליכט פונ'ם פרעזידענט צו פארהאנדלען מיט דייטשלאנד וועגען א נייעם שלום".

„דער צוועק פון דיעזען זאץ — האט מר. נאקס געזאגט — איז געווען צו מאכען קלארער דיעזען פאקט. אבער איך האב ניט אין זינען געהאט אריינצוציהען עס אויף דעם פרעזידענט".

סענאטאר אנדערוואוד האט דאן פארגעזעצט זיין רעדע געגען דער נאקס-רעזאלוציע, זאגענדיג, אז דער איינציגער וועג פון מאכען שלום איז דורך אן אפמאך, און אז ערקלעהרען שלום דורך א רעזאלוציע איז ניט אין איינקלאנג מיט דער אמעריקאנער קאנסטיטוציע.

סענאטאר מייערס, דעמאקראט, האט ערקלערט, אז ער שטימט געגען דער רעזאלוציע, ווייל זי לייגט ניט ארויף קיינע באשטראפונגס פונקטען אויף דייטשלאנד אדער אויף דעם געוועזענעם קייזער.

דריי דעמאקראטישע סענאטארען האבען געשטימט פאר דער רעזאלוציע. זיי זענען געווען ריעד, שיעלדס און וואלש.

דער רעפובליקאנישער סענאטאר נעלסאן האט געשטימט געגען דער רעזאלוציע.

איטאליענער ווערט דערשאסען אין מיטען גאס

נעכטען 2.30 ביינאכט, איז מייק דזשימאני, 30 יאהר אלט, דערשאסען געווארען אויפ'ן מיטען גאס. ווי מ'גיט איבער האט דזשימאני אליין שפּאצירט אויף הייווארד סט. און ווען ער איז צוגעקומען לעבען מאגראו עוו. איז צו איהם צו א יונגער איטאליענער און אויסגעשאסען אין איהם, ניט רעדענדיג מיט איהם קיין איין ווארט.

דער מערדער האט אין איהם אויסגעשאסען צוויי מאל. איין קויל האט איהם געטראפען אין דער רעכטער האנט, די צווייטע קויל האט איהם דורכגעשאסען דאס הארץ. ער איז גלייך געפאלען און ווען די שפאצירענדע זענען צו איהם צוגעגאנגען, איז ער שוין געווען טויט.

דער מערדער איז גלייך פארשוואונדען געווארען דורך אן אלעע. דעטעקטיווס פון איטאליענעם סקוואד האבען נאך ביז איצט ניט אויסגעפונען ווער דער מערדער איז געווען.

די פאליציי איז פארוואונדערט איבער די לעצטע דריי מארדען, וועלכע האבען פאסירט אין פארלויף פון דער פארגאנגענער וואך. דער ערשטער מארד איז געווען, ווען אן איטאליענער לא פארטא איז געפונען געווארען מיט אן אפגעשניטענעם קאפ. לעצטען פרייטאג איז אן איטאליענישע פרוי עמיליע יאווראן דער'הרג'עט געווארען אין איהר אייגען הויז אויף דעם שרעקליכסטען אופן. דער נעכטיגער מארד פון דזשימאני אין מיטען העלען טאג מאכט פאליציי צו גלויבען, דאס עס עקזיסטירט א מערדער גענג, און אז דער וואס האט דערשאסען דזשימאני'ן איז געווען א „מערדער אגענט" פון דיעזער גענג.

שבת שפעט אין אווענט איז לא רוסא 32 יאהר אלט, פון 280 שיין עוו. ארעסטירט געווארען אין צוזאמענהאנג מיט'ן מארד פון מיס. יאווראן. מ'זאגט דאס איידער דער מארד איז פארגעקומען האט מען איהם געזעהן דארטען.

ארגאניזאציע צו שטיצען יתומים פון מזרח גאליציען געגרינדעט אין פאריז

לאנדאן, — מען טעלעגראפירט אונז פון פאריז, אז די ארגאניזאציע וואס איז געגרינדעט געווארען צו שטיצען די יתומים פון מזרח גאליציען א דאנק דעם באזוך פון דער וויענער כלל טוערין ראזא פאמעראנץ מעלצער, האלט זיך אין פארשטארקען. דער באקאנטער כלל טוערין מרס. זשאנעט ראזענטאל איז געלונגען צו פאראינטערעסירען נייע קרעפטען אין דער דאזיגער אונטערנעהמונג.

פארלאנגט אז ארבייטער דעלעגאציע זאל אונטערזוכען ווייסען טעראר אין אונגארן

לאנדאן — דער „דיילי העראלד" פראטעסטירט היינט עדיטאריעל זעהר שטארק געגען דעם „ווייסען בוך" וואס די רעגירונג האט פארעפענטליכט וועגען דער לאגע אין אונגארן, און אין וועלכען די דארטיגע רעגירונג ווערט ריין געוואשען. די צייטונג פארלאנגט, אז די ארבייטער דעלעגאציע וואס איז נעכטען אפגעפאהרען, זאל מאכען א גרינדליכע אונטערזוכונג וועגען דעם אונגארישען ווייסען טעראר.

אויף דעטראיטער גאסען

עדווארד ליגדי, 25 יאהר אלט, איז ארעסטירט געווארען פון פאטרולמען שעפאר, אויף מאנרא סט. ביי דעם ארעסטירטען אין די קעשענעס האט מען געפינען א שטיק אייזען און א קיך מעסער. ליגדי האט געטראגען א נייע קעפּ, וועלכע האט געהאט דעם לייבעל פון א קראם אויף מאנרא, וועלכע איז לעצטען דאנערשטאג באגנב'עט געווארען. דער ארעסטירטער האט געזאגט אז ער וואוינט אין ניאגאר האטעל.

* * *

סאול בייער, 22 יאהר אלט איז ארעסטירט געווארען, ווען מ'האט ביי איהם געפינען צוויי זיידענע העמדער, וואס זענען גע'גנב'עט געווארען פון א היגער דעפארטמענט סטאר.

* * *

פאליציי זאגט, דאס ווען זי האט זיך נאכגעיאגט נאך דאי מאטאל, 26 יאהר אלט, האט ער אוועקגעווארפען א רעוואלווער. ער איז דערנאך געכאפט געווארען.

* * *

פאטרולמאן טשארלס הייל האט ארעסטירט דזשא. אסטראווסקין פון 589 לאיועט סט. זאגענדיג, דאס ער האט ביי זיך געהאלטען א רעוואלווער.

* * *

דריי באנדיטען האבען איבערפאלען העגרי האלטארפ'ען פון 255 דיקס עוו. איינער פון די באנדיטען האט איהם מיט אן אייזערנער הענטשקע געגעבען איבערן קאפ. זיי האבען ביי איהם צוגענומען 30 דאלאר.

* * *

הערי קירני, א באהן דעטעקטיוו, האט ארעסטירט צוויי באנדיטען, וועלכע האבען געמאכט א פרווו אריינצוברעכען זיך אין א באקס-קאר. איינער פון די ארעסטירטע האט אויף איהם געשאסען און איהם פארוואונדעט אין פוס. קירני איז געפאלען און די באנדיטען האבען געמאכט א „ויברח".

דער פארוואונדעטער דעטעקטיוו האט דאן אויסגעשאסען און איינעם פון זיי געטראפען. זיין חבר האט איהם אבער מיטגעשלעפט מיט זיך.

* * *

אראלף בורדי, 43 קאלומביא סט., איז ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון אנטרייבען אן אטאמאביל, וועלכער האט געפיהרט א באנדע האלד-אפּקעס.

דער האלד אפּ איז פארגעקומען דאנערשטאג אין דער גראסערי סטאר פון ראבערט פריים, 1273 פענסילווייניא עוו. די פאלגענדע באנדיטען זענען נאך לעצטען פרייטאג ארעסטירט געווארען: אנדרי גוענטער, 1657 וויינדייק עוו.; וויליאם רימשארדסאן, לייברערי פארק האטעל; און טשארלס ראבערטס, גרעשיאט האטעל.

* * *

דזשוליעס סולטשעווסקי, 7 יאהר אלט פון 447 קענפיעלד עוו. איז איבערגעפאהרען געווארען פון אן אוטאמאביל, וועלכער איז געווען אנגעפיהרט פון א. דזשיקאבס, פון 796 קריין עוו.

דאס קינד געפינט זיך אין א קריטישען צושטאנד.

* * *

נעכטען [illegible] אזייגער בייטאג איז טשארלס גארלאנד, 28 יאהר אלט, א שווארצער, געווען ביי דזשארדזש פיע אין הויז. א קריגעריי איז דארטען פארגעקומען צווישען זיי און פיע האט אויסגעשאסען אויף גארלאנד'ען. פיע איז ארעסטירט געווארען און דער פארוואונדעטער גארלאנד איז צוגענומען געווארען אין האספיטאל אין א קריטישען צושטאנד.

CLASSIFIED

צום פארקויפען א קלינינג און פרעס־ בילג סטאר, אויך ...אר דרעס־ מייקינג. ... פארלאזען די ...טארט. נאכפרעגען, קליינמאן, 81 קארדאניא עוועניו.

...ין לקידוש ולהבדלה, די בעסטע געלעגענהייט צו באקומען כשר ווין איז זיך ווענדען צו מר. שקלאר, 244 פארנסווארטה. נארטוועי 2006 ראבליו.

די פירמא
טאגערט און דושאפע

וועלכע זיינען שוין פאר יאהרען און יאהרען באקאנט אין דער דעטראיט'ער ביזנעס וועלט, זיינען יעצט די אינציגע אגענטען פאר די „האוטען נארבעדוש און אש רעספעקטיקעלס".
994 ענטוויין. טעל. נארטוועי 4194
... יעצט, ... די ... מיר ה. קלי איז אונזער ...

Real Estate

וואס האט איהר פאר $500 ... ... מיר וועלען עס קויפען שנעל. שרייבט צו 787 סט. ענטוויין, ל. ב.

וואס האט איהר פאר א בארגיין? קליינע איינצאהלונג. מיר וועלען עס גלייך קויפען. שרייבט צו 787 סט. ענטווין, ל. ב.

פארלאנגט א דרייווער פאר די ליי־ ... לאונדרי. מוז געבען 200 דאלאר סעקיורעטי. איין ריכטי־ גער מאן פאר דעם ריכטיגען דזשאב. זיך מעלדען אין 374 האסטער עוו.

הויז און לאט צו פארקויפען ביליג, 7 רומס, עלעקטריק לייט און בעטר. אויך גאז. 555 איסט אלעקזאנדרין. 17)

פארדינגען 4 רומס מיט פורניטשור אין 642 הענדרי, עוועניו, אוקלאנד מיט אלע בעקוועמליכקייטען, מיט איין טעלעפאן, העמלאק 3253 „עס". 17)

א 6 רומס הויז צו פארקויפען אין האלי, מישיגען, מיט א גרויסען לאט אויף דער ריילראוד טרעק. פרייז 2200.00 דאלאר. נאכפרעגען ב. לאזעבניק, ענדרוו 301. טעלעפאן נארטוועי 5555 „עס".

א פלעט צו פארקויפען
א זעהר שעהנע צווייפאמיליע פלעט צו פארקויפען אין 781 און 783 קלערי־ מאנט עוועניו, פארן אויך א ראבל גאראדזש. מיט אלע מאדערנע באקוועמ־ ליכקייטען, געמיירערט ווי א רעגולאר הויס.
קען פרעגען אין קלערמאנט פון 5 ביז 7 אוהר.

שעכטער'ס
דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום!
ווינדער איינער דארף וויסען, אז אייגען זיינען די אינדעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אויגענד וועלכע קאפשמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.

בי ביפאקאל צונפאסטע ברילען וועט איך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען

Frosh O. D.
אפטאמעטריסט

אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 808 הייסטינגס סט. קענען בעי עהרליך'ס דזשועלערי סטאר.

לעזט דעם „וועג"

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
...ענט איהר קויפען אלעס פון די פאל נענדע ליינס:
קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטון גודס. יפערשיערענע ענגלי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קוי־ טענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס, קאמפליט ליין און ליידיס ענ... אנדערוועהר און קארסעטס, מענער פארנישינגס און אנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!
א ... אסארטמענט און וואשען פאר־ ... און ... און קאמפ א קאמפליט ליין פון ... ... טרימינגס.

פארד קארס
און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־ קויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציין
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
... פון 427 וואודוואר־
737 אוקלאנד עוו.

דר.
ה. סטאריקאף
דענטיסט

... פראן פאר גוטע ארבייט ... באהאנדלונג ... ביליגע פרייזען.
4.. הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.
... ...
2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקטשור קא
305 גראשאם עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 „עס.

פאר סמוקעים מבינים
DURAND
האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. נור מאכט נאר פון ריינער האוואנא. ... א הוואנא. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פארערט דזש ראנד ביי אייער דיעלער.

DAVIS CIGAR MFG CO
געמאכט אין דעטראיט.

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
ר' דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

European Jewish Women Welfare Organization of Detroit

מאכט באקאנט דאס דעטראיטער פובליקום, ווי אויך און אומגעגענד, אז אלע מאנטאג אווענט, פון 7 ביז 9 אוהר, וועט אין **מגן אברהם שוהל**, 194 פארנסווארטה, זיין א ספעציעלע קאמיטע אינפארמאציעס **אפליקי־ שאנס** פון די יעניגע וועלכע ווילען אריבערברענגען זייערע קרובים פון אייראפא. ... ... פארזיכטעט זיך די ארגאניזאציע ... צו העלפען ...

די קאמיטע.

די היברו האספיטאל אסס'ן

... ... פון דעטראיט, דאס פון דעם 16טען מאי, 1920,
... ... **זאמלונג** ... ...
... ... "היברו האספיטאל אסס'ן" ... ...
... ...

... ...
היברו האספיטאל אסס'ן

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא־סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניע, יוגא־סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט. פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער דזשענעראל סטים־שיפ און געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

געלט קייזאייראפא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראפ איז דורך דער

פיפעלס רעליעף

וועלכע איז א בראנטש פון דער דזשוינט דיסט. קאמיטע.
די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.

פיפעלס רעליעף קאמיטע
490 הייסטינגס סטריט
קעדילאק, 2061

ראזענפעלד,ס
רוסישע טערקישע באד

פאר ... וועלכע ... ריינליכקייט און גוטע באהאנדלונג.

30 מארבעל וואנעס — 2 כשרה מקוואות
שאר בעטהס — פרייע קאטס אויף צום רוהען

16 פריוואט רומס פאר יעניגע וועלכע ווילען נעכטיגען.
א פראכטפולער לאנטש קאונטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקען צו יעדער צייט.
... פאר פרויען יעדען מיטוואך, מיט דער ... פון אן עקספערט מאסאזשיסטקע.

1846 אלפרעד סטריט, נ. ע. אנטאין, טעלעפאן טשערי 6190 ראבליו.

מט. קלעמענס

זייט געזונט

... ...

Elkins Hotel

100 רומס. ... ... רומס פאר 300 ... א ... ...

... ...

ניו ווילא האטעל

... ... $25 א וואך ... אלע רומס ... ...

ריווערסייד האטעל

(... ...)
מט. קלעמענס. אינגאנצען רענאווירט, עפענט זיך 1טען מאי.
150 רומס, ... רומס פאר 300. ... ...

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

אלבאני האטעל

אין מט. קלעמענס, האט א נאמען פאר די לעצטע 20 יאהר אונטער דעם ... ...
... ...
ב. מאסקאווין

אייער פארלארענע געזונט



קריגט איהר צוריק, ווען איהר זענט אין מאונט קלעמענס און סטאפט אין

גלענוואוד האטעל

קאנעקטעד מיט די בארימטע אלימי... בעדער, ... פרייזען ... ... סטאר, קאנעקטעד מיט די גלענוואוד. ... נאך אויסקינפטע צו א. מאראר־ ...

לעזט דעם „וועג"

Bricker Bros.
75 Grand River
Cherry 3718

FURS

איהר קענט איצט קויפען ספרינג פורס אויף פייר קאסט פאר פרייזען וואס ווע־ רען זיך באוועגען אין פאל סיזאן. קומט אריין און באקענט זיך מיט אונז
בריקער בראס.

רעוו. ל. ה. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(... ...)
נעהמט אן **סדור קדושין**
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע ...
511 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבליו

זיילט איהר
סיזען
... פראצ.
ביי קויפען אייער פורניטשור, ...
Standard Furniture and Store Fixture Co.
... ...
4985 ... 635 ...

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענ־ טער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט
ניט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. ראמניץ
245 מאנטקאלם סט.

וואו ביליג פאר סטאר־קי־ פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
... הייסטינגס, קאר. קאלומביא

TELEPHONE CANAL 183
VIENNA SAUSAGE MFG CO.
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דושי לעפקאווסקי און סאנס
בראהווי מארקעט

לאיער מתתיהו ליסס האט נעע... ... א בראנטש אפיס פאר די אווענ־ ... ... וועסטמינסטער סט. טעל ... ... 1928 ... ... טעל. טשערי 3978

מאשען־פיקטשור אפרייטארס
לערנט זיך פאר
... ... קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
... ... 7:30 אבענד.

... ... 204 ... ...
... 12:30 ...

באקאנטמאכונג
רעוו. א. קאצער
... ...
בעסטער
מוהל
... ... 20 יאהר
... ...
110 ... ...
827 ...

א גרויסער אויספארקויף

ביי פאגעל און מאנטאל

... ... סטאק
קרעקערי, אלומינום, גראניטווער און פענסי טשיני

אלעס, אלעס, מוז פארקויפט ווערען אין דער קורצער צייט פון היינט ביז דעם 1טען דזשולי. ... ...
... ...
מ. ב. שאפירא, 511 הייסטינגס סטריט, ביטוויו אלפרעד און ברוסטער
זאגט אייערע פריינד וועגען דעם גרויסען סייל.

איר קענט שיקען געלט
צו אייערע קרובים

דורך דער
Bank of Detroit

א. זינגער מענעדזשער
הייסטינגס סטריט בראנטש:

וואס דער „וועג" געהער זיך אן מיט אייך

„דער וועג"

איז געגרינדעט געווארען פון דעטראיט'ער אידען, פאר דע-טראיט'ער אידען.

„דער וועג" שפיגעלט אפ אלע פאסירונגען אין דער אידי-שער גאס אויף אן אומפארטייאישען אופן.

אין דער קורצער צייט זינט „דער וועג" איז אונטער דער איצטיגער רעדאקציע, זיינען אין „וועג" געדרוקט געווארען ארטיקלען, סקיצען און הומארעסקעס פון די בעסטע אידי-שע שרייבער און פעליטאניסטען.

„דער וועג" דרוקט אלע וואך ענטפערס אויף פראגען וואס האבען צו טאן מיט געריכט און געזעץ.

„דער וועג" דרוקט אלע וואך א ליסטע פון אידען אין אירא פא וואס זוכען אדער לאזען גריסען זייערע קרובים אין דע-טראיט און אומגעגענד.

„דער וועג" איז א אידישע דעטראיטער צייטונג און איהר קענט זיך נישט פארגינען זי נישט צו לעזען.

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY. INC.

347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715

J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.

B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

די קאאפעראטיוועו אין דעטראיט און אין אנדערע שטאאטען

דער אמעריקאנער נעבייערנער, אדער דער אזוי גערופענער איינגעבוי־רענער, אמעריקאנעסטער, ווייסט זיך נישט נאך קאאפעראציע.

שפריצען

הורהפלגה

די פאליטישע וואך

פון ז. ק.

ווי אזוי מען האט זיך צוטיילט

פון ב. יאשואהן

איז א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארטזעצונג)

(פופצעהנטעס קאפיטעל)

דער בארג האט א מויז געבוירען

פאר חנה'ן איז שוין קיין סוד נישט געווען, זי האט געוואוסט, אז נייטאן האט זי ליעב.

צו האט זי איהם געליעבט!

חנה איז אנגעלייגט געווען, זי האט אויך ליעב געהאט נאכצודענקען וועגען דעם, וואס זי האט געלייענט. וועגען עפעס שוין פון ראמאנען ... איהר ראמאנען האט זי איהרע בעסטע טעג און יאהרען אפגעגעבען. זי האט זיך איבערגעגעבען אלע גרויסע ערצעהלונגען, נאר ... און ראמאנען וואס זיינען געשריבען אין איהרע.

און לעבען האט זי נישט געזעהן ... פארלעבט.

פען א מחשבה — איז זי גאר אזוי פארטרונקען מיט עפעס אן אנדערע, א ביי ... געפיהל, ווי ... ווערבסטליעבע, ...גאאיזם.

אט, מערי, האט זי ליעב בין זעלבסט אויפאפפערונג.

זי — מערי'ן האט אויך ליעב. זי ווארט אבער פאר איהר נישט געקענט אזוי זיך ... זיין. זי ווארט פון איהרעט וועגען קיין ... נישט געטאן וואס מערי ... פאר איהר.

ראמאן ... און הארטע מא' מחשבות'ן ...

פריעדענגעשטעלט, איז, הייסט עס, נישט נור זי אליין פאריש, נור אלע פרויען זיינען אזוי.

קומט איהר אבער ארויף מערי אויף'ן זינען, און איהר גאנצע חקירה הויבט זיך אן מורא'דיג צו וואקלען.

אט קען דאך מערי יא ליעבען שטארק, טיעף און טריי.

זיינען דאך אלזא, נישט אלע פרויען גלייך.

...

(פארטזעצונג פאלגט)

גלעקער און מען וועט איהם נאך אפשר שטעלען א מאנומענט.

איך האב ליעב אן ענטוויאסט און האב פיינט א פארגלויבטען און דער אייגענער גארנישטקייט.

אמאליגע יאהרען האט מען צייט געהאט צו זיצען און ווארטען ביז די באריהמטהייט קומט און קלאפט אן אן טיר. היינט איז די וועלט עמפפינדליך און די דארף היבש ערשטען ארויספאהר קלאפען אן די טירען.

אויב זי טוט עס נישט באלד, ווארט נישט אויף איהר מעהר!

איך ווארט נישט.

איך ליעג און חלום א קאלטען בייזען חלום.

...

און אפשר קושט זי אליין?

* * *

די ערד האט זיך ארויסגעגליטשט.

און דו קוויקסט זיך מיט אן ארימער ליטעראטור ביי א באלעבאטיש געגרייטען טיש מיט א גלעזעל טהע.

און דו רעקלאמירסט ליעדער פון בלוט ראזע דיכטער, זיצענדיג אויף א ווייכען דיוואן מיט סאמעט באשלאגען און — דו געהסט וויזיטען פראווען צו זיי!

און ביסט גייסטיג געפאלען. און קענסט נישט אנגעהמען זיך אליין און געהן און מוטיג געהן און אזוי פארגעהן מיט העראישען פאטאס.

ווילסט לעבען —

א לעבען פון א גייסטיג געפאלענעם.

* * *

געפאלענע און — געוועזענע.

גרים'ס פיקס זעהט אינ'ם אלטען א געוועזענעם.

איך זעה איהם גאר אפט אין יונגע בחורים, אין גראציעזע ווייבער מיט שעהנע פיגורען.

פיגורען פון געבטען ... צונעפאסט ...

...

אין איין ווינקעל

...

בעסער ווי גוט.

...

ס'וועט זיך באצאהלען.

...

קאלטע מאי מחשבות

פון ב. י. גאלדשטיין

(שטימונגען)

(סוף)

...

דינסטאג איז דאלאר טאג

פון דעם

ווטען יעהרליכען סייל

$2.50 ווערט אף קורטיקרא ווייף.	$100
$3.00 ביז $7.50 ניט געטרימטע העטס.	$1.00
$2.00 ביז $3.50 וואהלפייפער ראטס.	$1.00
$3.00 א ראזען פאטאגראפיעס	$1.00 פאר 6
פרויען סוטס 50 סענטיגע און 65 סענטיגע	$1:00 3
$1.98 ... וועסטס.	$1.00 3
2.98 נעט בריזעס.	$1.00 פאר
...עגטעס, $2.58. ... 2 יארד בריים.	$1.00 פאר
אימפערעאלט $2.75 ...	$1.00 פאר
$1.58 ...	$1.00 פאר
$2.00 קארסעטס	$1.00 פאר
75 סענטיגע ... 2 יארדס	$1.00 פאר
$1.49 ברעקפעסט קלאטס.	$1.00
... ב. דרעס ...	$1.00 5 יארדס
... ב. ...	$1.00 4 פאר
... ראטיטעס ...	$1.00 12 ...
... 50 און 75 סענטיגע פרויען ...	$1.00 3 פאר
... 95 סענטיגע ...	$1.00 2 פאר
$1.50 ביז $2.00 ...	$1.00
.50 און 75 סענטיגע ...	$1.00 3 יארד
$1.50 ... עפראנס.	$1.00
$1.50 ביז $1.98 ... דרעסעס	$1.00
$3.00 ...	$1.00
... $2.00 ...	$1.00
$3.00 און $4.00 ... פאטפס.	$1.00 יא'ין פאטפס
... $1.75 ...	$1.00
$1.50 ...	$1.00
$1.50 ...	$1.00
$1.50 ... און ...	$1.00
$1.50 ... $1.69 ... דרעסעס	$1.00
$1.50 ...	$1.00 פאר
79 סענטיגע ...	$1.00 2 פאר
$1.98 ...	$1.00
$1.80 .12 ...	$1.00
$2.50 ... סעטס.	$1.00
$1.90 ... סעטס.	$1.00
$1.50 און $2.00 ...	$1.00
$1.50 און $2.00 ... דרעסעס	$1.00
$1.75 און $2.00 ...	$1.00
$1.75 ...	$1.00 6 פאר
$1.75 ...	$1.00
$2.00 ...	$1.00
$1.50 און $1.75 דרעס גודס,	$1.00 איין יארד
$1.98 ביז $3.75 ...	$1.00 א יארד
$1.69 ...	$1.00
$2.49 קארפעט ...	$1.00
69 סענטיגע סילק ...	$1.00 2½ יארד
$1.69 סילק ...	$1.00 א יארד
49 סענטיגע ... דרעס	$1.00 3 יארד
$1.50 און $1.6" וואילעס.	$1.00 א יארד
39 סענטיגע דרעס וואילעס	$1.00 6 יארדס
35 סענטיגע ... פלאנעל,	$1.00 5 יארד
75 סענטיגע ...	$1.00 3
$1.48 ביז $1.59 ...	$1.00
$1.50 און $2.00 ... סוטס	$1.00
$1.50 און $1.75 ...	1.00
$2.00 אי' $2.50 ... מענס טראוזערס	$1.00
75 סענטיגע מענס ...	$1.00 2
... אף מענס 2 ...	$1.00
25 סענטיגע ... מענס ...	$1.00 6 פאר
$1.00 ... מענס ...	$1.00 2
$1.50 און $2.00 מענס ...	$1.00
$1.50 מענס ...	$1.00
$2.00 ... מענס ...	$1.00
$2.00 ביז $4.00 מענס ... העטס.	$1.00
25 סענטיגע מענס ...	$1.00 8
$1.95 ...	$1.00
$2.25 ...	$1.00
$1.59 מענס ...	$1.00

Crowley, Milner & Co.

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

רחל לעווין

פון ב. י. ג—ן

אין דייטשלאנד האט זי געלעבט, די אידישע פרוי, וועלכע מען האט גערופען — „די קליגסטע פרוי פון דער גאנצער וועלט".

עס זיינען געווען פרויען וואס האבען מלוכות געפיהרט און עס זיינען נאך איצטער פאראן פרויען וואס טראגען קעניגליכע קרוינען; עס זיינען געווען פרויען וואס האבען פאליטיק פון לענדער געפיהרט, און באטש ניט זיצענדיג אויף טראנען, האבען זיי פונדעסטוועגען מעהר דעה געהאט אין די מלוכה ענינים ווי די קעניגע אליין; עס זיינען געווען און עס זיינען נאך איצטער דא פרויען וואס זיינען בארימט אין דער ליטעראַרישער וועלט, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע פאעטישע און ראמאנטישע ווערק און עס זיינען יעדער פאראן פרויען מעכטיגע און קלוגע וואס זיינען באוואונדערט געווארען פון זייערע באקאנטע, האבען געהאט א שם אין זייער לאנד און צומאל האט זיך זייער נאמען אויך אריבערגעריסען די גרענעצען פון זייער לאנד. אלעריי פעהיגע און בארימטע פרויען זיינען געווען און זיינען איצט אויך פאראן. זעלטען אבער, אומאפשר קיינמאל, האט זיך אין דער מאדערנער וועלט א פרוי נישט פארדיענט, אז מען זאל זי באצייכענען, אלס די קליגסטע פרוי אין דער וועלט.

אין דיעזע פרוי איז געווען רחל לעווין, וואס האט מיט א יאהר הונדערט צוריק געלעבט אין בערלין און וואס ס'האט ניט לאנג צוריק בארופט פון איהר א מאנומענט אויפגעשטעלט ווערען אויף דעם פלאץ, וואו איהר הויז איז געשטאנען.

היינריך היינע, דער געטויפטער דייטשער דיכטער, וועלכער האט ביי יעדער געלעגענהייט מיט זיין פען דורכגעשטאכען דאס דייטשע פאלק, מיט זיין בייסענדען סארקאזם דאס באזונגען, האט מיט רחל לעווין זיך באקאנט און האט תמיד פאר איהר זיין ביטער מזל אויסגערעדעהט.

ער איז א געטויפטער איד געווען. ער האט זיך אבער געטויפט ניט פאר וואָלטאג. ער האט זיין גאנץ לעבען חרטה געהאט אויף דער שמד, און וויסענדיג אז דייטשלאנד איז די אורזאכע דערפון, האט ער דערפאר דאס פארהאסט און מיט גאליגען הומאר באשריבען און באזונגען.

ווען ער האט זיין האס צו דייטשלאנד פאר רחל לעווין אויסגערעדעהט, האט זי איהם גוט פארשטאנען און האט איהם געטרייסט און האט איהם זיין ווייטאג געלינדערט.

דאס איז געווען היינריך היינע, וועלכער האט זי אין זיינע ליעדער געהייסען אלס די קליגסטע פרוי אין דער וועלט.

דער דייטשער דיכטער, גריל־פארצער, וועלכער האט פארפאסט דאס באריהמטע מייסטערווערק „סאפאה", האט וועגען רחל לעווין געשריבען, אז ער וועט אייביג פרייז האלטען אין געדאנק יענעם אבענד, ווען ער האט דאס ערשטע מאל פארבראכט אין הויז פון רחל לעווין; ער וועט שטענדיג געדענקען — האט ער ווייטער געשריבען — ווי אזוי ער איז באצויבערט געזעסען און זיך איינגעהערט אין איהרע רייד.

דער באריהמטער דיכטער האט געענדיגט זיין באשרייבונג און זיינע שבחים מיט דיעזען כאראקטעריסטישען וואָרט: — „איך פיהל, אז איין פרוי וואלט מיך געקענט גליקליך מאכען און דאס איז די אידישע רחל".

אין דער וואהנונג פון רחל לעווין פלעגען קומען ניט נאר דיכטער און פארפאסער, ניט נאר ליטעראטען און געלעהרטע נאר אויך געקרוינטע קעפ פון אייראפא, גרויסע דיפלאמאטען און מיליאנערען.

זי, רחל לעווין אליין, איז געווען הויך אין אין בערלין האט זי פארנומען צווישען די רייכע פרויען דאס אנגעזעהענסטע פלאץ.

זי איז געווען, אזוי צו זאגען, א סאלאן דאמע. אבער נישט ווי עס פארשטעהען דאס די אמעריקאנער „400". וועלכע פראווען רייכע בעלער, אויסגעלאסענע און פארשווענדערישע.

ביי איהר איז אויך נישט געווען קיין פארשלאסענע טיר פאר געוויסע ראַסען. זי האט קיין חילוקים נישט געמאכט צווישען מענש און מענש: דער גרעסטער דייטשער מיליאנער איז ביי איהר געזעסען נעבען דעם ארימסטען קינסטלער, וועלכער האט אפילו קיין דייטש שניפסער נישט געהאט; א פרינץ האט געטרונקען טעה צוזאמען מיט א רעוואלוציאנער.

צו רחל לעווין פלעגען אויך קומען אידישע געלעהרטע, אידישע יחסנים, פרומע אידען און כלל־טוער.

די לעצטע פלעגען קומען אדער אויף באראטונגען, אדער צוליעב עפעס א שתדלנות.

רחל לעווין האט אבער ניט געוואלט זיי פארגעבענען אלס דערווייליגע מענשען וואס קומען מיט א געוויסער מיסיע און האבען מיט איהר מעהר קיין שייכות נישט.

איז איינער צו איהר געקומען, איז ער ווי א גוטער גאסט אויפגענומען געווארען, און פלעגט אימיצער איין מאל מיט איהר רידען, איז ער שוין געקומען נאך אמאל.

און אט דאס טאקע איז צום באוואונדערן געווען און דאס טאקע האט איהר געמאכט דעם נאמען אלס די קליגסטע פרוי.

זי האט געוואוסט ווי אזוי צו האלטען ארעמען אין זיין ספערע.

ראכט זיך אז ביי איהר אין הויז איז געווען א מישמאש פון פארשיעדענע קלאסען מענשען און כאראקטערע, פארשיעדענע אמונות, שטאנדען און אנשויאונגען, פונדעסטוועגען האט זי אין איין און דערזעלבער צייט אלעמען באצויבערט מיט איהר חכמה, מיט איהר ארט רידען און באנעהמונג.

דאס איז געווען די קראפט פון איהר חכמה.

די צוזאמענשטעלונג פון די אלע קלאסען און אנשויאונגען איז געווען א גרויס בריה'שאפט.

און דאס מערקווירדיגסטע איז דאס וואס סיי דער אידישער למדן און סיי דער געשמד'טער פאעט; סיי דער מיליאנער און סיי דער ארימער קינסטלער; סיי דער פרינץ און סיי דער רעוואלוציאנערער שריפטשטעלער — אלע האבען זי באוואונדערט.

די דייטשע דיכטער, ראמאניסטען און דראמאטורגען האבען זי, אין זייערע שריפטען, פאראייביגט. ווען דער נארוועגישער שריפטשטעלער ה. סטעפענס איז געקומען קיין דייטשלאנד, האט ער זיך באקאנט מיט דער קלוגער רחל לעווין און ווען ער האט נאכדעם זיינע רייזע באשרייבונגען פארעפענטליכט, האט ער אן איהר נישט פארגעסען און האט איהר א באזונדער קאפיטעל געווידמעט. וואו ער האט זיינע באוואונדערונגען איבער דיזער מערקווירדיגער אידישער פרוי ארויסגעזאגט.

עס זיינען געווען צווישען איהרע באוואונדערער אויך פילאזאפען און באוואוסטע פרויען האסער און אויך זיי פלעגען אין איהר אנוועזענהייט באריידעוודיג ווערען און פלעגען פון איהר אוועקגעהן מיט אויפגעוואכטע געמיטער.

רחל לעווין האט געוואוסט ווי אזוי מיט יעדען איינעם צו רידען; זי האט געוואוסט וואס פאר א געשפרעך צו פארפיהרען מיט יעדען געלעהרטען, דיכטער און מיליאנער.

און אנדירעקט איז זי אויך געווען די ערשטע פארקעמפפערין פאר פרויען פרייהייט.

דאס זיינען טאקע געווען די דייטשע פרויען, וואס האבען די ערשטע באשלאסען ארונטערצורייסען איהר וואהנונג און דארט שטעלען איהר מאנומענט, אום צו פאראייביגען דעם אנדענקונג פון דיעזער זאנדערבארער אידישער פרוי, וואס האט מיט א הונדערט יאהר צוריק געלעבט אין דער דייטשער קרוין שטאדט, בערלין.

*) דאס דאזיגע ארטיקעל אהן די אויסבעסערונגען און צוגעגעבענע פאקטען איז שוין געווען איינמאל געדרוקט אין „וועג", נאר ווייל עס זענען אריינגעפאלען אייניגע דרוקפעהלערן, דרוקען מיר עס איצט נאכאמאל.

ווי אזוי מען האט זיך צעטיילט.

(שלוס פון זייט 4)

ריגערס און גענומען פריהען ביי די פארעס:

— פעטער מיר!

— פעטער מיר!

— ניין, פעטער, גיעב זיי ניט, זיי האבען שוין גענאט... מיר גיעב!

— מיר, פעטער, קומט דאס גרעסטע חלק, מיין חברה האט דעם גרעסטען סטעמפעל פון אלע חברה'שע סטעמפלען.

— ניט אמת, פעטער, דאס גרעסטע חלק קומט מיר! מיין חברה פארמאגט דאס גרעסטע גלעקעל פון אלע חברה'שע גלעקלעך!

— מיר, פעטער!

— מיר, פעטער!

דערזעהן אזא מהומה, איז דער אמעריקאנער איד פשוט מבולבל געווארען.

— רואיג, קינדער! — האט ער זיך אפגערופען. — דארפט איהר זיך קריגען. קומט בעסער אהער צווישען זיך און שטעלט מיר צונויף א צעטעל ווי אזוי דאס געלד זאל פאנאנדערגעטיילט ווערען, וועמען, לויט אייער מיינונג, עס קומט מעהר און וועמען ווייניגער.

האבען זיך די פארשיעדענע געבעטענע און איינגעבעטענע גבאים פון די פארשיעדענע געבעטענע און אומגעבעטענע חברות אוועקגעזעצט און צונויפגעשטעלט א צעטעל:

בית לחם.
מושב זקנים.
עזרת יתומים.
תמחוי.
לינת הצדק השניה.
תומכי ילדות עניות.
און עזרת יולדות עניות.
צו צוויי טויזענד מארק.
מתן בסתר.
לינת־הצדק השלישית.
מחזיקי תמחוי און תומכי עניים.
צו צוויי טויזענד פינף הונדערט מארק.
סומך נופלים און חסד של אמת.
תלמוד תורה שער חברה.
אגודת אחים און ת"ת פראגא.
פינף הונדערט מארק.
תלמוד תורה אהל משה.
צו טויזענד מארק.

מיט א איד, דעם אמעריקאנער איד וואס האט מחלק געווען די מתנה לויט דעם איינגעגעבענעם צעטעל, איז מיר קיין קשיא ניט. א פרעמדער, וואס ווייס ער און פון וואנען זאל ער וויסען?

פאר אים קלינגט יעדער נאמען פון יעדער חברה גלייך. א חברה איז א חברה. ווי אזוי אבער די עטליכע גבאים וועלכע האבען זיך ארום דער מתנה „גע־פארעט"? האבען אזא פיינע חלוקה געמאכט, איז באמת א חדוש. זיי ווייסען דאך יא, אז א חברה צו א חברה איז ניט גלייך, אז ניט יעדע „חברה" איז א חבר"ה!

פארוואס קומט א תומכי עניים און „מחזיקי תמחוי", וואס איטער א יום טוב און אמאל א שבת און א נאוועניע הערט מען קוים דעם נאמען זייערען צו צוויי טויזענד מיט פינף הונדערט מארק, און א „בית לחם", וועלכע איז איצט די פלייסיגסטע און ארבייטזאמסטע חברה אין ווארשא, ניט מעהר ווי צוויי טויזענד מארק?

„בית לחם" — צוויי טויזענד מארק, און א „לינת הצדק השניה" אויך צוויי טויזענד מארק, און לינת הצדק השלישית דריטהאלבען טויזענד מארק.

פארוואס עס קומט די ווארשעווער „לינת צדק'ס נעיד", איז בכלל שווער צו פארשטעהן, אז קיין דיזשורנעס צו קיין קראנקע שיקט מען שוין לאנג ניט און אומזיסטע רעצעפטען האט מען שוין לאנג אויפגעהערט צו געבען. און טאמער גיט מען יא אמאל וועמען א רעצעפט עפעס בילינג, האט מען דאך עפעס דארום אמבולאטאריומס מיט קאאפעראַטיוון, ביי וועלכע מען מאכט חילוק נאר קיין שלעכטע געשעפטען ניט.

מען וואלט אפילו די זעלבע קשיא געקענט פרעגען אויף נאך עטליכע פון די חברות וואס זיינען דערמאנט אין חלוקה־צעטעל, נאר נאך וואס אנטאן דעם אמעריקאנער איד אזוי פועל עגמת נפש?

זיין כונה איז געווים געווען צום גוטען און ניט ער איז שולדיג וואס עטליכע ראר־רעפער און אומגעבעטענע גבאים האבען אים אזא צעטעל מיט אזא בויט'ען „בלאף" אונטערגערוקט...

ניט ער, חלילה, נאר זיי, די בלאפער, זיינען שולדיג.

(מאמענט ווארשא)

א בחור אויף צרית.

ברוך: פאר וואס זוכסטו ניט קיין ארבייט, די יונגער נעקער?

...: קיינער וויל ניט נעמען א ארבייטער צו א בחור. אלע ווילען באשעפטיגען נאר פארהייראטע לייט.

ברוך: ... נעמט נאר אן א ווייב האט חתונה.

...: קיין מיידעל וויל ניט נעמען א מאן וואס איז ארן א דזשאב.

* * *

א בריעף אהיים.

אן איטאליענער וואס וואוינט אין ניו יארק און האט געדינט אין דער אמעריקאנער ארמיי, שרייבט אזא בריעף צו זיינע עלטערען אין איטאליען:

„ליעבע עלטערען!

„איך האב זיך שוין צוריק געקעהרט פון שלאכטפעלד. איך בין שוין א סיוויליען. איך האב געקראגען דריי מעדאלען. איך אליין האב אויסגע'הרג'עט אפשר 300 דייטשען. נו, געוועהנליך, אז מען האט האנז פליהען שפענער. מען האט מיר אפגענומען ביידע פיס, רעכטע האנט. נאר איך בין גליקליך, אבי מיר האבען געוואונען די מלחמה. יעצט בין איך זעהר שוואך, מיינע טעג זיינען געצעהלטע. אויב איהר ווילט מיך זעהן פאר'ן טויט, קומט צו פאהרען. אבער איהר מוזט זיך פריהער איינלערנען לעזען און שרייבען, אז ניט וועט מען אייך ניט אריינלאזען".

ווען די אונשולדיגע קינדהייט וואלט געקענט זעהן און פיהלען, וואס עס קומט פאר ווען מען שפרייזט אריבער די קינדהייט, וואלט זי קיינמאל ניט געוואלט עלטער ווערען.

א גאסט אין דעטראיט

הערר לעאן בלענק מיט זיין בארימטע טרופע וועט באזוכען דעטראיט בלויז פאר דריי טעג:—

פרייטאג און שבת אוונט, דעם 21טען און דעם 22טען מאי; און זונטאג דעם 23טען מאי, מאטינעע און אוונט.

פאלגט נאך דעם „וועג" פאר ווייטערע אנאנסען.

לענדלארדס אויפמערקזאם

אויב איהר האט 6 — 8 — 10 — אדער 14 לאטינע הייזער צו פארקויפען אדער צו פארדינגען (אויף א ליעס), בעטען מיר אייך איהר זאלט זיך זעהן מיט אונז, זיכער צו מאכען גוטע ביזנעס.

העררים און לאוים

481 ענטוין סטריט טעלעפאן טשערי 8054.

MURAD

דער טערקישער סיגארעט

מרס. פוקס האט זיך אמאל בערימט אז זי קינדערט צופיעל.

„וויפיעל קינדער ברענגסט דו אויף דער וועלט אויף אמאל? האט זי געפרעגט די לייביבע."

„בלויז איינס", האט די לייביבע געענטפערט — „אבער ס'איז א לייב!"

מוראדס קאסטען 20 סענט א באקס פון 10 — אבער זיי זיינען מוראדס!

מוראדס וואלטען געקאסט ב ליגער ווען זיי זאלען ניט ענטהאלטען קיין פולע 100% טערקישען טאבאק פון דעם פיינסטען און בעסטען וואס וואקסט — אדער ווען מיר זאלען געבען פראסטערען טערקישען טאבאק.

אבער זיי וואלטען ניט געווען קיין מוראדס, זיי וואלטען בלויז געווען פוקסען!

„אורטהיילט אליין — !"

מיר מאכען אויסשליסליך די העכסטע קלאס טערקישע און עגיפטישע סיגארעטען אין דער וועלט.

Anargyros

א שנארעדיגער שבועות

וועלט בעריהמטע רוסישע וויאלאניסטען

צוזאמען מיט די דראמאטישע סאפראנא

ווארלים פרענסים

בראסקע

מיט אנדערע קרעפטען

זונטאג אבענד

דעם 23טען מאי

אין

לייבאר ליסעאום

אידא דיווינאף

אקאמפאנירט ביי סארא דיווינאף

פאסט אויף פאר ווייטערדיגע אנאנסען.

בעקאנטמאכונג צו דעם אידישען שניידער טרייד

די קירשבאום און קא.

האט ערעפענט א פורסט קלאס

וואולענס און טיילארס טרימינג סטאר

אין 975 הייסטינגס, קאר. ווארען עוו.

זיי לאדען איין אלע אידישע שניידער צו בעזוכען זייער נייעם פלאץ. עס וועט זיך בעצאהלען.

עפען יעדען זונטאג — פון 8 פריה ביז 1 אבענד. שבת — פון 6 ביז 9 אבענד

לעזט דעם „וועג"

D&C LAKE LINES

A Vacation Trip That Satisfies

THE summertime will soon be here and with it the joys of a vacation trip. Where are you going? The Great Lakes is the mecca for particular and experienced travelers on business and pleasure trips. The D. & C. Line Steamers embody all the qualities of speed, safety and comfort, the freedom of the decks, the cool refreshing lake breezes. D. & C. a Service Guarantee.

Daily Service May 1st between Detroit and Buffalo. Leave 6:00 P. M. Arrive destination 9:00 A. M.

Daily Service April 1st between Detroit and Cleveland. Leave 11:00 P. M. Arrive destination 6:15 A. M.

MACKINAC ISLAND

Service June 14th to Sept. 11th. 3 trips per week June 14th to July 1st. July 1st to Sept. 11th, 6 trips per week.

Between Detroit and Buffalo Use Your Rail Tickets

Send 2c Stamp for Illustrated pamphlet and map of Great Lakes. Address L. G. LEWIS, G. P. A., Detroit, Mich.

DETROIT & CLEVELAND NAVIGATION CO.
A. A. SCHANTZ, President and General Manager.
J. T. McMILLAN, Vice-President.



MAY 22 1920

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 779 authorozed by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson

PRICE 2c. — DETROIT, MICH., Tueday, May 18th 1920 Vol. 2, No 81 — דינסטאג, מאי 18, 1920

סאוועטען פאנגען אן אפענסיווע געגען פאליאקען

אויף דעטראיטער גאסען

צווי באוואפענטע באנדיטען האבען געמאכט א פארזוך נעכטען 11.30 בייטאג צו בארויבען די פעניסולער סטייט באנק, אויף הארפער און היבוא עוו. אבער זייער „ארבייט" האט זיך ניט איינגעגעבען.

זיי זענען צו צו דער באנק אויף אן אטאמאביל און ארייגלויפענדיג איגעווענדיג האבען זיי גלייך אויסגעשאסען אויף דעם קאסיר. פארביינגעהער האבען דערהערט די שיסעריי און זענען אריין אין באנק, די באנדיטען האבען זיך דערשראקען און האבען אפגעצויגען, אנציעלענדיג זייערע רעוואלווערן אויף דעם אנגעזאמעלטען עולם. זיי זענען באלד אריין אין אטאמאביל און פארשוואונדען געווארען.

* * *

קאסעיברעכער האבען געכטען פריה מארגענס אויפגעבראכען די קאסע פון דער „ליבערטי קיטשען" 51 מאנראו עוו.

דער גרויסער פאראד לכבוד גאולת ארץ ישראל

די קאמיטע, וואס איז באשטימט געווארען פון דעם היגען ציוניסטישען דיסטריקט צוזאמען מיט פארטרעטער פון קאנגרעגיישאנס, לאדזשעס און סאסייעטיס האבען געהאלטען זייער צווייטען מיטינג זונטאג פארמיטאג, אין דער ציון־ביורא, 825 טשייטבער אוו קאמערס און האבען באשלאסען צו שיקען אן איינלאדונג צו אלע אידישע ארגאניזאציעס וועלכע זענען נאך ניט פארטראטען אין קאמיטע, צו שיקען פארטרעטער צו דעם נעקסטען מיטינג פון דער פאראד־קאמיטע.

דער נעקסטער מיטינג וועט זיין מיטוואך דעם 19־טען מאי, 8 אוהר אווענט, אין דעם וויילקינס סטריט תלמוד תורה.

אלע אידישע ארגאניזאציעס, צו וועלכע די צירקולארען וועלען קומען, ווערען געבעטען ארויסצושיקען תיכף און ציון־אפיס, 825 טשייטבער אוו קאמערס ביל דינג, דעם נאמען פון זייער סאסייעטי, און די נעמען און אדרעסען פון די מיטגלידער וואס ווערען באשטימט פאר דער פאראד־קאמיטע.

ביז צוואנציג ארגאניזאציעס האבען זיך שוין געמעלדעט און זיך ערקלעהרט גרייט צו באטייליגען אין דער גרויסער אידישער שמחה.

געוועזענער ענגלישער מיניסטער זאגט אידען רייצען אויף אראבער

דענמארק לעגט אפ פלאן וועגען אינטערנאציאנאלער האנדעלס קאנפערענץ

וואַרשא מעלדעט וועגען נייעם זיג

ענגלאנד שטעלט ניי־באדינגונגען צו רוסישע האנדעלס קאמיסיע

25 פראצענט אידען אין פוילען שטארבען פון טיפוס

קאלאסאלע סומען נויטיג אום צו פארמיידען או די מגפה זאל זיך אין הערבסט ניט פארגרעסערן

ניו יארק, — פון דר. פראן, דעם באקאנטען טיפוס־געלעהרטע, וועלכער איז פון דער רושאינט דיסטריביושאן קאמיטע ארויסגעשיקט געווארען צו קעמפען מיט דער טיפוס־עפידעמיע אין די מלחמה לענדער פון איראפא, האט די קאמיטע געקראגען פאלגענדע קייבעל.

ווארשא, מאי 10. — „איך בין אנגעקומען אין ווארשא און געפונען אז די טיפוס־עפידעמיע און שווינדזוכט נעהמען אוועק טויזענדע קרבנות אלס רעזולטאט פון דער פריהערדיגער שרעקליכער נויט און די איצטיגע אומשטענדען און וועלכע די אידישע באפעלקערונג לעבט. די באדינגונגען און גאנץ פוילען, באזונדערס אין דעם נייער אקופירטער טעריטאריע, זענען שרעקליך. טיפוס־פיבער איז פאראנטווארטליך פאר טויזענדער געפאלענע. אויב די באדינגונגען וועלען נישט געענדערט ווערען צום בעסערען, מוז די עפידעמיע זיך פארגרעסערן — אין הערבסט.

די שטערבליכקייט אין פוילען און דער גאנצער אקופירטער טעריטאריע איז ארום 25 פראצענט. עס פעהלט זיך א

פינסקער ראיאן מאכען פארזאמלונג גרויסער ערפאלג

דייטשלאנד מוז באצאהלען 30 ביליאן דאלאר אין גאלד

אין מארגענדיגען נומער „וועג"

שיסט אין סטרייקער אין ווערט באפרייט

ענגלישע פרעס צופרידען מיטן באשלוס

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. / JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

דוד העסלער

בעטען ווילט זיך עס נישט גלויבען — דוד העסלער געשטארבען; די קרוין פון דער אידישער דראמאטישער קונסט איז אראפגעריסען געווארען. אט ערשט האט מען איהם געזעהן, געהערט; אט ערשט האט ער נאך הונדערטער און טויזענדער אידען ארויסגעפיהרט פון זייער אלטעגליכען, וואכענדיגען הו־הא לעבען און זיי אריינגעפיהרט אין אנדערע, שעהנערע וועלטען און היינט איז טויט דער דאזיגער וואונדערבארער, באצויבערענדער קינסטלער.

עס ווילט זיך נישט גלויבען.

מען האט זיך געריכט ביי אונז אין דעטראיט אויף איהם. און אויך אין אנדערע פראווינץ־שטעדט האט מען ערווארטעט איהם צו זעהן אין גיכען.

געוועזן אידען אין דער פראווינץ האט פלעגען איהם מיט גרויס אומגעדולד ערווארטען; זיי האבען ארויסגעקוקט אויף איהם, ווייל ווער נאך, מעהר פון דוד העסלער, איז פעהיג געווען צו פארשאפען א שעה פון אמת'ן גייסטיגען פארגעניגען?

מיט דעם נאמען דוד העסלער איז פארקניפט און פארבינדען געווען די אידישע נעגיאליטעט, די אידישע קונסט.

זיינע ביטערסטע פערזענליכע שונאים, ווען זיי האבען פון דוד העסלער דעם קינסטלער גערעדט, האבען זיי מיט דעם גרעסטען דרך ארץ זיין נאמען דערמאנט.

ווארום געוואוסט האבען זיי, אז נישט נאר איז ער דער גרעסטער אידישער ביהנע־קינסטלער, נישט נאר קען ער דערוועקען ביים פובליקום די העכסטע מדרגות פון דער דראמאטישער פרייד. נאר ער קען אויך באלעבען דעם דיכטער'ס שאפונג און די טויטע העלדען פון דעם דראמאטורג אויף אזא אופן, ווי קיינער נישט א חוץ איהם.

קענט איהר זיך פארשטעלען אז אימיצער וואלט געקענט שפילען שאפען פון יעקב גארדין'ס אומגעקומפערטע שטיק „שלמה'לע שארלאטאן", ווען נישט העסלער? דאס איז דאך א טאלאנטלאזע שטיק שונד פון בילינגסטען סארט. און פינפצעהן... דעם איז דאס אריינגעפאלען צו דוד העסלער'ן, און ער האט דאס שטיק אזוי פאפולער געמאכט, אז וויפיעל מאל ער איז אין דעם שטיק אויפגעטראטען, אזוי פיעל מאל איז דאס טעאטער געפאקט געוועזן.

ווען עס קומט דער צווייטער אקט און דוד העסלער ערהעבט זיך ביז דער העכסטער מדרגה פון קונסט — אט דיזער איינער אקט איז גענוג געוועזן, אז דער עולם זאל מוחל זיין אלע פעהלערן פון דעם שטיק און אין זינען האבען דעם קינסטלער, וואס האט א לעבעדיגען אטעם אריינגעהויכט אין דער טויטקייט פון דעם שטיק.

עס זיינען געווען און עס זיינען דא קינסטלער, וואס צייכענען זיך אויס אין זייערע ראלען, אבער דיזע ראלען זיינען דאנקבארע, זיי לאזען זיך שפיעלען. די גאנצע דראמא, די סיטואציע, די האנדלונג, דער געבוי און די טעכניק פון דער דראמא איז אן אייגהייטליך גאנצע. זיי וועלען אפשר אין שוואכע ראלען ניט ווערען אויפטרעטען.

אזוי ארום האבען זיי געשטיינט אויף דעם לייטער פון זייער קאריערע ביז צו באריהמטקייט.

דוד העסלער האט אבער גענומען אט אזעלכע ראלען ווי „שלמה'לע שארלאטאן" און האט באוויזען פאר דעם אמת באגאבטען קינסטלער זיינען נישט שייך קיין שלעכטע ראלען.

מיר האבען איהם געזעהן אין נאך וואלוועלערע ראלען און תמיד האט זיך אונז געדאכט, אז דאס שפיעלט ער מיט א מין ווארענונג צו די אנדערע קינסטלער, קאלעגען: „איהר זעהט, פאר דעם אמת'ן קינסטלער זיינען נישטא קיין שלעכטע ראלען".

אין געוועזן צייטען, ווען אין א באמת גוט אין קינסטלעריש ווערק האט מען ערווארטעט זיין אויפטריט מיט אן אומרוהיגקייט,

מען איז געזעסען אין טעאטער, געוואוסט אז אט באלד דארף ער ארויסקומען אויף דער ביהנע און דאס הארץ האט געקלאפט ווי מען ערווארטעט א שטורם.

ווארים געפיהלט האט מען אז אויב ער וועט זיך אינ'ם לויף פון דער שפיעל צוזאמענטרעפען מיט די קאנפליקטען, מיט די טראגישע נסיונות און דראמאטישע צוזאמענשטויסונגען, וועט ער פריילאזען זיין שטארקע קראפט, די אלע אימפולסען און ליידענשאפטען וועלען זיך צעקאכען און וועט מאכען ציטערען דאס הארץ פון דעם צושויער.

און ער האט אויך געקענט ליידען שטיל און פרום.

און זאגט מען דאס, דערמאנט מען זיך גלייך אן הערשעלע דובראוונער.

דערמאנט זיך ווי פארשיעדען עס ליידט הערשעלע דובראוונער פון, לאמיר זאגען, יאנקעל בוילע, אדער יאנקעל שאבסאוויטש, אדער שלמה שארלאטאן. די ליידענס פון הערשעלע דובראוונער און דער דייטשער איד אין דער דראמא „הינטער מויערען" (אין אידישען הייסט די דראמא „דאס אידישע גלויבען"), זיינען דאך אזוי פארשיעדען פון די אנדערע. יעדער טיפ פרעהט זיך אנדערש, לאכט אנדערש, וויינט אנדערש און ליידט אנדערש. דוד העסלער האט פארשטאנען די אלע טיפען און יעדען טיפ ארויסגעבראכט אזוי שעהן, אזוי גאנץ און האט דורכדעם זיין פאלקאמע אנערקענונג זיך פארדיענט און זיך באליעבט געמאכט ביים אידישען עולם.

און מי יודע וויפיעל יאהרען עס וועלען פאראיבערגעהן ביז אימיצער וועט זיין אימשטאנד צו איבערצייגען דעם אידישען פובליקום, אז ער איז ווערט פאלקאמע אנערקענונג און איז זוכה צו פארנעהמען דאס פלאץ פון דעם ערשט פארשטארבענעם קינסטלער.

א גוטע טאט פון די יוראפיען דזש. ווימען אסס'ן

די יוראפיען דזשואיש ווימען אסאסייישאן איז ענדליך צוגעטראטען צו פראקטישע ארבייט. די אנזאגע וואס זאגט אז פון נעכטען אן וועט דיזער פאראיין ... האבען א קאמיטעט אין מגן אברהם שוהל, וואס וועט אויפנעהמען אפליקיישאנס פון די, וועלכע ווילען ארויסברענגען אהער זייערע פאמיליעס, אדער קרובים פון אייראפא — איז זעהר א לויבענסווערטע ארבייט. ווארים עס זיינען פאראן זעהר א סך מיטלען און וועגען ווי אזוי ארויסצונעהמען פון די גיהנם לענדער דעם שארית הפליטה; עס זיינען פאראן מיטלען און וועגען ווי אזוי יעדער איינציגער קען ארויסראטעווען זיינע חשוב'סטע פון די נסיסה־ליידען, אבער נישט אלע ווייסען ווי אזוי מען קען דאס טאן.

דער פאראיין פארדיענט אהן ספק אלעמענס דאנק וואס ער האט זיך אונטערגענומען צו אינפארמירען און אנווייזען דעם, וואס ווייס נישט, ווי אזוי ער קען זיינע קרובים, עלטערן אדער הויזגעזינד אריבערברענגען צו זיך.

ביי דער געבורט פון אן עקאנאמישער תקופה

פון לעאן זאלאטקאף

דאס אידישע ווערטעל: „וואר מען ניט געפרופט ייסורים" ... עס איז א שטיק ווייטהויקייט וואס איז באדינגעט אויף די פעהיגקייטען פון מענשען זיך איינצוריכטען אין צרות. מיר אין אמעריקא געפינען עס שווער זיך פארצושטעלען ווי אזוי מיליאנען מענשען קענען לעבען אונטער די היינטיגע עקאנאמישע צושטענדע, ווי זיי עקזיסטירען איצטער אין דעם גרעסטען טייל פון יוראפ. ווען פאר דער מלחמה וואלט איינער נביאות געזאגט, דאס מען וועט לעבען ווי מען לעבט איצטער, וואלט מען איהם אויסגעלאכט ... אין צרות ... אויף אזא אופן ... אין דער מפורסמ־דיגער אייראפא.

דער אידישער הומאריסט האט נאך א ווערטער פאר אזא מין לאגע: „א פאר שטיוועל איז שווער איידער זיי צורייסען זיך, האבען זיי זיך צוריסען אין טאג אין טראג".

יעדע גרויסע מלחמה באציהט געוועהנליך דעם סוף פון אן עקאנאמישער תקופה און דעם אנפאנג פון א צווייטער פאר די יענער וואס זענען אין דער מלחמה דורכגעגאנגען ... פאר דער דייטש־פראנצויזישער מלחמה פון 1870 האבען די פארשיעדענע מלוכות פון יוראפ זיך געהאט ספעציאליזירט אין זייערע אייגענע פראדוקטען, און באוויזען זיך ארויס צו ערהאלטען.

נאך אין 1870 האט זיך אנטוויקעלט א גאנץ נייע לאגע אין א יעדער בריטען, שטייגער, און אין אמעריקא ביז די פופציג יאהר זיינע דאמאלס האבען זיך די עקאנאמישע צושטענדע אין יוראפ געענדערט. ארום דעם ... אגריקולטור האט געאיבט אין ארין בעסערען זיך אין יוראפ גופא. דאס אמעריקאנער געהויבען פראדוקטען ... יוראפ. די גרויסע אמעריקאנער מאסען איינוואנדערער וואס זענען געקומען פון אייראפעאישע לענדער האבען אנגעהויבען ענטוויקלען אגריקולטור און אינדוסטריע אין אמעריקא. די פארמעהרונג אין אייזענבאהנען, אין אמעריקא אזוי גוט ווי אין יוראפ, האבען מעגליך געמאכט די איבערפיהרונג פון תבואה און אינדוסטריע פראדוקטען. און ווען ארום 1900 א ערך, האט זיך אנגעהויבען ווייזען א מאנגעל אין די שפייז־פראדוקטען פון דער ציוויליזירטער וועלט צוליעב דעם גרויסען צוזאמענפאל פון דער באפעלקערונג אין אלע לענדער, האבען זיך אנגעהויבען ווייזען אין יוראפ די פראדוקטען פון דער טראפישער אפריקא און א גרויסער האנדעל אין אלערליי אילם פון קערנער האט געבראכט צו די טישען פון יוראפ ביליגערע פעט־שפייזען.

דאס איז איינגענטליך די תקופה אין וועלכער אונזער דור איז ערצויגען געווארען, און אין וועלכען מיר האבען זיך איינגעוואוינט חוזק צו מאכען פון דער מיזישתורה'דיגער פאליטיש־עקאנאמישער טעאריע פון אכצעהנטע יאהרהונדערט, וועלכע מאלטוס האט ארויסגעזאגט א מורא מיט זיין טעאריע אז די מענשהייט וואקסט צו שנעל פאר די שפייז וואס די ערד גיט ארויס, און דאס עס מוז קומען א צייט פון הונגער אויב די געבורטען וועלען ניט ווערען געענגערט. דער טייפער וואס מאלטוס האט ארויסגערופען איז געווען „אין היימען" און אונזער דור, איצטער איז מעגליך, אז מיר האבען איהם ווייטער פריי געמאכט.

וואס פאר א מערקווירדיגער קאפיטעל אונזער צייט האט פארגעשטעלט אין דער עקאנאמישער ענטוויקלונג, איז די תקופה וואס איז געקומען צו אן ענד אין אויגוסט 1915. אמת מאקע, די גרויסע מאסע האבען געארבייט שווער, און דער סטאנדארד פון חיונה איז געווען פאר די ארבייטער א נידריגער. אבער עס האט זיך ארויסגעבילדעט א זעהר גרויסע מיטעלקלאסע, און די האט געקענט לעבען בהרחבה פאר א פארהעלטניסמעסיג קליינער הוצאה און געניסען אזעלכע באקוועמליכקייטען און אנגענעמען איינריכטונגען וואס די רייכסטע פון דער וועלט וואלטען זיך ניט געקענט פארשטעלען מיט א פאר יאהר הונדערט פריהער. דער איינציגער פון בעדין, פארן אריעראנדאו, האט געהאט, זאגט מען, ... נאך ליעגענדיג אין בעט, געהאלטען דעם טעלעפאן אין האנד און באשטעלען פראדוקטען ... ווי איהם האט זיך געוואלט, אין האט געמעגט ערווארטען אז זיין באשטעלט וועט איהם געבראכט ווערען צו זיין סאמע טיר.

דורך דעם זעלבען טעלעפאן האט ער אויך געקענט טאן ביזנעס און איינקויפען זיין פארמעגען אין די גאלדגרובען פון אפריקא, אין די ... פון באהו, אדער אין די אייזענבאהנען פון אמעריקא. ער האט געקענט רייזען, פאר א קליינעם פריז, איבער אלע לענדער פון יוראפ און אויך איבער אנדערע וועלטטיילען אהן אלע שוועריגקייטען, און האט זיך געקענט באדינען מיט די עובדי־כוכבים ... פון יעדער לאנד פאר אן איטבאוויטעטען פריז פון עקספעדישאן.

און דעם צושטאנד האבען מיר זיך געהאט אזוי איינגעלעבט, אז ער האט אונז אויסגעוויזען גאנץ נאטירליך, און מיר האבען זיך ניט פארגעשטעלט אז עס קען אנדערש ווערען.

אבער ביסלעכווייז און גראדעווייז האט זיך דער צושטאנד געהאלטען אין ענדערען, הגם נאר סטודענטען פון פאליטישער עקאנאמיע און סטאטיסטיקער פון די באפעלקערונגען פון דער וועלט האבען געקענט פארשטעהן וואס עס האלט אין קומען. אין פארלויף פון די 44 יאהר, פון 1870 ביז ערב מלחמה איז די באפעלקערונג פון דייטשלאנד אליין אויסגעוואקסען פון פערציג מיליאן אויף אכציג מיליאן. דער ריזיגער צוואקס איז געמאכט געווארען מעגליך דורך א גוואלדיגער איבערמאכונג פון דעם גאנצען עקאנאמישען בנין פון דייטשלאנד. פון אן ערד־ארבייטער סטייט, וואס האט זיך געקענט ערהאלטען דורך זיינע פראדוקטען ביי א באפעלקערונג פון 40 מיליאן, האט זיך דייטשלאנד פארוואנדעלט אין א מעכטיגער אינדוסטריעלער מאשין, ארבייטענדיג מיט'ן גאנצען אימפעט, אהן אויפהער, דען נאר אויף דעם אופן האט זי געקענט באוויזען צו געבען באשעפטיגונג צו דער וואקסענדער באפעלקערונג אין דער היים, און אימפארטירען שפייז פון אנדערע מדינות.

אזא העכערונג ... איז געווען פראצעס אויך פארגעקומען אין עסטרייך־אונגארן.

אין דער זעלביגער צייט איז דאס אייראפעאישע רוסלאנד אויסגעוואקסען פון הונדערט מיליאן אויף הונדערט־פופציג מיליאן.

אין דער זעלביגער צייט איז די באפעלקערונג פון יעדען אנדערען לאנד אין יוראפא געוואקסען, מיט דער אויסנאהמע פון פראנקרייך.

אין דעם פערלויף פון די עטליכע צענדליגע יאהר פון אינדוסטריעלער ענטוויקלונג זיינען די אינדוסטריען פון די פארשיעדענע אייראפעאישע לענדער אזוי צוזאמענגעוואקסען, אז זיי האבען געבילדעט א דעליקאטע מאשינערי. אינדוסטריע איז כמעט געווארען אינטערנאציאנאל. דער צווישענבייט פון פראדוקציאן איז אנגענאמען רעגעלמעסיג, און דער גאלד־סטאנדארד האט דעם האנדעלס־פארקעהר לייכטער געמאכט.

דורך די עטליכע צענדליג יאהר האט יוראפ געהאלטען אין שאפען קאפיטאל. די ארבייטער מאסען האבען געקראגען ... פאר וועניגער באצאלט אלס זייערע פארדיענסטען, און קאפיטאל האט זיך געזאמעלט אין באזיץ פון א קליינער צאהל, וועלכע האט אינוועסטעט דעם איבערפלוס אין ווייטע מדינות. און דאס האט נאך לייכטער געמאכט און פארמעהרט דעם עקספארט פון מאטעריאלען און שפייז פון ווייטע לענדער, און האט אויף דעם אופן זיכערער געמאכט דאס לעבען פון דער וואקסענדער אייראפעאישער באפעלקערונג.

עס קען זיין אז די דעליקאטע שטיק מאשינעריע וואלט פריהער אדער שפעטער סיי ווי סיי ערגיזיקוואי געפלאצט, ווען אפילו די מלחמה וואלט ניט אויסגעבראכען. אבער עס איז זעהר מעגליך אז די מלחמה גופא איז געקומען אלס דירעקטער רעזולטאט פון דעם שנעלען וואקסען פון דער באפעלקערונג אין יוראפ.

נאר וואס עס זאל ניט זיין די אורזאכע אדער די ווירקונג — דער פאקט איז, אז מיט דער אפפייערונג פון דעם ערשטען הארמאט אין אויגוסט 1914 איז די דעליקאטע שטיק מאשינעריע צוזאמענגעפאלען, און א מערקווירדיגע תקופה פון דער עקאנאמישער ענטוויקלונג פון יוראפ איז געקומען צו ענדע.

עס וועט נעהמען א האלבען דור אדער נאך מעהר איידער א פרישער סיסטעם פון פראדוקציאן און פערקעהר וועט זיך איינשטעלען; אבער אזא סיסטעם וועט זיין פונדאמענטאל פארשידען פון דעם וואס יוראפ האט דורכגעלעבט פון 1840 ביז צו דעם אויסברוך פון דער מלחמה.

אמעריקאנער חשבון

פון ג. מעלניק

איך האב אמאל געהערט ניט קיין שלעכטען וויץ: א איד א בוחר האט אנאנסירט אין צייטונג, אז ער זוכט א ביכהאלטער א גוטען בעל חשבון. עס האט זיך געמאלדען א יונגער מאן און זיך פארגעשטעלט פאר א גוטען בעל־חשבון, וואס קאן מאכען די שווערסטע רעכענונג „אויס'ן קאפ". דער בוחר האט געוואלט איבערפרובען דעם קאנדידאט און האט איהם איבערגעגעבען א „זאדאטשע".

איך האב געקויפט — האט ער איהם געזאגט — 4 ארשין סחורה אויף א אנצוג צו 3 רובל מיט 60 קאפ. פאר א ארשין; פאר צוגאטען האב איך באצאהלט 8 רובל מיט 50 קאפ. און דעם שניידער 9 רובל מיט 50 קאפ. וויפיעל האט מיר געקאסט דער גאנצער אנצוג?

— א גוטער בעל־חשבון רייסט א פאר מינוטען אנציג! האט דער יונגער מאן ניט לאנג טראכטענדיג געענטפערט.

די אמעריקאנער באנקירען זענען אהן ספק איבערגעצייגטע בעלי־חשבון און דערלאנגען אונז טאקע א פארטיגע זאך. צו וואס, באמת, זאלען די אונגליקליכע רוסיש־פוילישע „ברידער", וואס דערלעבען קוים זיך צו דערווארטען אויפ'ן טשעק פון רייכע אמעריקאנער פעטער, זיך דרעהען דעם קאפ מיט חשבונות, מיט קורסען? אט נא דיר א פארטיגען חשבון:

פאר 250 דאלאר 6075 פוילישע מארק!

מיינט ניט, אז איך דערצעהל אייך עפעס א מעשה, א פאנטאזיע, דאס איז א מעשה שהיה, א פאקט: א ביאליסטאקער איד מיט'ן נאמען ש. טיקאצקי האט דערהאלטען א ידיעה פון זיינעם א ברודער פון אמעריקא, אז 14־טען אקטאבער 1919 האט ער איהם ארויסגעשיקט טעלעגראפיש 250 דאלאר און די טעג האט ה' טיקאצקי זוכה געווען צו קריגען פון דער באנק 6075 מארק.

מילא, אז די טעלעגראפישע אנווייזונג האט זיך געשלעפט 5 חדשים איז קיין קשיה ניט: אזא טבע האבען שוין די אמעריקאנער געלד־טעלעגראמעס, אז זיי שלעפען זיך ימים־ושנים. א טעלעגראמע אז ביי אייך איז געשטארבען א קרוב, א גואל, אז אין אמעריקא, ארגענטינא, אדער עפעס וואו הינטער די הרי חושך איז פארפלייצט געווארען, אפגעברענט, איבערגעקומען א שטארם א. ז. וו. קומט אן אייך צווייטען טאג, ניט אומזיסט לעבען מיר דאך, ברוך השם, אין צוואנציגסטען יאהר־הונדערט מיט פונקען־טעלעגראמעס, מיט עדיסאן'ס ערפינדונגען, ניט אומזיסט איז דאך באקאנט, אז דאס גרויסע אמעריקא איז די רעכעריגסטע, די פלינקסטע מדינה אין דער וועלט און ווען מען וויל געבען א ביישפיעל פון שנעלקייט, זאגט מען אין דער גאנצער וועלט: אויפ'ן אמעריקאנישען אופן. דאס איז אלץ אמת אבער ביי געלד־טעלעגראמעס איז עפעס אנדערש...

און דער דערמאהנטער פאקט, וואס אנשטאט 40000 מארק האט מען אויסגעצאהלט 6075 איז ניט קיין בן־יחיד; אזעלכע פאקטען געשעהען איצט הונדערטער יעדען טאג. איך האב די טעג אין ווארשא און לאדזש זיך צוגעזעהן און אנגעהערט אין די ווארטען־לאנגע רייהען ביי די באנקען, וואס האבען צו צאהלען אמעריקאנער געלד, מעשיות פון טשעקען, וואס ווארטען שוין 7־8 חדשים אין „אגאנעק", פון רעכענונגען א־לא טיקאצקי: איך האב געהערט באנקירען נעמען אפ פון זייערע קרובים אין אמעריקא דאלארס און צאהלען דא אויס אין פוילישע מארקען אהן א שום חשבון און עס איז נאר קיין עצה נישא צו דער אמעריקאנער מכה!

מיליאנען און אפשר מיליארדען ווערען איצט איבערגעשיקט פון אמעריקא קיין פוילען, אבער צו די מקבלים קומט אן נאר א גאנץ קליינער חלק און די רייסט מטבע פאלט ארויין צו די אמעריקאנער „בעלי־טובות" און די קעשענעס.

קאמיסיעס אויף קאמיסיעס רייזען פון אמעריקא צו אונז נאכפארשען די לאגע פון דער ארימער אידישער באפעלקערונג און פעסטשטעלען וויפיעל וואגאנעס מעהל אויף מצות איז נויטיג צו שיקען. גלויבט מיר, ליעבע אמעריקאנער באנקירען, אז ניט פון ווייצען־מעהל נאר מצות פון גאלד, פון זהב טהור קאן מען מאכען פאר דער ארימער אידיש־פוילישער באפעלקערונג פון אייערע הונדערט דיפערענצען און פון די צינזען פון די הונדערטער מיליאנען ניט אויסגעצאהלטע געלדער.

אנשטאט אייערע קאמיסיעס צו אונז ערלויבט אונז שיקען א קאמיסיע צו אייך אויף צו קאנטראלירען די געלד־ווענדונגען, וועלען אייערע קאמיסיעס ביי אונז האבען א סך ווייניגער ארבייט!

א ביסעלע רחמים, אמעריקאנער באנקירען, מיט די ארימע פויליש־אידישע „ברידער"!

(„ווארשער טאגעבלאט")

אמעריקא מיליטעריש

דער קאנגרעס האט די טעג אנגענומען און אפגעשיקט צום סענאט דעם אפראפריאציאנס־ביל פאר דער ארמעע, וועלכער באשטימט 377 מיליאן דאלאר אויף אויסצוהאלטען א שטענדיגע ארמעע אין אמעריקא, וואס זאל דורכשניטליך באשטעהן פון 175 טויזענד מאן.

געגען דעם איצטיגען באשטאנד פון דער ארמעע גיט די סטאטיסטישע אפטיילונג פון דעם אמעריקאנעם דזשענעראל סטעף אן די צאהל פון אן ערך 225,537 מאן, מיט דער אויסנאהמע פון נוירסעס און קלוירקס. פון דער אנגעגעבענער צאהל געפינען זיך 171,038 אין די פאראייניגטע שטאאטען. דער אפיצערען קלאס איז דעם 13טען אפריל באשטאנען פון 16,744 מאן און 3,340 פון די זענען אפיצערען פון דער רעגולאר

פריהלינג

(פעליטאן)

פון עליאש

ס'איז פריהלינג
נו, זיבער!
וואס דען זאל
איצט זיין?

עס באדט זיך
דער דרויסען
אין כוואליעס
פון שיין.

ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג.
עס זשומט מיר
א ביהנגעל
אין אויער:
זשו־זשו!

ארויס שנעל
פון בעטעל,
געטנג דיר
די רוה —
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג.
ס'איז פריהלינג.

מיין אלטע
באלבאסטע
קעהרט פרעהליך
דאס הויז,
אט לאפט זי
א טענצער
און ציקעלט
ארויס:
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג.

דער פאסטמאן
דערלאנגט מיר
זעקס בריוועלעך
און לאכט:
פון מיידלעך?
ס'איז פריהלינג,
די ליעבע דערוואכט.
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג.

עס טרעפט מיך
דער קרעמער
און גיט מיר
א זאג:
גוט מארגען!
נו, איז נישט
א פרעכטיגער
טאג?
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג.

דער הויכער
פאליסמאן
באגריסט מיך,
מיט שפאס:
עס איז דאך
א תענוג
צו שטעהן היינט
אין גאס —
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג.
א פויגען

פון אויבען
„באפויגעלט"
מיין הוט,
און ס'איז דאן
אויף זיכער:
ס'איז פריהלינג,
ס'איז גוט.
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג.

מיר קומט'אן
דער קצב
דער דיקער,
צו געהן.
ער פרייכט אויש
און דעכעט:
א מבין
ווי שעהן?
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג.

איך קויף זיך
א צייטונג
און עפען
זי אויף,
עס זינגט דארט
א דיכטער,
א סטראף נאך
א סטראף:
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג.

איך שטעל אפ
א דראשקע:
„אהין און
אהין!"
עס ענטפערט
דער קוטשער:
ווי שעהן ס'איז,
ווי גרין! —
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג.

ארוין אין
רעדאקציע,
איך הער א
געוואלד:
„הער עליאש,
מיר דארפען
א פריהלינגס־
ליעד באלד."
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג,
ס'איז פריהלינג.

איך לייג זיך
א קאלטען
קאמפרעס צו
צום קאפ:
וואס נודניען
זיי מיך — אוי! —
מיט פריהלינג —
לאזט אפ!
אוי, פריהלינג!
אוי, פריהלינג!
אוי, פריהלינג!

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארטזעצונג)

ווכט אין זיכט און קען און קיין שום וועלט זיך נישט אפשטעלען.

אט למשל האט זי אין א סך ווערק באר׳ מערקט ווי מען מאהלט די פרוי אלס א לייד ענשאפטליכעס וועזען.

אין די אלטע ספרים האט זי אפילו אויך באגעגענט שטעלען, וואו מען רעדט פון דער תאוה פון דער פרוי אלס א זי׳ בעדיגע זאך.

אבער אויך ריזעזע געפיהל איז איהר פרעמד און ווייט. ווייטער נאך איידער דער געפיהל פון ליעבע.

זי וועט ווי נייטאן הלום איז אלר אמאר מיט אויבע ושענע בריהען. עס מיט איהר הנאה בעת מלשה. זי פאר־ שטעהט און פיהרט זיינע געפיהלען. זי ערט ווי ער עסט זיך און מיט זיינע אויגען אין איהר ווייסען האלז. און איהרע ווייסע הייעבינע פרעצ ארמס... עס מיט איהר אמאר הנאה. מערערע מאר אבער אאם עס זי. עס אאם זי דער־ פאר ארויז. וואס זי האט נישט אזא באר־ געהל צו הויען אויף איהם מיט אזעלכע בליקען.

ניין. איז ער א שעהנער בחור. וועהר א שעהנער בחור. זי האט ליעב צו קוקען אויף זיין מאטעס, שווארץ חן׳עווידיגען פנים מיט די שרפ׳ענדינע שווארצע אוי־ גען. ווען זי אויף איהם ווי אן אנדערער וואלט געקוקט אויף א קינד א שעהנעס אין א חן׳עווידיגע.

אז עס פארגיבט זיך איהר, שעהמט זי זיך נאכדעם און נערט צו צ׳ן איהם אין

ניט איהם א גלעט איבער די מאטעווע באקען. אין ווען זי וואלט נור וויסען, אז ער וועט זי נישט חושד זיין אין ליעבע, וואלט זי איהם גאר געקושט. געקושט אט ווי מען קושט א קינד.

לוידענשאפט; תאוה — ניין, זי פיהלט ניט דעם עול, ניט דעם תענוג פון׳ם דאר זיגען געפיהל.

עס וואלט זי נישט ארען ווען נייטאן זאל זי אויף קושען, זאל זי אויך גלעטען. זי האט אבער מורא, אז ער וועט דאס אננעהמען פאר א סימן פון ליעבע און ערים טוט עס איהר הנאה וואס ער־ וואנט נישט אנצורוהרען זי.

ליעבע, ווייס זי, איז א געפיהל א ברענ־ נער און א פארברענענדער. אט רעהט ערטער נייטאן גארנישט אלע איהרע חסרונות, ליעבע זיינע, הויבט זיך אזוי בורט. און אפילו די חסרונות, וואס ער ערט יא, נעהמט ער נישט אין אכט.

זי אבער זעהט זיינע חסרונות און ערהט זיי און פארגעסט זיי נישט.

זי ווייס אז ער איז א מאניאק. ער האט זיך איינגערעדט אז ער איז א שרייבער און אט די ווייטער שרייבעריי האט איהם נישט צוהיטען צו א ציהר און לעבען, א מאטעריעלען ציהר.

וואלט זי פאר איהם געזעהן א מאטע־ ריעלע צוקונפט, וואלט דאס איהר אפשר געשטיפט צו טראכטען וועגען איהם, ווי וועגען א גוטען שידוך. אט ווי אמאל האבען די עלטערן מיט אפענע בריהען געהערט בריה אויף דעם יחוס און אויף דער מאטעריעלער צוקונפט פון דעם פאארט.

זי נאט זיך נישט, חנה, זי ווייס אז זי פארמאגט צוויי מעלות מיט וועלכע זי נעהמט זיך איבער איהר יחוס און איהר שעהנהייט.

דער טאטע איידער, דער רבי, וועלכער ריעגט ערנעט איז א הויך שטעטעדי־ גען בית עלמין און ביי איהר ועהר חשוב. דער יחוס שפילט ביי איהר א גרויסע רולע. זי גלויבט נישט אז יענע שרייבער וואס מאכען צוניקט דעם יחוס. ווען זי ערט אז אן אמעריקאנער מיליאנערישע האט זיך איינגעקויפט אין יחוס צו עפעס אן אייראפעישען באראן, ארער גראף, זי איז איהר איהם ועהר גרויט. די אידישע מיליאנערן זאגט זי גאנץ אפט — וואלטען אויך באר קויפט דאס איינגע טאן, א מיטען־ארי־ ענט א מאבטער — זאגט זי — איז ערערע, צארטער און טאקע א סך שעה־ נער איידער די טאכטער פון אן אמערי־ קאנער אליינטנות.

אין איהר שעהנהייט — נו, דאס איז דאך אוודאי א מעלה. רייעגט זי דאך ווי מענער יאנערוינקאנדישעקייט.

מיט אט די צוויי מעלות — פאנטא־ זירט חנה — מוז זי איהרע אנדערע חסרונות פארדעקען און פארגילטען. זי קען נישט און וויל נישט ארבייטען. נעה־ מען אזא מאן ווי נייטאן און ווערען א קעבין, א דייענסט, און אס, און א בעלע־ באסטע — דאס וועט זי קיינמאל נישט טאן.

ער וועט געבען שטונדען, פארדיענען וואסער אויף קאשע, וועט זיצען און שרייבען זיינע מעשיות און וועט זי גליק־ ליך מאכען מיט דעם. — דאס נישט!

איינס פון די ביידע: אדער ער זאל זיין א באגאבטער מענש, און אמת׳ער טא־ לאנט, אדער זאל זיין פשוט א גוטער פארדינער, פארזיכערט מיט א גוטער צו־ קונפט. ווען ער זאל באזיצען איינע פון די צוויי מעלות, וואלט ער פאר איהר געווען אן איבערצייגענטער פלאן.

אזוי ווי ער איז א שעהנער בחור, און ערערער, און אינטעליגענטער. ס׳דא מיט וועמען א ווארט צו רייען. און דערצו איז ער נאך א פארזארגטער מיט א פרנסה, אדער א מענש מיט איינגעבוי־ רענעם טאלאנט, און ליעב האט ער זי אויך, וואלט זיך געהיינט איבערצוריידען מיט מיס׳ען וועגען דעם.

אט אזוי האט חנה נאכגעטראכט און נאכגערעכנט וועגען איהרע באציהונגען צו נייטאן׳ען.

זי האט איינגעזעהן, אז צווישען איהר און נייטאן׳ען מוזען די באציהונגען אי־ בערשניטען ווערען.

זי האט איהם ערנסט און אופריכטיג געגעבען אנציהערען, אז ער וואלט באר־ דארפט איינרעדען זיין שרייבעריי און בעסער לערנען פון א תכלית. זי ווייס דאך אז ער קען ניט ענגליש, טא וואדום זאל ער זיך נישט לערנען עפעס א פראָ־ פעסיע?

זי האט דאס איהם געזאגט, ווייל זי האט געמיינט אז ער וועט זי פאלגען און ערנסט וואלט זי אפשר זיך איבערגע־ בעטן, אז ער איז פאר איהר א גוטער שידוך. אמת טאקע זי האט איהם נישט ליעב, אבער עס איז דאך איהר אנגע־ נעהם זיין אנוועזענהייט. ער איז דאך א שעהנער בחור און און אינטעליגענטער נישט־אין נחת רוח. אפשר וואלט זי איהם מיט דער צייט ליעב באקומען און אפשר וועט זי שוין גאר קיינמאל אין קיינעם נישט ליעבען בעסער און שטאר־ קער.

(פארטזעצונג פאלגט)

מט. קלעמענס

זייט געזונט



אין פארברענגט אייער זומער וואקיי־ שאן אין מאונט קלעמענס, און אז שוין אין מאונט קלעמענס וועט איהר סטאפען אין

Elkins Hotel

100 רומס, דיינינג רום פאר 300 לייט. א רפואה פאר קראנקע, א פאר־ גניגען פאר געזונטע.

ס׳ניט נעדרונגען אז איהר מוזט האר בען טויזענדער צו זיין אין מט. קלע־ מענס

ניו ווילא האטעל

וועט אייך רעכענען $25 א וואך און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס קאנעקטעד מיט א פעסערזש צו די פלאזא בעדער. שרייבט נאך איינצעל־ הייטען צום פראפראיעטאר ה. קראוז.

ריווערסייד האטעל

(נעוועזענער פארק ענעקס)

מט. קלעמענס, איגנאצען רעמאר־ דעלירט, עפענט זיך 1טען מאי.

150 רומס, דיינינג רום פאר 300. דאס אידעלסטע פלאץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע. שרייבט נאך איינצעלהיי־ טען.

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

אלבאני האטעל

אין מט. קלעמענס, האט א נאמען פאר די לעצטע 20 יאהר אונטער דעם זעל־ בען מענעדזשמענט.

מיר בעטען אונזערע קאסטימער און פריינד צו קומען באצייטענס איידער דער סעזאן איז אין פולען גאנג, כדי מיר זאלען זיי קענען געבען בעסערע בא־ האנדלונג. שרייבט צו

ב. מאסקאוויץ

אייער פארלארענע געזונט

קריגט איהר צוריק, ווען איהר זענט אין מאונט קלעמענס און סטאפט אין

גלענוואוד האטעל

קאנעקטעד מיט די באריהמטע אלימ־ פיא בעדער. שעהן, ליכטיג, לופטיג. פרישע שפייזען, מעסיגע פרייזען. א ספעשעל לאונטש און דעליקאטעסען סטאר, קאנעקטעד מיט די גלענוואוד. שרייבט נאך אויסקינפטע צו א. מאדאר־ סקי.

לעזט דעם "וועג"

Bricker Bros
75 Grand River
Cherry 3718

FURS

איהר קענט איצט קויפען ספרינג פוירס אויך פויר קאוטס פאר פרייזען וואס וועט לען זיך דאבלען אין פאל סיזאן. קומט אריין און באקענט זיך מיט אונז

בריקער בראס.

רעוו. ל. ה. רייכלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוסלאנר)

נעהמט אן **סדור קדושין**

און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עופרידענהייט.

511 **קעמערא"ן עוועניו**

טעל. העמלאק 1130 ראנדאלף



זוילט איהר סייווען 30 פראצ.?

ביי קויפען אייער פורניטשור, סטאוו־ ראנס, בעדינגס, פאנאגראפס און לעמפס

— דאן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעם וואס איהר דארפט פאר אייער הויז

קעש אדער קרעדיט

638 גרעשיאט עוו. — מעלראוז 4985

נוצט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענ־ טער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט

ניט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלסט.

ווארע ביליג פאר סטאר־קי־ פערס און פעדלערס

ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס

מאקס ראזינסקי

353־355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

VIENNA SAUSAGE MFG. CO.
TELEPHONE CANAL 192
CELEBRATED VIENNA PURE Hygeia Beef Sausages
U. S. INSPECTION ESTABLISHMENT NO.
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דושיי לעפקאווסקי און סאנס
בראדווי מארקעט

לאיער מתתיהו ליסס האט גע־ פענט א ברענטש אפיס פאר די אווענ־ רען אין 325 וועסטמינסטער סט. טעל. העמלאק 5233 דאבליו דאן טאון אפיס. 928 טשעמבער אף קאמערס בלדג. סטיט און גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978

מאושען־פיקטשור אפערייטארס

לערענט זיך פאר לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־ דען, גוטע וויידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.

Movie Operator's School
33 Sproat St

מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

גיט אייערע קינדער א מאדערנע אידי־ שע ערציהונג. שיקט זיי אין דער מענ־ דעלע פאלקס שולע 204 איסט הענ־ קאק. עס ווערען געעפענט נייע קלא־ סען פאר אנפאנגערס, אויך שולער פיר די העבערע קלאסען, אין שולע לע־ רענט מען אידיש העבראאיש. געשיכ־ טע און לענגוועדזש. די שולע איז אפען יעדען טאג פון 4 ביז 7 זונטאג פון 9 ביז 12.30.

— באקאנטמאכונג —
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר׳ן
בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געמופט פון 263 פארקוואוד אין 140 מערטירס, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

א גרויסער אויספארקויף

סייל פאנגט אן מאנטאג

איך מאך באקאנט צום געעהרטען פובליקום פון דעטראיט דאס איך מוז אויספארקויפען מיין גאנצען סטאק

קרעקערי, אלומינום, גראניטווער און פענסי טשיינע

אלעס, אלעס, מוז פארקויפט ווערען אין דער קורצער צייט פון הייגט ביז דעם 1טען דזשולי. מיין ליסס נעהמט אויס און מיין געזונט ערלויבט מיר ניט מעהר צו שטעהן אין ביזנעס, דערום מוז אלעס פארקויפט ווערען צו די ביליגסטע פרייזען.

קומט וואס שנעלער פאר די בארגיינס. אלעס ווערט פארקויפט פאר א האלב פרייז.

מ. ב. שאפירא, 511 הייסטינגס סטריט, ביטווין אלפרעד און ברוסטער זאגט. אייערע פריינד וועגען דעם גרויסען סייל.

איר קענט שיקען געלט צו אייערע קרובים

דורך דער

Bank of Detroit

א. זיגלער מענעדזשער
הייסטינגס סטריט ברענטש:

געלט קיין אייראפא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראפ איז דורך דער

פיפעלס רעליעף

וועלכע איז א ברענטש פון דער דזשוינט דיסט. קאמיטע.

די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.

פיפעלס רעליעף קאמיטע

490 הייסטינגס סטריט

קעדילאק 2061

ראזענפעלד׳ס
רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע באהאנדלונג.

30 **מארבעל וואנעס** — 2 **כשרה מקוואות**

שאור בעטהס — פרייע קאטס אויף צום רוהען

16 פריוואט רומס פאר יענינע וועלכע װילען נעכטיגען.

א פראכטפולער לאנטש קאנטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקע צו יעדער צייט.

שווים פאר פרויען יעדען מיטוואך, מיט דער מיטווירקונג פון אן עקספערט מאסאזשיסטקע.

1846 אלפרעד סטריט, ניער אנטאון, טעלעפאן: טשערי 6190 דאבליו.

אלעקסאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציינער
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט

געמופט פון 427 וואודוואָרד
737 אוקלאנד עוו.

דר.
ה. סטאריקאפ
דענטיסט

דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.

490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אייסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאונטארס, שעלוועס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע. פרייזען מעסיגע. ארענדזשמענט בעהאנדלונג. 2 סטארס.

רעלייבל סטאר פיקסטשור קא

306 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

פאר סמוקערס מבינים

DURAND

האט א 25 יאהריגע רעפוטאציע. גע־ מאכט נאר פון ריינער האוואנא. פרובירט היינט א דוראנד. איהר וועט קיין חרטה ניט האבען. פאדערט דור־ ראנד ביי אייער דיעלער.

DAVIS CIGAR MFG CO

געמאכט אין דעטראיט.

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קדושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן מעין 4420

CLASSIFIED

צום פארקויפען א קליינע און פרע־ סיגע סטאר, אויך גוט פאר דרעס־ מייקינג. אורזאכע: מוז פארלאזען די שטאדט. נאכפרעגט, קליינמאן, 81 קארדאניא עוועניו.

יין לקידוש ולהבדלה, די בעסטע געלעגענהייט צו באקומען כשר וויין איז זיך ווענדען צו מר. שקלאר, 244 פארנסווארטה. נארטוועי 2006 ראנדאלף.

די פירמא

טאגערט און דושאפע

וועלכע זענען שוין פאר יאהרען און יאהרען באקאנט אין דער דעטראיט׳ער ביזנעס וועלט, זענען יעצט די איינציגע אגענטען פאר די "האוטען נארבערוש און איש רעספעקטעלס".

994 ענטווין. טעל. נארטוועי 4194 אדרעס יעצט, איידער די באארד און העלטה וועט אייך צווינגען. מר ה. קלי איז אינער פיילס מענעדזשער.

פארלאנגט א דרייווער פאר די ליי־ בערטי וועט וואש לאונדרי. מוז געבען 200 דאלאר סעקיוריטי. א ריכטי־ גער מאן פאר דעם ריכטיגען דזשאב. זיך מעלדען אין 374 קאסטער עוו.

קאפלאן׳ס בארגיין סטאר

483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאל־ גענדע ליינס:

קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשידענע ענגס ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קויר טענס; טייבעל קאווערס; שעטס און קאזערס. קאמפליט ליין אין לידיס פענ־ סי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אנדערוועהר.

ספעשעל! — ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און ביייס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס־ מייקערס טרימינגס.

פארד קארס
און אנדערע קארס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר־ קויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

לעזט דעם "וועג"

שעכטער׳ס
דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.

טעלעפאן, טשערי 5763

פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט

צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפשמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך ארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען.

בי ביטמיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען

Frosh O. D.
אפטאמעטריסט

אין 204 קלינג׳ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קענעקט בע עהרליך׳ס דזשועלרי סטאר.

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

ערשיינט יעדען פריהמאָרגען אויסער שבת, דורך דער

וועג פּאַבלישינג קאָמפּאַני, אינקאָרפּאָריישעד

אָפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראָיט, מיש. טעלעפאָן: מעין 3715.

ווען דאָס ווייב איז אַ קינסטלערין

פון ב. י. ג—ן

דער העכסטער דאָקטאָר־באַאַמטער פון דער באָארד אָף העלטה אין זיד קאראָלינא האָט געמוזט מאַכען ביי זיך אין דער פאַמיליע אַזאַ אָפּעראַציע צו וועלכער ער איז נישט נאָר נישט צוגעגרייט געווען, נאָר אויך אומפעהיג.

נישט איין מאָן קומט אויס אַמאָל אַזאַ אָפּעראַציע צו מאַכען און ווען עס געלינגט איהם נישט, ווען ער מאַכט די אָפּעראַציע פאַרטאַטשיט, איז עס אפשר איהם נישט צו באַשולדיגען. איז ער דאָך נישט מעהר ווי אַ פּראָסטער בשר ודם, אַ געוועהנליכער שטערבליכער. אָבער אַ דאָקטאָר — פון איהם וואָלט מען געמעגט עטוואָס מעהר ערוואַרטען.

די אָפּעראַציאָן איז אָט אין וואָס באַשטאַנען:

זייענדיג אויף אַ רייזע אין ניו יאָרק מיט פיער יאָהר צוריק, האָט זיך דער דאָקטאָר באַקאַנט מיט אַ מיידעל פון אַ פיינער משפחה, מיט אַ נישקשה'דיגען נדן און האָט אין אַ פּאָר חדשים אַרום חתונה געהאַט מיט איהר.

נאָך דער חתונה איז ער צוריקגעפאָהרען נאָך סאוטה קאראָלינא, האָט דאָרטען צוגעגרייט אַ שעהנע וואוינונג און נאָכדעם אַריבערגעבראַכט זיין ניי ווייבעל.

נאָך אַזאַ בייזער איילעניש איז זיך ליכט מישער צו זיין, אַז נאָר אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך דער דאָקטאָר אַרומגעזעהן, אַז פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. זיין ווייבעל — איז ער געוואָויר געוואָרען — האָט לחלוטין נישט קיין לוסט זיך אָפּצוגעבען מיט דער באַלעבאָטישקייט און זיין גלייך מיט די אַלע פרויען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקאַנט און וועלכע האָבען זי געוואָלט אַריינגעהמען אין זייער מיטע און מאַכען פון איהר אַ „סאָסייעטי ליידי"; ער האָט אויך זיך אַרומגעזעהן, אַז זי איז צו נערוועז און צו שטאָלץ. מיט בייזען, האָט ער פאַרשטאַנען, וועט ער מיט איהר גאָרנישט מאַכען.

זי האָט געהאַט איין השגה און איין באַשעפטיגונג: צייכענען! יעדען חודש פלעגט איהר דורך פּאָסט אָנקומען גאַנצע בערג מיט אילוסטרירטע זשורנאַלען, קאַריקאַטורען, קאַרטון־מאַגאַזינען און צייכענונגען אָהן אַ שיעור.

דערפון האָט זיך דאָס ווייבעל פאַרנומען.

קיין שום אַנדער זאַך אין דער ברייטער וועלט האָט זי נישט אינטערעסירט. טאָמער איז זי שוין מיט איהם אַמאָל געגאַנגען אין ערגעץ, אָדער טאָמער האָט זי אויפגענומען ביי זיך זייערע פריינד און באַקאַנטע, האָט זי זיך צו זיי באַציגען ווי נישט צו איהר גלייכען. זי האָט מיט זיי ליידט פּאַבראַכט און עס האָט זיך געפיהלט איהר פרעמדקייט צו זיי.

— אָך האָב מיט זיי נישט וואָס צו ריידען — האָט די פרוי יעדער מאָל געענטפערט דעם מאַן, ווען ער האָט איהר געמאַכט פאָרוואורפע, למאי זי נעהמט אויף אַזוי קאַלט און נאַכלעסיג זייערע פריינד.

ווען עס האָט אויסגעבראָכען די מלחמה האָט דאָס ווייבעל געשיקט צייכענונגען אין די לאָקאַלע צייטונגען. האָט מען איהר לכתחלה געענטפערט אַז זיי האָבען אייגענע קאַרטוניסטען אין די רעדאַקציעס. נאָכדעם האָט איין רעדאַקטאָר איהר געשריבען, אַז ער וואָלט זי ראָטען נישט צו מאַכען קיין צייכענונגען וועגען טאָגעס פראַגען און טאָג העלדען און זוכען בעסער ליכטערע טעמעס.

זי האָט געפאָלגט.

זי האָט געשיקט איהרע צייכענונגען אין די ווייטע גרויסע שטעדט אין די צייטונגען און זשורנאַלען.

דאָס רוב ענטפערס זיינען געווען קאַלטע, פול מיט ענטוישונג.

איין מאָל איז צו איהר געקומען אַ מעסענדזשער באָי און איהר געבראַכט אַ ווייזיט קאַרטעל פון אַרנאָלד נ. מעקאַרדען, מיט וועמען זי האָט זיך אַמאָל געהאַט איבערגעשריבען וועגען איהרע צייכענונגען. ער איז געווען אויף אַ טור אין דעם שטעדטעל.

זי האָט זיך נישט געפיהרט מעשה סאָסייעטי ליידי און האָט מיט איהם געמאַכט אַן אַפּאָינטמענט אין האָטעל.

דאָס איז געווען איהר ערשטער שריט קעגען דער אַבגענומענער מאָראַל פון איהר מאַן, דעם בכבוד'יגען דאָקטאָר און מאָראַליסט.

דער מר. מעקאַרדען האָט מיט איהר געהאַט אַן אונטערהאַלטונג, האָט געזעהן איהרע צייכענונגען און דער פועל יוצא איז געווען, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זי איהר אַרבייט און איהר נאָמען דערזעהן אין אַ פּראָמינענטער באָסטאָנער צייטונג.

פון דעמאָלט אָן זיינען פינף יאָהר אַריבער.

אין דיעזער צייט האָט די דאָקטאָרשע שוין אַ סך מאָל געזעהן איהר נאָמען און איהרע קאַרטונס געדרוקט אין פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלען. פיעלע מאָל האָט מען איהר שוין צוגעשיקט ערצעהלונגען צום אילוסטרירען און איצטער האָט די פרוי באַשלאָסען צוריקצופאָהרען אין אַ גרויסען צענטער, ווי, למשל, שיקאַגאָ, ניו יאָרק אָדער אַן אַנדער גרויסע שטאָדט.

דער דאָקטאָר האָט נישט ערלויבט און האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט איהר פּלאַן צו צושטערען. דערמיט האָט ער זי נאָך ווייטער אָפּגעשטויסען פון זיך און גאָרנישט אויסגעפיהרט: — זי איז אוועקגעפאָהרען נישט געזעגענדיג זיך מיט איהם.

— איך האָב בילקערס פאַר וואָס צו לעבען — האָט איהם די פרוי אין אַ בריעף ערקלעהרט — מיין גאַנץ פאַרגעניגען אין לעבען איז צו זעהן מיינע אַרבייטען געדרוקט. כל זמן איך האָב נישט געוואוסט ווי ווייט עס קען קריכען מיינע פעהיגקייטען האָב איך זיך געמוזט האַלטען אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקעל. איצט מאַך איך טאַקע אַן אָריסען לעבען. איך האָב אָבער מיין צוועק אין לעבען געפונען. איך ענטזאָג זיך פון אַלע באַקוועמליכקייטען צוליעב אָט דעם צוועק.

ווען דער דאָקטאָר האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין פרוי איז געפאָהרען צו מעקאַרדען'ען, האָט ער זיך ווידער געאיילט און איהם אָנגעקלאָגט אין גערכט פאַר אוועקנעהמען ביי איהם די ליעבע פון זיין פרוי.

אָט דיעזע לעצטע אָפּעראַציע פון דעם דאָקטאָר צייגט אָמבעסטען, אַז מען קען זיך זיין אַ גוטער דאָקטאָר מעדעצין און אַ גרויסער שלימזל אין לעבען.

דער דאָקטאָר האָט באַדאַרפט וויסען, אַז אויב ער קוקט אפשר אויף זיין ווייב'ס ציעלען אין לעבען, ווי אויף אַ קינדערישען קאַפּריז, קוקען אָבער אַנדערע, דאַרויף זעהר ערנסט. ביי איהם איז אַ געלונגענע אָפּעראַציע אַ גרויסע פרייד, אַזוי איז עס ביי זיין פרוי אַ גרויסע פרייד, ווען איהר גיט זיך איין אַ גוטע אילוסטראַציע, אָדער קאַרטון.

קאַמפּען געגען דעם און נאָך מיט אַזעלכע מיטלען פּאַסען זיך פאַר פּראָסטע בשר ודם'ס, פאַר ווייניג אינטעליגענטע מענשען. מענשען אָבער מיט אינטעליגענץ פאַרשטעהן אַזעלכע זאַכען טיעפער און וויסען אַז אַזאַ קאַמף איז נאַריש און וועט קיינע נוצען נישט ברענגען.

וואָס דערצעהלט די פּוילישע פּראָווינץ

די שמד־באַוועגונג האָט לעצטענס צום באַדויערען אַ עפּידעמישען כאַראַקטער אָנגענומען. די סיבות וואָס פיהרען צום שמד זענען פאַרשידען. איינער טוט עס לשם קאַריערע. אַ צווייטער צוליעב אַ ראָמאַנטישער געשיכטע, און אַ דריטער... צוליהכעים דעם טאַטען.

אַזאַ געשיכטע האָט לכתחלה פּאַסירט אין סלאָמניק מיט אַ 17־יעהריגען בחור'ל פון חסיד'ישע עלטערן.

דער פאָטער זיינער, אַ טאַטע פון דריי קינדער, אַ געוועזענער בעלהבית'טער ביי אַ געוויסער סלאָמניקער פירמע און איצט אַליין שוין אַ גרויסער גביר, האָט זיך פאַרליעבט אין אַ קרובה זיינע פון ראַדאָם. אַנאַשת איש, אַ מאַמע פון צוויי קינדער. האָט דער „געליעבטער" אָפּגע'גט זיין ווייב און די „געליעבטע" — איהר מאַן, און האָבען ביידע חתונה געהאַט.

עס טרעפען זיך אָבער זאַכען...

בכדי נישט געשטערט צו ווערען אין דער „ליעבע" האָט ער די דריי קינדער אָפּגעשיקט קיין וואַרשאַ צום ערשטען ווייב, וועלכע איז פון צרות והתנאַליצען מישוגע געוואָרען און איז דערצו איבערגעגאַנגען פון החקות.

איינע טוים, ווען דער 17־יעהריגער בחור זיינער, וועלכער האָט אין וואַרשאַ גרויס הונגער געליטען, איז אַריבערגעפאָהרען קיין סלאָמניק צום טאַטען, האָט איהם יענער פון שטוב געטריבען. ווייטער פון דעם האָט ער איהם ניט אַריינגעלאָזט און שלאָפען פלעגט ער מוזען אין שטאַל. און אָט איז איינמאָל אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען אויפגעשטאַנען דער בחור און פון גרויס פאַרביטערונג און קרענקונג און בעס אויפ'ן טאַטען איז ער אוועק צום גלח און זיך אָפּגע'שמד'ט.

ביי דער שמד־צערעמאָניע — דערצעהלט דער קאָרעספּאָנדענט — איז אַנוועזענד געווען די גאַנצע נישט־אידישע „שמיד מאַנקע" פון שטאָדט, וועלכע זענען געקומען צוזעהן זיך פון'ם פרישען „מיטגליעד".

לסוף וועט, האָבט זיך איך נישט איבערגעזען, צוזעגעבען אַז דער פיינער טאַטע, וועלכער האָט דעם פיינעם זוהן צו אַזאַ פיינע „נקמה" געטריבען, איז אַ קהל'שער האָבעפער אין שטעדטעל און בלינד'שט אַ שענער איד פון באַוואוסטען טיפּ.

* * *

פון ביאַליסטאָק טראָגט מען זיך יעגען זעהר אַן אַנשטעקענדע קראַנקהייט, וועלכע האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אויפ'ן דאָרטיגען קהל'שען אָרגאַניזם.

שטאַמען שטאַמט די קראַנקהייט פון פאַרשידענע פּאַרלאַמענטען און הייסען הייסט זי — אָבסטרוקציע.

בשעת אַ וועלכער ס'איז צד אין אַ פּאַרלאַמענט וויל נישט דערלאָזען צו באַרוהרען אַ געוויסע פראַגע, וועגען וועלכע דער צד זעהט אַז ער וועט האָבען אַ דורכפאַל, מאַכט מען אַן אָבסטרוקציע.

די אָבסטרוקציע דריקט זיך אויס אין פאַרשידענע אופנים. מעהרסטענטייל מאַכט מען עס אין דער פאָרם פון — „אינטערפּעלאַציעס".

עס הויבען זיך אָן צייטען אינטערפּעלאַציעס. איינע נאָך דער צווייטער, וועגען וואָס צו אינטערפּעלירען פעלט נישט. מען טראָגט אַריין אַן אינטערפּעלאַציע וועגען בוידעם, דאַן וועגען קלאָזן, וועגען נעכטיגע טעג. ביי יעדע אינטערפּעלאַציע הויבט זיך אָן אַ סדרה דעבאַטען און עס גיסען זיך נייע מאַס רייד, און ביני לביני דערלאָזט מען דערווייל נישט, אַז די געוויסע פראַגע, וועלכע מ'האָט מורא צו באַרוהרען, זאָל קומען אויפ'ן טיש אַרויף.

אַזאַ מין אָבסטרוקציע, אין דער פאָרם פון „אינטערפּעלאַציעס", האָט אויך געהאַט אויסצושטעהן לעצטענס דער ביאַליסטאָקער ועד־הקהל.

געגומען האָט עס זיך דערפון, וואָס אויף דער טאָגעסאָרדנונג זענען געשטאַנען צוויי וויכטיגע פראַגען: וועגען אַ הוספה אויפ'ן געהאַלט פון די אידישע שוהל־לעהרער און וועגען העכערען די שכירות פון ראַבינאַט. אַזוי ווי אַ געוויסען צד איז אָבער גראָד נישט געווען לרצון, אַז די לאָזינגע צוויי פאָדערונגען זאָלען באַהאַנדעלט און אָנגענומען ווערען, האָט ער זיך מיישב געווען און זיך גענומען צום באַקאַנטען אויסגעפּרובטען מיטעל — אָבסטרוקציע.

שוין עטליכע זיצונגען זענען דורכגעגאַנגען מיט דער דאָזיגער אָבסטרוקציע, שוין עטליכע זיצונגען ווי מען האַלט אין איין באָמבאַרדירען מיט אינטערפּעלאַציעס וועגען בוידעם און קלאָזן און נעכטיגע טעג, און אַלץ צוליעב דעם, בכדי די דערמאָהנטע פראַגען זאָל ניט

(„מאָמענט, וואַרשוי")

בריעף פון יוראָפּ צו דעטראָיט'ער

פאָלגענדע בריעף פון איראָפּא זיינען פאַראַן אין דער רעדאַקציע פון „וועג", אַדרעסירט צו קרובים אין דעטראָיט. די ווערען געפונען זייערע נעמען, זיינען געבעטען צו קומען אָפּנעהמען זייערע בריעף צווישען 12 און 2, אַ זייגער יעדען טאָג, חוץ פרייטאָג און שבת.

צו מר. ראָזענבלאַט, אין 147 עריאַס — אַ בריעף פון בערין (רייטשראַנד), געשריבען זעהט אויס, צו מרס. ראָזענבלאַט פון אַ שוועסטער.

צו מר. נאַטאַן מילער, 349 הייסטינגס סט. — אַ בריעף פון דווינסק.

צו מר. לואיס מאַרקאָוויטש, 347 הייסטינגס סט. — אַ בריעף פון ראָמאַן, פון די עלטערן.

צו אברהם ראָזענבלאַט 351 הייסטינגס סט. — אַ פּאָסט קאַרט פון טשעכאָסלאָוואַקיא, פון מאיר פריד פון גאָניקאַפּאַס.

צו טשאַרלז קראָוטש, 232 מאָנטקאַלם — אַ בריעף פון פייגען פון די עלטערן.

צו י. בעקער, געוואַהנט אין 203 בענטאָן סט. — אַ בריעף פון ברעזנע פון די עלטערן.

צו סאָלאָמאָן סטאָלצאָביי, 241 ווילקינס — אַ בריעף פון לעאָן סטאָלצאָביי טאַרנאָפּאָל.

צו פּנחס גרינבערג, 228 אַדעלייד סט. — אַ בריעף פון מירלאַ.

צו מאַרים האַליק, 87 ברייסטער — פון אַ שוועסטער און עלטערן.

צו אַפּערמאַן, 241 איסט־קירבי סט. — פון חיים אַפּערמאַן.

צו דושאַהן זיגמונד, מיט דעם וועלכען בריעף מיט דעם וועלבען אַדרעס, אַ בריעף פון וויען.

צו י. ה. פעלדמאַן, פריהער אין 719 גרענדי עוו., שפּעטער אין 1992 דושאַם. קעמפּאָ — אַ בריעף פון וואַרשאַ פון חיים מאַלעוואַני פון פּאָלענאַי (זעהט אויס פון די עלטערן וואָס וואָהנען אין וואָהלינער גוב.)

צו מישאַט סאַוועק — אַ בריעף פון פאַניאַ סאַוועק פון פּוילען.

צו סעם מאָנטנער, 347 טהעאַדאָר סט. — אַ בריעף פון קאַלאָמעא, געשריבען פון די עלטערן.

צו ט. קאַרקאַגאַה, 1900 שאַפּען סט.

צו מיטשעל וועסטער, 202 נאַאַלאָן סט. — אַ בריעף פון חנה רייזעל ווייסטער.

צו מרס. איידע לעווים (אָדער לואיס), 206 איסט קירבי — אַ בריעף פון אַנזעל ב. יאָסע.

צו סעם ראָזענצווייג, 202 וווינדער סט.

צו י. ניסענבוים, 673 — 5טע סט.

צו ה. שטייפלער, ק. אַ. דשייקאָב פישמאַן, 512 הייסטינגס סט. — אַ בריעף פון טאַמבאַר.

צו מרס. מינאַ מעלטה, 337 אַדעלייד — אַ בריעף פון וויען.

צו אַ. קווערבערג, 230 ברייד סט. —

אַ בריעף פון דראָהאָביטש, גאַליציען.

צו טאָמסאָן טאַלערמאַן (אָדער יאַלערמאַן), 290 וואַטסאָן סט. — אַ בריעף פון רייטשלאַנד.

צו אברהם שוואַרצבלאַט — אַ בריעף פון מיראַזשיסט, פון ברודער שמואל שוואַרצבלאַט.

צו פרענק מעלטה, 262 היי סט. איסט — אַ בריעף פון וויען.

צו סיימאָן מעלטה — אַ בריעף פון וויען.

צו י. גראָוויטש — אַ בריעף פון טויבע ניסענבוים פון גאַליציען.

צו סעם קאָץ (אָדער קאַלט), 806 ענטוויין סט. — פון עלטערן פון גאַראָדאָק.

צו איזיק קאַנדעל — פון עליאַס קאַפּין פון וויען.

צו וויליאַם שטיינבערג, וואַטסאָן סט. אַ בריעף פון אַ ברודער פון פּוילען.

צו געפינגער, 207 הייסטינגס סט. — אַ בריעף פון ראַאָן.

צו וו. באַיק, 435 הייסטינגס סט. אַ בריעף פון יוסף באַיק פון גאַליציען.

צו ג. גאָרפיין, 220 וואַטסאָן — פון אַ ברודער פון ראָסטאָוו.

צו ראובן פוקס, 389 הייסטינגס סט. — אַ בריעף פון וויען.

צו י. האַהן — אַ בריעף פון האַנסקי וואָלאַ.

צו איזאַק וויזאַב מילער, 369 ראַפּ־ברוה סט. — אַ בריעף פון וויען.

צו דזשאָן קאַפּלאַן אין זיין פרוי נחמה (טעמקין), געאַרבייט פאַר דער מלחמה אין אַן אויטאָמאָביל פאַבריק, געווען אַ מאָל אַ בונדאָוויען — אַ בריעף צו זיי פון פאַלעסטינאַ.

צו פ. גאָלדבערג, אַדעלייד סט. — אַ בריעף פון דער שוועסטער אין פּוילען.

אַ בריעף פון באָריסאָוו מינסק. גוב.

ווי מר. א. ב. באַשרייבט אין „פאָרן פאָלק" אין מינסק די לאַגע אין באָריסאָוו.

אונזער שטאָדט איז געווען אַמאָל איינע פון די רייכסטע אין „עבעדינסקע פּינקטען אין מינסקער גובערניע. זי האָט זיך אַויסגעצייכענט מיט איהר האַנדעל און האָט אויך פאַרמאָגט פאַבריקען, אין וועלכע ס'האָבען געאַרבייט הונדערטער אַרבייטער. היינט איז באָריסאָוו — אַ חורבה. דער מאַייסטער האַנדעל האָט זיך אָפּגעשטעלט, עס שטעהען אויך די פאַבריקען, און הונדערטער אַרבייטער לויפען די גרעסטע נויט. דער מיישר בכפה פון אונזער שטאָדט איז דער הונגער, מיט זיינע געטריע מלאכי חבלה, פאַרשידענע עפּידעמישע קראַנקהייטען, וואָס פאַרבייטען זיך צווישען דער באַפעלקערונג אַלץ מעהר און מעהר. אויב איך וועל זאָגען, אַז באָריסאָוו שטאַרבט אויס, וועט עס זיין ניט קיין גוזמא'דיגע מליצה, נאָר דער ריינער, וואָכעדיגער, אמת.

איין זאַך האָט אָבער אונזער באָריסאָוו דערוויזען וואָס דערפאַר וועט זי געווים פאַרנעהמען אַן אָרט אין דער היסטאָריע. זי האָט ליינעקומען און געמאַכט צו ניט אַלע מאַטעריאַליסטישע תורות און וועלט אַנשויאונגען און אויך צו להכעיס זיי באַשיינפערלאַך דערוויזען אַז פּאָליטיק איז העכער פאַר עקאָנאָמיק.

ניט קוקענדיג דאַריף, וואָס די גאַנצע באַפעלקערונג הונגערט, פאַרנעמט מען זיך ביי אונז געשמאַק מיט פּאָליטיק, פאַרשטעהט זיך, מיט אידישער פּאָליטיק. מיר פאַרמאָגען אַ חובשע צאָהל פּאַרטייען און פּאַרטייעלאַך, וואָס ליגען אין איין געדאַנק: עפּעס אַזוינס צו געפינען, וואָס מען זאָל זיך דערפאַר קענען קריגען און רייסען און מאַכען דערפון אַ פּאַרטיי־קאַמף.

אין אַ שיינעם פריהמאָרגען איז ביי אונז אויסגעוואַקסען אַ נייע פּאַרטיי — תפארת ישראל. דער נאָמען איז גענומען געוואָרען סתם אַזוי פון שענקייט וועגען, ווייל אין אמת'ן איז עס ניט תפארת און ניט ישראל, נאָר גבורה שבגבורה, ווי נאָר די דאָזיגע פרישע באַקענגע פּאַרטיי איז אַרויף אויף דער ערד, האָט זי זיך גענומען מיט געוואַלד ערגבערען אָן אָרט אין אַלע אונזערע אַנשטאַלטען, זיי האָבען זיך אַריינגעקליבען (אָהן שום וואַלען) אין דער צייטווייליגער קהלה, וואָס דערלעבט שוין איהרע לעצטע טעג און דאָרט אויך גענומען פיהרען זיך — ביד חזקה ובזרוע נטויה.

טאָמער האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט גרויס מיה באַקומען ביי דער אָרטיגער מאַכט אַ ערלויבניש אויף צוויי „פאָלקס־מיטינגען" ה. ה. פּשוט, פאַראַמלונגען אין די שוהלען, האָבען די גבורים פון „תפארת ישראל" דאָס ניט געקאָנט איבערטראָגען, און אַז די ערשטע פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען, האָבען די פאַרזאַמלונג געשטערט, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס דורך דעם האָט געקענט די שוהל פאַרמאַכט ווערען. אין דער צייט, ווען פון אַלע באָריסאָווער שוהלען וועלכע זיינען צעשמעטערט געווען

וואַרען בשעת די שיסערייען, זיינען אין גאַנצען איבערגעבליבען צוויי דריי.

נאָר די לעצטע צייט האָט די תפארת ישראל זיך משנה השם געווען און הייסט איצט „אגודת הפועלים". אפשר וועט זיאָן איינעם מיט'ן נאָמען איבערבייטען אויך איהר טאַקטיק?

די איינציגע פּאַרטיי, וואָס אַרבייט, איז ביי אונז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. זי זוכט אַריינטראָגען לעבען אין דער געזעלשאַפטליכקייט און באַשאַפען נוצליכע אַנשטאַלטען. דאָ ניט לאַנג האָט זי געגרינדעט אַ אידישען קאָאָפּעראַטיוו „עזרא", וועלכער ברענגט פיעל נוצען דער נויטליידענדער באַפעלקערונג.

אין גיכען וועלען פאָרקומען ביי אונז די וואַהלען אין דער קהלה, און דאַן וועט אפשר אונזער געזעלשאַפטליכער לעבען ווערען אַ געזונטער און אַוועקגעהן מיט אַ סדר און אָרדנונג.

די לייברערי וועט אייך העלפען וואַקסען

די לייברערי איז ניט נאָר געשאַפען געוואָרען פאַר קינדער און פאַר סטודענטען צו לערנען און צו פאַרגרעסערען זייער וויסען, נאָר עס ציעלט אויך צו העלפען מענשען וואַקסען אין זייערע ספּעציעלע פאַכען און זייערע פראָפעסיעס. די אַמעריקאַן לייברערי אַסס'ן פון 24 וועסט 39טע סטריט, וועלכע מאַכט יעצט אַ דרייוו פאַר „ביכער פאַר אַלע", האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ ליסטע פון קרוב 600 פאַכען, פאַר וועלכע מען קען געפינען מעטאָדען און אינפאָרמאַציאָנס ביכער אין דער לייברערי. די היינטיגע צייט פאָדערט עקספּערטען, פאַכלייט און די לייברערי ביכער זיינען גרייט פאַר ערדען זיי צו העלפען וואַקסען.

פרויען קענען אויך געפינען אַ זעהר גרויסען אויסוואַהל פון ביכער וועגען הויזווירטהשאַפט, קאָכען, באַקען און נייהען, שפּייז און געזונדהייטס פראַגען און וועגען קינדער־ערציהונג.

לייף־אינשורענס אין אַמעריקאַ

לויט די אויסרעכענונגען פון דער ניו יאָרק גאַראַנטי טראַסט קאָמפּאַני זענען ביי היינטיגען טאָג פאַראַן אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען פופצעהן מיליאָן לעבענספאַרזיכערונגס פּאָליסים פון פאַרשיעדענע קאָמפּאַניס. די פּרעמיום־אויסצאַהלונגען אַליין באַטרעפען אין ערך פון איין ביליאָן דאָלאַר אַ יאָהר.

אידישע גראָסערי לייטאויפמערקזאַם

די היבריו ריטייל גראָסערי אַסאָס'יישאַן, וועלכע האָט שוין יעצט אַ גרויסע מעמבערשיפּ, מיטעט יעדען דינסטאָג אַ יעגט אין פאַרהאַנדעלט וויכטיגע פראַגען קומט אַלע צו אונזערע מיטינגס, אויף 228 וואַטסאָן סט. און העלפט אונז זיך אָרגאַניזירען אויף אַ מעכטיגערן אופן.

עס איז יעצט באַזונדערס וויכטיג צו באַטראַכטען מיטלען ווי אַזוי צו באַקעמפען די קאָנקורענץ פון די קריגער'ס, אַטלאַנטיק און פּאַסיפיק און די אַנדערע סטאָרס, אויף דער איסט סייד.

אַ גאַסט אין דעטראָיט

הערד לעאָן בלענק מיט זיין באַריהמטע טרופּע וועט באַזוכען דעטראָיט ברינגען פאַר דריי טעג:

פרייטאָג און שבת אָוונט, דעם 21טען און דעם 22טען מאַי; און זונטאָג דעם 23טען מאַי, מאַטינעע און איוונט.

פאָלגט נאָך דעם „וועג" פאַר ווייטערע אַנאָנסען.

לענדלאָרדס אויפמערקזאַם

אויב איהר האָט 6 — 8 — 10 — אָדער 14 רומיגע הייזער צו פאַרקויפען אָדער צו פאַרדינגען (אויף אַ ליעס), בעטען מיר אייך איהר זאָלט זיך זעהן מיט אונז, זיכער צו מאַכען גוטע ביזנעס.

העררים און לאָוים

481 ענטוויין סטריט טעלעפאָן טשערי 8054

בעקאַנטמאַכונג צו דעם אידישען שניידער טרייד

די קירשבאַום און קאָ.

האָט ערעפענט אַ פירסט קלאַס

וואָולענס און טיילאָרס טרימינג סטאָר

אין 975 הייסטינגס, קאָר. וואָרען עוו.

זיי לאַדען איין אַלע אידישע שניידער צו בעזוכען זייער נייעם פּלאַץ. עס וועט זיך בעצאָהלען.

אָפען יעדען זונטאָג — פון 8 פריה ביז 9 אָבענד, שבת — פון 6 ביז 9 אָבענד

The only Jewish Paper Printed in Michigan

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. ... authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson ...

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Wednesday, May 19th 1920 Vol. 2, No. 82 — מיטוואך, מאי 19, 1920

סאָוועט-רעגירונג אנערקענט סיביר׳ער רעפּובליק

גאָלד ענדעקט אין ירושלים

גאָלד ענטדעקט אין ירושלים

לאָנדאָן — לויט אן ענטדעקונג וואָס איז געמאַכט געוואָרען, איז מעגליך, אז ירושלים זאָל ווערען דער צענטער פון א גאָלד אינדוסטריע.

די ענטדעקונג איז פּאַסירט ווען ארבייטער, זענענדיג באַשעפטיגט ביי אויסגראָבונגען אין ירושלים, האָבען זיך אנגעשטויסען אן א שטיק פעלז, וועלכער ענטהאַלט גאָלד. ס׳איז מעגליך, אז דער ארומיגער געגענד איז רייך אין גאָלדענע מאַלען.

באַוואוסטע מעטאַלורגיסטען האָבען אָנגעפאַנגען אן אונטערזוכונג וועגען דער ענטדעקטער גאָלד־מינע. די ירושלים׳ער באַפעלקערונג איז איבערגערודערט געוואָרען פון דער ענטדעקונג.

דמשק׳ער אראַבער געגען ציוניסטען אין ירושלים

לאָנדאָן — ס׳איז דאָ באַקאַנט געוואָרען, אז די אראַבישע רעגירונג אין דמשק, סיריען, פאַרלאַנגט נאָך אלץ, אז פּאַלעסטינא זאָל באַלאַנגען צו סיריען, ניט קוקענדיג אויף דעם באַשלוס פון סאַן רעמאָ. די רעגירונג האָט זיך ארויסגעזאָגט געגען אריינלאָזען ציוניסטען אין פּאַלעסטינא.

באַריכט אז דייטשלאַנד שלאָגט פאָר עלייעס פייער און צוואַנציג ביליאָן דאָלאַר

פּאַריז, מאי 18. — לויט א דעפּעש פון בערלין צו א היגער צייטונג, איז דייטשלאַנד וויליג צו באַצאָהלען פאַר די קריגס הזוקות צו די אליאירטע רעגירונגען די סומע פון 100 ביליאָן מאַרק אין גאָלד (ארום 24 ביליאָן דאָלאַר) ...

די י. ר. האָלט אָפּ געהיימע זיצונג מיט איהרע ארבייטער

פאַרטרעטער פון דער קאַר־ארבייטער יוניאָן האָבען געבעטען אין דער פריה אפּגעהאַלטען א געהיימע זיצונג מיט באַאַמטע פון דער קאַר־קאָמפּאַני, אום אויסצוגלייכען דעם סכסוך איבער די ארויסגעשטעלטע פאָדערונג פון דער יוניאָן.

די קאָנפערענץ האָט געדויערט ביז איינס נאָכמיטאָג און ביידע צדדים האָבען נאָך דער זיצונג ערקלערט, אז זיי האָבען גאָר ניט וואָס צו פאַרעפענטליכען.

די פאַרטרעטער פון דער קאַר־יוניאָן זענען געוועזען וו. ה. מעהאָן, פּרעזידענט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פון קאַר ארבייטער אסס׳ן און ה. פורגוסאָן, ביזנעס אגענט פון דער היגער יוניאָן. ע. ביורדיק, אסיסטענט דזשענעראַל מענעדזשער פון דער די. יו. אר. איז געוועזען איינער פון דער קאָמפּאַני׳ס פאַרטרעטער.

פאַרוואָס די די. יו. אר. האָט ניט געוואָלט צולאָזען די שטאָדטישע אקאַונטענטס צו איהרע ביכער ...

פּיר באַשלאָסען אויף היינט 10.45 אין דער פריה צו באַטראַכטען דעם פאַרלאַנג פון דער קאַר קאָמפּאַני, דאָס מען זאָל איהר ערלויבען צו העכערן דעם איינציגען פעיר, כדי עס זאָל זיין מעגליך אָבצוגעבען די ארבייטער זייערע פאָדערונגען. ווען ניט — טענה׳ט די קאַר קאָמפּאַני — וועט זי, נעבאך, דעריע־נען געלט אין די מיליאָנען דאָלאַר.

עס האָט זיך שוין לאַנג ארומגעטראָגען א קלאַנג, אז די קאַר קאָמפּאַני האָט חשק צו העכערן אויף 6 סענט דאָס פעיר.

ווי באַוואוסט איז דער איצטיגער 5 סענטיגער פעיר באַשטימט געוואָרען דורכן קאָנסיל און פאַרשטעהט זיך אז דער קאָנסיל האָט דאָס רעכט איינצו־שטימען אויף א 6 סענטיגען פעיר. מען רעכענט אבער, אויב די שטאָדט זאָל אפילו יא צושטימען צו דיעזער העכע־רונג, וועט זי פון דער קאָמפּאַני בע־טען געוויסע קאָנצעסיעס, ווי, למשל, צירקולאַציע די אינדוסטריאַליסטען געגען דער שטאָדט.

יוניאָן פיהרער געשאָסען אין שיקאַגאָ

שיקאַגאָ, מאי 18 — דזשאָהן קיקולסקי, פּרעזידענט פון דעם סטאָקיאַרד ארבייטער קאָונסיל געפינט זיך היינט אין א קריטישען צושטאַנד אין האָס־פּיטאַל; געסטען אווענט האָבען צוויי פּערזאָן אין איהם געשאָסען און וועגען פאַרשוואונדען געוואָרען אין אן אָטאָ־מאָביל.

קיקולסקי האָט אָנגעגעבען נעמען פון צוויי ארבייטער, אלס די וועלכע האָבען איהם באַפאַלען.

קיקולסקי׳ס ארגאַניזאַציע איז די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אלע סטאָקיאַרדס ארבייטער יוניאָנס, מיט איינע וועלכע צייט האָט דיעזע ארגאַניזאַציע געהאַט א סכסוך מיט דער שיקאַגאָ׳ער פעדערייישאָן אָוו לייבער, ווען קיקולסקי איז באַשולדיגט געוואָרען אין באַנוצען זיך מיט דער יוניאָנ׳ס געלד.

מיידעל אנפיהרערין פון א באַנדע גנבים

דעפּוטי שעריף באַפאַלען פון 3 באַנדיטען

אין מאָרגענדיגען נומער „וועג"

דיסטריקט קאָמיטעט פון א. נ. א. פ. באַשליסט אנטייל צו נעהמען אין גאולה פאָנד

מאָסקווא, מאי 18. — היינט האָט די רוסישע סאָוועטען רעגירונג, ניט קוקענדיג אויף דער געגנערשאַפט פון איניגע מיטגליעדער, באַשלאָסען צו אנערקענען די וועסט־סיביר׳שע דעמאָקראַטישע רעפּובליק פון סיביר.

היינט ווערט וועגען דיעזען באַשלוס ארויסגעשיקט א נאָטע צו מר. קראַסנאָשטשעקאָוו, דעם אויסערן מיניסטער פון דער נייער רעפּובליק. דיפּלאָמאַטישע באַציהונגען צווישען דער סאָוועטען רעגירונג און דער סיבירישער רעפּובליק וועלען זיך גלייך אנפאַנגען.

די אונטערהאַנדלונגען צווישען דער ראָטער רעפּובליק און יאַפּאַן וועלען ווייטער פאָרטגעזעצט, אבער צוליב דעם וואָס פּייער פראַגען באַריהרען אויך באַרייטען רוסלאַנד, וועלען וואַרשיינ־ליך די פאַרהאַנדלונגען אנגעהמען א פאָרם פון א קאָנפערענץ, אין וועלכער די מאָסקווער רעגירונג וועט זיין פאַרטראַטען.

ענגלישע ארבייטער דעלעגאַציע קומט היינט אָן אין מאָסקווא

מאָסקווא, מאי 18 —

די דעלעגאַציע פון די ענגלישע ארבייטער יוניאָנס קומען מאָרגען אָן היין מאָסקווא און אָן ערען וואָך פון ...

סאָוועטען מעלדען זיעגען געגען פּאָליאַקען

לאָנדאָן, מאי 18. — די סאָוועטען רעגירונג מעלדעט היינט אפיציעל וועגען נייע זיעגען געגען דעם פּוילישען פראָנט.

דער אפיציעלער סטייטמענט לויטעט זיך ווי פאָלגט:

„דער שלאַכט אין דעם קיעווער געגענד ווערט פאָרטגעזעצט 14 מייל צו מזרח און צו צפון פון קיעוו.

לעבען שאַבלין און מאַזיר האָבען מיר אנגעפאַנגען א קאָנטער אטאַקע און פאַר־טריבען דעם שונא איבער דעם צווייטען ברעג פון טייך בערעזינא.

אין דעם טשערקאַס׳ער געגענד האָבען אונזערע טרופּען פאַרכאַפּט איניגע דער־פער און געפאַנגענע.

אין דער ריכטונג פון דריסא (וויטעבסקער גובערניע) האָבען אונזערע פּאַטראָלען צוריקגעשטויסען דעם שונא אין האָבען איהם זיעגרייך באַקעמפט לעבען דער ״מאָנאַפּאָ׳׳ באַהן סטאַנ־ציע״.

קאָבלענץ, מאי 18 — לויט באַריכטען פון וואַרשא צו דעם היגען אמעריקאַנעם קאָמאַנדיר קאָנצענטרירט פוילען ...

צינזיסטען אַרעסטירט אויף מאַסקווער קאָנגרעס

גיט זיך אָן אלס „קריגס העלד" און ווערט אַרעסטירט

ארבייטער דער־הרג׳עט און אין טאָג אויף דעם זעלבען פּלאַץ

אויף דעטראָיטער גאַסען

צוויי באַוואָפענטע באַנדיטען זענען ארייַן אין דער גראָסערי פון מרס. עמא ראָשענטראָשעס, פון 462 מייד עוו. מאָנ־טאָג ביינאַכט, אנשטעלענדיג זייערע מערין האָבען זיי צוגענומען פון דער קאַסע $10.

* * *

דזשימס קלינטאָן, 56 סעווענטינט סט. איז מאָנטאָג אווענט באַגנענט געוואָרען פון 2 באַוואָפענטע האָלד־אַפּ׳ניקעס לעבען פאָרטער סטריט און טהירד סטריט. ער האָט זיי אָפּגעגע־בען 50 דאָלאַר קעש, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט און איז זיך אוועק מעל־דען דער פּאָליצי.

* * *

דיסטאָג פאַרטאָג האָבען גנבים אריינגעכאַפּט זיך אין דעם דרייגודס סטאָר פון מאַראָזאָן אין שעטצער, פון 13־309 גראַשיאָט עוו. און האָבען אוועקגעלקח׳ענט פאַר עטליכע דאָלאַר סחורה.

* * *

די גנבים זענען ארייַן אין סטאָר דורך אויסברעכען א פענסטער.

מען וויל ערקלערען קריגס-צושטאַנד אין אירלאַנד

פאַרוואַלטונג פון בית יתומים

דער שבועות נומער „וועג"

CLASSIFIED

פאַרלאַנגט די אַדרעסע פון דאַרא ווייסטיין

האט געוואוינט אויף 911 טראַפּאַרעט סט., פלינט, מיש.
עס ערוואַרטעט איהר געלד.
פרעגען: ניטהערקאט, און ניטהערקאט פלינט, מיש.

צו פאַרקויפען 6 רומס פאַרניטשור קאַמפּליט. פרעגען ביי מרס. סטעפּסקי 186 הענדרי סטריט. (19

צום פאַרקויפען א קלינינג און פרעסינג סטאָר, אויך גוט פאר דרעסמייקינג. אורזאכע: מוז פארלאָזען די שטאָדט: נאכפרעגען, קליינמאַן, 81 קאַרדאַניאַ עוועניו.

יין לקידוש ולהבדלה, די בעסטע געלעגענהייט צו באקומען כשר וויין איז זיך ווענדען צו מר. שקלאַר, 244 פארנסווארטה. גארטווער 2006 דאבליו.

די פירמא
טאַגערט און דושאַפּע
וועלכע זענען שוין פאר יאהרען און יאהרען באקאנט אין דער דעטראָיט'ער ביזנעס וועלט. זענען יעצט די איינציגע אגענטען פאר די „האוטען גארבערדוש און איש רעסעפּטיקעלס".
994 ענטוויין. טעל. נאָרטוויי 4194
אָרדערט יעצט, איידער די באַארד און העלטה וועט אייך צווינגען.
מר ר. קלי איז אונזער סיילס מענעדזשער.

פאַרלאַנגט א דרייווער פאר די לי בערטי וועט וואש לאנדרי. מוז געבען 200 דאלאר סעקיורעטי. איין ריכטיגער מאן פאר דעם ריכטיגען דזשאב. זיך מעלדען אין 374 קאסטער עוו.

קאַפּלאַן'ס באַרגיין סטאָר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעס פון די פאלגענדע ליינס:
קאמפּליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואָלענס און קאטין גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספּרעדס, קוירטענס; טייבל קאווערס; שעמס און קארפּעס, קאמפּליט ליין און ליידיס פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.
ספּעשעל! ספּעשעל!
א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער אין ליידיס סוטס און קאוטס א קאמפּליט ליין פון טיילאר אין דרעס מייקערס טרימינגס.

פאָרד קאַרס און אנדערע קאַרס

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאַנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakland

שעכטער'ס דראָג סטאָר

477 הייסטינגס סט.
טעלעפאָן טשערי 5763
פרעסקריפּשאנס פּארפערמינט מיט די גרעסטע פּינקטליכקייט
צו יעדער צייט

גבורה

פון מ. ס—קי

אין אונזער גרויען, דונקעלען און וואכעדיגען לעבען פעהלען דאך ניט קיינע טאטען, וועלכע פאַרדיענען די בכבוד'ע באצייכנונג: ג ב ו ר ה.

אין דעם כאמע ענג פון דעמווייטען צפון פון ארץ ישראל, אין דעם אמאליגען באזיץ פון דעם שבט דן, צווישען די שטיינעגע בערג ביים פוס פון דעם חרמון און אין דער לענג פון יענעם ציבערטאל, וואס שעפט זיין ברכה פון דעם ירדן און זיין קללה פון די זומפען — די פריבט פון דער „טערקישער קולטור" — זיינען אין דער לעצטער צייט פארגעקומען בלוטיגע פאסירונגען.

די פראנצויזען האבען זיך אנגעשלאגען אויף א „רעוואלוציאן" פון בעדואינער, וועלכע זיינען געקומען פון מזרח צו. דאס זיינען וואנדערענדע אראבישע שבטים, וועלכע רעוואלוציאנירען אזוי לאנג ווי זיי לעבען — בונטעווען זיך געגען די טערקען און פאר די טערקען, געגען די פרעמדע און פאר די פרעמדע.

אין אפילו געגען זיך זעלבסט. הויפט-זעכליך בונטעווען זיי זיך געגען יעדעם שאפען, געגען יעדער ארבייט.

אין די ערשטע טעג פון דעם צוזאמענשטויס איז די רעבעלען געלונגען צו רויבען אין צעשטערען, אפילו אין די דערפער פון זייערע אייגענע שטאם-ברידער. צווישען דעם חראז און האמער [illegible] פיער אידישע פונקטען: איין מאהניע און דריי ארבייטער גרופען. אויף די פיער פונקטען איז געפאלען אן אינפערנאליש גרויסע אויפגאבע. די בלוטיגע פאסירונג צווישען די פראנצויזען און די בעדואינער באדראהט מיט נאר א לאקאלע געפאהר, נאר אויך אן אלגעמיינע געפאהר. דאס אידישע פאלק — דער קולטור שאפער פון העבר מענשהייט, דער שאפער פון דער גלענצענדער פארגאנגענהייט פון דיזען לאנד, ערקלעהרט נאכאנאנד: דאס לאנד פון מיינע אבות געהערט צו מיר. זי איז באשטימט פון הימעל פאר מיר און מיינע קינדער אויף אייביג. זי געהערט ניט צו די בעדואינער, וועלכע האבען זי וויסט געמאכט — זיי האבען אן אייגען לאנד, גרויס און ברייט, און האבען ניט געגונג ארבייטסקרעפטען זי אויפצולעבען. דיזעס לאנד געהערט אויך ניט צו די פראנצויזען, וועלכע געפינען זיך דארט נאר צייטווייליג, אין'ם אויפטראג פון דער נאציאנען ליגע. אונזער נאטירליכער שוץ איז אונטער דעם פליגעל פון דעם [illegible] וועלכעס האט אונז געבראכט די בשורה פון אונזער באפרייאונג, וועלכעס האט מיט זיין בלוט באפרייט אונזער לאנד און וועלכעס האט [illegible] א י נ ע ר ב פ ה. די נשמה פון אונזער פארק. דער פארלאנג צו ציוויליזירען דאס לאנד פון אונזער האפנונג, אראפצונעמען פון איהר איהר שענדליכע ציערונג, [illegible] דעם חרמון און די [illegible] פון דעם ירדן, די האפנונג פון איהר צוקונפטיגער אויפבויאונג, דעם קוואל פון איהר באוואסערונג — דער פאַראַנג האט ניט קיין שום מאראלישע און פאליטישע באזיס.

יענע פיער קליינע פונקטען האבען געהאט די אויפגאבע ניט נאר זיך ווערבעט צו ראטען, נאר — און הויפטזעכליך — צו פארטיידיגען זייער פאזיציאן, די אידישע פאזיציאן. אין פארטיידיגען די אידען; צו פארטיידיגען און באוויזען, אז ניט נאר זיינען מיר נאך פעהיג פאר פראדוקטיווער ארבייט, נאר אז אין אונזערע אדערן פליסט נאך דאס בלוט פון די מאקאבעער; צו פארטיידיגען און באווייזען אז דער אידישער שווייס און דאס אידישע בלוט זיינען די אמת'ע גאראנטיע פאר דער צוקונפט און דער אויפבויאונג פון דעם אידישען לאנד.

און דריי פון די דערמאנטע פונקטען, די ארבייטער גרופען, נאטירליך, זיינען געשטאנען אויף דער הויך פון זייער אויפגאבע.

פון דר. באגען האט די דזשאינט דיס-טריביושאן קאמיטע געבטען געקראגען פאלגענדען ריפארט, וועלכע גים א קור-צען איבערזיכט איבער דער ברייטער קאנסטרוקטיווער הילפסארבייט, וואס איז אונטערגענומען געווארען פאר דעם יאהר 1920 אין פאליציען:

ווארשא, מאי 6. — אויף דעם יאהר 1920 איז אין גאליציען אונטערגענומען געווארען א ברייטע טעטיגקייט אויפ-צוהייבען דאס עקאנאמישע לעבען. די סומען, וועלכע זענען באשטימט געווא-רען פאר גאליציען, זענען ווי פאלגט:

דורך דער פארטיילונגס-קאמיטעט פון פארשטעהער פון גאנץ פוילען, און וועל-כען גאליציען איז פארטראטען, איז פאר גאליציען באשטימט געווארען אויף באר-רינגע הילף א זעקסטעל פון דער גאנצער ...

צו אלע אוקראינער לאנדסמאנ-שאפט פאראיינען פון דעטראיט!

כל דמי אחינו צועקים אלינו

שוועסטער און ברידער!

...

אידישע גראסערי לייטאויפמערקזאם

די הובערי ריטייל גראסערי אסאסיאיישאן, וועלכע האט שוין יעצט א גרויסע מעמבערשיפ, מיטעט יעדען דינסטאג א וועגט אין פארהאנדערט ווירטינע פראגען

קומט אלע צו אונזערע מיטינגס, אויף 228 וואטסאן סט. און

העלפט אונז זיך ארגאניזירען אויף א מעכטיגערען אופן.

עס איז יעצט באזונדערס וויכטיג צו באטראכטען מיטלען ווי אזוי צו באר-הערשען די קאנקורענץ פון די קריגערס, אטלאנטיק און פאסיפיק און די אנדערע סטארס, אויף דער איסט סייד.

א גאסט אין דעטראיט

הערר לעאן בלענק מיט זיין בארימטע טרופע וועט באזוכען דעטראיט בלויז פאר דריי טעג:—

פרייטאג און שבת אווענט, דעם 21טען און דעם 22טען מאי; און זונטאג (דעם 23טען מאי, מאטינע און אווענט.

פארגט נאך דעם „וועג“ פאר ווייטערע אנאנסען.

לעגדלאררס אויפמערקזאם

אויב איהר האט 6 — 8 — 10 — אדער 14 רומיגע הייזער צו פארקויפען, אדער צו פארדינגען (אויף א ליעס), בעטען מיר אייך איהר זאלט זיך זעהן מיט אונז, זיכער צו מאכען גוטע ביזנעס.

העררים און לאוים

481 ענטווין סטריט טעלעפאן טישערי 8054

בעקאנטמאכונג צו דעם אידישען שניידער טרייד

די קירשבאום און קא.

האט ערעפענט א פוירסט קלאס

וואולענס און טיילארס טרימינג סטאר

אין 975 הייסטינגס, קאר. ווארע ן עוו.

זיי-לאדען איין אלע אידישע שניידער צו בעזוכען זייער נייעם פלאץ. עס וועט זיך בעצאהלען.

אפען יעדען זונטאג — פון 8 פריה ביז 9 אבענד. שבת — פון 6 ביז 9 אבענד



ניו דעטראיט אפערא האוז

אסטראל'ן פון דעם שטענדיגען רוסישען טהעאטער פון
ניו יארק

מיט דעם אנטייל פון די ניט לאנג צוריקגעקומענע פון רוסלאנד ארטיסטען פון
מאסקווער טעאטער

ל. פ. באטאליאנא און ס. פ. טריאנאווסקי

צוזאמען מיט די דאמען: ע. יעווגעניעווא, א. לענער, א. מיכאילאווסקאיא און הערען: ס. ווערין, מ. סעווין, א. פאקא-טילאוו, ס. מאראקין און אנד., וועלען אויפטרעטען אין די פאלגענדע פיעסען:

מיטוואך אבענד, 19טען מאי

דער לעבעדיגער מת
ЖИВОЙ ТРУП

דראמא אין 12 בילדער פון בארימטען רוסישען שרייבער ל. נ. טאלסטאי
דאנערשטאג אבענד, 20טען מ

נא דניע | דער דנא |
На Днѣ

דראמא אין 4 אקטען פון דעם לעבען פון רוסישע באסיאקעס, פון מאקסים גארקי

אנפאנג: 2.30 ביטאג און 8.30 אווענד טיקעטס פון 50 סענט ביז $2.00

טיקעטס צו באקומען אין באקס אפיס.

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, P...

PRICE 3c. DETROIT, MICH., Thursday, May 20th 1920 Vol. 2, No 83 דאנערשטאג, מאי 20, 1920

לאנדאן באריכט אז גענ. ברוסילאוו האט ארונטערגעזעצט לענינ'ען

די. יו. אר. פארלאנגט 6ס קאר. פעיר.

ע. דזש. בוירדיק, אסיסטענט-דזשענעראל מענעדזשער פון די יו אר, האט נעכטען אין דער פריה געבעטען דעם היגען קאונסעל אן ערלויבעניש צו העכערען דעם איצטיגען „פעיר" אויף 6 סענט, אום די קאר קאמפאני זאל זיין בכח צו צאהלען די ארבייטער די „רייטס" פון 70, 73 און 75 סענט א שטונדע.

מר. בוירדיק האט ערקלערט, אז די אנגענעבענע סומען באקומען די קאר ארבייטער אין קליוולאנד און די די. יו. אר. האט איינגעשטימט צו צאהלען איהרע ארבייטער דעם זעלבען געהאלט (די ארבייטער פארלאנגען 95, 98 און 1 דאלאר א שטונדע).

מר. בוירדיק האט ווייטער ערקלערט, אז די קאר-קאמפאני וועט ערלויבען אקאונטענטס אנגעשטעלט פון דער שטאדט איבערצוקוקען איהרע ביכער, נאכדעם ווי די העכערונג אויף דעם איצטיגען „פעיר" און דעם ארבייטערס לוין וועט אריין אין קראפט.

ער האט צוגעשיקט א באריכט וועגען די פינאנצען פון דער קאמפאני אנגעוויזענדיג, אז דאס העכערען פון 1 סענט פעיר וועט דער קאר-קאמפאני אריינברענגען ארום דריי מיליאן דאלאר און דאס העכערען אויף דעם איצטיגען געהאלט פון די ארבייטער וועט אפקאסטען דער קאמפאני 2,668,000 דאלאר.

מר. בוירדיק האט ערקלערט, דאס באטש ער איז ניט אימשטאנד צו רעדען אין דעם נאמען פון דער יוניאן, דענקט ער אבער, אז א קאמפראמיס קען געמאכט ווערען אויף דעם פארשלאג פון דער קאר קאמפאני.

„מיר ווילען ניט אנמאכען קיין טומעל און מיר מיינען ניט צו סטראשען — האט מר. בוירדיק געזאגט — אבער מיר זענען בארעכטיגט צו דער פארלאנגטער העכערונג. אין 460 שטעדט אין די פאראייניגטע שטאאטען האט מען געהעכערט די פעיר און מיר מוזען דא טאן דאס זעלבע".

נאך דער פארזאמלונג האט מר. בוירדיק געזאגט, דאס ער איז ניט זיכער, צי די שטאדט וועט ערלויבען די העכערונג, נעבענדיג אנציהערעניש, אז די קאמפאני וועט אבער פארלאנגען אזעלכעס, ווענען וואס עס וועט זיך לאזען האנדלען.

„איך רעכן, אז דער קאונסעל וועט עפעס טאן וועגען אונזער פארלאנג — האט דער באאמטער פון דער די. יו. אר. געזאגט — אבער מיר וועלען ניט איבערקען אונזערע קארטען צו פריה".

דאגעגען האט קאונסילמאן וועדנא'ר זיך אויסגעדריקט, אז דער קאונסיל קען אין דעם ענין גאר ניט טאן, כאטש די קאמפאני קען זיך ווענדען אין געריכט און בעטען אן ערלויבעניש צו העכערען די פעיר.

זומאן לעגט אפ אויף צעהן טעג ווייטערדיגע אונטערהאנדלונגען מיט די. יו. אר.

די פארטרעטער פון דער יוניאן האבען נעכטען אווענט באריכטעט אויף א פארזאמלונג פון די קאר ארבייטער דעם פארשלאג פון דער קאמפאני צו צאהלען 70, 73 און 75 סענט א שטונדע, און דאס נאר דאן, ווען מען וועט איהר ערלויבען העכערען דעם איצטיגען פעיר. זיי האבען דאריבער רעקאמענדירט צו די פארזאמעלטע אפצואווארטען צעהן טעג, ביז עס וועט ווערען קלאהר דער רעזולטאט פון דער קאמפאני'ס פארהאנדלונג מיט'ן קאונסיל.

ערי סוירטמאן, דער ביזנעס אגענט פון דער יוניאן, האט ניט געוואלט דיסקוטירען דעם פארשלאג פון דער די. יו. אר.

לאנדאן, מאי 19. — די היגע צייטונג „דיילי מייל" דרוקט היינט א באריכט, אז גענעראל ברוסילאוו, געוועזענער הויפטקאמאנדיר פון די רוסישע ארמייען אונטער'ן צארישען רעזשים און שפעטער אונטער קערענסקי'ן, האט פארכאפט די העכסטע מאכט אין רוסלאנד און רעגירט איצט אנשטאט נ. לענינ'ס באלשעוויקען רעגירונג.

די צייטונג הייבט פון דיזען באריכט, אז די מיליטערישע קאמאנדע האט איינגענומען די באלשעוויסטישע רעגירונג, וועלכע האט זיך ביז איצט געפונען אין ציווילע הענט.

דער קראנג אז גענעראל ברוסילאוו האט איינגעפיהרט א מיליטערישע דיקטאטור און אז געגען די סאוועטען האט זיך נאך רעכטע יואך פארשטארקט. פון מאסקווא איז דיזער קראנג אפגערייזעט געווארען. איך האט גלייך ארויס די באלשעוויסטישער האנדעלס מיניסטער, וועלכער געפינט זיך איצט אין קאפענהאגען, ענטשיידען אפגעריינט און די בארעכטיגונג פון די פראנטען וואו די רייטע ארמיי באקעמפט דעם פוילישען אנגריף.

ווינער אבער ראבינער פראטעסטירט געגען בלבול פון אונגארישע אנטיסעמיטען

— וויען.

דער היגער אבער־ראבינער הר"ר חיות האט דעפעשירט צום אונגארישען פרעמיער און צום אונגארישען יוסטיץ-מיניסטער, אז עס איז הורבאוים ליגען, דאס ראבינער לאוו פון שעגעדין האט איהם געבעטען צו ארגאניזירען אין ווין אנטי-אונגארישע דעמאנסטראציעס צוליעב דעם וואס אונגארן באהאנדעלט שלעכט אידען. ראבינער חיות ערקלערט אין זיין דעפעשע, דאס ער האט קיינמאל ניט אזא פאדערונג ערהאלטען פון ראבינער לאוו.

אבער די אונגארישע אנטיסעמיטען הוקען ניט אויף דיזע הכחשה פון הר. חיות, און זיי פאדערען דאס מען זאל ראבינער לאוו הענגען. די אידישע קהלה שעגעדין איז שוועהר באשטראפט געווארען מיט געלד צוליעב דעם בלבול אויף זייער ראבינער, און דאס געלד איז איבערגעשיקט געווארען אין דער ארמייע.

אין אידישע פרעסע מיט דעם נאמען נאדאן איז ערמארדעט געווארען פאר פראטעסטירען עפענטליך געגען דעם ראמען.

ארעסט פון ראבינער לאוו.

אבער טראץ די אלע פארפאלגונגען האט זיך די קהלה פון שעגעדין ניט אפגעשרעקען און פיעל אידען האבען געטראגען צייכענס פון אבלות צוליעב דעם ארעסט פון זייער ראבינער. און אויף פיעלע אידישע געשעפטען איז ארויסגעשטעלט א טרויער שילד.

ראבינער לאוו איז ארעסטירט געווארען אויף דער באשולדיגונג דאס ער האט אין אן אינטערוויו פאר אן אויסלענדישע צייטונג פאר'מסר'ט אונגארן פאר דער וועלט, אז זי פיהרט זיך אויף בארבאריש געגען אידען און דערמיט געשעדיגט איהר פרעסטיזש. ראבינער לאוו האט געלייקענט דעם בלבול, אבער די אנטיסעמיטען ווילען זייער קרבן ניט אפלאזען, און אלע טאג טראכטען זיי צו נייע בלבולים, אום צו בארעכטיגען דעם ארעסט און צו נקמה זיין זיך אין דעם ראבינער.

דער פראטעסטאנטישער בישאף פון דעברעצין, אונגארן, האט אנגעפאנגען א קאמפיין געגען די אנטיסעמיטישע פאגראמען.

אויף דעטראיטער גאסען

נעכטען פריהמארגענס האבען גנבים איינגעבראכען א פענסטער אין דער וואוינונג פון מר. סעמועל מענדעל, פון 750 לעלאנד עוו., זיי האבען אלע צימערן דורכגעשנאפערט און זענען אוועק מיט אנגערויבטע ציהרונג און פאר אויף דעם ווערט פון 1.461 דאלאר.

* * *

דאס דריי יעהריגע מיידעלע, מערי מילאני, פון 535 הענרי סטריט, האט געוואלט דורכגעהן העריסאן עוו. און אן אטאמאביל איז זי בשעת מעשה איבערגעפאהרען, זי איז שווער פארוואונדעט געווארען אין קאפ.

* * *

ריטשארד וואודס, 30 יאהר אלט פון 422 האנקאק סט., איז דינסטאג ארעסטירט געווארען אין 5 מינוט ארום, ווי ער האט געמאכט א „האלדאפ".

וואודס איז אריין אין פאקעטשאפ פון מאריס זאגעט אויף 200 בראש סט., און אויסשיסענדיג צוויי מאל האט ער דעם איינענטימער באפוילען „הענט ארויף!" מר. זאגעט האט נעביך געמוזט פאלגען דעם באנדיט'ס באפעהל. וואודס האט דאן ארויסגענומען 5 דאלאר פון דער קאסע און ארויסגעלאפען. דאן האט מר. זאגעט געמאכט קולות, וועלכע פאטראלמאן מעקניט האט דערהערט, און נאכלויפענדיג דעם באנדיט האט דער פאטראלמאן איהם פארהאלטען.

* * *

פרעד מעקאלאו, 28 יאהר אלט, פון 431 בוביען סט., איז ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון מאכען א פארזוך צו צו'גנב'נען אן אטאמאביל, אנגעבענדיג זיך אלס דעטעקטיוו.

פאסירט האט עס אויף פאלגענדען אופן:

וויליאם נ. ווארין און זיין פרוי פון גראס פאינט זענען ארויס פון א טעאטער און זענען צו צו זייער אטאמאביל. זיי האבען דערזעהן מעקאלאו'ען זיצענדיג אין אטאמאביל און האבען געפרעגט: היתכן? מעקאלאו האט זיי געענטפערט, אז ער איז א שטאדטישער דעטעקטיוו און ער האט א פארדאכט, דאס דיזער אטאמאביל איז א גע'גנב'טער.

מר. ווארין דערצעהלט, דאס ער האט דעם „דעטעקטיוו" פארגעלעגט, אז ער זאל מיט איהם צופאהרען צו דער הויפטקווארטיר פון דער פאליציי, וואו ער וועט באווייזען, אז ער האט זיין אטאמאביל ניט גע'גנב'עט. אונזער „דעטעקטיוו" האט דעם פארשלאג אנגענומען, אבער ווען ער איז אנגעקומען צו מאנראו עוו. און קעדילעק סקוו., איז ער פלוצים ארויס פון אטאמאביל און געמאכט „פליטה". מר. ווארען האט איהם נאכגעיאגט און נאך איהם נאך פיעל אנדערע פארבייגעהער. אויף בייטס סט. האט פאטראלמאן שעפארד פארהאלטען דעם אנטלויפענדען „דעטעקטיוו" ווען מ'האט איהם באזוכט האט מען געפונען 5 אטאמאביל שליסלאך און „לייסענס" אויף קארס.

פארזאמלונג פון בית יתומים

דינסטאג מאי דעם 25טען פונקט 8 א זייגער אין אווענט וועט אין דעם שול בית יעקב, מאנטקאם סט. פארקומען א פארזאמלונג פון בית יתומים צו ערוועהלען נייע באאמטע.

יעדער מיטגליעד איז געבעטען אומבאדינגט צו זיין אנוועזענד אויף דער קומענדער פארזאמלונג. אויך זענען איינגעלאדען די וועמען אזא אינסטיטוציע איז נאהענט צום הארצען.

צוליעב געוויסע אורזאכען קען מען צו אלע קיין לעטערס ניט שיקען און מיר בעטען דארום צו לייענען די שטאטישע פרעסע.

די פארוואלטונג פון בית יתומים.

באנדיטען זאגען זיך מודה אין רויבעריי אין 18,000 דאל.

נעכטען בייטאג האבען די צוויי באנדיטען, וועלכע האבען דעם 29טען אפריל אין דער פריה בארויבט דעם פאונשאפ אויף 73 וואודווארד פון דימענטען אויף דעם ווערט פון 18,000 $ זיך מודה געווען אין דעם געוואגטען האלדאפ.

די צוויי „בחורים" זענען: סייד לעם — אדער סעם ליוויי — 20 יאהר אלט פון 496 בראש סטריט, און סעם גאלד — אדער „סקאטי" — 28 יאהר אלט פון 237 הורבי עוו. איסט, א סיילסמאן.

דאס מודה זיין זיך איז פארגעקומען אין אפיס פון אסיסטענט פראסעקיוטאר, דזשעראדש ק. סייערס.

דער „האלדאפ" וואס דיזע צוויי יונגע לייט האבען געמאכט דעם 29טען אפריל איז געווען איינער פון די סענסאציאנעלסטע. די באנדיטען זענען יענעם טאג, 8:30 אין דער פריה אריין אין דעם פאונשאפ פון קרעל אנד סטאון אין דער צייט ווען היו פינלי, א קלוירק, האט געהאלטען ביים עפענען דעם סייף. איינער פון די באנדיטען האט איהם מיט א רעוואלווער געצוואונגען אריינצוגעהן אין א הינטער צימער און דער צווייטער האט גענומען פון דער סייף אלץ וואס ער האט נאר געוואלט און געקענט. ווען זיין „מלאכה" איז פארטיג געווארען, האט ער זיין חבר א רוף געטאן און די ביידע „בחורים" זענען נעלם געווארען.

לעצטען מאנטאג אווענט זענען לעם (ליוויי) און גאלד ארעסטירט געווארען דורך דעטעקטיווס, לויט אינפארמאציע וועלכע איז צוגעשטעלט געווארען פון צוויי ספעציעלע דעטעקטיווס, דאנאעען און גרידאן. די לעצטע האבען פון ערשטען טאג אן פון דעם „האלד אפ" נאכגעפארשט און אונטערזוכט, ביז זיי האבען ערשט לעצטען מאנטאג זיך דערוואוסט, ווער די באנדיטען זענען געווען.

ליוויי און גאלד האבען בעת דעם ארעסט געלייקענט, אז זיי האבען דאס שטיקעל ארבייט אפגעטאן, אבער ווען דער קלוירק פון פאונשאפ האט זיי דערקענט, האבען זיי אויסגעזאגט דעם אמת.

לויט דער פאליציי, האבען די צוויי באנדיטען ערקלערט, אז דער אנפאל איז געמאכט געווארען מיט דער הילף פון א דריטער פערזאן. יענע פערזאן האט מיט צוויי טעג פאר דעם אנפאל „אפגעשטאט א וויזיט" אין דעם פאונשאפ און האט באקומען אינפארמאציעס, וואו די דימענטען געפינען זיך.

נאך דער ראבעריי, דערצעהלען די באנדיטען, זענען זיי אוועק אין א צימער אויף איסט דזשעפערסאן עוו., וואו זיי האבען זיך מיט דער דריטער פערזאן צוטיילט די גנבה. יעדער פון זיי האט דערנאך זיין חלק פארקויפט פאר 1200 דאלאר.

לעם איז פון טאראנטא און ער זאגט, דאס ער איז גלייך נאך דעם אנפאל אהין אוועקגעפאהרען. ער איז דא צוריקגעקומען מיט איינינע טעג צוריק.

היינט וועלען זיי ווערען אנגעקלאגט אויף דער קלאגע פון א באוואפענטער רויבעריי.

ווינדזארער אטאמאביל דרייווער פאהרט אין טייך און פארשווינדט

נעכטען 2:30 בייטאג האבען צושויער בייגעוואוינט פאלגענדען אומגליק אין ווינדזאר. אן אטאמאביל איז אנגעקומען פון סענדוויטש סטריט אויף פערי סטריט און האט זיך אראפגעלאזט גלייך אין דעטראיט ריווער.

ווי די מענשען וועלכע האבען עס צוגעזעהן דערצעהלען, אי דער אטאמאביל געפאהרען ניט שנעל, אבער דער דרייווער, ווייזט אויס, האט ניט געקענט קאנטראלירען די מאשין און ער איז מיט איהר אריין אין טייך. די צושויער זענען ניט זיכער, צי אין אטאמאביל איז נישט געווען נאך איינער, א חוץ דעם דרייווער.

די ווינדזארער פאליציי האט מעהר ווי א שטונדע נאכגעזוכט אין דעם טייך און איהר איז ניט געלונגען צו געפינען דעם אטאמאביל, אדער דעם קערפער פון דעם דערטרונקענעם.

אינ'ם שבועות - נומער „וועג"

אין אונזער שטאדט איז איצט פאראן א חשוב'ער גאסט, ד ר'. ר א ב י ק א פ ל ע נ ד ע ר, געשיקט אהער פון דער ישיבת ר' יצחק אלחנן. די דעטראיטער אידען קענען איהם שוין פון זיינע פיעלע געלונגענע, באגייסטערנדע רעדעס, וואס ער האט דא געהאלטען אין פארשידענע שולען און אויף פארזאמלונגען. ראבי קאפלענדער איז אבער אויך א פליסיגער שרייבער, אט ווי די לעזער וועלען זיך איבערצייגען פון זיין ארטיקעל „דער אלזייטיגער חג הבכורים" וואס ערשיינט אין מארגענדיגען נומער, געשריבען ספעציעל פאר'ן „וועג".

„מתן תורה" — א פרעכטיג שעהן ליעד פון דעם גרויסען אידישען דיכטער מ א ר ר י ס ר א ז ע נ פ ע ל ד.

אונזער פעליטאניסט א. א ל מ י געדענקט במעט אלצדינג וואס ס'איז פארגעקומען ביים בארג סיני און ער באשרייבט דאס פאר די לעזער פון „וועג" אונטער'ן נאמען „מתן תורה דיקטאטור".

אויף אן עכט הומאריסטישען משה נאדיר'דיגען אופן דערצעהלט משה נאדיר ווי אזוי דער רבונו של עולם האט די אידען געגעבען די תורה.

א זעהר שעהנע יום-טוב ערצעהלונג פון היימישען לעבען, געשילדערט זעהר לעבעדיג פון י. ר י י ז פ ע ד ע ר, מיט'ן נאמען „א האלבע קווארט מילך אויף שבועות".

א קאלום הומאריסטישע „שבועות שפריצען".

„לא תרצח" איז דער נאמען פון א שטארקען שטימונגס ליעד ארטיקעל, געשריבען פון ב. י. ג א ל ד - ש ט י י ן.

ווארום „זמן מתן תורתנו" און ניט „זמן אכילת בלינצעס"? — דיזע פראגע נעהמט ר' ב ר ו ך ל צום אפשטיכען אין זיין שבועות'דיגען פעליעטאן.

אום שבועות לייענט מען „מגלת רות" — ב. י. ג—ן אין זיין לעצטען פיידזש עדיטאריעל ערקלעהרט ווארום דיזער מנהג איז איינגעפיהרט געווארען.

פיעלע אנדערע יום טוב'דיגע און ציים ארטיקלען וועלען געדרוקט ווערען אין מארגענדיגען נומער „וועג".

באארד אוו דעפיוטיס געגען רעפארטירען רוסישע בירגער.

לאנדאן — ביי א מיטינג פון דער אידישער באארד אוו דעפיוטיס איז פארהאנדעלט געווארען די פראגע צו פראטעסטירען געגען דעם, וואס איינגעוואנדערטע אידען ווערען ארויסגעשיקט פון ענגלאנד. איינע אנוועזענדע האבען זיך ארויסגעזאגט געגען דער איצטיגער פאליסי פון דער ענגלישער רעגירונג אין באצוג צו די פרעמדע אידען.

אויף דער זעלבער פארזאמלונג איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע אין וועלכער די ענגלישע רעגירונג ווערט באדאנקט פאר דעם סאן רעמא'ר באשלוס.

צוויי דערהרג'עט אויף היגע גאסען פון אטאמאבילען

מעריא מעקאיווערס, 27 יאהר אלט, פון 273 בט. רוזשאן עוו., איז דינסטאג דערהרג'עט געווארען, ווען אנסטין וויקערי האט איהם איבערגעפאהרען מיט א מאטאר טראק פון דער קינג מאטאר קאמפאני.

דער עקסידענט האט פאסירט אויף רוזשפעלפסאן עוו. וויקערי איז פארהאלטען געווארען אויף צוויי טויזענד דאלאר באנדס.

דאבערט בערענסקי, פיער יאהר אלט, פון 3?? שערהארד עוו., איז געשטארבען אין זיין פאטער'ס ארעמס, גלייך נאכדעם ווי א מאטאר טראק איז איהם איבערגעפאהרען. ווי מ'ניט איבער האט זיך דער קליינער דאבערט געוואלט נאכהיינגען נאכ'ן טראק און ער איז ארונטערגעפאלען אונטער'ן טראק. ווען דער פאטער האט איהם אויפגעהויבען צו זיך אויף די הענט, איז דאס קינד געשטארבען.

מיטינג פון פופצעהנער קאמיטע פון „וועג" היינט אווענט

היינט דאנערשטאג אווענט, וועט אין אפיס פון „וועג" פארקומען א מיטינג פון דער פופצעהנער קאמיטע פון דער „וועג" אסאסיאיישאן. פיעל וויכטיגע פראגען זיינען דא אויפ'ן טאגעס-ארדנונג.

דער מיטינג וועט זיך אנפאנגען 9 א זייגער פונקט.

שטרענגע שטראף געגען אטאמאביל דרייווער באשלאסען

נעכטען איז אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ, אויף וועלכער עס זענען געווען פארטראטען די היגע פאליציי, ריכטער פון מוניציפאל קאורט און דער פראסעקיוטאר כ. ה. בישאפ, וועגען אננעהמען מיטלען געגען די פיעלע עקסידענטען, וועלכע פאסירען צו אפט אין דעטראיט דורך אטאמאבילען, מאטאר טראקס און ה. ג.

עס איז באשלאסען געווארען, אז פון היינט אן זאלען די דרייווערס, וועלכע וועלען דורך אונפארזיכטיגען פאהרען פאראורזאכען אן עקסידענט, כמעט ערזין ווי לייכט, זאלען זיי באשטראפט ווערען מיט געפענגעניש. און אויב די אומשטענדען וועלען עס פאדערען, זאלען זיי אפילו אנגעקלאגט ווערען אויף „אומגעגרינגען מארד". די וועלכע וועלען געפונען ווערען שולדיג אין פאהרען אומפארזיכטיג, וועלען באראבט ווערען פון זייערע „דרייווערס לייסענס" אויף א יאהר צייט.

דער סך הכל פון דער'הרג'טע פאר דיזען יאהר. אויף די היגע גאסען דורך אטאמאבילען און מאטאר טראקס האט נעכטען דערגרייכט 85. לעצטען יאהר איז דער צאהל פון דער'הרג'טע און פארוואונדעטע אויף די היגע גאסען געווען 4000.

וויליאם פ. רוטלעדזש, סופעראינטענדענט פון דער היגער פאליציי האט ערקלעהרט, אז א ביורא פאר עקסידענטען-אונטערזוכונג וועט גלייך איינגעפיהרט ווערען אונטער דער אויפזיכט פון הערי דזשעקסאן. די ביורא וועט אנשטעלען ספעציעלע פאטראל לייט, וועלכע וועלען זיך אפגעבען מיט צוזאמענקלויבען באווייזע און אזעלכע עקסידענטען.

אויסער דעם וועט א ספעציעלער געריכט אויסהערען דיזע קלאגע. דער געריכט וועט זיצען פיער טעג אין וואך.

מר. רוטלעדזש האט ערקלערט, אז פון איצט אן וועט מען זיך שטרענגער באגעהן מיט די פערזאנען, וועלכע וועלען אומפארזיכטיג אנטרייבען זייערע אטאמאבילען. דערביי האט ער איבערגעגעבען פאלגענדען אינצידענט מיט א פרוי פון מט. קלעמענס. איהר אטאמאביל איז איבערגעפאהרען א קליין אינגעל און איהם געטייטעט. ווען מען האט זי פארהאלטען, האט זי פראטעסטירט געגען דעם, זאגענדיג אז זי איז איינגעלאדען אויף א „מאהלצייט" און וויל ניט פארשפעטיגען.

ציון דעמאנסטראציע באגייסטערט וויענער אידען

וויען. —

דא איז אפגעהאלטען געווארען א ריזיגע ציוניסטישע דעמאנסטראציע, אויף וועלכע עס זיינען ... אנוועזענד עטליכע טויזענד ... באגייסטערנדע רעדען ... געהאלטען געווארען פון ... ד"ר. חיות, דעפוטאט ... ד"ר. שטריקער און ד"ר. לעווין.

ד"ר לעווין האט אין זיין רעדע געלויבט די ארבייט פון די אמעריקאנער ציוניסטען.

די פארזאמלונג האט געשיקט באגריסונגען צום ענגלישען פרעמיער לויד דזשארדזש, צו ד"ר. חיים ווייצמאן און סאקאלאוו אין לאנדאן, און צו דזשאסטיס בראנדייס און דזשאדזש מעק אין אמעריקא.

אונטער די וויכטיגע געסט ביי דער דעמאנסטראציע זיינען אויך געווען דער ענגלישער הייקאמישאנער אין עסטרייך, דער פראנצויזישער קאונסיל און דער פויילישער אמבאסאדאר.

יעקאטערינאסלאווער שליסען זיך אן אין אוקראינער פארבאנד

מאנטאג אווענט, דעם 17טען מאי, האבען די יעקאטערינאסלאווער לאנדסלייט אפגעהאלטען א רעגולערע פארזאמלונג אין לייבאר ליסעאום. צווישען אנדערע פראגען אויף דעם טאגעס-ארדנונג איז געווען דער באריכט פון דעלעגאטען פון אוקראינער פארבאנד. אויסהערענדיג זייער באריכט ווערט באשלאסען אנצושליסען זיך אן אוקראינער פארבאנד.

Public Library 42nd and 5th Ave.

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

ווער זענען די אוקראַינער אידען?

ווער זענען די אוקראַינער אידען?

ווער זיינען די די יעניגע אידען צו וועמעס אימליק די גאַנצע אידישע וועלט איז אזוי פאַרבעטעריש טיב און רעטראַיט איז פשוט שטיין־האַרציג און ריהרט זיך נישט, באַטש ברענגט אחרעציפירהען א אידישען חרוב פון אוקראַינע און פער מיט איהם אים צווישען די דעם ראיט׳ער אוקראַינער אידען. אפשער וועט זייער האַרץ זיך באַוועגען, אפשער וועלען זיי ווייטער וועלען און עטוואס טאָן לטובת יענע אומגליקליכע — אז, איער ווינען זיי אט יענע אוקראַינער אידען, וועמעס לייראן מען באַשרייבט אין די בר עטער, וועמעס פיין מען פאַרשרייבט מיט שרעקעדע פראוען און — דערמיט ענדיגט זיך עס, ליידער.

ווער זענען זיי?

[illegible]

און דער קעניג איז נאַקעט

פון מאיר גראָסמאַן

[illegible]

דער קעניג איז נאַקעט...

די פראַגע איז בלויז, צי מען וועט וואַגען אפען צו זאָגען, אז: — דער קעניג איז נאָר נאַקעט...

דעטראָיטער שפּיגעל

פון הרואה ואינו נראה

אמת׳ע מעשיות טרויעריגע און קאָמישע פאַסירט אין דעטראָיט׳ער אידישען קוואַרטאַל

עקדת יצחק

[illegible]

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאאיעוויטש

CLASSIFIED

רומס פריי. א יונג קאפעל, וואס וויל אכטונג געבען אויף א מיידעלע פון 7 יאהר, קען האבען א רום, גאז און עלעקטריק פריי און אויך פריווי־לעדזש פון קיטשען און דיינינג רום. פרעגען שבת, אין 1196 סט. ענט־ווין, אפארטמענט 19.

יין לקדוש ולהבדלה, די בעסטע געלעגענהייט צו באקומען כשר וויין איז זיך ווענדען צו מר. שקלאר, 244 פארנסווארטה. גארטווע־ 2006 דאבליו.

פארלאנגט א דרייווער פאר די ליי־בערטי וועט וואס לאנדרי. מוז געבען 200 דאלאר סעקיורעטי. אין ריכטי־גער מאן פאר דעם ריכטיגען דושאב. זיך מעלדען אין 374 האסטער עוו.

באקאנטמאכונג

די סילווער לעדער קא., 578 דושאז. העמפא, קויפט פארשידענע זארטען לעדער און אימיטיישאן לעדער. אויך אלטע לעדער און ראבער בעלטינג. ספּעציעל ווענן מיר פאראינטערעסירט אין נייע סעלאלאיד בקרעפ; מיר צאהלען 65 סענט א פונט.

פארנעסט ניט אונזער טעלעפאן נומער: מעלראז 4610.

Real Estate

לענדלארדס און פראפערטי אינוועסטמענט

לאזט זיך ניט נארען, זייט פארזיכטיג בעפאר איהר קויפט סעמענטענע פאר־בעדזש אדער רעסעפטיקאל, דיטשדיס קאנקריט מאנופעקטשורט. דייאנסטאנד רעסעפטיקעלס צעגיינט איז געסיינט מיט ווייער, יועט נעווילט צופאלען און וועט זיך ניט שפאלטען פון פראסט. מיר גאראנטירען ביליגער און פריוז, בעס־טע און קוואליטי. **ה. מ. קאפפמאן,** 296 האנקאק איסט. טעלעפאן מעלראז 3595 וועסט. טשערי 1472. פרייע אינ־סטאלירשאן.

קויפט פון דעם אייגענטימער! א בינגער הויז פון 4 לייווינג רומס און 4 בעד־רומס, מאדערנע צו דער מינוט, אין 219 ראזדאר דאודס. פאר־טען צום אפאינטמענט א קריגע איינ־צאהלונג. רופט העמלאק 216 „עס". (23)

קאפלאנ׳ס בארגיין סטאר

483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאל נעגרע, ליינס:

קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטין גודס. פערשידענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, טייר טענס; טייבעל קאווערס; שעמס און סקארפס; קאמפליט ליין אין ליידיס פענ־סי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אנדערוועהר.

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און ווייס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

שעבטער׳ס דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.

טעלעפאן, טשערי 5763

פיזישיענס פריסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט

צו יעדער צייט

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער אייגער דארף וויסען: אז אייגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע האפּטשמערצען אדער נערוועזיטעט, ראן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפּטאמעטריסט, ער וועט אייך אויסרעכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען.

בין ביקס צוגעפאסטע ברילען וועט **אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראָבעלס.** נעהט צו אייער גוט באקאנטען

Frosh O. D.

אפטאמעטריסט

אין 204 קלינגע׳ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגען די עהרליך׳ס דזשועלרי סטאר.

(פארטזעצונג)

ווען חנה איז ארויס מיט ניימאן׳ען אויף דער גאס, האט זי איהם א כאפ געטאן געארעמט און מיט א שמחה איהם א זאג געטאן: — „איהר ווייסט, ניי־מאן, איך האב אן איבערראשונג"...

— וואס?

זונטאג זאלט איהר דריי א ווינער זיין פריי. מיר׳ן געהן...

— טאקע! — איז ניימאן געווארען איבעראשט — זונטאג... זונטאג... וואו־הין וועט וועלען מיר געהן?

ניימאן האט נאך ניט געדענקט וואס פאר א פּבר ער האט, אמאל געקראגען רעדפאר וואס ער איז יענעם ערשטען זונ־טאג ביי זיי געווען. פקענט ער שוין אום זונטאג ריין מאל נישט קומען צו זיי.

עס איז געבליבען אז דעם זונטאג וועט מען צוזאמען גיין שפאצירען; מען וועט ביימאן הערען א רעקציע. מען וועט געהן צו א „מאווי". אדער אפשר וועט זיין א האנצערט אין ראי — נאך איין מאל אין פארק — האט רעכטע מאל.

וואס חנה׳ן האט איצט מיר׳א׳דיג פאר־האבען אין, ריכטיג איצינד, אום זונטע־אין נישטא קיין אפערא. זי האט זיך פארגעסטערט אז אפערא דארף זיין א גענויער פארנעמונג, אט ווי עס שרייבט זיך אין די צייטונגען.

* * *

אזוי האט חנה פארבראכט די קורצע וואך מיט ניימאן׳ען.

ניימאן האט גאנץ אנדערש אויסגע־זעהן הנה׳ס באציהונגען. ער איז גע־ווען ווי יענער וואס טרינקט זיך אין באפט זיך אן, און יעדער שלוקיעריע וואס שטייגט פארבייט! געזעהנט האט ער, אז חנה׳ן האבען זיינע רייד גערידט און זי האט איהר באשיט איינגעגעבען, אז אפשר האט זי נאך אין איהם איינגעפ־נען אויגנס, וואס זאל איהם באריבטן מאך טען ביי איהר.

עס האט זיך ביי איהר לייקבט א גע־דאנג, אז ער וועט טארע זיך געהמען נאמען א גרויס יעצט. עס האט זיך ביי איהם איז מיר געזאגט און געפאנ־גערט א רייבער מאטעריאל, א גייבער ביזשעט און שטארקע דאגדרונגען. ער האט נאך אליין נישט געוואוסט וואס איז ווען. ער האט נישט געוואוסט פון וואס דער מאטעריאל באשטעהט. און וועלכע פארב ער וועט אנגעלטען, און אז וואס פאר א געשטאלטען די טיפען און זייער אוגדרונג וועלען זיך פארדערפערען. ער האט ניי געפילט אז עס וואכסט זיך ביי איהם א מאטעריאל, א טיש מאש פון איינען, פון בילדער, פון בצוגרעס וואס

וועלען א סך פאפיר פארנעהמען, ווען ער וועט זיי אלע אנהייבען ביסלעכווייז פון מארך־שטובעל פון זיין פאנטאזיע ארויס־ציהען.

עס וועט אגרויס ווערק זיין! אזוי האט א געפיהל, א פארבעהאלטענער איהם אינטערגעזאגט.

מיט יעדען טאג וואס ער האט מיט הנה׳ן פארבראכט, געזעהן איהר תנאה פון איין, וואס ער האט איהר געצייגט, געהערט איהרע ווייבע רייד צו׳ן איהם, מיט יעדען טאג ווען ער איז פון איהר אינטער׳ן איהם געפּיהרט געווארען; וויל זי האט איהם צעטליך איבער דעם האפ געגעבען — מיט יעדען טאג איז ער ווי־בערער געווארען. אז ער וועט שאפען א גרויס ווערק יעדען טאג איז ביי איהם די אמונה שטארקער געווארען. חנה׳ס נייע באגעגענונג און איהר ליבע באציהונג צו איהם האט אנגעזאגט זיין האר׳ן מיט האפנונג.

* * *

יענעם זונטאג ווען ער האט בין דריי א ווינער באראטען געווארטען, האט ער זיך אין גאנצען פריה מארגען געפוצט און

נעגרייט און געצעהלט די שטונדען, נאכ־דעם די מינוטען ווען עס וועט שוין דריי א זייגער זיין.

און אום נישט צו ליידען פון די אנגע־שטרענגונג פון אנגעדולט, האט ער זיך שוין גענומען אנוואפען אויף פאפיר א צייכ־נונג פון דעם וואס ער האט בדעה צו שאפען מיט א פאר טעג שפעטער. — אט — האט ער געטראכט — לאמיך זעהן, ווי אזוי עס וועט זיך שרייבען...

ווען ער האט די פען אין האנד גענו־מען, האבען זיינע געדאנקען ווי בוואליעס אין אן אומרוהיגען טייך זיך גענומען רייסען, יאגען און טרייבען איינס דאס אנ־דערע. פלענער א סך און פארשידענע האבען זיך געוואוסט און זיינען אלע מאל רעטערונקען געווארען פון א מאסע אנ־דערע, וואס האבען זיך ווי א ווינט גע־יאגט.

(פארטזעצונג פאלגט)

לעזט דעם „וועג"

צו פארדענטען בינעם — **נייע סטארס**

דארנער איין מישען סט. און טראמ־בריו, נייע מאדערנע סטארס. א גוטער געגענד פיר א דראגסטאר.

טעלעפאנירט מר. מאסעט. מעין 5479

982 דייטש באנק בילדינג.

צו פארדענטען בינעם — **אפיסעס**

פון דער נייער בילדינג אויפ׳ן דארנער מישען פון טראמבולי סט. 7 צוויי רום סוטס מיט א גרויסער ווייטינג רום. אייס־צעיבענטער געגענד פיר א דענטיסט.

טעלעפאנירט מר. מאסעט מעין 5479

982 דייטש באנק בילדינג.

פארקויפען ביזנעס פראפערטי — 650 מאק עוועניו

550 פער עיר 130 פיס מיט א 6 רום ראטעדזש. דער פיסט 2 סטריטס. 1,000 קייפעד האבען איינצאהלען $6,000 זיך פרעגען מר. מאסעט טעל. מעין 5479

982 דייטש באנק בילדינג.

צו פארקויפען לאט — 45 ביי 100

איסט גרענד בוליוואר בעטווין טראמ־בריו און פרעט סטריט.

גייבער באדוין פיר שנעלען דייפער. זיך פרעגען מר. מאסעט טעל. מעין 5479

982 דייטש באנק בילדינג.

געלט קיין איירָאפא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראפ איז דורך דער

פיפעלס רעליעף

וועלכע איז א ברענטש פון דער דזשוינט דיסט. קאמיטע. די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.

פיפעלס רעליעף קאמיטע

490 הייסטינגס סטריט

קעדילאק 2061

ראזענפעלד׳ס רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען רייניליכקייט און גוטע באהאנדלונג.

30 מארבעל וואנעס — 2 כשרה מקוואות

שאור בעטהס — פרייע קאטס אויף צום רוהען

16 פריוואט רומס פאר יענינע וועלכע וועלען נעכטיגען.

א פראכטפולער לאנטש קאנטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקע צו יעדער צייט.

שווין פאר פרויען יעדען מיטוואך, מיט דער מיטווירקונג פון אן עקספערט מאסאזשיסטקע.

1846 אלפרעד סטריט, נ׳ע. אנטאין, טעלעפאן טשערי 6190 דאבליו.

דר. ה. סטאריקאף

ד ע נ ט י ס ט

דער פּלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.

490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלוועס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס נייע און געיוזטע. פרייזען מעסיגע. ארענטליכע בעהאנד־לונג. 2 סטארס.

רעליעבל סטאר פיקטשור קא

305 גרעשיאט עוועניו

טעל. קאדילאק 2445

277 מישיגאן עוועניו

טעל. קאדילאק 4924 עס.

דער בעסטער מוהל און שטאט און מסדר קידושין זון דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט

טעלעפאן, מעין 4420

Bricker Bros

75 Grand River

Cherry 3718

FURS

איהר קענט איצט קויפען ספרינג פוירס אויך פויר קאוטס פאר פרייזען וואס וועלען זיך ראובלען אין פאל סיזאן. קומט אריין און באקענט זיך מיט אונז

בריקער בראס.

רעוו. ל. ד. רייכלין פון אהבת אחים שוהל

(אוקלאנד)

נעמט אן **סדור קדושין** און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עופרידענהיים.

511 קעמעראן עוועניו

טעל. העמלאק 1130 דאבעליו

ווילט איהר סיזוען 30 פראצ.?

ביי קויפען אייער פוירניטשור, סטאוו־וס, בעדינגס, פאנאגראפס און לעמפס

— ראן קומט צו די —

Standard Furniture and Store Fixture Co.

מיר האבען א קאמפליט ליין פון אלעס וואס איהר דארפט פאר אייער הויז

קעש אדער קרעדיט

628 גרעשיאט עוו. — מעלראז 4985

ווילט איהר אייערע **שלעסער, שליסלען קארפענ־טער־גענגען, טולס און אנדערע ארבייט** גוט געמאכט און גאראנטירט? טו קומט צו

מ. ראמניטץ

245 מאנטקאלמסט.

וואָרע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס

ספּעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס

מאקס ראזינסקי

853־855 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

Vienna Sausage Mfg. Co.

Hygeia Beef Sausages

1215-1217 S. Halsted St. Chicago.

אונזערע **דעטראיטער אגענטען** זיינען **דזשיי לעפקאווסקי און סאנס בראדוויי מארקעט**

לאיער מתתיהו ליסס האט גע־עפענט א ברענטש אפיס פאר די אווענ־רען אין 325 וויעסטמינסטער סט. טעל העמלאק 533 דאבליו ראן מאון אפיס. 928 טשעמבער אף קאמערס בלדג. סטייט און גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978

מאושען־פיקטשור אפרייטארס

לערענט זיך פאר לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע ווידזשעס. קוואליפיקיישאן גאראנטירט.

Movie Operator's School

33 Sproat St

מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

גיט אייערע קינדער א מאדערנע אידי־שע ערציהונג שיקט זיי אין דער מענ־דעלע פאלקס שולע 204 איסט הענ־קאק. עס ווערען געעפענט נייע קלא־סען פאר אנפאנגערס, אויך שילער פיר די העכערע קלאסען, אין שולע לע־רענט מען אידיש העברעאיש, געשיכ־טע און ליטעראטור. די שולע איז אפען יעדען טאג פון 4 ביי 7 זונטאג פון 9 ביז 12.30

באקאנטמאכונג

רעוו. א. קאצער

וואס איז רעקאמענדירט פאר׳ן בעסטען

מוהל

ווייט די לעצטע 20 יאהר

ראט געמופט פון דער יפאנסיוארס

אין

110 מערדינע קאר. בראש

טעלעפאן מאריעט 827

א גרויסער אויספארקויף

סייל פאנגט אן מאנטאג

איך מאך באוואוסט צום געעהרטען פובליקום פון דעטראיט דאס איך מוז אויספארקויפען מיין גאנצען סטאק

קרעקערי, אלומינום, גראניטווער און פענסי טשיינע

אלעס, אלעס, מוז פארקויפט ווערען אין דער קורצער צייט פון הייגט ביז דעם 1־טען דזשולי. מיין ליסס גענדט מיך אויס און מיין געזונט ערלויבט מיר ניט מעהר צו שטעהן אין ביזנעס, דעריבער מוז אלעס פארקויפט ווערען צו די ביליגסטע פרייזען.

קומט וואס שנעלער פאר די בארגיינס. אלעס ווערט פארקויפט פאר א האלב פרייז.

מ. ב. שאפירא, 511 הייסטינגס סטריט, ביטווין אלפרעד און ברוסטער

זאגט אייערע פריינד וועגען דעם גרויסען סייל.

איר קענט שיקען געלט צו אייערע קרובים

דורך דער

Bank of Detroit

א. זיגלער מענעדזשער

הייסטינגס סטריט ברענטש:

מט. קלעמענס

זייט געזונט

אין פארברענגט אייער זומער וואקיי־שאן אין מאונט קלעמענס, און אז שוין אין מאונט קלעמענס וועט איהר סטאפען אין

Elkins Hotel

100 רומס. דיינינג רום פאר 300 לייט. א רפואה פאר קראנקע, א פאר־גניגען פאר געזונטע.

ס׳ניט געדרונגען אז איהר מוזט האר־בען טייערער צו זיין אין מט. קלע־מענס

ניו ווילא האטעל

וועט אייך קאסטען $25 א וואך און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס קאנעקטעד מיט א פּעסעדוס צו די פראזא בעדער. שרייבט נאך איינצעל־הייטען צום פראפּריעטאר ה. קראוז.

ריווערסייד האטעל

(נעוועבענער פארק ענעקס)

מט. קלעמענס, איינגאנצען רעמאָ־דעלירט. עפענט זיך 1־טען מאי. 150 רומס. דיינינג רום פאר 300. דאס אידערבסטע פלאץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע. שרייבט נאך איינצעלהייטען.

Riverside Hotel

Mt. Clemens, Mich.

אלבאני האטעל

אין מט. קלעמענס. האט א נאמען פאר די לעצטע 20 יאהר אונטער דעם זעל־בען מענעדזשמענט.

מיר בעטען אונזערע קאסטומער און פריינד צו קומען באצייטענס. אייערע דער סעזאן איזאן פולען גאנג, כדי מיר זאלען זיי קענען געבען בעסערע באַ־האנדלונג. שרייבט צו

ב. מאסקאוויץ

אייער פארלארענע געזונט

קריגט איהר צוריק, ווען איהר זענט אין מאונט קלעמענס און סטאפט אין

גלענוואוד האטעל

קאנעקטעד מיט די בארימטע אלימ־פיא בעדער. שעהן, ליכטיג, לופטיג.

פרישע שפייזען, מעסיגע פרייזען. א ספעשעל לאנטש און דעליקאטעסען סטאר, קאנעקטעד מיט די גלענוואוד. שרייבט נאך אויסקינפטע צו א. מאראר־סקי.

לעזט דעם „וועג"

אלעס איז פארטי פאר פרייטאג

-בארגען טאג-

פון דעם

וטען יעהרליכען סייל

פרויען איהר פייערט דא!

יארדעס $20.00 ביז $30.00 קאוטס	$12.50
$6.50 סקוירטס	$3.10
$2.75 ביז $3.50 קויטענס	33 ס. א פאר
50 ס. אימפארטער הויטס	33 ס. א פינט
$1.00 בענדס	57 ס.
$2.50 און $3.50 וואלפייפער לאטס	$1.74
$1.95 ביז $3.95 ניט געטרימטע העטס	69 ס.
$2.95 ביז $4.95 געטרימטע העטס	$1.00
קינדערישע 35 ס. וועסטס און בענדס	21 ס.
1.10 זיידענע מיקסט פאפלינס	69 ס. א יארד
2.50 רושרדושעס קרייפ	$1.89 א יארד
בעקאנדס 75 ס. ביז $2.00 סטעמפט גודס	50 ס.
טעמפערד פון 85 ס. קארפעטס	35 ס. א יארד
סעקאנדס $16.25 קאנגאליאם ראגס	$8.50
$2.45 קארגאר רעג ראגס	$1.59
נוירדס 89 ס. קאמבינעישאנס	69 ס.
באים. 7.50 און 8.50 סוטס	$5.00
זיידענע און סעקאנדס יארדעס $1.00 $1.25 האיז	59 ס.
יארדעס 35 ס. קאטאן וועסטס	19 ס.
קינדערישע 65 ס. און 75 ס. יוניאן סוטס	39 ס.
49 ס. טישטעכער	33 ס. א יארד
יארדעס $1.25 נאוועלטיס גלאוס	79 ס.
49 ס. נאריישיא	33 ס. א יארד
59 ס. פרינטעד קרייפ	43 ס. א יארד
20 ס. גיטינגבריטישטע קאטאן	$12\frac{1}{2}$ ס. א יארד
35 ס. שייקער פלענעל	25 ס. א יארד
נויירדס 89 ס. אייפראנס	69 ס.
יארדעס אימפאירפעקט $6\frac{1}{2}$ ס. נאז טיכער	ס.
בעפערקטע 25 ס. לאנג קלאטה	6 יארד 95 ס.
$4.50 בעד ספרעדס	$2.79
98 ס. דרעס גודס	69 ס. א יארד
$2.50 שעפהארד טשעקס	$1.69 א יארד
סעקאנדס $4.98 סוועדערס	$3.98
79 ס. ביז $1.00 קעמיסאולאס	59 ס.
15 ס. עמבראידערי עדזשינגס	10 ס. א יארד
8 ס. וועל ליים	4 ס. א יארד
קינדערישע 59 ס. פוירסעס	39 ס.
יארדעס $6.00 און $6.50 נידעריגע שיך	$4.39
יארדעס אימפ. $6.00 נידעריגע שיך	$2.98
קינדערישע $4.00 סליפערס	$2.75
באיס $4.00 און $4.50 שיך	$2.89
50 ס. היבענס	29 ס.
50 ס. ווינדזאר טייעס	29 ס.
ניסטע'ס $1.50 בענס	88 ס.
אדר 80 ס. ביז $1.85 זילבער	65 ס. א פאר
$1.09 ביז $3.00 ביערס	50 ס.
5 ס. וואקס לאנטש דאלס	3 פאר 10 ס.
$1.98 ביז $2.25 דרעסס אפראנס	$1.65
60 ס. וואלדארף טאילעט פייפער	6 פאר 39 ס.
$3.50 און $5.00 וואלפייפער לאטס	$2.74

די ענוואירסארי האט דאס געטאן

מענערישע $19.50 און $25.00 סוטס א ן טאפקאוטס	$10.00
מענערישע $12.50 און $15.00 קאוטס	$8.98
מענערישע $3.95 הויזען	$2.50
מענערישע $3.50 העמדער	$2.15
מענערישע $2.00 יוניאן סוטס	$1.19
מענערישע 45 ס. האלבע האוז	29 ס.
מענערישע $2.50 און $3.00 סליפערס	$1.66
מענערישע $6.00 און $6.50 שיך	$4.75
מענערישע $2.00 ביז $4.00 העטס און קעפס	95 ס.
מענערישע $27.50 עלגין וואטשעס	$19
$2.25 $2.95 ווינדאו אונינגס	$1.79
5.95 פאטש שירדס	$4.59
$1.75 לאנג סעטיעס	$1.25

Crowley, Milner & Co.

אין סוקסעשאן אין ניו יארק מיט די גרויסע שוישפילערס, וואס זענען געקומען פון רוסלאנד, מאסקווא.

די קאמפאניע האט שוין דורכגעפאהרען גאנץ יונייטעד סטייטס און זיי האבען געשפילט מיט א גרויסען סוקסעס.

הער לעווין האט געשפילט אין טעאטער קאמיסארזשעווסקי, פעטראגראד, מיט א גרויסען סוקסעס. הער טראיאנאוו־סקי האט געשפילט אין מאסקווא 6 מאנאטען צוריק. יעצט אין דעטראיט ניו אפערא הויז וועלען זיי שפיעלען די באוואוסטע דראמא, מיטוואך אווענט, "דער לעבעדיגער מת" פון לעאו טאלסטאי, און דאנערשטאג, אבענד, וועלען זיי שפיעלען די גרויסע באוואוסטע דראמא וואס מ'שפיעלט יעצט אין רוסלאנד, פון מאקסים גארקי, — "נא דניע".

לאנדסלייט פון זשיטאמיר און אום-געגענד, אויפמערקזאם

א ספעשעל מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען זונטאג מאי 23 אום 2.30 נ. מ. אין לייבאר לייסעאום

פראגען וועגען רעליעף ארבייט פאר זשיטאמירער אין די גרינדונג פון א שטענדיגען פאראיין וועלען באשפראכען ווערען.

לענדלארדס אויפמערקזאם

איב איהר האט 6 — 8 — 10 — אדער 14 רומיגע הייזער צו פארקויפען אדער צו פארדינגען (איין א ליעס), בעטען מיר איהר זאלט זעהן מיט אונז איידער צו מאכען גוטע ביזנעס.

הערריס און לאוויס

481 עטמין סטריטשעפאן טשערי 8054

א גאסט אין דעטראיט

הערר ליאן בלענק מיט זיין בארימטע טרופע וועט באזוכען דעטראיט ביז פאר דריי טעג:

פרייטאג און שבת אווענט, דעם 21טען און דעם 22טען מאי;

וועט געשפיעלט ווערען

בלינדע מענער

זונטאג דעם 23טען מאי, מאטינעע און אווענט,

וועט געשפיעלט ווערען

א חבר אין לעבען

בילעטען שוין צו באקומען אין האפט פון ניו דעטראיט אפערא הויז.

ניו דעטראיט אפערא האוז

גאסטראלען פון דעם שטענגען רוסישען טהעאטער פון ניו יארק

מיט דעם אנטייל פון די ניט לאנג צוריק געקומענע פון רוסלאנד ארטיסטען פון מאסקווער טעאטער

ל. פ. כאטאליא.א און ס. פ. טריאנאווסק

צוזאמען מיט די דאמען: ע. יעווגעניעווא א. לענקער, א. מיכאן אווסקאיא און הערען: ס. וועריו, מ. בעווין, א. פאקא מיראנו, ס. סאראקין און אנד., וועלען אויפטרעטען אין די פאלגענדע פיעסען:

היינט

דאנערשטאג אבענד, 20טען מאי

נא דניע | דערודנא |

На Днѣ

דראמא אין 4 אקטען פון דעם לעבען פון רוסישע באסיאקעס, פון מאקסים גארקי

אנפאנג: 2.30 מיטאג און 8.30 אווענד טיקעטס פון 50 סענט ביז $2.00

טיקעטס צו באקומען אין באקס אפיס.

— אויך רעכט, אבי א שטיקעל ארבייט א פארטיגען חפץ.

דער חתן ארבייט ווייטער, בלאזט און קלאפט, שוויצט און קרעכצט, נאר צו שיין טשוואק קומט עם נישט.

— א סיק, מחותן, א סיק וועל איך יעצט מאכען, וואס ארט אייך, ס'וועט זיין פיין, ס'וועט אייך געפעהלען.

— א סיק איך הער דאס צום ערשטען מאל, איך בין שוין אפילו נישט קיין יונגער מאן און ווייס נישט וואס א מין חפץ דאס איז. נאר אז דו זאגסט — מסתמא ווייסטו דאך, זאל זיין א סיק, אבי ס'זאל זיין אויך וואס א קוק צו טאן.

דער חתן נעהמט האקען דאס שטיק אייזען, גליהט עס אן, כאפט עס ארוים מיט'ן צוואנג, טהוט עס א ווארף אין קאלטען וואסער און איבער דער גאנצער קוזניע האט זיך דערהערט א הויכער: סיססיססי ק!

דער בחור איז שטארק צופרידען געוועזען מיט זיין "ארבייט".

דער אלטער האט דערזעהן באמערקט:

— אמת, א געריויש איז עס, אבער קיין חפץ איז עס נישט!...

דעטראיטער שפיגעל

(שלום פון זעטע 2)

עריגע געשיכטע פון איר ביז היי.

"מיין קינד — האט זי איהם גע זאגט נאכדעם ווי זי האט איהם איבער געהערט, איך בין מיעד געווארען פון דיין טרייערינקען לאגע. אמת, איך בין שולדיג, ווייל איך האב מיט דיין מאמען איבערגערעדט, אז איך וועל ניט זיין ווייל ביי זיך. אבער איך האב מיך דאן נישט איבערלעגט וואס איך רעד. נאך, גלויב מיר, אז עס וועט ארציהן צורין ניט זיין...."

ווען גויטרעט, איהר חתן, איז צו איהר געקומען און איהר אנגעזאגט די בשורה, אז ער האט שוין באשטעלט דעם מעדיקיישאן און ארעס איז שוין פארבאטען צו דער חופה, האט זי איהם געוויזען א באקוויטונג צוריקצופאהרען קיין ניו יארק.

אז ער האט פארשטאנדען איהר איבערגעטאנצט די איינע, האט זי איהם הוירן און שארף ערקלערט:

— אז א באטשעל קען אזוי דאגרעגען מיין אייגענעם קינד, איז ער א מראי, אזא נפש ווי איהר, קען איך נישט זיין מיין מעטער מאן. איהר וועט א מערערער און איך וויל איך מערער נישט קענען!...

גייטהען איז געבליבען שטעהן א פארשטיינערטער, מיט אן אראפגעראגענעם קאפ, און די ארענה האט דאן איבערגעלעבען די פאראנג פון דער ישא פע און פון דאס אויסגעפיהרט הערץ, זיינער איז דארט געווען באהאלטען.

נאכן אייך האט זי אויסגעריפן ... אייער זוהן, יעצטען איהר האט געוואלט פארשיקען, און נעהמט איהם צוריק אהיים.

גייטהען האט דאן איבער פארשטאנען ....

אין ניו דעטראיט אפערא הויז

וועלען אויפטרעטען די איינציגע רוסישע קאמפאני וואס האט געשפיעלט

A Vacation Trip That Satisfies

THE summertime will soon be here and with it the joys of a vacation trip. Where are you going? The Great Lakes is the mecca for particular and experienced travelers on business and pleasure trips. The D. & C. Line Steamers embody all the qualities of speed, safety and comfort, the freedom of the decks, the cool refreshing lake breezes. D. & C. a Service Guarantee.

Daily Service May 1st between Detroit and Buffalo. Leave 6:00 P. M. Arrive destination 9:00 A. M.

Daily Service April 1st between Detroit and Cleveland. Leave 11:00 P. M. Arrive destination 6:15 A. M.

MACKINAC ISLAND

Service June 14th to Sept. 11th. 3 trips per week June 14th to July 1st. July 1st to Sept. 11th, 6 trips per week.

Between Detroit and Buffalo Use Your Rail Tickets

Send 2c Stamp for Illustrated pamphlet and map of Great Lakes. Address L. G. LEWIS, G. P. A., Detroit, Mich.

DETROIT & CLEVELAND NAVIGATION CO.

A. A. SCHANTZ, President and General Manager.

J. T. McMILLAN, Vice-President.

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער

וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

פט אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

אַ נייע מאדנע קלעפטאמאניע

(פון א פאסירונג אין דעטראיט)

פון ב. י. ג—ן

עס איז פאראן א מאדנע קרענק. אין אמעריקא רופט מען די דאזיגע קרענק "קלעפטאמאניע", און דער אלטער היים וואלט מען דאס גערופען גאנץ פשוט: — גנבה.

"קלעפטאמאניע" איז אן אנשטעקענדיגע חולאת אפנים, ווארים וואס אמאל הערען מיר פון אלץ מעהר אזעלכע פעלע. אנגעשטעקט ווערען מיט דעם חולאת דאס מעהרסטע רייכע פרויען.

ווארום עפעס נאר רייכע?

ווייל ווען מען כאפט אן ארימע פרוי ווען זי גנב'עט, רופט מען דאס שוין ניט מיט דעם עדעלען נאמען "קלעפטאמאניע" נאר ווי אייך דעם אלטען אופן: — גנבה.

דאס רוב רייכע קלעפטאמאניצעס "ארבייטען" אין די דעפארטמענטס קראמען. דארטען זעהען זיי אייף די טישען אנגעשטעלט חפצים פון כל טוב און אזוי ווי אויסקויפען די אלע חפצים קענען זיי אפנים נישט, דער'גנב'ענען זיי דאס איבעריגע, וואס זיי קענען ניט קויפען.

דער אויפרייד און די תירוצים פון די קלעפטאמאניצעס זיינען אזוי פארשידען ווי זייערע קאפרוזען: דאס רוב פון זיי האט א "ניגונג" גנב'ענען גאנץ פשוט'ע קלייניגקייטען, וואס ניט זיי און ניט זייערע נאהענטע קענען דאס ניצען.

אזוי ווי מען גלויבט אז די רייכע דאמען גנב'ענען נאר ווייל דאס איז ביי זיי א מין משוגעת, רחמנא לצלן, איז עס דערום קיין חידוש נישט, וואס זיי קלייבען אוים אזעלכע חפצים, פון וועלכע זיי האבען נישט און וועלען נישט האבען קיין שום נוצען.

אנדערע וואס גנב'ענען שוין נישט לשם קונסט און משוגעת, האבען שוין א "ניגונג" צו נאר ווערטיגע זאכען, אין בערהויפט צירונג.

דאס איז מכח די רייכע דאמען, די גבירישע קלעפטאמאניצעס.

ארימע ווייבער — קען מען זיך מישער זיין — גנב'ענען מסתמא זאכען, אהן וועלכע זיי קענען זיך נישט באגעהן. ארא נים וואלט מען זיי דאך אויך גערופען קלעפטאמאניצעס.

לאזט זיך אבער ארים, אז אומעטום און ביי יעדער ענין און אין יעדען קלאס און ביי יעדער משפחת, איז פאראן א יוצא מן הכלל.

קענען מיר איצט איבערגעבען די לעצטער א פאל, באשריבען אין א היגען בלאט, וואס וועט זיכער זיין א זעלטענהייט: — א פרוי האט גע'גנב'עט זאכען וואס זי מוז האבען צו איהר פון אין טיר ערעט, נישט ווייל זי ווייל דאס, נאר ווייל זי האט א געליעבטען און זי וויל איהם געפעלען.

זי האט למשל גע'גנב'עט א סעט פורטווארג, נישט ווייל זי האט ליעב פורטווארג, נאר ווייל געהענדיג אמאל מיט איהר געליעבטען איבער וואדוואארד גאס און אפשטעלענדיג זיך נעבען א שויפענסטער, האט זי געזעהן זיין באוואונדערונג פאר א שעהנעם סעט פוטערווארג.

א סימן אז זי האט נישט גע'גנב'עט פון איהרעט וועגען אליין, איז אז אזוי גיך ווי זי האט געזעהן, אז איהר געליעבטער איז שוין נים אזוי באגייסטערט פון דעם סעט פוטער, האט זי איהם צוריק איגנטערגעווארפען דארטען וואו זי האט איהם גע'גנב'עט.

אט דאס טאקע וואס די קלעפטאמאניצע האט געוואלט זיין גוט און פיין און האט צוריק אונטערגעווארפען די גע'גנב'עטע פוטער צום אייגענטימער, האט געפיהרט צו איהר ארעסט.

ווען מען האט ביי דער קלעפטאמאניצע אין הויז געמאכט אן אונטערזוכונג, האט מען געפונען אז אים צימערל נאר מיט א סך חפצים און מלבושים, וואס האבען לחלוטין ניט געפאסט אהין.

זי האט דעם דעטעקטיוו דעם אמת איבערצעהלט און האט איהם אלע זאכען אנגעוויזען וואו זי האט גע'גנב'עט.

— איך וואלט זיי אליין געוועזן אפגעגעבען שפעטער, — האט די קלעפטאמאניצע געזאגט — אט, האט זי ערשט פאריגע וואך אויסגעריינגט, אויסגעפרעסט און ווי אויף ניי געמאכט א זייד'נע קלייד און זי אונטערגעווארפען א קרעמער אין מישיגאן עוו., ווייל גנב... וואס.

א חתן א "בעל מלאכה"

א ישובניק, א שמיעד, האט פארהנדל'ט זיין בתי יחידה פאר א שטאדטישען בחור, אויך א שמיעד. עטליכע טעג נאך די תנאים זאגט צו איהם דער מחותן:

— זיהן מיינער, האבט פארבראכט מיט דער כלה, געגעסען, געטרונקען — קיין עיר נישט. איצט אבער נעהמט זיך אביסעל צו דער ארבייט, קום אריין אין קוזניע און מאכט וואס די קענסט.

דער חתן האט זיך לאנג נישט גע־לאזט בעטען. האט זיך האסטיג אויסגעטאן און שווארצען פארערנעם פאר'טוך, פארקאטשעט די ארבעל און זיך א שטעל געטאן צו דער ארבייט.

— ווייסט איהר מחותן, וואס איך וויל מאכען? א האק וויל איך מאכען!

— א האק! וואויל! וואויל!

דער חתן הויבט דעם בלאזזאק, גליהט דאס אייזען, קלאפט מיט'ן האמער, אבער און שוויצט, אבער קיין האק קומט נישט ארוים.

— ווייסט איהר וואס, מחותן, זאגט דער חתן, עפעס איז מיר, הייגט שוין צו מאכען א האק.. איך וועל מאכען בעסער א האקמעסער.

— א האק, מעסער — איז אויך א פיינע כלי, זאל זיין אזוי, אבי פיין.

ווידער הויבט זיך דער בלאזזאק, גליהט דאס אייזען, קלאפט דער האמער, שוויצט דער בחור, קרעכצט און אויקעט און קיין האקמעסער קומט נישט ארוים.

— ווייסט איהר וואס, מחותן, איך וועל שוין בעסער מאכען א מעסער.

— אך, זעהר פיין, זאל זיין א מעסער, קיין חילוק נישט וואס, אבי א פיינע זאך.

און ווידער הויבט זיך דער בלאזזאק ארויף און אראפ, דאס אייזען גליהט, דער האמער קלאפט, דער בחור שוויצט, אבער קיין מעסער קומט אלץ נישט ארוים.

— עס נעהמט מיר עפעס הייגט נישט אן ארבייט... איך וועל גאר מאכען א

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

547-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 79 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c. — DETROIT, MICH., Friday, May 21th 1920 Vol. 2, No 84 — פרייטאג, מאי 21, 1920

פוילישע טרופען לויפען צוריק פון דווינא פראנט

דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע נעהמט אן געלט קיין טשעכא-סלאוואקיע און אונגארן

ניו יארק. — די $50,000, וואס די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט אויף דער לעצטער זיצונג פון איהר עקזעקוטיווע באשטימט פאר טשעכא-סלאוואקיע, זענען געמיינט געווארען פאר יענע געגענדען פון דער נייער רעפובליק, וועלכע שטעהן נים אין פארבינדונג מיט דער צענטראלען קאמיטעט אין פראגא, און דאס מיינט, אז די קאמיטע קען איצט גרייכען אלע שטעדט און פלעצער פון טשעכא-סלאוואקיע אהן אויסנאהם. אזוי ארום איז גאנץ טשעכא-סלאוואקיע אויך אפען געווארען פאר פריוואטע געלדער ענדונגען, און די אפיסעס פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע נעהמען אן פריוואטע געלדער איבערצושיקען ווי אין די געגענדען פון דער אלטער בעהמען, אזוי אויך אין די נייע פראווינצען, וואס זענען צוגעקומען צו טשעכא-סלאוואקיע לויט דעם פריעדענס-אפמאך.

דאס זעלבע איז אויך גילטיג איצט בנוגע צו אונגארן, וואו נאך דעם לעצטען באזוך פון דר. גאלדמאן זענען אומעטום אָרגאַניזירט געווארען קאמיטעטען, וואס שטעהן אין פארבינדונג מיט'ן צענטראלען קאמיטעט פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע און ווערען צושטעלען די פריוואטע געלדער אין אלע פלעצער פון דער איצטיגער אונגארן.

די אפיסעס פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע פאר געלדער-שיקונג, אויסער דעם הויפט-אפיס אויף 20 עקסטשיינדזש פלייס, וועלכער איז איצט צייטווייליג געשלאסען, זענען אפען פאר געלדער-ענדונגען אלע טעג אין דער וואך, אויסער פרייטאג, און מען קען פון דארט שיקען פריוואטע געלדער אין טשעכא-סלאוואקיע, אונגארן, ווי אויך אין אלע אנדערע לענדער, וואו עס געהט אן א ארגאניזירטע הילפס-ארבייט.

באריכט פון היגען אוקראינער פארב.

א מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פונ'ם היגען אוקראינער פארבאנד איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג, אווענד אין אפיס פון „וועג" אונטער'ן פארזיץ פון מר. ב. גאלדשטיין.

די דעלעגאטען פון יעקאטערינאסלאווער פאראיין באריכטען, דאס זייער ארגאניזאציע האט באשלאסען אנצושליסען זיך אינ'ם אוקראינער פארבאנד, אלס א לאנדסמאנשאפט קערפערשאפט. די דעלעגאטען פון אומאנער רעליעף ארגאניזאציע באריכטען אויך וועגען באשלוס פון זייער פאראיין צו צושטעהן צום אידישען פארבאנד.

די צאהל מיטגליעדער פון די יעקאטערינאסלאווער איז 80, און פון די אומאנער — 50.

דער פארזיצענדער דאנקט די דעלעגאטען פון דיזע צוויי ארגאניזאציעס פאר זייער ארבייט.

א קאמיטע פון 3 ווערט ערוועהלט וועלכע דארפען זעהן צו ציציהען חשוב'ע פערזאנען אין דעטראיט צום פארבאנד, כדי צו העלפען דער טעטיגקייט פונ'ם פארבאנד. די קאמיטע באשטעהט פון די הערען גאלדשטיין, אבראמאוויטש, און כמושקין.

אונטער'ן פארזיץ פון וויס-פרעזידענט מר. אבראאוויטש ווערט באשלאסען אפי...

פון דעם מיטינג פון „וועג" אסס'ן

א מיטינג פון דער 15טען קאמיטע פון דער „וועג" אסס'ן, איז אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג אווענט אין דער רעדאקציע, אונטער'ן פארזיץ פון מר. קאטצין.

עס זיינען ארומגערעדט געווארען פארשיעדענע וויכטיגע פראגען, צווישען אנדערע אויך דער יעהרליכער רעפארט, וואס מר. ליטמאן האט פארפערטיגט.

עס איז באשלאסען געווארען אז דיזער רעפארט זאל פארגעלייענט ווערען פאר אלע שערהאלדערס, וועלכע זאלען זיך צוזאמענקומען צו א באנקעט.

דער באנקעט זאל זיין אין איינעם פון די הינגע שעהנסטע אידישע רעסטאראנען און זאל טראגען א פייערליכען כאראקטער, מיט די בעסטע רעדנער און שעהנעם אונטערהאלט, צו דער געלעגענהייט פון דעם ערשטען יעהרליכען עקזיסטענץ פון דער צייטונג.

א קאמיטע איז אפאינטעט געווארען, וואס האט דעם צוועק צו באזוכען די שערהאלדערס און זיך דורכשרייבען מיט זיי מכח דעם.

פאלגענדע ה"ה זיינען אין דער קאמיטע: קאטצין, ראזענפעלד, וויינבערג, סילווער, מאלאמוט, בלאגרין, לעווית, נאגעל און בעקער. אלס טרעזשורער פון דעם באנקעט איז ערוועהלט געווארען מר. ראזינסקי.

פאר'ן אוקראינער פארבאנד

מר. בענדזשאמין גאלדבערג, פון 44 מק'גראוו בילדינג, האט אונז צוגעשיקט א טשעק אויף הונדערט דאלאר פאר'ן אוקראינער פארבאנד.

רעדאקציע.

ניו יארקער גאווערנאר וועטא-אירט אנטי-סעדישאן בילס

אלבאני, נ. י., מאי 20. — גאווערנאר סמיט האט נעכטען אווענט וועטאאירט 6 אנטי-סעדישאן בילס, וועלכע זענען פון דער אלבאני'ער לעדזשיסלייטשור אנגענומען געווארען אלס רעזולטאט פון דעם משפט איבער די 5 סאציאליסטישע אסעמבלי לייט.

די רעאקציאנערע בילס, וועלכע דער גאווערנאר האט וועטאאירט זענען גע-צילט געווארען הויפטזעכליך געגען דער סאציאליסטישער פארטיי.

די וועטאאירטע בילס זענען פאל-גענדע: צו פארבאטען דעם סאציאליסטישען טיקעט אין דער צייט פון די וואהלען; א ספעציעלען „לאיאליטעט-עקזאמען" פאר לעהרער און די פובליק-סקוהלס; דאס באשאפען פון א ספעציעלער ביורא אונטערצוזוכען קרימינעלע אנארכיע; צו פארבאטען סאציאליסטען צו האלטען אידענער וועלכען אפענטליכען אמט; איבערצוארבייטען די שבועה פאר דעם ערוועהלטען.

רויטע ארמיי זיעגרייך אין פערסיען

לאנדאן, מאי 20. — אן אפיציעלער באריכט איז היינט אנגעקומען פון מאסקווא, וואו עס ווערט איבערגעגעבען, דאס די אפענסיווע פון דער רויטער ארמיע געגען די פאליאקען, וועלכע האט זיך אנגעפאנגען לעצטען פרייטאג, איז געווען אן אומגעהויערע גרויסער ערפאלג ביז נעכטען. די פוילישע טרופען האלטען זיך אין איין צוריקציהען און אין איינינע פונקטען אנטלויפען זיי אין גרעסטען פאניק.

דער מאסקווער באריכט גיט איבער, אז א גרויסע צאהל געפאנגענע איז גענומען געווארען. די פאליאקען האבען אויך איבערגעלאזט ביים צוריקציהען זיך גרויסע וואפען אמוניציע.

די אפענסיווע אי זאנגעפאנגען געווארען אויף א ליניע פון 50 מייל אויף דעם צפון פראנט.

א צווייטע טעלעגראמע פון מאסקווא מעלדעט וועגען א גרויסען זיעג פון די באלשעוויסטישע טרופען געגען דער פוילישער ארמיע אין דעם טשערקאסער געגענד אויף דער לענג פון מייל הונדערט צו דרום צו פון קיעוו, אבער נים צו, אז אין דעם קיעווער געגענד האט זיך די לאגע נים געביטען.

אין נישטא קיין געניגענדע צאהל ענג-לישע אדער פערסישע סאלדאטען, וועלכע זאלען זיך קענען קעגענשטעלען דער באלשעוויסטישען מאריש. ווי מען גיט איבער, וועט די באפעלקערונג פון דער פערסישער הויפטשטאדט צו-שטעהן צו דער סאוועטען ארמיע.

וואַרשא גיט צו פוילישע מפלות

ווארשא, מאי 20. — דאס פוילישע הויפט מיניסטעריום האט נעכטען פאר-עפענטליכט א באריכט, אז די באלשע-וויקעס האבען אנגעפאנגען, אן אטאקע אויף דעם צפון פראנט צווישען טייך דווינא און באריסאוו און די פוילישע ארמיע איז געצוואונגען געווען אפצור-טרעטען פון פיעלע פונקטען.

ענגלישע טרופען ציהען זיך צוריק פון פערסישען האפען ווען באלשעוויקעס לאנדען דארט.

לאנדאן, מאי 19. — דרייצעהן שיפען מיט באלשעוויסטישע טרופען זענען אנגעקומען אין ענזעלי, א פערסישע האפען שטאדט אויפ'ן קאספישען ים. דער קאמאנדיר פון די ענגלישע טרופען אין ענזעלי האט געמוזט צושטימען צו די באלשעוויסטישע באדינגונגען און האט צוריקגעצויגען די ענגלישע סאלדאטען פון ענזעלי. די באלשעוויקעס האבען דאן פארנומען די שטאדט.

ענגלאנד איינגעדרעקט פון באלשעוויסטישען זיעג אין פערסיען

לאנדאן, מאי 20. —

אין איינינע קרייזען ווערט די לאגע אין נאהנטען מזרח באטראכט אלס א קריטישע, דורך דעם, וואס די באלשעוויקעס האבען אריינגעדרונגען אין פערסיען און האבען פארכאפט דעם וויכטיגען האפען ענזעלי.

איינינע צייטונגען ווייזען אן, דאס דער זיעג פון דער רויטער ארמיע אין פערסיען איז פארגרויסערט געווארען דורך דעם פאקט, וואס גאנץ טראנס-קאווקאז איז געווארען באלשעוויסטיש. אזערבאדזשאן איז פארנומען פון די סאוויעטען. די גרוזינער האבען געשלאסען א פאליטישען אפמאך מיט די באל-שעוויקעס און ארמעניען, ווערט באריכטעט, האט געשיקט פריעדענס דעלע-גאטען קיין מאסקווא (נאך לעצטע וואך זענען ערהאלטען געווארען באריכטע, אז לאקאלע סאוויעטען האבען זיך גע-גרינדעט אין ארמעניען).

מען גלויבט, דאס די באלשעוויקעס וועלען פארנעהמען טעהעראן, די פער-סישע הויפטשטאדט, ווייל דארטען ...

גענעראל ווראנגעל'ס שליח וועט פארהאנדלען שלום מיט מאסקווא

לאנדאן, מאי 20. — עס איז נעכטען אפיציעל באקאנט געווארען, אז מר. מיטשעטשעריו, דער באלשעוויסטישער אויסערן מיניסטער, האט צוגעשטימט צו געבען גאראנטיעס פאר דער זיכער-הייט פון גענעראל ווראנגעל'ס טרופען, וועלכע געפינען זיך אין קרים. גענעראל ווראנגעל האט איבערגענומען די קאמאנדע פון דער דעניקינ'ס ווייסער ארמיע. מען רעכנט, אז אין גיכען וועלען זיך שוין פארהאנדלונגען אנפאנגען צווישען גענעראל ווראנגעל'ס פארשטעהער און דער סאוועטען רעגירונג.

מאכנא, צורר היהודים דערשאסען

דער „פאראייניגטע" פרעסע באריכט פון זיין ספעציעלער קארעספאנדענט פון קאפענהאגען, דאס אין די לעצטע שלאכטען צווישען די באלשעוויקעס און די פאליאקען איז דער באוואוסטער פאגראמטשיק מאכנא געפאנגען געווארען פון די באלשעוויקעס און איז פון זיי דערשאסען געווארען.

מאכנא האט זיך בארימט געמאכט מיט זיינע ברוטאלע, ווילדע פאגראמען אויף אידען אין אוקראינע. זיין בלוט-דורשטיגקייט האט גאר נים געוואוסט קיין גרענעץ. די שרעקליכע שמערצען פון זיינע אידישע קרבנות האבען איהם פארגעניגען פארשאפט. די אידען אין אוקראינע ווערען געוויס נים טרויערן איבער דעם טויט פון דיעזען המן.

איד איינער פון פינף פארוואונדעטע אין קאר-עקסידענט

נעכטען פארטאג איז א וואודוואר'ד קאר דורך א צופאל אראפ פון די טרעק נעגען איבער דעם קעדילאק פלעגט. 5 פערזאן זענען שווער פארוואונדעט גע-ווארען, אויסער וואס פיעלע אנדערע פאסאזשירען האבען זיך צוקאליעטשעט. צווישען די פינף שווער פארוואונדע-טע געפינט זיך אברהם קאפלאן, פון 827 קאמעראן עוו.

די פארוואונדעטע זענען צוגענומען געווארען אין גרייס האספיטאל.

אירישע פאלק איז פאר רע-פובליק — זאגט דע וואלערא

ניו יארק, מאי 20. — איאמאן דע וואלערא, דער אירישער פרעזידענט, האט טעלעגראפירט צו ארטור גריפין, אז דאס, אירישע פאלק, איבערהויפט די אירישע פרויען מוזען נעהמען א טיכטיגען אנטייל אין די קומענדע מוני-ציפאלע וואהלען, כדי צו באווייזען די פאלשקייט פון די ענגלישע פראפאגאנ-דיסטען, אז דער פארלאנג פון דעם אירישען פאלק צו זיין אונאבהייניג-אי זאפגעשוואכט געווארען.

אמעריקאנער רעגירונג וויל פאר-האלטען אונגארישע קאמוניסטען אלס משכנות

וואשינגטאן, מאי 20. — דער סטייט דעפארטמענט האט היינט געראט ווי-סען דעם אמעריקאנעם קאמיסיאנער אין וויען, דאס די אונגארישע קאמו-ניסטען, וועלכע זענען פארהאלטען גע-ווארען דורך דער עסטרייכישער רעגי-רונג, זאל נים ערלויבט ווערען אפצו-פאהרען קיין סאוועטען רוסלאנד, ביז דאן די רוסישע רעגירונג וועט באפרייען אלע בירגער פון די פאראייניגטע שטא-טען, וועלכע זענען פארהאלטען געווא-רען אין רוסלאנד.

דער סטייט דעפארטמענט ערקלערט, דאס עס זענען אנגעקומען באריכטען פון פארשידענע קוועלען, דאס אמע-ריקאנער בירגער זענען דורך געוואלט פארהאלטען געווארען אין רוסלאנד. אזוי ווי עס זיינען דירעקטע באציהונגען מיט רוסלאנד איז נישטא, ווערט ווייטער ער-קלערט פון סטייט דעפארטמענט, האט דאריום די רעגירונג פון די פאראייניג-טע שטאטען באשלאסען איבערצוגעבען א דרוק אויף דער רוסישער רעגירונג אויף אן אנדערען אופן.

דער סטייט דעפארטמענט איז נאך ביז איצט נים באקאנט די צאהל פון די אמעריקאנער בירגער וואס ווערען פארהאלטען אין רוסלאנד.

סענאטארען געגען רעגירונגס שטעלונג צו סאוויעטען-רוסלאנד

וואשינגטאן, מאי 20. — סענאטאר בארא, א רעפובליקאנער, האט נעכטען אין סענאט אין פארלויף פון א רעדע געגען דעם פארשלאג פון סענאטר פ. דיי-וויסאן צו מאכען אן הלואה פון א האל-בען ביליאן דאלאר צו איירופא, זיך אפגעשטעלט אויף דער שטעלונג פון די אמעריקע רעגירונגען צו רוסלאנד. ער-קלערענדיג, אז „רוסלאנד איז פון די עריעס באהאנדעלט געווארען נים לויט דעם געזונטען פרינציפ", און אז דאס אפזייגען פון האנדלען מיט רוס-לאנד איז נים אין די אינטערעסען פון אייראפא און אמעריקא. דער סענאטאר האט ווייטער ערקלערט, אז דאס נים האנדלען מיט רוסלאנד האט פיעל פאר-גרעסערט דעם יקרות אין אמעריקא.

סענאטאר לאפאלעט האט אין אן ארטיקעל געגען ענגלאנד'ס פארלאנג איינציגען אמעריקאנער קרעדיט פאר אירע איינענע צוועקען זיך אויסגע-דריקט, אז די בראקאדע פון ענגלאנד געגען דער הונגעריגער רוסלאנד שטימט נים מיט די אידעאלען פון אמעריקאנעם פאלק.

שוועדישע רעגירונג באגריסט ציוניסטען

לאנדאן. — דער שוועדישער מיניס-טער בראנטינג האט גראטולירט דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון שטאק-האלם, די הויפטשטאדט פון שוועדען, אויף דעם ערפאלג פון ציוניזם אין סאן רעמא און האט געוואונשען די ציוניס-טען אז ארץ ישראל זאל זיך גיך ענטוויקלען אין א אידענשטאאט.

מיניסטער בראנטינג האט אויך פאר-דאמט די אנטיסעמיטישע אגיטאציע אין שוועדען געגען פרעמדע.

... וועט רעכענען מיט די רעקאמענ-דאציעס פון דער קאמיסיע.

באנאר לאו האט אויך ערקלערט, אז די קאנצעסיאנען פון מאנדאט אויף ארץ ישראל זיינען נאך נים באשטימט. אמעריקאנער רעגירונג וויל פארהאלטען אונגארישע קאמוניסטען אין וויען, אלס משכנות.

ביגא וועט מיט יאפאן נים פארהאנדלען וועגען שאנטונג

האנאלולו, מאי 20. — דעפעשען פון פעקין גיבען איבער, דאס די כינעזישע רעגירונג האט באשלאסען נים אריינ-צוטרעטען אין דירעקטע פארהאנדלונגען מיט יאפאן וועגען שאנטונג, ווייל זי איז זיכער, אז יאפאן וועט נים וועלען זיין אומצוקעהרען דיזע כינעזישע טעריטאריע, סיידען זי זאל דארט הא-בען געוויסע קאנצעסיעס.

באראן ראטשילד גיט פינף מיליאן פראנק יק"א

באראן עדמונד ראטשילד, דער נדיב הידוע פון פאריז, האט געגעבען דער יק"א (אידישע קאלאניזאציאנס אסאסי-אציאן) פינף מיליאן פראנק פאר ארץ ישראל. דער אלטער באראן האט אויך פארשפראכען צו געבען פרישע געלד, אזוי שנעל ווי דיזע סומע וועט פאר-ברויכט ווערען.

ווי באקאנט האט די יק"א איבער-גענומען מיט צוואנציג יאהר צוריק פון באראן ראטשילד אלע זיינע ארבייטען אין ארץ ישראל, און דער באראן גיט איהר פון צייט צו צייט געוויסע סומען געלד אויף פארגרעסערן און אויסברייטערן די ארבייטען.

ווילסאן איינגעלאדען איינצורו-פען ערשטע זיצונג פון נאציאנען ליגע

רוים, מאי 20. — דער ראט פון די נאציאנען ליגע האט נעכטען אפגע-האלטען די לעצטע זיצונג. דער גריכי-שער פארשטעהער האט פארגעלעזען א טעלעגראמע וואס איז איבערגעשיקט געווארען צו פרעזידענט ווילסאן, אנ-פרעגענדיג איהם, אויב ער איז וויליג איינצורופען די ערשטע פארזאמלונג פון דער נאציאנען ליגע דעם קומענדען 15טען נאוועמבער אין ברוסעל.

ענגלאנד וועט באשטימען ספעציעלע פאלעסטינא קאמיסיע

באנאר לאו, דער לידער פון הויז אוו קאמאנס, האט ערקלערט אין פאר-לאמענט, דאס ענגלאנד וועט באשטימען א ספעציעלע פאלעסטינא קאמיסיע וואס זאל זיך אפגעבען מיט אלע פראגען וועגען ארץ ישראל, און די רעגירונג ...

אויף דעטראיטער גאסען

מייק זאמבאליק איז מיטוואך אוונט אויף מישיגאן עוו., באגנבעט געווארען פון 2 באנדיטען. ווען ער האט נים גע-וואלט זיי געבען קיין געלד, איז ער פון זיי געשטאכען געווארען. ער געפינט זיך איצט אין רעסיווינג האספיטאל.

* * *

מיטוואך 10 אזייגער אין אווענד איז ראדושער אסמאה, פון 55 שערמאן עוו., אטאקירט געווארען פון 2 באוואפענטע באנדיטען. פאסירט האט דיזער פאל לעבען 108 סאלווי עוו., די באנדיטען זענען ארויסגעשפרונגען פון אונטער א בוים, און נאכדעם ווי זיי האבען אסמאה'ן געמאכט איינינע טיעפע וואונדען אין קאפ, זענען זיי פארשוואונדען געווארען. אסמאה איז געבליבען ליגען אויפ'ן טראטואר אין א טייך בלוט, ביז פארבייגע-הער האבען באמערקט און ארויסגערופען א פאליציי אמבולאנס.

* * *

פרענק לא פאנד איז מיטוואך אווענד געגאנגען א היים אין אוקוואוד. 6 באוואפענטע באנדיטען און אן אטאמאביל האבען איהם געטראפען און אנגעפאנגען אטאקירען. לא פאנד האט זיך אבער איינגעגעבען ארויבער שפרינגען א פאר-קען און איזוי די באנדיטען ניצול גע-ווארען.

* * *

מיס. ליגע קוועלאוו, פון 187 מאנט-קאם סט., האט מיטוואך ארום 12 אזייגער אין אווענד דערהערט א שטארקען קלאפ אין טיר. ווען זי האט די טיר געעפענט האט זי פאר זיך דערזעהן א הויכען שטארקען באנדיט. ער האט געבעטען, דאס זי זאל איהם געבען שנאפס ווען זי האט נאר ארויסגערעדט, אז זי האט נים דעם „ביטערען טראפען" האט ער איהר אזא שטארקען קלאפ געגעבען אין פנים, דאס זי איז געפאלען אין חלשות ווען זי האט זיך אפגעמינטערט, האט זי איינגעזעהן, דאס דער באנדיט האט ביי איהר צוגענומען פון א שופלאד 100 דאל.

* * *

נעכטען אין דער פריה האט רושאזעף מאן געהאט א „באגעגעניש" מיט 2 באנ-דיטען. ער האט זיין לעבען ביי זיי אויסגעקויפט, ווען ער האט זיי אפגעבען 7 דאל. מיט זיין זייגער.

* * *

קעשענע גנבים האבען ביי קאוואלענ-קא, פון 924 הענקאק עוו., איסט ארויס-גענומען 55 דאלאר. צוויי פערזאן זע-נען דערנאך ארעסטירט געווארען פון דע-טעקטיווס, אלס די וועלכע האבען קאוואלענקא'ן באגנב'עט.

* * *

נעכטען אין דער פריה האבען צוויי פארמאסקירטע באנדיטען אויף מעקלעני עוו., באריבט דושעק בענעדיקט, פון 28 מאנטייט סט., פון 15 דאלאר.

* * *

גנבים האבען נעכטען 5.30 אין דער פריה אייגעבראכען די פאדערשטע טיר פון סעם קאלענ'ס סטאר אויף 76 ערעמם עוו., איסט. 6 דעטעקטיווס האבען זיך דערפון דערוואוסט און זענען אהין אנגע-קומען. די גנבים האבען אבער געלונגען צו צונעהמען פאר א גרויסע סומע פאר און זיי זענען נעלם געווארען.

יאפאן איז צופריעדען מיט א בופער-סיביר

האנאלולו, מאי 20. — א באריכט פון טאקיא גיט איבער, אז יאפאן איז וויליג גלייך צו פארהאנדלען מיט רוסלאנד וועגען א בופער-שטאאט אין סיביר.

CLASSIFIED

רומס פריי. א יונג קאפעל, וואס וויל אכטונג געבען אויף א מיידעלע פון 7 יאהר, קען האבען א רום, געז און עלעקטריק פריי און אויך פריווי־לעדזש פון קיטשען און דיינינג רום. פרעגען שבת, אין 1196 סט. ענט־וויין, אפארטמענט 19.

יין לקידוש ולהבדלה, די בעסטע געלעגענהייט צו באקומען כשר וויין איז זיך ווענדען צו מר. שקלאר, 244 פארנסווארטה. נארטוועי 2006 דאבליו.

פארלאנגט א דרייווער פאר די לי־בערטי וועט וואש לאונדרי. מוז געבען 200 דאלאר סעקיורעטי. איין ריכטי־גער מאן פאר דעם ריכטיגען דזשאב. זיך מעלדען אין 374 קאסטער עוו.

באקאנטמאכונג
די סילווער לעדער קא., 578 דזשאן, קעמפא, קויפט פארשיעדענע זארטען לעדער און אימיטיישאן לעדער, אויך אלטע לעדער און ראבער בעלטינג. ספעציעל זענען מיר פאראינטערעסירט אין נייע סעלאליד סקרעפ; מיר צאה־לען 65 סענט א פונט.
פארגעסט ניט אונזער טעלעפאן נומער: מעלראוז 4610.

Real Estate

לענדלארדס און פראפערטי אייגענטימער
לאזט זיך ניט נארען, זייט פארזיכטיג בעפאר איהר קויפט סעמענטענע נאר־בעדזש אדער אשדעסעפטיקאל, דיטראיט קאנקריט מאניופעקטשורס רי־אינסטאלד רעסעפטיקעלס. די צעמענט איז געמישט מיט ווייער, ווערט נעווער צופאלען, וועט זיך ניט שפאלטען פון פראסט. מיר גאראנטירען בילינער און פרייז, בעס־טע און קוואליטי. **ה. מ. קאפמאן,** 296 האנקאק איסט. טעלעפאן מעלראוז 3595 וועסט. טשערי 1472. פרייע אינ־סטאליישאן.

קויפט פון דעם אייגענטימער!
א סינגעל הויז פון 4 ליווינג רומס און 4 בעד־רומס, מאדערן צו דער מינוט, אין 219 ראזדאל קאורט. פאר־טיק צום אריינמופען. א קליינע איינ־צאהלונג. רופט העמלאק 216 „עם". (23

א גוטע היים צו קויפען און שפא־רען געלד קערביי — א 2 פעמילי בריק ווענער, אפטודרייט. א רביק גאראדזש אין דעם שענסטען נעגענד. עלמהורסט לעבען העמילטאן. פרייז $15,500,00 איינצאהלען $4500.00. טראגט אריין $1,860.00 א יאהר.
פרעגען בוהל בלאק, 9ת גריסוואלד, מר. טעבער. טעלעפאן מעין 6267. (23

ריעל עסטייט
צו פארקויפען 7 טערעסעס בריק. פרעדריק צווישען הייסטינגס און ענט־וויין, 7 רומס יעדע. סעפערעט פיירנע־סעס, אוק פיניש, פייער פלייס. לאט 125 ביי 85. גרויסער בארגיין פיר'ן שנעלען קויפער. $10,000 נייטיג. איינ־נאהמע $3330.00 א מאנאט. זיך פרע־גען: שווארץ, 339 הענדריע סטריט.

צו פארקויפען 6 רומס פארניטשור קאמפליט. פרעגען ביי מרס. סטעפסקי, 186 הענדריע סטריט. (21

צו פארקויפען 9 רום הויז, 2 זיבען רום טערעסעס און א 6 רום הויז לאט 42 ביי 147. איינצאהלען $3,000. פרעגען מר. קאנאור, 186 קענפיעלד. טעלעפאן, מעלראוז 5033.

צו פארקויפען 2 פלעטס, 7 און 8 רומס יעדע. פרייז $18,000. איינצאה־לען $5,000. זיך פרעגען, מר. קאנאור, 186 קענפיעלד. טעלעפאן מעלראוז 5033.

צום דעטראיטער פובליקום!
יעדער אייגער דארף וויסען: אז אויגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן נעהם צו און ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך פארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.

בי ביפאקס צונעפאסטע ברילען וועט אייך ערלויזען פון אלע אייערע טראבעלס. נעהט צו אייער גוט באקאנטען

Frosh O. D.
אפטאמעטריסט

אין 204 קלינגל'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגנאיבע עהרליך"ס דזשועלרי סטאר.

The Dime Savings Bank

רעסורסען איבער $40.000.000

יונייטעד סטייטס דעפאזיטארי - מעמבער פון פעדעראל רעזערוו סיסטעם.

אמעריקאנער געלד קויפט אין יוראפ מעהר ווי ווען עס איז פריהער. אויב איהר ווילט העלפען קרובים אדער פריינד אויף יענער זייט ים וועט אונ־זער פארעין עקסטשענדזש דעפארטמענט איבערשיקען פאר אייך געלד ביי מייל אדער קייבעל פאר דעם בילינסטען רייט.

The Dime Savings Bank Bldg.

מיין אפיס:

Griswold and Fort Streets

ברענטש אפיסעס:

1491 Woodward Ave.	1221 Jefferson Ave.	407 Gratiot Ave.
1306 Grand River Ave.	789 Woodward Ave.	418 Michigan .
1475 Fourteenth Ave.	Broadway and Whitherell	591 Oakland Ave.
3224 Grand River Ave.	118C Harper Ave.	Mt. Elliot and Davison

פארלאנגט א סיילסמאן אין א האל־סייל גראסערי. מוז זיין עקספיריענס. פרעגען, רובינס גראסערי, 247 נאפא־לעאן. (27

צו אידישע סאלדאטען און לעגיאנערען!
א ספעשעל מיטינג, ווערט פארופען זונטאג, דעם 30טען מאי, אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט, 204 האנקאק איסט, 2:30 איהר שארפ. צו מאכען פארברייטונג צו דעם נאיה פארייד.
עקרוני—קאופמאן, פרעס קאמ.

פארלאנגט די אדרעסע פון לאראַ וויינסטיין
האט געוואוינט אויף 911 טראמפ־לעט סט., פלינט, מיש.
עס ערווארטעט איהר געלד.
פרעגען: ניטהערקאט, און ניטהערקאט פלינט, מיש.

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעם פיר די פאל־נענדע לייזנס:
קאמפליט דרעס גודס ליין פון סילקס וואלענס און קאטין גודס. פערשידענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, קויר־טענס; טייבעל קאווערס; שעמס און בקארפס. קאמפליט ליין אין ליידיס פענ־די אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אהנדערוועהר.
ספעשעל!
א גרויסער אפארטמענט אין וואלענס באר מענער און דאמעס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס־מייקערס טרימינגס.

צו פארדענטען ביזנעס — **נייע סטארס**
קארנער אויף טשען סט. און טראמ־ברי, נייע מאדערנע סטארס. א גוטער געגענד פאר א דראגסטאר.
טערעפאנירט מר. מאסעט, מעין 5479
932 דיים באנק בילדינג.

צו פארדענטען ביזנעס — **אפיסעס**
פון דער נייער בילדינג אויף קארנער טשען און טראמברי סט. 7 צוויי רום סוטס מיט א גרויסער ווייטינג רום. אויס־געצייכענטע געגענד פיר א דענטיסט.
טערעפאנירט מר. מאסעט, מעין 5479.
923 דיים באנק בילדינג.

פארקויפען ביזנעס פראפערטי — **550 מאק עוועניו**
550 מעק עוו. 38 פים מיט א 6 פים האטעדזשיי עס פייס 2 בטריטען. $6,000 קויפט דאס. איינצאהלען 1,000. זיך פרעגען מר. מאסעט טעל. מעין 5479.
932 דיימע באנק בילדינג.

צו פארקויפען לאט — **45 ביי 100**
איסט גרענד ביוועלוו בעטווין טראמ־ברי און פיירס סטריט.
גרויסער בארגיין פיר שנעלען קויפער. זיך פרעגען מר. מאסעט טעל. מעין 5479.
932 דיימע באנק בילדינג.

געלט קיין יוראפא
דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראפ איז דורך דער
פיפעלס רעליעף
וועלכע איז א ברענטש פון דער דזשוינט דיסט. קאמיטע.
די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.
פיפעלס רעליעף קאמיטע
490 הייסטינגס סטריט
קעדילאק 2061.

דר. ה. סטאהיקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, ווי: קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאנטארס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע. פרייזען מעסיגע. ארענדזשמענט בעצאה־לונג. 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקסטשור קא.
305 גרעשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

ראזענפעלד,ס
רוסישע טערקישע באד
פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע באהאנדלונג.
30 מארבעל וואנעס — 2 כשרה מקוואות
שאור בעטהם — פרייע קאטס אויף צום רוהען
16 פריוואט רומס פאר יענינע וועלכע ווילען נעכטיגען.
א פראכטפולער לאנטש קאנטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקע צו יעדער צייט.
שווים פאר פרויען יעדען מיטוואך, מיט דער מיטווירקונג פון אן עקספערט מאסאושיסטקע.
1840 איבער סטריט, נ.ע. אנטאין, טע עפאן טשערי 6190 דאבליו.

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
הזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

Bricker Bros
75 Grand River
Cherry 3718
FURS.

איהר קענט איצט קויפען ספרינג פורס אויך פייר קאוטס פאר פרייזען וואס וועט לען זיך דאבלען אין פאל סיזאן, קומט אריין און באקענט זיך מיט אונז
בריקער בראס.

VIENNA SAUSAGE MFG CO. — Hygeia Beef Sausages — 1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשיי לעפקאווסקי און סאנס
בראדוויי מארקעט

רעוו. ל. ד. רייבלין
פון „אהבת אחים שוהל"
(אקלאנד)
נעהמט אן **סדור קדושין**
און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עופרידענהייט.
511 **קעמערא עוועניו**
טעל. העמלאק 1130 דאבעליו

לאיער מתתיהו ליסס האט נעע־פענט א ברענטש אפיס פאר די אווענ־דען אין 325 וועסטמינסטער סט. טעל העמלאק 533 דאבליו דאן טאון אפיס. 928 טשעמבער אף קאממערס בלדג. סטייט און גריסוואלד סט. טעל. טשערי 3978

מאושען-פיקטשור אפרייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע ווידזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.
Movie Operator's School
33 Sproat St
מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג: 7:30 אבענד.

שעכטער'ס
דראג סטאר
477 **הייסטינגס סט.**
טעלעפאן, טשערי 5763
פריסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

ניט אייערע קינדער א מאדערנע אידי־שע ערציהונג שיקט זיי אין דער מענ־דעלע פאלקס שולע 204 איסט הענ־קאק. עס ווערען געעפענט נייע קלאַ־סען פאר אנפאנגערס, אויך שולער פיר די העכערע קלאסען. און שולע לע־רענט מען אידיש העברעאיש, געשיכ־טע און ליטעראטור. די שולע איז אפען יעדען טאג פון 4 ביז 7 זונטאג פון 9 ביז 12.30

ווילט איהר אייערע
שלעסער, שליסלען קארפענ־טער זעגען, טולס און אנדערע
ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלם סט.

באקאנטמאכונג
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר
האט געגעבען פון 2 פארנסווארט אין
140 ... קאר. בראש
טעלעפאן מארקעט 827

ווארע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353-355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

א גרויסער אויספארקויף
ביז פאנגט אן מאנטאג
איך נאך באקאנט צום געהערטען פובליקום פון דעטראיט דאס איך מוז אויספארקויפען מיין גאנצען סטאק
קראקערי, אלומינום, גראניטווער און פענסי טשיינע
אלעס, אלעס, מוז פארדויפט ווערען אין דער קורצער צייט פון היינט ביז דעם 1טען דזשולי. מיין ליסס נעה ט איים און מיין געזונט ערלויבט מיר ניט מעהר צו שטעהן אין ביזנעס, דע רום מוז אלעס פארקויפט ווערען צו די בילינסטע פרייזען.
קומט וואס שנעלער פאר די בארגיינס. אלעס ווערט פארקויפט פאר א האלב פרייז.
מ. ב. שאפירא, 511 הייסטינגס סטריט, ביטווין אלפרעד און ברוסטער
זאגט אייערע פריינד וועגען דעם גרויסען סייל.

איר קענט שיקען געלט
צו אייערע קרובים
דורך דער
Bank of Detroit
א. זיגלער מענעדזשער
הייסטינגס סטריט ברענטש

מט. קלעמענס
זייט געזונט

אין פארברענגט אייער זומער וואקיי־שאן אין מאונט קלעמענס, און אז שוין אין מאונט קלעמענס וועט איהר סטאפען אין

Elkins Hotel

100 רומס. דיינינג רום פאר 300 לייט. א רפואה פאר קראנקע, א פאר־גניגען פאר געזונטע.

ס'גיט געדרונגען אז איהר מוזט האַ־בען טויזענדער צו זיין אין מט. קלע־מענס

ניו ווילא האטעל

וועט אייך רעכענען $25 א וואך און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס קאנעקטעד מיט א פעמערויש צו די פלאזא בערעה. שרייבט נאך איינצעל־הייטען צום פראפריעטאר ה. קראוז.

ריווערסייד האטעל
(נעווזענער פארק ענעקס)
מט. קלעמענס, איננאנצען רעמאָ־דעלירט, עפענט זיך 1טען מאי. 150 רומס, דיינינג רום פאר 300. דאס איידעלסטע פלאץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע. שרייבט נאך איינצעלהיי־טען.

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

אלבאני האטעל

אין מט. קלעמענס, האט א נאמען פאר די לעצטע 20 יאהר אונטער דעם זעלבען מענעדזשמענט. מיר בעטען אונזערע קאסטומער און פריינד צו קומען באצייטענס. איידער דער סעזאן איז אין פולען גאנג, כדי מיר זאלען זיי קענען געבען בעסערע בא־האנדלונג. שרייבט צו
ב. מאסקאוויץ

אייער פארלארענע געזונט

קריגט איהר צוריק, ווען איהר זענט אין מאונט קלעמענס און סטאפט אין
גלענוואוד האטעל
קאנעקטעד מיט די בארימטע אלומי־ניא בעדער. שעהן, ליכטיג, לופטיג. פרישע שפייזען, מעסיגע פרייזען. א ספעשעל לאנטש און דעליקאטעסען סטאר, קאנעקטעד מיט די גלענוואוד. שרייבט נאך אויסקינפטע צו א. מאדאר־סקי.

לעזט דעם „וועג"

די ליבערטי און דער טייוועל

סקיצע פון מאקס גאטהעלף

אונרוהיג און ערשטוינט האט בארים געשפאנט איבער'ן צימער הין און צוריק, ווארפענדיג פארדאכטיגע בליקע, פון צייט צו צייט אויף זיין יונגע ווייבעלע, ראזא, וועלכע איז געשטאנען ביים שפיגעל, און צורעכט געמאכט איהר בלאנדע האר. אפגעשטעלט זיך אויף א רגע, און איז צוגעגאנגען צום פענסטער, געקוקט אין דער ווייטקייט מיט ברייט־אפענע אויגען, די מענשען וועלכע זענען דורכגעגאנגען איבער'ן טראטואר, האט ער ניט באמערקט. טרעהרען האבען פארגלעזערט די אויגען, און איהם האט זיך איינגערעדט, ווי אן אונענדליכע שווארצע קייט, ציהט זיך אהן א סוף...

— געהן... אוועק געהן, און ניט קומען מעהר צוריק..

ניין, דאס האט ער בלויז טראכטען געקענט. אבער ניט אין די ווירקליכקייט. ער ליעבט ראזא'ן צו שטארק... צוויי מאנאטען נאך זייער הייראט און זי פארשאפט איהם אזעלכע שמערצען..

— איז זי איהם אונטריי? וואלט זי דאך איהם ניט געקושט אזוי הייס, ניט געראשעט אזוי צערטליך...

אבער ווארום איז זי ניט צופריעדען מיט איהם אליין אין הויז צו פארבלייבען, ווי פאר דער חתונה?..

יענע אווענדען, ווידערהאלען זיך אפט אין זיינע געדאנקען. ער קאן זיי ניט פארגעסען. דאס הארץ דריקט און די אויגען פארציהען זיך מיט א שלייער פון נעבעל.

ראזא איז פארטיג געווארען מיט איהר „טואלעט" צוגעגאנגען צו בארים'ען, ארומגענומען איהם מיט איהרע ווייכע פולקע הענטלעך, זיך צוגעבויגען און א קוש אפגעפרעסט אויף זיינע בלאסע ליפען.

— לאז מיך צורוה, קוש מיך ניט יעצט — האט ער מיט א הייזעריגער שטימע א'מורמעל געטאן שטיל.

ראזא האט זיך שטארק באליידיגט פון איהר מאן'ס ווערטער. דאס ערשטע מאל, נאך זייער הייראט הערט זי פון איהם, דאס ער אינטערעסירט זיך ניט מיט איהר ליעבע.. זי איז אפגעטראטען געזעצט זיך ביים פיאנא. האט עפעס געשפיעלט א טרויעריגע מעלאדיע.

געענדיגט שפיעלען, האט זי זיך אויפגעשטעלט און איהרע בליקען אויף בארים'ען געווארפען, דאס זענען געווען בליקען פול מיט ענטשולדיגונג, מיט געבעט. אבער ער איז שוין ברוגז אויף איהם. זי וועט איהם ניט פרעגען אויב זי זאל געהן צום „מאסקאראדבאל". ער וויל ניט געהן, זאל ער זיצען אין הויז. זי וויל זיך „ענדזשאיען". זי גלייבט ניט די לעקטשורס, צו וועלכע ער געהט איטער. זי וועט אוועק צום „באל" און וועט איהם אפילו ניט זאגען „גוד נייט". זי קאן איהם שוין, זיינע קאפריזען זענען איהר באקאנט.. ער איז צו איהר גוט דאן, ווען ער זעהט אז זי איז ביי זיך שטאלץ. ווען זי בעט זיך ביי איהם איז ער דאן שלעכט צו איהר, זי קאן שוין זיין באקאנט... ניין, זי וועט איהם ניט פרעגען, ניט בעטען. אוועקגעהן צום באל ברוגז, און קומען א ברוגז'ע און ניט רעדען צו איהם ביז... ביז ער וועט אנפאנגען... זי ווייס אז וואס מעהר זי צייגט ארויס איהר ליעבע צו איהם, דעסטא מעהר פארשטייסט ער איהר בין זיך.

מיט דיעזע געדאנקען איז זי צוגעגאנגען צ געשטאר פון „דרעסער" ארויסגענומען א קרוין, דאס פנים פארדעקט מיט א'ראזעווער פרויען־מאסקע, ווי די סטאטוע „ליבערטי" און פארלאזט דאס צימער.

די עלעקטרישע פארשידענע פארבינע לאמפען וועלכע באציערען דעם ברייטען און לאנגען זאל פון דעם „קאסינא־האל", דרינגען דורך מיט איהרע שפיזען געמאהלען יעדען ווינקעל.

די זאל איז פול מיט לעבענסלוסטיגע, אויגען שטראהלען מיט ליידענשאפט פנימ'ער פרעהליכע, נייגעריגע, זוכען זיך איים פארגעך, הראמיען זיך אין און שווימען אויף. איבער'ן דיל, נאך דעם טאקט פון דער מוזיק, געלעכטער, מוזיקאלישע קלאנג, ארעם מישט זיך איים צוזאמען, אין איין זארגלאזען, פרעהליכען באָאס; גליקליך פיהלט יענע פרויען מאסקע, וועלכע ווערט געלאדען צום טאנצען, ענטוישט בלייבט שטעהן די יענע וועלכע בלייבט אליין, פון קיינעם ניט באגריים..

* * *

א לענגערע צייט איז ראזא געשטאנען אליין און געוארט ביז מען וועט איהר איינלאדען צום טאנצען. עפעס ווי פון אלעמען פארגעסט... קיינער האט זיך ניט אינטערעסירט מיט איהר.

— בעסער וואלט איך שוין אין הויז פארבליבען... — האט זי במעט ווי חרטה באקומען.

— מיט בארים'ען צו'ברוגז'ט זיך, און דא האב איך ניט קיין פארגעניגען געהן צו'מיצען איינלאדען. נייו, עס איז עפעס ניט אנשטענדיג... אבער ביז ווי לאנג וועל איך נאך שטעהן און צוקוקען ווי אנדערע אמוזירען זיך...

פלוצלונג, ווי דורך א כשוף, איז אויסגעוואקסען נעבען איהר א מאן אין א מאסקע פון א „טייוועל", האט איהר געמאכט א פארשלאג צום טאנצען, און ניט ווארטענדיג, צעשפרייט זיינע ארעמס, און ביידע זענען פארשוואונדען צווישען די טאנצענדע פארלעך.

ווען דער ארקעסטער האט זיך גענומען זיין צייט צום רוהען, האבען זיך די צוויי מאסקען, די ליבערטי מיט'ן טייוועל, אוועקגעזעצט אין א דערבייאיגען צימער וואו די ליכט האט געשיינט רינקעל בלאס, א ווייטע זענען זיי געזעסען שטום, ענדליך האט ער איהר געשטעלט א פראגע, פון וועלכע זי האט זיך געפונען באליידיגט..

— איך ערלויב אייך ניט צו שטעלען אזעלכע פראגען, — האט זי זיך מיט שטאלץ אויפגעשטעלט.

— ווארום ערלויבט איהר זיך צו טאנצען מיט מיר — האט ער זי געפרעגט.

— ווייל מיר זענען פארמאסקירט, — איז געווען איהר קורצער ענטפער.

— און באזוכען אייך אין אייער היים ערלויבט איהר ניט, ווארום?

— ווייל איך קאן אייך ניט.

— איך קאן אייך אויך ניט.

— איך בין א פרוי פון א מאן וועלכען איך ליעב..

— ווארום זשע טאנצט איהר ניט מיט אייער מאן?

— ווייל מיין מאן קומט נישט צו אזעלכע ביזנע אמיוזמענטס.

— און איהר?

— איך בין א פריי... איהר פארשטעהט?

— אויפ'ן וועט זיין אז איך וועל אייך געבען א קוש און מיטען טאנצען?

זי האט זיך צעלאכט, און האט געענטפערט — ווען איך אייך אפ געבען צוריק..

— אלזא געהען מיר טאנצען.

— איך וויל זעהן ווער איהר זייט. האט ראזא ערנסט געפאדערט.

— און דאן?

— און דאן ווער איך זעהן וואס איך האב צו טאן...

— איך אזוי פארבלייב איך אייער אומבאקאנטער. ראזע! — און עס איז אוועק.

ראזא האט איהם געזוכט. אבער אומזיסט איז געווען איהר זוכען, זי האט איהם שוין מעהר ניט געקענט אויסגעפינען...

* * *

ווען ראזא איז אהיים געקומען, האט זי נאך אלץ געטראכט פון דעם טייוועל. זי האט געוואלט אויפוועקען בארים'ען פון שלאף און דערצעהלען איהם וואס עס האט פאסירט מיט איהר, היינטיגען אווענד, אבער זי האט זיך דערמאנט אז זי איז ברוגז אויף איהם.

בארים האט פון שלאף ערוואכט..

דערזעהן זיין ראזא'ן שטעהענדיג פארטראכט, האט ער זי געפרעגט:

— נו, ווי האסטו זיך אמוזירט, ראזעלע?

ראזא האט איהר מאן דערצעהלט פון אלעם...

בארים האט געפיהלט, ווי צום פארנאנדערצולאכען זיך, אבער אום צו ענדיגען זיין קאמעדיע האט ער זיך קאנטראלירט, און האט פארטגעזעצט:

— וואס וואלט דיך געארט, ווען ער נעמט דיך א קוש? זאל דיר דאכטען אז דאס בין איך...

ראזא האט זיך צעוויינט, זיך איינגעטוליעט אין קישען, ביז — ביז בארים האט איהר ענטדעקט דעם סוד, אז דאס איז ער אליין געווען דער טייפעל...

— יעצט מיין ליעבע ראזעלע, וועל איך ניט זיין אייפערזיכטיג — האט ער איהר שטארק געדריקט צו זיין ברוסט און האט איהר בלאנדען קאפ מיט הייסע קישען באדעקט.

3 גאטהעלף

באריכט פון די יעקאטערינאסלאווער

מאנטאג אווענט, דעם 17טען מאי, איז אין לייבאר ליסעאום אפגעהאלטען געווארען א רעגולאר מיטינג.

א קאמיטע פון דער טעאטער אונטערנעהמונג באריכטעט, דאס דער פיירטער טעאטער איז געדונגען געווארען אויף מיטוואך אווענט, דעם 26טען מאי. נאכדעם ווי די דעלעגאטע גיבען אפ א באריכט וועגען איקראינער פארבאנד, ווערט עס באשלאסען אנצושריבען זיך אין דעם איקראינער פארבאנד.

דער סעקרעטער לעזט פאר א בריעף וואס איז ערהאלטען געווארען פון דעם דענווער סאנאטאריום וועגען דעם פייער, וואס איז דארטען געווען. עס ווערט באשלאסען צו רופען א ספעציעלען מיטינג אויף מאנטאג, דעם 24טען מאי, וואו די פראגע פון שטיצען דעם דענווער סאנאטאריום וועט באהאנדעלט ווערען.

אלע מיטגלידער זענען געבעטען צו קומען צום ספעציעלען מיטינג.

ווארט ניט ביז וואנען די באָרד אוו העלט וועט אייך צווינגען צו קויפען א רעסעפטיקאל קויפט דאס גלייך אליין

קאנקריט

גארבעדזש און אש רעסעפטיקאלס

מאנופעקשורד ביי די

האוטאן סעמענט באקס קא.

820 לאפאיעט עוו. קאר. 21טע סטר.

אינזערע באקסעס זיינען ביליגער און בעסער פון אלע אנדערע באקסעס גע־מאכט אין דעטראיט. מיר האלטען אונזערע רעסעפטיקאלס דיזענפעקטעט אזוי אז קיין שום ריח קען זיך פון זיי ניט דערטראגען און דאס איז די אורזאך וואס זיי ציהען ניט צו קיין פליגען און מיקראבען.

פרעגט אייער שכן וועלכער האט שוין אזא רעסעפטיקאל

אייער נעקסטען אָרדער פיר א סעמענט גארבעדזש אדער טיש באקס באשטעלט ביי אונז און דערביי וועט איהר פיינען פון 3 ביז 15 דאל. אויף אייער אר־דער.

פעקטארי		אגענטען
820 לאפאיעט עוו	אינזער רעסעפטיקאלס זיינען	יאפפעאן טאנערט
טעל. וועסט 2682	אונטער דער אויפזיכט פון	984 ענטווין סט.
	דער באארד אוו העלט	טעל. נארטוויי 4184

וואַרט ניט ביז וואנען די באָרד אוו העלט וועט אייך צווינגען צו קויפען דעם סארט גארבעדזש באקס. קויפט דאס בא צייטענס און פערמיידט טרא בעל.

מיר מופען דאן טאן

קאפלאנ'ס בארגען סטאר

483 הייסטינגס סטריט

אונזער גאנצער סטאק פון דריי גודס און דרעס גודס מוז ווערען פארקויפט ניט אפשטעלענדיג זיך אויף קיין פרייז. די בעסטע געלעגענהייט צו סייפען פופציג פראצענט אויף יעדען ארטיקעל וועלכען איהר וועט קויפען ביי דיזען גרויסען סייל.

עטליכע איטעמס פון דיזער פ יידזש וועט אייך איבערצייגען אין דער ריכטיגקייט פון דיזען וואנדערבארען סייל.

נאך אנדערע בארגיינס זיינען פארגרייט פאר אייך ביי דיזען סייל.

לאזט ניט דורך די זעלטענע געלעגענהייט פאר אייער אייגענעם בענעפיט.

דער סייל פאנגט זיך אן

שבת אבענד מאי דעם 29טען אום 7 אוהר

Kaplan's Bargain Store

483 Hastings Street

1 גרויסער לאט רעמנאנטס און ווייסע מאזלין, בעסטע קוואליטי.
סייל פרייז —
30c
א יארד

גרויסער לאט דרעס וואויעהלס רעמנאנטס שעהנע קאלירען.
סייל פרייז —
49c
א יארד

גרויסער לאט שורטינגס רעמנאנטס פענסי סטרייפס.
סייל פרייז —
39c
א יארד

1 לאט 5000 יארד פון פאפלין, גינגאם לינענס, פעקי און סטייבעל קאלירען.
סייל פרייז —
39c
א יארד

לידיעס זאקען

1 לאט לידיעס זאקען ווייסע און שווארצע.
סייל פרייז —
19c

לידיעס זיידענע זאקען

1 לאט פון פיינע לידיעס זיידענע זאקען, אלע קאליערען.
סייל פרייז —
$1.29

לידיעס יוניאן סוטס

לידיעס יוניאן סוטס קאליערטע און ווייסע. אלע סייזעס.
סייל פרייז —
.69c

לידיעס וועסטס

עקסטרא סייזעס און רעגולער, גוטע קוואליטי.
סייל פרייז —
39c

א לאט פון נייטגאונס, קארסעטקאווערס און בלומערס.
סייל פרייז —
$1.39

גרויסע בארגיינס אין בעדספרעדס, בלענקעטס און קוירטענס.

מענס צוויי פיסעס באלבריגען אנדערוועהר און קרים.
סייל פרייז —
59c

מענס יוניאן סוטס באלבריגען, ווייסע און קרים.
סייל פרייז —
$1.29

מענס דרעס זקנען, ווערט 39 סענט. ווייסע, שווארצע, ברוין און גרעי.
סייל פרייז —
29c

מענס ארבייטס זאקען, 1 לאט זאקען פארשידענע קאליערען.
סייל פרייז —
50c

ספעשעל איספארקויף

מענס אנדערוועהר, געריפטע און פליעס־לייננד.
סייל פרייז —

בארגיינס

א לאט בעד־טאולס, גוטע סייז, גוטע קוואליטי.
סייל פרייז 2 פאר 15 סענט.

א גרויסער רעדאקשאן אין מ מענס און לידיעס וואולענס פאר סוטס, אווערקאוטס און דרעסעס. אויך סילקס און וואולענס פאר ליידיעס דרעסעס.

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

*Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.

347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715.

J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

לא תרצח!

ווען מיר נעבאט גוואלטען פון די צעהן אויסנעפעהלטע, און ווען אנשטאט צעהן דברות וואלטען מיר נאך מיט איינער געמיינט אר געקענט שטאלצירען, און ווען אויף די צוויי לוחות וואלט בלויז דער איינער פארזאג פון לא תרצח אויסגעקריצט געווען, וואלטען מיר אויך דאמאלסט מיט דער גרעסטער כונה דעם "אתה בחרתנו" ווידערהאלט. וואלטען מיר אויך דאמאלסט ניט נאר הייסע נאציאנאליסטען נאר אפילו ענגע שאוויניסטען געמעגט זיין און מיזענד מאל רחמנות זאגען פאר אלע אנדערע פעלקער ביז אונזער פאלק, דאס אידישע פאלק.

היינט, מעהר ווי אלע מאל, ווייסען מיר וואָרום עס האט זיך אזא רעש, אזא קאך און אזא טאראראם געמאכט ביי מתן תורה: היינט מעהר ווי אלע מאל ווייסען מיר וואָרום מען האט באדארפט הויות, ברקים, דונערן און בליצען און פארשידענע שטראשונקעס און איבערראשונגען.

לא תרצח! ... "ערגער איך ווערגיך דא א לעבעדיגער באגראבען אונטער'ן בארג."

אזוי און ניט אנדערש האט מען ניט נאר מיט מוזעלער און מוזענדער וואהרען צדיק באדארפט ווערען צו א פאלק, א פאלק וואס איז נאך היינט פאלק ניט געווען, נאר נאך היינט טאר מען ניט. ...

לא תרצח! ...

לא תרצח! ...

דער אלוויטינגער חג הבכורים

פון דר. מ. ה. קאפלענדער

דער חג השבועות אזוי ווי די אנדערע ביבלישע ימים טובים האט זיין איינענארטיגען נאמען, און צונאמען, אום זיך שפעטער אויסצודריקען, וועל איך עם אנרופען זיין "שם העצם" און "שם התאר". ביידע, דער נאמען און טיטעל, איז דייטליך אנגעגעבען אין דער ביבעל. ...

מתן תורה

פון מארדים ראזענפעלד

עס טינקט זיך דער מדבר אין פלאמען
אין שיפרות פארטומלען די ליפּט
א שטימע א הייליגע רופט:
אין הימעל אין בארען צוזאמען
זיי נעהמען ארום זיך אין פייער.
און איבינער גליבען א נייער
יעדם איצטער אין חשמל געשאפען.
עס ווערען באפרייט די שקלאפען
אין גייסט. און סאהעפט מיט דעם בורא.
וואס שינקט זיי זיין מאטמער, די תורה!

עס קומט די פטריא פון איינען
באגריסען דעם איבינען גליבען;
עס דונערט און בליצט, און געוויטערט.
דער געצענדיענסט פלאטערט און ציטערט.
קסשיידערט די קגעבשאפט די אלטע,
כ'גליי'דען די געטער די קאלטע,
עס טראגט זיך און איסריס א דיינער:
"ניין גאט ניר בין אין איין. יא, איך איינער"!

עס ווענט זיך און ברעננדען ווינד
דער סיני. דאס געטליכע קינד,
די תורה. קומט עדליך אראפ
געקריינט מיט א פייער איהר קאפ.
מיט הימלישע בליטען א קראנץ,
מיט שכינה'ס באליבטענעם גלאנץ.
דאס פאלק נייגט זיך טיעף צו דער ערד
ווען כ'האט שרי'ב שטימע דערהערט
אין שרייט ווי איין מענש: "פון איצט אן
וועלען מיר הערען און טאן".

אזוי איז געווארען
אזוי איז געבארען
יאכ'ב שפינגע, איבינע גאציאן.

שפריצען

מאכע א פלאן

דער איטאליענישער קעניג זוכט א בעלן, וואס זאל צוזאמענשטעלען א נייעם קאבינעט. מ'שמועסט, אז אויך אין פראנקרייך און אין ענגלאנד האלטען די קאבינעטען ביים פאלען.

ב'וואלט געווען א יושר מ'זאל אוועקשיקען קיין אייראפא עטליכע פון אונזערע דעטראיטער "קאבינעט־מייקערס".

* * *

אזוי געהט עס

דער גודל פון אן אקטיאר!

דייוויד קעסלער האט דעם לעצטען אקט פון זיין לעבען געשפּיעלט ניט אויף טעאטער, נאר אין א האספיטאל.

* * *

פויזען'ס תשיהרות

פוילען האט שוין ווידער אנגעהויבען רעדען וועגען שלום מיט'ן סאוויעט רוסלאנד. ...

א שבועות'דיגע לעקטשור

א רעדע וואס יעדער איינער קען זי איבערערצעהלען ביי זיך אין פאריין.

פון ר' ברוך'ל

געערטע פארזאמלונג!

ווען איך זאל האבען ביי איך א רעדע כאטש אויף אזוי פיער יאר, וואלט איך דעם "זמן מתן תורתנו" ארונטערגענומען פון'ם סידור און פון'ם קידוש און איבער דעם יום טוב שבועות גערופען "זיין אבילות בלינצעס". ...

May 21/20

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארטזעצונג)

ער האט אוועקגעלעגט די פען, האט פארמאכט ביידע אויגען און דעם קאפ אין ביידע הענד באגראבען.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האבען זיך די מחשבות זיינע אין א סדר אויסגע-בעט. די רוהיגע פלענער האבען זיך פאר מעליך גענומען באקליידען אינצינווייס אין הויט און ביין. פאר זיינע פאר-מאכטע אויגען האבען זיך ווי לעבעדיג אוועקגעשטעלט האלבע מענשען, פארטוג קעלטע בילדער און פארנעבעלטע סילועט-טען. א ים מיט אזעלכע באשעפעניש'ען האבען זיך פאר איהם געוויזען און פון צווישען זיי אלע האט שפעטער ווי א זון זיך ארויסבאוויזען איין גאנצע, פרעכטי-גע, מאיעסטעטישע פיגור און דאס איז געווען — חנה... אין איהר, האט איהם די פאנטאזיע געשלאגען, דארף ער דעם הויפט העלד פון זיין ניי, גרויס ווערק דעם הויפט העלד געפינען.

דער בארג האט — א מויז געבוירען.

פון אלע שלאגענדיגע מחשבות און פאנ-טאזיעס, פון אלע טיפען און האלבע טיי-פען וואס האבען ווי דורך א צויבער-שטעקעל, זיך אלע רגע געביטען אין זיין מח, האט ער פארט געמוזט אנקומען צו דעם נאהנטען.

ער האט ווייטער זיין האנד נישט גע-קענט ארויסשטרעקען. קיין נייעם העלד האט זיין מחשבה נים געקענט געבוי-רען; פון'ם פארטיגען האט ער געמוזט נעהמען.

דעם גאנצען מאטעריאל פאר זיין ניי, גרויס ווערק האט ער פון זיך און פון ארום זיך גענומען זאמלען.

ער האט ווייט נישט געזוכט, צו דעם ווייטען איז ער אומבאהאלטען געווען.

נייטאן האט קיין ווייט און ברייט אויג נישט גענאם, ער האט פארמאגט אבי-סער שטימונג, א סך אינטעליגענץ אבער קיין טאלאנט. און דערפאר האט ער אפילו פון אזא שטימונג, אין וועלכער ער האט זיך אמט געפונען, נישט געקענט אויס-פרעסטען קיין גרויסעס און ווייטעס.

ער האט זיך אין זיין ספערע געפונען.

ער האט זיך פון זיין ספערע גע-שפייזט מאטעריאל און — אויך גייסטיג.

פון דארטען האט ער זיך נישט גע-קענט ארויסרייסען נישט ווייטער און נישט העכער.

ער איז געווארען אנגעפילט מיט אן אינווייניגסטער פרייד. א גליקליכע רגע האט צו איהם א שמייכעל געטאן און איהם באגייסטערט, מיט אביסעל אינ-ספיראציע איהם אנגעפילט. יעדער אינ-טעליגענטער מענש קען אין אזעלכע רגע'ס זיך דערפילען גייסטיג שטארק און עס וועט זיך איהם דוכטען, אז ער איז פעהיג עטוואס צו שאפען, א באגער באפט אים דעם מענשען אין אזעלכע מינוטען זיין פרייד אויף פאפיר אויסצו-גיסען.

וואלט ער נישט בריגר געקענט אויף זיך אליין, וואלט ער גרייך געווען פאר-שטאנען אז די פריינדען פון זיין פאנ-טאזיע זיינען נישט בכח איהם צו ער-הויבען אפילו דעמאלט, ווען ער געפינט זיך אין די סאמע פרייליכסטע מאמענ-טען פון'ם מענשליכען לעבען, אפילו ווען ער איז אנגעפילט מיט אזא אינספיראציע

ער וואלט געזעהן אז ער וועט אין אזא מאמענט אפשר בלה זיין שטימונגספא-לער אדער קינסטלערישער ארויסברענגען די בילדליך וואס האבען זיך אין זיין מח איינס אויף דאס אנדערע געוואקסען פון דעם וואס ער האט געזעהן, געהערט און... איינן געליטען און געפיהלט. אבער צו שאפען אין קינסטלערישעם וועט ער אומבאהאלפען זיין.

אין אזעלכע צייטען זיינען אפילו די ידידי בריוועלעך פון פראסטען בשר-ודם'ס אינטערעסאנט צו לייענען, ווייל זיי ווי-נען פאעטיש, שטימונגספאל.

אין אזעלכע צייטען קען אן אינטעלי-גענטער מענש שאפען פון זיין אייגען לעבען א שעהנע ווערק, אדער זיין פאנטא-זיע קען איהם דעמאלט ערהעבען אזוי אז ער זאל א שעהנע פאעמע אויסזינגען.

אין אזעלכע צייטען קען אבער דער ארוח באגאבטער קינסטלער שאפען אן אומשטערבליכע ווערק, וואס זאל זיין נאמען אומשטערבליך מאכען, אט ווי עס איז מיט דעם איטאליענישען דיכטער דאנטע פארגעקומען. ער האט אין אזא צייט זיין בארימטע פאעמע „אינ-פערנא" געשאפען. טויזענדער אנדערע דיכטער און שריפטשטעלער און דראמא-טיסטען און נאוועליסטען און אפילו ווי-סענשאפטסלייט האבען אונטער אזא שטימונג זייערע ריעזען ווערק געשאפען. קלענערע טאלאנטען, ביי וועמען דער פונק פון שאפונג איז אבער ריעזיג גרויס, קענען אין אזעלכע מאמענטען די שטארק-סטע ייעדער, דאס בעסטע פון זייער פאנ-טאזיע מיט שטורם אויף דעם פאפיר ארייגגעבען.

נייטאן האט דאס גוט געוואוסט. ער אליין האט א סך מאל העכסט געדערט מיט חנה'ן. ער אליין האט דאס חנה'ן דערקלערט. ווען עס איז אבער געקומען צו איהם זעלבסט, האט ער אין גאנצען פארגעסען און האט פאנטאזירט. אז דאס געטה ער שאפען א קינסט יוערה...

* * *

ווען ער איז געארט איבער'ן פארק מיט חנה'ן געגאנגען, האט ער געזוכט עצות ווי אזוי ארום ער זאל איהר די אי-בעראשונג מאכען. אז זי, חנה, ווייסט אין זיין גרויס גייסטע ווערק די הויפט ראליע שפיעלען און אז זייער ביידענס באקאנט-שאפט און נאהענטקייט וועט זיך דארטען אפשפיגלען. אלע מאל האט ער געוואלט אנהויבען צו ריידען, אבער חנה האט איהם עטליכע מאל געבעטען, אז דא זאל ער שווייגען.

— דער פארק רעדט עפעס האט זי איהם א פאר'חלום'טע געזאגט — עפעס הער איך דא א געטליכע מוזיק, א כאר פון מלאכים און איך ווער געשטערט ווען צו מיין אויער טראגט זיך צו א ווארט פון א פארביינערער, א לאך פון א פאארע. יענע זיינען טויבע מענשען. זיי הערען נישט וואס דא טראגט זיך אין דער לופט. אבער איהר, איהר זענט דאך א קינסט-לער... הערט איהר גארנישט?

נייטאן האט זי אנגעקוקט און אין מח איז איהם הורבגעלאפען אן איראניע: — „גרינהארן דער פארק רעדט. געטליכע מו-זיק, מלאכים כאר... עט".

נור געשוויגען האט ער.

שפעטער, ווען ער האט זיך אריינגע-טראכט אין חנה'ס ווערטער, האט ער זיך דערמאהנט אז ביי די פאעטען ריידען טאקע די ביימער; עס זינגט דאך טאקע ביי זיי דער וואלד אנגעטליכע מוזיק און אויך „זיי הערען מלאכים-כארען"... און ער? — איז ער דאך נאהענט צו די פאע-טען... מוז אפשר אויך ער זיין אזא פאנ-טאזיאר...

ער האט זיך אנגעטאן א כח און גע-שוויגען...

אין אמת'ן איז ביי איהם דער פארק דאס בעסטע פלאץ געווען פאר ריידען — דא איז מען פריי, נישט געשטערט. די סביבה — א יונגע און לוסטיגע, ערמור-טיגעס און ערוועקט דעם חשק צום ריי-דען און צום פאנאנדער עפענען דאס הארץ.

ובפרט שוין ריידען וועגען ליעבע אין'ם פארק — דאס איז דאך אן אידעאל פון אלע ליעבענדע פאארלעך.

(פארטזעצונג פאלגט)

א דרשה לכבוד שבועות

(געהאלטען ספעציעל פאר פינף דאלאר) פון משה נאדיר

אין פסוק שטעהט (ווי איהר ווייסט פיליכט!) א חוץ פארשיעדענע זאכען אויך דער אויפרוף: „הוו נבונים לשלשת ימים" — ריכט זיך, הייסט דאס, אויף דריי סינג טעג. וואס לערנען מיר דערפון, ווערטע רבותי? מיר לערנען דערפון, אז ווען מיר וואלטען האבען דאס הארץ וואלטען מיר זיך אנגעזעצט אויף דעם דאזיגען שוואכליכען פסוק און מיר וואלטען איהם נישט אפגעלאזען ביז וואנעט, מיר וואלטען פון איהם נישט ארויסגע-דרונגען, אז נאך איידער דער רבונו של עולם האט געגעבען די אידען די תורה זיינע, האט ער זיי שוין גע-סטראשעט מיט דריי טעג...

וואלט דאס געווען א ווין? פיליכט! יעדענפאלס וואלטען מיר האבען גע-טאן אונזער פליכט, אלס דרשה'נער, אדער בעלי-דרשן (ווער ווייס צי האב איך דאס לעצטע ווארט ריכטיג גע-שפעלט!).

איצט, אז מיר זיינען שוין, ווי זאגט ער, אן אלטע האנד אין דרשות, וועלען מיר שוין א פאהר טאן אויף אונזער נייסטיגען בייסיקל א פאר שריט ווייטער, און מיר וועלען זיך אנטשעי-פענען אן דער תורה און זעהן וואס מיר קענען פון איהר ארויסוויצלען.

ווי עס איז פיליכט באקאנט צו אן ענגען קרייז לעזער, האט גאט ברוך-הוא צוערשט ארומגעפערט מיט זיין תורה צווישען פארשיעדענע פעלקער. אבער קיינער פון זיי, ווי עס ווייזט אויס, איז נישט געווען יהוש זי צו כאפען. דער ענגלענדער האט זיך דערשראקען פאר'ן „לא תרצח", דער פראנצויז האט געקראגען קאלטע פיס פון „לא תנאף". דער דייטש האט זיך אפגעטרייבעלט פון „לא תחמוד". דער רומעניער האט נים געקענט פארטראגען דעם „כבד את אביך" און אז. וו.

האט גאט ברוך-הוא געזעהן, אז עס איז ביטער, די טעג געהן אוועק, ער ווערט עלטער, און דא איז די תורה שוין אויך נישט קיין יונג מיידעל. א ביטערע עסק!

פאלט איהם איין: שא! וואו זיינען אהינגעקומען אט די לייטע מיט די הארטע נאקענס, וועלכע ער האט בא-שאפען אלס סעמפעלס.! נאך א לאנ-גען זוכען, האט ער זיי ענדליך געפונען זיצענדיג אונטער די פייגענבוימער און ריידענדיג וועגען... דעם נייעם שוחט. ע'! טראכט ער. דאס איז אלרייט. אידען זיינען „סטיקערס". מען דארף זעהן זיי אריינצושאפערען די תורה, אלס א ווילדער מציאה. פיליכט אויף קופאנעס...

איז ער אוועק צו די „ברייטע מאסען" און צו זיי געזאגט:

הערציבייגעט רבותי און לאנדסלייט! פון היינט אן און ווייטער בין איך איי-ער גאט. איהר וועט ביי מיר סטעדי ארבייטען, און פון „ליוויסען" רעדט מען נישט! נאר איין באדינג: נעהמט ביי מיר צו דאס פעקיל — די תורה, הייסט דאס, און לאמיר בלייבען גוטע פריינד!

און ער האט געוואלט אנטלויפען און איבערלאזען די תורה, האבען די אידען גענומען שרייען:

— מיר ווילען נישט אזא גאט! מיר ווילען א „פערצעהן-קעראטענעם" גאט. אזא ווי ברודער אהרן האט אונז פאר-געשלאגען...

האט גאט ברוך הוא געזעהן, אז די אידען זיינען נאך אלעמען נים אזעלכע יאלדען ווי פייגענבוים מיינט, האט ער זיי איינגעלאדען צו א גרויסען מאס-מיטינג, לעבען בארג סיני. דארטען, האט ער געזאגט, וועט ער זיי ערקלעה-רען די פרינציפען פון אלערליי זאכען. גוטע נאטור-מוזיק וועט שפיעלען. דער מלאך גבריאל וועט דעקלאמירען פון זיינע אייגענע שריפטען. יונגע, בלאנדע, ניט-קיין-פארהייראטע מלאך-טעס ווע-לען זינגען. איינטריט פריי. אלע ווילי-קאמען!

אז די אידען האבען דערהערט אזא זאך און... „איינטריט פריי!", האבען זיי גענומען קומען און מאסען און — דאס אלעס וואס גאט ברוך הוא האט געוואלט.

— און איצט מיינע ליעבע אידען!

— האט גאט געזאגט מיט א שטרענג קול, נאכדעם ווי ער האט זיך ארויפ-געכאפט העטאויבען, אויפ'ן שפיץ באַרג — איצט זייט אזוי פיעל גוט און רוקט זיך ארונטער אביסעל נידער-ריגער צום בארג — אט אזוי, אז איך זאל איהם קענען אביסעל אונטערהויבען. דאצרייט!

— ער געהט ווייזען קונצען! — האט באמערקט איין איד צום צווייטען.

ער וועט נאך אפשר שלינגען פייער אויך! — האט באקאנט גע-מאכט א דריטער און זיך געריבען די הענט...

א דרשה לכבוד שבועות 2

— איצט רוקט זיך אלע ארונטער אונטער'ן בארג! — האט גאט ארונ-טערגעטרומייטערט — אלטוגעטהער-באים! דאצרייט! נאך אביסעל טיע-פער! אט יענע דזשענטעלמען אין די אינטערעסטע ריהען וועלען אזוי פריינד-ליך זיין ארונטערשטעקען די קעפ אונ-טער'ן בארג — וועל איך באלד מאכען דעם קונץ. אט אזוי. גוט. אויסגעצייכ-נעט! און איצט, מיינע הערען — האט גאט ברוך הוא, געזאגט שוין פיעל שטרענגער — איצט וועט איהר אזוי גוט זיין און ביי מיר איינשטימיג צו-נעהמען די תורה. קיינע דעבאטען, פליעז! איהר מוזט זי צונעהמען מיט פרייען ווילען, און כדי איהר זאלט נישט קענען נאכהער זאגען, אז איך האב אייך, חלילה, פארנארט און גע-צוואונגען צו דערצו, גיב איך אייך די ברירה: ענטווערער איהר נעהמט צו ביי מיר די תורה, אדער אז נים, דעק איך אייך צו מיט'ן בארג ווי מיט א קאפעליוש. איצט באשליסט!

מיר'ן נעהמען! מיר'ן נעהמען!

האבען געשריען אלע ווי איין מאן און זיך געכאפט אונטער די קאפעליו-שען. און — אט אזוי האבען מיר, ווי איהר זעהט, איינגעהאנדעלט די אייגעמיינע תורה צוליעב וועלכער מיר געניסען היינט פון די פרעכטיגע בלינ-צעס!...

אידישע אגריקולטור סאסייעטי עפענט דא אן אפיס

מר. ריטשארדסאן מ. סיימאן פון שיקאגא דער וועסטערן מענעדזשער פון דער אי-דישער אגריקולטור סאסייעטי (באראן דע הירש) איז אנגעקומען אין דעטראיט מיט'ן צוועק צו גרינדען דא אין שטאדט א בראנטש פון דער אנגעגעבענער ארגאני-זאציע.

דערווייל געפינט זיך דער צייטווייליגער אפיס אין האנא שלאם בילדינג. מר. סיימאן וועט אין קורצען האלטען א אפטראג אין לייבאר לייסעאום וועגען די צילען און דער ארבייט פון דער אי-דישער אגריקולטורער געזעלשאפט.

דער הויפט אפיס פון דיעזער געזעל-שאפט געפינט זיך אין ניו יארק, און די וועסטערן אפיס — אין שיקאגא.

דער ציעל פון דיעזער געזעלשאפט איז צו העלפען און ערמוטיגען די אידען וועל-כע וועלען זיך אפגעבען מיט לאנדווירט-שאפט. זיי שטעלען צו אינפארמאציע (אומבאצאהלט) צו יעדען איינעם, וועל-כער וויל זיך באזעצען אויף פארמס. זיי עקזאמינירען דאס לאנד און גיבען אן אלע נויטיגע ידיעות וועגען פארמעריי. זיי גי-בען אויך גרידישע הילף צו די, וועלכע ווערען באשווינדעלט פון לאנד שפעקו-לאטארען. אויב ס'איז נויטיג, לייהט די-זע געזעלשאפט אויס סומען געלד אויף איינריכטען די פארמס אויף א פראדוק-טיווען אופן.

ביז איצט, פלעגט דיעזע געזעלשאפט אריבערשיקען איהרע פארשטעהער קיין דעטראיט, ווען איינער פלעגט זיך צו איהר ווענדען דורך קארעספאנדענץ. איצט אבער האט די אידישע אגריקולטור געזעלשאפט באשלאסען צו עפענען אין דעטראיט א שטענדיגען אפיס, וואו אן ערפאהרענער אגריקולטוריסט וועט גע-בען די נויטיגע עצות און אינפארמאציעס.

אז די אמאליגע אידען האבען דער-זעהן, אז משה איז אוועק אין הימעל אריין און ער שרייבט נישט קיין פאס-טעל קארד, האט יי גענומען — אהר'ן...

היינטיגע אידען זעהן זעהר אפט ווי א נביא גערט נעבעך יתגערהויד אין הימעל אריין און — עס הויבט זיי אפילו נישט אָן צו ארען...

מתן תורה דיקטאטור

(פעליטאן) פון א. אלמי

גאט האט פריהער, הייסט עס, די תורה ארומגעטראגען צו אלע פעלקער און זיי פארגעשטעלט די הימלישע סחורה און ווען זיי האבען זיך אפ-געזאגט זי אנצונעהמען, איז כביכול ערשט געקומען צו די אידען, אבער ביי אידען ווי געוועהנליך, פרעגט מען קיין דעה נישט, האט דער רבונו של עולם אויפגעהויבען דעם ניט-באוואוס-טען בארג און אויסגערופען:

— נעהמט איהר אן די תורה, איז גוט, טאמער נישט, באגראב איך אייך אלע אונטער'ן בארג און פטור!

און אז אידען האבען דערזעהן דעם אויפגעהויבענעם בארג, האבען זיי פאר-שטאנען אז עס איז נישט קיין קאטא-וועס און זיי האבען איינשטימיג אויס-געשריגען „נעשה ונשמע".

ווי איהר ווייסט, זענען די נשמות פון אלע אידען, פון ערשטען ביז'ן לעצטען דור, געווען ביים בארג סיני בעת מתן תורה און מיר דאכט זיך, אז איך געדענק עס קלאר ווי איך בין געשטאנען לעבען בארג, טרייסלענדיג זיך ווי א בלעטעל פון די דונערען און בליצען. איך געדענק נאך אפילו ווי איין נשמה (וועלכע זיצט איצט אין א לע-זער פון ראמאנען) האט אויסגעשריגען „א פאינט אוו ארדער" פליעז", ווען דער רבונו של עולם האט ארויסגעדו-נערט „לא תנאף" און דאס נשמה'לע האט איהם געשטעלט א קשיא: „וואס וועט זיין מיט די ראמאנען, ווי „די שעהנע אראבעלא", וכדומה"?

איך געדענק אויך ווי עטליכע נשמה'-לעך (וועלכע זיצען איצט אין איינינגע ניי יארקער שרייבער) האבען ביי דעם פונקט „לא תגנוב" פראטעסטירט, ווייל אויב נישט גנב'ענען פרעמדע „מייס-טערווערק" — וואס זשע וועלען זיי שרייבען? אנדערע נשמה'לעך האבען פראטעסטירט געגען „לא תחמוד", אויך אויס ניט באוואוסטע טעמים.

נאך א סך, א סך זאכען געדענק איך פון מתן תורה און זינט דאמאלט האב איך א שטיקעל פאראיבעל אויפ'ן רבונו של עולם — ער זאל מיך נישט שטראפען פאר דער זינד — אלעמאי האט ער זיך צו אלע פעלקער באצויגען אזוי טאלעראנט און געפרעגט אויב זיי ווילען די תורה און אונז, אידען, האט ער זי געגעבען, צי מיר ווילען יא, אדער נישט, אן עילה, ב'לעבען.

אין נאך א פאראיבעל האב איך אויפ'ן בורא און דאס איז שוין פאר-בונדען מיט די פאגראמען. פארוואס שעכט מען אונז, פארוואס באגעהט מען אזעלכע אכזריות קעגען אונז? — אין ווייל מיר היטען די תורה. פאר-וואס'זשע שווייגט דער רבונו של עולם? זיין תורה האלטען מיר און דערפאר הרג'עט מען אונז און ער שווייגט. איך ווייס, אז דער כביכול וועט סוף כל סוף זיך אפרעכענען מיט אדזעלכע שונאים. אבער דערווייל קוילעט מען דאך אוים טויזענדער אידען.

היינט שטעלט זיך נאר פאר אונזער לאגע: דער רבונו של עולם האט אונז געוואלט דערהרג'ענען מיט'ן בארג, אויב מיר וועלען נישט אנגעהמען די תורה און די פעלקער הרג'ענען אונז, ווייל מיר האבען יא אנגענומען די תורה. בקיצור, ווי דער איד זאל נישט טאן איז איהם שלעכט, ער איז שטענדיג דאס כפרה - הינדעל.

זאלען מיר זיך היינט אפזאגען פון דער תורה, וועט מען אונז אויפהערען קוילענען. ווילען מיר אבער נישט און מיר האלטען זיך מיט גאט'ס תורה — שעכט מען אונז און דער אל נקמות שווייגט.

ווי עס ווייזט אויס, אין דער מענשלי-כער שכל טאקע צו שוואך משיג צו זיין גאט'ס דרכים.

א לץ, א שטיק פארדיקטער אפיקורס, האט מיר שוין היינטיגע וואך געזאגט, אז מסתמא איז די טעלעגראפישע פאר-בינדונג מיט'ן הימעל איבערגעריסען און מען ווייסט „דארט" גארנישט וועגען די שרעקליכע שחיטות אויף אידען. אי ווייערלעס? — שווייגט דער לץ. ס'איז דען דא מיט וועמען צו טענה'ן? א משוגע'נער לץ און פארטיג.

ס'איז איין תרוץ פאראן. אט דער וואס איך האב פריהער געזאגט: מיר קענען נישט פארשטעהן גאט'ס דרכים. אט, למשל, קומט לויט מיין פראסטען שכל אויס, אז גאט האט איצט געדארפט טאן מיט אלע פעלקער דאס, וואס ער האט אמאל געטאן מיט אונז, אידען: זיי אלע צונויפזאמלען און אויפ-הויבען — נישט קיין בארג, נאר די גאנצע ערד — און אויסרופען:

— וועט איהר פאלגען, וואס איך הייס אייך, איז גוט, אויב נישט — צושמע-טער איך אייך אלע אויף פיץ-פיצלעך.

די גאנצע תורה איז פאר גוי'שע קעפ טאקע צו שווער. אבער זאלען זיי כאטש אנגעהמען איין געבאט — דעם „לא תרצח". זאלען זיי קודם אויפהע-רען שעכטען זיך איינע די אנדערע און זיי אלע — אונז אידען. זאלען זיי אוועקלעגען די חלפים און זיי וועלען מיט דער צייט זיך ממילא מוזען אויסמענשלען.

נו, רבונו של עולם, וואס וואלט דיך געארט, ווען דו באפעהלסט די פעלקער מיט'ן הארבען ווארט אנצונעהמען, דעם „לא תרצח"?

אמת, היינט וואלט מען אזא אויפ-פיהרונג מיט סטראשונקעס אנגערופען „דיקטאטור", אבער די וועלט דארף האבען א דיקטאטאר, מוז האבען א דיקטאטאר. אלע שעהנע פראזען וועלען נישט העלפען, נאר א וועלט-דיקטאטאר מיט אן אויסערגעוועהנליכער מאכט וועט קענען איינציומען די ווילדע, ברוטאלע אינסטינקטען פון די פעלקער.

מ'דארף א נייע מתן-תורה דיקטאטור פאר די אומות-העולם...

א אידישע טאכטער צווישען פידעל גאונים

פון מלמד (קירש)

די דעטראיטער סימפאני איז די איי-ציגע אויף דער וועלט וואס האט געהאט די זכיה צו האבען א מיידעל צווישען די ערשטע פידעל שפילער. דאס איז — אידא דיוויגאף.

אסיפ גאבריליאוויטש, דער בארימ-טער פיאניסט און דיריגענט פון דער דעטראיט'ער סימפאני ארקעסטרא האט איהר פארדרעכענט צווישען די בעסטע סאלאיסטען פון ארקעסטרא. די יעני-גע, וואס האבען געהערט די סאלא'ס וואס די פידעל שפילערין האט געגעבען פאר איאהרען און אויך לעצטען ווינטער אין ארקעסטרא האלל וועלען אזוי גיך נים פארגעסען דעם איינדרוק וואס איהר שפילען האט אויף זיי געמאכט.

אידא דיוויגאף איז געבארען אין מילוואקי, וויסק. אין יאהר 1895. איהר פאטער, אליין א גוטער מוזיקער, האט איינגעפונען אז די קליינע איידא האט א שטארקען חשק צו שפיעלען אויף דער פידעל, און אז די עלטערע שוועסטער שרה'לע באפט זיך דוקא צו די פיאנא, האט ער אליין זיי געגעבען די ערשטע אינסטרוקציעס, און ווען איידא איז אלט געווארען 8 יאהר האט ער זי אריינגע-געבען אין דער שיקאגא קאנסערוואטא-ריום אונטער די אויפזיכט פון די בעסטע לעהרער.

אין יאהר ניינצעהן דריי, זענען ביי-דע שוועסטער אפגעפאהרען קיין יוראפ צום גרויסען גאון, שעווציק, דער רבי פון בארימטען פידעל זשעני קובעליק. ווי זיי האבען געענדיגט די ווינער קאנ-סערוואטאריע אין 1914 איז זי צוריק גע-קומען נאך אמעריקא, וואו זי האט צוזא-מען מיט דעם איידישען טענאר דזשאן מעקקארמעק געמאכט א טור איבער'ן לאנד.

דער שרייבער פון די צייל'ען האט מיט איהר גערעדט אין ענגליש אבער אין מיטען רעדען האט זיך די אידישע קינסטלערין אנגערופען אין א שעהנעם אידיש, לאמיר רעדען אידיש.

און מיר האבען פארטגעזעצט אונזער געשפרעך אין מאמע לשון. איך בין גע-וואר געווארען, אז די קינסטלערין טראגט זיך ארום מיט א פלאן צו פאהרען נאך פאלעסטינא אויף א טור.

— אין מוזיק בין איך אינטערנאציא-נאל, אין פריוואטען לעבען בין איך א אידישע טאכטער. איך האב ליעב אלעס וואס איז שעהן אין אידישען פאלק. אט דאס זענען די ווערטער פון דער אידישער קינסטלערין.

איך האב דערפיהלט אן איהרע ווער-טער א אידישע נשמה וועלכע קאן אונ-טער אלע אומשטענדען נים פארוואנ-דעלט ווערען אין עפעס אנדערש.

איהר שוועסטער שרה דיוויגאף, וועל-כע באטייליגט זיך מיט איהר אין אלע קאנצערטען, איז איצט די דירעקטארין פון דער דעטראיט'ער טשעמבער אף מיוזיק סאסייעטי.

ביידע שוועסטער וועלען שפיעלען דעם זונטאג אוונט (שבועות) פאר די ארבייטער אין לייבאר לייסעאום.

פארצייטען האבען די ווייבער אוועק-געגעבען זייער צירונג צו מאכען א קאלב, ארום וועלכע די מענער האבען זיך באלד א לאז געטאן טאנצען אין התפעלות.

דערפאר הפנים ווען זיי זעהען ארום זיך מענער מיט קעלבענע התפעלות, מאהנען זיי צירונג.

„לא תרצח', לא תגנוב' לא תחמוד'"

עס איז אונז א שאנדע, אז מען האט אנדערע אור-עלטערען געדארפט אנזאג-גען אזעלכע זאכען, און עס איז נאך פיעל שענדליכער, וואס עד היום ווערען נאך דיעזע ארדערס נים געהאלטען.

שבת

דער לעצטער טאג

פון דעם

11טען יעהרליכען סייל

פייערענדיג די עלף יאהר פון דער קראולי מילנער אידיע!

קומט צו געהן!

Crowley, Milner & Co.

א האלבע קווארט מילך
(א שבועות סקיצע)

פון י. רייזפעדער

די ארומיגע שכנים רופען איהם: „דער געלער מלמד"; ביילע, זיין ווייב, רופט איהם: „מיין שלימזל", נאר הייסען הייסט ער זעליג. דאס איז א איד א חלוש, א הויכער, א דארער, מיט א געל קרענקליך פנים, ליידט אויף „מאגען - קאטאר", נעהמט יעדען אין דערפריה אויפ'ן ניכטערען מאגען „קארלסבאדער זאלץ" און איז כמעט שטענדיג „פארדארבען".

דאקטוירים הייסען איהם טרינקען א סך מילך, באטש צוועלף גלעזער א טאג, פלייש עסען נאר קנאפ, און דאס בריוו הוהן, קאטשקע, און, [illegible], קעל־בערן פלייש. אקסען פלייש — זאגען זיי — איז פאר איהם סם. און דער עיקר, זאל ער זיך נישט אנעסען א סך מיט איין מאל. מילא, פון דעם זיך נישט אנעסען א סך מיט איין מאל, קען ער זיך אפהיטען און היט זיך טאקע אפ. איינמאל איז דאס גראט קיין שווערע מדה נישט אנעסען זיך מיט איין מאל ווי א פויער, און צווייטענס, אז מען טאר נית — טאר מען נישט. שרעכט איז אבער מיט די אנדערע צוויי זאכען. מילא, די עופות, וואס די דאקטוירים הייסען איהם עסען, דאס איז ער שוין זיי מוחל. ווארום ווייסען ווייסט ער, אז פון די 24 גילדען א וואך מלמדות סטייעט נישט ביי א געזינדעל פון זיבען פארשוין אויף הוהן, האהן... אפילו אויף קעלבערן פלייש אויך נישט. מען דאנקט גאט פאר א שטיקעל לונג און לעבער. א ביסעל מילך פאר זיך וואלט ער זיך שוין אפשר יא ערלויבט. נישט אזא טייערע ביי־סען! און ער באדארפט דאך דאס אזוי נויטיג... איז נישט קיין צוועלף, איז זעקס, איז דריי, איז באטש איין גלאז. האט ער אבער א ווייב א „ארורה", נעהמט זי, איהם אויף להכעיס, קיין טראפען מילך אין הויז נישט אריין.

אין דערפריה, אויף איבערצובייסען, סיי זומער, סיי ווינטער, קאכט זי א פליישיגען גריץ, און אז ער בעט זיך ביי איהר:

— מאך אמאל עפעס א מילכיגס, קויף אמאל א ביסעל מילך, איך קען דאך דאס נישט עסען!

האט שוין ביילע דאראויף אין ענט־פער:

— אזא פרנסה־געבער, ווי דו ביזט, קען באשטעהן פליישיגע גריץ איך צו עסען, נישט קיין מילך! און אז די קענסט נישט עסען, עסט מען נישט!

אויף מיטאג קאכט זי: [illegible] האבען וואלט זי מאהלצייטען פרייטאג, באטש א האלב פינטער אויף א מאל, נאר אויף דעם קרעהען שוין נישט די צוויי גילדען א טאג, וואס ער ברענגט אויף פרנסה.

אין ווידער די [illegible] טענה:

— וואס מיינען מיר דיינע מיטאגען, וואס די האבסט! טענה'ט ער צו איהר — דער איך דען דאס עסען? ס'איז דאך א ריינע קרענק פאר מיר! — ווייסט, פאר דיר מיט די קינדער האב [illegible] געזונטערהייט! פאר מיר נישט! מיר קויף נאר א ביסעל מילך, האב איך שוין גענוג!

און ווידער דער [illegible] תירוץ:

אזא פרנסה־געבער, ווי די ביזט, קען באשטעהן צו עסען לונג־און־לעבער. און אז מען קען נישט, עסט מען נישט! [illegible] אנדערע נישט געוואוינט, נאר מילך! מילך ניט איהם! וואס נאך!

נאר אזוי ווי איינגאנצען נישט עסען, קען ער נישט, פאלט א לעבעדיגער מענש, דער מאגען פאדערט זיך דאס זייניגע, — עסט ער. ער עסט און „פאר־דארבט" זיך, עסט נישט אפאר טעג דערנאך, ביז דער מאגען ווערט איהם בעסער און עסט ווייטער, און „פאר־דארבט" זיך ווידער...

איין „גוטער" טאג איז פאראן אין יאהר פאר זעליג'ן. א טאג, וואס ער האט באמת פון איהם הנאה. א טאג, וואס נאר צוליעב איהם ווילט זיך איהם דאס גאנצע יאהר לעבען. דאס איז דער צווייטער טאג שבועות...

גוטע טעג פאר איהם זענען אפילו אויך די „ניין טעג", נאר צו שבועות קומען זיי נישט. ווארום די „ניין טעג" זענען דאך פאסטע טעג און וואך און דערצו נישט זעהר קיין פרעהליכע... זיי האבען נאר די איינע מעלה, וואס ער ווערט פטור פון די לונג־און־לעבערס מיט די פליישיגע גריצען. אבער טרינ־קען אין די טעג מילך, נאך וועלכע ער הונגערט אזוי א גאנץ קיילעכדיג יאהר, — אין דעם טאג ער פארגעסען! ווארום אויף איבערבייסען אין „ניין טעג", אז מען טאר קיין פלייש נישט האבען, קאכט ביילע אויף א ביסעל [illegible]! און אז שוין נאר נוט אין פין — א ביסעל קאווע; אויף מיטאג ווידער — מילכיגע פאראפריעס, און אז שוין גאר נית — איז א ביסעל לאקשען מיט מילך. וואס פאר א טעם קען דאס שוין האבען, אז עס איז געמישט מיט דריי חלקים וואסער?

יעדעס יאהר שבועות טרינקט ער שוין אן אמת'ע ריינע גלאז מילך...

אויף שבועות איז זיך ביילע [illegible] א [illegible] מילך (א חוץ מילך פאר פוטער־ און קעזקיכ־עך), און אז אפילו אלע טרינקען צו צוויי גלעזער קאווע מיט מילך, פאר־נוצט זי דאך נישט מעהר ווי א האלבע קווארט, בלייבט טאקע די צווייטע האל־בע קווארט פאר איהם, פאר זעליג'ן. אז זי דערלאנגט איהם א גלאז מילך, ציטערען איהם אזש די הענט, ס'שטראה־לען אויף די מאטע, פארלאשענע אויגען זיינע, און ער נעהמט טרינקען צו קליינע [illegible], [illegible] נאך יעדען ביסעל מילך מיט דער [illegible]...

א ער טרינקט אויס די ערשטע גלאז מילך, גיט זי איהם שוין אליין די צווייטע. קוקט ער אויפ'ן גלאז מילך און א שמייכעלע באווייזט זיך אויף זיין געל פנים. ער טרינקט די גלאז נאך געלאסענער, סמאטשקעט נאך מעהר מיט דער צונג, און טרינקענדיג פיהלט ער, ווי עס קומט איהם צו א שטיק חיות, און צופרידען איז ער, וואס ער קען כאטש איין מאל אין יאהר מקיים זיין וואס די דאקטוירים הייסען אוהם...

האבען זיך אבער דאס יאהר פונקט דריי טעג פאר שבועות, זעליג מיט ביילען צוקריגט.

און געקריגט האבען זיי זיך איבער דעם, וואס זיי קריגען זיך כמעט א גאנץ קיילעכיג יאהר:

— דריי טעג איז צו שבועות — האט ער געטענה'ט — לאז מיך שוין אפ די דריי טעג מיט דיינע לונג־און־לעבערס! די הרג'עסט דאך מיך אוועק [illegible]! קאך פאר דיר מיט די קינדער, אז די ווילסט, פאר מיר נישט! מיר קויף נאר א ביסעל מילך, האב איך שוין גענוג! איך נישט, קאך וועט באטש אזוי א מילכיג עסען!

איז זי דאס מאל מעהר ווי שטענדיג אן אנגעצינדענע געווארען, און ווי אלע מאל, ווען זי צעשרייט זיך, צעשעלט זיך, שרייט ער, ענטפערט ער איהר נאר ניט אפ. ווארום ער ווייס, אז פון זיין אפענטפערען קומט קיין גוטס ניט ארויס. זי שרייט נאך מעהר, שעלט נאך מעהר, און דערנאך רעדט זי נאר מיט איהם ביז'ן אויף עטליכע טעג. און עס איז איהר נאך ניט איבערגע־בעטען. נאר דאס מאל האט איהם איהר שרייען געשרעקט! וואס שרייט זי נאך, וואס שעלט זי נאך! זי איז נאך [illegible] און ער האט איהר אפ־געענטפערט...

אז זי האט איהם דארויף קיין [illegible] אין ווידערריי נישט געקאנט, דאס פארשטעהט מען אליין, נאר גענענט האט זי אזוי:

אב'ואר וואלסטו פארבאפט ווע־רען! אב'ואר וואלסטו איסגעריסען ווערען! ווי דו וועסט אפילו שבועות פאר דיינע גנב'ישע אויגען קיין מילך נישט זעהן!

דאס ווארט האט זי געהאלטען. און אנגעריט האט זי מילכיגס אויף דעם שבועות, פונקט ווי אלע יאהר. נאר מיט איין זאך האט זי זיך נוקם געווען אן איהם: מילך האט זי נאר אנגע־גרייט א האלבע קווארט.

ווען עס איז געקומען צו דער מיל־כיגער סעודה, האט זי איהם, ווי זיך [illegible] די קינדער, א גלאז קאווע דערלאנגט. מיט טרערען אין די אוי־גען האט ער שטיל, אהן ווערטער, די קאווע געטרונקען. א פארשטערטער שבועות איז עס געווען פאר איהם: געפעהלט האבען איהם די צוויי גלעזער מילך, געפעהלט, ווי א שטיק געזונד. און געפיהלט האט ער זיך דאמאלט אזוי קליין, אזוי נידערגעשלאגען: איין מאל אין יאהר קען ער אויך נישט פאלגען דאס, וואס די דאקטוירים הייסען איהם, און נישט גיר קיין צוועלף גלעזער, נאר אפילו קיין איין גלאז, קיין איין גלאז אויך נישט!...

א בעריכט פון די היברו האספיטאל אסס'ן

א גוט בעזוכטער מיטינג איז אפ־געהאלטען געווארען פון די היברו האס־פיטאל אסס'ן, דינסטאג אבענד, דעם [illegible]טען מאי, אין עטינגערס האלל, אונ־טער דער ליטונג פון מר. קאפצין אלס טשערמאן.

מר. ש. [illegible], דער איינציגער [illegible] קאלעקטאר פאר'ן היברו האספיטאל אסס'ן, האט איבערראשט אלע אנוועזענדע מיט זיין בעריכט וועלכע לויטעט ווי פאלגט: דאס נאר בלויז אין צוויי טעג האט ער איינגענומען [illegible] נייע מעמבערס און קאלעקטעד [illegible] דאלאר דיוס, און יעדער נייער מעמבער האט פארשפראכען צו צאה־לען פון דריי ביז פינף און צוואנציג דאלאר און מעהר יעהרליכע דיוס. און די [illegible] פון אלעמען אבענ־דערצוג אין פריינדליך מיט דעם גרעס־טען רעספעקט פאר דער האספיטאל באוועגונג.

דער באריכט האט אויסגערופען גרויס בעגייסטערונג און צופריעדענהייט פון אלע אפיסערס און אנוועזענדע מעמ־בערס. [illegible] דער גרויסער ערפאלג פון [illegible] האבען איינגעזעהן [illegible] ניטהוענדיגקייט און וויכטיגקייט פון א אידישען האספיטאל פאר דעט־ראיט. זיי קענען נישט ערווארטען אז די „רייכע יאהודים" זאלען עס טאן פאר זיי. און עס איז א פאקט, אז דער [illegible] און חסד של אמת אין נאך אנדערע אין נייטיגע און ווייטיגע אינסטיטוציאנען פון דעטראיט איז נישט אויפגעבויט געווארען פון די „רייכע יאהודים". אם אין אני לי, מי לי.

אין די ארגאניזאציע פון די היברו האספיטאל אסס'ן מיט זייער האר־ציגע באוועגטע ערנסטהייט און מיט זייער אייפריגע שטרעבונג און אפ־געגעבענהייט צו דער פראקטישער אר־ביים מיט זייער נייטיקייט צו געהן [illegible] ביי א אידישען האספי־טאל איז פון אלעמען אנערקענט גע־ווארען. אבער צו געבען א מעגליכקייט [illegible] ארגאניזאציע פון היברו האספי־טאל אסס'ן איינצוריכטען דעם האספי־טאל ווי עס פאסט און ווי עס דארף זיין, און וואס אמשנעלסטען אנפאנ־גען בויען, איז דער הייליגער פפליכט פון יעדען אידען, מאן אדער פרוי, מיטצוהעלפען און ווערען מעמבערס און בייצושטייערן מיט א ברייטע הארץ און אפענע האנד.

עס איז פארגעבראכט געווארען דאס אזוי ווי זונטאג דעם 30טען מאי איז דער גרויסער פייערטאג פון אמעריקא־נער אידענטום, ווייל א פאלק וואס איז צוויי טויזענד יאהר פארטריבענט געווא־רען פון א בראדיאגע האט געקראגען זיינע [illegible] רעכטע און די גרויס־מעכ־טע פון דער וועלט זיינען געוועזען גע־צוואונגען צו אנערקענען די אידען אלס א פאלק און ארץ ישראל אלס א אידיש היים־לאנד.

און וואס קען נאך זיין עהרליכער — פייערליכער און ריזיגער אין דעם דא־[illegible], און דער דאזיגער אייפלעבונג, און דער דאזיגער האפנונג אויף א נייער צוקונפט פאר מיליאנען געשפייטע, פארוואגלטע און ערכטלאזע.

דארום איז באשלאסען געווארען צו אפעלירען צו יעדער מעמבער און סימ־פאטייזער פון היברו האספיטאל אסס'ן דאס זיי זאלען זיך באטייליגען און זיך אנשליסען אן דעם גרויסען „גאולה פא־ראד" דעם 30טען מאי. און ווייל דער האספיטאל באוועגונג איז א פאלקס־אינטערנעהמונג פון פאלק און פאר'ן פאלק, דארום איז די פפליכט פון יע־דען מעמבער און סימפאטייזער פון די היברו האספיטאל אסס'ן, אהן אונ־טערשייד צו וועלכע ארגאניזאציאנען איינער באלאנגט, זיך נאר אנשליסען אין די רייהען און אונטער דעם באנער פון דער היברו האספיטאל אסס'ן.

צו דיעזע צוועק איז ערוועהלט גע־ווארען אן ארראנדזשמענט קאמיטע פון 7 מעמבערס, וועלכע וועלען האבען די אויפגאבע צו מאכען אלע ארראנדזשי־מענטס פאר'ן פאראד און זעהן, אז דער אסס'ן זאל זיין ריכטיג און איינדרוקס־פאל.

* אין קירצען וועט אנאנסירט ווערען אין דער פרעסע וואו אלע מעמבערס פון היברו האספיטאל אסס'ן זאלען זיך פארזאמלען צום פאראד.

עס איז אויך באשלאסען געווארען אז אלע אויסגאבען צו ארראנזשירען דעם מארטש פון די היברו האספיטאל אסס'ן זאל נישט געצאלט ווערען פון דער טרעזשורי פון היברו האספיטאל אסס'ן נאר איינציגע מעמבערס האבען פאר־שפראכען פריוואט צו באצאהלען פאר אלע עקספענסעס.

מיר מאכען אויפמערקזאם, דאס א ספעשעל מיטינג ווערט פארוופען אויף דינסטאג אבענד, דעם 25טען מאי 1920 צו מאכען און פארהאנדלען אלע אראנ־זשמענטס פון פאראד, און אך זעהר וויכטיגעס וועט פארהאנדלט ווערען, וואס וועט אייך אלעמען זיכער אינ־טערעסירען. אלע זיינען געבעטען צו קומען אומבעדינגט צום מיטינג, אין עטינגערס האלל, ענטוויין און מענטאן סטריט.

מיט דרך ארץ,
היברו האספיטאל אסס'ן,
איזידאר ליפמאן,
סעקרעטער.

שקאלניק און גינעסין

די נייעס אז שקאלניק און גינעסין צוטיילען זיך און אז סעמיועל ב. גינע־סין נעהמט ארויס פון די קלאהטינג ביזנעס, האט איבערראשט טויזענדער פון זייערע קאסטימער און דאס האט זיך באמערקט לעצטע וואך, אזוי שנעל ווי דער סייל האט זיך אנגעהויבען. מען איז געקומען צו שקאלניק און גי־נעסין פון אלע עקען שטאדט, פון אוקלאנד, פון היילאנד פארק, מען האט געכאפט מציאות אין קלאהטינג און אין [illegible], דושענטס פורנישינג און העטס, און מען האט [illegible] גרויסע געלד.

הונדערטער פריינדליכע פריינד פון מר. סעמיועל ב. גינעסין האבען זיך מיט איהם געזעגנט און איהם פארזיכערט, אז זיי בלייבען זיינע פריינד אויך אין דער צוקונפט און ווערען [illegible] פון זיין שותף מר. שקאלניק, צו וועמען זיי האבען אויך דעם פולען צוטרויען.

דער סייל האלט נאך ביז אין איי־ניגע טעג און פאר יענע אידען, וואס האבען נית געהאט קיין געלעגענהייט פארגאנגענע וואך צו באזוכען שקאלניק און גינעסין'ס סייל, איז נאך איצט דא א געלעגענהייט צו שפארען געלד.

(אדוו.)

אוקלאנדער אידען
פיקסען זייערע
ציין
ביי
Dr. H. Goodman
דענטיסט
געמופט פון 427 וואודוואורד
737 אוקלאנד עוו.

לעזט דעם „וועג"

MURAD

דער טערקישער סיגארעט

מרס. פוקס האט זיך אמאל בעריהמט אז זי קינדערט צופיעל.

„וויפיעל קינדער ברענגסט דו אויף דער וועלט אויף אמאל? האט זי געפרעגט די לייביכע.

„בלויז איינס", האט די לייביכע געענטפערט — „אבער ס'איז א לייב!"

מוראדס קאסטען 20 סענט א באקס פון 10 — אבער זיי זיינען מוראדס!

מוראדס וואלטען געקאסט ביליגער ווען זיי וואלטען ניט ענטהאל־טען קיין פולע 100% טערקישען טאבאק פון דעם ריינסטען און בעס־טען וואס וואקסט — אבער מיר ווערען מיד געבען פראסטערען טער־קישען טאבאק.

אבער זיי וואלטען ניט געווען קיין מוראדס, זיי וואלטען בלויז געווען פוקסען!

„אורטהיילט אליין —!"

Anargyros

קלין אפ און פיינט אפ

פראקטיצירט די 14 פונקטען און מאכט דעטראיט פאר א ריינער שטאדט.

די שטאדט דארף עס פונקט אזוי ווינטשען ווי אייער היים.

עס איז אייער פליכט צו העלפען.

איהר זעהט, לייגט אייך אויף, איהר זאהלט, אונזער!

14 פונקטען

1) רייניגט אויס
2) פארבט אויס
3) קעהרט אויס
4) שארט אויס
5) שייערט אויס
6) פוצט אויס
7) גראבט אויס
8) מאכט אויף
9) וואשט אויס
10) בויעט אויף
11) גלאזט איין
12) באנייעט זיך
13) באשיינט זיך
14) און האלט עס אזוי!

די גרויסע וואך
מאי 17—22 איינגעשלאסען

אונטער דער אויפזיכט
דעטראיט באארד אוו קאמערץ

נייטאן שקאלניק.

בלויז נאך א פאר טעג

דער ספרינג און זומער סטאק פון,

שקאלניק און גינעסין

סעמועל ב. גינעסין.

ווערט צוכאפט ווי מצה וואסער!

די נייעס אז שקאלניק און גינעסין צוטיילען זיך האט איפגערודערט די אידישע קעטראית, ווייל אלע וויסען אז א סייל ביי שקאלניק און גינעסין איז עטוואס מיט וואס קיינער קען זיך ניט פארגלייכען.

בלויז נאך א פאר טעג

וועט אנהאלטען דיזער סייל און מיר האבען נאך די פאלגענדע אייטעמס:

לײדיעס זאקען

א לאט שווארץ און ווייס. פולע סייזעס לײדיעס סטאקינגס. דיסאלושאן סייל פרייז —

19c

לעדער פראנט גלאווס

א לאט פון די בעסטע קוואליטי לעדער פראנט גלאווס. דיסאלושאן סייל פרייז —

29c

מענערשע ארבייטס העמדער

איין לאט פון דעם הויבען גרייד ארבייטס העמדער. סאבסטענשעל ווארעס. דיסאלושאן סייל פרייז.—

98c

מענערשע ארבייטס זאקען

איין פיינער לאט פון געמישטע ארבייטס זאקען. דיסאלושאן סייל פרייז —

17c

באיס קלאטה העטס

1 לאט פון באיס קלאטה העטס אין גוטע קאלירען און שייפס. דיסאלושאן סייל פרייז —

39c

מענערשע אוועראלס

1 לאט פון הויבען גרייד אוועראלס מיט בייבס — פולע סייז. דיסאלושאן סייל פרייז —

$1.89

לײדיעס ווידענע זאקען

1 לאט פון פיינע לײדיעס' ווידענע זאקען און שווארצע גרויע און פארם ביעטס. דיסאלושאן סייל פרייז —

$1.29

שיך פאר מענער

עקסטרא ספעשעל! — מענערשע שווארצע און ברוינע אקספארדס. קליינע סייזען. דיסאלושאן סייל פרייז —

$4.85

1 לאט פון מענערשע גאנצע שיך באטטאן און לייס. שווארצע און ברוינע. דיסאלושאן סייל פרייז —

$5.85

זעהר גוטע מענער שיך. טען און שווארצע — ווירקליכער קאלב לעדער — ענגלישער לעסט. דיסאלושאן סייל פרייז —

$6.85

א פאלשטענדיגער אויסוואהל פון הויכע און נידעריגע שיך — ענגלישער סטייל — גוטע מאסען. דיסאלושאן סייל פרייז —

$7.85

א ספעציעלער אויסוואהל פון קאמבינייישאן שיך — מיט קנעפלעך און שנירעך — זעהר פאסיג פאר זומער. דיסאלושאן סייל פרייז —

$7.85

די נייעסטע רושעס לעסט פר יונגע לייט אין בראון קיד לייס. דיסאלושאן סייל פרייז —

$9.85

פארשטענדיגעם סארטירונג פון רושאסט רייט שיך און אנגענעהמע סטיילס — סיזען צופריעדענשטעלען. דיסאלושאן סייל פרייז —

$10.85

לעכטס פיין מענער קאנגארו קיד אקספארד און שיך רושאסט רייט — נייעסטע מאדעלס. דיסאלושאן סייל פרייז —

$11.85

שיך פאר פרויען

100 פאר נידעריגע שיך פאר פרויען — קליינע סייזעס — שעהנע סטיילס. דיסאלושאן סייל פרייז —

$1.00

עקסטרא ספעשעל! — לײדיעס פאמפס קליינע סייזעס — און ווערט ביז $10.00. דיסאלושאן סייל פרייז —

$1.95

פרויען־ווייסע־באקסקין שיך — איינציגע קאמבינײשאן — הויכע לעדער היעלס. דיסאלושאן סייל פרייז —

$1.95

1 לאט פון גרוי קיד און גרוי סוּעיד אקספארדס און פאמפס — שיך אריינגערעכענט. דיסאלושאן סייל פרייז —

$3.95

1 לאט פון פרויען־שווארצע־קיד שיך — קנעפלעך און שנירלעך — פיטען גוט. דיסאלושאן סייל פרייז —

$4.95

נייעסטע נעראנקען אין פרויען ספרינג־שיכונג — גרויסע סארטירונגען — פון אייסערגעוועהנליכע ווערטהען. דיסאלושאן סייל פרייז —

$6.95

נייע יבעלרט' אין ספרינג פאמפס, אויבערגעדעקטע הילס — שווארצע און בראון. דיסאלושאן פרייז —

$7.95

זעדר אי' אנציהענדער אויסוואהל פון הויכע און נידעריגע שיך — אלע קאליען הויכע און נידעריגע הילס. דיסאלושאן סייל פרייז —

$8.95

טשילדרענס כעניס אקספארד—שווארצע און ווייסע איינציגע בראון—וועפיעל ס'וועגען נאך דא. דיסאלושאן סייל פרייז —

69c

קליינע קינדערס ווייכע סאול שיכלאך אין אלערליי קאלירען און סייזען. דיסאלושאן סייל פרייז —

79c

בייבי דאל סליפערס פייטענט און דאל סייזען פון 11 ביז 2. דיסאלושאן סייל פרייז —

$1.98

טשילדרענס אין א צאהל פון שעהנע סטיילס גוט געמאכט סייזען פון 4 ביז 8. דיסאלושאן סייל פרייז —

$1.98

שיך פאר קינדער

עקסטרא ספעציעלער אויסוואהל פון הויגרייד קינדער שיך—גוטען לעדער—סייזען פון 11 ביז 2. דיסאלושאן סייל פרייז

$2.48

בייבי דאל פאמפס אין דעם לעכטסטען גרייד—א מציאה פאר סייזען 8 און א האלב ביז 11 —

$2.98

סייזען 11 און א האלב ביז 2 —

$3.48

שווארצע און בראון קיד און קעף אקספארד — סייזען 11 און א האלב ביז 2 — נייעסטע סטיילס

סייזען 8 און א האלב ביז 11 —

$3.29

עקסטרא ספעשילס

אין שטרוי העטס

מיר האבען שוין אונזער פול ע ליין פון שטרוי און פאנאמא העטס!

איהר וועט באוואונדערען די סטילס און די פרייזען!

מענער העטס

איין לאט מענ'ס פעלט און קלאטה העטס — אין גרעי, בראון, בלוי, גרין און שווארץ — שעהנע שייפס. דיסאלושאן סייל פרייז —

$2.85

מענ'ס דרעס שורטס

א לאט מענ'ס דרעס שורטס, שעהנע פעטערנס און מאטעריאלען. קאלירען „עטעטשר" און פליין. דיסאלושאן סייל פרייז —

98c

$6.00 העטס — $3.85	$3.00 מענס שורטס — $1.98
$7.00 העטס — $4.85	$4.50 מענס שורטס — $2.65
$8.00 מענס העטס — $5.85	$10.00 סילק שורטס — $ 05
$9.00 מענס העטס — $6.85	$12.00 סילק שורטס — $8.95

מענער אנטערוועש

מענ'ס צוויי־פיעס באלבריגען אנדערוועער, אין קרים און ווייס. א באגיין פאר 85 סענט. דיסאלושאן סייל פרייז —

59c

מענ'ס קעפס

א לאט מענ'ס דרעס קעפס אין פארנעמטע שייפס און פעטערנס. דיסאלושאן סייל פרייז —

69c

$1.50 יוניאן סוט — .89 ס.	$2.00 מענער קעפס — $1.45
$2.00 יוניאן סוט — $1.39	$3.00 מענער קעפס — $2.15
$3.00 יוניאן סוט — $1.89	$3.50 מענער קעפס — $2.65
$4.00 יוניאן סוט — $2.89	$4.50 מענער קעפס — $3.45

מענ'ס דרעס זאקען

25 סענטיגע ווערטען. אין שווארץ, ווייס, גרעי און ברוין. דיסאלושאן סייל פרייז

15c

מענ'ס נאז־טיכלאך

500 דאזען מענ'ס ווייס ליינען נאז־טיכלאך גוט געמאכט. פולער סייז.

7c

באיס־שטרויענע העטס

שטרויענע העטס פאר באיס, שווארץ און ברוין. דיזאלושאן סייל פרייז

69c

מענ'ס יוניאן אוועראלס

רעגולאר $6.00 קהאקי, 1־פיעס אווער אלס. גוט געמאכט, פולע סייזעס

$3.69

קינדערשע סוטס

ספעציעלער אויספארקויף, רעגולער ווערט $7.00. דיזאלושאן סייל פרייז

$2.95

קענוועס גלאווס

גרויסער אויסוואהל פון „רים ד טאפ" גלאווס. דיזאלושאן סייל פרייז

15c

SCHOLNICK FOR SATISFACTION & GHINASIN FOR GUARANTEE

"THE QUALITY STORE"

Hastings and Winder

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

ערשיינט יעדען פרייטאג איסער שבת-יום-טוב, פון דער

וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

מגילת רות

פון ב. י. ג—ן

דער יום טוב שבועות איז דער זמן מתן תורתנו. דן צייט ווען אידען האבען מקבל געווען די תורה.

ביז היינט צו טאג איז די אידישע תורה, דאס אידישע געזעצבוך, דער על-[illegible] [illegible].

די עשרת הדברות, די צעהן געבאט, וואס זיינען איינס די יסודות [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

[illegible]

מגילת רות איז די איינציגע באשרייבונג, און וועלכער עס ווערט געשילדערט דאס לעבען פון די אידען אויף זייער אייגענעם באדען, אין ארץ ישראל.

אין מגילת רות ווערט געשילדערט דאס לעבען, דאס ואטע, געזונדע און נאטירליכע לעבען פון די אידישע פארמערס אין ארץ ישראל. [illegible]

אין מגילת רות ווערט געשילדערט די שניט צייט; די „ביזי"-צייט, ווען [illegible] [illegible] די ארבייט אויף די אידישע פעלדער.

ווען דאס אידישע פאלק איז פון זיין לאנד פארטריבען געווארען און אנגעהויבען גלות אפצורעכטען, האט מען אין דעם ארץ ישראל לעבען פארגעסען. דער יום טוב שבועות וועלכער איז אין פאלעסטינא די שניט צייט געווען, [illegible] [illegible].

[illegible]

די פארשטויסענע

פון י. פ.

א גאנצען מאי האט מען געליטען רעגען און קעלט.

עס האט זיך געראכט, עס וועט שוין קיין זומער נישט זיין; עס וועט שוין אזוי פריהרען און נעצען א גאנצע צייט.

ערב שבועות האט זיך פלוצלונג באוויזען די זון.

— תורה איז זיכט! — האט דער טאטע מיט א נחת געזאגט און געגרייט זיך אויסזיצען דעם תיקון ליל שבועות אויף ביי נאכט.

— לכבוד דעם הייליגען יום טוב!

האט די מאמע אויסגעריבען מיט [illegible] און האט זיך מיט א דערפרישטען [illegible] צום פיטער-געבעקס.

דאמאלס האט מען איהר א צייכען געגעבען (די מאמע האט אין שלאף א פייף געהערט) און זי איז אוועק צו זיין, צו אונזערע שונאים!...

און אויסגעקליבען האט זי שבועות, זמן מתן תורתנו... דאמאלס איז זי אוועק!

אלץ געהט פארביי... נאר די צייט בלייבט.

אויס גליק און אומגליק, דאס גוטע און דאס שלעכטע... מיר געהן ווייטער און ווייטער צום ארט, וואו אלץ ווערט פארגעסען, אדער אויף'ס ניי דערמאנט...

אלץ, וואס מיר האבען דורכגעלעבט, בלייבט ליגען אונטער אונז ווי שטיינער אויף'ן איבערגעגאנגענעם וועג...

[illegible]

הנה, מיין שוועסטער איז אוועק...

מיר זיינען געגאנגען דאווענען, די מאמע האט זיך פאר ליכט-בענשען צו-געלעגט...

[illegible]

דערנאך איז געווארען א שרעקליבער שביעית...

[illegible]

איך האב עס פארראטהען, געפעלשט?

איך האב גאר געלע חלה מיט זאפראן אויף אנדער זיס געבעקס פארביטען... מעשה'לעך פון דער מאמעס „צאינה וראינה" — אויף פיל שעהנערע לעך...

[illegible]

שבת פ׳ במדבר בעפאר מיטאג אין ניכה אהי׳ שוהל, אלפרעד סטריט.

בעפאר מנחה, 4 אוהר, אין בית מדרש הגדול, 148 ווילקינס סטריט. בעפאר מעריב 7 אוהר א שבועות דרשה אין מגן [illegible]

[illegible] אין פילאדעלפיע. און ניט עס איבער מיט [illegible] אראטארישע עפעקטען.

C.W. Kotcher. Lumber Co.

ברעטער אלערליי צו יעדער צייט

ביליגע פרייזען און גוטע בעהאנדלונג דאס איז אונזער סוקסעס

Cor. Gratiot and St. Aubin Aves.

Melrose 3390

לאנדסלייט פון זשיטאמיר און אום-געגענד, אויפמערקזאם

א ספעשעל מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען זונטאג מאי 23 אום 2.30 נ. מ. אין לייבאר ליסעאום

פראגען וועגען הילפס ארבייט פאר זשיטאמירער און די גרינדונג פון א שטענדיגען פאראיין וועלען באשפראכען ווערען.

א גאסט אין דעטראיט

הערר לעאן בלענק מיט זיין בארימטע טרופע וועט באזוכען דעטראיט בלויז פאר דריי טעג:—

פרייטאג און שבת אווענט, דעם 21טען און דעם 22טען מאי;

וועט געשפיעלט ווערען

בלינדע מענער

זונטאג דעם 23טען מאי, מאטינע און אווענט.

וועט געשפיעלט ווערען

א חבר אין לעבען

בילעטען שוין צו באקומען אין קאסע פון ניו דעטראיט אפערא הויז.

ניו דעטראיט אפערא האוז

ווייסט איהר שוין

אז די דעטראיטער שנאדער ארגאנזירען א

שבועות קאנצערט

זונטאג אבענד דעם 23טען מאי

אין לייבאר ליסעאום?

און אז מען וועט דארטען זינגען און שפיעלען — פון דיגרעסטע קאמפאזיטארס און אז איידא רווזיגאה וועט שפיעלען פידעל און איהר שוועסטער שרה וועט איהר באגלייטען און אז מארלעט פרענסיס בראסקא, דראמאטישע סופראנא וועט זינגען און „די שנאדער" וועלען פארלעזען ברעקלאכם און ס'קאסט אייך 49 סענט אהן קונדרלאך, מיט די קינדערלאך אפילו אומזיסט אויך ניט.

טו נעדזינקט ישע: די שנאדער זאגען ס'וועט זיין וואס צו הערען.

MAY 28 1920

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, P...

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Tuesday, May 25th 1920 Vol. 2, No 85 דינסטאג, מאי 25, 1920

באלשעוויקעס זיעגען און מארשירען אויף מינסק

דעשאנעל פאלט ארויס פון א באהן פענסטער

מאנטארגיס, פראנקרייך, מאי 24. — פאול דעשאנעל, פראנצויזישער פרעזידענט, איז נעכטען אווענד ארויסגעפאלען פון א פענסטער פון א באהן-צוג נים ווייט פון ראגע. דער פרעזידענט האט געמוזט אין דער פינסטערער נאכט שפאצירען איבער א מייל, ביז ער האט באגעגענט א באהן-ארבייטער, וועלכער האט איהם באגלייט צו א סיגנאל-סטאציע. דארטען האט מען טעלעפאנירט און געפאהרען נאך א אויטאמאביל.

ווען דער פראנצויזישער פרעזידענט האט אנגעטראפען דעם באהן-ארבייטער האט ער איהם געזאגט פאלגענדעס:

„איך בין געווען אין דעם פרעזידענט צוג און כ'בין ארויסגעפאלען, ווען דער צוג האט געהאלטען אין לויפען. אין דאס וואס וועט אייך איבערראשען מעהר פון אלץ, איז דער פאקט, וואס איך בין מאנסיע דעשאנעל, דער פרעזידענט פון דער רעפובליק".

נים קוקענדיג וואס דער פרעזידענט האט זיך אביסעל ציקאליטשעט ביים ארויספאלען, ערקלערען אבער די דאקטוירים דאס ס'איז נישטא קיין געפאהר וועגען זיין געזונד צושטאנד.

דער פרעזידענט האט ערקלערט, ווי אזוי ס'האט פאסירט זיין ארויספאלען פונ'ם פענסטער. דאס איז געווען ארום נאך 11 אין אווענד. ער האט זיך געלעגט שלאפען, אבער צוליעב דער גרויסער היץ, האט ער נים געקענט אנטשלאפען ווערען. ער האט פארזוכט צו עפענען דעם פענסטער און האט פון אנפאנג נים געקענט. האט ער דאן מיט אלע זיינע כוחות דעם פענסטער אויפגעעפענט און איז אליין דורכ'ן פענסטער ארויסגעפאלען. דער פרעזידענט איז געווען דאן אנגעטאן אין זיינע נאכט קליידער, א האלבער אן אהן א הוט.

פאליסמאן ארעסטירט אלס באנדיט

זונטאג ביינאכט ארום 12 אזייגער האט דעטראיט זוכה געווען, אז צווישען איהרע באריהמטע האלד-אפפניקעס זאל זיך אויך געפינען א העמטרעמקער פאליסמאן. פאסירט האט עס, ווי מ'גיט איבער אויף פאלגענדען אופן:

צו דער אנגעגעבענער צייט, האט פאטרולמאן דזשאהן ספאנדלער, א מיטגליעד פון דעם העמטרעמקער פאליצייי-דעפארטמענט, זיך אריינגעשפאצירט מיט א באגלייטער אין א סאלון אויף 429 איסט קירבי עוו. דארטען זענען דאן געווען 5 „קאסטומער" און פאליסמאן ספאנדלער האט אהן קונצען זיי באפוילען: „הענט ארויף". ווי ס'זעהט אויס, האבען דעטראיטער בירגער פאר א פאליציסטען באנדיט וועניגער מורא ווי פאר א געוועהנליכען האלד-אפפניק. זענען טאקי די 5 „קאסטומער" ארויפגעפאלען אויף דעם פאטרולמאן מיט זיין חבר, און אין סאלון אויף דער פארלאגע איז דאן געווארען א בארג פון 7 מענשען. דערוויל האט דער רעוואלווער פון דעם פאליציסטען האלד-אפניק ארויסגעשאסען און האט פארוואונדעט איינעם פון די „קאסטומער", דזשעראלד קרארוג, 24 יאהר אלט, פון 1188 ראסעל סט. ווען דעטעקטיוס זענען אין סאלון אנגעקומען האבען זיי דעם „בראווען" פאטרולמאן פון דער העמטרעמקער פאליציי ארעסטירט. זיין חבר אבער איז נעלם געווארען.

וואַרשאַ, מאי 24. — די באלשעוויקעס אטאקירען אין ביואריעס אויף דעם צפון פראנט מיט דעם ציעל דורכצוברעכען די פוילישע ליניעס. די העפטיגסטע שלאכטען קומען איצט פאר. די פאזיציעס גערען איבער פון איין האנט צו דער צווייטער, און די שלאכטליניעס באוועגען זיך הין און צוריק.

די לעצטע אפיציעלע בעריכטען גיבען איבער, אז די באלשעוויקעס האבען גענומען א נידערלאגע אין א צווייטאגיגען שלאכט. (די דעפעשע גיט נים אן דעם פלאץ פונ'ם שלאכט).

די באלשעוויקעס ווערען ארויסגעהאלפען דורך לופטשיפען, זיי האבען אויך אראפגעווארפען באמבעס אויף צוגען.

זינט די באלשעוויסטישע קאנטר-אטאקע האט זיך אנגעפאנגען, האט מען דערקענט 12 נייע דיוויזיעס, וועלכע זענען אראפגעבראכט געווארען. א באלשעוויסטישע דיוויזיע באשטעהט פון 6 טויזענט פערזאן. דווינסק איז א באהן סטאנציע. אין ווען די באלשעוויקעס זאל די שטאדט נעהמען, ווייזט עס מיינען, דאס זיי האבען א דירעקטע קאמוניקאציע מיט מזרח פרייסען דורך ליטא. (פון דיזער טעלעגראמע ווייזט אויס, אז די באלשעוויקעס מארשירען אלץ פאראויס, און די פוילישע רעגירונג רעכנט צו געווינען סימפאטיע ביי דער וועלט, אנווייזענדיג אויף דער געפאהר פון א דייטשער פאראייניגונג מיט רוסלאנד).

מאסקווא באריכט וועגען זיעג לעבען מינסק

לאנדאן, מאי 24. — א ראדטלאזע טעלעגראמע פון מאסקווא דאטירט זונטאג, גיט איבער, און אפיציעלען, באריכט אז פיעלע רעפאנער (?) זענען גענומען געווארען אויף פארשידענע פלעצער פון דעם שלאכט פראנט. דער באריכט גיט איבער, דאס די סאוועטען ארמיי מארשירט אין דער ריכטונג פון מינסק, און אז פיעלע פלעצער אין דעם אומגעגענד זענען גענומען געווארען פון באלשעוויסטישע טרופען.

יאפאנס מחנות וועלען פארבלייבען אין סיביר.

טאקיא, מאי 20. — אויף דער יעהרליכער פארזאמלונג פון דעם יאפאנעזישען רייטען קר... פארגעלעזען געווארען דער ... אדרעס, וואו עס ניקינ'ען.

ווערט געזאגט, אז די לאגע אין ווייטען מזרח איז נאך אלץ נים איינגעשטעלט אין דארום קען מען די יאפאנעזישע טרופען פון סיביר נים ארויסציהען.

באלשעוויקעס פארכאפען פיעל שטעדט לעבען באריסאוו

לאנדאן, מאי 24. — א טעלעגראמע פון מאסקווא, דאטירט שבת, גיט איבער, דאס די באלשעוויקעס האבען פארנומען פיעל שטעדט אויף דעם גאנצען שלאכט פראנט.

די טעלעגראמע לויט זיך ווי פאלגט:

„אונזערע טרופען האבען פארנומען אובטינסק, 70 מייל פון קעם. אין דער ריכטונג פון פיטאלאוו זענען דעם שונא'ס אטאקעס צוריקגעשטויסען געווארען.

„אין דער ריכטונג פון מאלארעטשנא קומען פאר בלוטיגע שלאכטען אין דעם געגענד פון ווילעזווינא".

„אונזערע טרופען זענען אריבער דעם בערעזינא טייך, וואו ער גיסט זיך צונויף מיט'ן טייך סאגוטש און האבען דארט פארנומען פיעל דערפער.

„מיר האבען פארכאפט פיעל פלעצער לעבען באריסאוו און אונזערע לופטפליער האבען אטאקירט דעם שונא'ס ליניעס.

„אין דעם איהלומען געגענד האבען מיר פארנומען די שטעדט באנישעוויטשי און ראדאטינא. מיר האבען גענומען לובאניצי אין דעם באריסאוו'ער געגענד.

„קליינע שלאכטען קומען פאר לעבען קיעוו.

ווארשא מעלדעט איצט וועגען פאלאצק.

ווארשא, מאי 24. — די באלשעוויקעס האבען גענומען די שטאדט פאלאצק, א וויכטיגען באהן-פונקט. די פראנט-ליניע ציהט זיך איצט פון דריסנא דרום צו, צו דער שטאדט בערעזינא און אויף דער לענג פון טייך ביז באריסאוו.

סאוועטען פארכאפען גאנצע פלאטע פון ווייסען ים

לאנדאן, מאי 24. — א טעלעגראמע פון מאסקווא מעלדעט, דאס נאכדעם, ווי די רויטע טרופען האבען לעצטען מיטוואך פארנומען דעם פערסישען האפען ענזעלי, האבען זיי פארכאפט די גאנצע פלאטע פון ווייסען ים. די פלאטע באשטעהט פון 13 קריעגס-שיפען. די באלשעוויקעס באריכטען אויך, אז זיי האבען אין קאווקאז פארנומען פיעל אמוניציע, וואס האט באלאנגט צו דעניקינ'ען.

א דעפעשע פון מאסקווא, דאטירט שבת, גיט איבער, אז די באלשעוויקעס מאכען פארשריט אויף דעם פויליש-אוקראינישען פראנט.

סאוועטען רעגיסטרירען באפעלקערונג פאר נוצליכער ארבייט

בעסאראביע, מאי 24.— די סאוועטען רעגירונג נעהמט אן מיטלען צו באזייטיגען אלע פאראזיטישע עלעמענטען אין האט דארום באפוילען, דאס אלע מענער אין דער עלטער פון 16 ביז 50 יאהר מוזען זיך רעגיסטרירען. פרויען מוזען זיך רעגיסטרירען אין דער עלטער פון 15 ביז 40 יאהר.

יעדע פערזאן מוז צושטעלען א בוך וואו עס דארף קלאהר באוויזען ווערען וועגען די אינצעלהייטען און כאראקטער פון זיין באשעפטיגונג.

באלשעוויקעס באגריסען אידישע פארטיי

דובלין, מאי 24.— די אירישע ארבייטער פארטיי האט פארעפענטליכט א סטייטמענט, וואו עס ווערט איבערגעגעבען, דאס די אירישע פראגע איז פארגעלעגט געווארען פאר דעם פעטראגראדער סאוועט דורך דזשאהן פ. טאמסאן, וועלכער איז אהין אנגעקומען פון אמעריקא. דער פרעזידענט פון דעם פעטראגראדער סאוועט האט אויסגעדריקט צו די אירישע ארבייטער די סימפאטיע פון די רוסישע ארבייטער. טאמסאן איז איצט אפגעפאהרען קיין מאסקווא, וואו ער וועט מיט די העכסטע סאוועטען באאמטע דיסקוטירען די אירישע פראגע.

איטאליענישע ארבייטער ענטזאגען זיך צו ארבייטען ביי אמוניציע פאר פוילען און יאפאן

מילאן, איטאליען, מאי 24.— אויף א פארזאמלונג פון סאציאליסטען איז אנגענומען געווארען א באשלוס, דאס קיין איטאליענישער ארבייטער זאל נים ארבייטען ביי אמוניציע, וועלכע דארף ווערען איבערגעשיקט צו פוילען און יאפאן.

די יוניאן פון די באהן-ארבייטער, די פעדעראציע פון מאטראזען און די ארבייטער קאנפעדעראציע זענען אויף דער פארזאמלונג געווען שטארק פארטראטען.

ווילסאן בעט קאנגרעס אנצונעהמען ארמענישען מאנדאט

וואשינגטאן, מאי 24. — פרעזידענט ווילסאן האט היינט געבעטען דעם קאנגרעס איהם צו געבען די באפאלמעכטיגונג אנצונעהמען דעם מאנדאט איבער ארמעניען.

דער פרעזידענט האט דעם קאנגרעס געראטען ווייטער, דאס ער רעכנט, אז דאס אמעריקאנישע פאלק פארלאנגט, אז די פאראייניגטע שטאאטען זאל אננעהמען דיעזען ארמענישען מאנדאט.

בנוגע דעם פארלאנג פון העכסטען ראט, אז די פאראייניגטע שטאאטען זאל באשטימען די גרעניצען פון דער ארמענישער רעפובליק, טיילט מיט מר. ווילסאן, דאס ער רעכנט, אז דאס איז זיין פליכט „אנצונעהמען דיעזע שוועריגע און דעליקאטע אויפגאבע".

היגער יוסטיץ אגענט אטאקירט ארבייטס דעפארטמענט

ארטור ל. באקוי, היעפט אגענט פון יוסטיץ דעפארטמענט אין דעטראיט האט נעכטען אטאקירט דעם ארבייטס דעפארטמענט צוליעב דעם, וואס מעהר פון 200 היגע ארעסטירטע ראדיקאלען זענען באפרייט געווארען. ער האט געדעקט וועגען דעם באשלוס פון ארבייטס דעפארטמענט צו באפרייען היגע ראדיקאלען מיט גאנץ און פארהוס, זאגענדיג דאס די „ערגסטע פארטען אנארכיסטען פונ'ם לאנד" זענען באפרייט געווארען, אין דער צייט, וואס „היגע עסטרייכער" זענען דעפארטירט געווארען, כאטש זיי וואלטען דא קיינעם קיין שרעקליכעס געטאן.

דער יוסטיץ אגענט האט אנגעוויזען אויף דעם, וואס איינער אן איטאליענער, האט עפענטליך ערקלערט אויף דעם פארהער, אז ער איז אן אנארכיסט און וואלט וועלען, אז די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען זאל געשטירצט ווערען.

דר. ל. פרענטיס, היעפט אימיגראציאנס אינספעקטאר אין דעטראיט, האט מאנטאג ערקלערט, אז ער האט רעקאמענדירט, דאס אלע היגע ארעסטירטע ראדיקאלען זאלען דעפארטירט ווערען. דער ארבייטס-דעפארטמענט האט ביז איצט באשלאסען. צו דעפארטירען 240, די מערהסטע זענען אבער ארויסגעלאזט געווארען אויף בייל. ווארטענדיג ביז וואנען מ'וועט זיי איבערשיקען קיין קיין רוסלאנד. נאך 11 זענען דעפארטירט געווארען. האט דר. פרענטיס ערקלערט, אין דער ארבייטס דעפארטמענט האט באפרייט 209.

לויט ידיעות פון וואשינגטאן, זענען פון די דעטראיטער ארעסטירטע אממעהר בטען פאר'משפט געווארען צו דעפארטירט ווערען.

די היגע באאמטע האבען ערהאלטען באפעהלען צו דעפארטירען 40 רוסען, וועלכע זענען ארעסטירט געווארען לעצטען אקטאבער. זיי געפינען זיך די גאנצע צייט פארשפארט אין פארט וועין. זיי וועלען דעפארטירט ווערען, ווען די אימיגראציאנס באאמטע אין וואשינגטאן וועלען אנפאנגען דעפארטירען אין רוסלאנד.

עלף יעהריג אידישע מיידעל דערהרג'עט פון א קאר

לילי ראבינאוויטש, עלף יאהר אלט, איז צוזאמען מיט נאך קליינע קינדער פון איהר סקוהל לעצטען שבת ארויסגעפאהרען אויסער'ן שטאדט מיט א לעהרערין קלייבען ווילדע בלומען. ארום די לעהרערין מיט די קינדערצוזאמענגעזאמעלט פארנאכט צייט האבען די קינדער מיט די לעהרערין געמוזט קלויבען זיך אין שטאדט. זיי זענען צוגעקומען צו רעקנער ראאד און מישיגען עוו., וואו זיי האבען געווארט אויף א סטריט קאר. די קליינע לילי האט זיך אפגעריסען פון די איבעריגע קינדער אויף א ווייל און איז ארויס אויפ דעם ראאד. דערווייל איז אנגעקומען פון דעטראיט אן אטאמאביל, וועלכער איז דאס יונגע מיידעלע איבערגעפאהרען. דער דרייווער האט דאס קינד אוועקגעפיהרט צו א דאקטאר, אבער ווען ער האט זיך דארט דערוואוסט, אז די קליינע לילי איז טויט, האט ער זיך ענטזאגט אנצוגעבען זיין נאמען. פאליציי ווייסט אבער יעם נומער פון זיין לייסענס.

פאלעסטינער מיליטערישע אדמיניסטראציע פארבאט אפצוהאלטען אידיש נאציאנאלע פארזאמלונג

לאנדאן. — א באריכט פון ירושלים גיט איבער, אז די ענגלישע מיליטערישע אדמיניסטראציע האט פארבאטען אפצוהאלטען די נאציאנאלע פארזאמלונג פון דעם פאלעסטינער אידענטום, וואס האט געדארפט אנהויבען איהרע זיצונגען אין ירושלים.

מרס. מארגאליס געווינט פינף און צוואנציג דאלאר א וואך אלס צייטווייליגע אלימאני

מרס. פעני מארגאליס, וועלכע האט פארקלאגט איהר מאן אויף א גט, האט געבעטען, דאס דערוויל זאל זי קריגען פון איהם 50 דאלאר א וואך אויף צום לעבען. אין דער צייט וואס זי האט נעכטען געווארט אין געריכט וועגען דעם, האט איהר מאנ'ס א ברודער, לואיס מארגאליס, זי פארגעפיהרט פאר סירקיוט קאמישאנער אויף א קלאגע פון נים צאהלען קיין רענט. מרס. מארגאליס האט דערצעהלט, דאס ביז לעצטען פרייטאג האבען איהרע שוויגער עלטערען געוואוינט צוזאמען מיט איהר, און דאס איהר מאן, סעם מארגאליס, פלעגט שטענדיג צאהלען רענט. לואיס מארגאליס, דעם מאנ'ס ברודער, האט געזאגט, דאס ער ווייס נים ווער עס פלעגט צאהלען דעם רענט. דער קאמישאנער האט לואיס'ן ענטזאגט זיין פארלאנג צו געבען איהם ערלויבעניש ארויסצווארפען זיין שוועגערין.

שפעטער האט מרס. מארגאליס געקראגען צוגע'פסק'ענט 25 דאלאר א וואך אלס צייטווייליגע אלימאניע, מיט דער באדינג, אז דער מאן זאל צאהלען דעם רענט און אויך 25 דאלאר א מאנאט פאר די הויזמעבעל.

אלענבי וועט אונטערזוכען זשאבאטינסקי'ס אורטייל

לאנדאן. — פון קאירא מעלדעט מען, אז דער באריהמטער גענעראל אלענבי פאהרט איצט קיין פאלעסטינא.

איינער פון די צוועקען פון גענעראל אלענבי'ס פאהרען קיין פאלעסטינא איז אויסצוגעפינען פאר וואס מען האט ארויסגעגעבען אזא שווערע שטראף נעגען זשאבאטינסקי'ן.

אויף דעטראיטער גאסען

ראבערט בלעק, 27 יאהר אלט, האט זונטאג אווענט געמאכט „פליטה", ווען מ'האט איהם אין א פאליס-סטיישאן געהאלטען אין אויספרעגען וועגען א מארד, אין וועלכען מ'באשולדיגט איהם; אין א שטונדע ארום איז ער פארהאלטען געווארען לעבען 17 סמיט סט. ער האט געוואלט מאכען ווידער א „בריחה" אבער דער פאליסמאן האט אויסגעשאסען איינמאל און איהם פארוואונדעט.

* * *

זונטאג אווענד, האבען צוויי רויב-גערקריידעטע באנדיטען גענומען א „טעקסי" אויף מישיגען סענטראל דעפא. און האבען געבעטען דעם דרייווער, ראבערט טראמבלי, פון 103 ברייטי סט., ער זאל זיי צופיהרען אויף האוואורד און סיקסינט סטס. ווען זיי זענען דארטען אנגעקומען האט איינער ארויסגענומען א פינף דאלארינען און דערלאנגט טראמבלי'ן. דער דרייווער האט געוואלט געבען „רעשטע" ווען ער האט פאר זיינע אויגען דערזעהן א גלאנצענדיגען רעוואלווער. ער האט זיי אפגעגעבען 15 דאלאר און די „בחורים" זענען פארשוואונדען געווארען.

* * *

וויקטאר העניג, פון 1130 טוועלווטיפיפט סט., איז זונטאג אווענט גוט צו'מזיק'ט געווארען פון 2 באנדיטען, ווען זיי האבען אויסגעפונען, אז ער פארמאגט גאר נים ביי זיך. אין א שטונדע שפעטער האט פאליציי ארעסטירט 2 פערזאן אלס די באנדיטען, וואס זענען איבערפאלען העניג'ען.

* * *

יונגע גנב'ים'לאך פעהלען אייך נים אין דעטראיט! נעכטען אין דער פריה האט מען געכאפט דזשאזעף רענקין, א 15-יעהריגען איינגער פון 539 אלעקסאנדרין עוו. איסט, ווען ער האט זיך „אריינגעבראכען" אין דער וואוינונג פון ריווארד און ראוינעו סטס. זונטאג אווענד האט א דעטעקטיוו פון דער מישיגען סענטראל געכאפט צוויי צוועלף יעהריגע אינגלאך גנב'ענדיג פון א באקס קאר.

* * *

עדעלבערט ל. בארמואר, 70 יאהר אלט, פון 390 פיירוויו עוו., איז געשטארבען אין דריי שטונדען ארום, ווי א סטריט-קאר האט איהם איבערגעפאהרען, אויף דזשעפערסאן און פיירוויו עוועניום.

* * *

דזשאן יאנאווסקי, 30 יאהר אלט, פון פארקוואוד עוו., איז שבת אין אווענד געשטארבען פון די וואונדען, וואס ער האט באקומען, ווען אן אטאמאביל איז איהם איבערגעפאהרען. ער איז דאן געפאהרען אויף א מאטארסייקל.

* * *

ארטור באסקעט, 38 יאהר אלט, פון 743 אייטינט סט., האט שבת אפגעפיהרט אין האספיטאל זיינעם א באקאנטען מיט'ן נאמען סטיוו ליווערנאיס, וועלכער איז פון א גרענד ריווער קאר פארוואונדעט געווארען אויף מישיגען עוו., און גריזוואלד סט. אין א האלבע שטונדע ארום האט מען באסקעט'ען אויך געבראכט אין דעם זעלבען האספיטאל און מ'האט איהם אוועקגעלעגט אויף א בעטעל לעבען זיין פארוואונדעטען באקאנטען. ער איז אויך פארוואונדעט געווארען פון א גרענד ריווער קאר אויף סטייט און גריזוואלד סטס.

קאר ארבייטער שטימען אנצונעהמען אנבאט פון די. יו. אר.

שבת האבען די היגע קאר-ארבייטער דורך א רעפערענדום אנגענומען דעם אנבאט פון דער די. יו. אר. קא. בנוגע זייער געהאלט. דער לעצטער אנבאט פון דער קאר קא., איבער וועלכען די ארבייטער האבען געשטימט, איז, דאס זייער געהאלט זאל זיין פון 70 ביז 75 סענט א שטונדע. די יוניאן פון די קאר ארבייטער האט געפאדערט, ערשטענס, פון 95 סענט ביז 1 דאלאר א שטונדע און, צווייטענס, אן אכט שטונדיגען ארבייטס טאג. די קאר קא. האט נים געמאכט קיינע הנחות וועגען שטונדען, און די ארבייטער האבען באשלאסען מיט א מעהרהייט שטימען אנצונעהמען דעם פארשלאג פון דער קאר קאמפאני.

די די. יו. אר. האט אבער ארויסגעשטעלט איין באדינג, ווען זי האט באשלאסען צו העכערן אביסעל דעם ארביטערס געהאלט. דער באדינג איז, אויב מען וועט איהר ערלויבען צו נעהמען ביי די היגע איינוואהנער נאך א סענט פעיר. לעצטען מיטוואך האט דער סיטי קאונסיל אויסגעהערט די טענות פון דער קאר-קאמפאני וועגען העכערען פעיר. נעכטען ווען עס איז באקאנט געווארען, אז דער רעפערענדום פון די קאר אנגעשטעלטע האבען גוטגעהייסען דעם אנבאט פון דער די. יו. אר., האט דער פרעזידענט פון היגען קאונסיל, דזשאן לאדוש, זיך אויסגעדריקט, אז דער קאונסיל וועט נים נעהמען קיינע שריטע, סיידען ער וועט באקומען א פארמאלע פעטיציע פון דער קאר קאמפאני וועגען העכערען דעם איצטיגען פעיר. עס איז אבער נאך נים באוואוסט, וואס עס וועט זיין דער באשלוס פון דעם קאונסיל, ווען זי וועט די פעטיציע ערהאלטען. אין קאונסיל, אפים,

ווי עס איז געווען געמאלדען, הערשט א מיינונג, דאס די פראגע וועגען העכערען דעם קאר-פעיר, דארף ענטשיידען ווערען פון א געריכט, און אז דער קאונסיל קען וועגען דעם גאר נים אויפטאן.

די באאמטע פון דער די. יו. אר. טענה'ען, אז דער קאונסיל איז אין מאכט צו באשליסען א געהעכערטען פעיר און דארום ווענדען זיי זיך מיט זייער פארלאנג צו דעם סיטי קאונסיל.

די מיינונג פון נעיאר קאוזענס וועגען דיזער פראגע איז נאך נים באוואוסט, ווייל ער איז נאך אלץ נים געזונד. זיין סעקרעטער האט אבער באקאנט געמאכט, דאס קומענדען דאנערשטאג וועט דער מעיאר זיין אין זיין אפיס.

Public Library ... Aug ... 1920

CLASSIFIED

ר'מס פריי. א יונג קאפעל, וואס וויל אבטונג געבען אויף א מיידעלע פון 7 יאהר, קען האבען א רום, גאז און עלעקטריק פריי און אויך פריוויר־לעדזש פון קיטשען און דיינינג רום. פרעגען שבת, אין 1196 סט. ענט־וויין, אפארטמענט 19.

א סטאר מיט רומס צו פארענטען אויף 1356 דובאיס, קארנער פיקעט. פאסענד פיר פערשיעדענע ביזנעס. זיך פרעגען: פריד, אין דער וועלבער בילדינג. 27)

צו פארקויפען א ניי ענד סעקאנד הענד פארניטשור סטאר, אויף גרעשיאט פרעגען: גאלדמאן, 1082 הייסטינגס סטריט. 26)

6 רום הויז צו פארקויפען. אויך פיאנא און פורניטשור. פרעגען: 152 טעאדאר סט. 27)

באקאנטמאכונג

די סילווער לעדער קא. 578 דושאז. קעמפא, קויפט פארשיעדענע זארטען לעדער און אימיטיישאן לעדער, אויך אלטע לעדער און ראבער בעלטינג. ספעציעל זענען מיר פאראינטערעסירט אין נייע סעלאלאיד סקרעפ; מיר צאהלען 65 סענט א פונט.

פארגעסט ניט אונזער טעלעפאן נומער: מעלראוז 4610.

Real Estate

לענדלארדס און פראפערטי אייגענטימער

לאזט זיך ניט נארען, זייט פארזיכטיג בעפאר איהר קויפט סעמענטענע נאר־בערדזש אדער אשירעפטיקאל, דיטראיט קאנקריט מאניופעקטשורט רייאינסטאלד רעספעקטיקעלס. די צעמענט איז געמישט מיט וואייער, וועלכע ווערט נעווער צופאלען, וועט זיך ניט שפאלטען פון פראסט. מיר גאראנטירען בילינער אין פרייז, בעסטע אין קוואליטי. **ה. מ. קאפמאן,** 206 האנקאק איסט. טעלעפאן מעלראוז 3595 וועסט. טשערי 1473. פרייזע אינ־סטאליישאן.

קויפט פון דעם אייגענטימער! א סינגעל הויז פון 4 ליווינג רומס און 4 בעד־רומס, מארעלין צו דער מינוט, אין 219 ראזדאל קאורט. פאר־טיק צום אריינמופען, א קליינע איינ־צאהלונג. רופט העמלאק 216 „עס". (23

א גוטע היים צו קויפען און שפא־רען געלד דערביי — א 2 פעמילי בריק וואניער, אפטודייט. א לביק גאראדזש אין דעם שעהנסטען געגענד, על־מהירסט לעבען העמילטאן. פרייז $15,500.00 איינצאהלען $4500.00. טראגט ארייז $1,860.00 א יאהר. פרעגען ביול בלאק, 91 גרייוואלד, מר. וועבער. טעלעפאן מעין 6267. (23

ריעל עסטייט

צו פארקויפען 7 טערעסעס בריק. פרעדריק צווישען הייסטינגס און ענט־וויין, 7 רומס יעדע. סעפרעט פורנע־סעס. אוק פיניש. פייער פלייס. לאט 125 ביי 85. גרויסער בארגיין פיר'ן שנעלען קויפער. $10,000 נויטיג. איינ־נאהמע $3330,00 א מאנאט. זיך פרע־גען: שווארץ, 339 הענדריע סטריט.

צו פארקויפען 9 רום הויז, 2 זיבען רום טערעסעס און א 6 רום הויז לאט 42 ביי 147. איינצאהלען $3,000. פרעגען מר. קאנאגור, 186 קענפיעלד. טעלעפאן, מעלראוז 5033.

צו פארקויפען 2 פלעטס, 7 און 8 רומס יעדע. פרייז $18,000. איינצאה־לען $5,000. זיך פרעגען, מר. קאנאגור, 186 קענפיעלד. טעלעפאן מעלראוז 5033.

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען: אז אייגען זיינען די אידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. יעון איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפּ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, דאן געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך תארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען

„בי ביממינ צונעפאסטע ברילען וועט איר ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס.

געהט צו אייער גוט באקאנטען

Frosh O. D.

אפטאמעטריסט

אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קענעגא־בע עהרליך'ס רזשולערי סטאר.

צו פארקויפען 3 נייע סטארס און פלעט אויפ מעין סטריט און ראיעל אוק. פרייז $30.000. איינ־צאהלען $10.000. פרעגען: פרענק וועסטאלל, 635 מעין סט.

צים פארקויפען גוטע ביזנעס פרא־פערטי, לעבען דעם נייעם נארט־יוער מארקעט. גוט פאר עני ביז־נעס. $18.000 קעש, נאכפרעגען: 2255 דושאז. קאמפאן 30)

פאלאנגט א סיילסמאן אין א האל־סייל גראסערי. מוז זיין עקספיריענס. פרעגען, רובינס גראסערי, 247 נאפאר־לעאן. 27)

צו אידישע באלאטען און לעגיאנערען!

א ספעציעל מיטינג ווערט פארופען דינטאג, דעם 30טען מאי, אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט, 204 האנקאק איסט, 8:30 אזיגער אבענד. צו מיטבעז פארבייטונגען צו דעם גאווער. פאריד. עקרוני־קאופמאן, פרעס קאמ.

פארד קארס און אנדערע קאר

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פאָרטזעצונג)

(זעכצעהנטעס קאַפּיטעל)

אליין — צוזאַמען מיט טויט־שרעק

חנה מיט נייזמאן'ען האבען דעם זונ-טאג פון נאך דריי א זייגער אן זעהר גוט פארבראכט ביז עס שפעט אין אבענד.

דאס האט געזאלט זיין דער לעצטער זונטאג, וואס זי איז אין שטאָדט. מאָר-גען, אדער איבערמאָרגען וועט זי שוין אפשר זיין אויף דער ראָטשע.

חנה האט בייגעוואוינט דאס ערשטע מאל א לעקציע.

דער לעקטשורער האט גערעדט וועגען דער דראמאטישער ליטעראטור.

ביי דער לעקציע ערשט האט זי זיך ארומגעזעהן, אז נייזמאן פארשטעהט גרינדליך ליטעראטור און דראמא.

כמעט אלעס וואס דער לעקטשורער האט געזאגט איז פאר איהר קיין נייעס נישט געוועזען. זי האט שוין אלעס געהאט פריהער געהערט פון נייזמאן'ען.

אין יענע מינוטען ווען זי האט דעם פארטרעגער געהערט, איז ביי איהר ניי-מאן געוואקסען אין ווערטה.

נאך אלעמען — האט זי זיך געטראכט — איז ער פאקט אן אינטעליגענטער יונגערמאן. ווהאס דערפיהלט ווי עס וואקסט ביי איהר א רעספעקטיוועזער גע-פיהל צו נייזמאן'ען. זי האט דערפיהלט צו'ן איהם אן אכטונג.

ווען זיי זענען אוועק פון דער לעקציע, האט זי איהם דאס גלייך געזאגט: — איהר האט געהערט, נייזמאן, דעם רעד-נער? ער האט מיר קיין איין ניי ווארט נישט געזאגט. איך האב דאס שוין פון אייך געהערט. ווען איהר זאלט פאר-אייערע רעדעס, וואס איהר האט פאר מיר געהאלטען, געוועזען מאכען פארלעזונגען, וואלטען זיי געוועזען נישט ווייניגער אינ-טערעסאנט ווי די לעקציע פון דעם היינ-טיגען פארטרעגער".

נייזמאן האט אזא קאמפלימענט נאך נישט געהערט פון חנה'ן. חנה זאל איהם אזוי לויבען, דאס האט זיך איהם נישט געגלייבט, אז עס קען אפילו אמאל פאר-קומען.

עס איז איהם אזוי ליעב געוועזען איהר קאמפלימענט, אז ער האט זי שוין גע-געוואלט ארייננעהמען ערגעץ אין א טהע-הויז, אדער סעלעטער־קראם, אבער חנה האט באין אופן נישט געוואלט.

עס איז שפעט. מרים קען שוין זיין אין דער היים. מען דארף וואס פריה-ער אהיים לויפען. זי וועט ברוגז זיין.

* * *

עס איז שוין געווען ארום צוועלף. צוועלף ביינאכט.

און מרים — איז נישטא...

חנה ליעגט אויף איהר בעטעל, קוקט אויף דעם טונקעל באלויכטען חדר; קוקט אויף דעם גאז־לעמפעל, וואס ווארפט א ציטערדיגע שיין... דאס מענטעל, זעהט זי, איז איינגעשפאלטען און דער אבא-ווקה איז פארדרייבערט... קעהרט זי זיך אפ, גיט א בורטשע צו זיך אליין.

אלע מאנטאג און דאנערשטאג דארף מען אדער אן אבאזשוק אדער א נאוו-מאנטעל... אמעריקא מיט נאז...

דער וועקזייגער קלאפט אזוי שטארק מיט א בריפנעם קלאנג, ווי די שפרוזינע ראטען וואלט זיך געשנייטען אויף א זעג, אויף א טעמפער זעג...

פון די דערבייאיגע חדרים דערטראגט זיך א קרעכץ, אדער א בראפען.

חנה איז נאך נישט אויסגעטאן.

* * *

מיט דעם נייעם קלייד, מיט די שיך האט זי זיך אויף א ווייל ארייגעלעגט אין בעט. אז מרים וועט קומען — וועט זי זיך אויסטאן.

זי ליעגט און דענקט איבער פון די לעצטע עטליכע טעג, פון די רוישיגע אי-בערלעבונגען, פון אלעם וואס זי האט גע-זעהן און געהערט די לעצטע עטליכע טעג.

א ים, א גאנצען ים האט זי איינגע-זאפאן זיך פאר די לעצטע עטליכע טעג...

אזוי פיעל נייעס, אזוי פיעל שעהנעס און איבערראשענדעס! און פאר אלעס מוז זי איהם, נייזמאן'ען, דאנקבאר זיין. איהם ווען נישט ער — — — —

חנה איז קיין מאל נישט [illegible] מען דער געדאנק, אז זי מוז אימעצען דאנקבאר זיין...

* * *

וואס הייסט דאס? עס איז שוין באלד איינס...

איינס א זייגער ביינאכט!

וואס קען עס זיין מיט מרים'ן!

איינס א זייגער ביינאכט! זאל מרים אויף אזוי שפעט אוועקגעהן? מרים זאל זיך פארזיצען אין א הויז אזוי שפעט — דאס האט נאך נישט געטראפען. קיינ-מאל נישט געטראפען...

חנה ווערט אומרוהיג. ווער ווייס?

אוועק איז זי דריי א זייגער ביי טאג. צעהן שעה... צעהן גאנצע שעה אפ-זיצען צו גאסט אין א הויז. עס איז נישט מעגליך!

און אפשר — לויפט איהר דורך א מחשבה — איז זי אויך ערגעץ אין א טעאטער אדער צו א קאנצערט געוועזען און פון דארטען אוועקגעגאנגען. שפעט. נו, וועט זי מסתמא באלד קומען...

זי וואלט דערווייל גענומען עפעס ליי-ענען, איז אבער די גאז אריינגערהרט.

אראפגעהן און אויפדרעהען די גאז גלוסט זיך איהר נישט. זי וועט שוין אזוי־א ליעגען אביסעל... זיך אפרוה-ען... מסתמא וועט מרים אט באלד אריינקומען...

* * *

חנה האט איינגעדרעמעלט.

אין צימער איז פינסטערליך. די גע-שיין טאנצט איבער די קויטיגע ווענד. טאנצט און קרימט זיך אויס אין זיג-זאגען.

חנה מיט איהרע קליידער זעהט איצט אויס ווי איינע פון די פאר'כשופ'טע שעהנע פרינצעסינס, וואס אין די מעשה ביכלעך. א שעהנע בלאנדע פרינצעסין, וואס מען האט זי גענומען געפאנגען און פארשפארט אין א פינסטערען, דושנעם, און ענגען, און אומהיימעס קערקער...

און דער גאנצער שטוב איז שטיל.

זעלטען ווען עס רייסט זיך א פאר-שלאפענער „אוי" איבער דער דריקענ-דער, אומהיימער שטילקייט.

עס איז פאראיבער א שעה.

חנה האט זיך א כאפ געטאן, האט א קוק געטאן אויף'ן זייגער: — „גאט מיי-נער, ס'שוין צוויי!"

חנה האט זיך דערשראקען.

צוויי א זייגער ביינאכט און מרים איז נישטא, איהר בעט שטעהט ליידיג...

אבט א זייגער דארף זי דאך שוין אין דער בלומען קראם זיין. זיבען א זייגער דארף זי דאך שוין אויפשטעהן...

וואס זאל זי טאן?

זי האט דערפיהלט ווי א קעלט יאגט פון ערגעץ אויף איהר. זי האט געוואלט זיך צונויפקנוילען אין דער קאלדרע, אבער זי האט מורא געהאט אויפצוהויבען זיך און פון אונטער־זיך די קאלדרע אפירצושלעפען.

— וואס קען עס זיין? גאט מיינער, וואס האט מיט מיין מרים'ען געטראפען?

זי האט אנגעהויבען ציטערען פון קעלט און שרעק.

די ציינער האבען איהר אין מויל גע-קלינגען.

וואס זאל דאס באדייטען?

(פארטזעצונג פאלגט)

דער עיקר פעהלט

(קופלעט)

פון עליאש

עס איז אצינד
א מאָדנע וועלט,
אין יעדער זאך
דער עצם פעהלט.
עס פעהלט אין אלץ
דער עיקר;

אהן אחדות איז
דער גאנצער קהל;
די משקה איז
אהן אלקאהאל —
מען קען נישט
ווערען שכור.

די קאווע איז
אהן קאפעאין,
דער טאבאק איז
אהן ניקאטין,
דער סטרייקער סטרייקט
אהן פיהרער;

דער שדוך איז גאר
אהן „נאדאן",
קיין וואסער געהט
נישט אפט פון קראן,
אהן געלד איז
דער קאסירער.

די פרוי איז איצט
אהן ווייבליכקייט,
אהן אידעלקייט,
אהן לייבליבקייט;
זי וויל גאר
מענער „רעכטע";
אהן מאכט און שייך
איז, זענען איצט,
איז, זענען איצט,
איז, זענען איצט,
די גרויסע,
גרייסע „מעכטע".

דער דיכטער איז
גאר אהן אגראם,
דאס לידעל זיינס
איז אהן א טעם;
די דאמע ז'נישט
דראמאטיש;
דאס מיידעל האט
קיין לאנגע האר,
דער דעמאקראט —
צום שווארצען יאהר! —
איז גאר נישט
דעמאקראטיש...

דער פרידען איז
נישט שלום'דיג,
דער חלום איז
נישט חלום'דיג.
דער דענקער איז
אהן שכל;
דאס וויצעבלאט
איז אהן א וויץ,
אהן פרעהליכקייט,
אהן שפריץ אהן בליץ —
די גיסט דערפיי
קיין שמייכעל.

די יוגענד איז
אהן יוגענד - פרייד,
אהן הארץ — איז
זענען אלע רייד,
דער פריהלינג
אהן פארפומען;
דער קייסער איז
גאר אהן א קרוין,
כ'האב גענומען דריי,
כ'בין דריי פארשיין
און כ'האב נישט
קיין מזומן...

דער וואגען לויפט
אצינד אהן פערד;
עס האט דאס געלד
נישט מעהר קיין ווערט.
ס'האט קיין פאפיר
די צייטונג;
דער מאנסביל האט
קיין ברעקעל פארד,
קיין יושר איז
נישטא אין „קארט",
אין דער פארטיי —
קיין לייטונג.

עס איז אצינד
א מאדנע וועלט:
אין יעדער זאך
דער עצם פעהלט,
איך קען עס אייך
באווייזען;
נאר אין דעם „בלאט",
און אין דעם ליעד,
איז, פעהלען פעהלט
דארט קיינמאל ניט
קיין גאנצע בערג
מיט גרייזען...

אין פרינטינג שאפ פון „וועג"

פון קארטעל
ביז
גרויסע צייטונג
פון א הענדביל
ביז
גרויסע בוך

ווערט געמאכט שנעל, גוט און צו מעסיגע פרייזען

אידישע נייעס פון אלע וועלט טהיילען

דער הילפס יוניט ביי דער ארבייט אין פוילען.

אין דער ערשטער קייבעל, וואס דר. יוליוס גאלדמאן, דער הויפט דירעקטאר פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאָ-מיטע אין איירָאפא, האט צוגעשיקט פון ווארשא, מעלדעט ער גלייך, אז דער יוניט, וואס איז מיט דר. באָ-גען'ען אפגעפאהרען קיין פוילען, טוט דארט גלענצענדע ארבייט. אין דער זעלבער צייט האט די קאמיטע אויך געקראגען פון דר. באגען א גענויעס באריכט וועגען דעם יוניט, וועלכער האט זיך צעשפרייט איבער גאנץ פוי-לען און ליטא און ארגאניזירט די הילפס ארבייט אין יעדער שטאדט. עס איז אויך אנגעקומען א רייהע באריכ-טען פון די מיטגליעדער אליין, וועל-כע באשרייבען יעדע שטאדט און שטעדטעל וואס זיי האבען באזוכט, און פון די אלע באריכטען איז קלאהר צו זעהן, אז די הילפס באוועגונג אין פוילען איז פאר די לעצטע חדשים גרינדליך רעארגאניזירט געווארען.

נישט אומעדום איז עס אנגעקומען זעהר לייכט. און אין איינעגע פלעצער האבען די מיטגליעדער פון יוניט גע-האט גרויסע שוועריגקייטען ביז זיי איז געלונגען צוזאמענצוברענגען אלע עלע-מענטען און ארגאניזירען א קאמיטעט, וואס זאל ווירקליך פארטרעטען דעם גרעסערען טייל פון דער אידישער באַ-פעלקערונג. אבער די שוועריגקייטען זענען איבערגעקומען געווארען און די קאמיטעטען פונקציאנירען.

אויסער דער ארגאניזירונג פון די נייע קאמיטעטען איז אויף די מיט-גליעדער פון יוניט געלעגען די פליכט צו באקענען זיך גענוי מיט דער לאגע ווי פון דער אידישער באפעלקערונג, אזוי אויך פון די אינסטיטוציעס, וואס זיינען דא אין יעדער שטאדט, און ארייגברענגען אלע מעגליכע אויסבע-סערונגען אין הסכם מיט די ארטיגע פארטרעטער. איינעגע קורצע איבער-בליקען פון די באזוכען אין פארשיע-דענע שטעדט וועלען געבען א באגריף וועגען דעם, וואס דער יוניט האט אויפ-געטאן.

יוליוס סאוויצקי האט באזוכט ביא-ליסטאק, ביינעוואהנט א זיצונג פון דער קהלה און נאכדעם די ראיאן קאנ-פערענץ פון די קאמיטעטען אין דער געגענד, געהאלפען אין דער גרינדונג פון א ראיאן קאמיטעט. אונטערזוכט די דארטיגע אינסטיטוציעס, געזעהן אז די ארבייטער־קיכען און אנדערע זא-לען קריגען גענוג שטיצע. נאך ביא-ליסטאק האט ער באזוכט סאקאלא און אנדערע קליינע שטעדט ארום.

א. צוקער האט באזוכט קראקוי, לעמבערג, זלאטאוו און א רייהע קלע-נערע שטעדט אין גאליציען. האט דארט אכטונג געגעבען אויף דער פארטיי-לונג פון פסח־שטיצע, אויסגעארבייט די פלענער פאר באוועגליכע הייזער, געהאלפען ארגאניזירען קאמיטעטען, זיך באקאנט מיט דעם כאראקטער פון דער קאנסטרוקטיווער ארבייט, וואס דארף געטאן ווערען אין גאליציען און איינגעארדענט א שטענדיגען אפיס אין לעמבערג. לעמבערג און א רייהע אנ-דערע שטעדט זענען אויך באזוכט גע-ווארען פון די יוניט־מיטגליעדער דר. קאנטאר און קאטשאר.

דר. מ. י. לעף האט באזוכט בריסק און געפונען די שטאדט אין א שרעק-ליכען צושטאנד. זעהר ווייניג אידישע הייזער זענען געבליעבען גאנץ און די ארימע לייט וואלגערען זיך ארום אין די בתי־מדרשים און באראקען, וואו עס הערשט א שרעקליכע ענגשאפט. די אינסטיטוציעס, ווי קיכען און אנדערע, זענען געווען אפגעלאזען. ער האט רע-ארגאניזירט דעם קאמיטעט, באוואוינגען די פארמעגליכע ארטיגע אידען צו נעהמען זאמלען שטיצע צווישען זיך און צוגעשטעלט צו דר. באגען א רייהע רעקאמענדאציעס וועגען באלדיגע מיט-לען, וואס דארפען אנגענומען ווערען פאר בריסק.

פון בריסק איז דר. לעף אוועק קיין פ י נ ס ק. די ארימע באפעלקערונג שטארבט דארטען פון הונגער. דער טיפוס בושעוועט. קיין פלאץ פאר די קראנקע אין די שפיטאלען איז נישטא. די הילפס ארבייט איז געוועזען זעהר נישט ארגאניזירט. עס איז צוזאמען-געשטעלט געווארען א נייער קאמיטעט און די ארבייט איז רעארגאניזירט גע-ווארען אזוי, אז די נויטיגע הילף זאל קענען געגעבען ווערען.

ס. שמידט האט באזוכט א רייהע שטעדט אין וואהלין, צווישען זיי קאָ-וועל, וולאדימיר־וואלינסק, לוצק, ראָוו-נא, קארושעץ, זוויהיל, קרעמענעץ, דובנא, און יעדער איינע פון די שטעדט איז געוועזען איינגעארטיגע שוועריגקייטען ביים ארגאניזירען די הילפס ארבייט, אבער נאך פיעל מיה איז דאך־געלונגען צו ארגאניזירען אר-ביטום קאמיטעטען.

דאס ארגאניזירען די הילף אין דער הרוב'ער וואהלין איז אנגעקומען בא-זונדערס שווער, ווייל די בלוטיגע יאה-רען וואס די באפעלקערונג האט איבער-געלעבט, האט זיי געמאכט אויפגערעגט און זיי אריינגעבראכט א געוויסע אונ-פאראנטווארטליכקייט. דער אנפאנג אבער פון אן ארגאניזירטער הילף האט געהאט א מאראלישען איינפלוס אויף די אויסגעלעטענע אידען און די אר-בייט הויבט אן צו געהן הארמאניש. די גאנצע געגענד איז אויך אויסגע-פארשט געווארען פאר רעקאנסטרוק-טיווער הילף און טיפוס־קאמפף.

דזש. רייזער האט באזוכט לובלין, ראדאם, קיעלץ און פיעטרקאוו. אנקו-מענדיג קיין לובלין האט ער געפונען אז בלויז 36 פלעצער פון דער גאנצער געגענד שטעהען אין פארבינדונג מיט דעם לובלינער קאמיטעט און קריגען שטיצע. ער האט צוזאמענגענומען א ליסטע פון אלע שטעדט און שטעדט-לאך און ארגאניזירט הילף פאר זיי. אויסער דעם האט ער צווישען די פאר-מעגליכע אידען אין די באזוכטע שטעט באשאפען א באוועגונג אליין צו זאמ-לען געלד פאר זייערע נויטלייטענדע און האט אזוי ארום צו זאמלען אין עטער געגענד ארום 3 מיליאן מארק.

ס. פייער און י. קויפמאן האבען באזוכט ליטא און ארגאניזירט די הילפס ארבייט אין קאוונא און אנדע-רע שטעדט, וואס געהען אריין אין דער אזוי גערופענער טאריבא־ליטא, דאס הייסט אין דער טעריטאריע אונטער דער קאוונער רעגירונג. אויסער דעם האט ס. פייער באזוכט טשענסטאכאוו און דארטען איינגעארדענט די שטיצע פאר די אינסטיטוציעס, וואס זענען געוועזען זעהר אפגעלאזען.

ס. פייער און י. קויפמאן זענען אויך געוועזען די ערשטע, וואס האבען בא-זוכט רינא און ליבאו און האבען נאך א גענויער אונטערזוכונג פון דער לאגע פון דער אידישער באפעלקערונג און די ארטיגע אינסטיטוציעס אריינגעטרא-גען רעקאמענדאציעס זיי צו באזארגען מיט אלעם מעגליכעס וואס עס איז פון דעם ווארשעווער קאמיטעט שפעטער געטאן געווארען.

דזשייקאב פיעלד און עדווארד רא-זענבלום האבען באזוכט לאמזשע, אָס-טראלענקא און שעדלעץ און צוגע-שטעלט א גענויע באריכט וועגען יעדער שטאדט, ווי אויך וועגען יעדער אינ-סטיטוציע אין די אלע שטעדט. די הילפס־ארבייט איז רעארגאניזירט גע-ווארען און די אינסטיטוציעס בא-זארגט.

דר. באגען אליין האט באזוכט מינסק און ווילנא און אין דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע געפינען זיך איצט גענויע באריכטען וועגען דעם צושטאנד און דער הילפס־ארבייט אין ביידע שטעדט און ראיאנען.

אזוי ארום האט די ארבייט פון יוניט ארומגענומען גאנץ פוילען און ליטא און די הילפס טעטיגקייט ווערט אומעטום איינגעארדענט און רעאר-גאניזירט.

א גרוס פון קיעוו

א פערזאן וואס איז אהויסגעפאהרען פון קיעוו דעם 15־טען פעברואר גיט איבער פון קיעווער לעבען און פון די געשעהענישען אין אוקראינע פאלגענ-דעס:

„לויט דער אלגעמיינער מיינונג איז דעניקינס ממשלה געווען אן ערגערע פון וועטלורא'ס, דערהויפט פאר אי-דען. פון 1־טען ביז דעם 4־טען אקטא-בער זענען אין קיעוו געווען 15 הונ-דערט אידישע קרבנות פון די פאגרא-מען. וועלכע זענען אנגעפיהרט געווא-רען דורך דעניקינס אפיצערען.

די קיעווער קריסטליכע באפעלקע-רונג אפילו די געבילדעטסטע טייל פון איהר האט זיך באציגען גאנץ גלייכ-גילטיג צו דער שחיטה פון דער אידי-שער באפעלקערונג. דערהויפט בושע-וועט אין דער לעצטער צייט דער גוט באקאנטער שולגין, וועלכער שלאגט זיך אין זגן „קיעוולאנין" על חטא פאר זיין קורציאהריגער פריינדליכער בא-ציהונג צו אידען (אין דער צייט פון בייליסעס פראצעס) און פאר זיין אויפפיהרונג אין דער צייט פון דער רעוואלוציע.

אין א רייהע ארטיקלען האט ער אויפגעוויזען אז רוסלאנד קען אהן א קיסר קיין קיום נים האבען און אז די אידען זענען פארביסענע שונאים פון קייזערטום, דעריבער מוז מען זיי אויסראטען. מיט שיום אויף די ליפען האט ער אין דער צייט פון דעניקינס ממשלה גערופען צו פאגראמען. אין א באוואוסטען ארטיקעל „פיטקא סטרא-כאם" האט ער אויפגעוויזען אז מען דארף די אידען האלטען אין שטענדי-גער מורא פאר פאגראמען, כדי זיי זאלען נים קענען קלעהרען וועגען רע-וואלוציע און דאס גלייכען.

פון 4־טען דעצעמבער זענען אין קיעוו די באלשעוויקעס. קיין פאגרא-מען זענען פאר די באלשעוויקעס נים פארגעקומען. אבער דער לעבען איז אין אלגעמיין זעהר שווער. אלע גע-שעפטען זענען אפגעשריבען און נא-ציאנאליזירט.

ברויט קאסט 85 רובעל א פונט.
צוקער דריי הונדערט רובעל.
פוטער צוועלף הונדערט רובעל.
פלייש 5 הונדערט רובעל.
א ציטרין קאסט 12 הונדערט רו-בעל.
זאלץ 4 הונדערט רובעל א פונט.
א קעסטעלע שוועבלאך וואקסט פון טאג צו טאג.

געהן אויף'ן גאס מעג מען ביז 8 אזייגער. עלעקטרישע באלייכטונג קען מען באנוצען פון 8 ביז 12 אין אווענט, קיין וואסער איז כמעט אין גאנצען שטאדט ניטא. די וואסערלייטונג אר-בייט 1 שעה און מעת לעת, מען וואשט זיך נאר איינמאל אין חודש. אין די גאסען באפט מען די „בורזשו-עס" און מען פיהרט זיי אוועק דריי-ען די ראד אויף דער עלעקטרישער סטאנציע אבער „די אפגעשוואכטע בורזשועס גיבען א צו שוואכען עלעק-טרישען שטראם" — שפאסען די מאכטהאבער, האלץ קאסט 250 רובעל א פוד אדער 7,500 רובעל א קלאפ-טער.

בריעף אין רעדאקציע

אויך פארבאנד דאנקט דעם „וועג"

צו די רעדאקציע פון „וועג":—

ווערטע העררען!

די עקזעקוטיוו קאמיטע פון דעם פארבאנד פון אוקראינער אידען אין דעטראיט האט מיך באאויפטראגט צו איבערגעבען אייך זייער אנערקענונג און דאנק פאר אייער ארבייט פאר'ן דער ווידערבאויפבויאונג פון דער ארגאניזאצ-יאן, וואס זייער אויפגאבע אין דעם יעצטיגען מאמענט איז זעהר א גרויסע. די עקזעקוטיוו מיטגליעדער פיהלען דאס אייער צייטונג וועט זיין א גרויסער פאקטאר אין די קומענדע אונטערנעה-מונגען וואס די היגע אפטיילונג פון פארבאנד פון אוקראינער אידען אין אמעריקא דענקט צו טאן; מיר האפען דאס דורך דער ווירקונג פון אייער ווערטער צייטונג, דער „וועג", וועלען פיעלע אידען זיך אפרופען און וועלען ארויסהעלפען מאטעריעל און פינאנצ-יעל.

האפענדיג דאס איהר וועט אויך אויף ווייטער אנגעהן מיט דיזער נאבעלער ארבייט, נעהמט אן אונזער דאנק, מיט דרך ארץ,

באפאלמעכטיגט **משה הורוויץ**
367 אדעליים סטריט.

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער

וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד

אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט מיש. טעלעפאן: מעין 3715

די פרוי איז שולדיג

פון ב. י. ג—ן

אין איינעם פון די הייבסטע פאלאצען אין ניו יארק האט געלעבט אן עלטערער אמעריקאנער באנקיער מיט זיין יונגער פרוי, א געוועזענע באריסטקע. בלויז איין יאהר האבען זיי געלעבט גליקליך און צופריעדען.

אין איין פריהמארגען האט דער באנקיער באדארפט אפפאהרען אין א דערביי־אינער שטאדט צוליעב געשעפטס אנגעלעגענהייטען.

ווי נאר ער האט זיך מיט זיין יונג ווייבעל געזעגענט, ווי נאר ער איז די שוועל אריבערגעטראטען, האט די פרוי טעלעפאנירט צו א יונגעלמאן און איהם דערציילט, אז איהר מאן האט זי פארלאזט אויף א טאג אדער צוויי.

מיט שמחה האט דער יונגערמאן אויפגענומען די ידיעה און אין עטליכע מינוטען ארום איז ער שוין געזעסען אין דעם פאלאץ, וואו די יונגע באנקירשע האט געוואהנט.

די יונגע פרוי איז אנטקעגען געלאפען איהר גאסט, האט איהם ארייג־גענומען אין זאאל. אבער דער גאסט איז פריער צוגעלאפען צו דער יונגער וויירטין, האט איהר אנגעכאפט פאר די הענט און געפאקערט ביי איהר זי זאל פאר איהם עפענען די קאסע, וואו עס ליגט דעם באנקירס פארמעגען.

צוויי ווייבער דערקענען ברוקס'ען אלס זייער מאן

נעכטען זיינען צוויי פרויען געזעסען אין ריגטער סטיינ'ס קאורט און האבען דערקענט דזשאן ברוקס'ען, אלס זייער מאן. ברוקס, אדער ווי ער גיט זיך אן אלס דזשאן בונק, ווערט גע'משפט אויף דער קלאגע פון ביגאמיע. די צוויי פרויען זיינען מרס. סעסיליע בונק פון באפלא, 45 יאהר אלט און מרס. מעי ברוקס, 30 יאהר אלט, פון 748 ברוקלין עוו.

מרס. בונק האט דערצעהלט אין געריכט, דאס דעם 4טען יולי, 1900, האט זי געהייראט ברוקס'ען, אונטער דעם נאמען בונק, און האט מיט איהם געלעבט 13 יאהר. דערנאך זיינען זיי זיך צונאנגען, אבער ניט גע'גט זיך, צוליעב רעליגיעזע טעמים. זי האט פון איהם צוויי קינדער.

מרס. מעי ברוקס האט איבערגעגעבען דאס איהר מאן האט איהר דערצעהלט, אז ער האט זיין ערשטע פרוי אפגע'גט. אין דעם 8טען סעפטעמבער, 1919, זיינען זיי חתונה געהאט. זי זאגט, דאס אז ניט מר. ברוקס איז זי גע־ווען זעהר גליקליך.

דער משפט איז אפגעלעגט געווארען ביז מיטוואך.

"אמעריקאנער גייסטליכע באגריסען סאן רעמא באשלוס וועגען ארץ־ישראל"

באגריסונגען לכבוד דעם באשלוס פון דער שלום קאנפערענץ אין סאן רעמא וועגען דער צוקונפט פון ארץ־ישראל זיינען אנגעקומען צו די העדקוואטערס פון דער "אידישע קארעספאנדענץ ביור־א" אין לאנדאן.

רעוו. האמאנד, דער רעקטאר פון דער ענגלישער קירכע אין בריטאן, שרייבט:

"איך בין העכסט צופריעדען, וואס ענגלאנד האט איבערגענומען דעם מאנדאט איבער ארץ ישראל לטובת דעם אידישען פאלק".

דער גייסטליכער רעוו. ארטשארד שרייבט:

"איך בין צופריעדען, אז די אידען וועלען האבען א שטענדיגע היים אין ארץ ישראל און זיין בכח צו איפבויען..."

פונקט קאפויער

"דער ענגלישער עקס־מיניסטער, מר. בארנס, איז ארויסגעטראטען געגען דעם וואס די ציוניסטען זענען צו שטארק מגזם די באלפור דעקלאראציע, און דער צייט, זאגט ער, ווען עס בא ... רייט בלויז פרייע אימיגראציע קיין ארץ ישראל.

מר. בארנס איז זיך טועה: גראד די פרייע אימיגראציע איז א זאך, וואס די ציוניסטען וועלען ערשט אויסוויר־קען.

* * *

קאנקורענץ פון אימיגראנטען

די אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר וויעגדט אן ארעם מעגליכעס, או עס זאלען דורכגעהן אין ביידע הייזער פון קאנגרעס די אנטי אימיגראציאנס געזעצען, מיהא האבענדיג פאר דער קאנקורענץ פון ניי־צוגעקומענע אר־בייטער.

* * *

זאגד נים שיקען נענוג, אבער "רויטע" בלוט פלענטי...

* * *

צוליעב דער אינפלוענציע וואס האט געבושעוועט זענען טייערער געווארען ארונות פאר מתים.

אפילו אין קבר ארייז קריכט אייך נאך דער פארפלוכטער יקרות, און צאפט ביי אייך ארויס די לעצטע פאר דאלער.

* * *

קאמיטע געגרינדעט אין דעטראיט צו העלפען הונגער'דיגער באפעלקערונג

פון וויען

אויף א פארזאמלונג פון געשעפטס־לייטע און פראפעסיאנעלע פערזאנען אין דער באארד אוו קאמערס האט ק. א. בורטאן, נאציאנאלער דירעקטאר פון אמעריקאנער קאמיטע פאר וויענער רע־ליעף, רינסטאג אווענד געשילדערט די טרויעריגע לאגע פון דער וויענער באפעלקערונג.

...

200 טויזענד אינפלאנטען ... זיך אין דער עסטרייכישער הויפטשטאדט איבער א האלבען מיליאן פערזאנען געפינען זיך דארטען, און דער שפייזמאנ־גער איז אומגעהויער גרעסער געווארען צוליעב דעם. מר. בורטאן האט דער־צעהלט, אז שפייזצוגען ווערען אין עס־טרייך געפיהרט מיט באוואפנטע סאל־דאטען, אום מורא, דאס זיי זאלען ניט ווערען באפאלען פון הונגעריגע מאסען.

מר. בורטאן, האט פארענדיגט זיין אפיעל מיט פאלגענדע ווערטער: "אמע־ריקא שטעלט מיך זיך פאר נאר 5 פרא־צענט פון די תבואה־קאסיטער איבער דער וועלט און דער צייט, וואס זי נימט ארויס 24 פראצענט תבואה פון דעם וועלט־וואקס. דאס ווייזט, אז מיר זע־נען אין דער לאגע צו העלפען און טאן עס מיט דער ברייטער האנט".

דער קאמפף איז געוואונען. די ציוניסטען האבען אונז צום ערשטען מאל אין גלות געבראכט די בכורים פון זייער אונערמידליכע ארבייט. און מיר אלע דארפען היינט שבועות איינעהמען די סאן רעמא־ארץ־ישראל־בכורים מיט די העכסטע באגייסטערונג...

אין א שטעדטעל אין אהיא, האט א קליינער פארמער איבערגעלאזט די פאלגענדע צוואה:

"איך לאז איבער מיין גאנצען פאר־מעגען צו די לאיערס פון מיין משפחה, ווייל לעגנפאלס וועט מיין פארמעגען בלייבען ביי די לאיערס צוליעב די קריי־געריי און טריטעלס וואס מיין פא־מיליע וועט פיהרען איבער דער צוואה, ארום וואלטען זיי אלזא ... געבליעבען. אזוי וועט כאטש זיין שלום צווישען זיי".

א פארמער דאכט זיך, א יאך און דאס פארשטאנען אן עסק.

* * *

איינער פון די באוואוסטע פראהי־ביציאניסטען האט די טעג ערקלערט אז צום ערשטען מאל אין דער גע־שיכטע פון דער מענשהייט ווי דאס מיינט אין אז א גרויסען לאנד אפגעשאפט געווארען.

יא פונקט ווי די געהיים־דיפלאמא־טי... דאס הייסט, דאס טרינקען איז איצט אויך געווארען א געהיים דיפ־לאמאטי.

* * *

א פארטרעטער פון די נאיטס אוו קאלומבוס, וועלכער האט זיך ערשט צוריקגעקעהרט פון אייראפא באהויפ־טעט, אז אייראפא נויטיגט זיך אין מיטע בלוט מעהר ווי אין שפייז און קליידער.

סטרייק באוועגונג פארשפרייט זיך אין איטאליען

... האבען די באהן־ארבייטער זיך אנגעשלאסען אין גענעראל סטרייק.

מרס. פוקס האט זיך בערימט או זי קענעלט צופיעל...

"וויפיעל קינדער ברענגסט דו אויף דער וועלט אויף אמאל?" האט זי געפרעגט די לייבבע.

"בלויז איינס", האט די לייבבע געענטפערט — "אבער ס'איז א לייב!"

מוראדס קאסטען 20 סענט א באקס פון 10 — אבער, זיי זיינען מוראדס!

מוראדס וואלטען געקאסט ביליגער ווען זיי זאלען ניט ענטהאלטען קיין פולע 100% טערקישען טאבאק פון דעם ריינסטען און בעסטען וואס וואקסט — אדער ווען מיר זאלען געבען פראסטערען טערקישען טאבאק.

אבער זיי וואלטען נים געווען קיין מוראדס — זיי וואלטען בלויז געווען פוקסען!

"אורטהיילט אליין!"

Anargyros

מאנופעקטשורערס פון העכסטע קלאס טערקישע און עגיפטישע סיגארעטען אין דער וועלט.

מיר מאכען אויסשליסליך די מוראדס אין בלעך באקסעס

ווי קען איך אנטוועהנען מיין בייבי?

דאס איז א וויכטיגע פראגע פאר יעדע מוטער וואס ווייגט איהר בייבי. דער בעסטער וועג איז צו אנטוועהנען א בייבי לאנגזאם — כמעט דורך אנפאנגען פון זיבעטען מאנאט און געבען דער בייבי איינע אדער צוויי באטעלס שפייז דורך'ן טאג, און אזוי שטופענווייז פערגרעסערען די צאהל פון שפייז באטעלס ביז דאס קינד געוועהנט זיך אב צופ'ם ווינגען די ברוסט.

Borden's

EAGLE BRAND

(CONDENSED MILK)

איז אזוי עהנליך צו מוטער־מילך אין טעם און אין לייכטע פערדייאונג אז מען קען געבען אמאל דיזע מילך און אמאל ברוסט מילך און דאס אנטוועהנען וועט נאכ־דער זיין א גאנץ לייכטע זאך.

The Borden Company

108 HUDSON STREET NEW YORK

1857 עסטאבלירט

איר קענט שיקען געלט צו אייערע קרובים

דורך דער

Bank of Detroit

א. זינגער מענעדזשער

הייסטינגס סטריט בראנטש

D&C LAKE LINES

A Vacation Trip That Satisfies

THE summertime will soon be here and with it the joys of a vacation trip. Where are you going? The Great Lakes is the mecca for particular and experienced travelers on business and pleasure trips. The D. & C. Line Steamers embody all the qualities of speed, safety and comfort, the freedom of the decks, the cool refreshing lake breezes. D. & C. a Service Guarantee.

Daily Service May 1st between Detroit and Buffalo. Leave 6:00 P. M. Arrive destination 9:00 A. M.

Daily Service April 1st between Detroit and Cleveland. Leave 11:00 P. M. Arrive destination 6.15 A. M.

MACKINAC ISLAND

Service June 14th to Sept. 14th. 5 trips per week June 14th to July 1st. July 1st to Sept. 14th, 6 trips per week.

Between Detroit and Buffalo Use Your Rail Tickets

Send 2c Stamp for Illustrated pamphlet and map of Great Lakes. Address L. G. LEWIS, G. P. A., Detroit, Mich.

DETROIT & CLEVELAND NAVIGATION CO.

A. A. SCHANTZ, President and General Manager.

J. T. McMILLAN, Vice-President.

The only Jewish Paper Printed in Michigan

די איינציגע אידישע צייטונג געדרוקט אין מישיגאן סטייט

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. 7?? authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson P...

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Thursday, May 27th 1920 Vol. 2, No 87 דעטראיט, מאי 27, 1920.

רויטע ארמיי פארטרייבט ענגלענדער אין פערסיען

לאנדאן, מאי 26.—
די צייטונג „דיילי סקעטש" מעלדעט, אז באלשעוויסטישע טרופען, קומען אן וואס מעהר אין פערסיען און זיי האבען פארנומען רעשט, פון וואנען די ענגלישע ארמעע האט זיך צוריקגעצויגען צו טעהעראן. די צייטונג זאגט, אז די ידיעות, וואס זענען נעכטען ערהאלטען געווארען פון פערסיען זיינען נים געווען ריכטיג.

די צייטונג פארזיכערט, דאס פארשטארקונגען פון אינדיען זענען אנגעקומען אין באטום, און אז מעהרערע טרופען וועלען אהין איבערגעשיקט ווערען, גלייך ווי טראנספארטען וועלען גרייט זיין.

צייטונג גיט איבער, אז דער פערסישער אויסערן מיניסטער געפינט זיך איצט אין לאנדאן און ער האט ערקלעהרט, אז אויב ענגלאנד זאל פערסיען העלפען מיט א מיליטערישען שטאב, וועט זיין לאנד זיין ביכולת געגענצושטעלען זיך די באלשעוויקעס. דערווייל פארהאנדעלט ער וועגען אן הלואה, אויף וועלכע ער וויל פארזיכערען מיט גרויסע קאנצעסיעס.

מר. קראסין, דער באלשעוויסטישער האנדעלס מיניסטער, קומט היינט אן אין לאנדאן. עס ווערט ערווארטעט, אז די ענגלישע רעגירונג זאל מיט איהם דיסקוטירען די לאגע פון מיטעל מזרח. עס ווערט ערקלעהרט, אז די רעגירונג וועט נאר דאן איינגעהן אויף באנייען קאמערציעלע פארהעלטעניסע מיט רוסלאנד, אויב די סאוויעטען רעגירונג וועט צושטעלען צופריעדענשטעלענדע פארזיכערונגען בנוגע פערסיען און די איבעריגע לענדער אין דעם דאזיגען געגענד.

ענגלישע צייטונג פאדערט עליעס זאלען שיצען אוקראאינער אידען געגען פוילישע פאגראמען

לאנדאן, — די היגע איינפלוסרייכע אבענד צייטונג „וועסט מינסטער גאזעט" איז ארויס מיט א פאדערונג, אז די עליים זאל זיך איינשטעלען פאר אידען און פראטעסטירען געגען די פאגראמען וואס די פאליאקען מאכען אויף זיי אין די אוקראאינער פראווינצען.

א פוילישער קארעספאנדענט פון אוקראינא, דארטען וואו די פוילישע ארמיי אפערירט, לייקענט אז עס זיינען דארטען פארגעקומען פאגראמען, און ער באצייכענט די בלוטיגע אנפאלען אויף אידען מיט דעם באקאנטען, פון די פאליאקען ערפונדענעם, נאמען „עקצעסען". דער איינציגער פלאץ וואו עס איז פארגעקומען א פאגראם, ערקלעהרט דיזער קארעספאנדענט, איז די שטאדט באר, און דאס איז דערפאר, זאגט דיזער קארעספאנדענט, וואס די באלשעוויקעס האבען זיך קאנצענטרירט אין אידישען קווארטאל.

די געשעהעניסע אין באר האבען געמוזט זיין עטוואס שרעקליכעס ווען דער פוילישער קארעספאנדענט האט געקענט ביי זיך פועל'ן צו באצייכנען זיי מיט דעם נאמען פאגראם.

אין קיעוו און אויף פאראל, ערקלעהרט דער קארעספאנדענט, איז גאנץ רוהיג אבער ער גיט צו, אז די פוילישע סאלדאטען האבען פיינט אידען.

5 טעגיגער פאגראם אין קאוועל

אין קאוועל, וואהלין האבען די פוילישע סאלדאטען פינף טעג נאכאנאנדער פאגראמירט אידען. זיי האבען געשלאגען די אידען, פיעלע פון זיי פארוואונדעט, זיי אויסגעריסען די בערד, בארויבט, געפלינדערט אידישע פארמעגענס.

נח פרילוצקי דארף צאהלען שטראף

נח פרילוצקי, וועלכער איז אויסגעשלאסען געווארען פון פוילישען פארלאמענט אויף דעם גרונד דאס ער איז א „פרעמדער" און ניט קיין פוילישער בירגער, איז יעצט פאראורטיילט געווארען צו צאהלען פינף הונדערט מארק שטראף אדער גענין אין געפענגעניס אויף דריי וואכען, דערפאר וואס ער הופט זיך אדוואקאט אין פוילען, וואו ער איז א פרעמדער.

פראטעסט געגען משומד ארענשטיין

די אידישע דעפוטאטען פון פוילישען סיים האבען דערלאנגט א פראטעסט צו דער רעגירונג פאר באשטימען דעם משומד ארענשטיין צו קאנטראלירען די אידישע פרעסע, די דעפוטאטען ערקלעהרען אין זייער פראטעסט, אז זיי פארלאנגען אדער א אידען אדער א קריסט אבער ניט קיין משומד.

אינטערנאציאנאלער געריכט פון נאציאנען ליגע אין האג

האג, מאי 26.—
דער האלענדישער אויסערען מיניסטער האט ערהאלטען א נאטע פון דעם סעקרעטער פון דער נאציאנען ליגע, אז האג איז ערוועהלט געווארען, אלס דער פלאץ פון אינטערנאציאנאלען געריכט.

דער געריכט וועט זיך צוזאמענקומען דעם 11טען יוני אין דעם פריעדענס־פאלאץ.

אין מארגענדיגען נומער „וועג"

„דאס נייע אונגארן און די אידען"— דאס איז דער נאמען פון אן ארטיקעל ספעציעל איבערזעצט פאר'ן „וועג" מיר דאכטען דער [illegible] צו באקענען זיך מיט די איי[illegible] רעגירער און מיט דער אי[illegible] אינ'ם איצטיגען אונגארן.

[illegible] שעהנע סקיצע פון דער באקאנטער אידישער שרייבערין מרים קארפילאוו וועט ערשיינען אין מארגענדיגען נומער.

א קאלום הומאריסטישע שפריצען.

ווי אזוי מיר דארפען זיך פארגרייטען צום גאולה פאראד — אן עדיטאריעל פון אונזער רעדאקטאר.

עס האלט דערביי אז היסטינגס סטריט זאל פרימער ווערען און אפהיטען שבת — לייענט מכח דעם אן עדיטאריעלען נאטיץ פון אונזער רעדאקטאר אין מארגענדיגען „וועג".

ווארום האט דער שוישפיעלער לעאן בלאנק לעצטען זונטאג אווענד אין מיטען ערשטען אקט אין דעם ניו דעטראיט־אפעראהאוז געהייסען אראפלאזען דעם פארהאנג — וועגען דעם שרייבט אין מארגענדיגען נומער אונזער רעדאקטאר ב. י. גאלדשטיין אן אויספיהרליכען ארטיקעל.

ערווארטעט אונזער גאולה נומער פול מיט ארטיקלען ספעציעל געשריבען פאר'ן „וועג" פון די גרעסטע אידישע שריפטשטעלער.

מעיאר פארזיכערט ד. יו. אר. און קאר ארבייטער מאכען א פארשווערונג

לויט די סטייטמענטס, וואס מעיאר קאוזענס האט נעכטען געמאכט, רעכנט מען, אז די שטאדט וועט זיך אבסאָליוט ענטזאגען ארייגצוטרעטען אין וועלכע ניט איז אפמאכען מיט דער די. יו. אר. און וועט ניט אננעהמען קיינע שריטע וועגען דער פעטיציע, וואס די קאר קאמפאני האט צוגעשטעלט צום קאונסיל וועגען אן ערלויבעניש צו העכערען א סענט אויף דעם איצטיגען פעיר.

„עס זעהט אויס, אז עס איז מענשליך אוממעגליך צו פארמולירען עטוואס אין דער ענגלישער שפראך, וועלכעס זאל פארהיטען די שטאדטישע רעכטע און זאל שטערען דער קאר קאמפאני ארויסצושטעלען פאדערונגען פון אייביגע רעכטע אויף די היגע גאסען", האט קאוזענס ערקלעהרט.

„עס מוז אבער קומען א צייט,— האט דער מעיאר דערביי באמערקט— ווען דעטראיט מוז נעבן שטעלען אויף די פיס און אפשניידען אלע געשעפטס פארהאנדלונגען מיט דער קאמפאני. און דאס איז טאקע, וואס מיר וועלען איצט טאן", האט קאוזעס צוגעגעבען.

א באשלוס ווי אזוי די סטריט ריילוועי קאמיסיע זאל האנדלען איז דינסטאג אווענט אנגענומען געווארען אויף א פארזאמלונג פון דער קאמיסיע, וואו עס האבען זיך געפונען קלארענס ווילקאקס און אלפרעד לאקינג. די פארזאמלונג איז פארגעקומען אין מעיאר'ס הויז.

דער מעיאר האט ווייטער ערקלעהרט, אז איינער פון דער קאמיסיע האט איהם איבערגעגעבען, דאס אויב די ארבייטער וועלען סטרייקען, וועט עס זיין ניט א סטרייק פון די ארבייטער געגען דער די. יו. אר., נאר א סטרייק פון דער די. יו. אר. מיט די ארבייטער געגען די איינוואוינער פון דעטראיט.

„די באריכטען מיט א דריי וואכען צוריק," האט ער געזאגט, „האבען אנגעצייכענט, אז די קאר ארבייטער האבען דאן פארלאנגט צוועהן די איצטיגע לאגע. עס איז גאנץ מעגליך — האט קאוזענס ערקלעהרט — אז עס איז דא א געהיימער אפמאך צווישען די ארבייטער און דער קאמפאני צו פאראורזאכען די איצטיגע לאגע".

שטאדטישער לאיער געגען אפמאכען מיט די. יו. אר.

מר. ווילקאקס האט ערקלעהרט, אז די די. יו. אר. האט מיט איהרע ביז איצטיגע טאקטיק געצוואונגען די שטאדט, דאס מען זאל מעהר מיט איהר קיינע אפמאכען ניט וועלען מאכען. די פראגע פון א סטרייק, האט ער געזאגט, דארף זיין צווישען די ארבייטער און דער קאר קאמפאני.

„אויב איהר וועט איצט זיך דינגען מיט דער קאר קאמפאני — האט מר. ווילקאקס געזאגט — וועט זי דאס אויסנוצען אלס נייע רעכטע געגען דער שטאדט. די קאמפאני האט אליין געבראכט די שטאדט אנצונעהמען דיזע שטעלונג".

קאונסילמאן נאגעל האט געבעטען דעם שטאדטישען לאיער, דאס ער זאל קלאהר מאכען זיין שטעלונג. מר. ווילקאקס האט אויף דעם געענטפערט פאלגענדעס:

„מיין שטעלונג איז, אז מען זאל מיט דער די. יו. אר. ניט אריינטרעטען אין קיינע פארהאנדלונגען".

קאמפאני האט ניט קיין רעכט אליין צו העכערן פעיר

„וואס וועט זיין, אויב די קאר קא. וועט אהן אן אפמאך העכערען די פעיר?", האט מר. נאגעל געפרעגט.

„די קאר קא. קען ניט אליין העכערען די פעיר אויף די „פרענטשייז" ליניעס און עהנליכע ליניעס", האט מר. ווילקאקס געענטפערט.

„דאס מיינט דאך דאן, אז די קארס וועלען אויפהערען צו געהן?", האט מר. נאגעל ווידער געפרעגט.

„דאס איז א פראגע, דאס דארף ענטשיידען ווערען צווישען די ארבייטער און דער די. יו. אר.", האט ווילקאקס געענטפערט.

די ריילוועי קאמיסיע און דער סיטי קאונסיל וועלען מארגען פריה אפהאלטען א זיצונג, וואו די קאמיסיע וועט צושטעלען א פארמאלען באריכט, אנווייזענדיג, וואס דער קאונסיל דארף טאן.

אראבער אין ארץ ישראל אגאטירען געגען ציוניסטען

ניו יארק, מאי 25. — דער היגער „מארגען זשורנאל" האט ערהאלטען פון לאנדאן פאלגענדע דעפעשע:

לאנדאן. — די אראבער אין ארץ ישראל גרינדען א באנק, וועלכע וועט האבען די אויפגאבע צו שטיצען פינאנציעל די נאציאנאלע אינטרעסען פון די אראבער אין ארץ ישראל.

די אראבער פלאנען אויך צו גרינדען אן ארגאניזאציע מיט דער אויפגאבע אפצוהאלטען אויסוואנדערונג פון אראבער פון ארץ ישראל און צו ערמוטיגען די איינוואנדערונג פון אראבער אהין, ווי אויך צו שטערען די ציוניסטען צו ברייגגען אידישע אימיגראנטען קיין ארץ ישראל.

די אראבישע צייטונגען דרוקען יעצט גאנצע ליסטען מיט נעמען פון אראבער וועלכע האבען געשווארען ניט צו פארקויפען ערד צו אידען.

די אראבער פון חיפה פאדערען, אז דער אידישער מענעדזשער פון דער אטאמאנישער באנק אין יענער שטאדט זאל גלייך ענטלאסען ווערען פון זיין אמט, ווי אויך דורכפיהרען א געזעץ, דאס אידען טארען ניט ווערען מענעדזשערס פון באנק.

אין דער זעלבער שטאדט חיפה איז פארבאטען געווארען דער געברויך צווישען אידען פון נאציאנאל פאנד סטעמפס.

די קאנסטיטוציאנעלע פארזאמלונג ווי אויך דער אראבישער קאנגרעס זיינען פארבאטען געווארען פון דער מיליטערישער אדמיניסטראציע אין ארץ ישראל.

אייער קארעספאנדענט האט ערפאהרען, אז דער פארבאט איז בלויז ביז עס וועט איינגעפיהרט ווערען א ציווילע אדמיניסטראציע.

היגע פעקטארי פארקלאגט פאר מאכען צו שטארקע ביער

נעכטען זענען ווארענטס ארויסגעגעבען געווארען פון דזש. סטענלי הורד, פעדעראלען קאמישיאנער, צו ארעסטירען פינף באמטע און ארבייטער פון דער „קאאפערייטיוו ביווערידזש קא.", וועמענס 50,00 פלעשלעך ביער זענען לעצטען דינסטאג פארבאטן געווארען אויף גרעשיאט און מיטשעל עוועניוס.

דער אנאליז פון דעם פארכאפטען ביער האט באוויזען, דאס דער ביער ענטהאלט אין זיך 3:2 פראצענט אלקאהאל.

דער ארעסט פון דעם ביער איז פארגעקומען, ווייל די אויבענדערמאנטע קא. האט געמאכט צו גרויסע געשעפטען און דער פאקט, וואס פיעל ביער הענדלער האבען אנגעקויפט א גרויסען „סטאק" פון דעם דאזיגען ביער. דאס האט געווארפען א חשד, און א פלעשעל ביער פון דער דאזיגער קא. איז אנאליזירט געווארען.

די ווארענטס זענען ארויסגעשוואוירען געווארען דורך ריש. ו. יארדאן, הויפט פראהיבישאן באאמטער.

מר. יארדאן האט ערקלעהרט, דאס די ביער פון אנדערע דעטראיטער פעקטארים וועלען אויך אונטערזוכט ווערען.

דענישער מיניסטער אנוועזענד ווען אידען פייערען סאן רעמא באשלוס

לאנדאן. — מען טעלעגראפירט פון כריסטיאניא, אז עס איז דארט אפגעהאלטען געווארען א ריזיגער מאסמיטינג צו פייערען דעם פאלעסטינא־באשלוס פון סאן רעמא. דער דענישער מיניסטער אילען און דער ענגלישער אמבאסאדאר סער מאנספיעלר פינדליי זיינען געווען אנוועזענד. עס זיינען אנגענומען געווארען רעזאלוציעס צו דאנקען ענגלאנד און צו פארלאנגען א פרייע אימיגראציע.

דעבאטע איבער ארמענישען מאנדאט אפגעלייגט

וואשינגטאן, מאי 26.—
די זיצונגען פון דער קאנגרעס קאמיטע איבער אויסלענדישע אנגעלעגנהייטען, וועלכע איז היינט צוזאמענגערופען געווארען צו באטראכטען דעם פרעזידענט'ס פארלאנג וועגען ארמענישען מאנדאט, איז אפגעלייגט געווארען, ווייל מר. קאלבי האט ניט געקענט אנוועזענד זיין.

די רעפובליקאנישע מיטגליעדער פון דער קאמיסיע האבען ערקלעהרט, דאס זיי זיינען זעהר צופריעדען אויסצוהערען די מיינונג פון סעקרעטארי און סטייטס וועגען דיזער פראגע, אידער זיי וועלען באריכטען צום קאנגרעס, באטש זיי זיינען אויסגעשפראכענע געגנער צום מאנדאט, זאגענדיג אז דער פארלאנג פון פרעזידענט וועט געוויס ענטזאגט ווערען.

עס איז איצט קלאהר געווארען, אז די פיהרער פון די רעפובליקאנער האבען באשלאסען, וואס אמשנעלסטען אפצופארטיגען מיט דיזער פראגע. פיעל פון די דעמאקראטען זענען אויך געגען מאנדאט.

שרעקליכע פאגראמען אויף אידען אין בודאפעסט

לאנדאן, — א דעפעשע פון בודאפעסט אונגארן, מעלדעט, אז הארטע זיינען לעצטען דינסטאג און מיטוואך פארגעקומען שרעקליכע פאגראמען, אין וועלכע פיעלע אידען זיינען אומגעקומען.

די פאגראמען זיינען געווען ארגאניזירט פון די רעאקציאנערען.

א דעפעשע אין דער היגער ארבייטער צייטונג „דעילי הערלד" מעלדעט, אז די פאגראמען פון לעצטער וואך אין בודאפעסט זיינען געווען ארגאניזירט פון ניט רעגולערע סאלדאטען, אבער די רעגולערע סאלדאטען צוזאמען מיט דער פאליציי האבען די פאגראמען אונטערדריקט. די צאהל פון גע'הרג'עטע און פארוואונדעטע אידען איז זעהר גרויס, לויט דיזער דעפעשע.

די זעלבע דעפעשע מעלדעט אויך, אז די אונגארישע פרעסע איז ניט ערלויבט צו ריידען, וועגען די פאגראמען וואס זיינען פארגעקומען אין שאלגאק און אין אנדערע ערטער, ווייל עס געפינט זיך יעצט אין אונגארן די ענגלישע ארבייטער דעלעגאציע. און די רעגירונג וויל ניט אז די דעלעגאציע זאל באקומען דעם איינדרוק דאס אונגארן איז א לאנד פון פאגראמען.

די אידישע „מארגען פאסט" פון וויען מעלדעט, אז אין קעשקעמעט, ניט ווייט פון בודאפעסט, האבען אונגארישע סאלדאטען פארשלעפט דעם פרעזידענט פון דער דארטיגער קהלה, דר. עדוארד שעקולש, און מען ווייסט יעצט ניט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען.

די פרוי פון פרעזידענט איז געגאנגען אין דער מוניציפאליטעט פרעגען אפשר ווייסט מען דארטען וועגען איהר מאן, אבער אנשטאט אן ענטפער האט זי געקראגען קלעפ.

אין אבאני, אונגארן, האט מען געמאכט א פאגראם אויף אלע אידישע הייזער און קראמען, און די אידען זיינען מיסהאנדעלט געווארען אויף'ן שרעקליכען אופן. די ברוטאלע פאגראמשציקעס האבען געשמיסען מענער, פרויען און קינדער אויף'ן הוילען לייב. יוליוס פונטער, דער פרעזידענט פון דער קהלה האט געקראגען 25 שמיץ, דער שמש פון דער גרויסער שוהל, ראזענבערג און שמואל טשאפא, זיינען טויטליך פארוואונדעט; דעם זון הארניצער האט מען געפייניגט און נאכ'ן ער האט גע'חלש'ט פון די שמערצען האט מען איהם גלייך באגראבען. דעם אידישען ארצט הארן האט מען ארומגעבונדען מיט שטריק און געמאכט טיעפע וואונדען אויף'ן לייב און נאכהער געשאסען זאלץ אויף די וואונדען. דער אידישער לייטענאנט רודאלף פוליצער איז ערמארדעט געווארען און אלע איבעריגע אידען זיינען נאכהער אויסגעוויזען געווארען פון שטאדט.

אויף דעטראיטער גאסען

גאסטאן פאונקאס, 19 יאהר אלט, פון 515 מאונט קלייר עוו., איז נעכטען ארעסטירט געווארען צוליעב דעם, וואס זיין אטאמאביל איז איבערגעפאהרען און שווער פארוואונדעט דעם 6 יעהריגען רעימאנד לאי, פון 173 — 15טע סטריט. דער ארעסטירטער איז ארויסגעלאזען געווארען אויף 500 דאלאר באנדס.

וואלטער קאזאק, 8 יאהר אלט, איז דינסטאג אווענט דער'הרג'עט געווארען פון אן אטאמאביל, וועלכער איז אנגעטריבען געווארען פון וועליאם ראון. דער עקסידענט האט פאסירט אויף עלווואוד לעבען פיקעט עוו. דאס קינד איז געגאנגען אין א קראם עפעס קויפען, און איבערגעהענדיג די גאס, האט ער זיך אנגעשטויסען אין דעם אנקומענדען אטאמאביל.

לי פאר, פון 426 גלין קאורט, איז דינסטאג אווענט ארעסטירט געווארען פון א פאטראלמאן אויף דער קלאגע פון אנטרייבען א קאר, ווען דער טעם פון „ביטערען טראפען" איז נאך ניט אינגאנצען געווען אויסגעלופט פון זיין מויל. אויסער דעם, האט טאקע מיט איניגע מינוטען פריהער פאסירט א צוזאמענשטויס צווישען זיין אטאמאביל מיט נאך איינעם.

מ. גלימש, 9 יאהר אלט, פון 23 ווייט סטריט, איז דער'הרג'עט געווארען אויגענבליקליך פון א מאטאר טראק, אויף וועלכען ער איז געפאהרען מיט זיין ברודער, ארקאדיע, 11 יאהר אלט.

זיי האבען ביידע פארזוכט אראפצושפרינגען פון טראק. דעם עלטערען איז עס געלונגען. דער אינגערער ברודער איז אבער ארונטערגעפאלען אונטער די רעדער.

דער דרייווער פון טראק איז געבראכט געווארען אין פראסעקיוטאר'ס אפיס. ער האט דארטען ערקלעהרט די איינצעלהייטען פון דעם עקסידענט און מען האט איהם פריי געלאזען.

ריכטער קידען באשטראפט היגע באנדיטען

ריכטער קידאן האט נעכטען פאראורטיילט צוויי באנדיטען, פויל קאווינגטאן 24 יאהר אלט, און ערנעסט גוזבי, 23 יאהר אלט, פון 10 ביז 20 יאהר טורמע מיט א רעקאמענדאציע פון 15 יאהר. די פאראורטיילטע זענען באשולדיגט געווארען אין באוואפענטער רויבעריי און זענען לעצטען שבת פון א דזשורי געפונען געווארען שולדיג.

„מיר פארדריסט זעהר וואס איך מוז ארויפלעגען אזעלכע שווערע שטראפען" — האט ריכטער קידאן געזאגט — אבער אין איינקלאנג מיט דיזען געריכט און אויך צוליעב דעם, וואס ס'איז אין אלגעמיין באוואוסט, אז באוואפענטע באנדיטען, אויב מ'שטעלט זיך געגען זיי, שיסען זיי אום צוטויטען, מוזען מיר אננעהמען שטרענגע מיטלען. ס'איז מיין פליכט צו באשטראפען אויף אזא אופן, אום צו ענטמוטיגען דיזען פארברעכען"

קיינער פון די פאראורטיילטע האט ניט געבעטען רחמנות, באטש קאווינגטאן האט צוגעגעבען, אז ער האט געמאכט א „שלעכטען טעות". ביידע זענען דערקענט געווארען פון אכט פערזאנען, וועלכע זיי האבען בארויבט.

נאך צוויי זענען דינסטאג פאראורטיילט געווארען צו 15 יאהר טורמע, מיט א רעקאמענדאציע פון א מינימום. דיזע צוויי זענען 19 יעהריגע „בחורים, דזשאזעף קעסטלעה און רעימאנד פיטערס, זיי האבען לעצטען אפריל בארויבט די קראמען פון סעם קאזאן און פרעדריק מאטשינגדער. אזוי ווי זיי האבען ניט געהאט קיין פריהערדיגען קרימינעלען רעקארד, האט זיי דארום ריכטער קידאן פארגרינגערט די שטראף.

CLASSIFIED

א סטאר מיט רומס צו פארענטען אויף 1356 דובאיס, קארנער פיקעט. פאסענד פיר פערשיעדענע ביזנעס. זיך פרעגען: פריד, אין דער וועלבער בילדינג. 27)

6 **רום הויז צו פארקויפען.** אויך פיאנא און פורניטשור. פרעגען: 152 טעראר סט. 27)

באקאנטמאכונג
די סילווער לעדער קא., 578 רושאן, קעמפא, קויפט פערשיעדענע זארטען לעדער און אימיטיישאן לעדער, אויך אלטע לעדער און ראבער בעלטינג. ספעציעל זענען מיר פאראינטערעסירט אין נייע סעלאלאיד סקרעפ; מיר צאהלען 65 סענט א פונט. **פארגעסט נים** אונזער טעלעפאן נומער: מעלראז 4610.

Real Estate

לענדלארדס און פראפערטי איינענטימער
לאזט זיך נים נארען, וייט פארזיכטיג בעפאר איהר קויפט סעמענטענע נארבערדוש אדער אשיר־סעפטיקאל, דיטראיט קאנקריט מאניופעקטשורט־ריאינסטאלד רעספעקטיקעלס. די צעמענט איז נעמישט מיט וייער, ווערט נעווער צופאלען, וועט זיך נים שפאלטען פון פראסט. מיר גאראנטירען בילינער אין פרייז, בעסטע אין קוואליטי. **ה. מ. קאפפמאן**, 296 האנקאק איסט. טעלעפאן מעלראזו 3595 וו. טשערי 1473. פרייע אינסטאליישאן.

בעקאנטמאכונג
דיר, החלדיטשל בת משה שרעבניק, 1506 מישיגען עוו. — און 762 וועסט גרענד בולווארד, לאז וויסען צו די ביסט ווילינג צו נעהמען אויך א אידישען גט כד"ת.

איך בין בערייט זיך צו פארלאזען אויף מענשען אדער אויף הרב אייזענמאן.

א. האכמאן,
440 קלינטאן.

טוראווער אונטערשטיצונגס פעראיין
אלע מעמבערס זיינען געבעטען צו קומען זונטאג, דעם 30טען מאי, אין טוראווער שוהל, 152 אילינאיז סט. פון שוהל וועלען מיר מיר מארטשען מים אונזער אייגענעם בענד מוזיק צו דעם פלאץ פון דעם גאולה פאראד. מיט גרוס,

די קאמיטע.

30)

שאסעף קעמפאו פראנטעדש 100 ביי 60. וועל פארקויפען ביליג. מאכט אייער אפפער. שיסטארסקי און ארדאן, 1304 שעין סט. 30)

מר. בינעסמאן!
זענט איהר פאראינטערעסירט?
א בארגעין
שעין סטנד ביזנעס פראפערטי. מוז זאפארט פארקויפט ווערען. מיר פאהרען נאך יוראפ. שיסטארסקי און ארדאן, 1304 שעין סטריט. 30)

צו פארקויפען 2 פלעטס, 7 און 8 רומס יעדע. פרייז $18,000: איינצאהלען $5,000. זיך פרעגען, מר. קאנאגור, 186 קענפיעלד. טעלעפאן מעלראזו 5033.

צום דעטראיטער פובליקום!
יעצט אייער ראיף וויסען: אז אייגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. יעון איהר ליידעט פון אירגענד יעלכע קאפ־שמערצען אדער נערוועזיטעט, ראן נעהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך יארזיכטיג און וויסענשאפטליך צופאסען די נויטיגע ברילען.

בי ביטען צונעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. נעהט צו אייער גוט באקאנטען

Frost O. D.
אפטאמעטריסט

אין 204 קלינג"ס בילדינג, [illegible] נעפינ"ס זיך אין 308 הייסטינגס סט. קענעקא בע עהרליך"ס דושולערי סטאר.

צו פארקויפען 3 נייע סטארס און פלעטס אויף מעין סטריט און ראיעל אוק. פרייז $30,000. איינצאהלען $10,000. פרעגען: פרענק וועסטאלל, 635 מעין סט.

צום פארקויפען גוטע ביזנעס פראפערטי, לעבען דעם נייעם נארטוועי מארקעט. גוט פאר עני ביזנעס. $18,000 קעש. נאכפרעגען: 2255 רושאן, קאמפאן. 30)

פאלאנגט א סיילסמאן און א האלף טיים גראסערי. מוז זיין עקספיריענס. פרעגען, רובינס גראסערי, 247 נאפאן לעאן. 27)

צו! אידישע סאלדאטען און לעגיאנערען!
א ספעציעל מיטינג ווערט פאררופען זונטאג, דעם 30טען מאי, אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט, 204 האנקאק איסט, 2:30 אוהר שארפ. צו מאכען פארברייטונג צו דעם גאולה פאריד.
עקרוני־ קאופמאן, פרעס קאמ.

פארד קארס און אנדערע קאר
קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakla

א בארגעין אין א פיאנא!
א וואונדערבארע שטארקע פיאנא אויסנאהמער טאן, כמעט ניי. ווערט $600.00. צו פארקויפען פאר $250.00. נאכפרעגען 1350 מעקדעלען עוו. מ. שולער, טעל. רינקאלן 1603.
2)

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט
קענט איהר קויפען אלעס פון די פאלגענדע ליינס:
קאמפלים דרעס גודס ליין פון סילקס, וואלענס און קאטאן גודס. פערשיעדענע פענסי ארטיקלען ווי בעד ספרעדס, קווילטס; סייבעל קאווערס; שעמס און קארפעט. קאמפליט ליין אין לייידיס און אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אנדערוועהר.
ספעשעל: ספעשעל
א גרויסער אסארטמענט אין וואשינג מאשינער און בייים טופס אוך קאוסט א קאמפליט ליין פון טינואר און דרעסערס טרימינגס.

דר. ה. סטאריקאף
דענטיסט
דער פלאץ פאר גוטע ארבייט
גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.
490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.
מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאונטארס, שעקועס, סייפס, סקיילס רעדושיסטערס, נייע און גענוצטע פרייזען מעסיגע. ארענדזשמענטס [illegible] 2 סטארס.
רעלייבל סטאר פיקסטשור קא.
396 גרעשאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עם.

דער בעסטער מוהל אין שטאט און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420

פאסקודנע...
[redacted] דן

כ'האב זיך היינטיגע וואך אביסעל צעוועדטעלט מיט מיין עלטערען זוהן גר טענה'ט כסדר, אז איך באלייידיג די גאנצע וועלט מיט דער גאנצער דעמאקראטיע, מיט דער גאנצער רעוואלוציע, מיט דער נאנצער...

בקיצור, ווען איך זאל גלויבען מיין זוהן האב איך אין איין רגע פארזינדיגט מיינע יאהרן לעולם ועד, און גאר קיין תשובה און קיין חרטה נישטא!

— איהר הערט ראך, ס'איז פאר מיר נישטא!

אנגעהויבען האט זיך אונזער מחלוקת גאר גאר פון א קלייניגקייט — נים צוליעב מיינעם אן אינטערעס און נים צוליעב זיינעם אן אינטערעס. ווארים נערערט האבען מיר גאר וועגען דעם דייטש מיט זיינע פאראגרעס — אכט זיך בייזע קנאפע מחותנים מיט איהם, נים אמת? אבער וואס איז די נפקא מינה, אבי כ'האב פארקאכט א קאשע, אז ס'איז מיר איצטער נים אהער און נים אהין.

וואס האב איך אזוינס געזאגט, פרעגט איהר? נארנים מים נארנים. איהר הערט?! אויף אזוי וויט גאר ניט, אז איך בין מיכן זמזומן איבער־צו'חזר'ן פאר אייך אות באות, וואס איך האב געזאגט, וואס ער האט מיר געענטפערט, וואס איך האב ווידער גע־זאגט און וואס ער האט מיר נאכ־אמאל געענטפערט, ביז ער איז דאך אנטלאפען פון שטוב, מיין בן! דאס הייסט, די אבדה האט זיך מיר אומ־געקערט: ער האט זיך אביסעל דורכ־געשפאצירט און האט זיך אביסעל אויסגעהונגערט און — געקומען אהיים. ווי זיסע דעי! אמת מים מיר איז ער נאך עד היום ברוגז, אבער מיט דער מאמען איז־מיט דעם מיטאג און מיט דער וועטשערע — די בעסטע גוטע פריינד, איהר הערט?!

נאר א קשיה אויף א מעשה: אפשר איז ער טאקע היינטיגען מאל גערעכט? טאקע, איך בין דער טאטע און, איך בין דער בעל מפרנס און איך בין... ווארים מיין גאנצע מחלוקת מים'ן בן איז ארויסגעקומען צוליעב מיינע נביאות וועגען מארגען, איהר פארשטעהט.

די מעשה דערפון איז אזוי געווען: בשעת איך האב זיך דערוואוסט פון פלא'־דיגע געשיכטע מיט'ן דייטש, אז דארטען האט זיך איבערגעקעהרט דער עסק מיט'ן „קאפ" אראפ... וואס דארטען איז געווען און ווי אזוי דארטען איז געווען און ווער ס'האט געכאפט קלעפ און ווער עס איז געבליבען זיצען אויפ'ן ביינקעל — נים איך האב גע־וואוסט, נים איך האב גאר געוואלט וויסען און נים עס איז מיין באבעס דאגה. ווארים דער עיקר איז דאך דער זורם — בין איך אוועק אויף דער בירזשע!

כ'מיין, פון די צייטונגען וועט איהר דערקענען עפעס א טאלק, וואס? דרעה איהר די בלאט, דרעה אהין די בלאט׳ — פיסטע דבורים! א גרויסע נפקא־מינה דאס איז פאר א אידען א סוחר, וואס ליגט מיט א פנר אין בוזעם־קעשענע, צי דער פרעזידענט איז אנ־טלאפען קיין הורה, צי דער קייסער איז אנטלאפען קיין בוש און צי עס זיינען געפאלען פיעל רויטע און אזוי פיעל שווארצע! פון מיינע־וועגען האבען די רויטע געמעגט גע־הרג'עט ווערען זונטאג, די שווארצע — מאנטאג און די ווייסע — ווען זיי ווערען איינגעהמען א מיתה־משונה, וועט קיינמאל נים זיין צופריה!

זעהט איהר, אויף דער בירזשע טאפט מען אן דעם דופק איינס און צוויי, און ווי נאר כ'האב אריינגעשטופט דעם נאז צווישען אהאלבען מנין יונגע־לייטלעך אין פעלצעך איז מיר געוואר־ען פריהער האמוטנע און דערנאך פינסטער אין די אויגען איז מיר געווארען! איין קלייניגקייט: בהתפעלות נעמט בוקליקה איז פון געלד געווארען בלאטע, פון אסיגנאציעס — שירי־המעלות!...

א קיצור, אז כ'האב דעם עסק באר־טראכט מיט קאפ, האב איך פארדרייבערט א פאפיראס און האב שטילערהייט כמעט ווי פאר זיך אליין ארויסגע־ברומט:

— פאסקודנע...

— האבט זיך אין פלוג, וואס האב איך דא אזוינס געזאגט און וואס קומט מיר דערפאר? א בעלהבית ביי זיך אין שטוב — מאג איך, האבט זיך אין שטוב — מאג איך, דאכט אבער ווי אויף צו להכעיס האט זיך מיין בחור פארוואלט נים אנדערש וויסען...

— וואס איז פאסקודנע, וואס? נארנים, כ'מיין...

— דו האסט דאך געזאגט! בורזשוי־אזיע, רק זי ציטערט!

כ'האב דערהערט אזעלכע דבורים בין איך לכתחלה גאר מטושטש גע־ווארען. א בחור, וואס האט נאך אויף זיין לעבען קיין פינף קאפיקעס נים פארדינט און האט זיך נאך אליין קיין, איין פאר הויזען נים געמאכט אין דער טאטע — זאגט נאר מיר מוסר, ווי געפעלט דאס אייך?! כ'וועל דאך איהם אבער נים דערצעהלען קיין מעשיות וועגען מיינע מסחרים, וועגען מיינע אפעראציעס, וועגען מיינע וואלוטעס, ווארים ער וויסט אפנים וואס גערד איז?! קיין צער זאלען מיר אזוי ארע נים האבען! זאג איך איהם קורץ און שארף:

— אז חברה מאכט אין מיטען דער־רינען פליטה — איז טאקע פאסקודנע, זייך פאסקודנע...

— פליטה?!

— וואס דען האט ער געמאכט, דיין פרעזידענט?

— פליטה, זאגסטו? דער פרעזידענט פליטה?

— ס'איז ביי מיר רעכט ווילדה אויך א גרויסע נפקא־מינה!

— ייברח האט ער געמאכט?! א פרעזידענט פון א רעפובליק האט גע־מאכט ויברח, זאגסטו? דו ווייסט וואס א פרעזידענט איז?! דאס איז א זייער מיינסטו מסתמא, הא?

— א קיסר קאן אויך יד מלאכה...

— איז ביי דיר אלץ איינס?

— אבי אנטלאפען...

— ווער?!

— פריהער דער קיסר, איצטער דער פרעזידענט, דערנאך דער גענעראל דער־נאך וועט ווידער דער קיסר...

— מיין בחור האט דאס דערהערט — ווי א דעיינג האט ער דעם טאטען גע־...

וואלט צעריסען! איין טענה: איך האלט פאר'ן קיסר! און ווייבאלד איך האלט פאר'ן קיסר בין איך ווערט... אין קלייניגקייט, איך בין ווערט אז די באלשעוויקעס זאלען קומען!

איהר פארשטעהט עפעס דבורים! איך ליג מיט א פגר אין בוזים־קעשע־נע: א פעקעל אסטיגעלד, וואס איך האב אין דעם אריינגעלעגט א האלבען איינעם מיינעם, און ער — רעוואלוציע אהער, דעמאקראטיע אהין, און דער עיקר איז פראלעטאריאט! זאל ער אדרבא פרואווען קויפען כאטש איין פאר הויזען פאר פראלעטאריאט.

א קיצור, קיסר אהער, קיסר אהין — ער איז אנטלאפען פון שטוב, מיין בחור, און...

כ'וואלט געוועט עמיצער זאל איהם געבען צו פארשטעהן מיין חנא־ברא, אז א חוץ קיסרים און פרעזידענטען איז נאך פאראן אויף דער וועלט אסט־גע'ד, און אם דאס איז טאקע היינט פאסקודנע!...

(טאג—ווילנא)

מאושען־פיקטשור אפערייטארס
לערענט זיך פאר
לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונ־דען, גוטע וויידושעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.

Movie Operator's School
33 Sproat St

מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג
7:30 אבענד.

גיט אייערע קינדער א מאדערנע אידי־שע ערציהונג. שיקט זיי אין דער מענ־דעלע פאלקס שולע 204 איסט האנ־קאק. עס ווערען געעפענט נייע קלאר־סען פאר אנפאנגערס, אויך שילער פיר די העכערע קלאסען, אין שולע לע־רענט מען אידיש העברעאיש. געשיכ־טע און לענגעדען, די שולע איז אפען יעדען טאג פון 4 ביז 7 זונטאג פון 9 ביז 12.30

— באקאנטמאכונג —
רעוו. א. קאצער
וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
זייט די לעצטע 20 יאהר האט געמיסט פון 263 פארנסווארט אין
140 מידבורי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

סער אליווער לארזש אז גערעכט
די ליגע פון נאציאנען האט דעפע־שירט צו פרעזידענט ווילסאן, פאר־לאנגענדיג פון איהם אז ער זאל צו־זאמענרופען א מיטינג פון דער ליגע, אזוי שנעל ווי מעגליך.

אבי די אפיקורסים גלויבען נישט, אז מתים קענען רעדען און קאמוני־קירען מיט אונזער וועלט...

* * *

רעוו. ל. ד. רייבלין
פון אהבת אחים שוהל
(אוקלאנד)
נעהמט אן סדור קדושין און אנדערע שמחות מיט די בעסטע עופירענהיים.
511 קעמעראן עוועניו
טעל. העמלאק 1130 ראבעליו

שעבטער'ס
דראג סטאר
477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן: טשערי 5763
פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט
צו יעדער צייט

וויל איהר אייערע שלעסער, שליסלען קארפענ־טער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט
גוט געמאכט און גאראנטירט?
מ-קומט צו
מ. ד א מ נ י ט ץ
245 מאנטקאלםסט.

ווארע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס
ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
355-353 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

מט. קלעמענס
זייט געזונט



אין פארברענגט אייער זומער וואקיי־שאן אין מאונט קלעמענס. און אז שוין אין מאונט קלעמענס ועט איהר סטאפען אין

Elkins Hotel

100 רומס. דיינינג רום פאר 300 לייט. א רפואה פאר קראנקע, א פאר־גניגען פאר געזונטע.

ס'גיט נערונגען אז איהר מוזט האל־בען טוייענדער צו זיין אין מט. קלע־מענס

ניו ווילא האטעל
וועט אייך רעכענען $25 א וואך און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס קאנעקטעד מיט א פעסערוש צו די פלאזא בעדער. שרייבט נאך אינפארמ־היימען צום פראפרייטאר ה. קראוז.

ריווערסייד האטעל
(נעוועזענער פארק ענעקס)
מט. קלעמענס, איינגאנצען רעמא־דעלירט, עפענט זיך 1־טען מאי,
150 רומס, דיינינג רום פאר 300. דאס איידעלסטע פלאץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע. שרייבט נאך אינפארמיי־טען,

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

אלבאני האטעל
אין מט. קלעמענס, האט א נאמען פאר די לעצטע 20 יאהר אונטער דעם וועל־בען מענערזשמענט,

מיר בעטען אונזערע קאסטימער און פריינד צו קומען באצייטענס אייער־דער סעזאן איז אין פולען גאנג, כדי מיר זאלען זיי קענען געבען בעסערע באהאנדלונג. שרייבט צו
ב. מאסקאוויץ

אייער פארלארענע געזונט

קריגט איהר צוריק, ווען איהר זענט אין מאונט קלעמענס און סטאפט אין

גלענוואוד האטעל
קאנעקטעד מיט די בארימטע אלימפיא בעדער. שעהן, ליכטיג, לופטיג. פרישע שפייזען, מעסיגע פרייזען. א ספעציעל לאונטש און דעליקאטעסען סטאר, קאנעקטעד מיט די גלענוואוד. שרייבט נאך אויסקינפטע צו א. לעאדארסקי.

לעזט דעם „וועג"

א גרויסער אויספארקויף
סייל פאנגט אן מאנטאג

איך מאך באקאנט צום געעהרטען פובליקום פון דעטראיט דאס איך מוז אויספארקויפען מיין גאנצען סטאק

קראקערי, אלומינום, גראניטוואער און פענסי טשייני

אלעס, אלעס, מוז פארקויפט ווערען אין דער קורצער צייט פון היינט ביז דעם 1־טען דושולי. מיין ליסס נעהט אויס און מיין געזונט ערלויבט מיר נים מעהר צו שטעהן אין ביזנעס, דעריבער מוז אלעס פארקויפט ווערען צו די ביליגסטע פרייזען.

קומט וואס שנעלער פאר די בארגיינס. אלעס ווערט פארקויפט פאר א האלב פרייז.

מ. ב. שאפירא, 511 הייסטינגס סטריט, ביטווין אלפרעד און ברוסטער
זאגט אייערע פריינד וועגען דעם גרויסען סייל.

געלט קיין אייראפא
דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראפ איז דורך דער
פיפעלס רעליעף
וועלכע איז א ברענטש פון דער דזשוינט דיסט. קאמיטע.
די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.

פיפעלס רעליעף קאמיטע
490 הייסטינגס סטריט
קעדילאק 2061

קאנגרעגיישאן בית משה און ד רומעניען פראטוירנטי פעראיין
בעטען יעדען מעמבער און אויך יעדען רומענישען אידען אנטייל צו נעהמען צום „גאולה פאריד", וואס ווערד שטאטפינדען זונטאג, דעם 30טען מאי. יעדער איז געבעטען צו זיין 12 א זייגער שארפ, ביי דער רומענישער שוהל, 236 ארעליוד סטריט, און פון דארטען וועלען מיר אלע מארשירען צום גרענד מארטש מיט א בענד מיוזיק.

האכאכטונגספאלל,

די ארגאנזשמענט קאמיטע.

(30)

ראזענפעלד'ס
רוסישע טערקישע באד
פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע באהאנדלונג.

20 מארבעל וואנעס — 2 כשרה מקוואות
שאוער בעטהס — פרייע קאטס אויף צום רוהען
16 פריוואט רומס פאר יענע וועלכע ווילען נעכטיגען.
א פראקטפולער לאנטש קאונטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקען צו יעדער צייט.
שוויץ פאר פרויען יעדען מיטוואך, מיט דער מיטווירקונג פון אן עקספערט מאסאזשיסטקע.

1846 אלפרעד סטריט, נ"ע אנטאין, טעלעפאן טשערי 6190 ראבליו.

היברו האספיטאל אססאָסיאיישאן

עס איז ביי איין מיטינג פון אידישען האספיטאל אסס'ן באשלאסען געווארען צו פארעפענטליכען דורך דער פרעס די נעמען פון אלע מעמבערס, וועלכע זענען יעצט גוטשטעהענד אין די ביכער, ווי אויך צו פארעפענטליכען די נעמען פון אלע נייע מעמבערס וועלכע קומען צו יעדע וואך. אויך וועלען מיר פארעפענטליכען די סומע, מיט וועלכע יעדער פאפליכטעט זיך צו צאהלען יעהרליך. און מיר ווילען אויסדריקען אונזער האפנונג, אז די ליסטע וועט פארגרעסערט ווערען ביי יעדען מיטינג.

קומט אלע אידען און שליסט זיך אן אין דער באוועגונג פון בויען א אידישען האספיטאל אין דעטראיט.

מיט אכטונג,

פאר אידישען האספיטאל אסס'ן,

וועלט און עטטינגער

מעמבערשיפ קאמ.

נ. ב.: דאס זיינען די געלדער וועלכע זענען איינגעקומען זינט די צייט פון דער ארגאניזיישאן.

נאמען	נומער סטריט	דאנייטעד	געגעבען
קאפיא באנדאר	282 קאמעראן עוו.	3.00	3.00
ה. בעקער	226 ברויסטער סט.	3.00	3.00
ב. בערנשטיין	190 ברויסטער סט.	3.00	.75
אלבערט ע. בערנסטיין	433 סט. ענטווין	3.00	3.00
. בלאק		1.50	1.50
. ראבין	299 ווארען	3.00	3.00
. ביענענשטאק	187 באנפיעלד איסט	3.00	1.00
ה. בערמאן	267 היי סטריט	3.00	2.00
מ. בערענהאלטץ	253 רעלמאן	3.00	3.00
ס. בערגער	503 סט. אנטאני	3.00	1.00
. בושקער	570 לינקאלן	3.00	1.00
. באטווינִיק	194 האג	3.00	3.00
מ. בלום	234 ווינדעמיר	25.00	5.00
ג. בערין	215 דושאסעפין עוו.	3.00	1.00
ס. בערין	211 אוען עוו.	3.00	1.00
ה. בראדער	300 היי סטריט	3.00	1.00
ה. באסלאוויטש	2052 קאנטאן עוו.	3.00	1.00
ר. באטווינִיק	194 העיג	5.00	5.00
ב. בראונשטיין	785 סט. ענטווין	25.00	12.50
מאקס ו. בוזמאן	206 בוענא וויסטא	3.00	3.00
ג. בהאידי	276 פרעדריק	3.00	3.00
ס. באליק	532 בוביען	5.00	1.00
ה. באקסערמאן	1068 הייסטינג	3.00	1.00
. בוקער	120 ליווינגסטאן	5.00	5.00
ה. בערמאן	313 ערסקין	3.00	1.00
א. באיעווסקי	195 ווילקינס	3.00	1.00
א. בינקאוויטש	289 האלברוק	5.00	.50
ה. בראון	1196 סט. ענטווין	5.00	5.00
ס. בעקער	319 הענדרי עוו.	3.00	1.00
. בראידי	276 פרעדריק .סט.	3.00	3:00
בראהסקי & לינקאף	135 קלינטאן	3.00	3.00
ה. בלאנדרי	1391 מישיגאן	25.00	5.00
א. ביגמאן	342 סט. קאלם סט.	3.00	3.00
ה. אבערמאן	304 טהיאדאר סט.	3.00	.25
ה. אראנסאן	247 וועסט מינסטער	3.00	1.00
ס. אקסעלראד	45 דעלמאר עוו.	3.00	1.50
מרס אי. איקין	1141 דיוואַרד סט.	3.00	1.50
מיס. אבעראף	211 ראוענא	6.00	1.00
. אנדערסאן	92 דיווישאן	3.00	1.00
[illegible]שאו אקסעלראד	1196 סט. ענטווין	3.00	3.00
. אבראמסאן	102 אלפרעד	3.00	3.00
פה. אראנאוויטש	132 ליווינגסטאן	3.00	1.00
ה. אגדרום	442 אוקלאנד עוו.	3.00	1.00
מיס. ל. אלבערט	561 אוקלאנד עוו.	3.00	1.00
פה. אבראמאוויטש	2010 דזשאס. קאמפו	5.00	5.00
הענרי מ. אבראמאוויטש	213 מאסאטשוסעטס	5.00	5.00
מאקס אלעקס	1196 סט. ענטווין	3.00	3.00
ס. אזעראן	228 העלמאר	3.00	3.00
דזש. אנשיל	854 סט. ענטווין	3.00	1.00
ג. פידלער	324 הענדרי עוו.	3.00	3.00
ז. פידלער	268 הענדרי עוו.	3.00	3.00
נ. פידלער	324 הענדרי עוו.	3.00	3.00
דזש. פערסקין	168 גודווין עוו.	3.00	1.00
דזשאו גענדלאף	369½ הייסטינגס	3.00	.75
מרס. נאף	פאנטיק, מישיגאן	5.00	5.00
. גאלדשטיין	886 הייסטינגס סט.	3.00	3.00
. גרינבערג	129 אוען	3.00	3.00
רינבלאט	190 ברוסטער	3.00	3.00
. גארליק	253 וועסטמינסטער	3.00	1.00
מרס. גאלדבערג	285 מישיגאן עוו.	3.00	1.00
. גאלאסמאן	1382 גר. ריווער	3.00	.50
. גאנטץ	2017 דזשאס. קאמפו	10.00	1.00
. גארדאן	264 פרעדריק	3.00	.50
. גינזבערג	87 הענדרי	5.00	3.00
. גארדאן	185 מעדבורי	5.00	5.00
גארדאן	182 העיג עוו.	10.00	5.00
גרין	783 דיוואַרד	3.00	3.00
גינזבערג	העבעט פארט מישיגאן	10.00	5.00
. גוט	159 מולעט	3.00	3.00
טזאס. דאלמאן	433 סט. ענטווין	3.00	1.00
דראפקין	202 פרעדריק	3.00	1.00
אמי דאנסקי	109 דיווישאן	3.00	.50

נאמען	נומער סטריט	דאנייטעד	געגעבען
ה. דייטאנר	1027 סט. ענטווין	3.00	1.00
מרס. דאווידאף	330 קאמעראן	3.00	1.00
פ. עטינגער	280 קאמעראן	3.00	3.00
אננא עקסטארט	1805 רוססעל	3.00	3.00
טשאס עהרליך	88 לאוועטט	10.00	10.00
סיידי עלבאום	1233 הייסטינגס	5.00	5.00
ס. פריערמאן	118 ברוסטער	3.00	3.00
מרס. פראנק	1235 הייסטינגס	3.00	3.00
ב. פעלדמאן	374 האלברוק	5.00	2.00
מ. [illegible]ארנאם	173 מילוואקי	3.00	1.00
א. פינדלינג	600 אוקלאנד	3.00	1.00
ווס. פאלק	127 ווארען איסט	3.00	3.00
מרס. פאקס	1159 דיוואַרד	3.00	2.00
ל. פיינמאן	468 סט. ענטווין	10.00	10.00
סעם פארבער	1171 סט. ענטווין	5.00	5.00
פה. פארבערג	271 ברייִדי	6.00	.50
איזידאר פראנק	1235 הייסטינגס	3.00	3.00
סעם גאלפער	219 מט. ווערנאן	5.00	5.00
ענני גאלדבערג	259 ראוענא	3.00	1.00
מרס. גלאסט	545 הייסטינגס	3.00	1.00
מרס. גאלדפיין	1073 הייסטינגס	3.00	1.00
מרס. געלמאן	211 ראוענא	5.00	1.00
ה. גאנטע	766 הייסטינגס	3.00	1.00
מרס. גוטאוו	267 לארטשמאנט	3.00	3.00
דזש. גאלדבערג	218 הערדנשער	3.00	1.00
פ. גארעליק	552 קאמעראן	3.00	1.00
ע. גאלדבערג	162 ענטרידעס	5.00	2.00
א. גאלדבערג	99 רעלמאן	3.00	1.00
האיסרין	556 קאמעראן	3.00	1.00
ב. הייטאן	167 הענדרי	3.00	3.00
מ. גארעליק	225 ווינדער	3.00	1.00
מרס. האלפערן	155 דיווישאן	3.00	1.00
ה. היימאוויטש	386 ווינדער	3.00	1.00
ל. האראוויטש	302 ראוענא	3.00	1.00
א. האלפקין	473 הייסטינגס	3.00	3.00
מרס. האפטמאן	1060 הייסטינגס	3.00	1.00
וו. האניגמאן	287 האלברוק	3.00	1.00
ל. הערש	187 העיג	3.00	1.00
ס. הומנער	1290 הייסטינגס	5.00	2.00
נ. האק	1045 הייסטינג	10.00	10.00
מרס. האק	1045 הייסטינג	5.00	5.00
ה. האראוויטש	173 נאפאלעאן	3.00	1.00
ב. איטצאקזאהן	582 בראש	3.00	1.00
פראנק דזשאסעף	373 הייסטינג	10.00	2.50
ג. דזשייקאב	720 אוקלאנד	3.00	1.00
ה. קאבאטשניק	376 אלעקסאנדרין	3.00	1.00
ב. קאפלאן	41 גודווין	3.00	
קאטץ	[illegible]4 מארעטאן	3.00	2.00
א. קאטצין	572 קאממאנוועלטה	3.00	3.00
ה. קאססאף	66 קאטערין	.75	.75
מ. קאטץ	1090 הייסטינג	3.00	3.00
דזש. קאופמאן	604 סט. ענטווין	3.00	3.00
אבר. קיסאזלאד	52 ריטשמאנד	10.00	10.00
ה. קאופמאן	30 דעלמאר	3.00	1.00
ס. קליימאן	280 ברייִדי	3.00	3.00
ה. קלוזען	298 דעלמאר	3.00	1.00
מ. קראמער	86 דעלמאר	3.00	1.00
ה. קערמער	246 טהיאדאר	12.00	2.00
נ. קאטץ	218 אוען	3.00	1.50
ע. קאזדען	777 סט. עליאט	3.00	3.00
ל. קאנאוויטש	208 דעלמאר	2.00	2.00
מרס. קאפלאן	62 פאסאדענדריע	1.50	1.50
דזש. קאללער	269 לארטשמאנט	3.00	3.00
מרס. קאפלאן	827 קאמעראן	1.50	1.50
מ. קעססאף	1031 הייסטינגס	3.00	1.00
מר. קאזין	101 דיווישאן	3.00	.50
קאללער	275 וואטסאן	10.00	5.00
מרס. קאלפמאן	316 מט. קאלם סט.	3.00	1.00
מרס. קאללער	316 מט. קאלם סט.	1.00	1.00
ווס. קאופמאן	628 טשאמבער אף קאמערס	5.00	5.00
ס. קוראס	280 ראוענא	4.00	1.00
מ. קראמער	278 קאנפיעלד איסט	3.00	.75
ס. קנאפאוו	526 הייסטינג	10.00	10.00
פה. קרים	סוירקעל טהעאטער	12.00	3.00
ב. קאלום	105 בענטאן סט.	3.00	3.00
א. קאליש	180 רעלמאן	3.00	1.00
מ. קירשבאום	866 דזשאא. קעמפו	3.00	3.00
ה. קראפט	284 העיג	3.00	3.00
ה. קעסנער	724 קאמעראן	1.00	1.00
מ. קורלאנד	362 ערסקין	3.00	1.00
ל. ליפניס	264 פעררי איסט	3.00	3.00
ב. לעלגאנט	611 הייסטינגס	3.00	3.00
א. לעלגאנט	611 הייסטינגס	3.00	3.00
מ. לעווין	288 דעלמאר	3.00	1.00
דזש. לאזאראף	222 דעלמאר	3.00	1.00
ב. א. לערנער	185 הענדרי	12.00	6.00
מ. לאפילאף	37 דעלמאר	3.00	1.00
מרס. לומענס	111 דיווישאן	3.00	.50
דזשאו לידער	407 הייסטינג	.6.00	1.50
ס. ליווי	190 ארעלייד	3.00	1.00
ה. לעווין	171 ראנקאן	5.00	1.00
ישרה ליווי	550 אוקלאנד	3.00	1.00
דזש. לייבאוויטש	189 קאנפיעלד	5.00	2.00
לעווין הארד. קא.	1224 הייסטינג	5.00	5.00

נאמען	נומער סטריט	דאנייטעד	געגעבען
וואלף ליווי	833 גרייִשאט	1.50	1.50
אנני בעלגאנט	611 הייסטינגס	3.00	3.00
מרס. דזש. לאפאטע	228 קאמעראן	3.00	3.00
דזש. לעווין	1943 ראססעלל	3.00	1.00
דזש. ליפפמאן	62 ברוסטער	3.00	3.00
מ. לאהר	313 הענדרי	5.00	2.50
מ. לים	928 טשאמבער אף קאמערס	3.00	1.00
דזש. ליטווין	566 קאמעראן	10.00	5.00
בען מאלקא	198 אלעקסאנדרין	3.00	3.00
בלומה מאלקא	198 אלעקסאנדרין	3.00	3.00
מרס. מאטושעוויטש	93 דיווישאן	3.00	3.00
מ. ע. מאנין	2020 ראססעלל	5.00	2.00
ל. מילער	29 דעלמאר	5.00	1.00
ה. מאלעק	878 הייסטינג	3.00	1.50
ה. מארקאנסקי	289 פארנסווארטה	3.00	3.00
מ. ה. מיטשקין	576 הייסטינג	5.00	5.00
ה. מורים	131 ליווינגסטאן	3.00	3.00
מרס. מאללער	336 ביטשוואוד	3.00	1.00
מרס. מאללען	1044 בוביען	3.00	.50
מאלאמוד	484 ענטווין	3.00	.50
ה. ס. מייטסריטש	263 פאלמער	12.00	12.00
ה. מארקום	17[illegible] ברוסטער	3.00	3.00
סעם מאקאוויטש	245 קינג	3.00	1.00
ה. מעראוויטצקי	221 ברייִדי	3.00	3.00
דזש. מעססער	505 אייסטינג	5.00	5.00
ל. מאגולעפפין	328 קאמעראן	3.00	3.00
ס. נאסאוויטצקי	335 האלברוק	3.00	3.00
מרס. מאכטמאן	435 אוקלאנד	3.00	1.00
ה. נאסענדוק	218 עליאט	3.00	2.00
ק. נעמירעפסקי	52 ריטשמאנד	3.00	3.00
מרס אסנאס	275 הענדרי	5.00	5.00
ל. פאמעראנץ	79 דעלמאר	3.00	1.00
דזש. פופער	33 האלברוק	3.00	3.00
וו. פעזערסקי	157 גודווין	3.00	1.00
דזשאו פעסיק	638 אוקלאנד	3.00	1.00
ס. פפעפערבערג	223 ברייִדי	3.00	.50
ב. פירמאן	276 פרעדריק	3.00	3.00
מ. ראוזמאן	458 הייסטינג	5.00	1.25
מ. ראזען	163 היי	3.00	3.00
דזש. ראוזמאן	245 טהיאדאר	1.00	1.00
קארל האזנער	664 ראססעלל	6.00	6.00
ל. ראפאעל	384 גרעשיאט	3.00	.50
ב. ראזען	326 פאלמער	5.00	2.00
י. ראבינאוויטש	231 אוקלאנד	5.00	2.00
א. רייכלאנד	571 קאמעראן	3.00	1.00
ר. ראטהנאגעל	110 דעלמאר	3.00	1.00
ל. רייערס	101 הענדרי	4.00	2.00
דזש. ראזענבלום	2004 ראססעלל	3.00	1.00
ל. ראזען	474 קייסטינגס	3.00	1.00
נ. ראזען	1421 סעמינאל	2.00	2.00
ראטהמאן	863 הייסטינג	2.00	2.00
לאקי ראזמאן	245 טהיאדאר	3.00	3.00
איידא ראזען	474 הייסטינג	3.00	.25
ס. רובין	255 קוירבי	12.00	3.00
ס. רובין	251 מעדבורי	3.00	3.00
מרס. לים	197 קאלעדזש גראוו	3.00	.50
דזשאו ראטהמאן	863 הייסטינגס	3.00	1.00
ר. ראזענבלום	892 הייסטינג	3.00	.50
מ. ראזענפעלד	166 גודווין	3.00	1.00
ה. רובינסטיין	562 קאממאנוועלטה	3.00	1.00
דזש. רובינסטיין	562 קאממאנוועלטה	3.00	1.00
פ. ראזענגאלד	259 הענקאק	3.00	3.00
ס. באלקין	501 קאמעראן	1.00	1.00
ס. סילבערמאן	288 האלברוק	5.00	1.00
דזש. סאלאמאן	382 קוירבי	1.00	1.00
מרס. סועדלאוו	292 מארסטאן	3.00	3.00
ל. סיגעל	311 גרילי	3.00	1.00
דזש. שרייבמאן	757 ענטווין	3.00	3.00
סעם שאפירא	270 אלפרעד	6.00	6.00
א. סיימאן	211 עליאט	3.00	3.00
סמיראנסקי	275 הענקאק	3.00	3.00
סאבעלאוו	207 פארנסווארטה	1.50	1.50
ה. שפיגעל	596 הייסטינגס	3.00	3.00
ק. שאפירא	251 וועסט מינסטער	3.00	3.00
ס. סאנדוויים	168 מט. קאלם	3.00	1.00
ע. סימלא	356 קוירבי איסט	3.00	3.00
מרס. סאנדעלמאן	708 אוקלאנד	1.00	1.00
מ. סמאטקין	53 קארדאני	3.00	1.00
ל. סאפרא	718 אוקלאנד	3.00	1.00
א. סאוואלקער	196 קינג	3.00	3.00
דזש. סאסאן	103 גודווין	3.00	1.00
ס. סלאמאוויטש	683½ קאמעראן	3.00	3.00
דזשאהן סאלאס	186 דעלמאר	1.50	1.50
ב. שולמאן	197 טהיאדאר	3.00	2.00
ה. סאראס	501 קאמעראן	3.00	1.50
מרס. שינדלער	266 ברייִדי	3.00	.50
סיימאן	103 דיווישאן	1.00	1.00
דזש. סאנדעלמאן	708 אוקלאנד	3.00	3.00
ל. שובין	247 קינג	3.00	3.00
מרס. סיגעל	271 ברייִדי	3.00	1.00
ג. שערמאן	170 דיווישאן	.25	.25
מ. שאטץ	171 מט. קאלם	3.00	1.00
ווס. סיפארן	195 בענטאן	10.00	2.50

(פארטזעצונג אויף פיידזש 6)

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.

347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715

J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.

B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

ביי זיי און ביי אונז

אין א ענגלישער טעגליכער צייטונג האט אנומעלט דער שריטשטעלער און געלעהרטער דר. פרענק קריין א קורץ, נאר — ווי זיין שטייגער איז — א זעהר הארציגען און אמת'דיגען ארטיקעל אנגעשריבען.

דער הויפט ארטיקעל איז געווען מכח דער היינטיגער סיסטעם פון „טשאריטי" אין דער גרויסער קאסמאפאליטענשטאדט ניו יארק און בפרט די-צדקה סיסטעמע פון די רייכע דאמען אין דער דארטיגער הויכער וועלט.

מען האט געמאכט א באזאר — דערצעהלט דער דר. קריין, — דער באזאר איז געווען צו גונסטען א געוויסען „טשאריטי" צוועק. דער סך הכל פון דער איינגאהמע איז געווען לערך א זיבציג טויזענד דאלאר און פאר דעם צוועק איז געבליבען נישט מעהר ווי זיבען הונדערט דאלאר. דאס איבריגע איז אוועק אויף פארשידענע אויסגאבען.

אזא מין איבערגענעריי און אזא מין שאלטען און וואלטען מיט בענעפיט אונטערנעהמונגען זיינען נישט קיין נייעס ביי יענע רייכע דאמען, כאטש די סומע וואס דער דאקטאר קריין גיט אן איז מורא'דיג גרויס און קלינגט ווי א גוזמא, אפילו פאר די יענינע, וואס זיינען באקאנט מיט אזעלכע צדקה סיסטעמען.

דער דאזיגער באזאר האט אין ניו-יארק פאראורזאכט א גרויסען סקאנדאל. צו וועט מען אבער עפעס אפלערנען פון דעם סקאנדאל איז וועלט נישט זיכער.

עס איז אבער זיכער אז דער סקאנדאל האט ארויסגעבראכט א בולט'ע אילוסטראציע פון דער אונפעהיגקייט און אפשר אויך אומפאראנטווארטליכקייט פון די „מאכערס" און „טוערס", וואס ארגאנזירען טשאריטי בעלער, טשאריטי באזארען און אנדערע אזעלכע אונטערנעהמונגען, וואס ווערען געמאכט אויף צו מעלקען דעם עולם און שאפען א קוריאזיטעט, דורך וועלכער מען קען ארויסציהען געוויסע, גרויסע סומעס געלד און... ארויף זיך אמוזירען.

די גאנצע סיסטעם מוז אומגעביטען ווערען, ווייל זי איז שעדליך, פארפוילט און איבערגעגעריש.

די אלע צדקה פאראיינען, וואס טוען גוטע ארבייט און וואס זיינען אנגענומען ביי דער שטאדט, אדער זיי האבען געזעצליכע אויטאריטעט פון דער רעגירונג, וואלטען באדארפט זוכען אנדערע קוועלען פאר זייערע אויסגאבען.

מיר רעדען נישט פון די אידישע צדקה אנשטאלטען, וואס מיידען תמיד אויס די שטיצע פון דער רעגירונג אדער פון דער שטאדטישער קאסע. זיי — די אידישע צדקה פאראיינען — האבען נישט קיין אנדערע קוועלען ווי נאר אנצוקומען צו אזעלכע אונטערנעהמונגען.

אגב, קען מען זיך מישב זיין, אז די אידישע בעלער אדער באזארען קענען אין קיין אופן נישט ארויסנעהמען קיין הכנסה פון 70 טויזענד דאלאר און קענען אויך נישט מאכען אזא ריזיגע אויסגאבע, וואס זאל אויפעסען כמעט די גאנצע הכנסה.

ביי אידען וועט איהר נישט אנטרעפען אזא איבערגעגעריי.

אפילו די העכסטע אידישע אריסטאקראטיע וועט זיך נישט פארגינען אזא מין לוקסוס, וואס איז אזוי נאהענט צו אומרעכט עולה און שארלאטאנסטווא.

מיר האבען דאך תמיד געמיינט, אז ביי זיי, ביי די גוים, פיהרט זיך אלצדינג אזוי גוט און שעהן און ארענטליך. מיר האבען געמיינט, אז זייערע צדקה אנשטאלטען, וואס האבען הינטער זיך די שטאאט אדער שטאדט קאסע — זיי פיהרען זיך מן הסתם אין דער בעסטער ארדנונג.

ערשט ביי זיי איז דאס טויזענד מאל ערגער. ביי זיי זענען גאר די בעלער און באזארען א לוקסוס זאך פאר אייגענעם פארגעניגען, אייגענער לוקסוס.

עס איז דערום קיין חידוש נישט, וואס דער דר. קריין קומט צום באשלוס, אז זיי דארפען אלע פארמאכען זייערע צדקה קרעמלעך און אויב זיי קענען נישט באקומען די שטיצע פון דער רעגירונג, זאלען זיי אויפגעבען זייער צדקה ארבייט.

דער שטאאט שטיצט אלע זייערע האספיטעלער, אלע זייערע אסיילומס און אנדערע וואהלטעטיגע אינסטיטוציעס, ווי רעליגיעזע, אזוי אויך די געזעלשאפטליכע.

צו וואס מאכען זיי נאך בענעפיט אונטערנעהמונגען?

דאס איז דאך א פין-איבענאויפערדיגע היפאקריטסטווא! קומט צו זיי איינער און גיט אוים ביי זייער אונטערנעהמונג זיבען דאלאר, הייסט דאך דאס, אז ער פטר'ט זעקס דאלאר פאר אייגענעם פארגעניגען און א קארגען דאלאר גיט ער אפ פאר טשאריטי.

עס איז דאך קלאהר אז ווען זייערע אונטערנעהמונגען זאלען באמת טראגען אן ערנסטען כאראקטער און זאלען באמת זיין פון א וויכטיגען צוועק וועגען, וואלטען זיי נישט באדארפט אנקומען צו אזעלכע איבערגעגענערשע מיטלען. עס וואלט זיי גענוג געווען צו צו געהן צו איינעם, איהם זאגען דעם צוועק און ביי איהם בעטען פינף דאלאר א דאנייישאן. אבער די וואס וואלטען געגעבען די 5 דאלאר וויסען פריהער, אז דער צוועק האט קיין 5 דאלאר נישט די ווערטה, נו, טאנצען טאנגא, טרינקען שאמפיין, רויבערען האוואנא — דאס האט שוין זיכער די ווערטה 5 דאלאר. איז גיט מען אוים אויף טאנצען און וויין זעקס דאלאר און איין דאלאר ווארפט מען ארוים דערביי אויך פאר א טשאריטי צוועק, וואס האט אפשר דעם איינעם דאלאר אויך נישט די ווערטה.

די קריטיקער אונזערע וואס קומען תמיד מיט סאטירישע ריד צו אונזערע בענעפיטען אויף דער אידישער גאס, און האבען קיין מאל קיין גוט ווארט נישט פאר זיי, וואלט מען באדארפט אפשיקען לייענען דאס קליין ארטיקעלע פון דעם דאקטאר קריין און דאן וואלטען זיי געזעהן, אז אין דער אמת'ן זיינען אונזערע טוער און מתעסקים א סך ערנסטער און זייער וואהלטעטיגער ארבייט איז העכער אונזערע קריסטליכע מיטבירגער.

אונזער ארימקייט גופא צווינגט אונזערע מתעסקים צו זיין אזוי שפארעוודיג ווי מעגליך און ארויסצונעהמען פון די בענעפיט אונטערנעהמונגען וואס מעהר.

די „סיילס" אויף די הינגע גאסען

ווי אזוי קאפענהאגען העלפט די אוקראינער אידען

פון אונזער אייראפעאישען קארעספאנדענט ש. פאן

דעטראָיטער שפּיגעל

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארטזעצונג)

אינסטינקטיוו האט חנה דערפיהלט, אז זעפעס א בייזע סיבה האט מיט איהר שוועסטער' געטראפען; ווי א פארבארגענע שטימע וואלט איהר אין די אויערען אריינגעשריען, אז אן אומגליקליכער צופאל, א מורא'דיגע געשעהעניש האט פאסירט. אנדערש וואלט מרים ניט אויסגעבליבען ביז צוויי א זייגער ביינאכט. עס האט קיינמאל נישט געטראפען אזוינס מיט מרים'ן. עפעס איז געשעהן... אנדערש איז אוממעגליך, אוממעגליך...

מרים איז אוועק צו דזשאסעף'ן. ווער זשע ווייס ווער דער דזשאסעף איז? ווער ווייס וואוהין מען האט זי ערגעץ פארנארט.

איהרע פאנטאזיעס האבען זיך צעשפיעלט און איהר געגעבען מאהלען בילדער איינע שרעקליכער פאר דער אנדערער... זי האט זיך א סך אנגעהערט און א סך אנגעלייענט פון די אלע מכשולים וואס מיידלעך טרעפען דא אין אויף זייער וועג. וויפיעל משחיתים און מחבלים א מיידעל באגעגענט דא אויף איהר לעבען. וויפיעל געפאהרען זי האט זיך דא אויסגעשטעלט.

— עס איז שרעקליך!

— א מיידעל איינע אליין ביינאכט אויף די הינע גאסען, וואס שווימלען און ווימלען מיט זינד און פארברעכען...

וואס זאל זי טאן?

זאל זי לויפען?

וואוהין? צו וועמען? אז זי איז דאך אזוי אומבאהאלפען... אפילו אויף א גאס פרעגען קען זי דאך נישט... איין ווארט ענגליש קען זי דאך נישט ארויסרעדען...

און וואס וועט זי מארגען אין דער פריה טאן? צו וועמען וועט זי זיך ווענדען?

מילא אין דער פריה — טראכט זיך חנה — וועט זי שוין מיט ניימאן'ס הילף זיך קענען באנוצען. ער קען גוט די שטאדט, ווייס איטליכען, ווייס וואוהין און צו וועמען מען דארף זיך ווענדען און רעדט דאך אזוי גוט ענגליש!

אבער איצטער, איצטער וואס זאל זי טאן?

עס בלייבט ביי איהר, אז אט וועט זי זיך שטארקען. זי וועט זיך אנגעהמען מיט מוט, וועט צוגעהן צו דעם זייטען צימערל, וואו עס שלאפט די מיסעס פינקעל און וועט זי אויפוועקען.

וואס האט זי דא וואס מורא צו האבען? דא איז דאך קיינער נישטא... זי דערשרעקט זיך אליין פאר דער מחשבה. זי מיהט זיך א ריהר צו געבען און זי קען נישט... אט גלייך, ווי מען וואלט זי מיט קייטען צום קושען צוגעשמידט...

אבער — גאט מיינער, ס'איז דאך שוין דריי... דריי א זייגער ביינאכט! ווארום טוט זי גאר נישט? וואס ליגט זי? אזא'ן אומגליק, אזא'ן אומגליק! זאל זיין וואס עס וויל זיך!

זי האט זיך א ריס געגעבען פון דעם קושען און איז מיט איין שפרונג אויף דער ערד געבליבען שטעהן. א מארנער פחד האט זי ווי מיט א צוואנג א פארקלאמער נעמא. זי איז געבליעבען ווי פאראליזירט. אין האלז האט איהר אנגעהויבען צו ווארגען. זי האט זיך א כח אנגעטאן און כל אמצי כחות א געשריי געגעבען: — „גוואלד! ראטעוועט! מיסעס פינקעל!"

— — — — — —

(17־טעם קאפיטעל)

דזשאשע, דעם סטאראסטעס ווייב

(מרס. פינקעל)

די מרס. פינקעל איז געוועזען אן אלמנה. אין איהר קליין געבורטס־שטעדטעל האט זי געוואוינט מיט'ן רב א טיר נעבען א טיר. — „די רבי'צען עליה השלום — דערצעהלט מרס. פינקעל, ביי יעדער געלעגענהייט — זאל זי זיין א גוטע בעטערין, ווען נישט זי, ווער ווייס צי וואלט איך גאר געקומען נאך אמעריקא. פריהער גאט און נאכדעם דער רבי'צען האב איך צו דאנקען".

אי מרס. פינקעל אי זשוין שיער שיער נישט אן עגונה פארבליבען; דער מאן איהרער, חיים בערקע, איז געוועזען דער סטאראסטע אין דעם שטעדטעל, האט ארויסגעגעבען א פאלשען פאספארט און האט געמוזט עוקר זיין קיין אמעריקא. אלא נישט וואלט ער געוועזען באדארפט אפזיצען א פאר יאהר אין טורמע.

„שטאדט" האט באלד געמאכט אן אסיפה. עס איז געזאמעלט געווארען די נויטיגע סומע אויף הוצאות און ער איז אויף מארגען באלד אוועק איבער'ן גרעניץ.

די ערשטע צייט פלעגט חיים בערקע שרייבען בריוועלעך אהיים פון אמעריקא. האט זיך גאר נישט געקענט אפחידוש'ן פון דער גרויסער אמעריקא, וואו „מען מאכט א לעבען" און „מען איז אלרייט אין אמעריקא". ביסלעכווייז האט ער אנגעהויבען צו קארגען אינ'ם שרייבען. זיינע בריעף זיינען געווארען זעלטענער, און שפעטער האבען זיי אינגאנצען אויפגעהערט.

אין שטעדטעל האט מען באלד דערהערט „קלאנגען" אז חיים בערקע דער סטאראסטע איז אין אמעריקא נתעשר געווארען און ער וויל זיך גט'ען מיט דוואשע'ן. אנדערע האבען גאר געזאגט, אז ער האט שוין מסתמא חתונה געהאט מיט אן אנדערער און דוואשען איבערגעלאזט אן עגונה.

עס איז אזוי אוועק א האלב יאהר. פון חיים בערקע'ן קומען קיין בריעף ניט אן.

דוואשע האט זיך די אויגען אויסגעוויינט.

אן עגונה! ניין, עס האט זיך איהר ניט געגלויבט. צופיעל האט חיים בערקע ליעב געהאט זיין בן יחיד, אז ער זאל פלוצים זי און דאס קינד פארגעסען. נאר מי יודע וואס פאר אן אומגליק עס האט דארטען מיט איהם געטראפען.

דארויף איז דאך דאס אמעריקא, וואו עס קענען געשעהן אזעלכע זאכען וואס געשעהן נישט אין דער גאנצער וועלט.

קיינער האט נישט מיטגעפיהלט דוואשע'ן אזוי ווי די רבי'צען, (מערי'ס און חנה'ס מוטער).

די רבי'צען איז געווען די איינציגע וואס פלעגט איהר הינטען־ארום דערלאנגען א מזומנעם רובעל, אמאל אויף א געבעקעל ברויט, מעהל, איהר געהייסען געבען אויף בארג. און צו ענדע האט די רבי'צען מיט איהרע אייגענע הענד איהר דערלאנגט דאס בייטעל קרעלען: — „נא, — האט זי איהר געזאגט — טראג דאס אהיין צו ישראל'ע דעם וואכערניק און לייה דארויף אביסעל געלד. דאס איבעריגע וועל איך דיר דערלייגען במזומן, וועסטו פאהרען קיין אמעריקא" — —

— אזא צדיקת איז דאס געוועזען!

געקומען מיט'ן בן יחיד קיין אמעריקא האט דוואשע געטראפען איהר חיים בערקע'ן אין האספיטאל. ער איז קראנק געלעגען. ער איז א „וואטשמאן" געוועזען, האבען א חברה גנבים איהם אזוי צעהרג'עט, אז מען האט געמיינט אז ער איז שוין למלוטין טויט.

פון די דאזיגע קלעפ אי זער טאקע סוף כל סוף געשטארבען.

חיים בערקע, אדער מיסטער פינקעל, האט נעקראגען אן אדוואקאט וואס האט אין געריכט געוואונען פאר איהם א היבשע סומע געלד. ווען נישט די „דעמערזשעס" — ווי די מרס. פינקעל רופט עס — וואלט זי דא נאכ'ן מאנ'ס טויט געמוזט פאר הונגער חלילה שטארבען. אדער ארומגעהן איבער די הייזער.

פון די פאר הונדערט דאלאר וואס זי האט באקומען פון חיים בערקע'ס „באס", האט זי זיך געקויפט א וואשער און פרובט קרעמעל און נאכדעם דאס אריבערגעפיהרט אויף טשערי סטריט, וואו דאס וואסער קרעמעל איז פארוואנדעלט געווארען אין א גראסערי.

(פארטזעצונג קומט)

אין פרינטינג שאפ פון „וועג"

פון קארטעל
ביז
גרויסע צייטונג
פון א הענדביל
ביז
גרויסע בוך

ווערט געמאכט שנעל, גוט און צו מעסיגע פרייזען

מיין לאנדסמאנ'ס בארד

(הומארעסקע) פון מאקס גאטהעלף

— ר' מנחם! ר' מנחם!

דערהערענדיג ווי עמיץ רופט מיך מיט מיין היימישען נאמען, בין איך געווארען נייגעריג, כאטש פון נאטור בין איך ניט קיין טשיקאווער איד. האב איך זיך אפגעשטעלט און א בליק געגעבען אויף צוריק; ערשט א מאן, א הויך־געוואקסיגער, א דארער מיט לאנגע הענד און פיס און לאנגען האלז, אביסעלע קירצער פון זיינע הענד; דאס פנים? זעהט איהר, דאס פנים בין איך שוין ניט פעהיג צו באשרייבען. וויל דאס פנים זיינס האט ניט געהאט קיין באשטימטען קאליר: ניט שווארץ, ניט ווייס, ניט געל, ניט רויט, — עפעס א „מיתה־משונה" קאליר. ניכער האט דאס פנים אויסגעזעהן ווי פון א ניגער, מיט ווייסע פלעקען (אויב אייך האט זיך אמאל געמאכט צו באגעגנען אזא).

ער האט מיך אנגעזאגט, זיך אויסגעגלייכט מיט זיין לענג, האט מיר במעט מיט גוואלד זיין האנד אריינגעשטעקט, מיט א היימישען „שלום עליכם"...

איך האב איהם צום ערשט אנגעקוקט ווי מען קוקט אן א משוגע'נעם. נאר ער האט ער באלד אנגעפאנגען:

— ר' מנחם! איהר דערקענט מיך ניט?

ער האט א שמייכעל ארויסגעשיקט פון זיינע שווארץ־ברוינע ליפען, און עס איז געווען צו דערקענען, אז דער שמייכעל איז ניט קיין נאטירליכער. דאס איז געווען א שמייכעל מיט רחמנות־פארקרימטע ליפען, ווי איינער וואס קלאפט זיך אפ דעם ביין פון זיין עלענבויגען און ער וויל ניט ארויסציינען זיין וועהטאג.

איך קאן אייך ניט, האב איך ניט געזעהן קיינמאל אין מיין לעבען — און געוואלט זאגען, אז — „איך וויל אייך ניט קאנען", נאר דא האט ער מיך אונטערבראכען:

— איהר האט מיך ניט דערקענט, הא? בעריל־חיים, שרה־ריבה די קוכען־בעקערינס מאן, דער דרדקי מלמד.

— וועה איז מיר! — האב איך ניט מיט מיין שטימע אויסגעשריען. א פאליסמאן, וועלכער איז צופעליגערווייז אדורכגעגאנגען און דערהערט מיין געשריי, האט אונז ביידע געוואלט „באַרוהיגען"... נאר אזוי ווי איך בין ניט קיין „גרינער", האב איך א וואונק געגעבען מיין לאנדסמאן, דאס הייסט, בעריל־חיים שרה־ריבה דער קוכען־בעקערינ'ס מאן, דעם דרדקי מלמד, ער זאל „אפציהען" און מיר זיינען אוועק ווייטער.

געהענדיג דערצעהלט ער מיר אזא געשיכטע און פאנגט אן מיט א זיפץ:

— אוי, אוי, ר' מנחם! אז מ'הערט זיך צו צום צווייטען און קיין איינציגער שכל איז ניטא, איז ביטער ווי דער טויט. שטעלט זיך פאר, ר' מנחם, איך, שרה־ריבה'ס דער קוכען־בעקערינ'ס מאן, א דרדקי מלמד, מיט אזא שעהנער בארד, דארף יעצט אויסקוקען ווי א ניגער, להבדיל...

— אפנים א היפשע שרפה געווען ביי אייך — פרוּוו איך טרעפען זייט איהר באטש געווען פאראינשורט?

— וואס מירשרפה, ווען מיר שרפה? אז פאר'שרפ'ט זאל ער ווערען יענער, וואס האט מיר די עצה געגעבען. שטעלט זיך פאר, ר' מנחם, איך שטעה אזוי אין שאפ און בינעל א „ספאד־ניצע". אז אך און וועה צו מיר. איך, שרה־ריבה דער קוכען־בעקערינ'ס מאן, מיט אזא שעהנער בארד, א דרדקי מלמד, דארף זיין א בינלער אין אמעריקא!

— נו, נו. — טרייב איך איהם אונטער פאר נייגעריגקייט.

— נו, נו, שטעהט נאך א מאן מיט א געגאלטער בארד און וואנצעס און בינעלט אויך. קוקט אויף מיר און שמייכעלט. איין מאל, צוויי, דריי, ביז איך האב איהם א פרעג געטאן:

— מיסטער — זאג איך — וואס לאכט איהר פון מיר? בין איך ניט אזא מענש ווי איהר?

מאכט ער צו מיר:

— איך לאך ניט פון אייך.

— היינט וואס־זשע קוקט איהר אויף מיר און שמייכעלט?

— איהר ווילט טאקע וויסען? — פרעגט ער מיך.

— אוודאי וויל איך וויסען. — זאג איך.

— אויב אזוי — מאכט ער — וועל איך אייך דערצעהלען.

און ער דערצעהלט מיר א מעשה, דאס ער האט געלעזען אין אן ענגלישען „פייפער" דאס א געוויסער פראפעסאר האט פעסטגעשטעלט, אז א מאן, וואס האט א בארד לענגער פון דריי טפחים, איז א סימן אז יענער מאן איז א שוטה, א נאר. נו, האב איך דערזעהן אייער בארד. און דאס לאך איך.

אבער מ'טאר דאך א בארד ניט שערען! — וויל איך זיך פאר איהם פארענטפערען.

— זעהט איהר — מאכט ער צו מיר, דער מאן — ווען איהר וואלט טאקע האבען שכל, וואלט איהר שוין געפונען אן עצה.

— נו? — פרעג איך איהם — וואס פאר אן עצה גיט מען ערך?

— קומט — מאכט ער — צו מיר אהיים, שטעלט זיך ביים שפיגעל, מעסט אפ דריי טפחים, פארקוועטשט די בארד שטארק אין אייער פויסט, רייבט אויס א שוועבעלע און צינדט אונטער די רעשט, איהר פארשטעהט.

— מאכט ער — ברענען איז דאך ניט שערען...

— נו, — וויל איך שוין וויסען דעם סוף.

— נו, בין איך געקומען אהיים — ענדיגט מיין לאנדסמאן — אוועקגעשטעלט זיך נעגען שפיגעל, אריינגעקוקט אליין זיך אין פנים אריין. איך האב אזוי לאנג געקוקט, ביז מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז איך ווער נארישער פון מינוט צו מינוט. און וואס מעהר איך האב זיך אריינגעקוקט אין געזיכט, האב איך מעהר געפיהלט ווי איך ווער נארישער... ניט טראכטענדיג פיעל האב איך אויפגעריבען א שוועבעלע... — —

דא האט ער זיך אפגעשטעלט און געבליבען שטיל.

— נו, האט איהר, הייסט עס, אונטערגעצונדען די בארד. — ענדיג איך שוין פאר איהם.

— איך געדענק ניט וואס ווייטער איז געווען, — זיפצט ארויס מיין לאנדסמאן — איך געדענק נאר, אז בעת איך האב ערוואכט אין האספיטאל, ווי פון א בייזען חלום, האב איך גלייך גענומען זוכען מיין בארד מיט די הענד און אנשטאט איהר, האב איך געפונען „באנדאזשען"...

— אויב אזוי, — זאג איך, — איז טאקע דער פראפעסאר געווען גערעכט מיט זיין באהויפטונג... — און האב זיך מיט מיין לאנדסמאן געשיידט.

אין אנטי לחיים לעזער פרעגט אונז צי עס פיהלען זיך שוין אין לאנד די גוטע רעזולטאטען פון דעם פראהיבישאן.

שור, שור! די פארברעכער כוואליע שטייגט איבער'ן גאנצען לאנד, די איבערפאלען, האלד־אפס, גנבות און מערדערייען זיינען געווארען א טאג טעגליכע ערשיינונג. אויב מען האט אויף אונזער נעהערטען לעזער נאך קיין האלד־אפ ניט געמאכט דארף ער ניט פארצווייפלען. אויב ער איז א איד וואס האט אביסעל דזשולערי אדער עטוואס קליין געלד ביי זיך וועט מען שוין ביי איהם בודק חמץ זיין...

* * *

אידישע נייעס פון אלע וועלט טהיילען

בעדייטענדע סכסוכים פאר'ן אידישען נאציאנאלפאנד — די פארשטארקונג פון דער זאמעל ארגאניזאציע — ציוניסטישע צוזאמענפאהרען און זייער באציהונג צום נ"פ — ספעציעלע זאמלונגען — ידיעות פון ארץ ישראל.

דאס הויפט ביורא פון'ם אידישען נאציאנאלפאנד אין האאג האט ניט לאנג באקומען דורך אן ענגלישע באנק א טשעק אויף 10.000 פונט שטערלינג פון א מנדב, וואס וויל בלייבען אנאנים. גלייכצייטיג האט דאס הויפט ביורא באקומען א ידיעה אז די נייע נדרה אריין אין קראפט א צוואה, וואס עפנט זיך ביי א קאנגער אדוואקאט אויף בערך 25.000 פונט שטערלינג לטובת דעם נ"פ.

ניט קוקענדיג אויף אזעלכע צופעליגע בעדייטענדע נדבות מוז דער אידישער נאציאנאל פאנד פלאנמעסיג אויסארבייטען און פארשטארקען זיין ארגאניזאציע כדי ער זאל קענען רעכענען אויף רעגעלמעסיגע גרויסע הכנסות פון דעם גאנצען פאלק אין א מאסשטאב, ווי עס פאדערען זיינע אויפגאבען אין ארץ ישראל.

פאר דעם צוועק דארפען איצט אפגעהאלטען ווערען קאנפערענצען פון'ם נ"פ עסקנים אין אלע לענדער. אין יאנואר איז אין דייטשלאנד פארגעקומען אזא קאנפערענץ וואס האט אויסגעארבייט א ארבייט־פראגראם צו זאמלען אין דייטשלאנד אינ'ם יאהר 1920 א סומע פון 4 מיליאן מארק.

אין מעהרען, שלעזיע און סלאוואקיע זיינען די נ"פ עסקנים גערופען געווארען צו אזעלכע קאנפערענצען אין חדש פעברואר. אין די נאהענטסטע מאנאטען דארפען אפגעהאלטען ווערען נ"פ קאנפערענצען אויך אין דייטשלאנד, גאליציען און ארץ ישראל.

נאכדעם ווי א שורה ציוניסטישע קאנפערענצען אין פארשיעדענע לענדער האבען זיך ארויסגעזאגט פאר דער נאציאנאליזירונג פון דער ערד אין ארץ ישראל, איז אויך אויף דער ציוניסטישער קאנפערענץ אין ליטא, וואס איז אפגעהאלטען געווארען סוף דעצעמבער אין קאוונא, אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציע:

„די ציוניסטישע קאנפערענץ אין ליטא ווינשט די נאציאנאליזירונג פון דער ערד אין ארץ ישראל אלץ יסוד פון סאציאלער גערעכטיגקייט ביי דעם אויפבוי פון אונזער היים".

די קאנפערענץ האט געגרינדעט א נ"פ ביורא פאר ליטא און זיינען געשאפען געווארען די נויטיגע באדינגונגען פאר ברייטע זאמלונגען לטובת דעם נ"פ אין אלע שטעדט און שטעדטלעך.

אין ווילנע איז געגרינדעט געווארען א נ"פ ביורא מיט דער אויפגאבע צו ארגאניזירען די נ"פ ארבייט אין ווילנער ראיאן און אין אלע טיילען פון ליטא, וואס זיינען באזעצט דורך דעם פוילישען חייל. שוין אין די ערשטע וואכען נאך זיין גרינדונג האט דאס ביורא אנטוויקעלט א שטארקע פראפאגאנדא אין צענטער און אויך אין ראיאן לטובת דעם נאציאנאל פאנד.

אויף דער 5־טער קאנפערענץ פון דער ארגענטינישער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין בוענאס איירעס (נאוועמבער 1919) איז באשלאסען געווארען צו זאמלען פאר'ן נ"פ אין דעם יאהר 1920 ניט ווייניגער פון 10.000 פעזאס (בערך 12.000 פונט). א באזונדערע פראפאגאנדא דארף געמאכט ווערען פאר דער זעלבסטבעשטייערונג און פאר גאנצע נחלות (5000 פראנק). אחוץ דער נאציאנאל־פאנד וואך אין גאנ'ן ארגענטינא, איז איטליכע אגודה מחויב צו ארגאניזירען לפחות איינמאל אין יאהר א ספעציעלע זאמלונג לטובת דעם אידישען נאציאנאל פאנד און אפגעבען איהם צעהן פראצענט פון אלע אנדערע אונטערנעהמונגען.

די ציוניסטישע קאנפערענץ אין בוקאווינע, וואס איז ניט לאנג פארגעקומען אין טשערנאוויץ, האט אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציע:

„די בוקאווינער ציוניסטישע קאנפערענץ אנערקענט די ארבייט לטובת דעם נ"פ אלס די איינציגע מעגליכקייט צו ערווארבען די ערד אין ארץ ישראל אלס נאציאנאל־אייגענטום פון'ם אידישען פאלק".

די אמסטערדאמער וועלט־קאנפערענץ פון „מזרחי" האט דורך א רעזאלוציע מחייב געווען אלע זיינע חברים צו ענטוויקלען א ברייטע און ענערגישע טעטיגקייט, כדי צו שאפען די מיטלען, וואס דער נ"פ דארף האבען אויף צו ערווארבען ערד אין ארץ ישראל.

אין די חנוכה־טעג זיינען אין פיעל לענדער ארגאניזירט געווארען ספעציעלע פארזאמלונגען לטובת דעם אידישען נאציאנאל־פאנד. בעזונדערס האבען זיך דערביי אויסגעצייכענט פוילען און ארץ ישראל. אין ארץ ישראל זיינען די זאמלונגען געגאנגען לטובת דער נארדוי־גארטענשטאדט. אין סמירנא איז באשלאסען געווארען צו שאפען 40.000 פראנק פאר דער נארדוי־גארטענשטאדט.

אין דמשק איז ארגאניזירט געווארען א זאמלונג לטובת דער נארדוי־גארטענשטאדט און אויף א גרויסער פאלקספארזאמלונג זיינען ערקלעהרט געווארען די ציעלען פון דעם אידישען נאציאנאל פאנד און זיין באדייטונג פאר דער קאלאניזאציע אין ארץ ישראל.

די דורכפיהרונג פון דער זעלבסטבאשטייערונג אין ארץ ישראל געהט פאר אויס. אויך די איינוואוינער פון די קאלאניעס חדרה און נחלת יהודה, צווישען זיי פיעל תימנ'ער אידען, האבען זיך מתחייב געווען צו רעגעלמעסיגע אפצאהלונגען. די אידישע בעאמטע פון דער שטאדט פארוואלטונג און די פאלעסטינער אין טבריה צאהלען יעדען חדש לטובת דעם נ"פ א געוויסען פראצענט פון זייערע שכירות. די אמעריקאנער מעדיצינישע געזעלשאפט „הדסה" האט איינגעפיהרט די נ"פ מארקע אלס חוב פאר אלע קראנקען קארטען, וואס ווערען פון איהר ארויסגעגעבען.

דער גאולה קאמפיין איבער'ן לאנד

די „פלו" מגפה, וועלכע האט לעצטענס אזוי שטארק געבושעוועט איבער'ן לאנד, האט צוריקגעהאלטען די ארבייט פאר'ן 10 מיליאן דאלאר גאולה פאנד, און אלס רעזולטאט האבען די דרייווס אין די פארשיעדענע סטייטס זיך ניט געקענט אנפאנגען אין צייט. איצט אבער ווען די מגפה האט שוין נאכגעלאזען, האבען די חברים איבעראל ענערגיש זיך אריינגעווארפען אין דער ארבייט, און הויבען אן די קאמפיינס צו שאפען זייערע באשטימטע קוואטאס פאר'ן גאולה פאנד. אין פיעלע געגענדען וואו די מגפה האלט נאך אין בישעוועון הערשט נאך אלץ א שטילשטאנד אין דער ארבייט. אזוי ניך אבער ווי די לאגע וועט מילדער ווערען, וועט די ארבייט לאזט זיך גלייך אנפאנגען.

קאמפיינס ווערען איצט אראנזשירט אין יד פאלגענדע סטייטס:

מעין: 7־טען מארטש וועט אין פארטלאנד פארקומען א קאנווענשאן פון אלע ארגאניזאציעס פון סטייט, אויף וועלכער דער קאמפיין וועט ערעפנעט ווערען.

ניו העמפשייר: פאראייניגטער דרייוו מיט'ן רעליעף וועט זיך אנפאנגען דעם 30־טען מארטש.

מאסאטשוזעטס: 7טען מארטש הויבט זיך אן אין טשעלסי א פאראייניגטער דרייוו מיט דעם רעליעף. אויף דער קאנפערענץ אין ספרינגפיעלד האבען די פארשטעהער פון האליאק, פיטספיעלד, וועסטפיעלד און טשיקאפי באריכטעט דאס זיי וועלען קלייבען זייערע קוואטאס. ספרינגפיעלד ערווארטעט צו קלייבען ביז 25 טויזענד דאלאר.

ראוד איילאנד: דעם 14־טען מארטש וועט אין פראווידענס אפגעהאלטען ווערען א קאנווענשאן אויף וועלכער דער קאמפיין וועט ערעפנעט ווערען.

קאנעקטיקאט: די פאלגענדע שטעט האבען שוין אריינגעקראגען זייערע קוואטאס: אנסאניא — $2.500 (אריגינעלע קוואטא $2.000).

מאנטשעסטער — $1.100 (אריגינעלע קוואטא $1.000) ניו בריטאן — $10.200 (אריגינעלע קוואטא $10.000) נארוואלק — $6.000, ראקוויל — $1.000, מערידען — $3.000 (אריגינעלע קוואטא $1.200)

קאמפיינס געהען איצט אן אין ברידזשפארט, נארוויטש, טארינגטאן, מידלטאון, ניו לאנדאן און וואטערבורי. קאמפיינס וועלען זיך אנפאנגען אין פוטנעם, וואלינגטאן, ווילימאנטיק, ווינסטעד און ניו הייווען, דעם 7טען מארטש, אין הארטפארד, פאראייניגט מיט'ן רעליעף, דעם 14־טען מארטש. אין סטאמפארד 16־טען מארטש. נארוויטש האט ביז איצט געקליבען $5.010.

ניו יארק: (אויסער ניו יארק סיטי) אין אלבאני וועט אפגעהאלטען ווערען

(פארטזעצונג אויף זייטע 6)

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט

ערשיינט יעדען פרימארגען אויסער שבת, דורך דער

וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפאריייטעד

אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: טשערי 3715.

יחוס אמאל און היינט

פון ב. י. גאלדשטיין

אן ענגלישער שרייבער דערציילט וועגען א מיליאנער, אן אויפגעקומענעם, וועלכער האט זיך מיט אלע כחות געשפארט אין דער הויכער געזעלשאפט און האט מיט אן עקשנות זיך פירגענומען אהין צו דערשלאגען זיך אפילו ווען דאס זאל איהם דארפען קאסטען מי ידע.

ווען דער דאזיגער עושר האט זיך איינגעארדענט, האט ער איינגעלאדען צו זיך די מיוחסים פון שטאדט, אבער קיינער איז נים געקומען. האט ער באכדעם אונ־טערגענומען א רייע בעלער, פארטיעס און גארטען־הוליאנקעס. ער האט נים געקארגט קיין געלד אום דער גלאנץ, לוקסוס און רייכטום זאל גים פעהלען; שאמפאניער, רייכע מוזיק און מיט כל ערליי אטראקציעס זיינען געווען די בעלער, פארטיעס און אונטערנעהמונגען. אויף אזא אופן האט דער דערמאהנטער מיליאנער דערגרייכט זיין ציעל.

די הויכע געזעלשאפט, די מיוחסים, די „בלויע בלוט", זיינען געקומען „אין די מאסען".

* * *

און אויף אן אנדער אופן האט מען אמאל ביי אידען געזוכט איינצוקויפען זיך אין יחוס.

אז מען וויל איז האט איין אין די וערבע שטרעבונג: געזעלשאפטליכע אמבי־ציע, אדער נעיעג נאך יחוס.

א איד האט אמאליגע יאהרען זיך איסגעבראכט אום צו דערגרייכען א העכערען געזעלשאפטליכען שטאנד.

ווער געדענקט עס נים, וויפיעל אידען פלעגען קלויבען, און זוכען, און נישטע־רען, און פרעגען און נאכמאכן נאכפרעגען אוידער זיי האבען א שידוך געמאן מיט זייער טאכטער, אדער מיט זייער זוהן.

די קלענסטע קלייניגקיים איז פאר א פסול פארדעבענט געווארען. טאמער האט איין משפחה געהאט ביי זיך א וויימען קרוב אן אויסוואורף, האט מען שוין געוואוסט, אז קיין „לייטישער" שידוך וועט נים צוקומען סיידען מען זאל אדער גוט באצאהלען, ד. ה. געבען א גרויסען נדן, אדער גלאט אריינקריגען עפעס א שלימזל'דיגען בעל יחוס.

מען רעדט שוין נים פון א משומד אין דער משפחה. פארפאקען האט מען אפגע'נט און שדוכים האט מען אפגעראוט צוליעב א משומד אין דער משפחה.

געהייסען האט עס א „באפלעקטע פאמיליע". און יעדער אנשטענדיגער און עמוואס פארמעגליכער בעל הבית און נוטער טאטע האט באן אופן נים דער־לאזט אז זיינס א קינד זאל אריינפאלען אין אזא באפלעקטער משפחה.

פארקעהרט וויעדער האט די שענסטע יחוס'דיגע משפחה באצאהלט שווערע געלדער אריינצוקריגען עפעס א צאצקע א יחוס עצמי.

עס געדענקט זיך מיר א פאר ווי אין א שטעדטעל גאהענט פון מיין געבורטס־שטעדטעל האט א אידישער גביר ממש אפגעגאלדען און אריינגען בעך מלאכה פאר זיינעם א זוהן און עליו. דער גביר האט נים נאר גליקליך געמאכט דעם זוהן, נאר אויך זיינע עלטערען און זיינע אנדערע משפחה־לייט.

און ווען א איד האט געזוכט שעהנע מחותנים, בעלי יחוס, האט ער דערביי באטראכט אז ער ציהט, דאס נאך זיין טויט, איבער הונדערט מיט צוואנציג יאהר זאל איהם אנטקעגען קומען א רב, א שעהנער בעל הבית און נים קיין נחות דרגא.

ווארים די דאזיגע אידען האבען געגלויבט און גלויבען נאך איצט אז נאכן טויט קומען די מחותנים „מקבל פנים" זיין דעם פארשטארבענעם מחותן. די נשמה פון איין מחותן קומט ארויס קעגען דעם צווייטען מחותנ'ס נשמה.

צי איהר זאלט נים קוקען דערויף, מוזט איהר אבער צוגעבען אז דער מאטיוו איז דא א שעהנער, א הייליגער, און ערהאבענער.

ביי די היינטיגע אלרייטניקעס נעהט עס צו אויף א פארגרעבטען אופן. „מען שאצט די ווערט פונ'ם מענשען לויט זיין פארמעגען, לויט זיין אויטאמאביל און באנקבוך.

„דער און דער איז ווערט אזוי פיעל און אזוי פיעל".

הערט זיך צו צו דעם דאזיגען אויסדרוק און איהר וועט דערפיהלען וויפיעל פארגרעבטקיים, וויפיעל גשמיות און עם ארצ'ישעם עס ליעגט אין העם; דער מענש ווערט נים געשאצט לויט זיינע פעהיגקייטען, נים לויט זיינע מעלות, נים לויט זיינע קענטעניישען, נים לויט זיין שכל, נאר — לויט זיין פארמעגען.

ביי אידען האט יעדער שוסטער זיך געקענט איינקויפען אין יחוס, ווען ער האט נאר באקומען במתנה פון דער נאטור א באגאבטען זוהן, אן עליו, אדער א טאכטער א מושלמת. אדער אשעהנהיים.

ביי די אבער וואס שאצען דעם מענשען לויט זיין פארמעגען, שפיעלט די פראקטישקיים די העכסטע ראלע. האבסו די געלד, ביסטו א פיינער מאן, א בעל יחוס, א כבוד און אפילו א למדן.

„יחוס נא קברות" ווילען זיך אועלכע מענשען. ביי זיי שפיעלט דאס מיטשות'דיגע פארמעגען די גרעסטע און באדייטענדסטע ראלע.

אזעלכע מענשען זיינען פאראן אויך גענוג צווישען אידען.

וויפיעל וועט איהר היינט געפינען עמי ארצים מיט פולע בייטלען וואס פאר־נעהמען אומעטום דעם אויבענאן און זיינען גרויסע יחסנים!

און די דאזיגע היינטיגע עשירים יאגען זיך אויך גים נאך יחוס. ביי זיי איז אויך דאס געלד דער גרעסטער יחוס. זיי זוכען שידוכים פאר זייערע קינדער צווישען די נאך גרעסערע עשירים. עס מאכט זיי נים אוים ווער דיזע עשירים זיינען, פון וואנען זיי שטאמען און אויף וואס פאר אן אופן זיי האבען ערוואר־בעט רייכטום און כבוד.

יא, ס'איז א גרויסער חילוק צווישען די אמאליגע ביז די היינטיגע געזעל־שאפטליכע אמביציעס.

אין דיינע וועגען

(טאמארען)

פון ארטור עסעלין

אין מעגסט געהן ביז עק פון וועלט,
ארויף, אראפ, צעדרעהטען שטעג, —
געה איך אויך מיט דיר אין וועק,
עס איז קיין וואך פאר אונז געשטעלט.

הינטער דיר אויף יעדען טראט־
פאלט א ברכה שטיל אראפ,
לייכט די שכינה אויף דיין קאפ,
דו געבענשטע קינד פון גאט.

געה איך נאך דיר טראט ביי טראט־
ווייכט און היט דיך אפ מיין אויג
דיין יעדען [illegible] דיין קער און בייג,
צו זיין געבענטש ווי דו פון גאט!

אידישע נייעס

(פארטזעצונג פון זייט 5)

א קאנפערענץ פון פארשטעהער פון אל־באני, אמסטערדאם, גלאווערסוויל, טרוי תאהאוס, סקענעקטעדי און רוים. דער קאמפיין אין דיזען געגענד ווים זיך אנפאנגען דעם 7־טען מארטש. אין באַ־זאלא און סיראקיוז וועלען די קאמפיינס אנגעפיהרט ווערען אין מאנאט מארטש.

ניו דזשורזי. אין קעמדען הויבט זך דער קאמפיין מארטש דעם 14־טען. אין פעטערסאן, מארטש דעם 21טען. דזשוירסי סיטי, אפריל דעם 4טען. ניו בראנסוויק, מארטש דעם 14טען. בוירד־לינגטאן האט ביז איצט געקליבען 1,020.

פענסילווייניא: אין פיטסבורג וועט דער קאמפיין אנפאנגען אפריל דעם 5טען צווישען 14טען און 21טען מארטש וועט לען אין פארעל. שאראן באטלער ווארען. טיטיסוויל, אויל סיטי, דובויס, ניו קענ סינגטאן, פוקסטאנוויי, קאנעלסוויל און יוניאנטאן פארקומען מאסענפארזאמלונג [illegible] וועלכע מען האפט צו קלייבען די קוואטאס. מיט כהן וועט דורכ'ן מאר־טש מארטש מאכען א טור איבער איס־טערן פענסילווייניא.

[illegible] טיפוס עפידעמיע אין פוילען

די דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע מאכט באקאנט דאס זי האט נאר וואס באשטימט די סומע פון הונדערט טויזענד דאלאר אויף מעדיצין און ענהליכע זאכען וואס זענען נייטיג צו באקעמפפען די טיפוס עפידעמיע, וועלכע ווישעט יעצט אין פוילען.

די קאמיטע האט ערפאהרען צום ער־שטען מאל וועגען דער עפידעמיע ענדע יאנואר. די וערבע דעפעשע וואס האט געמעלדעט וועגען דער עפידעמיע האט אויך געמעלדעט, אז קיין זאך איז גע־טאן געווארען צו באקעמפפען די עפי־דעמיע, ניט ווייטענס דער פוילישער רעגירונג, ניט ווייטענס דעם רויטען קרייץ און ניט ווייטענס אירגענד אנדערע הילפס ארגאניזאציע.

די דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע האט גלייך זיך געשטעלט אין פארבינ־דונג מיט וואלטער בראון אין לאנדאן, וועלכער איז דער לאנדאנער פארטרע־טער פון דעם אייראפעאישען קינדער פאנד פון דער אמעריקאן רעליעף אד־מיניסטריישאן, און איהם געבעטען אז ער זאל שנעל ארגאניזירען א קאנפע־רענץ פון פארטרעטער פון אלע הילפס ארגאניזאציעס וואס אפערירען אין פוי־לען פאר דעם צוועק צו נעהמען מאס־רעגלען. נעגען דער עפידעמיע. די דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע האט [illegible] פארשפראכען צו געבען געלד שטיצע.

עס האבען זיך געבילדעט איינינע אנטי טיפוס קאמיטעס, און דר. בארים ד. באגען, דער פארטרעטער פון דעם דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע אין אייראפא האט געמאכט יעדע אנשטרענ־גונג צו ארבייטען האנד אין האנד מיט זיי.

לעצטע וואך האט דר. באגען דעפע־שירט אז א סומע פון הונדערט טויזענד דאלאר איז שנעל נייטיג אויף מעדיצין אין קאמפף מיט דער עפידעמיע, און די דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע האט גלייך דעפעשירט צו דר. דזשורים נאלד־מאן אין פאריז, דער גענעראל דירעקטאר פון דער קאמיטעט'ס טעטיגקייטען אין אייראפא, צו באפאלמעכטיגען דעפעשען גרעי אין לאנדאן צו קויפען מעדיקא־מענטען פאר הונדערט טויזענד דאלאר און ארייגשיקען זיי אין פוילען. דעפעשען גרעי איז דער פארטרעטער פון דער דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע אין לאנדאן אויף מאכען פארשיעדענע איינ־קויפע פאר דער קאמיטע.

די קייבעל דעפעשען פון אייראפא זאגען, אז פופציג פראצענט פון דער טיפוס עפידעמיע קרבנות זענען אידען.

די דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע האט אויך ערהאלטען א דעפעשע פון דר. באגען, האט ער האט ארויסגעשיקט א טייל פון דעם „יוניט" וואס ער האט מיטגענומען פון דאנען נאך אייראפא, נאך מינסק, ווילנא, קאוונא, וואהלין און איינינע אנדערע וויכטיגע אידישע צענ־טערס.

דיזע „יוניט" מיטגליעדער זעלען האַ־לען די אויפגאבע פונאנדערצופיהרען די ע[illegible] וואס דער דזשאינט דיסטריבוי־שאן קאמיטע ברענגט אפיס און וואר־שא שיקט צו די פארשיעדענע קהילות פאר רעליעף, ווי אויך די פריוואטע געלד־זענדונגען וואס אידען אין אמעריקא שי־קען דורך דער קאמיטע צו זייערע קרובים אין פוילען.

אויזער הירשפעלד, דער דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע'ס מענעדזשער פון פריוואטע געלד זענדונגען דעפארט־

מענט אין ווארשא, [illegible]עפעשירט, אז די לעצטע ליסטע פון געלד זענדונגען פאר ווארשא און די פראווינץ שטעדט, וועלען אויסגעצאהלט ווערען אין פארלויף פון א אך צייט.

דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע באקומט קביטונגען פון יאהר 1918

הונדערטער קוויטונגען פון די געלדער וואס זענען אין פארלויף פון דער מלחמה פארטיילט געווארען אין פארשיעדענע שטעדט פון פוילען און ליטא, הויבען איצט אן אריינצוקומען אין דער דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע. און די דאזיגע קוויטונגען מאכען קלאר ווי ווים עס איז געווזען די הילפס אר־בייט אין יענע לענדער אין דער צייט ווען אויך אמעריקא איז געווזען אין דער מלחמה און די היגע קאמיטע האט נישט געקענט האבען קיין דירעקטען קאנטראל איבער דער הילפס־ארבייט.

מיט דעם מאמענט ווען אמעריקא איז אריין אין דער מלחמה, האט די דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע מעהר נישט גע־קענט אנפיהרען איהר הילפס ארבייט אין פוילען און ליטא דירעקט דורך דייטשלאנד און זי האט עס געמוזט טאן דורך דער פארמיטלונג פון א נייטראַ־לער מדינה. דעמאלט האט מען אנגע־הויבען צו שיקען די געלדער צו דעם אידישען הילפס קאמיטעט אין האלאנד און פון דארט זענען זיי געגאנגען צו דעם אידישען צענטראל קאמיטעט אין ווילנא, פון וועלכען ראבינער רובינשטיין און אדוואקאט ראזענבוים זענען געווען די פארזיצענדע. דער ווילנער קאמיטעט האט די געלדער פונאנדערגעשיקט אין אלע שטעדט און שטעדטלאך פון פוילען און ליטא, און דער ארטיגער קאמיטעט פון יעדען שטאדט האט זיך אונטער־געשריעבען אויף יעדען קוויטונג פאר דער סומע וואס זיי האבען געקראגען.

אט די קוויטונגען דערציהלען עס די געשיכטע פון דער הילפס ארבייט אין יענע לענדער אין דער צייט, ווען אמע־ריקא גופא איז געווזען פון דארט אפ־געריסען. אין א פעקעל פון הונדערטער קוויטונגען פון האלענדישען הילפס קא־מיטעט איז איצט אריינגעשיקט געווא־רען אין דער דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע דורך דעם סטייט דעפארטמענט. עס וועט נעהמען א צייט ביז וואנען דער יחשבון, וואס איז דא אין [illegible] קוויטונגען עט באארבייט ווערען און עס וועט אנגעשריעבען ווערען די גענויע גע־שיכטע פון דער הילפס ארבייט אין יע־נע טרויעריגע טעג. אבער פון די דאקור מענטען איז שוין איצט צו זעהן, אז די הילפס ארבייט איז אין די שווערסטע טעג נישט איבערגעריסען געווארען, און די זאמלונגען, וואס זענען געמאכט גע־ווארען אין אמעריקא, האבען אויך אינ־טער די שווערסטע אומשטענדען דער־גרייכט צו די מלחמה ליידענדע און זיי געהאלפען.

פוילען וועט בלייבען אהן שפייז אין די ערשטע זומער חדשים ווארענט דר. באגען

„עס איז אבסאלום זיכער, אז אין פערלויף פון די קומענדע עטליכע זומער־חדשים וועט זיך אין פוילען פיהלען א שטארקער שפייז מאנגעל".

דאס איז א ווארנונג פון דר. ב. באגען אין זיין לעצטען באריכט צו דער דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע וועגען דער לאגע אין פוילען. ווי עס ווייזט זיך ארוים פון דעם באריכט, איז אויך ביי איצטיגען טאג נישט גענוג שפייז אין פוילען. דאס פיהלט זיך אבער נישט אזוי שטארק פשוט צוליעב דעם, ווייל די ארמע באפעלקערונג האט נישט קיין געלד צו קויפען עסנווארג, אזוי אז עס בלייבט גענוג אויפ'ן מארק פאר יענע, וואס האבען געלד צו קויפען וואס זיי ווילען. וואס מעהר מענשען אבער עס ווערען זיין אימשטאנד צו קויפען שפייז אלץ שארפער וועט זיך פיהלען דער מאנגעל אין פארשיעדענע פראדוקטען. און אין די ערשטע זומער חדשים, איי־דער עס וועט אראפגענומען ווערען די תבואה פון די פעלדער, וועט זיך דער שפייז מאנגעל פיהלען אויך ביי די איצ־טיגע באדינגונגען. דר. באגען ווייזט דרע ריבער אן אויף דער נויטווענדיגקייט צו שיקען וואס מעהר פעקלעך שפייז פון אמעריקא און שיקען עס וואס שנעלער, כדי די אויסגעהונגערטע אידישע באפעל־קערונג זאל האבען מיט וואס איבערצו־לעבען די שלעכטע חדשים. וואס איז שייך דער אנגענומענער מיינונג, אז שפייז אין פוילען איז בילינער, ווי דער פרייז וואס מען נעהמט דערפאר דא, איז זי געווזען טיילווייז ריכטיג בלויז צו־ליעב דער זעלבער סבה: ווייל די ארימע באפעלקערונג האט נישט געהאט פאר וואס צו קויפען און עס איז געווזען גע־נוג אויפ'ן מארק. איצט אבער, ווען דער מאנגעל אין שפייז ווערט סיי ווי־גרוים,

וועלען די פרייזען אין פוילען נישט זיין קלענער ווי זיי זענען דא.

די שפייז קופאנעס, וואס די דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע פארקויפט איצט אין איהרע אפיסעס פאר $12.50 גיבען די אידען אין פוילען א מעגליכקייט צו באקומען א פעקעל גאהאפטע געזונטע שפייז־ארטיקלען, וואס קענען אויפהאל־טען א פאמיליע פאר א געוויסער צייט. איינינע פון די זאכען, אזוי ווי קאקא, קאנדענסירטע מילך און אויל, וועלכע די אידען אין פוילען זענען נישט געוועזן געוואהנט צו געברויכען אין אזא צאהל, ווען אבער איצט אלץ מעהר אריין אין געברויך צוליעב זייער נארהאפטיג־קייט און זיי דיענען אנשטאט אנדערע פעטס, וועלכע עס איז שווער צו קריגען, און די מעהל, רייז און באב, וואס דער פעקעל ענטהאלט, קען זיין גענוג פאר א פאמיליע אויף עטליכע וואכען.

די אויטאמאבילען מיט וועלכע די דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע האט זיך באזארגט אין פוילען, וועלען זיין אימשטאנד צו ברענגען די שפייזפעק־לעך אין די ווייטסטע שטעדטלאך מיט דער גרעסטער שנעלקייט, וועלכע מען קען זיך ביי היינטיגען טאג פארשטעלען אין פוילען, און די שפייז קופאנס, וואס וועלען איצט ארויסגעשיקט ווערען, וועלען נישט מעהר ווי אין איינינע וואכען ארום ברענגען די שפייז וואהין נאר עס וועט געשיקט ווערען.

די אפיסעס פון דער דזשאינט דיסט־ריבוישאן קאמיטע, וואו שפייז קופאנעס ווערען פארקויפט, געפינען זיך:

אין גרייטער ניו יארק: 20 עקס־טשענדזש פלייס, 9 סעקאנד עווענו, מאנהעטען, 1321 באסטאן ראוד, בראנקס; 1878 פיטקין עווענו, ברוקלין. אויסער די אפיסעס פון דער דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע ווערען די קו־פאנעס פארקויפט אין די פאלגענדע פלע־צער:

אין די אפטיילונגען פון דער היברו פרי לאאן, 108 סעקאנד עווענו און 6" איסט 116־טע סטריט; די אפטיילונגען פון דער יונייטעד סטייטס באנק אויף 5־טע עווענו אין 32־טע סטריט, 77 דיי־לענסי סטריט און מעריסאן עווענו און 116־טע סטריט, מאנהעטען, און די אפ־טיילונגען פון מיוניסיפאל באנק אויף 171 איסט בראדוויי און 1783 פיטקין

א קריסטליבע שרייבע־רין וועגען ארץ ישראל

די מאדאם עליזא שאלעק איז א גוט באקאנטע שריפטשטעלערין. אליין איז זי א קאטאליקין. זי איז געפאהרען קיין ארץ ישראל פאר וויסענשאפט־ליכע צוועקען. אבער אינטערעסאנט איז ווי אזוי דיזע קאטאלישע שרייבערין האט געזעהן דאס הייליגע לאנד און די דארטיגע אידען.

איהרע באשרייבונגען זענען זעהר וויכטיג און אינטערעסאנט. זיי זיינען אויך שעהן געשריבען, מיט אזוי פיעל טאלאנט געשילדערט די סצענעס, אז דער לעזער פארגעסט זיך, צו דאס לייענט ער געדרוקטע שורות, אדער זעהט די סצענעס לעבעדיגע.

דיזע שילדערונגען, איבערזעצט ספע־ציעל פאר'ן „וועג", וועלען זיך אנהויבען צו דרוקען פון נעקסטען זונטאג־דיגען נומר „וועג".

היברו האספיטאל אסס'ן

(פארטזעצונג פון פריהערדיגע 4)

נאמען	נומער סטריט	ראנייטעד	געגעבן
ה. סאלאמאן	434 הענקאק איסט	10.00	2.50
ל. זעליג	627 פערי פארק	20.00	20.00
ל. סטערלינג	1080 הייסטינגס	3.00	.75
ע. שאכעט	562 אוקלאנד	3.00	1.00
ה. שאפירא	197 פארנסווארטה	3.00	3.00
ג. סליטצקי	109 גודווין	3.00	3.00
ס. סיגעל	251 מערבורי	3.00	3.00
ווס. ספערלינג	836 גרייאשאט	3.00	1.50
מרס. סטיין	383 הייסטינגס	3.00	3.00
ס. סטיינבערג	1954 רוססעלל	3.00	1.00
מרס. שלאקמאן	47 ברוסטער	3.00	3.00
בען סאפקין	330 אוקלאנד	12.00	3.00
מרס. שווארטץ	293 קאמעראן	.50	.50
א. שוראוויטץ	197 לייסעסטער קט.	3.00	3.00
מרס. סילבערבערג	294 קאמעראן	3.00	1.00
א. לארען	נארטהוויל, מישיגאן	3.00	3.00
ע. סאלאמאן	1223 הייסטינגס	10.00	5.00
ל. סטיין	654 הייסטינגס	3.00	3.00
רזש. זעליגמאן	95 דעוויישאן	.50	.50
וו. סניידער	490 ענטוויין	3.00	1.00
מ. שווארטץ	260 פארנסווארטה	3.00	1.00
דארא שור	232 פארעסט איסט	10.00	5.00
ה. ספיוואק	151 ווילקינס	4.00	1.00
רזש. סיגינאף	200 גארפילד	2.00	2.00
דזשאנעט טאמארין	431 הייסטינגס	3.00	3.00
סאלאמאן טאמארין	431 הייסטינגס	3.00	3.00
ה. טוקער	115 ליווינגסטאן	3.00	3.00
ס. טאטער	367 האג	3.00	1.00
וו. ע. טהאמפסאן	2046 רזשאס. קעמפ	5.00	5.00
ר. טושמאן	262 הענקאק	3.00	3.00
א. וויניקאוו	428 הייסטינגס	3.00	3.00
ה. וועלט	243 פאלמער	3.00	3.00
ס. וויסבערג	886 הייסטינגס	3.00	1.50
מ. וואולף	247 וועסטמינסטער	3.00	1.00
מ. ווילענסקי	724 אוקלאנד	3.00	1.00
ב. וויינער	918 ענטוויין	3.00	1.00
מרס. וויינדער	109 דעוויישאן	3.00	1.00
רזש. וועללער	867 הייסטינגס	3.00	3.00
א. וועליקס	282 אלפרעד	10.00	2.50
ל. ווארדען	70 וועסט בעטהון	6.00	1.00
מ. וואגמאן	207 פארנסווארטה	3.00	.75
מ. וויינגארדען	52 מערבורי	3.00	3.00
מרס. ווייס	33 קאמעראן	3.00	3.00
מרס. וועלט	243 פאלמער עוו.	3.00	3.00
רזש. וויינגארדען	243 פאלמער עוו.	3.00	3.00
ל. וויינער	241 פאלמער עוו.	3.00	3.00
מרס. וויינער	241 פאלמער עוו.	3.00	3.00
ב. יונים	559 ערסקין	3.00	3.00
א. יאפע	2224 רוססעלל	3.00	3.00
ד. יאפע	249 דעלמאר	3.00	3.00
א. יאנג	763 גרייאשאט	3.00	3.00
א. א. זאנאל	343 וועסטמינסטער	3.00	3.00
רזש. זיף	101 הענדרי	20.00	5.00
ב. זיידען	1082 הייסטינגס	3.00	3.00
ל. זאנסקי	109 דעוויישאן	5.00	1.00
מ. זאראף	211 ראוינא	5.00	1.00
ה. זימערמאן	185 ברוסטער	3.00	3.00
ל. זייד	268 הענדרי	5.00	5.00
סעם חיים	42 דעלמאר	3.00	3.00
נ. קאהען	145 אלעקסאנדרין	3.00	1.00
ה. קאהען	221 ברוידי	3.00	3.00
ל. קאהען	221 ברוידי	3.00	3.00
ה. קראוז	100 איסט סט. מט. קלעמענס	3.00	3.00
ס. קראוז	100 איסט סט. מט. קלעמענס	3.00	3.00
קאהינגער	568 קאמעראן עוו.	3.00	1.00
ס. קאראבעלניק	329 וועסטמינסטער	3.00	1.00
ס. קאהען	329 וועסטמינסטער	3.00	1.00
מ. קאפלאן	483 הייסטינגס	3.00	1.00
קאהען	101 דעוויישאן	3.00	.50
א. מ. קאהען	279 קארדאני	3.00	1.00
טשארלס קאפלאן	211 ראוינא סט.	3.00	3.00
א. קאהען	295 פוירסט סט.	10.00	2.50
דזשאו קאהען	175 ענטיעטען	3.00	.50
ל. קאהען	273 ברוידי	10.00	10.00
סעם קאהען	125 געראלד עוו.	3.00	3.00
ה. קאהען	1204½ הייסטינגס	5.00	5.00
ר. קאולמאן	557½ הייסטינגס	3.00	3.00
ס. קאהען	267 ריטשמאנד	3.00	3.00

די אייראפעאישע אידישע פרייען וועלפעיר ארגאניזאציאן

מאכט באקאנט צו אלע מעמבערס, אויך די לידיעס אוקזילערי סאסייעטיס, וועלכע האבען זיך אנגעשלאסען אן דיזער ארגאניזאציע, אז זיי זיינען געלא־דען צו קומען צום גרויסען

מאסענפארזאמלונג

וועלכער וועט שטאטפינדען אם

דאנערשטאג, דעם 27טען מאי, 8 אוהר אוענט, אין מגן

אברהם שוהל, אויף פארנסווארטה סט.

אויך די לידיעס אוקזילערי פון מגן אברהם שוהל זיינען געבעטען צו קומען און העלפען מאכען ארענדזשמענטס פאר דעם גאולה פאראד, נעקסטען זונ־טאג, מאי דעם 30טען. מיר האפען אז אלע פרויען וועלען טאן זייער פליכט און קומען.

אלע מעמבערס וועלען קריגען זייער יוניפארמס פריי.

אכטונגספאל, די קאמיטע.

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

די איינציגע אידישע ציימונג ...

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 3715

Published and distributed under permit No. ... authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson ...

PRICE 2c. DETROIT, MICH., Friday, May 28th 1920 Vol. 2, No 88 פרייטאג, מאי 28, 1920

פרעזידענט ווילסאן וועטאירט שלום רעזאלוציע

וואשינגטאן, מאי 27. — פרעזידענט ווילסאן האט היינט וועטאירט די נאקס־שלום־רעזאלוציע, אויף דעם גרונד, וואס אזא שלום מיט דייטשלאנד וואלט ארויפ־געלעגט אן אייביגען פלעק אויף דעם כבוד פון אמעריקא.

אין זיין נאטע, וואס באגלייט די וועטאאירטע רעזאלוציע, זאגט דער פרע־זידענט: „אזא שלום מיט דייטשלאנד, ענטשפרעכט ניט דעם גייסט פון די פאר־איינגיטע שטאטען אט דעם גייסט וואס האט אונז אין דער מלחמה אריינגע־שלעפט — אזא שלום שטימט ניט מיט פרייהייטען פון אונזער לאנד און מיט די פונדאמענטאלסטע פרינציפען פון ציוויליזאציע.

„איך קען ניט אונטערשרייבען די דא־זיגע רעזאלוציע ווייל איך וויל ניט ווערען קיין שותף צו א טאט, וואס וועט ארויפ־לעגען אן אייביגען פלעק אויף דעם כבוד פון די פאראייניגטע שטאטען.

„די רעזאלוציע זוכט צו עטאבלירען שלום מיט דער דייטשער אימפעריע ניט פארערנדיג פון דער דייטשער רעגירונג ...

וויטער ווייזט דער פרעזידענט אויף אז די ווערסאילער טריטי איז יע נאכגע־קומען אט די אלע פרינציפען, צוליעב וועלכע אמעריקא איז אריין אין דער מלחמה, נאר דער סענאט האט יענע טרי־טי צוריקגעוויזען, טראץ דעם וואס דייטשלאנד האט זי ראטיפיצירט.

וואס פאר א שטעלונג די אויסלענדי־שע קאמיטע פון קאנגרעס וועט יעצט נעהמען, איז דערווייל נאך ניט באוואוסט. טשערמאן פארטער, פון דער „פארייו אפעירס קאמיטע", האט ערקלערט, אז צוליעב דעם דרוק פון אנדערע געשעפ־טען, וועלכע מוזען אפגעטאן ווערען, וועט די קאמיטע דערווייל ניט נעהמען קיין שטעלונג בנוגע דער וועטאאירטער רעזא־לוציע ביז קומענדער וואך.

אין גאולה נומער „וועג"

דער נעקסטער נומער „וועג" וועט זיין א ספעציעלער גאולה נומער, וואס וועט ענטהאלטען זעהר אינטערעסאנטע לעזע שטאף.

[illegible]

דער זונטאג'דיגער גאולה פאראד

אידישע הייזער און געשעפטען וועלען דעקארירט ווערען מיט אמעריקאנער און אידישע פאהנען. — איניגע ווערטער פון קעפטיין וויס. — מארשרוט פון פאראד. — אלע היגע רבנים און רבי יואל בלוי פון ניו יארק וועלען רעדען אין די היגע שוהלען. — פאראד איינגעטיילט אין אכט דיוויזיעס.

דאס אידישע דעטראיט גרייט זיך יום־טוב'דיג מקבל פנים צו זיין קומענ־דען זונטאג די פייערונג פון דער אידי־שער גאולה. אלע אידישע הייזער און געשעפטען וועלען שעהן דעקארירט ווע־רען מיט אידישע און אמעריקאנער פאהנען.

מארשאל קעפטיין וויס בעט אין דעם נאמען פון אידישען דעטראיט, צו מא־כען דעם גאולה פאראד וואס שעהנער און איינדרוקספולער. ער בעט ניט צו זויכערען, האלטען זיך אין די רייהען און, איבערהויפט, אויספאלגען אלץ, וואס מען וועט הייסען.

[illegible]

זיבעטע דיוויזיע

א בענד מוזיק.
פאלגענדע פראטערניטיס:
א. א. ברית שלום לאדזשען (ד. הור־וויץ, דיסט. דעפיוטי).
א. א. ברית אברהם.
א. וועסטערן סטאר.
א. רוסישע און פוילישע אונט. פאר־איינען
דזיווויד הארמאקער (מיט אן. איי־געגעם בענד).
ארעסער פראגרעסיוו פאראיין.

אכטע דיוויזיע

קאנגרעגיישאן שערי צדק.
קאנגרעגיישאן בית דוד.
קאנגרעגיישאן בית יעקב.
קאנגרעגיישאן בני משה.
קאנגרעגיישאן בית המדרש הגדול.
קאנגרעגיישאן אנשי ספרד.
קאנגרעגיישאן מחזיקי הדת.
קאנגרעגיישאן משכן ישראל.
קאנגרעגיישאן מגן אברהם.
קאנגרעגיישאן אגודת אחים.
קאנגרעגיישאן בית יוסף.

זעקסטע דיוויזיע

א בענד מוזיק.

[illegible]

לעטלאנד און סאוועטען רוסלאנד שליסען שלום אפמאך

לאנדאן, מאי 29. — די לעטישע און באלשעוויסטישע שלום דעלעגאציעס אין מאסקווא האבען געשלאסען אן אפמאך, לויט וועלען רוסלאנד אנערקענט פאל־שטענדיגע אומאפהענגיגקייט פון לעט־לאנד. דיזע מעלדונג איז פארעפענט־ליכט געווארען אין די היגע אפיציעלע לעטישע קרייזען.

אן אפמאך איז געשלאסען געווארען וועגען די גרעניץ־פראגען, מיט דער אויס־נאהם פון קליינע טעכנישע איינצעלהיי־טען, ווי למשל דאס אקופירען פון דעם דריסא געגענד, וואו ס'וועט פאהקומען א פלעבעסציט. עקאנאמישע פראגען זע־נען ניט באהאנדעלט געווארען.

באהבט באלשעוויקעס ציהען זיך צוריק פון פערסיען

די פערסישע לעגאציע האט ערהאלטען א באריכט פון טעהעראן, אין וועלכער ס'ווערט געמעלדעט, אז די סיטואציע ווערט בעסער. די באלשעוויקעס, ווערט באריכטעט, ציהען זיך צוריק.

רוסישע קאמוניסטען האלטען אדריאנאפאל(?)

די ארמענער, ווי ס'זעהט אויס, באר קעמפען די באלשעוויסטישע הערשאפט אויף דער רעגירונג. ס'ווערט באריכטעט אז א ריין ארמענישע אדמיניסטראציע וועט איבערנעמען קאנטראלירען אנדריאנא־פאל וועלכע די רוסישע קאמוניסטען האלטען שוין איניגע וואכען.

גריכישע רעגירונג אנערקענט סא-לאניקער אידישע קהלה

[illegible]

דעטראיטער דעלעגאטען אויפגעפאדערט צו קומען צום אידישען קאנגרעס

[illegible]

קאונסיל געגען העברעען פעיר

[illegible]

רעליעף פאר רוסישע אידען דורך עסטלאנד

[illegible]

אויטאמאביל עקסידענטס

[illegible]

ארבייטער שטימען מאנטאג וועגען סטרייק

[illegible]

CLASSIFIED

באקאנטמאכונג

די סילווער לערער קא. 578 ריוּפּאן, טעמפּא, קויפט פאראייטענע וואַרען, לעדער און אויטאָמאָביל לעדער, אייך לעדער און לעדער בעלטינג. ספּעציעל וועגן מיר פאראינטערסירט אין נייע סעלאָניער טרופּע; מיר צאָלן 65 סענט א פונט.

פארגעסט ניט אונזער טעלעפאן נומער: מעלראָז 4610.

Real Estate

לענדלאַנדס און פּראָפּערטי אייגענטימער

לאזט זיך ניט נארען, זייט פארזיכטיג בעפאר איהר קויפט סעטעלמענט נאר... רעסטעראַנט.

פּ. ה. ה. ספּנאַמאַן, טעלעפאן מעלראָז 350, 1473 וו. טעמפּל.

באקאנטמאכונג

דיר, החלדרייבער בת משה שרעבניק, 1506 מישיגאן עוו. — איך 762 וועלט...

א. האבמאן, 440 קלינטאן.

צום פארקויפען

8 רום הויז אין 226 ...סט. פּרייז $8850 מיט $3000 ...

טאָראָנטאָ אונטערשטיצונגס פעראיין

...דעם 30 סטען מאַי...

די קאמיטע. (30

יוּשאטע קאָמפּאַ פראגענטער'ס

100 ביז 60 ...

מר. בינעסמאן!

א באַרגען

...1304 ...

אונזערע דעקאָראַטער אגענטען: דושי לעפּאָווסקי און סאם בראָווי מארקעט

צום דעקאָראַטער פּובליקום!

...

בי ריכטיג צוגעפּאסט ברילען וועט איך ערליכען און אייער טראָבעלס. נעמט צו אייער נעט באקאנטען

Froshn O. D.

אפּטאָמעטריסט

אין 204 קליינ'ס בילדינג ...וואָרד נעסטער, 308 הייסטינגס סט., קענט אייך צו ...

צו פארקויפען

3 נייע סטאָרס און פלעטס איבער מיין סטרוט אין דאַוויל אוו. פּרייז $30,000. אין צאָהלונג $10,000. פּרעגען: ...טש. 635 מיין סט.

צום פארקויפען

גוטע ביזנעס פּראָפּערטי, ...דעם נייעם נאָרט ... $18,000 ... 2255 ... (30

פאלאנגס א פאקטס

...עקספּיריענס... 247 ... (27

צו אידישע סאלראַטען און לערנער!

...אייגענע 204 ... 2:30 ...

פאָרד קארס און אנדערע קאר

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסע סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פאר קויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.

Boulevard Near Oakla

א באַרגען אין א פּיאַנאָ

...$250.00 ...$600.00 ... 1359 ...1603 (2

קאפלאַ'ס באַרגיין סטאָר

483 הייסטינגס סטריט

...

ספּעציעל

דר. ה. סטאריקאָף

דענטיסט

490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון ...

רעליאבל סטאָר פיקסטשור קא.

305 ...

טעל. 2445 ...

277 מישיגאן עוועניו

טעל. 4924 ...

דער בעסטער מוהל און שטאט און מסדר קדושין

הר' דוד גאָלדען

אין 248 איסט האַי סטריט

טעלעפאן: מיין 4420



אונזערע ספּעשעל מאשינען — אונזערע איבערגעבילדעטע מאשינען — גולדענע ... נעגל

קויפט פון מאנופאקטשורער און סייווט דעם רימיל פּראָפיט

מיר פארקויפען די בעסטע און דער ליין נעה מאשינען ... מיר געבען א ביסעל אפּגעניצטע מאשינען ... געלד ערשפּאָרן.

A. C. Payer

19 E. Jefferson

טעלעפאן: מעלראָז 1813

געלד איבערגעשיקט

צו פּוילען, טשעכא-סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניען, יוגא-סלאוויע, ... און אלע טיילען פון דער וועלט.

שיפסקארטען

פון און צו אלע טיילען פון דער וועלט ...

C. Leidich — 69 W. Fort St.

אטאמאביל עקסידענט האספּיטאל אטאמאביל אייגענטימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט זאָס צו אונז. מיר וועלען די קאר מאכען ווי ניי.

פריימס, באדיס, עקסעלס, פענדערס, ... ווערען אויסגעבעסערט.

רעדיאַטאָרס פאריכט און איבערגעדרעלט אויך עקסטשענדזשט

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 & 727 John R. St. — Glendale 7576

קאנגרעגיישאן בית משה און די רימיניגן פראטערניטי פעראיין

...דעם 30סטען מאַי ... 236 ...

די אראנזשמענט קאמיטע. (30

ראזענפעלד'ס רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט ...

30 מארבעל וואַנעס — 2 כשרה מקוואות

שאוער בעטהס — פּרייז קאסט איך צום זוהען

...

1846 אלעקזאנדער סטריט, נ. אונטען, ...טעל. 6190

מרארבעיטש פיהרער האבען זיך גע...

...אין פּאלעסטינא.

...

מאשין-פיקטשור אפּערייטארס

לערענט זיך פאר ...

Movie Operator's School

33 Sproat St

קאמט, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

ניט אייערע קינדער א מאדערנע אידישע ערציהונג ...

...204 ... 9 ביז 12.30

באקאנטמאכונג

רעוו. א. קאצער

וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען מוהל

140 ...

טעלעפאן: מארקעט 827

סער אליוער לאדוש אין נערעכט

...

רעוו. ל. ד. רייכלין פון אהבת אחים שוהל

(...) ...סדור קדושין

511 קלעמענס עווענו

טעל. העמלאק 1130 ...

שעכטער'ס דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.

טעלעפאן, משערי 5763

ווילט איהר אייערע שלעכטע שליסלען ...

מ. קאמינסקי

245 ...

וואַרע בילינ פאר סטאר-קיפּערס און פעדלערס

מאקס ראָזענסקי

353-355 הייסטינגס ...

א גרויסער אויספארקויף

סייל פאנגט אן מאנטאג

קרעקערי, אלומינום, גראניטווער און פענסי משיני

...

מ. ב. שאפּירא, 511 הייסטינגס סטריט, ...

נעלט קיין ... איירעפּא

פּיפּעלס רעליעף

פּיפּעלס רעליעף קאמיטע

490 הייסטינגס סטריט

טעלעפאן 2041

מט. קלעמענס

ווייט געוונט

...

Elkins Hotel

100 רומס, ...



...

ניו ווילא האטעל

...$25 ...

ריווערסייד האטעל

מט. קלעמענס ...

150 רומס, ...300 ...

Riverside Hotel

Mt. Clemens, Mich.

אלבאני האטעל

...

ב. מאסקאוויץ

אייער פארלאָרענע געזונט

גלענוואוד האטעל

...

לעזט דעם „וועג"

וואַרט ניט ביז וואַנען די באַרד און העלט וועט אייך צווינגען צו קויפען א רעססעפטיקאל קויפט דאס גלייך אליין

קאנקריט

גארבעדזש און אש רע-
ספעפטיקאלס

מאַנופעקטשורד ביי די

האוטאן סעמענט באקס קא.

820 לאפאיעט עוו. קאר. 21טע סטר.

אונזערע באקסעס זייגען ביליגער און בעסער פון אלע אנדערע באקסעס גע-
מאכט אין דעטראיט. מיר האלטען אונזערע רעספעפטיקאלס דיזענפעקטעט אזוי
אז קיין שום ריח קען זיך פון זיי ניט דערטראגען און דאס איז די אורזאך
וואס זיי ציהען ניט צו קיין פליגען און מיקראבען.

פרעגט אייער שכן וועלכער האט שוין אזא רעסעטיקאל

אייער נעקסטען ארדער פיר א סעמענט גארבעדזש אדער טש באקס באשטעלט
ביי אונז און דערביי וועט איהר סייווען פון 3 ביז 15 דאל. אויף אייער אר-
דער.

פעקטאַרי
820 לאפאיעט עוו
טעל. וועסט 2982.

אונזער רעספעפטיקאלס זיינען
אונטער דער אויפזיכט פון
דער באארד אוו העלט

אגענטען
יאפפעאן טאגערט
994 ענטוויין סט.
טעל. נארטוויי 4194

וואַרט ניט ביז וואנען די באַרד או העלט וועט אייך צווינ-
גען צו קויפען דעם סארט גארבעדזש באקס. קויפט דאס בא
צייטענס און פערמיידט טרא בעל.

נוי דעטראיט אפערא הויז

30
נומערן
זיסע מוזיק

פרייטאג, שבת און זונטאג
28, 29 און 30טען מאי
יאזעף רומשינסקי'ס
גרעסטע אפערעטע

גרויסער סימפאני
ארקעסטער און דאבעל
כאהר, דיריגירט
— פון —
יאזעף רומשינסקי

דעם רבי'ס נגון

אפערעטע אין 3 אקטען מיט א פראלאג פון גרשום באדער מוזיק פון יאזעף רומשינסקי.
די איינציגע אפערעטע וואס האט געבראכען דעם רעקארד פון אלע אפערעטען
אויפגעפיהרט פון גרויסען נויארקער קעסט

רעגינא פראגער ראזא קארפ

יוליוס נאטאנזאן, לואיס הייטאן, יאקאב פרענק, באריס אויערבאך, בעסי מאגולעסקא און
דאס יונגע פאארעל פעני לובריצקי און היימי דזשייקאבסאן
זאהרון אהרן חביב! — דער גרעסטער אידישער קאמיקער, דער ליעבלינג פון דער
אידישער ביהנע —

לודוויג זאץ

א כאהר פון 20 שעהנע אידישע מעכטער — א גרויסער סימפאני ארקעסטער, דיריגירט פון יאזעף רומשינסקי

900,459
מענשען האבען דאס
געזעהן שפיעלען אין
נ ו י א ר ק

טיקעטס צו באקומען אין
גארדאן'ס בוך סטאר, 541
הייסטינגס סטריט און אין
באקס אפיס פון נוי דעט-
ראיט אפערע הויז.
ט י ק ע ט ס
75 סענט, 1.00, 1.50, 2.00

א יאהר נאכאנאנד
געשפיעלט אין
סעקאנד עוועניו טעאטער
נ ו י א ר ק

מיר מופען דאן טאון

קאפלאנ'ס בארגען סטאר

483 הייסטינגס סטריט

אונזער גאנצער סטאק פון דריי גודס און דרעס גודס מוז ווע-
רען פארקויפט ניט אפשטעלענדיג זיך אויף קיין פרייז.
די בעסטע געלעגענהייט צו סייפען פופציג פראצענט אויף
יעדען ארטיקעל וועלכען איהר וועט קויפען ביי דיזען גרוי-
סען סייל.

עטליכע איטעמס פון דיזער פ יידוש וועט אייך איבערציינגען
אין דער ריכטיגקייט פון דיזען וואונדערבארען סייל.
נאך אנדערע בארגיינס זיינען פארגרייט פאר אייך ביי די-
זען סייל.
לאזט ניט דורך די זעלטענע געלעגענהייט פאר אייער איי-
גענעם בענעפיט.

דער סייל פאנגט זיך אן

שבת אבענד מאי דעם 29טען אום 7 אוהר

Kaplan's Bargain Store

483 Hastings Street

1 גרויסער לאט רעמנאנטס און ווייסע
מאזלין, בעסטע קוואליטי.
סייל פרייז —
30c
א יארד

גרויסער לאט דרעס וואשעהלס רעמנאנטס
שעהנע קאליערען.
סייל פרייז —
49c
א יארד

גרויסער לאט שורטינגס רעמנאנטס
פענסי סטרייפס.
סייל פרייז —
39c
א יארד

1 לאט 5000 יארד פון פאפלין, גינ-
גאם לינענס, פעקעי און סטייבעל קא-
ליערען.
סייל פרייז —
39c
א יארד

לידיעס זאקען
1 לאט לידיעס זאקען, ווייסע און
שווארצע.
סייל פרייז —
19c

לידיעס זיידענע זאקען
1 לאט פון פיינע לידיעס זיידענע
זאקען. אלע קאליערען.
סייל פרייז —
$1.29

לידיעס, יוניאן סוטס
לידיעס יוניאן סוטס קאליערטע און
ווייסע. אלע סייזעס.
סייל פרייז —
69c

לידיעס ווערסטס
עקסטרא סייזעס און רעגולערע. גוטע
קוואליטי.
סייל פרייז —
39c

א לאט פון נייטגאונס, קארסעטקאווערס
און בלומערס.
סייל פרייז —
$1.39

גרויסע בארגיינס אין בעדספרעדס,
בלענקעטס און קווילטענס.

מענס צוויי פיסעס באלבריגען אנדער-
וועהר און קרים.
סייל פרייז —
59c

מענס יוניאן סוטס באלבריגען. ווייסע
און קרים.
סייל פרייז —
$1,29

מענס דרעס זאקען. ווערט 39 סענט.
ווייסע, שווארצע, ברוין און גרעי.
סייל פרייז —
29c

מענס ארבייטס זאקען. 1 לאט זאקען
פארשיעדענע קאליערען.
סייל פרייז —
50c

ספעשעל אויספארקויף
מענס אנדערוועהר, געריפטע און פליעס-
לייגד.
סייל פרייז

בארגיינס
א לאט בעד-טאולס, גוטע סייז, גוטע
קוואליטי.
סייל פרייז 2 פאר 15 סענט.

א גרויסער רעדאקשאן אין מ מענס און לידיעס וואלענס
פאר סוטס, אוועקאוטס און ד"עסעס. אויך סילקס און וואו-
לענס פאר ליידיעס דרעסעס.

דער וועג
THE DETROIT JEWISH DAILY
Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY. INC.
347-49 Hastings St., Detroit, Mich. Main 3715
J. RABINOWITZ, Pres. JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.
B. I. GOLDSTEIN, Editor
(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)
Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

צום גאולה מארטש

נאך א פאר געצעהלטע טעג צום זונטאג, צום 30טען מאי, ווען אויך דאס דעטראיט'ער אידענטום וועט זיין פרייד ארויסזאגען אין גאס און וועט צו זיין פאלעסטינא־געפיהל אן אויסדרוק געבען.

האפענטליך וועט דער פאראד זיין אן ערפאלג.

און דער ערפאלג דארף פיעלפאך זיין...

עס שטעהן נאך ביז יעצט א סך אידען וויים פון דער ציוניסטישער באוועגונג; א סך אידען האבען נאך, אפילו איצט, נישט געטריבען צו לעגען א האנד אין קאמפ וואס ער לטובת דעם ציוניסטישען אידעאל און לטובת זיין פארווירקליכונג.

דער פאראד וועט בכן האבען דעם צוועק אויפצוועקען די פאראליזירטע געפיהלען ביי אט די אידען וואס אפילו די גרויסע בשורה פון סאן רעמא האט אויף זיי קיין ווירקונג נישט געהאט.

...

הייסטינגס וועט ווערען שבת'דיגער

"אין דעטראיט וועט די אידישע גאס בקרב ווערען אידישער"

אזוי האט אונז געבטען א חשוב'ער איד אנגעזאגט א בשורה.

דאס האט געהייסען, אז דער הערמאנעטער מבשר אנערקענט דאס די צייטונג, וואס מיר רעדאגירען, האט א גרויסען חלק אין דעם.

ווי באקאנט צו אונזערע לעזער האט דער "וועג" זיך באקלאגט אויף פיעלע ארטאדאקסישע אידען וואס זייערע קראמען און געשעפטען זענען קיינמאל נישט געשלאסען. ווי אלין, די קרעמער, רוהען קיינמאל נישט און זיי געבען אויך זייערע אנגעשטעלטע קיין געלעגענהייט נישט צו רוהען א טאג אין וואך; זיי אליין האוען און שמייסען ווי די ערען סיי זונטאג און סיי שבת און זייערע אנגעשטעלטע ארבייטען ווי די פערד אהן אפרוה א גאנץ קיילעכדיג יאהר.

האט דאס געהאט א ווירקונג און יענעם קריין וואוהין מיר האבען געציעלט: קרעמער וואס געהערען צו דער אידישער ארטאדאקסיע האבען איינגעזעהן אז מיר האבען רעכט, אז מיט אזא מין הפקרות פאר'מיאוס'ען זיי זיך ביי זייערע קריסטליכע שכנים און אליין זיינען זיי תמיד ווי א פערד און מאכע. אז זיי האבען קיינמאל ...

...

פעריל

צוזאמענגעקליבען פון

דר. קאפלענדער'ס

טאלאנטפאלע רעדעס און דרשות

פון השומע ואינו נשמע

די יעניגע, וואס קלעטערען אויפ'ן ברג ההצלחה, ווארפען ארונטער ביסלעכווייז זייערע פעקלעך אידישקייט, און ווען זיי דערגרייכען דעם העכסטען שפיץ ווארפען זיי ארונטער אויך דעם לעצטען פעקעל מענשליכקייט.

* * *

זיי טענה'ן: "רחמנא ליבא בעי". און ווען איהר טוט זיך אן א בת און ווילט דיהרען דאס דאזיגע הארץ, צייגט זיך ערשט ארויס, אז דאס איז אן "אבן שאין לה הופכים".

...

דאס נייע אונגארן און די אידען

...

(שלוס אויף פייזש 6)

דאס דעטראיטער טעאטער פובליקום

פון ב. י. גאלדשטיין

...

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארטזעצונג)

הינטער דער קראם האט די מרס. פינ־קעל געהאט א פאר חדרים'לעך און אין איינע פון די חדרים'לעך האבען גע־וואהנט ביז מיט חנה'ן.

ווען די מרס. פינקעל האט דערזעהן ביי איהר דער רבי'צעס קינדער, האט זי געוויינט פאר נחת און צער...

זי האט זיך דערמאנט אן די אלע טובות וואס די רבי'צין האט מיט איהר געטאן, זי האט זיך דערמאנט אן דעם שענער קארעלען, וואס די רבי'צען האט פון דעם האלז אראפגענומען און איהר אוועקגעגעבען.

קינדערלעך — האט די מרס. פינ־קעל געזאגט מיט טרעהרען — קינדער־לעך מיינע, ר' זלמנ'קעס טעכטערלעך וויל איך עהרליך האלטען. איך וועל זיי ווי מיינע אייגענע קינדער פאררעכענען, האט נישט מורא. מיר האבען א גרויסען א לעבעדיגען גאט, ער וועט אייך נישט לאזען פאלען, מרים'ל — אזא מיידעל ווי דו וועט מען דא אפגילטען. און חנה'לע — קוק נאר א שטיק גאלד! זארגט זיך נישט קינדערלעך, אזוי לעבט קאלומבוס צי מען וועט אין גאנץ אמע־ריקא געפינען אזעלכע צוויי דיימאנדען ווי ר' זלמנ'ס קינדער...

און זי האט זיי טאקע נישט געלאזט זארגען זיך.

אדאי, די מיסעס פינקעל איז נישט קיין רייכע, זי הארעוועט שווער אין דער גראסערי סטארקע. פונדעסטוועגען האט זי באין אופן נישט געלאזט אז מרים זאל באלד לויפען זוכען ארבייט. נאר מרים'ען האט מען נישט געקענט איינ־האלטען אין שטוב אן איבעריגע רגע.

— מיסעס פינקעל, — פלעגט איהר מרים זאגען — איהר זענט א דימענט־נער מענש. אייער גוט־הארץ און אייערע טובות זאל איך קיינמאל ניט פארגעסען. נאר זיין ביי אייך א גאסט, ווען איהר הארעוועט אזוי שווער, דאס איז נישט מעגליך פאר ר' זלמנ'קע רובינאוויטש'ס א טאכטער.

— קינדערלע מיינס, וואס רעדסטו — איז די מיסעס פינקעל געווארען א פאר־צאפעלטע — ווי הייסט? עס קומט דאך דער מאמען ביי מיר. לאמיך האבען די מזל'דיגע יאהרען מיט כל ישראל פאר יעדער גולדען ב'קום דער מאמען דיינער עליה השלום. ס'דיינס, קינדערלע, איך גיב דיר אפ א חוב.

נאר מרים האט מיט חשד געהערט די שבועות. זי האט ניט געגלויבט אין דער מיסעס פינקעל'ס דערצעהלונג מכח די קארעלען, באטש זי האט גוט גע־וואוסט, אז איהר מוטער האט נישט איינעם געגעבען חפצים צו פאר'משכנ'ען און בכלל קען מען אויף איהר מאמען גלויבען אזעלכע זאכען. פונדעסטוועגען איז איהר פארט ארויף אויפ'ן געדאנק, טאמער זאגט דאס די מיסעס פינקעל אומיסטען, כדי זי זאל ניט מכבוד ווע־רען. וואס טוט נישט א אידישע נשמה כדי נישט צו פארשעהמען אן ארימען? האט טאקי דעריבער מרים מורא געהאט א סענט אנצוריהרען ביי דער מיסעס פינקעל. זי פלעגט איהר אלע מאל זא־גען:

— ניין די מאמע האט פאר'ן טויט מוחל געווען, אלע וואס זענען איהר שול־דיג געבליבען. איך קען די חובות ניט איינ־מאהנען, איך האב קיין רעכט ניט דערויף. ס'האט ניט געהאלפען קיין בעטען, עס האבען נישט געהאלפען קיין שבועות די איטליבעס מאל ווען די מרס. פינקעל פלעגט דערצעהלען די מעשה מיט די קארעלען, פלעגט מרים אויפהערען און נאכדעם אין דער שטיל זיך אויסוויינען און טאקע ווייטער ניט געוואלט אין איבעריגען סענט נהנה זיין.

— וואס בין איך עס פאר אן אפטרופת צו געהן צונויפמאהנען געל־דער וואס די מאמע, עליה השלום, האט אליין מוחל געווען?

נאר אויב מרים האט ניט געוואלט נהנה זיין פון דער מיסעס פינקעל'ס טובות, האט זי אבער געפיהלט, אז נאך אזא פריינד וועט זי ניט האבען אזוי גיך.

די מיסעס פינקעל האט באמת באר אזא טאכטער טראכט דעם רב'ס טעכטערלעך, ווי איהרע אייגענע קינדער, ובפרט מרים'ען. זי פלעגט זי היטען, ווי מען היט א בת יחידה, די פרישסטע אייער, קעז און פוטער, א גוט עוף, גוטע פיש — דאס איז פאר מרים'לען געווען. זאל מען איהר געווען געבען מי יודע וויפיעל פאר עפעס א גאויינע מאכל וואס זי האט אריינגע־קראגען אין קראם, וואלט זי נישט געווען פארקויפט: — „איך האב נור דאס ביי־סעל, — פלעגט זי זאגען — האבען דאס שוין מיינע טעכטערלעך אפגעקויפט".

טעכטערלעך, אזוי טאקע. פלעגט זי זיי רופען תמיד: „מיינע טעכטערלעך".

כאמער האט זי דערזעהן מערי'ן פאר־זארגט, פלעגט זי איבערלאזען קנין ומנין און שוין צולויפען צו איהר, — מרים'ל טאכטער, וואס איז דיר עפעס? זאלסט מיר נישט פארלייקענען" —

טאמער האט מערי נישט געפיהלט אמבעסטען, איז זי שוין פון איהר נישט אפגעטראטען.

חנה'ן האט די אלטע מיסעס פינקעל אויך שטארק ליעב באקומען, און פלעגט פאר איהר איהר ביטער הארץ אויסדער־צעהלען. אבער חנה פלעגט איהר דערקו־טשען. די מיסעס פינקעל האט נישט גע־קענט ליידען חנה'ס פוילקייט און איהר פרעכהייט.

וואגען עפעס חנה'ן האט זי קיין מוט נישט געהאט. פארט ר' זלמן'קעס טעכ־טערל. און אנדערש מאל פלעגט זי חנה'ן פריבען פארענטפערען.

— זי איז נעבעך נישט קיין געזונדע, מ'דארף מיט איהר ניט זאטשעפען. מען דארף זי נישט ערגערען.

אמאל אין א זונטאג פלעגט זי פאר מרים'ען צוקלאגען חנה'ן, אז אט האט זי איהר עפעס געענטפערט צו פרעך.

מרים פלעגט שוין זעהן אז חנה זאל זיך ענטשולדיגען פאר אלע איהרע מעשים און דערמיט איז אלץ פארגעסען געווארען.

נור מיט מרים'ען האט די מיסעס פינקעל זיך געהאלטען ווי א מאמע מיט

געוואקסען מיט חכמה און מיט קענטע־ניש.

זי האט אי געהאט גרויס רעספעקט פאר מרים'ען, ר' זלמן'קען דעם רב'ס טאכטער, די לייטישע, די קענעריו און דער גרויסער פארשוין און האט זי אליין געזאגט: „מ'קען אין איהר צורה נישט אריינקוקען, קיין עין הרע, אזא שעהנ־הייט!" און אי זי האט זי ליעב געהאט, ליעבערשט. נאך אפשר אידער איהר איינענעם בן־יחיד. זי האט אהן מרים'ס עצה גארנישט געטאן, גארנישט געקויפט. זי האט געמוזט יעדען טאג הערען דעם „גוט מארגען", דעם „גוטען טאג" און די „גוטע נאכט" פון מרים'ען.

ווען זי פלעגט זיך דערמאהנען, אז עס קען דאך אמאל טרעפען אז מרים זאל זיך פון איהר ארויסציהען, פלעגט זי מיט שוידער און גרויל דעם געדאנק פון זיך אוועקיאגען. זי האט מורא געהאט דערפון א טראכט צו טאן.

— וויי'קיף, ווער ווייס, וועמעס פאר־גען ס'איז? זיך שוין אנהויבען צו זאר־גען? ווער איז עס מחויב?...

די מיסעס פינקעל האט צו שטארק ליעב געהאט מרים'ען אז זי זאל קענען רוהיג רעדען פון דער צייט, ווען זי וועט פון איהר הויז ארויסציהען זיך און וועט אן איהר פארגעסען.

(פארטזעצונג קומט)

אין פרינטינג שאפ פון „וועג"

פון א קארטעל

ביז

א גרויסע צייטונג

פון א הענדביל

ביז

גרויסע בוך

ווערט געמאכט שנעל, גוט און צו מעסיגע פרייזען

אהן א מיידעל

(ערצעהלונג) פון מרים קארפילאוו

דאס איז געווען שבת פארנאכט, ווען יעדער איינער וואס האט געהאט א מיידעל, איז מיט איהר „אויסגעגאנ־גען". און ער, בען מעשער, איז אין הויז, אין זיין שמאלער „רומעס" געזעסען, און האט ניט געהאט וועמען „אויסצוגעה־מען.

אזוי פיעל מיידלעך, האט ער גע־טראכט, זיינען אויף דער וועלט פאר־ראן, און ס'איז ניטא א י י נ ע וואס זאל זיך צו זיין געשמאק קענען צופאסען, וואס זאל איהם פארשטעהען און וויסען ווי זיין ליעבע אפצושעצען.

ער האט זיך גענומען איינקוקען אין שפיגעל צו געפינען די אורזאכע פון דעם וואס די מיידלעך ווייסען איהם ניט ווי אפצושעצען.

„ביזט שוין ניט יונג, ווערסט אלט... האט ער צו דעם וואס אין שפיגעל געטראכט, האסט שוין א סך גרויע האר און אויך די ביסעל האלטען אין אויספאלען. מיט פופצעהן יאהר צוריק ביזטו ניט אזוי געווען און דאמאלס הא־בען זיי טאקע צו דיר ליעבליך גע־שמייכעלט...

„אבער נישקשה, — האט ער זיך הורך'ן שפיגעל פרובירט טרייסטען, — ביזט דאך ניט קיין מיידעל. א מאן פון 38 יאהר איז אינגער ווי א מיידעל פון 28... דערצו האסטו א פאר דאלאר, קענסט נאך אז דו זאלסט שטארק וועלען, קריגען א מיידעל. מ'דארף נאר דעם מוט ניט פארלירען. מ'דארף אין הויז ניט זיצען, מ'דארף זוכען, זוכען, און אז מען זוכט — געפינט מען".

און ער איז אוועק ז י זוכען.

א צייט האט ער זיך אין די טר־מעלדיגע סטריטען ארומגעדרעהט, מיער געווארען און איז אין א דערביאייגען מאווינג פיקטשור פלאץ אריינגעגאנ־גען.

ער האט מעהר ארום זיך ווי אויפן לייוונט געקוקט, א מיידעל, וועלכע האט איהם אויסגערוקט צו זיין באקענט — דערזעהן. זי איז מיט נאך איינער גע־זעסען. איהרע אויגען האבען זיך א פאר מאל מיט זיינע בליקען באגעגנט...

דאס איז זי, די, זי! האט ער אין געדאנקען הויך אויסגעשריען און שוין רוהיג ניט געקענט מעהר אויף זיין ארט איינזיצען: זי איז געווען די יעניגע וועלכע ער האט נאך אמאל, אין דער אלטער וועלט, געקענט. זי אמאל אהיים ביז'ן טיר פון איהר הויז באגלייט. איהר א סך קאמפלימענטען געמאכט, און, דאכט זיך, ער געדענקט שוין ניט, זיך צו איהר אין ליעבע ערקלעהרט. זי איז דאן פון א סך „אובאזשעוואטיע־לעס" ארומגערינגעלט געווען. אזא לעבע־דיגע מיט סאמעט־ווייכע שווארצע לא־בענדיגע אויגען צו אלעמען געשמייכעלט. איצט, ווייזט אוים, האבען זיך ביי איהר אויך אמאליגע יאהרען גע־פעהלט. זי זיצט אין מאווינג פיקטשורס און ניט מיט איינעם נאר מיט איינער...

דאס האט איהם שטאלץ און מוט צוגעגעבען. אזוי גיך ווי א „סיט" האט זיך געבען איהר אפגעליידיגט, האט ער איהם פארנומען און זיך צו איהר גע־ווענדעט מיט דער ביטע זי זאל אויף איהם קיין פאראיבעל ניט האבען; דאכט זיך אז ער דערקענט זי און, דערקענט זי איהם ניט? האט זי איהם ג א ר פארגעסען?

זי האט זיך גענומען דערמאהנען אויב זי געדענקט ווער ער איז און... דערקענט: בעריל מעשערזאוויטש.

ער האט זיך דערפרעהט וואס זי האט איהם דערקענט. הייסט עס אז ער האט זיך נאך ניט אזוי געענדערט... אפשר וואלט זי מיט איהם וועלען הא־בען סאפער צוזאמען מיט... איהר פריינדין אויך? ביים צובייסען וועלען זיי זיך אן אמאליגע יאהרען דערמאהנען.

קענטיג אז זי איז פאר דעם דער־מאהנען די אמאליגע יאהרען ניט־איבע־ריגעס באגייסטערט געווען. זי האט זיך פון סאפער העפליך אפגעזאגט, איהר פריינדין האט איהם מיט איהרע בליקען אפגעמאסטען און זי ביים האנד א ציה געטאן, וואס ס'האט אויף איהר שפראך געמיינט: „ס'א נודניק? דארף'ן זיך פון איהם אפטשעפען".

דאס איז אבער גרינגער צו זאגען

ווי צו טאן. דער בחור האט ביי זיך געפאסט א באשלוס זיין לאנדסמיידעל פון אויג ניט אפצולאזען. ער האט נאר געזוכט צו געפינען די געלעגענהייט איהר אין דער אפערא אדער היפאדראם איינצולאדען: נישקשה, פון אזעלכע זא־כען וועט זיך א מיידעל קיינמאל ניט ענטזאגען. א מיידעל גלייכט אז מען נעמט זי אוים. אויב ניט אזוי צו־ליעב'ן אויסגעהן איז אויף צו קענען זא־גען פאר אנדערע דאס מען האט זי אויסגענומען...

ער איז גלייך מיט זיי פון דעם מו־וינג פיקטשור פלאץ ארויס און זיי זיי־נען אין סטרים ארומגעגאנגען. ווענען פארשיעדענע זאכען גערעדט. איבער־הויפט פון דעם וואס ס'איז אמאל גע־ווען. איהם איז זעהר געפעלען געווען איהר אלס א שותף מיט דעם א מ א ל צו מאכען... ווען איהר פריינדין האט זיך מיט איהר ביים טיר פון איהר הויז אפגעזעגנט האט ער פרייער אויפגע־אטעמט. איצט, האט ער געזאגט, פיהלט ער ווי זיין הארץ אין גאנצען פאר איהר צו עפענען!

און ער האט זיין הארץ געעפענט: ס'איז שלעכט פאר איינעם צו זיין אליין א מענש דארף האבען א פריינד. אלע זיינע חברים האבען שוין לאנג חתונה געהאט, נאר ער איז אזוי, אהן א לע־בענס באגלייטערין געבליבען. און די יאהרען געהען. געפינט זי ניט אז די יאהרען געהען?

זי געפינט, האט זי געזאגט, אז יא, זיי געהען... נאר איהר ארט ניט... זאלען זיי געהען...

[illegible] האט ער איהר ניט געוואלט גלויבען: קיינער וויל ניט אז די יאה־רען זאלען געהען, א ז ו י אוועקגעהען? קיינער ניט! און ער ועהט דאך, איהם קען מען ניט נארען: איהר איז דאך אומעטיג. אויך זי בענקט נאך א פרינד. אלזא, זי האט קיינעם ניט און ער האט קיינעם ניט, טא זאלען זיי זיך אפשר איינס ס'אנדערע האבען?

ער מיינט, — האט ער זיינע לעצ־טע ווערטער געזוכט צו ערקלעהרען, — גארנישט. דאס הייסט, ער איז נאר אויס־סען צו האבען. אימיצען, ניט אבי ווע־מען, פארשטעהט זיך, וועמען אויסצו־נעהמען, ווייל ער נעהט אוים פון אר־סעט און עלענד פון זיין שטענדיג אליין.

זי האט א וויילע נאכגעטראכט און איהם צוגעזאגט צו באקענען מיט א מיידעל, וועלכע ער וועט קענען אויס־נעהמען. ווייל זי אליין קען ליידער מיט איהם ניט אויסגעהן...

נו, וועט זי ניט אליין, נאר מיט יענער מיט איהם געהן! — האט ער אויסגערופען און אויף גיך געפרעגט, ווען זי?

זי האט געזאגט דאס זי וועט זעהן... און איהם אין נאמען פון דער שפעטי־נער שטונדע געבעטען זיך לאזען א גוטע נאכט זאגען.

אין א וואך ארום איז ער צו איהר געקומען. זי האט שוין פאר איהם די מיידעל אויף אויסנעהמען געהאט צו־געגרייט. ער האט מיט'ן קוק יענע מיי־דעל אפגעשאצט און ענטשלאסען גע־זאגט אז ער וויל מיט קיין אנדערע אויסער זיין לאנדסמיידעל נ י ט ריידען. און עס איז איהר פליכט דעם אוועגט אין גאנצען איהם אוועקצוגע־בען, ווייל... נאך דעם איז ער צו איהר געקומען.

צו איהר זיינען נאך איינינע מייד־לעך און יונגע לייט געקומען. זי האט איהם מיט, ווי די מאדע איז, גע־וואלט באקענען, און ער איז דערפאר אויפגעבראכט געווארען: ווי פארשטעהט זי דאס ניט, אז א יונגער מאן (ה. ה. ער) קומט צו א מיידעל וויל ער מיט איהר אליין פארברענגען און זי דארף האבען גענוג שכל קיין אנדערע צו דער צייט ניט צונויפרופען?! לאס איז דא, א חתונה? אך, די יאהרען, די יאהרען! דאס ראמאנטישע איז אין איהר פאר דער צייט אבסאלוטנע פארשוואונדען! זאל זי זיך זעהן פון זיי ווי עס איז אויסצודרעהען, זאגען דאס זי האט א גאסט — וועלכען זי

האט יאהרען לאנג ניט געזעהן און וויל מיט איהם אליין פארבלייבען...

זי האט איהם גוט באטראכט, אזוי ווי עס באדארף צו זיין אנגעקוקט און, לעבעדיג אלעמען געהן שפאצירען. זי וויל פרישע לופט. זי פיהלט דאס נאך אביסעל און זי וועט אין הויז דער־שטיקט ווערען...

ווי א צום טויט פאר'משפט'ער איז ער אלעמען נאכגעגאנגען. אלע זיינען געגאנגען פארשווין אדער צו עטליכע, נאר ער האט זיך אן איינצעלנער נאכ־געשלעפט. ער איז ווי נאך דער ולוה פון די אמאליגע יאהרען געגאנגען...

און קומענדיג צו זיך האט זיך איין זאך אין זיין אויסגעליידיגטען מח אויסגערדט: אהן א מיידעל, אהן א מיידעל, אהן א מיידעל...

בילדער פון דער פראווינץ

פון יצחקי

א.

„יעקאפא"

דער נאמען פון דער פאפולערער הילפס־ארגאניזאציע „יעקאפא", וועלכע האט געהאט איהר מקור אין רוסלאנד, איז א פנים חדשות צווישען די טראדי־ציאנעלע נעמען פון די פארשיעדענע אידישע חברות וכדומה.

דער איד, וועלכער איז פון קדמונים אן איינגעטונקט אין די פארשיעדענע חברות ווי: תומכי עניים, לחם אביונים, בקור חולים, לינת הצדק, הכנסת אורחים, הכנסת כלה, תלוית המת וכדומה, ניט האבענדיג אן השגה פון אזא משונה־דיגען נאמען ווי „יעקאפא", באטראכט מיט א באזונדער התפעלות די אותיות, ברעכט דעם מח אויף זייער באדייטונג, מאכט פארשיעדענע צירופים, חשבונ'ט גימטריאות, ווייל מגלה זיין אין זיי סודות און רמזים. אבער עס קומט גאר־ניט ארויס. אויף א זיצונג פון קאמי־טעט נעהמט מען זיך קודם כל צום נאמען: „מה ילמדנו זה?" וואס איז דער פשט פון „יעקאפא"? זאל דאס שטאמען פון דעם ווארט „קאפ", די קאפ פון אלע הילפס ארגאניזאציעס אדער פון העב־רעאישען ווארט „קופה", א פושקע — איז דאך איבעריג דער „יע". אלא, וואס דען? עס איז אויפ'ן נאמען פון דעם באוואוסטען אמעריקאנער נדבן „יעקאפ שיף", איז די קשיא: וואס האט עפעס ער אליין זוכה געווען צו אזא כבוד?... הכלל מען אמפערט זיך ביז עס בלייבט ביים עולם מען זאל א פרעג טאן ביים „דעלעגאט" בכבודו ובעצמו בשעת ער וועט באזוכען דאס שטעטעל, און בשעת הפנאי, זיצענ־דיג מיט דעם דעלעגאט ביי א גלע־זעל טעע, נעהמט מען זיך אן הארץ און מען טוט כלומרשט, אגב אורחא, א פרעג מכח דעם פירוש פון „יעקאפא", פון וואנען נעהמט ער זיך, און זיין באדייטונג? און אז זיי באקומען א תשובה, אז דער שורש איז פון די אנ־הויב רוסישע ווערטער: „יעווריסקי־קאמיטעט־פאמאשטשי" — בלייבען זיי ווי פארשעהמטע: געזעהן א ביסעל? אזא נארישקייט און ניט געקענט אליין טרע־פען... און עס בלייבט בהסכם כולם פארלייגען „יעקאפא" צופאסען זיך אן אנדער נאמען, א מעהר אידישלעכערען נאמען...

ב.

חרם.

„בידוע האבען די רבנים אין אונזערע פראווינציאנעלע שטעדטלעך אויסגער־פען א חרם מען זאל ניט ארויספיהרען קיין לעבענסמיטעל פון שטעדטעל, כדי אויף אזא אופן קעמפפען מיט דעם יקרות. שטענדיג האט עס אבער געהאל־פען ווי א טויטען באנקעס...

אין אנדערע מקומות, למשל אין א י וו י ע, ד י וו י נ י ש א ק וו א ל א ז ש י ן, ה א ר א ד א ק און נאך, האט מען געמאכט אן אפצאהל אויף סחורה, וועלכע מען פיהרט ארויס, א מין סחורה־קראבקע, און פארפעס־טיגט מיט א חרם: קיינער האט ניט דאס רעכט צו קוילען א בהמה, אן עוף, ארויספיהרען זאלץ וכדומה, איידער ער צאהלט ניט־איין אין ועד־הקהל א האלב פראצענט פון פדיון. ווי־לענדיג צי ניט־ווילענדיג האבען זיך אנדערע אונטערגעווארפען דעם גזרדין, אנדערע אבער האבען זיך קאטעגאריש ענטזאגט, און ניט געוואלט מקיים זיין בשום אופן. אין דווינישאק, למשל, האבען די קצבים מודיע געווען אין בית המדרש בפה מלא, אז אויב מען נעהמט ניט אראפ דעם חרם פון בהמות וועלען זיי קוילען ביי קריסטליכע שוחטים... אין וואלאזשין און הארדאק האבען זיך איינינע גרויסע סוחרים אויס־געלאכט פון דער קהלה און אויסגע־באטעלט אויף איהר אלע ביזוי חלומות...

פארדריסט עס די וואלאזשינער קהלה — קלייבען זיי צונויף אויף אן אסיפה רבה די גאנצע אידישע באפעלקערונג און רופען אוים א חרם, א נעזעצשאפט־ליכען באיקאט בלע"ז, אויף הדריי

„מורדים": קיינער טאר מיט זיי קיין מגע ומשא האבען, ניט ריידען מיט זיי, ניט קויפען ביי זיי און ניט שטעהן אין זייערע ד' אמות... לאכען זיך אוים די דריי בעלי בתים חשובים: מיר קענען אייך, מיר ווייסען אייך און פארשטעהן די באדייטונג פון אייערע חרמים...

דאס מאל איז אבער דער חרם געווען ניט אויף קאטאוועס: טרעפט זיי אי־מיצער אין גאס, פלעגט ער זיך אפ־קעהרען אן א זייט, פלעגען די מוחרמים געבען ווענען די האנד פלעגט מען אנטלויפען וואו פעפער וואקסט. פלעגט קומען א זייטיגער איד פון שטעדטעל, וועלכער איז נאך ניט געווען באקאנט מיט דעם חרם און געהמען ריידען מיט זיי, פלעגט מען איהם גלייך מודיע זיין — פלעגט ער זיך שלאגען „אשמנו" און ניט וועלען מעהר אנקוק־קען זיין פרצוף.

סופו של דבר: דריי טעג האבען זיי אויסגעהאלטען און אויפ'ן פערטען טאג האבען די „העלדישע מורדים" אנגע־קלאפט אין די שויבען פון די ראשי הקהלה ((אין וואהנונג אריין געהן טא־רען זיי ניט אלס מוחרמים) און געבע־טען רחמים מען זאל זיי מוחל זיין.

בילדער פון דער פראווינץ 2

זיי וועלען זיין גוט און פרום, הערען וואס די קהלה זאגט און וואס אלע גוטע אידען זאגען, נאר נעהמט פון זיי אראפ דעם חרם. נאך פיעלע בקשות און תחנונים איז די קהלה אויף אן אלגעמיינער פארזאמלונג פון שטעדטעל מרוצה געווארען אראפצונעהמען פון זיי דעם חרם. דער פועל יוצא איז: די דריי אידען ציינען איצט די ערשטע אויף יעדער דבר שבצדקה...

אן עהנליכער חרם איז ארויסגערופען געווארען אין הארדאק אויף א אידען. דער ועד הקהל האט זיך אבער געלאזען גוט באצאהלען. דער „תקיף", דער מוחרם, האט באצאהלט קנס לטובת דער קהלה דריי טויזענד מארק.

אויף נויפיעל דער חרם שפיעלט נאך ביי היינטיגער צייט א גרויסע ראלע און האט א גוואלדיגע השפעה — קען דיע־נען דער פאלגענדער זעהר אינטערע־סאנטער פאקט:

אין וואלאזשינער קהלה איז גע־גנב'עט געווארען 2 זעק ווייצענע מעהל, איין זאק געביילטע מעהל און א זאק רייז, וועלכע האבען געהערט דער קינדער־קיך. מען האט גלייך צונויפגע־רופען אן אסיפה און אויסגערופען א פרס, דערביי איז ער אויסגעפיהרט גע־ווארען בכל משפטו וחוקתו: מיט שווארצע ליכט און מיט א מטה. אויף מאר־גען האט מען געפונען אויסגעקלעבט צעטלען אויף א צעבראכענעם חומש בזה הלשון: מיר, וואלאזשינער גנבים, פאדערען פון ועד הקהלה אראפנעהמען גלייך דעם חרם; אויב ניט, וועלען מיר אונטערצינדען גאנץ שטאט און „וועסטי מירו" — די גאנצע וועלט הייסט עס.

דער ועד הקהל האט גלייך צונויפגע־רופען אן אסיפה פון גאנץ שטעדטעל און פ א ר ש פ ע ט י ג ט דעם חרם, אויף מארגען האט מען אפגעווארפען די גאנצע גנבה.

ג.

גאט'ס שטראפטשעס.

בנוגע דער אלגעמיינער לאגע פון די קולטורעלע אנשטאלטען אויפ'ן פראווינץ דארף נאך אויספיהרליך געשריעבען ווע־רען. דאך וועט ניט זיין איבעריג אויס־סטירען עטליכע בילדלעך, וועלכע גי־בען אונז זא באגריף, ווי אזוי דעם בורא־עולם'ס קאזאקען באציהען זיך אין אנדערע ערטער צו די אויבענדערמאנטע אנשטאלטען.

אין גרוים מאלעטשניק איז אין דער סמעטע, וועלכע מען האט צוגעשטעלט „יעקאפא", ניט אריינגעשטעלט געווארען די בקשה אויף א ביבליאטעק, ווארום אויב מען וועט געבען געלד, מוז מען דאך קויפען ביכער, און די לעצטע מוזען אויף זיך האבען, לויט דער מיי־נונג פון עטליכע קאמיטעט מיטגליעדער, א „צענזור", א גוטע בדיקה צו עס איז ווארט ניטא קיין טריף־פסול. היות ווי אויף אזא גרינדליכע „רעוויזיע" איז לעת־עתה קיין צייט ניטא, איז לכל הדעות געזונטער הן פאר דער יוגענד הן פאר'ן קאמיטעט מען זאל הערוויל מיט דער ביבליאטעק אפהאלטען...

אבער די מאלעטשניקער יוגענד האט אראפגעלאזט דעם קאזיראק און גע־זאגט: „לא פירלתי", און גענומען זיך ווייטער פאר'ן זאלץ... איז אין ראדין אויסגעבראכען צוליעב דער ביבליאטעק א מחלוקת עד לב השמים.

עס האט זיך פארגלוסט דער ראדי־נער יוגענד מיט'ן ועד הקהלה בראש צו זיין „ככל הגוים": עפענען א ביב־ליאטעק ווי אין אלע שטעדטלעך. קא־נען אבער אזא חלול השם ניט פאר־

(שלוס אויף זייטע 6)

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
פון אפיס: 347-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715

אלמנות און פארזעסענע

פון ב. י. צ—ן

איך וויל דא דערצעהלען איין באקאנטען פאקט, וועלכען עס האט דער־צעהלט דער ענגלישער טוריסט דאנגא:

„אן עלטערע פרוי האט דעם טוריסט אמאל אפגעשטעלט אין וועג און געבעטען א נדבה. „איך בין אן אלמנה" — האט זי איהם געזאגט און האט זיך באלד פארבאסערט: — „דער אמת איז, אז איך בין נאך אומגליקליכער איידער אן אלמנה, איך בין אן אלטע מויד".

דער טוריסט האט זי באטראכט א רגע און דאן זי געפרעגט: — מיט וועלכען איז אן אלטע מויד אומגליקליכער פון אן אלמנה?"

— מיט וועלכען? — האט זי פארוואונדערט איבערגעפרעגט — יא דאס איז א פראגע, נאר מיין הערר. פארשטעהט אליין אז אפילו די אומגליקליכס־טע אלמנה האט דאך אייך געהאט אמאל תענוגים, איהרע גאלדענע טעג נאך דער חתונה, איהר חופה־טאג, די ערשטע מוטער־לעפיהלען. נון, ווערט זי שפעטער אומגליקליך און פארגעסט אן דעם אמאל יגען גליק. האבט מיר אז ווען אימי־צער האט אמאל אביסעל גליק און ווערט דאס נאכדעם אן איז א סך ווענינער אומגליקליך איידער יענער, וואס האט קיינמאל פון קיין גליק ניט געוואוסט.

אט אין דיעזען ענטפער, האט די פרוי ארויסגעזאגט דעם אונטערשיעד פון אן עלענדער אלמנה ביז אן עלענדער פארזעסענער פרוי.

איך האב געהאט היינט ברעה צו שרייבען וועגען דעם כלל טוערין פון מאנכע אידישע פרויען און פון דעם רוב פארזעסענע ניט אידישע פרויען.

עס מאכט נאר ניט אויס וואס מען זאגט אז די געזעלשאפטליכע ארבייט פון פיעלע פרויען איז ניט מעהר ווי א פארלאנג ארייצוקומען אין א העכערע, רייכערע ספערע.

אדרבה, עס איז גאנץ פארשטענדליך אז אפגעבענדיג זיך מיט א כלל אדבייט קען מען ניט און זאל מען ניט פארבלייבען אין די ארימע ספערע. תמיד איז עס ווינשענסווערט אז אויב מען וואדפט זיך אריין אין ארבייט זאל מען זעהן אז די ארבייט זאל ברענגען גוטע רעזולטאטען און עס איז אלע מאל לייכטער דעם דאזיגען צוועק צו דערגרייכען אין די „הויכע פענסטער" פון אונזער געזעל־שאפט.

און בכלל שטערט קיינעם ניט דער מאטיוו פון דעם אדער יענעם כלל טוער. עס איז אויך קיין עולה ניט וואס דורך דער אדער יענער וואהלטעטיגער ארבייט דערגרייכט די אדער יענע כלל טוערין א העכערן סאציאלען שטאנד.

דאס הערלייבען א העכערן סאציאלען שטאנד איז ניט אזא פארברע־כען דער עיקר איז אז מען באנוצט זיך דערמאלט ווען מען האט שוין די אמביציע דערגרייכט.

סאציאלע אמביציעס, אדער ריכטיגער געזאגט: די אמביציע ניט צו זיין הלענגע פון די וואס שטעהען אויף העכערע פעדעסטאלען, איז פאראן ביי אונז אלעמען. דער קרעמער באמיהט זיך צו ווערען אזוי הויך ווי זיין שכן, דער אר־בייטער צו קענען די ארבייט אזוי גוט ווי זיין חבר, דער שרייבער צו ווערען אזוי פאפולער ווי זיין קאלעגא אין די שבנה צו געהן אזוי שעהן אנגעטאן ווי איהר בעל חבית'טע. אפילו גנבים, זאגט מען, האבען אויך אזא מין אמביציע: דער קליינער קעשענע גנב, אדער דער וואס גנב'עט הינטלעך קרייט פון א גארטען, דאפט ווען ס'ניט ארויפציארבייטען זיך און קענען בא'גנב'ענען געלד־קאסעס אין בענק, אדער אין רייכע געשעפטען.

דאס שלעכטיגקייט איז וואס זעהר פיעלע פון אונזערע הויך־פענסטער־דיגע ווילען פארדעכענט זיין פאר דער „סמעטענע" ניט דורך זייערע גוטע מעשים נאר דורך זייער גע'ירש'ענטען הייבען שטאנד אדער אראנק זייערע דימענטען און רייכע באנק ביכער.

פונקט ווי א סך גנבים מיינען אז דערמיט וואס זיי וועט זיך איינגעבען צו'גנב'ענען דימענטען, אדער אויס'גנב'ענען א באנק, וועלען זיי קענען פאררע־כענט ווערען צווישען דער אריסטאקראטיע פון די „גאבט העלדען", פונקט אזוי זיינען פאראן אזן א שיער מענשען, דווקא צווישען די מאנ־העלדען וואס מיינען אז מיט צירונג, דורך רייכע באנק ביכלאך אדער דורך שעהן געמעבלירטע הייזער וועלען זיי קענען ווערען חשובים ביי דער וועלט און מען וועט זיך מיט זיי רעכענען ווי מיט די מזרחיזיצער פון אונזער געזעלשאפט.

ליידער איז דאס אזוי נאך היינט צו טאג.

אי זרעים יאגט מען זיך נאך רייכטום. דער וואס פארדיענט טויזענד דאלער א יאהר איז אמביציעז צו שטעלען זיך אויף דער שטופע וואו עס שטעה־ען יענע וואס פארדיענען צעהן מאל אזוי פיעל.

און מארגע ווי. עס האבען זיך אוועק געשטעלט די פארשידענע „שטאנדען" דער שטאנד פון א בראנפען פאברקאנט, וועמעס צוועק איז צו פארערגערן זיינע מיטמענשען, שטעהט העכער, פון דעם גראסערי מאן, וועמעס צוועק איז געזונ־דער צו מאכען זיינע מיטמענשען; דער שטאנד פונ'ם וואדעוויל שוישפיעלער שטעהט העכער פונ'ם בית מדרש בחור: די אקטריסע האט מעהר כבוד פון דער רבי'צין און די נארישע אלרייטעניצע שטעהט אויף א העכערן געזעלשאפטלי־כען שטאנד ווי די ארימע פאעטעסע.

אבער ווען ס'קומט צו צו א הויכען שטאנד דורך פלייסיגער און צומאל שווער־רער כלל ארבייט איז דובט זיך דער שענסטער וועג. זאלען די פרויען וואס געבען זיך אפ מיט כלל ארבייט האבען וואס פאר א מאטיוו זיי ווילען. קיינער איז ניט מחויב אייסצושפיאנירען ענעמס האריז. מיר דארפען זיך רעכנען מיט דעם פאקט און מיט די רעזולטאטען. און זיינען די רעזולטאטען גינציגע און נאבעלע, מעגען די מאטיוען זיין אפילו א סאציאלע שטרעבונג, א הויכען געזעלשאפטליכען מצב, דארפען מיר זיך דערמיט ניט רעכענען.

אין די ענגלישע שפרעכענדע לענדער זענען די מעהרסטע כלל טוערינס די עלטערע פארזעסענע מיידלעך, אויב זיי פארנעהמען זיך ניישט מיט אזא ארבייט וואס פארשאפט זיי אביסעל תענוג, מוזען זיי נאכדעם אין די עלטערע יאהרען מקנא זיין די אלמנה, אט ווי יענע פרוי וואס האט גערעדט מיט דעם טוריסט.

דאס נייע אונגארן און די אידען

(שלום פון פיודוש 4)

אונגארישע ענינים, זאגען נביאות וועגען נייע סאציאלע קאנפליקטען און וועגען דער מעגליכקייט, אז באלשעוויזם זאל זיך צוריק באווייזען. ס'איז קלאהר, אז דיעזער צושטאנד איז געפעהרליך פאר דער עקאנאמישער לאגע פון די אידען, וועלכע לעבען ניט אויס'ן לאנד און פארנעהמען זיך מיט האנדעל און קליינער אינדוסטריע. אבער אין א רואי־גירטען לאנד עקזיסטירט ניט קיין האנ־דעל. אין דער ווירקליכקייט פראגע־סירט זעהר שנעל די פאראדימקייט פון דער אידישער באפעלקערונג. און דער רעזשים פון סיסטעמאטישער פלונדערונג וועט די אידישע לאגע געוויס ניט פאר־בעסערן.

אן אינטערזוכונגס קאמיסיע

גראף אפאני*) ווארט אויף דעם שלום־ אפמאך וועלכער ווערט דיקטירט פון די אליאירטע. דיעזער שלום מוז זיין א שרעקליכער. ער טאר ניט ערנידע־ריגען דעם אונגארישען שטאלץ, ער דארף געבען אונגארן די מעגליכקייט אומצוקעהרען זיך צו א נארמאלען לע־בען. אבער, צו דער זעלבער צייט, מוז ער ארויפלעגען אויף אונגארן באהאנג־גען, וועלכע זאלען גאראנטירען די עלע־מענטארע רעכט פון אלע איהרע איינ־וואוינער, הארמאניש צוזאמענלעבען פון אלע קלאסען, אומאפהענגיג פון ראסען און רעליגיעזער פארורטיילען. די אלי־אירטע מוזען, אום צו מאכען א סוף צו די פאגראמען, צו די גרויזאמקייטען און פארפאלגונגען פון די אידען אין אונ־גארן. אי זאין דיעזען הינזיכט וואלט אן אינטערנאציאנאלע אונטערזוכונגס קא־מיסיע וועגען דער אויפפיהרונג פון דער אונגארישער רעאקציע פיעל מעהר ביי־געטראגען צו אן אונגארישען שלום, ווי דאס וועט פארווירקליכען איזגענד וועל־כער שלום אפמאך. אזא קאמיסיע איז נויטיג, ווייל די אונגארישע אידען, טער־ראריזירט דורך די באאמטע, וואגען ניט צו שיקען אין פאריז א פארטרעטער, וועלכער זאל דארטען זיך באקלאגען גע־גען דער אונמענשליכער באהאנדלונג צו וועלכער זיי זענען אונטערווארפען.

*) גראף אפאני האט די לעצטע טעג רעזיגנירט פון דער אונגארישער פריע־דענס דעלעגאציע. רעד.

בילדער פון דער פראווינץ

(שלום פון זייטע 5)

טראגען די ראדינער צבוע'קעס מכל זמנים. און באמת, ראדין וואס איז כל ימיה געווען אן אוהל של תורה, אויסגעבויט א ישיבה לצבי ולתפארת, ווי קומט זי צו אזא פריצות? ווי קומט זי צו אזא ביבליאטעק, וואו עס קומען זיך צונויף אינגלעך מיט מייד־לעך, אז פאר זייערע אויגען געהן אוים ממש פאר הונגער די שארית־הפליטה, די 9—10 ישיבה־בחורים און די שטעך־טעל טראכט וועגען זיי אפילו ניט — איז הא לא קשיא, מען מוז די בעלי־עוה־ניקעס עוקר מן השורש זיין. מאכט מען אסיפות, הרשה'נט מען וועגען דער סטרא אחרא, און מען שיקט

D&C LAKE LINES
A Vacation Trip That Satisfies
THE summertime will soon be here and with it the joys of a vacation trip. Where are you going? The Great Lakes is the mecca for particular and experienced travelers on business and pleasure trips. The D. & C. Line steamers embody all the qualities of speed, safety and comfort, the freedom of the decks, the cool refreshing lake breezes. D. & C. a Service Guarantee.
Daily Service May 1st between Detroit and Buffalo. Leave 6:00 P. M. Arrive destination 9:00 A. M.
Daily Service April 1st between Detroit and Cleveland. Leave 11:00 P. M. Arrive destination 6:15 A. M.
MACKINAC ISLAND
Service June 14th to Sept. 11th. 3 trips per week June 14th to July 1st. July 1st to Sept. 11th, 6 trips per week.
Between Detroit and Buffalo Use Your Rail Tickets
Send 2c Stamp for Illustrated pamphlet and map of Great Lakes. Address L. G. LEWIS, G. P. A., Detroit, Mich.
DETROIT & CLEVELAND NAVIGATION CO.
A. A. SCHANTZ, President and General Manager.
J. T. McMILLAN, Vice-President.

בפועל ממש מיט טויטע קללות און עס קומען פאר סצענעס צווישען טא־טעם מיט קינדער, צווישען שווער און איידעמס נאר כבשנים קדמוניות. און נעקריגט האט מען דעם אנשטאלט מיט'ן נאמען „תיפלה" און מכריז גע־ווען: ווער עס וועט געהן אין „תיפלה" אריין וועט ניט האבען קיין חלק לעולם הבא... אויך די טויטע האט מען ניט געלאזען צורוה: די דירה אויף א ביב־ליאטעק איז געדונגען געווארען ביי די יורשים פון א אידען, וועלכער איז שוין לאנג אויפ'ן עולם האמת. דאס האלט אבער ניט אפ די ראדינער שווארצע קליקע פון זייער הייסען וואונש, אז דעם טויטען'ס ביינער זאלען קיין רוה ניט האבען אין קבר.

אמת, עס האט אלץ געהאלפען, א פנים ווי א טויטען באנקעס. די יוגענד האט זיך מיט א בעזונדער חשק מיט התלהבות גענומען צום ענין און אויס־געפיהרט זייערס: האבען א ביבליא־טעק מיט א לעזע־זאל און שטעלען לטובתו — שימריישטים „ספעקטאק־לען, און ווי אויף צו להכעיס אנגע־קלאפט א ברעטעל מיט גרויסע גע־כתובה'טע אותיות: „לעזע־זאל און ביב־ליאטעק".

די „קנאים" האבען אפגעשטעלט די מלחמה, אבער מעשוארען האבען זיי ביי גאט, אז „עוד ידם נטויה"...

אויפמערקזאם

די פועלי ציון און די נאציאנאל ארבייטער פארבאנד ברענגטעם פיהרען אן ז פיבערהאפטע טעטיגקייט צו ארגא־נשירען ארץ בנוגע זייער אנטייל נעמען אין זונטאג'דיגען גאולה מארש.

די פועלי ציון און דער פארבאנד האבען געווימע אנשיאונגען און לאזונגען בנוגע דער אויפבויאונג פון ארץ ישראל פאר וועלכע זיי קעמפפען אין דער ציוני־סטישער באוועגונג.

ציגיעב דעם באטייליגען זיי זיך אין פאראד מיט דער פליינדליכער צו שטיי־גונג פון האנפערענץ — אלס א זעלבסט־שטענדיגע קערפערשאפט.

זייער דיוויזע אין מארש און נאך דעם דער דיזיגער מאסמיטינג וועלכע זיי ארא־נשירען אין די ארינא גארדענס וואו עס וועלען רעדען אברעמאן פון ניו־יארק, דער אידישטער פאעט ה. ראזענבלאט און יוסף חגי, וועלען אפשפיגלען די נאצי־ראר. לעזונגען דעם ציוניזם. די ארבייטער מוזען בכלל און די ארבייטער ארגאני־זאציעס בפרט ווערען קלינגער פליכט עס איז צו זעהען אז ארץ ישראל זאל אויפגעבויעט ווערען אויף סאציאליסטי־שעכטע יסודות דארפען שטארקען די רענגט פון די פועלי ציון און פארבאנד און זיך אנשליסען אן זייערע רייהען.

ארגאניזאציעס קענען מארשירען אונ־

טער זייער איינענעם באנער. אלע מאר־שירענדע דארפען זיין אין אינסטיטוט ניט שפעטער ווי 12 א זייגער.

חברים און חברות פון די פועלי ציון און פארבאנד זיינען געבעטען צו זיין אין ארב. אינסטיטוט ניט שפעטער ווי עלף א זייגער.

נאך אינפארמאציע זיך ווענדען יעדען אווענד און זונטאג פריה אין ארב. אינסטי־טוט 240 הענקאק.

היינט „דעם רבינ'ס ניגון"!

ענדליך וועלען אויך דעטראיט'ער אי־דען האבען א געלעגענהייט צו הערען דעם בארימטען „רבינ'ס נגון", וואס איז מיט גרויס ערפאלג געשפיעלט גע־ווארען א גאנצען סעזאן אין סעקאנד עוועניו טעאטער, ניו יארק.

די ערשטע פארשטעלונג פון „רבינ'ס נגון" וועט פארקומען היינט אווענט, אין דער ניו אפערא הויז. אין זעלבען טע־אטער וועט אויך געשפיעלט ווערען די זעלבע פיעסע שבת אווענט און זונטאג מאטינע און אווענט.

אין דער קאמפאני געפינען זיך אזעלכע טעאטער שטערען ווי: ראזא קארפ; מאדאם רעגינא פראגער; הער יאקאב פרענק; דזשוליוס נאטאנזאן און דזשימי דושיקאבסאן.

דער בארימטער מוזיקער און קאמ־פאזיטאר, יאזעף רומשינסקי, וועלכער האט פארפאסט די מוזיק, צום רבינ'ס נגון, איז ספעציעל געקומען אהער פון ניו יארק צו דיריגירען דעם כאהר און ארקעסטער.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז דאס וועט זיין דער שענסטער ספעקטאקל פון סעזאן ביי אונז אין דעטראיט. פיע־לע האבען שוין מיט אומגעדולד גע־ווארט אויף דער געלעגענהייט צו הערען די הארציגע אידישע נגינה פון „רבי'נס נגון".

א קריסטליכע שרייבע־רין וועגען ארץ ישראל

די מאדאם עליזא שאלעק איז א גוט באקאנטע שריפטשטעלערין. אליין איז זי א קאטאליקין. זי איז געפאהרען קיין ארץ ישראל פאר וויסענשאפט־ליכע צוועקען. אבער אינטערעסאנט איז ווי אזוי דיעזע קאטאלישע שרייבערין האט געזעהן דאס הייליגע לאנד און די דארטיגע אידען.

איהרע באשרייבונגען זענען זעהר וויכטיג און אינטערעסאנט. זיי זיינען אויך שעהן געשריבען, מיט אזוי פיעל טאלאנט געשילדערט די סצענעס, אז דער לעזער פארגעסט זיך צו דאס ליי־ענט ע- געדרוקטע שורות, אדער זעהט די סצענעס לעבעדיגע.

דיזע שילדערונגען, איבערזעצט ספע־ציעל פאר'ן „וועג", וועלען זיך אנהויבען צו דרוקען פון נעקסטען זונטאג־דיגען נומער „וועג".

אויפמערקזאם

צו פראגרעסיוו אונטערשטיצונגס פעראין:—
איהר זענט אויפגעפאדערט זיך צוזאמענצוקומען צו מארטשען, מאי דעם 30טען, זונטאג, 12:30 איהר מיטאג, צו שוועסטער גאלדפיין, 1073 הייסטינגס סטריט, נייער פרעד־ריך, ווייל מיר נעהמען אן אנטהייל אין אידישען פאראד פאר ציון.

איהר מוזט זיין געקלעדט אין ווייסען.

די קאמיטע.

פראגרעסיוו לידיעס אונטערשטי־צונג פעראין

בעט די שוועסטער זאלען קומען זונטאג, דעם 30טען מאי אום 10 אוהר פריה, אין 23 ווילקאקס סטריט און פון דאר־טען וועלען מיר אלע זיך אנשליסען אין די רייהען צום גאולה פאראד.

די אידישע פרויען וועלפער ארגאניזאציאן

שאבט האקאנט צו אלע איהרע מעמבערס און אויך צו אלע אידישע פרויען, וועלכע ווילען נעהמען אן אנטייל אין דעם גאולה פאראד, אז זיי זאלען קומען אין „מגן אברהם" שוהל, פארנסווארטה עוועניו.

אלע אנטיילנעהמער זענען געבעטען נאכ'ן פאראד צו באזוכען די

פעקעדזש פארטי און באלל

[illegible]

צו די אידישע יוגענד פון דעטראיט

אלע אידישע יונגעלייט, וועלכע ווילען מארטשען אין דעם גרויסען אידישען גאולה פאראד, דיזען קומענדען זונטאג, דעם 30טען מאי, זאלען קומען 10 אזייגער אין דער פריה אין פראנט פון 238 קווין סטריט, ווי אלע וועלען קענען קריגען יוניפארם קעפס און וואו עס וועט אייך פאר־קומען א דריל.

קומט און מארטשט מיט דער שעהנסטער דיוויזיע פון פאראד.

30)

צו די שוועסטער פון לינת הצדק

קומענדען זונטאג, דעם 30טען מאי, וועלען אלע שוועס־טער פון לינת הצדק מארשירען אין דעם גאולה פאראד צו־זאמען מיט דער רוסישער שוהל.

צוליעב דעם, ווס קיינע בריעף האט מען ניט געקענט ארויסשיקען, בעט די פרעזידענטין, דאס אלע שוועסטער פון לינת הצדק זאלען זיך צוזאמענקלייבען קומענדען זונטאג לעבען דעם בית דוד שוהל, אויף וויינדער סטריט.

מרס. גוז,
פרעזידענטין פון לינת הצדק.

אידישע ארבייטער

שליסט זיך אן אן דער פועלי ציון און נאציאנאלען אר־בייטער פארבאנד דיוויזיע אין גאולה פאראד.

די מארשירענדע מוזען זיין אין ארבייטער אינסטיטוט, 240 הענקאק, ניט שפעטער ווי 12 א זייגער.

— א גרויסע —

מאסמיטינג

אונטער דער אויפזיכט פון די פועלי ציון און פארבאנד וועט אפגעהאל־טען ווערען גלייך נאכ'ן פאראד אין ארינא גארדענס. א. אברמאן פון ניו יארק, דער פאעט ה. ראזענבלאט און י. פני וועלען רעדען.

30)

פלייער ראלס

אידישע סעלעקשאנס

די ראלס האבען די ווערטער ביי דעם ברעג פון דעם ראל מוזיק. יעדעם ווארט אונטער דער מוזיק.

אנדערע אינסטרומענטאלע סעלעקשאנס, טענץ, מארטשעס, אפעראס און ז. וו.

האט איהר די דאזיגע ראלס?

„אויף א אנבושע חתונה"	אידישע שימחי.
אידישע פאלקס מעלאדיען.	אידישע פאלקס לידער.
„א שערעלע".	„א קינד איז גליק אויף דער וועלט".
„כל נדרי".	„אידישער קעניג ליער".
„אל תשליכני".	די ראינא.
ציונ'ס מעלאדיען.	„ווען דאס קינד א מאמע פעהלט".
בן עמי.	„א גרוס פון דער היים".

ספעשעל העליוס אין לעמפ שיידס. גרויסער אויסוואהל אין סיזעס און דעזיינס: ראוז, גאלד, בלוי, פינק א. ז. וו.

יעדער איינער א גרויסער באלגיין

פרייזען פון $8 ביז $20

פלייער ראלס קאבינעט

א גרויסער סטאק פון וואס אויסצוקלייבען. א פלייער ראל קאבינעט איז זעהר א שעהנע זאך. קויפט איינע גלייך!

Grinnell Bros.

Downtown Branch, 1-3-5 Broadway Ave.

26 Stores Headquateis

243-247 Woodward Ave

אלעס אין דער ליין פון מוזיק!

The only Jewish Paper Printed in Michigan

Published Daily by DER WEG PUBLISHING CO.

דער וועג

The Detroit Jewish Daily

347-49 HASTINGS STREET
Telephone Main 2755

Published and distributed under permit No. 179 authorized by the Act of October 6, 1917, on file at the Post Office of Detroit, Michigan. By order of the President, A. S. Burleson, Postmaster General.

PRICE 2c.

DETROIT MICH., Sunday, May 30th 1920 Vol. 2, No 89

היינט גאולה פאראד

שליסט זיך אן אן גאולה פאראד

אידען פון דעטראיט!

אין פארלויף פון אונזער לאנגען פינסטערען גלות האט אונזער יעדער עפענטליכער ארויסטריט געטראגען א כאראקטער פון טרויער; יעדן מאל ווען אונזערע ווערטאגען פלעגען צוקומען צום סאמע הארץ און ס'פלעגט זיך דערמאנען, אז דער סוף פון אונזער קיום איז נאהענט — פלעגען מיר אויפרעגען אונזער יאמער און עס ארויסטראגען אויף דער גאס.

אין פיל מיט גיפט און גאל פלעגען מיר שרייען צו אונזערע פיינד: "איהר קענט אונז ניט פארניכטען, מיר וועלען איך אלעמע איבער-לעבען".

און איצט נאך צוויי טויזענד יאהר ביטערען גלות; נאך צוויי טויזענד יאהר פון גרעסטען מארטירערטום, זיינען מיר געבליבען א פאלק, פיל מיט לעבענסלוסט און מיר שטעהען יעצט פאר א גרויסער נייער תהגיש אין אונזער לעבען אלס פאלק — עס איז געקומען א מאמענט ווען מיר דארפען זיך אהינגעבען גרייטען איינציגארטיגע דעם אנקומענדען גליקליכען טאג פון באפרייאונג.

אונזער אלטע היים, ציון, וועלכע איז קיין מאל ניט ארויס פון אונזער פאלקס-זכרון; וועלכע איז קיין מאל ניט אראפ פון אונזערע ליפען; וועלכע איז אזוי ענג צוזאמענגעקניפט מיט אונזערע תפילות און מיט'ן אידישען גלויבען — אט דאס דאזיגע הייליגע לאנד וועלכע איז געווען די וויגעלע פון די נביאים און פון וועלטליכען מאראל — ווינקט אונז צוריק אויף איהר מיטגעטיילטען שויס! און יעדער פון אונז קען עס בלייבען קאלט און גלייכגילטיג אין אזא הייליגען מאמענט?!

די קריסטליכע וועלט, וועלכע איז באגאנגען אזוי פיל עוולות געגען אונזער פאלק, האט ענדליך אנערקענט אונזער רעכט אויף דעם לאנד פון אונזערע אבות: אויף דעם לאנד פון אונזערע שענסטע נאציאנאלע האפנונגען.

מא זאלען מיר אלע ארויס אויף דער גאס און דעמאנסטרירען אונזער שטארקען ווילען וויעדערמאל צו באזיצען אונזער לאנד; לאמיר ווייזען דער וועלט: אז אין אונז איז נאך קיין נעהרי ניט אפגעשטארבען און פונקט ווי מיר האבען געטראגען אויף אונזער חורבן, פונקט אזוי קענען מיר זיך היינט פרעהען אויף אונזער באפרייאונג...

אידען פון דעטראיט!

היינט איז אייער טאג. טוט זיך אן אין אייערע שענסטע קליידער; נעהמט מיט יעדען מיטגליעד פון אייערע פאמיליען פון קליין ביז גרויס; נעהמט א ווייס-בלויע פאהן אין האנט און שליסט זיך אן אן דעם גאולה-פאראד!

אין די שטארקע גליעדער מיט איינגעהויבענע קעפ און מיט אויסגעשטרעקטע ברוסטען, זאלען מיר געהן אין אונזער פרייהייטס-מארש. זאלען מיר מארשירען איבער די גאסען פון דעטראיט מיט דעם פירען באוואוסטזיין, אז מיר זיינען קינדער פון דעם אייביגען פאלק ישראל. וואס האט א וועלכער אויף ארץ ישראל ניט נאך פון ענגלאנד אין די ידיעס, נאר אויך פון א פיער גרעסערע בטיח — פון גאט אליין...

אידען פון דעטראיט! שטעהט ניט אפ פון כלל ישראל! לאז יעדער איינער פון אייך העלפען מאכען דעם היינטיגען פאראד וואס גראנדיעזער און איינדרוקספאלער. דאס איז נויטיג, אום צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער קריסטליכער וועלט אויף אונזער שטארקען ווילען איינצוגייען צו ווערען פון אונזער פינסטערען גלות: אויף אונזער שטארקען פארלאנג איינצולעבען דאס הייליגע לאנד ציון.

דער מארשרוט פון פאראד

דער פאראד וועט זיך אנפאנגען 1:30 ביימאג פון בראש פארק און אלעקסאנדרין נארד צו ווילים סטריט און וועסט צו וואודווארד עוועניו סאוט, פון וואודווארד ביז גרענד סירק, פארק און ערעמס, פון ערעמס איסט וואשינגטאן סטריט צו עליזאבעט. פון עליזאבעט צו הייסטינגס סטריט נארד ביז ווילים עוועניו און בראש.

צעהן דיוויזיעס וועלען פאראדירען

היינט, דעם באשלוס פון דער קאמיטע וועלען די ארגאניזאציאנען איינגעטיילט ווערען אין 10 דיוויזיעס און ווי זעלען מארשירען אין פאלגענדער ארדנונג.

ערשטע דיוויזיע

1. א פלאטון פון ריישענדע פאליציי.
2. מר. עפשטיין'ס בענד מוזיק (36 אין צאהל).
3. פאהנען טרעגער (אמעריקאנישע, אידישע און ענגלישע).
4. גרענד מארשאל העפטין ווייס.
5. צווייטע אמעריקאנישע אידישע סאלדאטען.
6. אידישע לעגיאנערע.
7. אידישע באי סקאוטס.
8. באאמטע פון ציוניסטישע דיסטריקט.
9. אלע רבנים און פרדרים.

צווייטע דיוויזיע

10. בענד מוזיק.
11. ציוניסטן אין פיטערס.
12. יאנג דזשודיעאנס.
13. [illegible] קינדער.

דריטע דיוויזיע

14. א בענד מוזיק.
15. נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד בראנטשעס און פועלי ציון ארגאניזאציע.
16. צעירי ציון.

פערטע דיוויזיע

17. בענד מוזיק.
18. פארשידענע פרויען סאסייטיס:
א. בנות ירושלים;
ב. דעטראיט לעדיעס איגר סאסייטי.
ג. דעטראיט אינגעם, ליידיס סאסייטי.

ד. גארדען פראגרעסיו לעדיעס סאם.
ה. פראגרעסיו ליידיס אינסטיטוט ציאנס פאראיין.

פינפטע דיוויזיע

1 לאנגרעגיישאנס
בית דוד (מיט א איינגענע בענד מוזיק)
בית אברהם (לאנגראס סטריט)
אברהם
בני משה
בית אברהם
בית תפלה
בית יעקב (אירווינג סט.)

זיעבעטע דיוויזיע

לאנגרעגיישאן בית משה
פירסט היברו לאנגרעגיישאן אוו דעטרויט
לאנגרעגיישאן משכן ישראל
בית המדרש הגדול
בני ישראל
לאנגרעגיישאן אגודת אחים
בית יצחק
בית יוסף
לאנגרעגיישאן מחזיקי הדת
לאנגרעגיישאן אנשי ספרד
לאנגרעגיישאן אהבת אחים (אוקראנגר)
תפארת ישראל

מישיגען פראגרעסיו.
אינד. היברו-פוילישע הילפס פאראיין

אכטע דיוויזיע

בענד מוזיק.
טיראווער פאראיין
הייסטינגס סט. מיידשענס אסס'ן
היברו האספיטאל אסס'ן
חסד של אמת

ניינטע דיוויזיע

בענד מוזיק
ברית שלום לאדזשעס (אונטער דער אויפזיכט פון האראיזש)
אינד. ארדער ברית אברהם
ארדער ברית אברהם
אינד. וועסטערן סטאר ארדער

צעהנטע דיוויזיע

(אין אויטאמאבילען) [illegible]
[illegible]
מושב זקנים
בית יתומים

(שלוס אויף פייטש 6)

גלענצענדע ציון שמחה אפגעהאלטען

דער דינער אין סטאטלער האטעל לעצטען דאנערשטאג ברייננט צוואנציג טויזענד דאלאר פאר'ן גאולה פאנד

די איינציגע און ועכציג פארשוין וואס האבען אנגענומען די איינלאדונג צום פייער-דינער אין סטאטלער האטעל פאריגען דאנערשטאג וועלען לאנג געדענקען דעם אמת'ען גייסטיגען תענוג וואס זיי האבען גענאסען דעם אווענט. אלעס איז ארויסגעקומען אזוי געראטען, אזוי יום טוב'דיג, אז די סעודה אי די רעדען, דער קליינער עולם איז געווען אזוי גליקליך אויפגעלייגט, דאס ווען דער אפיעל איז געקומען פאר'ן גאולה-פאנד איז פון דער קליינער גרופע אין פארלויף פון איין שטונדע, צוזאמען געליבען געווארען די סומע פון צוואנציג טויזענד דאלאר.

אום זיין אוהר איז געווען דער דינער צו ענדע, און דער טשערמאן פון פאלעסטיין רעסטאריישאן פאנד, ימר. פרעד מ. באטצער, האט געעפענט די פארזאמלונג מיט איניגע קורצע און זאכליכע באמערקונגען וועגען דעם צוועק פון דעם דינער. ער האט דאן פארגעשטעלט מר. לעאן זאלאטקאפ, וועלכער האט געגעבען נאר א קורצע איינלייטונג צו די רעדנער וואס דארפען קומען.

ווען עס באשערט אז א אונטערנעהמונג זאל געראטען העלפען צו אפטמאל גאנץ אונערווארטעטע פאסירונגען. אזוי האט דא פאסירט דאס גאנץ צופעליג איז דאנערשטאג אנגעקומען אין דעטראיט מיס רבקה ארענסאן פון פאלעסטינא, א שוועסטער פון דעם וואויל באקאנטען און ליידער פריה פארשטארבענעם אהרן ארענסאן, וואס האט אוועקגעגעבען זיין לעבען פאר די זאך פון ציון. זי האט גערעדט א פערטעל שעה וועגען ארץ ישראל און דאס לעבען פון די בוייערע אויף'ן לאנד, און האט דער-ווארעמט די הערצער פון די צוהערער.

(שלוס אויף פייטש 6)

זעקס מאססמיטינגען נאך דעם מארש

שערי צדק, מגן אברהם, ביה"יעקב, בית דוד און אוקלאנד שוהלען וועלען הערען גלענצענדע רעדנער

פועלי ציון וועלען האבען מאססמיטינג אין ארינא גארדענס

דער ציון-מארש וועלכע די גאסען פון דעטראיט וועט זיך אויפלייזען פונקט אום 4 אוהר נאכמיטאג און אלע מארשירער, אזוי ווי דער גרויסער עולם פון דעטראיט וואס וועט צוזעהן דעם מארטש, וועלען אנפילען די זיבען דער מאכטיגע פינף שוהלען, וואו פראמינענטע רעדנער וועלען פאר זיי רעדען פון דעם גס ציון.

עס קומען שפעציעל פון שיקאגא צו די מאסס-מיטינגס, ריטשארדס פיליפ פ. ברענסטאן, און האג. לעאנארד ראביי גראסמאן, ביידע גלענצענדע רעדנער, וועלכע וועלען אויסהעלפען די וואס זיינען אין דעטראיט.

אין פרעזידענט מ. באטצער, ארינא גארדענס, (פועלי ציון און נאצ. ארב. פארבאנד.)

קעפטען ה. ווייס גרענד מארשאל פון היינטיגען פאראד

גרויסבערצייהע איז די ארגאניזירער פון היינטיגען גאולה-פאראד געלונגען צו קריגען פאר גרענד מארשאל איינעם פון די חשובסטע און פעהיגסטע נאציאנאלע געוועזענע אידען.

קעפטען ווייס איז געבוירען געווארען אין רוסלאנד, אלס 12 יאהריגער אינגעל האט ער איינגעוואנדערט אין דיזען לאנד; איינגעזאפט אין זיך די בעסטע טראדיציעס פון אמעריקא און האט

[illegible] דאס נייע ארבעטער

(שלוס אויף פייטש 6)

די רעדנער און די מיטינגס

שערי צדק שוהל, רבי א. מ. הערשמאן, דר. יואל בלוי. מגן אברהם שוהל, האנ. לעאנארד גראסמאן, לעאן זאלאטקאף. בית יעקב שוהל, רבי י. ל. לעווין, לעאנארד גראסמאן. בית דוד שוהל, רבי אייזישעין קאפט. איזידאר לעווין, אוקלאנד שוהל, רישארד ברענסטאן

אידיש מיידעלע דערהרג'עט פון אן אויטאמאביל

קלארא מארקאוויטש, 5 יאהר אלט, איז לעצטען פרייטאג איבערגעפאהרען געווארען פון אן אויטאמאביל געטריבען פון פרעד אענרי, 1488 העלען עוו., דאס קינד איז גלייך געשטארבען פון די וואונדען.

דער דרייווער איז ארעסטירט געווארען און שטעהט יעצט אונטער א קלאגע פון אומווילינגן מארד. בעיל איז באוויליגט געווארען אויף דער סומע פון $2000

וואו די דעמאנסטראנטען וועלען זיך פאר-זאמלען

[illegible]

יתחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים

מיטגלידער פון דריטען מגן דוד

אלע מיטגלידער פון דריטען מגן דוד זיינען אויפגעפאדערט זיך צו פארזאמלען זונטאג 12 אזייגער אין דער פריה מיט זייערע יוניפארמס, אין ארבייטער אינסטיטוט 204 הענקאק.

דארטען וועט זיך פארמירען אונזער דיוויזיע, וועט זיך אנשליסען אין דעם גאולה מארש.

די קאמיטע.

לעגיאנערען וועלען זיך פאר-זאמלען אין ארבייטער אינסטיטוט

אלע אידישע לעגיאנערען זאלען קומען ניט שפעטער ווי 12.30 אין ארבייטער אינסטיטוט 204 הענקאק, געקליידעט אין פולע יוניפארם, און פון דארטען וועלען אלע לעגיאנערען געהען צום מארש.

דר. יואל בלוי פון ניו-יארק

וועלכער וועט היינט רעדען אין שערי צדק שוהל.

CLASSIFIED

באקאנטמאכונג

די סילווער לעדער קא., 578

דזשאן. קעמפא, קויפט פארשידענע זארטען לעדער און אימיטיישאן לעדער, אויך אלטע לעדער און ראבער בעלטינג. ספעציעל זענען מיר פאראינטערעסירט אין גייל סעלאליאר סקרעפ; מיר צאהלען 65 סענט א פונט.

פארגעסט ניט אונזער טעלעפאן נומער: מעלראוז 4610.

Real Estate

לענדלארדס און פראפערטי אייגענטימער

לאזט זיך ניט נארען, ווען פארזוכטע בעפאר איהר קויפט סעמענטענע גארדס בערוש אדער אשירעספעטיקאן, דיטראקס קאנקריט מאנופעקטשורד רייאינסטאלד רעספעקטיקעס. די צעמענט איז געמישט מיט וויער, ווערט געווער צופאלען, וועט זיך ניט שפאלטען פון פראסט. מיר גאראנטירען ביליגער אין פרייז, בעסטע אין קוואליטעט. ה. מ. קאפמאן, 296 האנקאק איסט. טעלעפאן מעלראוז 3595 וו. טשערי 1473. פרייע אינפארמיישאן.

בעקאנטמאכונג

דינה, תחלריישקל בת משה שרעבניק, 1506 מישיגען עוו. — און 762 וועסט גרענד בולווארד, לאז וויסען צו די ביכט וויליג צו נעהמען אויך א אידישען גט כד"ת.

איך בין בערייט זיך צו פארלאזען אויף מענשען אדער אויף הרב אייזענמאן.

א. האבמאן.
440 קלינטאן.

צום פארקויפען 8 רום, הויז אין 226 קינג סט לעבען ביביג, פול בייסמענט מיט פיירנים, לאט 120־33 פרייז $8850 מיט $3000 איינצאהלען, רענט $65 א מאנאט. מען קען גלייך אריין ציהען.

מר. שפיגעלמאן - גארפילד מ. 1279 (1

טהאוועך אונטערשטיצונגס פעראיין

אלע מעמבערס ווערען געבעטען צו קומען זונטאג, דעם 30טען מאי, אין טהאוועך שוהל, 152 אירנאן סט. פון שוהל וועלען מיר מארשירען מיט אונזער אייגענעם בענד ביזט צו דעם פראנט פון דעם גאולה פאראד.

מיט גרוס, די קאמיטע. 30)

דזשאסעף קעמפאו פראגטערש

100 ביי 60 ,צו פארקויפען ביליג. מאכט אייער אפפער. שיסטארסקי אין ארדאן, 1304 שעין סט. 30)

מר. בינעסמאן!

זענט איהר פאראינטערעסירט א בארגעין

שעין סטריט ביזנעס פראפערטי, מוז זאפארט פארקויפט ווערען, מיר פאהרען נאך יוראפ. שיסטארסקי און ארדאן, 1304 שעין סטריט. 30)

TELEPHONE CANAL 1[illegible]

VIENNA SAUSAGE MFG. CO.
Manufacturers of the Celebrated Vienna Pure Hygeia Beef Sausages, Smoked & Pickled Beef, Tongues, etc.
1215-1217 S. HALSTED ST. CHICAGO.

אונזערע
דעטראיטער אגענטען
זיינען
דזשי לעפקאווסקי און סאנס
בראדוויי מארקעט

צום דעטראיטער פובליקום!

יעדער איינער דארף וויסען; אז אייגען זיינען די איידעלסטע ארגאנען אין דעם מענשליכען קערפער. ווען איהר ליידעט פון אירגענד וועלכע קאפשמערצען אדער נערוועזיטעט, זאל געהט צו אן ערנסטען, עהרליכען אפטאמעטריסט, ער וועט אייך קארעקטינג און וויסענשאפטליך צופאסען די ריכטיגע ברילען.

בי ביכטיג צוגעפאסטע ברילען וועט אייך ערלייזען פון אלע אייערע טראבעלס. געהט צו אייער גוט באקאנטען

Frosh O. D.
אפטאמעטריסט

אין 204 קלינג'ס בילדינג וועלכע געפינט זיך אין 308 הייסטינגס סט. קעגענאיבער עהרליך'ס דזשוועלרי סטאר.

פרויאנען געזוכט

זיידע עהרליך'ס קינדער פון ביעלי, בעסאראביע, ווערען געזוכט פון פאולין קורץ, זייער טאנטע, ווער עס ווייס פון זיי איז געבעטען צו לאזען וויסען אין „וועג". 30)

6 רום פלעט צום פארדינגען אין 212 קוירבי, נאכפרעגען 228 שערידען.

צום פארקויפען 4 פעמיליע פלעט צו 6 רומס מיט סעפערעט פיירנעסעס נעער הייסטינגס, 262—264 קוירבי. נאכפרעגען 328 שערידען עוועניו. א בארגיין פאר דעם ריכטיגען פערזאן. 30)

דר. לאנדי, דענטיסט

מאכט באקאנט צום ווערטהען פובליקום דאס ער האט ערעפענט די דענטאל אפיס פון דעם פאריסטארבענעם

דר. שליסעל

אין 617 הייסטינגס, נעבען ריאס.

פארד קארס
און אנדערע קאר

קומט און קלייבט אויס פון אונזער גרויסען סטאק. מיר קויפען פאר קעש און פארקויפען אויף לאנגע טערמינען

Maurice W. Fox Co.
Boulevard Near Oakla

א בארגעין אין א פיאנא!

א וואונדערבארע שטארקע פיאנא איינגאהמער טאן, במעט ניי, ווערט $600.00, צו פארקויפען פאר $250.00. נאכפרעגען 1359 מעקלעללען עוו. מ. שוללער, טעל. לינקאלן 1603. 2)

קאפלאן'ס בארגיין סטאר
483 הייסטינגס סטריט

קענט איהר קויפען אלעס פון די פאר נענרע ליינס:

קאמפלעט דרעס גודס ליין פון סילקס וואלענס און קאטען גודס. פערשידענע פענסי ארטיקלען ווי, בעד ספרעדס, סיירמענס, טייבעל קאווערס; שאלס און קארפעס. קאמפליט לייק אין ליידים פענסי אנדערוועהר און קארסעטס. מענס פארנישינגס און אנדערוועהר

ספעשעל! ספעשעל!

א גרויסער אסארטמענט אין וואלענס פאר מענער און בארייס סוטס און קאוטס. א קאמפליט ליין פון טיילאר און דרעס מייקערס טרומינגס.

דר.
ה. סטאריקאס
דענטיסט

דער פלאץ פאר גוטע ארבייט גוטע בעהאנדלונג — ליבעראלע פרייזען.

490 הייסטינגס סטריט

Reliable Store Fixture Co.

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון אלערהאנד סטאר פיקסטשורס, וואל קייסעס, שאו קייסעס, אייז באקסעס, קאונטערס, שעלווס, סייפס, סקיילס רעדזשיסטערס, נייע און געניצטע. פרייזען מעסיגע, ארענטליכע בעהאנדלונג. 2 סטארס.

רעלייבל סטאר פיקטשור קא.
305 גראשיאט עוועניו
טעל. קאדילאק 2445
277 מישיגאן עוועניו
טעל. קאדילאק 4924 עס.

דער בעסטער מוהל אין שטאט
און מסדר קידושין
חזן דוד גאלדען

אין 248 איסט האי סטריט
טעלעפאן, מעין 4420



נוגעוע ספעשעל מאשינען סייוען ארבייט. אונזערע איבערגעבילדעטע מאשינען סייוען געהר.

קויפט פון מאנופעקטשורער און סייוזט
דעם רימייל פראפיט

מיר פארקויפען די בעסטע און דער ליין פון נעה מאשינען פאר יעדער סטיטשינג אפערייטשאן, א הויז די נייע און ספעשעל נעה מאשינען פארקויפען מיר א ביסעל אפגעניצטע מאשינען. דאס גיט אייך א געלעגענהייט צום סייוען פיעל געלד ערבייי

A. C. Payer

119 E. Jefferson — טעלעפאן: טשערי 1813

געלד איבערגעשיקט

צו פוילען, טשעכא־סלאוואקיע, עסטרייך, אונגארן, רומעניען, יוגא־סלאוויע, דייטשלאנד און אלע טיילען פון דער וועלט. פינקטליך, זיכער און שנעלע אויסצאהלונג.

שיפסקארטען

פיר פוילען און אנדערע לענדער דזשענעראל סטים שיף און געלד איבערשיקונג אפיס

C. Leidich 69 W. Fort St.

אטאמאביל עקסידענט האספיטאל
אטאמאביל אייגענטימער

ווען אן עקסידענט טרעפט מיט אייער קאר ברענגט דאס צו אונז. מיר וועלען די קאר ווידער ניי מאכען.

פריימס, באדים, עקסעלס, פענדערס ווערען אויסגעגלייכט, געוועלדעט, געמאכט ווי נייע און געמאלט.

רעדיאטארס פעריכט און איבערגעדילט אויך עקסטשענדזשעס

Michigan Radiator & Fender Repair Co.

723, 725 & 727 John R. St. — Glendale 7576

אויסקינפטע פריי!

יעדע גערן געגעבען איבער פאנגערע ענינים: פאספארטען, ווי צו קריגען קרוב אין אייראפא, ווי אזוי אריבערצוברענגען אייערע פאמיליעס, וועגען די רעכט פון לענדלארד און טענענטס, וועגען לאנד קאנטראקטען, מארטגעדזשעס, טעקסעס, און אזא ווייטער.

ווי צו ווערען א בירגער

וואו און ווי אזוי צו לערנען ענגליש, סאלדאטען פענסיעס, ליבערטי באנדס, באנוסעס, אינשורענס און נאטוראליזיישאן.

The Free Information Bureau
Detroit Board Of Commerce

ראזענפעלד'ס
רוסישע טערקישע באד

פאר אלע וועלכע זוכען ריינליכקייט און גוטע בעהאנדלונג.

גארבעל וואנעס — 2 **כשרה מקוואות**

שאוער בעטהס — **פרייע קאטס אויף צום רוהען**

16 לייכטע רומס פאר יענע וועלכע ווילען נעכטיגען.

א פראכטפולער לאנטש קאונטער מיט פרישע עסענווארג און געטראנקען צו יעדער צייט.

שווימען פאר פרויען יעדען מיטוואך, מיט דער מיטווירקונג פון אן עקספערט מאסאזשיסטקע.

1846 אלפרעד סטריט, נ. ע. אנטאן, טעלעפאן טשערי 6190 ראבליג.

ארבייטע פיהרער האבען זיך גע־ווענדעט מיט א בקשה צום פאפסט, אז ער זאל זיך פאר זיי אננעהמען און ניט דערלאזען גרינדען א יודענשטאט אין פאלעסטינא.

אז מחמד וויל זיי ניט העלפען, פרובירען זיי יעזוסען, אבער כל זמן דער „אלטער" לעבט נאך, איז א גרויסע פראגע, אויב ער וועט זיין שטיי־ער חיים אפגעבען אפילו צום איינציגען זוהן.

* * *

אדעסא איז שוין, ווידער ניט ביי די אוקראינישע, און די באלשעוויקעס זענען צוריק דארטען די בעלי בתים. יענע שטאט בייט איהרע בעלי בתים במעט דריי מאל א טאג, און זי קען נאך אלץ ניט באשטימען וועלכען בעל הבית זי זאל אויסקלייבען; עס איז אפנים די זעלבע לייכטזיניגע אדעס ווי געווען.

* * * *

מאשין־פיקטשור אפערייטארס

לערענט זיך פאר לייכטע און ריינע ארבייט, קורצע שטונדען, גוטע ווירדזשעס קוואליפיקיישאן גאראנטירט.

Movie Operator's School
33 Sproat St

מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג 7:30 אבענד.

גיט אייערע קינדער א מאדערנע אידישע ערציהונג, שיקט זיי אין דער מענדעלע פאלקס שולע 204 איסט הענקאק. עס ווערען געעפענט נייע קלאסען פאר אנפאנגערס, אויך שולער פיר די העכערע קלאסען, און שולע לערנט מען אידיש־העברעאיש, געשיכטע און ליטעראטור. די שולע איז אפען יעדען טאג פון 4 ביז 7 זונטאג פון 9 ביז 12.30

באקאנטמאכונג
רעוו. א. קאצער

וואס איז רעקאמענדירט פאר'ן בעסטען
מוהל
ווייל די לעצטע 20 יאהר האט געמאכט פון 263 פארנסואדס אין

140 מידערי, קאר. בראש
טעלעפאן: מארקעט 827

סער אליווער לאדוש איז גערעכט

די ליגע פון נאציאנען האט דעפע־שירט צו פרעזידענט ווילסאן, פאר־לאנגענדיג פון איהם אז ער זאל צו־זאמענרופען א מיטינג פון דער ליגע, אזוי שנעל ווי מעגליך.

אבי די אפיקורסים גלויבען נישט, אז מתים קענען רעדען און קאמיני־קירען מיט אונזער וועלט...

* * *

רעוו. ל. ה. רייבלין
פון אהבת אחים שוהל

(אוקלאנד)

נעהמט אן **סדור קדושין** אין אנדערע שמחות מיט די בעסטע איפרידענהייט.

511 קעמעראן עוועניו
טעלעפאן העמלאק 1130 דאבעליו

שעכטער'ס
דראג סטאר

477 הייסטינגס סט.
טעלעפאן, טשערי 5763

פרעסקריפשאנס פארפערטיגט מיט די גרעסטע פינקטליכקייט

צו יעדער צייט

ווילט איהר אייערע שלעסער, שליסלען קארפעטער זעגען, טולס און אנדערע ארבייט

גוט געמאכט און גאראנטירט?

טו קומט צו
מ. דאמניטץ
245 מאנטקאלמסט.

ווארע ביליג פאר סטאר־קי־פערס און פעדלערס

ספעציעלע פרייזען פאר ריטיילערס
מאקס ראזינסקי
353־355 הייסטינגס, קאר. קאלומביא

א גרויסער אויספארקויף

סייל פאנגט אן מאנטאג

איך מאך באקאנט צום געהערטען פובליקום פון דעטראיט דאס איך מוז אויספארקויפען מיין גאנצען סטאק

קראקערי, אלומינום, גראניטוועהר און פענסי טשיינע

אלעס, אלעס, מוז פארקויפט ווערען אין דער קורצער צייט פון היינט ביז דעם 1טען דזשולי. מיין ליס געהט אויס און מיין געזונט ערלויבט מיר ניט מעהר צו שטעהן אין ביזנעס, דעריבער מוז אלעס פארקויפט ווערען צו די ביליגסטע פרייזען.

קומט וואס שנעלער פאר די בארגיינס. אלעס ווערט פארקויפט פאר א האלב פרייז.

מ. ב. שאפירא, 511 הייסטינגס סטריט, ביטוען אלפרעד און ברושטער

זאגט אייערע פריינד וועגען דעם גרויסען סייל.

געלט קיין אייראפא

דער זיכערסטער און בעסטער וועג צו שיקען געלד צו אייערע קרובים קיין יוראפ איז דורך דער

פיפעלס רעליעף

וועלכע איז א בראנטש פון דער דזשוינט־דיסט. קאמיטע.

די געלד ווערט געשיקט אין דאלארס.

פיפעלס רעליעף קאמיטע

490 הייסטינגס סטריט

קאדילאק, 2061

מט. קלעמענס

זייט געזונט

אין פארברענגט אייער זומער וואקיי־שאן אין מאונט קלעמענס. אין אז שוין אין מאונט קלעמענס וועט איהר סטאפען אין

Elkins Hotel

100 רומס, דיינינג רום פאר 300 לייט. א רפואה פאר קראנקע, א פאר־גנינען פאר געזונטע.

ס'ניט נעדרונגען אז איהר מוזט האבען קייזענדער צו זיין אין מט. קלעמענס

ניו ווילא האטעל

וועט אייך רעכנען $25 א וואך און איהר וועט הנאה האבען. אלע רומס קאנעקטעד מיט א פעסערויש צו די פלאזא בעדער. שרייבט נאך אינפארמ־ציעס צום פראפריעטאר ה. קראוזע.

ריווערסייד האטעל

(געוועזענער פארק ענעקס)
מט. קלעמענס, אינגאנצען רעמא־דעלירט, עפענט זיך 1טען מאי.

150 רומס, דיינינג רום פאר 300. דאס אידעלסטע פלאץ פאר געזונטע ווי פאר קראנקע. שרייבט נאך אינפארמאציעס.

Riverside Hotel
Mt. Clemens, Mich.

אלבאני האטעל

אין מט. קלעמענס, האט א נאמען פאר די לעצטע 20 יאהר אונטער דעם זעלבען מענעדזשמענט.

מיר בעטען אונזערע קאסטומער און פריינד צו קומען באציטענס. איידער דער סעזאן איז אין פולען גאנג, כדי מיר זאלען זיי קענען געבען בעסערע באהאנדלונג. שרייבט צו

ב. מאסקאוויץ

אייער פארלארענע געזונט

קריגט איהר צוריק, ווען איהר זענט אין מאונט קלעמענס און סטאפט אין

גלענוואוד האטעל

קאנעקטעד מיט די בארימטע אלימפיא בעדער. שעהן, ליכטיג, לופטיג. פרישע שפייזען, מעסיגע פרייזען. א ספעשעל לאנטש און דעליקאטעסען סטאר, קאנעקטעד מיט די גלענוואוד. שרייבט נאך אויסקינפטע צו א. מאדארסקי.

לעזט דעם „וועג"

אין א ווינקעל פון דעטראיט

ראמאן פון ב. איסאיעוויטש

(פארטזעצונג)

(אבגעהנגטעס קאפיטאל)

אין צווייען מיט'ן פּחד.

ווען די מיסעס פינקעל האט דערהערט חנה'ס געשריי: "גוואלד, ראטעוועט!" איז זי אראפ נישט טויט, נישט לעבעדיג און נישט געוואוסט וואוהין פריהער צו לויפען.

נאך דעם געשריי איז אומעטום צוריק שטיל געווארען און די מיסעס פינקעל האט נישט געוואוסט פון וואנען דאס קול איז געקומען.

ווען נישט איהר בן יחיד, וואס האט זיך אויך אויפגעכאפט און האט געזאגט, אז ער האט אויך געהערט קולות, וואלט זי אפשר געמיינט, אז ס'האט זיך איהר גע'חלום'ט.

זי האט זיך אין דער גיך אנגעטאן און צו ערשט זיך איינגעהערט צו עס ברענט אפשר נישט. אבער אין גאנצען הויז איז שטיל. עס זאל ברענען, וואלט דאך געווען א רעש. וואלט מען דאך גע'ט חיות פון ערגיץ.

חנה, וויערע? אזוי גיך ווי זי האט מיט שרעק אויסגעשריען: "גוואלד ראטעוועט!" איז זי צוריק אנידערגעפאלען

אין בעט אריין און האט זיך צוגעהערט צו יעדען שארך. זי האט באלד דערהערט אז די מיסעס פינקעל איז אויפגעשטאנען

עס איז איהר לייבטער געווארען אויפ'ן הארצען. די שרעק איז פאראיבער.

פונדעסטוועגען האט נאך גענוג גע־רוערט ביז זי איז צו זיך געקומען.

די ערשטע מינוט האט זי זיך נאך, אין מורא געהאט א רוחר צו טאן פאר פּחד.

נאכדעם האט זי זיך אנגענומען מיט אלע כחות און א געשריי געטאן: — "מיסעס פינקעל!"

— וואס איז חנה'לע, וועה איז מיר!

— איז די מיסעס פינקעל געלאפען און געכאפט איבער די פארלאגעס, מיט א פאר־ארטע "שמעק טאבאק" — וואס איז דיר, טאכטער מיינע. איך בין שוין דא.

זי איז אריין אין צימער. חנה איז געלעגען א צנויפגעקנוילטע און מיט אויסגעגלאצטע אויגען געקוקט.

— מיסעס פינקעל אין אומגליק האט געטראפען מיט אונזער מרים'ען...

— וואס רעדסטו, חנה'לע? וואס זאגסטו? וואו איז זי דען, מרים'ל וואו?

זי איז נאך נישט געקומען.

— אוי, אן אומגליק האט מיך נישט געטראפען, וואס זשע האסטו געשוויגען ביז איצט? ס'טאגט דאך שוין, וועה און ווינד איז מיר נישט. וואוהין איז זי גע־גאנגען?

חנה האט איהר דערצעהלט, אז זי איז אוועק צו דעם דושאזעפ'ן, אט דעם פארב־שטיין'ס זוהנדעל, דער ריכטער, דער פאר־ליטישען.

די מיסעס פינקעל איז געזעסען א בלייכע ווי וואקס, זי האט געהערט וואס חנה זאגט איהר און אין די אויגען ביי איהר האט זיך געצונדען א פּחד, ביי יע־דער ווארט האט זי נור געזאגט מיט א טרויעריגען, קלאגענדיגען ניגון: "וועה איז מיר, וויגד איז מיר, א צרה א גרויסע איז מיר נישט געשעהן".

ערשט ווען, זי האט אויסגעהערט אינ־גאנצען די מעשה וואוהין מרים איז גע־גאנגען און ווי אזוי חנה האט זיך דעם גאנצען ביינאכט געשראקען און מורא געהאט צו געהן די גאז אויפדרעהען, ערשט דעמאלט, האט זי זיך דערמאהנט, אז מען טאר חנה'ן נישט שרעקען, אז חנה איז נישט גאר קיין געזונדע און מען

דארף זי נישט לאזען אין פּחד.

— נו נארעלע — האט די מיסעס פינקעל געזאגט מיט א געמאכטע רוהיג־קייט — וואס זשען האסטו מורא? מרים איז דאך נישט קיין קליינע קינד. פארלאז זיך אויף איהר, זי'ט שוין נישט פאר־בלאנדזשען אין אמעריקא, וועה איז מיר נישט. מסתמא איז מען זיך פארזעסען,, גרויסע לייט, זיצט מען מסתמא שפעט און נאכדעם... כ'וויס... וועה און ווינד איז מיר נישט... מ'האט זי מסתמא פאר־בעטען אויף וועטשערע... איז שוין גע־ווארען שפעט האט מען זי נישט גע־לאזט אוועקגעהן און מ'האט זי פארהאל־טען אויף נאכטלעגער... מיינסט אז ביי פארבשטיין'ען איז נישטא קיין איבע־ריגע קישען, ווי ביי נאש בראט... אוי, וועה איז מיר. פאראן ביי ווי געגוג, חק'אי אויף דיר געזאגט געווארען...

זי האט עס געזאגט חנה'ן, אבער אליין האט זי נישט געגלויבט אין דעם וואס זי האט איהר געזאגט. זי האט געפיהלט אז דאס איז אן אומזיסטע טרייסט, אז דאס איז נישט מעהר ווי אליין זיך אפ־גענארט.

-פארטזעצונג קומט-

דארא ווייסמאן פארקלאגט פולמאן קאמפאני אויף צעהן טויזענד דאלאר דעמעדזשעס

מיסס דארא ווייסמאן, די באוואוס־טע שוישפיעלערין, וועלכע האט מיט א וואך צוריק געענדיגט איהר סיזאן אין ארטש סטריט טעאטער, האט דורך איהר לאיער, דזשאסעף גראס, פאר־קלאגט די פולמאן קאמפאני אויף דער סומע פון צעהן טויזענד דאלאר, אויף דעם גרונד וואס זי איז קראנק געווא־רען פון שפייז וואס זי האט געגעסען אין דער דיינינג קאר פון דער דער־מאנטער קאמפאני.

דעם 20טען דעצעמבער, 1919, איז מיסס ווייסמאן געפאהרען פון ניו יארק, קיין פילאדעלפיא, און זי איז אריין אין דיינינג קאר און געגעסען דארט איינינע פרוכטען, אבער א קורצע ווייל נאכ'ן עסען האט זי אנגעהויבען פיהלען שלעכט און א דאקטאר אויפ'ן טריין האט איהר געגעבען איינינע פי־לען און זי האט אנגעהויבען פיהלען בעסער. אין יענער נאכט, שפילענדיג אין טעאטער, האט זי ווידער געפיהלט שלעכט, און דר. ג. הארנשטיין, פון 530 פיין סטריט, איז גערופען גע־ווארען און ערקלעהרט אז זי לײדט פון פארגיפטעטע שפייז. זי איז נאכדעם געווען קראנק דריי וואכען צייט און נאכדעם, ווי זי איז צוריקגעקומען פיע־רען, האט זי אויך געמוזט זיין אין דער באגלייטונג פון א דאקטאר צוליעב איהר שוואכקייט.

אויפמערקזאם

די פועלי ציון און די נאציאנאל ארבייטער פארבאנד ברענטשעס פיהרען א א פיבערהאפטע טעטיגקייט צו ארגא־נזירען ארץ בנוגע זייער אנטייל נעמען אין זונטאג'דיגען גאולה מארש.

די פועלי ציון און דער פארבאנד האבען געוויסע אנשטאלטען און לאזונגען בנוגע דער אויפבויאונג פון ארץ ישראל פאר וועלכע זיי קעמפפען אין דער ציוני־סטישער באוועגונג.

צוליעב דעם באטיילינגען זיי זיך אין פארמארש מיט דער פריינדליכער צו שטי־מונג פון קאנפערענץ — אלס א זעלבסט־שטענדיגע קערפערשאפט.

זייער דיוויזע אין מארש און נאך דעם דער דיגער מאסמיטינג, וועלכע זיי ארא־נזשירען אין די ארונא גארדענס וואו עס וועלען רעדען אבערסאן פון ניו־יארק, דער באוואוסטער פאעט ה. ראזענבלאט און יוסף חני, וועלען אפשפיגלען די נאצי־ראל. לעזונגען דעם ציוניזם. די ארבייטער מוזען בכלל און די ארבייטער ארגא־ניזאציעס בפרט זעהען דעם היגיגער פליכט עס אין צו זעהען אז ארץ ישראל זאל אויפגעבויעט ווערען אויף סאציאלער־רעכטע יסודות דארפען שטארקען די הענט פון די פועלי ציון און פארבאנד און זיך אנשליסען אן זייערע רייהען.

ארגאניזאציעס הענגען מארשירען אונ־טער זייער אייגענעם באנער. אלע מאר־שירענדע דארפען זיין אין אינסטיטוט גיט שפעטער ווי 12 א זייגער.

חברים און חברות פון די פועלי ציון און פארבאנד זיינען געבעטען צו זיין אין ארב. אינסטיטוט ניט שפעטער ווי ערה א זייגער.

נאך א נפערמאציע זיך ווענדען יעדען אווענד און זונטאג פריה אין ארב. אינסטי־טוט 240 הענקאק.

"התורה חסה על ממוני של ישראל", ווערענד די בעלי ממון של ישראל זיינען לײדער נאר ניט חס על התורה.

* * *

אוקלאנדער אידען

פיקסען זייער'ע

ציינער

ביי

Dr. H. Goodman

דענטיסט

געמופט פון 427 וואודווארד

737 אוקלאנד עוו.

The Dime Savings Bank

$40,000,000 רעסורסען איבער

יוניטעד סטייטס דעפאזיטארי. מעמבער פון פעדעראל רעזערוו סיסטעם.

אמעריקאנער געלד קויפט אין יענעם לאנד מעהר ווי ווען עס איז פריהער. איבער איהר ווילט העלפען קרובים אדער פריינד אויף יענער זייט ים ווענדט אייך צו אונזער פארעין עקסטשענדזש דעפארטמענט. איבערשיקען פאר אייך געלד ביי מייל אדער קייבעל פאר דעם ביליגסטען רייט.

The Dime Savings Bank Bldg,

מיין אפיס:

Griswold and Fort Streets

בראנטש אפיסעס:

1491 Woodward Ave.	1221 Jefferson Ave.	407 Gratiot Ave.
1306 Grand River Ave.	789 Woodward Ave.	418 Michigan .
1475 Fourteenth Ave.	Broadway and Whitherell	591 Oakland Ave.
2224 Crand River Ave.	1183 Harper Ave.	Mt. Elliot and Davison

C.W. Kotcher Lumber Co.

ברעטער אלערליי צו יעדער צייט

ביליגע פרייזען און גוטע בעהאנדלונג דאס איז אונזער סוקסעס

Cor. Gratiot and St. Aubin Aves.

Melrose 3390

איר קענט שיקען געלט צו אייערע קרובים

דורך דער

Bank of Detroit

א. זיגלער מענעדזשער

הייסטינגס סטריט בראנטש

מיר מופען דאן טאן

קאפלאנ'ס בארגען סטאר

483 הייסטינגס סטריט

אונזער גאנצער סטאק פון דריי גודס און דרעס גודס מוז ווע־רען פארקויפט ניט אפשטעלענדיג זיך אויף קיין פרייז.

די בעסטע געלעגענהייט צו סייפען פופציג פראצענט אויף יעדען ארטיקעל וועלכען איהר וועט קויפען ביי דיזען גרו־סען סייל.

עטליכע אייטעמס פון דיזער פ יידזש וועט אייך איבערציינען אין דער ריכטיגקייט פון דיזען וואונדערבארען סייל.

נאך אנדערע באדגיינס זיינען פארגרייט פאר אייך ביי די־זען סייל.

לאזט ניט דורך די זעלטענע געלעגענהייט פאר אייער אי־גענעם בענעפיט.

דער סייל פאנגט זיך אן

שבת אבענד מאי דעם 29טען אום 7 אוהר

לײדיעס וועסטס

עקסטרא סייזעס און רעגעלע. גוטע קוואליטי.

סייל פרייז — 39c

א לאט פון נייטגאונס, קארסעטקאווערס און בלומערס.

סייל פרייז — $1.39

גרויסע בארגיינס אין בעדספרעדס, בלינקעטס און קווילטס.

מענס צוויי פיסעס באלבריגען אנדער־וועהר און קרים.

סייל פרייז — 59c

מענס יוניאן סוטס באלבריגען. ווייסע און קרים.

סייל פרייז — $1.29

מענס דרעס זאקען. ווערט 39 סענט. ווייסע, שווארצע, ברוין און גרעי.

סייל פרייז — 29c

מענס ארבייטס זאקען. 1 לאט זאקען פארשידענע קאלירען.

סייל פרייז — 50c

ספעשעל אויספארקויף

מענס אנדערוועהר, גערייפטע און פליעס־לײנד.

סייל פרייז — בארגיינס

א לאט בעד־טאולס, גוטע סייז, גוטע קוואליטי.

סייל פרייז 2 פאר 15 סענט.

1 גרויסער לאט רעמנאנטס אין ווייסע מאזלין, בעסטע קוואליטי.

סייל פרייז — 30c א יארד

גרויסער לאט דרעס וואויעלס רעמנאנטס שעהנע קאלירען.

סייל פרייז — 49c א יארד

גרויסער לאט שורטינגס רעמנאנטס פענסי סטרייפס.

סייל פרייז — 39c א יארד

1 לאט 5000 יארד פון פאפלין, גינ־גאם לינענס, פעקעי און סטייבעל קא־לירען.

סייל פרייז — 39c א יארד

לײדיעס זאקען

1 לאט לײדיעס זאקען ווייסע און שווארצע.

סייל פרייז — 19c

לײדיעס זיידענע זאקען

1 לאט פון פיינע לײדיעס זיידענע זאקען. אלע קאלירען.

סייל פרייז — $1.29

לײדיעס יוניאן סוטס

לײדיעס יוניאן סוטס קאלירטע און ווייסע. אלע סייזעס.

סייל פרייז — 69c

א גרויסער רעדאקשאן אין מ מענס און לײדיעס וואולענס פאר־סוטס. אווערקאוטס און דרעסעס. אויך סילקס און וואו־לענס פאר לײדיעס דרעסעס.

Kaplan's Bargain Store

483 Hastings Street

דער וועג

THE DETROIT JEWISH DAILY

Published Daily, Except Saturdays and Jewish Holidays, by
DER WEG PUBLISHING COMPANY, INC.

347-49 Hastings St., Detroit, Mich. — Main 2715

J. RABINOWITZ, Pres. — JOS. R. LEEMON, Sec.-Treas.

B. I. GOLDSTEIN, Editor

(Entered as Second Class mail matter at Post Office, Detroit, Mich.)

Subscription Price: By mail, or carrier, one year, $5.00; six months, $2.50.

צו די וואס מארשירען היינט

היינט איז דער טאג פון פאלק.

יעדער איד, וואס האט דעם בטחון נישט פארלארען אין דעם חשכת פון מרא'דיגען גלות; יעדער איד, צו ציוניסט אדער נישט, צו שקל צאהלער אדער נישט, אבי ער האט זיינע הענט אין אן עת צרה אויפגעהויבען צו די הימלען און האט וועגען ישיבת ציון געבעטען — יעדער איד מעג היינט זיך פרעהען און אין הערצען צייט מיט [illegible] און [illegible] אז די היינטיגע פרייד זאל זיין די התחלה פון א נייער [illegible], וואס איז אונזער לאנד, אז עס זאל זיין אין בוילען אונזער לאנד.

[illegible]

אלס פאלק זיינען מיר איצט אין א צייט ווען [illegible] אונזער לאנד.

[illegible]

דר. הירצל'ס רעדע אויפן ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס

[illegible]

אונטערן האמער

פון חיים הורוויץ

ענגלאנד צו די אידען:

ווילט איהר אננעהמען ארץ ישראל איז גוט, ווען נים — וועל איך אויף אייך אנווארפען א הרחזתים מיט א העברעאישען אוניווערזיטעט...

* * *

[illegible]

גאולה לידער

די תקיעה גדולה

צו דער גרויסער ציון־געלעגענהייט

פון מאריס ראזענפעלד

דער פארהאנג איבער'ן גלות פאלט,
דער שופר של משיח שאלט.
דאס איז די גרויסע צייט [illegible] וואו'רע־
מיר האבען לאנג אויף איהר געווארט.
נו, איז דער צער איצט אויסגע'צער'ט —
עס טראגט זיך הויך א תקיעה גדולה.

עס שיקען ציון'ס ערד'לע זיהן,
די גרעסטע ווייטע אחין,
צו דער מערת המכפלה,
ווי זאגען אז די אבות דארט:
עס ווערט מקוים גאטעס ווארט,
עס טראגט זיך הויך א תקיעה גדולה.

דאס איז די גאולה־צייט, מען געהט
מיט לייכטע הערצער טיעף דערפרעהט,
דאס לאנד וועט מעהר ניט שטעהן א הוילע,
עס וועט באקראנצט זיין אין באבלומט,
עס קומט [illegible] שענע צייט, זי קומט!
עס טראגט זיך הויך א תקיעה גאולה.

נו, שליסען מיר איצט האנד אין האנד
לכבוד אונזער הייליג לאנד,
מיר וועלען מעהר קיין „בני הגולה",
עס קלינגט מיט שמחה ישרא'ס [illegible],
עס הילכט דאס ווארט פון אלקים,
עס טראגט זיך הויך א תקיעה גדולה.

ערוואכונג

פון ש. נעפאם

פון דעם שווארצען שלאף דעם שווערען,
פון דער לאנגער גלות נאכט
אך, וואס לאזט זיך צו מיר הערען,
פיל מיט ליעבע, פריידענס־פרעהען
ס'האט דאס אלטע פאלק ערוואכט!
ס'גלאנצט דער הימעל ווי א שפיגעל
אין דער פאנער בלוי און ווייס
פלאטערט ווי א טייבען פליגעל
מיט דעם מגן דוד'ס זיעגעל,
פריי איבער דעם שטאלצען גרייז.
מיר און טייער שטערען אפען
קיינער שטערט ניט די יוערסט פריי!
ס'האט דיין אלטעס לאנגעס האפען
דיין ערווארטונג איבערראשען
ס'ברייט דיין חרים פון דאס ניי־
בערג און טאלען, ים און קוועלען,
ס'גריסט דיך גאר די שענע וועלט.
מזרח'ס שענסטע מארגענס שטראלען
אויף דיין פרייען ווענ איצט פאלען,
נאמס געבענשטער אלטער העלד —
און פון מזרח מירב הרים.
שיינט דיין אלטעס ישעס גליק,
יי פון טיעפע, שווארצע קברים
אלטע, יונגע, דיך אין ארעם
ציהרען שוין א היים צוריק.
אנגערשראקען פעסט געגאנגען,
טראג דעם פאנער פריי פאראוס!
ס'וועט דיין היימאט דיך עמפפאנגען
מיט יובעל און געזאנגען
דריקען דיך אין ווארמען שוים.
פון דעם שווארצען שלאף דעם שווערען
פון דער לאנגער גלות נאכט
אך, וואס לאזט זיך צו מיר הערען
פיל מיט ליעבע פריידענס־פרעהען
ס'האט דאס אלטע פאלק ערוואכט!

May 30/20

מיר און די אראבער אין ארץ ישראל

פון מרדכי דאנציס

איינענע און פרעמדע, גוטע פריינד און שונאים, האבען אונז געהאלטען אין איין דראהען מיט דעם שטורעם, איינגעראטענעם צארן און איבערגעטליהענדער נקמה, וואס ב׳יצען ארויס זון פייער־שפיצען פון די שווארצע, אנגעצייכענטע אויגען פון האלב־ווילדען אראבער.

א שטארען פאלק דאס אראבישע האט ...

... אין די היילינע שטעדט פון נביא ריגט א פארשעהמטע און פארראסטעטע.

קומען וועט אבער דער גרויסער טאג און דער היילינער גייסט פון נביא וועט זיך ווידער באווייזען צווישען זיי־נע פאר׳חושכ׳טע קינדער, אראביער׳ס ...

פארגעקומען צווישען די קאלאניסטען און אראבער, צווישען אונזערע שומרים און זייערע רויבערישקעס, איז גע־בראכט געווארען, אלס א ראיה פאר דער ווארנונג, און בפרט דער פאגראם: איהר זעהט... איהר זעהט!... —

ווען א פאלק זינגט

(צום הייגטיגען גאולה־פעראד)
פון ישראלי

וואויל איז צו דעם מענשען, וועל־כער נעהמט אויף דעם טאג מיט נע־זאנג. ביי אזא מענשען איז דער טאג פיעל לייכטער; א מענש וואס זינגט, פיהלט אין יעדער סעקונדע וואס פליהט פארביי, אז דאס איז ניט בלויז אפ־געלעבט א סעקונדע וואס קעהרט זיך ...

די געשיכטע געהאט צו דערצעהלען: „נעזונגען איז אמאל א פאלק ישראל". אבער זי האט עס ניט צו דערצעהלען און זי וועט עס ניט האבען! דאס אי־דישע פאלק לעבט זיין לעבענס, און האלט אין איין זינגען פאר נאך אמאל ניין... אט דאס איז דער סוד פון דער ...

בען; דאס איז דער ניגון פון מיין פאלקס „הלוכה", „הלוויה".

דאס איז דער צוקונפטיגיגון פון מיין פאלק, וואס האט אין דער הייני־טיגער צייט פון וועלט־בראנד, בא־קומען א פרעהליכערען נוסח, א גוסט ניט געהערט זיין פאר די יעצטע צווי ...

... תפלות, פון גוטע דער טעקסט בעט רחמים, אבער דער ניגון זינגט א שבח צו דער אונענדליכקייט, נאך ווייטער: צום מקור פון דער אונענדליכקייט. דאס איז א ניגון פון ליעבע און גלות ...

... זער פאלק שטארקער ווי אלע מאל אין אונזערע הערצער אפקלינגען און וויסען זאל די וועלט, אז אייביג זינגט א פאלק וואס לעבט אייביג־לעבט א פאלק וואס זינגט...

...

די אורזאכע פון זיין אונטערגאנג וואלט געוועזען קלאהר...

* * *

דאס גרעסטע זינגער פאלק איז דאס אידישע. וואלט דאס אידישע פאלק אויפגעהערט זינגען, וואלט שוין לאנג ...

און מיר מארשען

פון דר. קאפלענער

דער מבול פון בלוט און טרעהרען געהט זיך ענדליך ענדיגען. א רעגענ־בויגען האט זיך באוויזען דארט אין סאן רעמא, און די הימליש־פארבינע האפנונגס־ליכט שפיגעלט זיך אפ אי־בער וואו ישראל געפינט זיך. די גאולה בשורה פון יענער מדינה, די אמאליגע היים ...

אויב דעטראיט, געהער צו די לעצטע, איז אבער איצט בפירוש די צייט אומצובייטען דעם מצב, און פון היינט ארויסווייזען מעהר אימפולסיוויטעט אין דער ארבייט, פאר דער אויפבויאונג פון ארץ ישראל אויף זייערע יסודות, זייערע אנשויאונגען.

זאל די דעמאנסטראציע מיט באגייסטערונג אנרעגען אלע נאציאנאלע אידען. זאל דעטראיט אין דער ווייטערער ארבייט לטובת ארץ ישראל פארנעהמען יענעם פלאץ, וועלכען זי דארף פארנעהמען לויט איהר אידישער באפעלקערונג.

ביז איצט האט דעטראיט אזא פלאץ אין די נאציאנאלע ארבייטען נישט ארגומען. איצט אבער איז די צייט אזא וואס יעדער צוריקשטעהן און גלייכגילטיגקייט קען פאר א בלידה קענען אידישען פאלק פארדעכענט ווערען; איצט מוזען אלע נאציאנאלע אידען, פון אלע פראקציעס ווערען טעטיג, אנדערש איז דער פאראד ווינט מיט הויך.

שפריצן

אונזער פליכט

אין זיין באגריסונג צו דער ציוניסטישער קאנווענשאן אין ניו יארק, אפעלירט לאיד דזשארדזש צו די אידען פון דער גאנצער וועלט, אז זיי זאלען מיטהעלפען דער ענגלישער רעגירונג צו פארוואנדלען ארץ ישראל אין אן אמת אידיש לאנד.

איצט בלייבט פאר'ן אידישען פאלק צו ווייזען, אז עס איז איינשטימיג מיט ענגלאנד.

* * *

מישמאש

איצט דער סעזאן פון קאנווענשאנס. וואו מען גיט זיך א ריהר — א קאנ־ווענשאן. אלע מיינע קרובים און פריינד דעלעגאטען.

אז איך לעז די צייטונגען וועגען די פארשיעדענע קאנווענשאנס, פאדרעהעט זיך מיר אוש דער קאפ און עס ווערט ביי מיר א מישיגינע: ארב. רינג, ארבייטער־גאולה, אמאלגאמייטער ציוניסטען, אינדעפענדענט שלום, אזוי ווייטער און אזוי ווייטער.

* * *

גאך טייערער

ציטונגס פאפיער, מעלדעט מען, וועט באלד טייערער ווערען.

אפשר וועט צוליעב דעם געדרוקטע ווארט טייערער ווערען ביים לעזער..

* * *

וועמעס שלום

פרעזידענט ווילסאן האט ערקלעהרט, אז די ראטיפיצירונג פון שלום מוז זיין די הויפט אישו פון דער דעמאקראטישער פארטיי.

וועלכען שלום? ווייזט אויס, אז ווילסאן האט אין זינען בלויז זיין אייגענעם שלום, ווייל די שלום רעזאלוציע פון סענאטאר נאקס וויל ער — נישט אונטערשרייבען..

* * *

שלעכט!

מען דערצעהלט אז ארמעניען איז געווארען אין ניו יארק איז אנגענומען געווארען א סימפאטיע רעזאלוציע פאר ארמעניען, וועלכע האט צוריקגעקרעגען איהר זעלבסשטענדיגקייט אין דערזעלבער צייט מיט דעם אידישען פאלק.

זעהר שעהן! אבער לעצטע טעלעגראמען דערצעהלען אז ארמעניען איז געווארען באלשעוויסטיש און סימפאטיע פאר א באלשעוויסטיש לאנד איז דאך אין דער איצטיגער צייט א פארברעכען..

* * *

טאקע א חידוש

צווישען יאפאן און אמעריקא איז ווידער נישט שוחבישות'דיג און מען מורמעלט שוין נאכאמאל וועגען מלחמה צווישען די ביידע לענדער.

איז דאס נישט א חדוש אין אמעריקא זענען געלע און אין יאפאן זענען זיי געלע און צום סוף רייסען זיי זיך ארום — געלע מיט געלע! און ווער העצט צום קריעג? — די געלע פרעסע..

* * *

חתם־שלום!

יאפאן שווערט זיך ביי בארד און פאות, אז זי איז נישט אין קריעג מיט רוסלאנד.

נעבאך! ווער האט זי דען חושד געווען, אז זי איז אין קריעג? טפו! גלאט די יאפאנעזער שיסען אויף די רוסען מיט ביקסען און שווערע קאנאנען. אבער קריעג — א נעכטיגער טאג!

* * *

א שלעכטער גראם

דער גאווערנאר פון ניו יארק שטאט, סמיט, האט זיך אפגעזאגט אונטערצושרייבען דעם „ביל“ אויף באצאהלען די הוצאות, וואס עס האט דער אסעמבלי אפגעקאסט ארויסצוווארפען די סאציאליסטישע אסעמבלילייט.

ווי עס זעהט אויס גראמט זיך נישט
סמיט
און ....
סוויט.

אבער א קשיא אויף סוויט'ן — ער קען נאך דעם ביל צושיקען צו דער סאציאליסטישער פארטיי, אז זי זאל באצאהלען וואס עס האט געקאסט ארויסצוווארפען איהרע מיטגליעדער פון דער אסעמבלי..

ווילסאן געגען ווילסאנען

פון ישראל ראבינאוויטש

געווען א מאל א צייט, ווען פרעזידענט ווילסאן האט שיער דערגרייכט די מדרגה פון א נביא.

אבער יענע צייט איז אוועק.

און ווילסאן איז געבליעבען שטעהן ביים „שיער“ — ווייטער איז ער ניט געגאנגען.

אין פון זיין „שיער־נבואה“ געווארען א דאגמא, און וועלכער עס האלט זיך נאך אין איין איינציגער דאגמאטיקער און די טראגעדיע איז, וואס דער איין איינציגער דאגמאטיקער איז — ווילסאן אליין..

געווען אמאל א צייט ווען ווילסאן האט ארויסגעזאגט א גרויסען אמת אבער יענע צייט איז אוועק און פון'ם גרויסען אמת איז געווארען א גרויסער היפוך..

אלע ווייסען דאס; אלע זעהען דאס באשיינפערליך; עס איז בלויז געבליבען איין־איינציגער מאן, וואס וויל דערפון ניט וויסען, ווייל זיין טראגעדיע איז אזוי גרויס, אז ער קען דאס ניט זעהן.. דער ראזיגער מאן איז עס דער פארפאסער פון יענעם אפגעשטארבענעם גרויסען אמת, פרעזידענט ווילסאן.

אין זיין באריהמטע רעדע, וואס וויל סאן האט געהאלטען ביי דער געלעגענהייט פון אמעריקא'ס קריעגס ערקלעהרונג געגען דייטשלאנד, האט ער געזאגט:

„מיר געהען ניט אין מלחמה געגען דייטשען פאלק, נאר געגען דער דייטשער רעגירונג, וועלכע האנדעלט אומפאראנטווארטליך און אהן דער צושטימונג פון דייטשען פאלק“.

אלע רעכט דענקענדע מענשען האבען איהם דאמאלס אפלאדירט פאר דיזער מוטיגער און שארפער ערקלעהרונג. אומצופריעדען זענען פון די דאזיגע ווערטער געווען בלויז עטליכע „רעוואנשאומפעריאליסטען און פראנקרייך" און די וועלט־מארקעט זוכער פון ענגלאנד.

אבער דער מזל פון דער צייט האט דאמאלס געדינט אונזער פרעזידענט און איינגעלאדען האט זיך פונקט אזוי

ווי ער האט געוואלט, זוי ער האט געזאגט. ווי ער האט פאראויסגעזאגט ווי ער האט געוואונשען.

דאס קייזעריזם אין דייטשלאנד איז געפאלען; דאס דייטשע פאלק האט דורך א „דעמאקראטישער“ גרינדונגס פארזאמלונג, באשטימט א נייע קאנסטיטוציע פאר'ן דייטשען רייך; דייטשלאנד איז געווארען א האלב סאציאליסטישע רעפובליק, אלס רעזולטאט פון בלוטיגע קאמפען מיט די אלטע כחות פון געוועזענעם קייזערס רעשים.

דאס איז יעצט א טאט־זאך וואס אלע ווייסען און אלע זעהען. בלויז איין מאן שלעהט נאך פארעקשנ'ט און וויל דאס ניט צוגעבען און דער טראגישער פאראדאקס איז, וואס דער איין מאן איז דוקא דערזעלבער פרעזידענט ווילסאן, וואס האט זיך אמאל ערקלעהרט אלס פריינד פון דייטשען פאלק און אלס שונא פון פריסישען קייזעריזם.

עס איז פאר קיינעם קיין צווייפעל ניט געווען, אז פרעזידענט ווילסאן וועט וועטאאירען די שלום רעזאלוציע פון סענאטאר נאקס, ווייל זיין גרויסער הוהב פאר ביי דער פרידענס קאנפערענץ און אונטער'ן דרוק פון פארטיי־פאליטיק, האט ער ליידער ניט געקענט אנדערש האנדלען.. עס איז פונדעסטוועגען געווען אינטערעסאנט צו וויסען, וואס פאר ארגומענטען דער פרעזידענט וועט אנגעבען צו זיין וועטא; עס האט זיך געוואלט גלויבען, אז פונדעסטוועגען האט נאך פרעזידענט ווילסאן צו זאגען א ניי ווארט.

אבער די ערווארטונג איז געווען אומזיסט. דעם פרעזידענטס צושריפט וועלכע באגלייט די וועטא אויף דער רעזאלוציע קלינגט — אבוואהל זעהר סטיליסטיש, ווי פרעזידענט ווילסאן קען — אבער דערפאר א היבש ביסעל קאמיש, קאמיש דערפאר, ווייל דארטען חזר'ן זיך איבער יענע ווערטער, וועלכע האבען אין 1917 געקלונגען ווירקענד און ריכטיג, אבער אין 1920 — קול־קורא במדבר'דיג און — פאלש.

עס ווייזט זיך ארויס, אז פרעזידענט ווילסאן, וועלכער האט שלום געמאכט מיט'ן דייטשען פאלק און צייט פון מלחמה, האט שטארק חשק צו זיין מיט'ן זעלבען פאלק אין קריעג אין צייט פון שלום..

„די רעזאלוציע — זאגט דער פרעזידענט אין זיין צושריפט — זוכט צו עטאבלירען שלום מיט דער דייטשער אימפעריע ניט פאדערענדיג פון דער דייטשער רעגירונג קיין באגיטיגונג אויף די עוולות, וואס זי איז באגאנגען געגען די פעלקער וועלכע זי האט אטאקירט.“

א באגיטיגונג פון דער דייטשער רעגירונג, פון וועלכער רעגירונג? וועלכע דייטשע רעגירונג האט אטאקירט יענע פעלקער, פאר וועלכע דער פרעזידענט נעהמט זיך אן? איז עס די איצטיגע באַרקס־רעגירונג פון דייטשלאנד פאראנטווארטליך פאר דער אטאקע אויף בעלגיען?

און אויסער דעם האבען דעם פרעזידענט'ס ארגומענטען נאך א משונה'דיגע זייט.

אין יאהר 1917, ווען דער פרעזידענט האט געהאלטען זיין באריהמטע רעדע, האבען אלע געוואוסט, אז דאס איז געווען א דירעקטע אנצוהערעניש צום דייטשען פאלק, עס זאל זיך ארונטערווארפען דעם קייזעריסטישען יאך. אלזא דעם פרעזידענטס דאמאלסדיגער ווארנונג איז צוליעב אזא אדער אנדער אורזאכע ערפולט געווארען און קייזעריזם איז יעצט אויף שטענדיג פארטריבען פון דייטשלאנד. וואס ווש איז היינט עס, געבליבען פאר דעם דייטשען פאלק צו טאן? געווים וואלט דאך פרעזידענט ווילסאן ניט אונטערשטיצט אנארכיסטישע געזעלשאפט אין דייטשלאנד... אלזא ווי באלד אז ניט קיין אנארכיע, דארף דאך זיין א רעגירונג און פרעזידענט ווילסאן אלס דעמאקראט און אלס שונא פון קייזעריזם, האט דאך זיכער געוואונשען אז אויפ'ן פלאץ פון

קייזער'ס רעשים זאל עטאבלירט ווערען א דעמאקראטישע רעגירונג — פונקט אזא רעגירונג ווי דייטשלאנד האט יעצט. — צו וועלכע רעגירונג האט דער פרעזידענט פאראנטווארטליך פאר דער באפאלונג פון בעלגיען און פראנקרייך?..

אויף אזא'ן אופן איז דאך טאקע די וועטאאירטע שלום רעזאלוציע פון סענאטאר נאקס פיעל לאגישער, ווייל זי שלאגט פאר צו ערקלעהרען די מלחמה אלס געענדיגט, אהן שום ווייטערדיגע בערעכענונגען. און אנדערע ווערטער מיינט עס: די רעפובליקאנער פון ביידע הייזער, ניט אכטענדיג דעם פארטייי קאפיטאל, וואס זיי זוכען דערפון צו שלאגען, האבען דאך אינדירעקט איבערגענומען יענעם שטאנדפונקט, אויף וועלכען עס איז געשטאנען פרעזידענט ווילסאן אין 1917..

פון דער אנדערער זייט אבער האט זיך פרעזידענט ווילסאן פון 1920 געשטעלט געגען פרעזידענט ווילסאן פון 1917.

אין דא קומט פרעזידענט ווילסאן'ס טראגישסטער פונקט: די ווערסאליער טריטי האט פון איהם געמאכט אזא ווידער־ און ער מוז איצט מיט דער ניט ראטיפיצירטער טריטי אין האנט זיך שטעלען אויף א שטאנדפונקט וואס איז אין פולען ווידער־שפרוך מיט דעם גאנצען געראנקען־גאנג, וואס האט באהערשט זיין יעדען ארייטטריט אין יענע יאהרען ווען ער איז געשטאנען אויף דער פראבע אין גאנץ שטופע.

יא, געווען אמאל א צייט, ווען פרעזידענט ווילסאן האט שיער דערגרייכט די מדרגה פון א גרויסען מענשען, אבער יענע צייט איז אוועק און דער „גרויסער“ ווילסאן איז געווארען א דאגמאטיקער, וואס שטעהט שטאהל אין אייזען פאר'א נעכטיגען אמת וואס איז היינט א ליגען..

א קריסטליכע שרייבערין וועגען ארץ ישראל

באארבייט, אין אידיש
ספעציעל פאר'ן „וועג“
פון בארים לערנער

אין די רייזע באשרייבונגען פון דער שריפטשטעלערין עליזא שאלעק איז פאראן א קאפיטעל מיט'ן נאמען „פאלעסטינא“.

מיס. עליזא שאלעק איז א קאטאליקין. זי איז געפאהרען קיין ארץ ישראל אום אויסצוקוקען אלע קריסטליכע הייליגע מקומות אין יענעם אלטען הייליגען לאנד און אויף איהר וועג האט זי איהר אויג ניט פארמאכט אויך וואס איז נוגע די אידען.

דאס דאזיגע קאפיטעל „פאלעסטינא“ איז אינטערעסאנט שוין דערמיט אליין וואס דאס איז געשריבען פון א קריסטליכע שרייבערין און מיר ווילען דאס קאפיטעל ציטירען פאר אונזערע לעזער.

זי הויבט אן דאס קאפיטעל מיט דעם אריינפאהר קיין ירושלים:

דער טייער דמשק אי זדער טהויערונג־סטער, דער פינסטערסטער פון אלע זיבען טויערען וואס רינגלען ארום ירושלים. דורך דעם דאזיגען טויער האבען מיר זיך געלאזט קיין ירחו.

אויף דיזען וועג, צו געהן קיין ירחו, איז א נעפאהר. סיידען עס נעהמען זיך צוזאמען א סך מענשען. מיר האבען אויך געהאט א קאמפאניע פון די וואס זייגען אנגעקומען פון דער שיף „טאליא“.

במעט פינף שעה האבען זיך געיאגט די פערד וואס זיינען געווען געשפאנט צו דריי אין א פוהר, איבער דעם זאמדיגען און שטייביגען וועג. דער וועג שנייד'ט דורך דעם גאנצען גבעת אפרים און דרעהט זיך ווי א שלאנג דורך בערגער און בערגעלעך אהן א סוף. דער גאנצער וועג איז פוסט, ניט באוואקסען, אפילו ניט א גרעזעלע, חוץ מדבר־געוויקסע, אויף וועלכע עס בלאנדזשען ארום די בעדואינער פאסטוכער מיט זייערע בהמות אונטער דער ווארימער זון מיט איהרע העלגאלדענע שטראהלען.

אויף דעם וועג האבען מיר אנגעיאגט א סך צורפוס־געהער. מעהרסטענס רוסישע, וואס אויף זייער וועג קיין ירחו האבען זיי די גאנצע לופט פול געמאכט מיט ליעדער, מיט באגייסטערונג. א קוק געבענדיג אויף די רוסישע עולי־רגל, האט מען געזעהן, אז זיי זיינען גליקליך מיט זייער רעליגיעזער התלהבות און קימערן זיך קנאפ וואס פון דער היץ.

צווישען זיי זיינען אויך געווען קינדער, ביי וועמען די התלהבות איז אפנים נאך ניט גרויס. ווארים זיי האבען געווינט פון מידקייט און דורשט.

די לעצטע שטרעקע פון וועג איז קרום און משופע. ער פיהרט צווישען בערג אין לאזט זיך אראפ אין דעם עמק הירדן, וועלכער איז מיט פיער־הונדערט מעטער נידעריגער פון דעם ים און מיט טויזענד צוויי הונדערט מעטער נידעריגער פון ירושלים. די פערד האבען זיך ווייניגער אפגעשראקען פאר דעם טאל און מיט כל אמצי כחות געלאפען אין אנגעווארפען א שרעק אויף די פאסאזשירען. די שרעק ווערט נאך שטארקער, ווען קומענדיג אביסעל טיפער אין דעם טאל, דערפיהלט מען ווי מען וואלט אריין אין א ווארים בעדעל. דאס ווארימקייט טאפט מען במעט מיט די הענט.

פונ'ם הימעל גיסט זיך א ווייסע ליכט, אזוי ווייס, אוש עס בלענדעט אין די אויגען. די גאנצע לאנדשאפט פארהילט זיך אין אן אייקאליפטען פארהאנג און עס הויבט זיך. אז די ערד איז דא באדעקט מיט איבערגעברענטען אש. דער טאל איז מיט זאמד, פון וועלכען עס פינקלען ארויס רידקעלעך וואלקען און די „זאזיפוס ספינא קריסטי“ (דאס איז אזא גרין־דארנדיגע שפראצונג, וואס לויט די קאטאליקען, האט מען דערפון אויסגעפלאכטען דעם דארן־קראנץ פאר יעזוס'ען).

די מויערען פון דער אלטער היסטארישער שטאדט ירחו, וואס זיינען ווי באשריבען אין דעם תנ"ך — איינגעפאלען אמאל פאר די קולות פון די שופרות פון יהושע'ן, זיינען ארויסגעראבען פון דער ערד. אבער פרעמדע מענשען ווערט ניט ערלויבט צו צוגעהן צו די אויסגראבונגען.

די היינטיגע, נייע ירחו איז א קליין שטעטעל.

אין ירחו זיינען פאראן א פאר קליינע האטעלען און עטליכע קליינע רעסטאראנען, וואו די מעהרסטע מאכלים זיינען געמאכט אויף דעם לודו'וישען סטיל, פון געוויקסע מיט בשמים פאר־פראוועט. א רוסישע פאסט איז פאראן דארט, און א מתנה פון בעדואינער.

מיר פאהרען דורך ירחו, און לאזען זיך ווייטער צום ים המלח.

זיבען און צוואנציג קילאמעטער זיינען מיר שוין אפגעפאהרען.

צווישען די פאסאזשירען, וואס פאהרען מיט אונז, זיינען פאראן א היפש ביסעל רייזענדע און אלע דריגנעגע, אז עס וואלט געווען ראטזאם אפצורוהען זיך, ווארים די פערד זיינען מיעד.

אבער די אראבער לאבען זיך אויס פון אונז.

און אפנים אז די פערד אליין האבען געקעצט לאבע, הערענדיג, אז מען זאגט אויף אז זיי קענען מיעד זיין.

ווי איבערראשט האבען באדארפט ווער'ען די רייזענדע אין די גרויסע מבינים אויף דער טבע פון פערד, ווען זיי האבען געזעהן, אז פון ירחו זיינען די פערד אוועק א גאלאפ ליט נאך מעהר שנעלקייט און מיט נאך מעהר חשק, ווי ביז ירחו.

קיין סימן פון מידקייט האבען זיי ניט ארויסגעוויזען.

די פאסאזשירען האבען זיך שטארק גע'חידוש'ט.

אבער די אראבער האבען קיין סימן פון באוואונדערונג ניט ארויסגעוויזען. זיי האבען אין דער ווייסער ווייטקייט געקוקט און זיך ניט אומגעקוקט אפילו אויף זייערע פערדלעך.

און ווידער איז מען געפאהרען דורך מדבר. ווידער האט מען ניט געזעהן קיין בוים, קיין גרעזעלע. איבער דער גאנצער שטרעקע — ווייסען זאמד און באזיל־בערגע בערג.

בלויז ווייטער אביסעל פון אונזער וועג זעהט זיך דער ים.

דער ים זעהט אויס ווי באדעקט מיט בלוי. די וואסער ליגט מיעד, אונבאוועגליך. קיין אין בוואליע הויבט זיך ניט און קיין אין פישעל רייסט ניט דאס וואסער.

דער ים איז, דוכט זיך, אויך ניט מעהר ווי מדבר. די וועלכע מדבר, וואס דרעהט זיך ארום זיינע ברעגעס.

אט זיינען מיר ביים ים. מיר געהען אריין אין א קליין שיפעל. פארזוכען די געזאלצענע וואסער, וועלכע איז פיל מיט אזוי פיעל מינעראלען, אז קיין שום לעבעדיג באשעפעניש קען דארט ניט לעבען לאנג.

און די וואסער פון דעם דאזיגען פארשטיינערטען ים, זיינען שווער, אזוי שווער, אז בארען זיך אפילו קען מען זיך אין זיי ניט.

פון מזרח און פון מערב זייט זעהן זיך די פעלזען און די בערג (די הרי מואב), און דרום זייט ווערט דער ים פון אויג איבערגעריסען און פאלט אריין ערגיין אין א פינסטערען געגענד, וועלכער איז, אמת געזאגט, ניט מעהר ווי א פארגעבעלט פלאץ, וואס ציהט זיך צו סדום און עמורה, וואס אין יענעם ווינקעל. חוץ דעם זעהט מען קיין זאך ניט: ניט קיין ישוב, ניט קיין פויגעל, ניט קיין גרעזעל און ניט קיין שטימע ריישט איבער דאס שטילקייט.

און ארימער אראבער טראגט אונז צו צו קויפען ביי איהם ירחו'ש בלומען. אבער אונזער באגלייטער פארזיכערט אונז, אז אין ירחו זיינען גאר לחלוטין קיין בלומען ניטא. די בעדואינער ברייגען די דאזיגע וואקסונגען פון דער מדבר. דאס זיינען אזעלכע צובליהעטע שטיקלעך האלץ, וואס האבען דאס אויסזעהן פון בלומען און וועלכע זיינען נאר א סחורה פאר „גרינע“.

איצט פאהרען מיר צום ירדן.

וואס נעהנטער מיר קומען צום ירדן, אלץ מעהר און מעהר זעהט זיך שוין גראזען און אנדערע געוויקסען.

דער זאמדיגער באדען פארשווינדט ביסלעכווייז און עס דערפיהלט זיך אונטער דער פוהר א פיימיגער באדען, א ווייכער.

און אט דערזעהט מען א וועלדעל און אט א פעלד באוואקסען מיט גרינס. ביימער, טשערעט און בלומען.

און אט זיינען מיר ביי די ירדן־ברעגעס, וואו לויט דער לעגענדע האט יוחנן גע'טובל'ט יעזוס'ען.

דער ברייטער שטראם, וואס שטורעמט מיט שטארקייט און שנעלקייט, איז דא שמאל און רוהיגער געווארען. אויף דער צווייטער זייט פון ברעג הענגען אראפ די צווייגען פון די ווערבעס, פון וועלכע עס קוקט ארויס דער בראנזענער רוקען פון דעם הר־הגלעד.

דער געגענד און דער ים — און דער אומריינער ברעג — טראגען,

(שלוס אויף זייטע 5)

אין אַ ווינקעל פון דעטראָיט

ראמאן פון ב. איסאַיעוויטש

(פאָרטזעצונג)

חנה האָט געשוויגען א רגע און דאן געזאָגט:

— מרס. פינקעל, אויב מיט מרים'ען האָט עפּעס אן אומגליק געטראָפען, וועל איך דאָס ניט איבערלעבען. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אז דאָס וואָס איהר זאָגט מיר איז עס ניט מעהר ווי אויסצוריידען דאָס האַרץ; ניט מעהר ווי מיר גרינגער צו מאַכען די שרעק.

— וואָס רעדסטו, חנה'לע.. וועה איז מיר.. וואָס זשע זאָל מען טאָן? וואוהין זאָל איך לויפען? אדרבה זאָג. וועסטו זעהן איך וועל לויפען אין עק וועלט.. אבער — — שאַ נאָר.. ס'דאַרף שוין באלד טאָג, אפשר זאָל איך ארויפלויפען צו דעם מיסטער ניימאַנען. ער איז דאָך עפּעס א גאַנצער אמעריקאַנער..

— איי, מיסעס פינקעל גאָט ניט. כ'האָב מורא אליין צו בלייבען — האָט חנה זיך געגומען בעטען. זי האָט אבער באלד חרטה געקראָגען און א זאָג געטאָן: — לאָמיר נאָך וואַרטען נאָך א שעה. זאָל ווערען טאָג, וועט זעהן. וואוהין וועט דען ניימאַן קענען איצטר לויפען?.. ביינאַכט..

די אַלטע מיסעס פינקעל האָט זיך דער זייט צוגעזעצט נעבען חנה'ן, האָט זי איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע. און זי געהאַלטען אין איין טרייסטען —

— אט וועסטו זעהן, אז מיט א צווייטער שעה שפּעטער איידער זי וועט אַראָפּען געהן אין דער בלימען הויז, וועט זי אליין אהיים קומען.. און אום זיסטער פחד.. זאָל שוין זיין אזוי. רבונו של עולם שרעק מיך בעסער אבי שטראָף מיך ניט.. זאָל עס זיין אן אפּקור בענייש פאַר די זינד, גרויסער גאָט..

און אין האַרצען ביי איהר אליין האָט געוואַקסען און געוואַקסען די מורא. מרים וועט ניט בלייבען נעכטיגען אין דער פרעמד.. מערי איז ניט פון יענע מיידלעך וואָס פאַרזיצען זיך שפּעט אין פרעמדע הייזער.. מרים'ען וועט ניט העלפען קיין פאַרהאַלטען. ניט מרים זלמן'עס קען מען פאַרהאַלטען אויף אַכט.. ענער אין א פרעמדער שטוב. מען האָט זיין אפילו אזא שטוב ווי ביי דעם רישאַלט.

חנה האָט אויך געפיהלט אז די מיסעס פינקעל נאַרט זיך אליין און ווייל זי אפּנאַרען. זי האָט דערום ניט ערנסט גענומען איהרע טרייסט ווערטער. זי האָט גוט געקענט איהר שוועסטער, עפּעס נאָך מן הסתם, איידער די מיסעס פינקעל, אז זי האָט גוט פאַרשטאַנען אז דא איז עפּעס אן אויסערגעוועהנליכער צופאַל געשעהען.

וואָס דער צופאַל איז, וואָס פאַר אן אומגליק האָט דער ציפאַל איינגעהילט אין זיך — דאָס האָט חנה ניט געוואוסט און מורא געהאַט אויפ'ן דאָס געדענקען.

זי האָט פון דער טיפענייש פון איהר נשמה געהערט אזא הראָרען געשריי; אוי שוועסטער איז אומגליקליך! מיט שוועסטער האָט א שרעקליכער אומגליק געטראָפען.. זי הערט דאָס שטימע, און זי פיהלט אז גיין דער מגלית זאָל חריה, זיין אט יענער, יע־, וועלכען זי ווייס אויך דעם געראַנק ניט געהמען, וואָרט זי — — אה, וואָרט עס ניט איבערגעטראַ.. זי וואָרט

א פחד כאַפּט זי ארום.. זי וועצט זיך, טוליעט זיך צו דער מיסעס פינקעל — זי ווייצט און קוקט מיט צער אויף חנה'ן.

— איי, מיסעס פינקעל, ווען חלילה, זי האָט ניט דערגעגעט.

די ווערטער זענען איהר אין האַלז געוואַקסען.. זי האָט נור מיט געקאָפּטע אייגען א קוק געטאָן צו דער אַלטער פרוי.

דאָס געזיכט ביי דער מרס. פינקעל ווי געלען ווי וואָקס נאָר און א ציטער האָט געשוועבט איף איהרע געקאַרטשעטע ליפּען.

זי האָט מיט רחמנות פון א מאַמע געקוקט אויף חנה'ן, זי האָט איהר עפּעס געוואָלט זאָגען, אבער זי האָט אליין ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען.. זי אליין איז געווען פול מיט פחד.. האָט זי דען וועגען זיך אנגעהערט פון די שוידערליכע געשיכטען וואָס עס טרעפען אין דער גרויסער ריזען שטאָרט ניו יאָרק? אלע טאָג שרייבען די „פּייפּערס" אנדערע נייעס וואָס שטעלען די האָר קאַפּויר. אין קליינינקייט ניו יאָרק.. פאַרנאַר.. איבערגעפאַהרען, דער'הרג'עט, דערשאָסען, געבונגען אין ערניץ.. אמעריקא — פון לומבוס מדינה.. א קליינינקייט! א מיידעל אליין ביי נאַכט.. זי קאַרטשעט זיך צונויף די אַלטע פרוי פאַר צער און מיט.

אין די אַלטע ווערט בלאָס און בלאַ־ס.. זיצט און קאַרטשעט זיך צענויף ווי זי וואָלט אין קאָנוואַלסיען אדער קראַמפּף וועהטאָג געזעסען.. און אומבע־וואוסטע שרעק כאַפּט זי ארום: — וויסט איז מיר, חנה'לע, וואָס איז עס מיט מיר?" — און זי ציטערט און פּלאָ־טערט און עס טרייסלען זיך איהר הענט און פיס פאַר — שרעק.

— געזעהן.. אזא'ן אַלטער נאַר.. וואָס זיין איך, וואָס! אַלטער נאַר.. ס'דאַרף שוין טאָג.. וועה איז מיר.. זי וועט שוין באלד קומען יאָ, וועסט זעהן.

— מיס. פינקעל — האָט פּלוצים חנה זיך א ריס געטאָן פון בעט — קומט!.. קומט מיר'ן ארויפגעהן צו ניימאַן'ען איהם אויפוועקען, ס'איז שוין טאָג. איך וועל מעהר ניט וואַרטען... קומט, קומט!

און וואָס קען זי מאַכען טאָן?

און וואָס זיצט זי, וואָס שווייגט זי? זי וואָלט באַראָפּט אלע שכנים אויפ־וועקען... ס'איז עפּעס א שפּיעלכעל וואָס?..

מ'זאָגט — ס'איז א מיידעל, וואָס האָט א טבע צו געהן אַרומצואַוויזיטיר־ען, אַרומדרעהען זיך מיט בחורים, יונגע לייט.. טהעאַטער, מאָווינג פּיקטשורס, אָדער שפּאַצירען דורך די גאַסען..

מרים איז דאָך א קינד וואָס געהט נאָר אין איבעריגע מינוט פון הויז אוועק, אז זי געהט אין טהעאַטער אמאָל מיט דער חבר'טע, וואָס אַרבייט מיט איהר אינאיינעם, זאָגט זי וויסיך פריער מאָל אָן, ווען זי וועט קומען, וואוהין זי געהט. און קומט צו דער מי־נוט...

ניין, ס'איז ניט מעגליך, ס'איז ניט מעגליך!

[redacted]

די ווייסע איז זי איצט זיך לנאַט אזוי אוועקגעגאַנגען?

הס קטיגור

פון הרב יוסף תאומים

(וועגען דער דרשה פון ראַבּיי דר. פרענקלין)

רבות צררוני מנעורי יאמר ישראל. פיעלע פאַרפאָלגונגען איז שוין דאָס יודישע פאָלק אויסגעשטאַנען. פאַרשיע־דענע בלבולים זיינען געגען ישראל סבא

[illegible]

אורטייל, אז זיי באַזיצען ניט און שטרעבען ניט צו קיין אידעאַל, נאָר צו אונאַנשטענדיגע ביזנעס. זיי האָבען קיין ערנסטען אינטערעס אין דער אויסבילדונג פון זייערע קינדער, נאָר צו מאַ־טעריאַליזם און פּראָפיטירונג. וועלכעס דער עהרענווירדיגער ראַבּיי האָט, זיך

[illegible]

ונמצא שם שמים מתחלל".

יא, געעהרטער ראַבּיי פרענקלין, איהר האָט אונז געגעבען א קניפּ אין באַק פון ליעבשאַפט, טאַקע „פצעי אוהב". עס טוט אבער דאָך וועה און מיר מוזען שרייען, ובמקום שיש חילול השם אין חולקין כבוד לרב.

א קריסטליכע שרייבערין וועגען ארץ ישראל

(שלוס פון פּיידוש 4)

דורכט זיך ניט אזא גרויסע קדושה, אזא מוראדיגע רעליגיעזע היילינקייט. ניט אידעאַליסטיש און ניט בילדליך און דאָך זעצט זיך דער גאַנצער געגענד, דער גאַנצער אנזיכט אויף דעם זכרון. מען פיהלט, דאָרטען שטעהענדיג,

[illegible]

הערבערט סעמיועל וועגען ארץ ישראל

אינ'ם „האַרץ" וואָס ערשיינט אין ארץ ישראל האָט דער אידישער שליח פון דער ענגלישער רעגירונג קיין ארץ ישראל, סיר הערבערט סעמיועל, פאַר עפענטליכט, פאַר זיין אפּפאָהרען, פאָלגענדען ארטיקעל.

איך פאַרלאָז ארץ ישראל נאָכדעם ווי איך האָב פאַרבראַכט צוויי מאָנאַטען אין דיזען צויבער לאַנד. ערפילענדיג דעם פאַרלאַנג פון די פאַרטרעטער פון דער פּרעסע וויל איך דאָ מאַכען איי־ניגע באַמערקונגען וועגען די באַדינגונגען, וואָס איך האָב געפונען אין דיזען

[illegible]

אויפבויאונג פון נייע אייזענבאַהן ליניען און פאַרריכטען די אַלטע, צו ענט־וויקלען די פּאָסט, טעלעגראַף און טעלע־פאָן סערוויס און אויפשטעלען די נויטיגע צאָהל הייזער. עס איז דאָ א האָפ־נונג, אז אין פאַרלויף פון די קומענדע

[illegible]

שלעכטקייטען, פאַר וועלכע זיי האָבען מורא. זיינען ניט געקומען און עקזיס־טירען ניט, איז אוממעגליך אז זיי זאָ־לען זייער מיינונג ניט ענדערען.

עס איז דאָ גענוג פּלאַץ אין ארץ ישראל פאַר פיעל מעהר איינוואוינער ווי די וואָס געפינען זיך אין איהר איצט, און די וואָס וועלען קומען. וועלען קומען אייניציגווייז, ווייט עס וועלען ערלויבען די באַדינגונגען פון

[illegible]

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני. אינקארפארייטעד
אפיס: 347-49 העסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

ווארום פרויען לעבען לענגער

פון ב. י. ג—ן

איצט קומט א נייע דערקלערונג וואקום פרויען לעבען לענגער איידער די מענער:

מיט א יאהר צוריק האט א סטייטסער דאקטאר באהאנדעלט דיזע פראגע שטיצענדיג זיך אויף דער לעצטער פאלקס צעהלונג, וועלכע איז פארגעקומען מיט א יאהר זיבעציג צוריק אין די פאראייניגטע שטאאטען.

דער דאקטאר האט פאר זיך גענומען די ציפערען פון דער דאזיגער פאלקס צעהלונג, לויט וועלכע עס איז געווען קלאהר, אז אנטקעגען יעדע טויזענד מיידעלעך אונטער פינף יאהר, זיינען אין אמעריקא (די סטייטס) פאראן מיט 76 אינגלעך (טויזענד מיידעלעך אנטקעגען 1076 אינגלעך).

דאס וואלט געהייסען אז אינגלעך זיינען דא מעהר. עס וואלט אויך געהייסען אז דעם דאקטאר וועט עס ניט אזוי לייכט זיין צו באווייזען פרויען לעבען מעהר, לענגער.

איז עס אבער א כלל אז דער קיצור ימים ביי די מענשען הויבט זיך ניט אן צו רעכענען פון דער קינדהייט. אדרבה לויט פעסט באשטעטיגטע ציפערען און באווייזע איז עס קלאהר, אז ביז אין צוואנציגסטען יאהר, זיינען נאך אלץ פאראן מעהר מענער איידער פרויען. ערשט ביי אין נאך דער עלטער פון פופציג יאהר הויבט אן די צאהל פון די מענער צו פאלען.

און ניט נאר ווען רעכענען די פרויען מעהר אין צאהל, נאר זיינען אויך פיזיש שטארקער. פון פופציג יאהר און איז די פרוי יעניגער איידער דער מאן. און אין צייט ווען זיינע יאהרען הייבען זיך אן צו עקען, איז די פרוי נאך גענוג שטארק איהם איבערצולעבען.

ווען צו יעדען טויזענד פרויען זיינען פאראן — ביז אין עם עלטער פון ארום 50 — ערך 76 מענער מעהר, מיינט עס אז אין יענעם יאהר, ווען עס איז פארגעקומען די פאלקס צעהלונג זיינען געווען במעט דריי מיליאן מעהר מענער איידער פרויען.

די זעלבע פאלקס-צעהלונג אבער האט באוויזען אז נאך דער פופציגער עלטער זיינען פאראן א סך מעהר פרויען, איידער מענער.

פאר וואס איז דאס אזוי? פאר וואס זאלען די מענער אין יענע יאהרען (נאך אין ארום פופציג) לעבען ווייניגער, איידער די פרויען אין דער זעלבער עלטער?

דער דערמאנטער סטייטסער דאקטאר זאגט אז דאס קומט דערפון וואס די מענער רייכערען, טרינקען בראנפען און אנדערע אלקאהאל.

דער אלקאהאל און דער ניקאטין — זאגט דער דאקטאר — זיינען גיפט.

פאראן א סך וואס ווירקט באלד, ווי מען באנוצט זיך מיט איהם, ניקאטין און אלקאהאל זיינען ניט אזעלכע שארפע סמים, זיי ווירקען ניט באלד.

טאבאק און בראנפען פארעלטערען גיך דעם מאן, פארקירצען זיינע טעג און יאהרען. און אין דער עלטער פון פופציג ווערט ער שוין א „קאנדידאט" פאר'ן מלאך המות.

[illegible]

פון מאלידא'ער גאולה פאראד

(איינדריקע)

פון מאקס גאטהעלף

עס איז מיר פיעלע מאל אויסגעקומען ביווואהנען פערשיעדענע שמחות. איך האב אויך די שמחות באגעגנט פריידען מיט ליידען, פרעהליכען און הארציגען געלעכטער, און שמערצליכען טרויער. איך האב געזעהן ווי א כלה-מויד האט געקלאגט ווען זי האט זיך פון איהרע עלטערען געראפט צעשיידען און אוועק צו איהר געליעבטען וועלכער איז ביי איהר טייער ווי דאס לעבען...

איך האב באמערקט ווי א יונגע, מוטער פרוי האט א צעוועהטאגטער הארץ באגלייט איהר נייגעבארענעם זינד, ווען מ'האט איהם צו דער ברית גענומען; שמחות וועלכע ווענען איים-געמישט מיט צער און לייד. אבער דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען איז מיר אויסגעקומען בייצוואהנען א שמחה וואו ארץ און טרויער, האבען זייער פלאץ פאר פרייד און באגייסטערונג אפגעגעבען...

[illegible]

אין פרינטינג שאפ פון „וועג"

פון א קארטעל

ביז

א גרויסע צייטונג

פון א הענדביל

ביז

גרויסע בוך

ווערט געמאכט שנעל, גוט און צו מעסיגע פרייזען

Der Weg

די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אין מישיגאן סטייט
ערשיינט יעדען פריהמארגען אויסער שבת, דורך דער
וועג פאבלישינג קאמפאני, אינקארפארייטעד
אפיס: 247-49 הייסטינגס סטריט, דעטראיט, מיש. טעלעפאן: מעין 3715.

ווארום פרויען לעבען לענגער

פון ב. י. ג—ן

איצט קומט א נייע ערקלערונג ווארום פרויען לעבען לענגער איידער די מענער:

מיט א יאהר צוריק האט א סטייטסער דאקטאר באהאנדעלט דיזע פראגע שטיצענדיג זיך אויף דער לעצטער פאלקס צעהלונג, וועלכע איז פארגעקומען מיט א יאהר זיבען־און־צוואנציג צוריק אין די פאראייניגטע שטאאטען.

דער דאקטאר האט פאר זיך גענומען די ציפערען פון דער דאזיגער פאלקס צעהלונג, לויט וועלכע עס איז געווען קלאהר, אז אנטקעגען יעדע טויזענד מיידעל אונטער פינף יאהר, זיינען אין אמעריקא (די סטייטס) פאראן מיט 76 איינגלעך (טויזענד מיידעלעך אנטקעגען 1076 איינגלעך).

דאס וואלט געהייסען אז איינגלעך זיינען דא מעהר. עס וואלט אויך גע־הייסען אז דעם דאקטאר וועט עס ניט אזוי לייכט זיין, צו באווייזען פאר פרויען לע־בען מעהר, לענגער.

איז עס אבער א כלל אז דער קיצור ימים ביי די מענשען הויבט זיך גיט אן צו רעכנען פון דער קינדהייט. אדרבה לויט פעסט באשטעטיגטע ציפערען און באווייזע איז עס קלאהר. אז ביז אין די יאהרען פון ארום פופציג זיינען נאך אלץ פאראן מעהר מענער איידער פרויען: ערשט ביי און נאך דער עלטער פון פופציג יאהר הויבט אן די צאהל פון די מענער צו פאלען.

און ניט נאר וואס דעמאלט די פרויען מעהר אין צאהל, נאר זיינען אויך פיזיש שטארקער. פון פופציג יאהר און אין די פרוי יונגער איידער דער מאן. און אין צייט ווען זיינע יאהרען הויבען זיך אן צו עקען, איז די פרוי נאך גענוג שטארק איהם איבערצולעבען.

ווען צו יעדען טויזענד פרויען זיינען פאראן — ביז אין עם עלטער פון איבער 50 — ערך 76 מענער מעהר, מיינט עס אז אין יענעם יאהר, ווען עס איז פארגעקומען די פאלקס צעהלונג זיינען געווען כמעט דריי מיליאן מעהר מענער איידער פרויען.

די זעלבע פאלקס־צעהלונג אבער האט באוויזען אז נאך דער פופציגער על־טער זיינען פאראן א סך מעהר פרויען, איידער מענער.

פאר וואס זשע איז דאס אזוי? פאר וואס זאלען די מענער אין יענע יאה־רען (נאך אן ארום פופציג) לעבען ווייניגער, איידער די פרויען אין דער זעלבער עלטער?

דער דערמאהנטער סטייטסער דאקטאר זאגט אז דאס קומט דערפון וואס די מענער רייכערן, טרינקען בראנפען און אנדערע אלקאהאל.

דער אלקאהאל און דער ניקאטין — זאגט דער דאקטאר — זיינען גיפט.

פאראן א סם וואס ווירקט באלד, ווי מען באנוצט זיך מיט איהם. ניקאטין און אלקאהאל זיינען ניט אזעלכע שארפע סמים. זיי ווירקען ניט באלד.

טאבאק און בראנפען פארגיפטען ניך דעם מאן, פארקירצען זיינע טעג און יאהרען און אין דער עלטער פון פופציג ווערט ער שוין א „קאנדידאט" פאר'ן מלאך המות.

נאך ערגער איז עס מיט די וואס רויכערן סיגארעטען.

אין דעם סיגארעט זיינען פאראן צוויי־ערליי סמים: 1) דער ניקאטין פון'ם טאבאק און 2) דער פיגעדין פון דעם פאפיראס פאפיר. לויט זיין מיינונג קומט אויס אז א ציגאר, אדער א ליולקע איז בעסער איידער סיגארעטען.

דער סיגארעט שאדעט ביסלעכווייז, פריהער האט ער א ווירקונג אויף דעם מאגען און נאכדעם גראבט ער אונטער דאס געזונט.

קומט מען צו א יונגענמאן און מען זאגט איהם אז ניקאטין איז א סם המות און אויב ער וויל ניט האבען קיין קיצור ימים. זאל ער דאס אוועקווארפען. לאכט ער זיך אויס פון דעם בעל עצה: ער זעהט דאך יונגע לייט זיינס גלייכען וואס רוי־כערן אפשר מעהר פון איהם און פינגערשטוועגען זיינען זיי געזונד און שטארק און עס זעהט זיך ניט אז זיי זיינען פאר'סם'ט און אז זיי זיינען נוטה למות'דיג.

דיזער יונגערמאן כאפט זיך ערשט אין די שפעטערע יאהרען.

מיט דער געוועהנהייט צום רויכערן, מערט זיך און פארשטארקט זיך די ווירקונג פון'ם סם.

דאס זעלבע איז אויך מיט די אלקאהאליקער.

דער אלקאהאל איז שוין א שארפערער סם. ער ווירקט שוין שטארקער, אבער איז ניט מאמענטאל.

די פרויען — ער כל פנים די מעהרהייט פון זיי — נוצען ניט קיין טאבאק און ניט קיין אלקאהאל, און דאס איז די אורזאכע וואריום זיי לעבען אריבער די מענער.

דאנענען אבער זיינען די פרויען, וואס נוצען יא דיזע צוויי־ערליי סמי המות, שוואכער אריבערצוטראגען זייער ווירקונג און איהרע יאהרען זיינען נאך קירצער איידער דעם מאנ'ס.

ווארום בטבע זיינען דאך די פרויען שוואכער און געזונד. דאס שוואנגער־שאפט און די געבורט פון האבען א גרויסע ווירקונג אויף דער פרוי'ס געזונד.

דער מאן קען גיכער בייסטעהן דעם קאמף מיט דעם סם פון אלקאהאל, אדער פון ניקאטין. די פרוי איז פיעל שוואכער דעם קאמף אנצופיהרען, דערפאר ווערט איהר געזונד גיכער אונטערגעגראבען.

פרויען וואס רויכערן, אדער טרינקען לעבען דארום א סך ווייניגער איי־דער דער מאן וואס נוצט זיך אויך מיט די זעלבע גיפטען.

פאראן געגענדען און לענדער וואו די פרוי און דער מאן נוצען ניט קיין אלקאהאל און ניט קיין ניקאטין — דארטען לעבט טאקע ניט די פרוי לענגער פון'ם מאן. אין אזעלכע געגענדען זיינען טאקע פאראן מעהר אלמנ'ס, איידער אלמנות, פון דער עלטער פון זיבעציג יאהר זייען די מענער דארטען פיעל שטארקער איי־דער די פרויען.

און ניט נאר ביי אזא טיפער עלטער ווי זיבעציג יאהר, נאר אפילו פופ־ציג יעהריגע מענער זיינען א סך שטארקער איידער די פרויען און לעבען זיי אריבער.

זאל מען דא אפשאפען דעם ניקאטין און דעם אלקאהאל און מען וועט אפגלויבט רעמאלט מיט זיכערהייט קענען ערווארטען אז די צאהל עלטערע מענער זאל זיין א סך גרעסער, איידער זי איז איצטער און איידער זי איז געווען ביז איצט.

פון טאליד'א'ער גאולה פאראד

(איינדריקע)

פון מאקס גאטהעלף

עס איז מיר פילע מאל אויסגעקו־מען בייצוואוהנען פעשיעדענע שמחות. איך האב אויף די שמחות באגעגנט פריידען מיט ליידען, פרעהליכען און הארציגען געלעכטער. און שמערצליכען טרויער. איך האב געזעהן ווי א כלה־מויד האט געקלאגט ווען זי האט זיך פון איהרע עלטערן געראפט צעשיידען און אוועק צו איהר געליעבטען וועלכער איז ביי איהר טייער ווי דאס לעבען...

איך האב באמערקט ווי א יונגע, מו־טער פרוי האט מיט א צעוועהמאגטער הארץ באגלייט איהר נייגעבארענעם זינד, ווען מ'האט איהם צו דער ברית גענומען: שמחות געלכע וענגען אים געמישט מיט צער און לייד. אבער דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען איז מיר אויסגעקומען בייצוואוהנען א שמחה וואו זארג און טרויער, האבען זייער פלאץ, פאר פרייד און באגייסטערונג אפגעגע־בען...

דאס אידישע פאלק, זייענדיג אין גלות בבל, האט מען זיי אויפגעפאדערט, זיי זאלען זינגען עפעס א ליעד, וואס זאל עראינערען דאס הייליגע לאנד ציון, און געענטפערט האבען זיי דעמאלס — איך נשיר את שיר ד' על אדמת נכר — ווי זאגען מיר זינגען א גייסטיגעס ליעד ווען מיר געפינען זיך אויף א פרעמדער ערד?...

בעאבאכטענדיג די גאולה פייערונג אין טאלידא, האט זיך מיר אויסגעדאכט ווי דער „איך נשיר" שוועבט צווישען די מאסען און קאן זיך קיין פלאץ געפי־נען... כ'האב זיך באין אופן ניט גע־קענט קאנטראלירען פון צו ווערען באַ־גייסטערט. מענער, פרויען, אלטע, יונג, ווידעס, באבעס מיט אייניקלעך, אלע זע־נען געקומען און האבען אנגעפילט די פרעכטיגע גרויסע בני ישראל שוהל. זיי זענען געקומען זיך משמח זיין איז זייער אייגענער שמחה געפינענדיג זיך אויף „פרעמדער" ערד... העריגען ווי זייערע פריינד און פארוואנדטע, ליי־דען נאך גרויסע יסורים פון גלות ענדע, און אנטיסעמיטישע פארפאלגונגען, איך יענער זייט ים. די הערצער, וועלכע זע־נען נאך פול מיט וועהטאג און מיט כמעט אונהיילבארע וואונדען, האבען זיך אין דיזען גייסטיגען אוזנה, פארוואנ־דעלט אין א קוואל פון פרייד און נאהע־טע גליקליכע צוקונפט האפנונג...

איך האב באמערקט ווי א „אלטעטש־קע" אין ימים איהר „אלטען" געזעסען, די טרויעריגע פנים'ער מיט די האלב־אויסגעלאשענע אויגען זייערע האבען איינגעשטראהלט מיט איין מאל. ווען זיי האבען זייערע צוויי אייניקלעך צווישען די פילע קינדערלעך דערזעהן, ווי יונגע העלדען, האבען זיי זיך פון זייער „סיט" אויפגעשטעלט. ווען די קינדער האבען אלע אין כאר „התקוה" געזונגען, יע, געזונגען א ציון ליעד, אויף „פרעמדע" ערד. אפנים דער „איך נשיר" געפינט שוין מעהר קיין פלאץ פאר זיך צווישען דאס אידישע פאלק...

איך האב באמערקט ווי יעדער איינצער פון די אנוועזענדע האבען זיך געפיהלט, ווי זיי אליין געפינען זיך שוין דארטען וואו זייערע עלטערע ווידעס האבען גע־טרוימט און געהאפט צו דערלעבען. און וואס פאר א פעסימיסט איינער זאל ניט זיין, האט ער געמוזט צוגעבען, אז דער ווילען און קראפט פון דעם אידען איז צו האבען אן אייגענע היים און אן אייגען לאנד וואו ער וועט זיך קאנען פיהלען באשיצט אונטער די פליגעל פון זיין מוטער ציון.

קאָנטריבוציעס

פון די געלדער וואס זיינען קאלעקטירט געווארען פאר'ן

נאיוואגראד וואהלינער רעליעף אין דעטראיט

קאלעקטירט דורך מרס. פייוועל און מרס. האלפערשטיין

רושענערער קאלעקשאן	57.50
ראבינאוויטש קאהן	5.00
מאן עהרליך	7.50
ליבערמאן	5.00
ה. בעראס	5.00
ב. מעטציק	3.00
מ. בוכהאלטער	3.00
זאנגאס פארמארינא	3.00
ה. נוז	2.00
ש. ראטנער	1.00
ב. ראטנער	1.00
. ראטנער	1.00
קאהן	1.00
אפעלבוים	1.00
י. ברעסלא	1.00
א. נוז	1.00
ל. קאהן	1.00
ת. גורוויץ	1.00

קאלעקטירט דורך מרס. פיוועל און מרס. מילענסקי

האפענבערג	5.00
ב. ראזינסקי	5.00
הייזעלמאן קא.	5.00
גאלדמאן בראס.	5.00
גאלדבערג	5.00
רוש. שוהסטער	3.00
הערמאן פופקא	3.00
סטענדארד פיש קא.	3.00
שקאלניג גינעסין	3.00
אידיעל שוה סטאר	3.00
שאפירא	3.00
וועסטערן טאקינג מאשין קא.	3.00
גרינבערגס דעשילערי	3.00
ב. סעלצער	2.00
י. מיילין זוהן	2.00
מרס. בוינק	1.00
גארמאן	1.00
קאהן	1.00
מר. רישקין	3.00
ראזענבערג	1.00
פריעדענבערג	2.00
בראון דעליקאטעסען	2.00
האפענבערג	2.00
פיינגאן בראס.	10.00
ליבערטי באטלינג	5.00
רושענערער קאלעקשאן	46.75

קאלעקטירט דורך מרס. פייוועל און מרס. סייטאן

רושענערער קאלעקשאן	50.75
וועסט סייד באטלינג	5.00
קיידענס	5.00
ה. קאפלאן	5.00
תארעס	5.00
מארעסאן און שעמצער	5.00
קאזלאוו	3.00
ווילסאן	2.00
א. לעמבערג	1.00
ווייצמאן	1.00
ל. הארוויץ	1.00
ב. עטקינס	1.00
ס. מילקוס	1.50
י. רושי	1:00

ציוניסטישע קיך פאר קינדער אין ביאלא

די ציוניסטישע ארגאניזאציע פון ביאלא האט אין יענער שטאדט ערע־פענט אן אלגעמיינע קינדער קיך אין וועלכער עס עסען איבער 800 קינדער פון פערשידענע שולען און תלמוד תורה'ס.

טעארעטישע קורסען אין פאר־מערייי פאר חלוצים אין לעמבערג

די „החלוץ" ארגאניזאציע אין לעמבערג האט אין יענער שטאדט געגרינדעט טע־ארעטישע קורסען אין פארמעריי. צו די קורסען ווערען אנגענומען יונגע לייט אין עלטער פון 18 יאהר וועלכע זענען גרייט ווי זיי וועלען ענדיגען זייער קורס, צו פאהרען נאך ארץ ישראל אלס ערד ארבייטער.

העברעאישער צוויי־וואכען שריפט „העבודה" אין ווין

אין ווין האט לעצטענס אנגעהויבען צו ערשיינען א צוויי וואכיגער העברע־אישער זשורנאל מיטן נאמען „העבודה" וועלכע גיט אפ א גרויסען טייל דער אר־בייטס פראגע אין ארץ ישראל.

דער ערשטער שנאָרער קאָנצערט

נאבדעם ווי דער ערשטער רעדנער האט אפגעזאגט זיינע עטליכע „הארצי־גע ווערטער", וואס זיינען אפילו קאפ־מעסיג אויך ניט געווען, איז ארויף א הויכע שלאנקע מיידעל מיט בלאנדע האר און בלויע אויגען און א ליעבען שמייכעל. אויף די ליפען, וואס זאגט איך אז „ערנסט" זיינט קיינמאל ניט צו זיין און איך בין דאס ניט, ניט נאר פאר אייך, נאר אפילו פאר מיר אליין אויך ניט"... און האט זיך גענומען זינגען ליעדער, וואס דער ליעבער גאט ווייס וועמען זיי קענען צופריעדענשטעל־לען. נאר אז דער זינגערין אליין זייגען זיי שטארק געפעלען האט מען געקענט דערינגען דערפון, וואס געפינענדיג זיך אויף די טרעפ פון דעם זעקסטשטי־גיגען פלאטפארם, האט זי שוין געשוויי־כעלט מיט דעם שטענדיגען שמייכעל וואס רוהט אויף איהר געזיכט סיי אין א זון און סיי אין א רעגען... יע, מיר באשולדיגען איהר ניט. אבער די מענ־שען וואס האבען האס צוזייפגעשטעלט וואטל מען יע געקענט באשולדיגען. זיינען זיי אבער שנארער און מיט שנאר דער ווילט זיך קיין נעשעפט ניט פאר־פיהרען...

נאך אט דער זינגערין האט זיך גאר ניט געלוסט. מען האט זיך געפיהלט אפגענארט. ניט פאר'ן געלד, נאר פאר דעם וואס די אוועקמען ניט מען אוועק צו אזעלכע וואס קענען און ווילען

ערנסט ניט זיין... און ארייגקוקנדיג אין פראגראם, אז באלד נאך דעם קומט א פארלעזונג... איז נאך מעהר טרויעריג געווארען אויף דער נשמה.

דער אויבערשטער האט געהאלפען. דער פארלעזער האט, ווייזט אויס, דער־זעהן גלייך פון אנהויב אז זיין טאלאנט האט געהאט א שווערע ווירקונג און ער האט דאס געמאכט אזוי שנעל ווי מעגליך. פארט איין אייגענער... א שנארער...

דא האט זיך דער וועטער געטומען בייטען. און זאל איז געווארען שטילער. די ליפען געריכטער, ווי פאר א רעגען. די ציטיזער האבען איינגעהאלטען די אטעמס. און אויף דער פלאטפארמע האט זיך ווי פון א נעבעל ארויסגע־וויזען א פרויען געשטאלט אין א זיל־בערוויסע קלייד מיט ראזע בלומען אין דער גידער פון איהר ברוסט. און איין האנד א פידעל און אין דער צווייטער א בויגען מיט דימענט שטיינער. איהר לייכטער טיאט, איהרע טרוימעדישע האלב־פארמאכטע אויגען לאזען האבען עפעס ווי גענומען פארזוינען און פרייד־ליכער וויסער רוה... און נאך איידער איך לייכטער ארעם האט באריהרט די ציטעריגע סטרונעס פון דעם פידעל, האבען זיך שוין די קלאנגען צוטראגען און אלע הערצער און האבען דארט גענצען פארשפרייט... די פראגראם, צו־גויפגעשטעלט פון דער שפילערין אליין, איז געווען אזא, וואס ווערט אפט גע־שפילט אין די „מעטראפאליטענס" און די „היפאדראמס" פון ניו יארק. דאס שפיעלען איז אפשר טעכניש ניט אזוי איינגעהאלטען ווי פון חפץ און עלמאן, איז אבער ערטערווייז אזוי שעהן געווען אז מען וואלט געקענט פארגעסען אז דאס שפיעלט לים איינער פון זיי. און נשמה — דאס באזיצט מיל דיווינאַ, שמעטערסטען נשמה אין די אויגען, נשמה אין אלע איהרע אברים און מיט די אלע ציטערען פון איהר נשמה שפיעלט זי אריין אין איהר פידעל. א שעהנע קאנצערטיסטין, געבענשט זאלען זיין איהרע צארטע פינגער.

א באזוכער.

האנדעלס מעגליכקייטען אין פאלעסטינא

דער פאלעסטינער האנדעלס מארק איז הערווייל, יעקר באגרענעצט און דער גאנצער אימפארט און עקספארט געהט נאך אין זייער גרויסע האנדעלס פיר־מעס פון די שכנות'דיגע לענדער, — דאך ווען דאס לאנד וועט זיך קאמער־ציעל ענטוויקלען, — און דאס לאנד איז זעהרפא הייג לערצו — וועלען זיך אמעריקאנישע ביזנעס לייט מוזען פאר־אינטערעסירען מיט איהר.

די הויפט סחורות, וואס אמעריקא קאן צושטעלען פאר פאלעסטינא, אנגע פונאל־גענדע:

אגריקולטורעלע מאשינעס, פארשידענע בוי מאטעריאלען ווי, געהילץ, צעמענט, אייזערנע שטאנגען און אייזערנע באל־קענס, פארבען און א. וו. קויהלען, הארד־ווער, געצייג פאר בעלי מלאכות, אייזער־נע בעטען, אטאמאבילען און טראקס, וועגענער. פארשיידענע סארטען לעדער, ווי אויך שיך, זייגער, ליכט, מארגארין, פאראפין, געקענטע שפייזען, דראגס און פעטענט מעדיסינס, ארעקליי באוועל־סחורות, זיינערס, אלערהאנט פאפיער, דרוק און שרייב פאפיער, טייפרייטערס און אפיס פורניטשור, האקאי אי, פעטס און איל און צו אויסשמירען מא־שינעס, אייל, מעהל, צוקער, קאפע, רייז און אנדערע קאלאניאל סחורות.

ביז אהער זענען די שטייפע און טרענגע אמעריקאנישע ביזנעס מע־טאדען ניט געווען פארשפרייט אין פא־לעסטינא און איך ניט באליעבט, ווייל אייראפעאישע פירמעס פלעגען ווי פאר־קויפען סחורות און געבען קרעדיטען אויף לאנגע טערמינען. דאס וואס אמע־ריקא איז אזוי ווייט פון פאלעסטינא, און קיין דירעקטע שיפס פארבינדונגען זענען ניטא — דאס אלין האט גע־שפיעלט א געוויסע ראלע. באלד דער פאלעסטינער האנדעל וועט זיין גאנץ קליין און אנהייב דאך דארפען אמערי־קאנער ביזנעס לייט זיך ניט ברעקלען אפילו אין דער ערשטער צייט מיט איהם אגיט וועט דער האנדעל בלייבען און אנדערע הענט, אויך דאן, ווען ער וועט זיך שוין האבען ענטוויקעלט און אויס־געוואקסען אין א גרויסער מאס.

די אידען פון מישיגען שוועניז ביישטייערן פאר די קינדער־היימען און קינדער־שולען אין די מלחמה לענדער

א קאמיטע פון דער וויפעלס רעליעף האבען זיך געווענדעט צו די אידען פון מישיגען שוועניז שוהל, אז זיי זאלען אויך ביישטייערן פאר דעם פאנד וואס ווערט דא געשאפען פאר קינדערהיימען און קינדער־שולען אין די חרוב געווא־רע לענדער.

ביים אפיעל, וואס איז געמאכט גע־ווארען פון מר. י. פינקעלשטיין, דעם צווייטען טאג שבועות, אין „אהל משה" שוהל, פון מישיגען שוועניז, עקלעהרענ־דיג אין אייניגע קורצע אבער ווארימע ווערטער די נויטווענדיגקייט און די וויכטיגקייט פון אזא פאנד און ווי נוי־טיג עס איז אויפצוהאלטען דעם יונ־גען אידישען דור פון אונטערגאנג, האט זיך דער עולם זעהר ווארים אפגערופען און עס איז ביינעשטייערט געווארען מיט דער מאנצער ברייטער האנד. און צווישען די ביישטייערונגען האבען זיך געפונען א גאנץ באדייטענדע צאהל 50 און 25 דאלארדיגע.

פארשטענדליך, אז עס איז אנמעגליך אנצוגעבען די גענויע סומע, וויפיעל עס איז געזאמעלט געווארען, ווייל צוליעב יום־טוב איז עס אנמעגליך געווען צו פארשרייבען. אבער מיר דענקען, אז עס איז געזאמעלט געווארען אן ערך פון 1000 דאלאר.

מר. פארבער, מר. פישער און א קאמיטע פון דער וויפעלס רעליעף וועלען דיזען פרייטאג ארייסגעהן צווישען די מנדבים און זאמלען די צוגעזאגטע ביי־שטייערונגען. ווי איך וועלען שוין בא־זוכט ווערען די יעניגע וועלכע האבען זיך צופעליג ניט געפונען אין שוהל.

מיר ווילען האפען, אז די קאמיטע וועט איבעראל פריינדליך אויפגענומען ווערען און יעדער איינער וועט זיי ציטראגען זיין ביישטייערונג.

דער טויט פון קהארענס י. דע סאלא איז א גרויסער פארלוסט פאר דער גרי־סער באוועגונג. וואס באטש איהר ציעל איז שוין ערלייכט, שטעהט אוהר נאך פאר א סך ארבייט פאר דער צוזייטיגע פון לאנד פאר'ן אידישען פאלק.

די ידיעה וועגען דעם טויט פון דעם מיטינגען טוער וועט איטעטים, וואו נאַ־ציאנאלע אידען געפינען זיך, באגלייטעט ווערען מיט גרוים טרויער.

אזוי גיך ווי מענשען קרינען ארויין פון אויבען די גרויסע קרעדיטען, ער־קלערען זיי זיך דא אונטען באנקראט.

* * *

די רייכע זיינען שולדיג די ארימע פיעל מעהר ווי די לעצטע מאהנען עס פון זיי.

* * *

אין פרינטינג שאפ פון „וועג"

פון א קארטעל
ביז
א גרויסע צייטונג
פון א הענדביל
ביז
גרויסע בוך

ווערט געמאכט שנעל, גוט און צו מעסיגע פרייזען